STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05443

OYF DI FELDER FUN NEGEV

Uri Avnery

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אורי אבנרי / אויף די פעלדער פון נגב

(מלחמה־טאָגבוך)

א ו ר י א ב נ ר י

אויף די פעלדער פון נגב

מלחמה־טאָגבוך

ייִדיש: ש. שנהוד

פאַרלאַג „הוצאת פועלים"
1951

פון 15־טן יוני 1949 ביזן 1־טן יולי 1950 איז דאָס בוך דערשינען אין עברית אין 6 אויפלאַגעס.

„אויף די פעלדער פון נגב" איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין יידיש אין דער צייטונג „נייוועלט", פון 1־טן סעפטעמבער 1949 ביזן 24־טן מאַי 1950 — אין פאָרטזעצונגען.

אַלע רעכט פאַרזיכערט
All rigths Reserved
פאַרלאַג „הוצאת פועלים".
דפוס „ל י ג אַ", תל־אביב
1 9 5 1

ערשטער קאַפּיטל

פאר דער שלאכט

29־טער נאָוועמבער 1947: איינצלנע מינוטן פאַר מיטנאַכט.

קיינער שלאָפט נישט. גאַנץ ארץ־ישראל זיצט ביים ראַדיאָ און פון די עטער־כוואַליעס דערגייט צו זייערע אויערן די ידיעה: די אַסאַמבליי פון אונ״אָ האָט באַשלאָסן צו באַשטעטיקן דאָס אויפשטעלן אַ יידישע מדינה אין אַ טייל פון ארץ־ישראל.

ווי אַ מעכטיקער שטורעם ברעכט אויס די שמחה פינעם האַרץ פון יישוב. די יוגנט שטראָמט אַרויס אין די גאַסן, זאַמלט זיך, הוליעט. עס שאַפן זיך דעמאָנסטראַציעס פון מאַסן־התלהבות. וואָס אַזעלכע האָט מען נאָך אין לאַנד נישט געזען. מאַסן מענטשן פּרעסן זיך צוזאַמען, קאָפּ צו קאָפּ, און זינגען. אויף די צענטראַלע פּלעצער דרייען זיך די האָראַ־רעדלעך. יינגלעך און מיידלעך, וואָס קענען נישט איינער דעם צווייטן, האַלדזן זיך און צעקושן זיך.

די פרייד פאַרשווענקט יעדן ווידערשטאַנד. מחיצות איז העמונגען פאַלן. אין ים פון פענער און אין דער פאַרשיכורטקייט פון התלהבות פייערט דאָס יינגע ארץ־ישראל די גרויסע ידיעה, וואָס האָט אַ סוף געמאַכט צו דער אומבאַשטימטקייט.

אין משך פון די לעצטע חדשים האָט זיך דאָס לאַנד געגומען אַראָפּקייקלען אין אַ תהום מיט אַ שנעלקייט, וואָס איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. קיין שום געאָרדנטע מאַכט איז נישט געווען. דער תוהו־ובוהו האָט געוועלטיקט איבער אַלץ.

אין 29־טן נאָוועמבער 1947, געגנוי צוויי חדשים פאַר דעם באַשלוס, האָט דזשאַמאַל חוסייני דערקלערט קלאָר און אומצווייטייטיק, אַז די אַראַבער וועלן קעמפן מיט געווער אין האַנט, כדי צו פאַר־וואַנדלען דאָס לאַנד אין אַן אַראַבישע מדינה. אין דעם זעלבן טאָג האָבן די אצ״ל־ליט געשפּרענגט דעם חיפהער פּאָליציי־בנין און האָבן בעהרגעט צען ענגלענדער. די רעגירונגען פון סיריע און לבנון האָבן

אָנגעהויבן קאָנצענטרירן זייערע רעגולערע אַרמייען האַרט ביי דער גרענעץ.

דעם 12־טן נאָוועמבער האָבן בריטישע פּאָליציאַנטן דערמאָרדעט פיר ייִנגעלייט, אָנגעהעריקע צו לח״י. צומאָרגנס האָבן די לח״י־לייט געהרגעט אַכט ענגלענדער אין פאַרשידענע פּונקטן פון לאַנד. דריי טעג נאָך דעם האָט די הגנה־שיף „עליה״ דורכגעריסן די בלאָקאַדע פון דעם בריטישן פלאָט און אַרונטערגעלאָזט די מעפּילים ביים ברעג פון נהריה. דעם 19־טן נאָוועמבער זענען אויפגעשטעלט געוואָרן צוויי ניַיע פּונקטן אין נגב. דעם 21־טן נאָוועמבער זענען פאַרוואונדעט געוואָרן צען ייִדן בעת אַן אַראַבישן אָנגריף אויף אַן אויטאָבוס אויפן וועג פון חולון קיין תל־אביב.

אין לאַנד האָבן זיך פאַרמאָסטן דריי כוחות און געקעמפט איינער מיטן אַנדערן. אַ בריטישע רעגירונג, אָן אַ וועלכע ס'איז מאָראַלישע רעכט, איז געזעסן אויף אירע צענדליקער טויזנטער באַגנעטן ווי אויף סקאָרפּיאָנען. זי האָט געפּרוווט האַמעווען דעם שטראָם פון די מעפּילים, וועלכע זענען אָנגעקומען צו די ברעגעס פון לאַנד פון וואָך צו וואָך. דאָס פאַרטרייבן די „יציאת אייראָפּה״־מעפּילים האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע וועלט און האָט געשטאַרקט די הענט פון די אומבאַקאַנטע יונגעלייט, די שליחים פון דער הגנה, וועלכע האָבן אויפגעשטעלט אין אייראָפּע און אין די אַראַבישע לענדער אַ פאַרצווייגטן אונטערערדישן אַפּאַראַט אויף אַדורכצוברעכן די בלאָקאַדע. אין דער זעלבער צייט האָבן קליינע אָרגאַניזאַציעס פון די אָפּטריניקע דערלאַנגט קלעפּ דער בריטישער הערשאַפט דורך הריגות און דיווערסיע, און דער צויבער־קרייז פון טעראָר און קעגנטעראָר האָט אונטערגעגראָבן די יסודות פון דעם נאָרמאַלן לעבן.

אויף יענער זייט גרענעץ האָבן זיך אין דער צייט באַגעגנט האַדזש אַמין אַל חוסייני און די פירער פון די אַראַבישע לענדער און האָבן אויף געהיימע זיצונגען באַשלאָסן צו פאַרניכטן מיטן כוח פון געווער איינמאָל און אויף שטענדיק די „ציוניסטישע סכנה״.

*

אין מיטן פון דער דאָזיקער אַטמאָספער, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם זיך דערנענטערנדיקן קריזיס, איז אַריינגעפאַלן דער באַשלוס פון אונ״אָ ווי דער ערשטער דונער, וואָס זאָגט־אָן דעם שטורעם נאָך

דערשטיקנדיקע האמסין־טעג. אינסטינקטיוו האָט יעדער דערפילט: דער אורטייל איז געפאַלן. געקומען איז דער סוף צו דער אומזיכערקייט און צו דער אומבאַשטימטקייט.

דער געניאַלסטער רעזשיסער וואָלט נישט מסוגל געווען צו רעזשיסירן דאָס ספּאָנטאַנישע פרייד־געזאַנג, וואָס האָט צו יענער צייט אַרויסגעשפּאַרט פון האַרץ פון דער יידישער יוגנט. די דאָזיקע יוגנט האָט זיך נישט געפרייט איבער דער צעטיילונג, וואָס האָט צעריסן איר לאַנד אויף שטיקער. זי האָט זיך אויך נישט אַזוי געפרייט אַנטקעגן דעם געראַנגל. די שמחה אירע איז געווען דער אויסדרוק צו דעם באַפרייענדיקן געפיל, אַז אָט זענען געפאַלן די מויערן פון געטאָ, אַז אָט איז זי אַרויס אויף דער ברייט, אַז אָט איז געעפנט געוואָרן פאַר איר נייע האָריזאָנטן פאַר טאַט און פאַר שאַפונג.

אָבער עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אין דער דאָזיקער נאַכט אַרומגעדרייט שווייגנדיקע, מיט פאַרכמורעטע פנימער, האָבן זיך צוגעקוקט צו דער הוליענדיקער פרייד, וואָס אַרום זיי, און נישט אָנטייל גענומען אין איר. זיי האָבן געזען ווי עס הוליעט די יוגנט און האָבן געפרעגט זיך: ווער פון זיי וועט נאָך לעבן אין אַ יאָר אַרום? ווייל זיי האָבן גוט געוואוסט: זיין וועט זאָס אַן אַנטשיידנדיקער קאַמף, אַ ביטערע בלוטיקע מלחמה, אין וועלכע עס וועט זיך אַנטשיידן דער געראַנגל צווישן יידן און אַראַבער, וואָס איז רייף געוואָרן אין משך פון דרייסיק יאָר, זינט דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

*

30־טער נאָוועמבער 1947. די התלהבות־דעמאָנסטראַציעס גייען אָן. יינגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן נישט צוגעמאַכט קיין אויג ביינאַכט, זעצן־פאָר דאָס זינגען און דאָס טאַנצן.

און פלוצים ווערט איינגעשטילט די פרייד אויף א רגע. קולות פון שיסעריי הילכן איבערן לאַנד. אַ יידישער אויטאָבוס איז באַפאַלן געוואָרן אויפן וועג פון נתניה קיין ירושלים. פיר טויטע קערפּערס ליגן אויפן שאָסיי. די מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען.

פון אַלע עקן לאַנד שטראָמט די אַראַבישע יוגנט צו די קעמפנדיקע באַנדעס. פון סיריע, פון מצרים, פון עיראַק און פון עבר־הירדן שטראָמען אין לאַנד אַריין פרייוויליקע גרופן און געווער.

דער ערשטער אַנגריף איז געמאַכט געוואָרן אויפן שוואַכסטן פּונקט פונעם יישוב — אויף די לעבנס-אָדערן פון דער ייִדישער קאָמוניקאַציע. די שאָסייען קיין ירושלים און צום נגב ווערן פאַרשטעלט מיט כסדר זיך איבערחזרנדיקע אַנגריפן פון גרופּן אַראַבישע קעמפּפערס. די וואַסער-רער פון נגב איז געשפּרענגט געוואָרן, און נאָכן פאַרריכטן איז זי ווידער באַשעדיקט געוואָרן. דעם 2־טן דעצעמבער האָט אַן אַראַבישער המון אין ירושלים זיך אַריינגעריסן אין האַנדלס־צענטער, דערמאָרדעט פינף ייִדן, פאַרטריבן די ייִדן פון די גרענעץ־קוואַרטאַלן. אין דער צייט ווערן געמאַכט די ערשטע אַנגריפן אויף די פאַרשטעט פון תל-אביב און אויף די קוואַרטאַלן, וואָס ביי די גרענעצן פון יפו. די שאָסייען זענען פאַרשטעלט געוואָרן. די שטעט — באַלאַגערט.

דער דריטער צד, אויך ער איז טעטיק. די ענגלענדער, וואָס האָבן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, כדי צו דערמעגלעכן די אַראַבער צו ליקווידירן דעם יישוב, קווענקלען זיך נישט צו פאַרלייכטערן זיי די מלאכה. אונטער זייער שוץ דרינגט דער אַראַבישער לעגיאָן אַריין אין הארץ פון לאַנד. דעם 14־טן דעצעמבער פאַלן ביים לעגיאָנס לאַגער אין בית־נבאללה 14 הגנה־לייט, וואָס באַגלייטן אַ טראַנספּאָרט קיין בן־שמן. דעם 22־טן פעברואַר רייסן אויף בריטישע טעראָריסטן דעם צענטער פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין ירושלים, אויף בן־יהודה גאַס. דעם 28־טן פעברואַר אַנטוואָפענען ענגלענדער אַכט הגנה־מענטשן, וועלכע האָבן פאַרזיכערט דעם וועג פון תל־אביב קיין חולון ביי דער פאַבריק „היוצק" און גיבן זיי איבער מאַכטלאָזע אין די הענט פון די אַראַבישע רוצחים. דער יישוב, וועלכער מוז זיך באַשיצן, קען נישט טראָגן פריי זיין געווער.

*

און דער יישוב איז אויך נישט גרייט צו דער דאָזיקער מלחמה.

די ציוניסטישע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געשטויסן במשך יאָרן צו דער צעטיילונג, האָבן נישט געגלויבט, אַז די אַראַבער וועלן אויספירן זייערע דראָונגען און וועלן אַרויסגיין אין אַ מלחמה. זיי זענען זיכער געווען, אַז די ציוויליזירטע וועלט, אין געשטאַלט פון אונ"אָ, וועט קומען זיי צו הילף און וועט אָנוואָרפן די צעטיילונג פונעם לאַנד מיטן כוח פון וואָפן.

די לעגענדעס וועגן ריזיקע געווער־סקלאַדן, וואָס ליגן באַהאַלטן ערגעץ־דאָרט אין שויס פון דער ערד, זענען צעקרישלט געוואָרן גאָר שנעל אָן דער מויער פון דער ווירקלעכקייט. אַזוי אויך איז צערונען געוואָרן די לעגענדע וועגן אַכציק־טויזנט אויסגעשולטע זעלנער, וועלכע וועלן אויפשטיין צום באַפעל פון די אינסטיטוציעס און וועלן אַרויס אין קאַמף באַוואָפנטע מיט זייער געווער און אָר־גאַניזירטע אין זייערע איינהייטן.

פאַר זייער פאַרשלאָגן דעם פּלאַן וועגן צעטיילן ארץ־ישראל, האָבן זיך באַגעגנט די מיטגלידער פון דער אונ״אָ־קאָמיסיע מיט די אָנפירער פון דער הגנה אויף אַ געהיימער באַגעגעניש. די הגנה איז געפרעגט געוואָרן, צי דער יישוב איז גרייט זיך צו שיצן מיט זיינע אייגענע כוחות, אויב ער וועט אָנגעגריפן ווערן דורך די אַראַ־בישע מדינות? ישראל גלילי האָט געענטפערט אין נאָמען פון דער הגנה, אַז דער יישוב וועט צונישט מאַכן דעם אָנגריף, אויב ער וועט באַקומען דעם געהעריקן שווערן וואָפן פון אונ״אָ.

אויך די האָפענונג איז שנעל צערונען געוואָרן. די בריטישע בלאָקאַדע האָט געשטערט צו ברענגען דאָס געווער און אונ״אָ האָט באַרבאָטן זיינע מיטגלידער צוצושטעלן געווער די קעמפנדיקע צדדים. דער יישוב איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַן אכזריות־דיקע ברירה — צו זיגן אין דער דאָזיקער מלחמה בלויז מיט זיינע אייגענע כוחות אָדער אויפהערן צו זיין. מער ווי לייכט געווער האָט ער נישט געהאַט, און אויך דאָס אין זייער קליינע צאָלן. צו זיין רשות זענען געשטאַנען בלויז קליינע אָפּטיילונגען פון פלמ״ח־סאָלדאַטן, חי״ש און חי״ם. זיין פיזישע עקזיסטענץ האָט געהאַנגען אויף אַ האָר.

די תקופה פון פּאָליטישע דערקלערונגען איז פאַרביי. גע־ענדיקט דער סדר פון דיפּלאָמאַטישן שפּיל. דאָס לעבן פונעם יישוב איז געווען אָפּהענגיק פון דעם לעצטן געווער וואָס איז אים פאַר־בליבן — דער יידישער יוגנטלעכער.

*

דעם 30־טן נאָוועמבער, 1947, ווען ס׳זענען געפאַלן די ערשטע שאָסן פון דער מלחמה, האָבן די יידישע מאַכט־אָרגאַנען פונעם יישוב פּראָקלאַמירט אַ מאָביליזאַציע פון דער יידישער יוגנט אין עלטער

פון 17 ביז 25 יאָר. מיט התלהבות, וואָס איז איבערגעשטיגן אַלע גרענעצן האָבן די בעסטע פון דער יוגנט געשטראָמט אין די מאָביליזירונגס־צענטערן.

אין דער צייט ווען קליינע גרופּן פון פּלמ"ח און חי"ש זענען אַרויס באַגלייטן די קאָנוואָיען און האָבן באַשיצט צוזאַמען מיט מענטשן פון חי"ם די גרענעץ־געביטן פון די שטעט, איז אויפגעשטאַנען איבערן גאַנצן לאַנד אַ ניי מיליטער, אַ מיליטער אָן אַ נאָמען, אָן עמבלעם און אָן אַ אוניפאָרם — דאָס מיליטער פון דער יידישער יוגנט. אין די קעמפן פון תל־אביב און שרונה, וועלכע זענען פאַרלאָזט געוואָרן פון דער בריטישער פּאָליציי דעם 15־טן דעצעמבער 1947, זענען מיט אַ פיבערהאַפטן טעמפּאָ געשולט געוואָרן הונדערטער און טויזנטער.

די ערשטע קעמפנדיקע איינהייטן זענען אַרויס צו רעוואַנזשטאַטן, זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין אַראַבישע דערפער און אויפגעריסן הייזער. מיט אַ קליינער צאָל ביקסן, וועלכע האָבן געוואַנדערט פון האַנט צו האַנט, אָן געהעריקן און גענוגנדיקן פאַנצער צו באַשיצן די קאָמוניקאַציע, האָבן די דאָזיקע יוגנטלעכע אָפּגעהאַלטן געוואָגטע נצחונות און אכזריותדיקע מפּלות. דעם 22־טן פעברואַר 1948 זענען אויפן וועג קיין כפר־עציון געפאַלן פינף און דרייסיק יינגעלייט, וועלכע זענען אַרויס דורכפירן אַן אויפגאַבע, וואָס נאָר אַ קעמפערישע אָפּטיילונג, אַ באַוואָפנטע ווי געהעריק וואָלט זי געקענט אַדורכפירן מיט זיכערקייט. דעם 4־טן מערץ זענען אין אַ קאַמף ביי עטרות געפאַלן פופצן. דער 28־טן מערץ זענען געפאַלן צוויי און פערציק בשעת דעם באַשיצן אַ קאָנוואָי קיין יחיעם.

אָבער אין דער צייט האָבן געאיבט און צוזאַמענגעשטעלט זיך קעמפערישע איינהייטן פון צווישן די ניי־מאָביליזירטע רייען. אָפּטיילונגען זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאָלקן און פּאָלקן אין בריגאַדעס. געווען איז דאָס אַ מיליטער אָן אַ קאָמוניקאַציע, אָן אַן אונטערלאַנד־אַפּאַראַט, אָן מלחמה־עראָפּלאַנען, קאַנאַנען אָדער טאַנקן, דערפאַר אָבער געטראָגן אויף די פליגל פון פאָלקס־התלהבות, וואָס די היסטאָריע האָט נאָך אַזוינס נישט געזען זינט די מיליטערן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און דער רוסישער רעוואָלוציע.

ווען איך האָב געלייענט דעם 30־טן נאָוועמבער, אַז דער ערשטער יידישער אויטאָבוס איז אַטאַקירט געוואָרן דורך די אַראַבישע קעמפערס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז פון איצט אָן ליגט אויף מיר בלויז איין פליכט: זיך מאָביליזירן.

איך האָב זיך צוגעשטעלט צום דינסט.

אין די ווינציקע טעג, וואָס זענען מיר איבערגעבליבן ביז צו דעם איינגלידערן זיך אין מיליטער האָב איך אָנגעשריבן אַ קליינע בראָשור וועגן די מלחמה־פּראָבלעמען. איך האָב אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג, אַז נישט אומרוען אין נוסח 1936—39 שטייען פאַר אונדז, נאָר אפיל־קרבנותדיקע לאַנגע מלחמה, אַ מלחמה וועגן עצם קיום אונדזערן; איך האָב פאַרגעשלאָגן איבערצורייסן דעם סיסטעם פון זיך שיצן און רעוואַנזש־טאַטן, וואָס האָבן קיין שום תכלית נישט, און איבערגיין צו אַן אַלגעמיינער אָפענסיווע.

איך האָב איבערגעגעבן דעם כתב־יד צום דרוקער, געקויפט פאַרן רעשט געלט דעם כאַקי־מונדיר, דאָס זאַקן־מיצל און די רעשט זאַכן, וואָס אַ זעלנער דאַרף האָבן. איך האָב פאַרמאַכט דאָס לעצט ביסל זאַכן מיינע אין אַן אַלטער שראַנק און זיך צוגעשטעלט צום אַריינגאַנגס־טויער פון דעם רעקרוטן־קעמפּ.

איך בין געוואָרן אַ פּשוטער זעלנער אין פעלד־מיליטער.

13־טער פעברואַר, 1948, שולע חי״ש.

די ערשטע שעה

איינציקווייז קומען זיי, איינער נאָכן אַנדערן.

פאַראַנען אַזעלכע, וואָס דערנענטערן זיך צום טויער פון קעמפּ מיט מוטיקע טריט. ווען אויף זייערע ליפּן איז אַ שמייכל פון געמאַכטער זיכערקייט. זיי דערלאַנגען דעם מיליטערישן פּאָליציאַנט דאָס מאָביליזירונגס־צעטל, ווי איינער וואָס דערלאַנגט זיין בילעט דעם שאָפער אין אויטאָבוס. זיי באַמיען זיך אַרומצוקוקן מיט איין אַלגעמיינעם בליק דעם גאַנצן קעמפּ, לייגן אַוועק זייערע זאַכן אויפן פאַראַד־פּלאַץ, פאַררויכערן אַ ציגאַר און וואַרטן אויף דעם קאָמענדיקן מיט אַ געמאַכטער רואיקייט. אָבער פאַראַנען אויך אַזעלכע וואָס וואַרפן נאָך אַ לעצטן בליק פון בענקשאַפט צו דער „ציווילער גאַס" וואָס פון הינטער זיי. אַזעלכע, וואָס געפינען צום

מ. צ. מיט קווענקלדיקע טריט, און שטייען ווי קליינע קינדער, ווען דאָס געוויסן מאַטערט זיי.

שוין אין דער ערשטער מינוט קענסטו אונטערשיידן צווישן צוויי הויפּט־טיפּן פון דעם איבונגס־קעמפּ — צווישן דעם זעלנער, וועלכער האָט פאַרברענט פון הינטער זיך די זעלישע בריקן, וואָס שטרעבט צו זיין זעלנער און נישט מער, און צווישן דעם מאָביליזירטן, וואָס היט נאָך אין האַרצן די היים.

דו קענסט זיי אונטערשיידן אין זייער אויסערלעכער קליידונג. פאַראַנען אַזעלכע וואָס דערנענטערן זיך צום הויפּט־פּלאַץ אָנגעטוענע ווי שטאַבס־אָפיצירן, זיי האָבן זיך געקויפט דעם באַטל־דרעס און די כאַקי־הויזן נאָך אין „דרויסן", די קאַמאַשלעך באַפּוצן זייערע פיס, און דאָס זאָקן־מיצל זייערס אָפּגעריבן און צעקנייטשט ווי נאָך צוויי יאָר דינסט. און נעבן זיי שטייען די ציווילע — קאָלירטע העמדער, אַ געקעסטלט זשאַקעטל, און אַפילו קראַוואַטן.

איצט שטייען זיי אין אַ גרויסן רעדל, און קוקן זיך איינער דעם צווייטן אָן — פרעמדע. בלויז געציילטע שעה'ן און זיי וועלן לעבן צוזאַמען. זיי וועלן צוזאַמען שטייען אין ריי צום עס־זאַל, איינער דעם אַנדערן וועט שטופּן בעת דעם ראַזירן זיך אין דער פרי. זיי וועלן אויסבאָרגן איינעם דעם צווייטן שיך־פּאַסטע, און וועלן זיך מכבד זיין קעגנזייטיק מיט טראַדיציאָנעלע קללות אין פערצן מינים שפּראַכן. דערווייל אָבער זענען זיי זיך נאָך פרעמד. און דער דיסטאַנס צווישן זיי איז גרויס — סאַברעס, תימנער און יעקעס. אַ מגושמדיקער יונגטלעכער מיט ברילן אויף די אויגן, וואָס ערשט נעכטן איז ער געווען אַ האַנדלס־דירעקטאָר פון אַ פאַבריק, און דער קליינער עזרא, דער פאַרקויפער פון „עסקימאָ" ביים ברעג ים, וואָס שטייט זיך אין אַ ווינקל ווי אַן אויסגעקרומטער פראַגע־צייכן.

דער איבונגס־קעמפּ איז געגליכן צו אַ ריזיקן בעטאָן־מיקסער. ער רעכנט זיך נישט מיט דיינע פערזענלעכע נייגונגען, ער קלייבט נישט איבער דעם מענטשן־מאַטעריאַל און בינדט אים צונויף אין גרופּן און אין אָפּטיילונגען לויט זיינע פערזענלעכע אייגנשאַפטן. קענסט זיין אַ עלעקטראָטעכניקער, אַ קלאַוויר־שפּילער אָדער אַ טרעגער — נאָך אין אַ קליינער שעה וועסטו זיין אַ זעלנער, און מאָרגן וועסטו קריכן אין די דאָרן־פעלדער אין שאַרוואַרן פאַר־

פלעקטע מיט בלאָטע — ווער וועט וויסן וואָס ביסט נעכטן געווען? און וועמען וועט עס אינטערעסירן?

ערגעץ דאָ און דאָרטן ווערט צעבראָכן די אייז־מויער. די אונטערנעמונגספולע הייבן אָן צו פאַרבינדן קאָנטאַקטן. דער באַוואָפנטער בלאָנדינער בעט אַ ציגאַרעט ביי אַ קליינעם שמייכלענדיקן תימנער, עס אַנטוויקלט זיך אַ געשפּרעך פון זעקס זאַצן — און אַט ווערט געשאַפן אַ חברשאַפט, וואָס אין אַ וואָך אַרום וועט יזעגן איר וויסן יעדער טוראַי אין גאַנצן קעמפּ. אין אַן אַנדערן ווינקל פונעם פּלאַץ פאַרגלייכן אַ פּאָר יינגעלייט די פרייזן פון זייער באַטל־דרעס וואָס זיי האָבן נאָר וואָס געקויפט. דאָס געשפּרעך וואַרפט זיך איבער אויף אַנדערע טעמעס, עס ווערן געשלאָסן „באַקאַנטשאַפטן" — און אַט איז געבוירן געוואָרן אַ „משפּחה", די בעסטע רפואה פאַר אַלע שוועריקייטן און צרות פונעם טוראַי אין דעם איבונגס־קעמפּ.

עס הערט זיך אַ פייף. די קאָמאַנדירן דערנענטערן זיך. די קוקן זיך איין אין דעם „מענטשן־מאַטעריאל", וואָס זייער אויפגאַבע איז צו מאַכן פון אים אַ מיליטערישע איינהייט. זיי זעענען זייער יונג — נישט עלטער פון די מאָביליזירטע, וועלכע וועלן שטיין פאַר זיי אויף „דום" און וועלן אויפשפּרינגען צו זייערע באַפעלן.

„אַכ—טונג!". די געשפּרעכן רייסן זיך איבער. דער קאָמענדאַנט, דער „דזשינדזשי" אָרדנט איין די מענטשן אין דרייער. אין געציילטע טעג בלויז וועלן זיי דערלערנען צו טאָן עס צום באַפעל זיינעם.

זיי שטייען אין דער ריי. סאָלדאַטן.

פאַר דער מלחמה פלעגט יעדער פון אונדז לעבן אין אַ באַשרענקטן אייגענעם קרייז, און זיך אַליין געגאַרט, אַז דער קרייז, דאָס איז די יידישע יוגנט. און אַט אין די גרענעצן פון דעם קעמפּ האָבן זיך צוזויפגעטראָפן צום ערשטן מאָל, אַלע שטרעמונגען פון אונדזער דור. מחיצות זענען אַרונטערגעפאַלן. איבער נאַכט זענען מיר אַלע געוואָרן איין גרויסע מחיזה — אַלטע הגנה־לייט און נייע מאָביליזירטע, אַנהענגער פון פאַרשידענע פּאַרטייען און זייערע קעגנער, שטאָטישע און קיבוצניקעס, „גאָלדענע יוגנט" און די, וועלכע זענען דערצויגן געוואָרן אין פּראָלעטאַרישע באַוועגונגען.

קיינער פון אונדז האָט מער נישט אַכט געלייגט צו די פאַרשידנהייטן פון די „עדות", בילדונג, קולטור און שטאַנד. דער אַבזוריותדיקער מוז פון

דעם געמיינזאַמען לעבן האָט אונדז געצוואונגען צו פאַראייניקן זיך. מיר האָבן קענען געלערנט, אַז אַן איבערגעגעבענער חבר איז וויכטיקער פון סתם אַן אינטעליגענטלער, און אַ גוטער כאַראַקטער וועגט איבער יעטוועדער חכמה און בילדונג אין דער וועלט.

אַזוי איז געבוירן געוואָרן די פאַרברידערונג, דאָס ערשטע פאַרמעגן פון דעם מיליטער־מאַן.

15־טער פעברואַר, שולע חי״ש.

צוויי חברים

געוועזן איז ער דער באַליבסטער זעלנער אין קעמפ. גערופן האָט מען אים „טשוואַק" צוליב זיין וואוקס — כמעט צוויי מעטער. אַנדערע האָבן אים גערופן „דזשאָקער" צוליב זיין אומבאַגרענעצטער פעאיקייט משמח צו זיין אונדז אין שווערע אומשטענדן, און מיט דעם ספּעציעלן אופן פון טראָגן דעם זאָקן־מיץ.

מיר אַלע האָבן אים ליב געהאַט צו זען אין די פעלד־איבונגען. קיין איינער פון אונדז האָט נישט געקענט קריכן, זיך אַ לאָז געבן און וואַרפן האַנט־גראַנאַטן ווי ער האָט דאָס געקענט. אין די דאָזיקע מאָמענטן האָט ער אויסגעזען ווי אַ סאָלדאַט אין אַ רוסישן פילם. ווען ער איז געגאַנגען צווישן די גראָזן, די אויגן צום ציל און דער האַנט־גראַנאַט גרייט צו טאָן אין זיינע הענט, האָסטו כמעט פאַרגעסן, אַז ס'איז נישט מער ווי אַן איבונג.

אַליין האָב איך אויסגעפילט זיין פּערזענלעכן פאָרמולאַר. מיינע קאָמאַנדירן פלעגן מיך מכבד זיין מיט אַזעלכע זאַכן אין די פרייע שעהן מיינע, ווייל איך האָב דער איינציקער אין מיין אָפּטיילונג פאַרמאָגט אַ פעדער. עס דוכט מיר, אַז אין גאַנצן קעמפ איז נישט געווען קיין אינטערעסאַנטערער פאָרמולאַר, אַ פאָרמולאַר וואָס האָט אַנטהאַלטן אין זיך אַ גאַנצן ראָמאַן.

נאָמען: משה (גוסטאַוו) ג.
אַלט: 23.
פאַך: טרעגער.
בילדונג: אוניווערסיטעט (4 סעמעסטער מעדיצין).

— קען פערפעקט די שפראַכן: העברעאיש, לאַטיין, אַלט גריכיש, אונגאַריש, רומעניש, רוסיש, פראַנצויזיש און ענגליש.

געדינט פריער אין מיליטער: 4 חדשים אין אונגאַרישן פאַר־סיזאַנעץ־מיליטער, אַ האַלב יאָר אין סאָוויעטישן מיליטער, אַ יאָר אין דער יידישער בריגאַדע.

איז אָוונט, אין דער באַשטימטער שעה פארן אויסלעשן דאָס ליכט, פלעגן מיר אים אָנרעדן „צו געבן" אונדז אַ פאָרשטעלונג: אַ קאָזאַטשאָק אָדער אַ „סווינג" מיט אַן אויסגעטראַכט מיידל. ווען מיר זענען געווען אין אַ גוטער שטימונג פלעגן מיר אים צווינגען צו אימיטירן די קאָמאַנדירן אונדזערע. ער פלעגט שטיין אין אַ פאָזע פון אַ מ"מ און שרייען און קוויטשען, און מיר אַלע זענען געלעגן אויף די בעטן און האָבן זיך געקייקלט פון געלעכטער. אפילו מ"מ־צדיקים (מיליטער־פּאָליציאַנטן), וואָס זענען געקומען אַנשרייען אויף אונדז, הלמאי מיר פאַרלעשן נישט דאָס ליכט, פלעגן שטיין אויף דער שוועל מיט אַן איינגעהאַלטענעם שמייכל אויף די ליפּן.

זייער פאַרשידנאַרטיק זענען געווען זיינע טאַלאַנטן. ער האָט אונדז צוגעהאָלפן שאַפן סענסאַציע אויפן איבונגס־פעלד, ווען מיר זענען דערשינען אויסגעגאַרעטע פון קאָפּ ביז פיס מיט בלאָטע, זינגענדיק דעם גרויסן נצחון־מאַרש פון „אַאידאַ" פון ווערדי. און אפילו דער מ.פּי אונדזערער איז דערשטוינט געוואָרן, ווען ער האָט אונדז אַמאָל, בשעת אַ קורצער פויזע אין די איבונגען, געטראָפן ווי מיר הערן זיך צו צו אַנטאָניוסעס קלאַסישער רעדע אויפן קבר פון יוליוס צעזאַר. דער רעדנער איז געווען, פאַרשטייט זיך, דער „טשוואַק".

און פונדעסטוועגן, אויב דו וועסט פאַרלאַנגען פון עמעצן פון אונדז פּרטים וועגן דעם „טשוואַק", וועסטו זיי נישט באַקומען. וואַרשיינלעך וועט מען דיר ענטפערן — „טשוואַק"? יאָ, דאָס איז דער פּאַרטנער פון „מאַזאַמבאַ".

די חברשאַפט פון טשוואַק מיט מאַזאַמבאַ איז ביי אונדז געוואָרן אַ שם־דבר, ווי די פריינטשאַפט פון דוד און יהונתן אין זייער צייט.

מאַזאַמבאַ איז אַ תימנער ביי די צוואַנציקער, אַ קליינגעוויקסיקער, אַ סאָלידער און אַ באַשיידענער. ער שמייכלט שטענדיק. זיין אויסזען איז מיצריש אָדער סודאַניש. און בעת די איבונגען פלעג ער אויסזען ווי אַ זעלנער פון דעם פראַנצויזישן קאָלאָניאַלן מיליטער.

מיט קיינעם זיך קיינמאָל נישט געקריגט. זיין ריכטיקן נאָמען האָבן מיר נישט געוואוסט — אַ סימן, אַז דער קאָמאַנדיר האָט קיינמאָל נישט אָנגעשריגן אויף אים אין דער ריי. ער האָט נישט קיין היים, קיין משפחה און באַקאַנטע אין „דרויסן". און איך צווייפל, צי ער האָט געקענט לייענען און שרייבן.

קיינער ווייסט נישט, ווי אַזוי די דאָזיקע משונהדיקע פריינט־שאַפט איז צושטאַנדגעקומען. אָבער אַ פאַקט איז, אַז שטענדיק האָבן זיי געזען צוזאַמען — אין עס־זאַל, בעת דער פויזע ביי די איבונגען, אין באַראַק — ווי זיי ביטן זיך אָן איינער דעם אַנדערן סיגאַרעטן, באַטשן זיך אַדורך אויף שפּאַס (כאָטש דער „טשוואָק" האָט מאָזאַמבאָן געקענט צעקוועטשן מיטן מינדסטן פינגערל) און העלפן זיך אַרויס איינער דעם צווייטן מיט טויזנט קליינע זאַכן, פון וועלכע ס'איז געוועבט דאָס גליק פונעם זעלנער. און אויב דעם „טשוואָק" האָט זיך פאַרגלוסט צו דערציילן זיינע פאַסירונגען מיט שיינע מיידלעך (אַ „טשיזבאַט", בלע"ז), פלעגט מאָזאַמבאָ שטענדיק זיין צווישן די צוהערער, מיטן אויסדרוק פון פאַרערונג אויפן פנים.

ווען דער „טשוואָק" מיט מאָזאַמבאָ וואָלטן זיך באַגעגנט אין באָס פאַר דער מלחמה, וואָלט איינער דעם צווייטן אפילו נישט געווען אָנגעקוקט. און ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, קען זיין, אַז זיי וועלן ווידער איינער דעם צווייטן נישט קענען. אָבער דאָ פאַרלייכטערן זיי איינער דעם צווייטן צו קענען בייקומען די פּלאָגן און קליינע מאַטערנישן פון אַ זעלנער, וואָס אַ ציווילער „אין דרויסן" חלומט כלל נישט וועגן זיי: ווי אַזוי צו דערטאַפּן שיך־פּאַסטע, אָדער „ווער וועט מיר אויסלייען אַ זאָקן־מיץ פאַר נאַכט־שמירה?" איך איינעם אַ טאָג וועט זיך די פריינטשאַפט אויסלאָזן מיט אַמאָל, אַזוי ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן. מען וועט אַריינרופן „טשוואָקן" אין צימער פונעם קאָמאַנדיר און מעלדן אים, אַז ער וועט געשיקט ווערן אויף אַ ספּעציעלן קורס — פאַר אַן אויסשפּירער אָדער סנייפּער, און אפשר ווי אַ מ"ם כף. ער וועט זיך אומקערן אין צריף אַריין, אַ דריק טאָן מאָזאַמבאָן די האַנט און זאָגן אים שלום — און דאָס וועט זיין אַלץ.

דאָס איז נישט געווען בלויז אַ פאָלקס־מיליטער, וואָס האָט זיך אויס־קריסטאַליזירט אין אונדזערע קעמפן. געווען איז דאָס אַ יוגנט־באַוועגונג איז פולן זין פון וואָרט, אַן אמתע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. אין געציילטע טעג

זענען געבוירן געוואָרן צווישן אונדז נייע לעבנס־שטייגערס, אַ נייער סטיל פון אויפפירונג, אין ריידן און אין דער קליידונג. זיי זענען געבוירן געוואָרן צווישן אונדז, נישט נאָכמאַכנדיק עמעצן, מיט עלעמענטאַרישער פשטות, אַרויסגעוואַקסן פונעם כאַראַקטער פונעם דור.

קען זיין, ווען ס׳וואָלט נישט אויסגעבראָכן די מלחמה, וואָלט זיך אויך געשאַפן אַזאַ .ענלעכע יוגנט־באַוועגונג, און זי וואָלט געמאַכט היסטאָריע מיט גרויסע שאַפנדיקע מעשים. ווייל פאַקטיש איז דאָס נישט געוועזן מער ווי אַ רייפערן פון אַ נייעם דור, דער ערשטער, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער אַטמאָספער פון דער פרייהייט אין לאַנד. נאָך פאַר דער מלחמה האָבן זיך באַוויזן סימנים פון דערוואַכונג — די פּלמ״ח־באַוועגונג, וואָס האָט געגעבן אירע מיטגלידער נייעם לעבנס־אינהאַלט — פאַרשידנאַרטיקע קערנער אין אַלע געביטן פון לעבן. און אַט איז געקומען די מלחמה און האָט קריסטאַליזירט דאָס, וואָס האָט זיך נישט באַוויזן צו קריסטאַליזירן אין שלום־צייטן, אַ גרויסער אויסברוך פון אַ נייעם דור, וועלכער שטרעבט צו זעלבסטשטענדיקער טאַט.

עס האָט זיך געגויטיקט אַן אָפּצייכן פאַר דער גרעסטער באַוועגונג, אַ דערקענונגס־סימן, וואָס זאָל באַצייכנען איר כאַראַקטער ווי אַ פאָלקס־מיליטער, וואָס ווערט געטראָגן דורכן גייסט פונעם יחיד אָנשטאָט אים צו פאַרווישן. מונדירן האָבן מיר נישט פאַרמאָגט. מיר האָבן געטראָגן די קליידער, וועלכע מיר האָבן געבראַכט פון דער היים. און אַט האָבן פלוצים טויזנטער אָנגעהויבן אָנצוטאָן אַן איינהייטלעך היטל, די זאַקן־מיץ, נישט באַקומענדיק פון וועמען עס איז אַ באַפעל.

18 פעברואַר 1948, חי״ש שולע.

די זאקן־מיץ

דאָס טעמבל־מיצל האָט באַצייכנט די חלוצישע תקופה. ווער געדענקט נישט די טויזנטער קרן־היסוד־בילדער: אַ מיידל, אָנגעטאָן אַ טעמבל־מיצל, מעלקט אַ קו; אַ בחור אין אַ טעמבל־מיצל פלאַנצט אַביימל; קינדער אָנגעטוענע אין טעמבל־מיצלעך טאַנצן האָראַ...

די איצטיקע מלחמה האָט געשאַפן אַן אייגן היטל — אַט דעם משונהדיקן זאַק, וואָס נעמט אָן פאַרשידענע פאָרמען.

די שטרומפּ־מיץ איז דער אָפּצייכן פון אַן אינדיווידואַליסטיש

מיליטער. זיין הויפּט־אייגנשאַפט איז אין דעם, וואָס עס איז מעגלעך אים צו טראָגן איז טויזנטער צורות. האָסט נישט קיין צוויי זעלנער זיי זאָלן טראָגן זייערע מיצלען גענוי אין דער זעלבער צורה. איינער טוט עס אָן ווי א „שיפל", לויטן פאַסאָן פון סקאָטישן היטל. דער צווייטער פאַרקאַטשערט ביידע עקן ווי שאַרפע הערנער און זעט שוין אויס ווי א שפאַנישער זעלנער. אַ דריטער פאַרבאַהאַלט גאָר די שפּיצן און זעט אויס ווי אַן אַראַבישער פעלאַך, אָדער אַ רוסישער מוזשיק. אַ פערטער שלעפּט אַרונטער די שפּיצן איבערן לינקן אויער און די מיץ זיינע זעט אויס ווי א נאַכט־מיצל פון דעם סאָרט, וואָס איז געווען איינגעפירט אין אייראָפּע מיט צוויי־הונדערט יאָר צוריק. אַ פערטער זעט אויס ווי אַ ליץ אין די קעניגלעכע הויפן אין מיטל־אַלטער. אַ זעקסטער לאָזט אַראָפּ דאָס מיצל איבערן פּנים, און די שפּיצן זעען אויס ווי אַ ביין אין די האָר פון א נעגער־פרוי. בקיצור — די מעגלעכקייטן פאַר אַ זעלבסטשטענדיקן אויסדרוק, פאַר דער אַנטפּלעקונג פון דעם זעלנערס אינדיווידואַליטעט.

דער זעלנער האָט ליב די שטרומפּ־מיץ מער פון יעטווידן אַנדערן מיליטערישן מלבוש. ער פאַרלאָזט נישט דעם באַראַק אָן דעם היטל. אַפילו די קאַקעטן, וואָס טוען נישט אָן קיין היטל ביים פרישטיק־עסן, טאָמער וועט זיך זיי די פריזור צעשויבערן, נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך אַרום איר געמיט פינף טייערע מינוטן פון זייער פרייער צייט, אויך זיי טראָגן מיט זיך דאָס מיצל, אַ צוזאַמענגעלייגטס אונטערן לינקן שגאַל.

אין קלענערע איינהייטן ווערט די זאָקן־מיץ אַ געמיינזאַמער דערקענונגס־סימן. אין אייניקע „ערגעץ־וואו־ס" איז אָנגענומען ממש אַ געוועט — איין איינהייט טוט־אָן דאָס מיצל ווי א שיפל, אַ צווייטע ווי אַן אַראַבישן תרבוש, די דריטע שטעלט אַלע אין שאָטן חען זי דערשיינט צום מאָרגן־פאַראַד מיט היטלעך ייי פוז לצים.

און נאָך אַן אייגנשאַפט האָט די שטרומפּ־מיץ: זי איז זייער פּראַקטיש. דו קענסט עס ניצן כמעט צו יעטווידער באַדערפעניש אין דער וועלט. ווען דו שטייסט אויף דער וואַך אין אַ קאַלטער נאַכט, און ס'דוכט זיך דיר, אַז דו ביסט אַריינגעפאַלן אין נאָרדפּאָל, ציסטו עס אַראָפּ איבער די אויערן און ס'ווערט דיר וואַרעם. איז דיר קאַלט אין האַלדז — פאַרוואַנדל די מיץ אין אַ שאַל. ביסטו פונעם קעמפ אַנטלאָפן און דו גנבעסט זיך צוריק דורכן פּלויט און

דערזעסט דעם שומר פון צוויי מעטער פון דיר, לאָז אַראָפּ דאָס מיצל איבער דיין גלאַנצעדיק פּנים — (היט זיך פאַר אַן אויג!) ער וועט דיך שוין נישט דערזען.

ווען דו שפּאַנסט איבער די גאַסן פון דער שטאָט בעתן אורלויב, איז די זאַקן־מיץ דאָס, וואָס ווייזט אָן, אַז דו ביסט אַ זעלנער, און עס ציט צו דיר די אויגן פון שיינע מיידלעך...

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה איז געקומען דער פּערזענלעכער פּרוב פון יעדן יידישן יוגנטלעכן אין לאַנד. די גאַנצע יוגנט איז צעטיילט געוואָרן אויף צוויי טיילן: די, וועלכע זענען געגאַנגען און די, וועלכע זענען נישט געגאַנגען.

פאַר אַ סך טויזנטער איז די ברירה געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך. זיי האָבן אפילו נישט געטראַכט וועגן דעם. זיי האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז מען קען גאָר אַנדערש טאָן. זיי האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין די קעמפנדיקע איינהייטן. נישט דווקא די זענען געווען די מער „קלוגערע“. אין זייער גרעסטן טייל זענען זיי געווען „פּשוטע“ בחורים, דער רוקן־ביין פונעם דור, די וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער געזונטן כאַראַקטער.

עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס די גרויסע שעה האָט זיי געטראָפן קליין און נישטיק. די דאָזיקע האָבן נישט פאַרגעסן זייערע פּערזענלעכע חשבונות. זיי זענען געזעסן אין דער היים און געוואַרט אויף אַ „געלעגנהייט“. די אמתע יידישע יוגנט האָט זיי פאַראַכטעט טיף אין דער נשמה. זי האָט געפילט, אַז אַ תהום איז אַנטשטאַנען צווישן איר און זיי, אַ תהום, וועלכער וועט זיך פאַרטיפערן, וואָס מער די מלחמה וועט דויערן און ס'וועלן זיך מערן די קרבנות.

28 פעברואַר 1948, חי"ש שולע.

אורלויב

ער האָט באַרעכנט יעדן פּרט פון אָנפאַנג אָן, אַ מוסטערהאַפטן „מיליטערישן פּלאַן“. עטלעכע שפּאַן פונעם באַראַק ביז צום שטעכל־פּלויט וואָס צוימט אַרום דעם קעמפּ, קריכן פון אונטערן פּלויט ביז צום קליינעם גריבל, אַרונטערגיין אין דער נידער אויף אַלע פיר. אַ גאַנץ פּשוטער פּלאַן — עס פאַרלאַנגט זיך בלויז שטאַרקע נערוון.

ער איז אַרויס פון עס־זאַל. „וואוהין?“ — האָט געפרעגט אַ חבר.

„אַ ביסל שפּאַצירן, איך קער זיך באַלד אום“. דער רוח זאָל נעמען די נייגעריקייט· אויפן וועג האָט ער אַ בליק געטאָן אין עס-זאַל פון די קאָמאַנדירן. זיי עסן נאָך. אויסגעצייכנט. די וואַך שטייט אין אַ ווינקל און שמועסט. איצט איז די געלעגנהייט.

אַ שפּרונג צום באַראַק. ער איז ליידיק. אַוועקשטעלן דאָס עס־געשיר, אָנטאָן דעם באַטל־דרעס, אַרויפציען די שטרומפּ־מיץ· ער האָט דערפילט אַ ספּעציעלע נערוועזיטעט, „ווי פאַר אַן אָנגריף“.

אַלץ גייט לויטן פּלאַן. ס׳איז נישט מער ווי אַ קינדער־שפּיל. די עפענונג אין שטעכל־פּלויט איז גענוג גרויס. איצט קריכט ער באַרג אַראָפּ, אַ מיליטעריש קריכן ממש, ווי ער האָט עס געלערנט אויף די פעלד־איבונגען. וואָלט אים געזען דער מ״ם־כף, וואָלט ער געוועזן „מאַבסוט“ (צופרידן). ער האָט צו זיך געשמייכלט.

אָט איז דער וואַך־פּאָסטן. אַ מינוט דערוואַרטונג. פון איצט אָן איז פריי דער וועג. אין גאַס איז די אַטמאָספער פון ערב שבת. ווייניק מענטשן געפינען זיך איצט. מען קוקט אויף אים ווי אויף אַ משונהדיקער חיה: דער צעקנייטשטער איבונגס-מונדיר און די זאָקן־מיץ זאָגן עדות, אַז ר׳איז אַ זעלנער... ר׳האָט זיך דערפילט אַ פרעמדער אין גאַס, ווי ער וואָלט שוין יאָרן נישט געוועזן אין שטאָט. און בסך הכל האָט ער דאָך געווײלט אין קעמפ בלויז פיר טעג. און אים דוכט זיך, אַז אַן אייביקייט איז דערווייל שוין פאַרביי, ווי עס וואָלט זיין ציוויל-לעבן באַלאַנגט צום ווייטן און פאַרטושטן עבר. נאָך מיט פיר טעג צוריק איז ער אַרומגעגאַנגען אין די דאָזיקע גאַסן, ווי אָט די משונהדיקע באַשעפענישן מיט וועלכע ער באַגעגנט זיך איצט, געשמועסט מיט די זעלבע שיינע מיידלעך, וואָס זעען אים איצט אויס ווי געשטאַלטן פון אַן אַנדער וועלט.

א היים גיין? די עלטערן וועלן זיך אוודאי פרייען אים צו זען. צבער ס׳איז קיין צייט נישטאָ. אויב ער וועט צוריקקומען אין קעמפ נאָך צען אַ זייגער נישט וויסנדיק דעם פאַראַל, וועט מען באַלד אויפדעקן זיין זינד. עס איז אים בלויז פאַרבליבן צוויי שעה. מען טאָר נישט פאַרשווענדן אַפילו קיין מינוט. ער וועט גלייך צוגיין צו רחל׳ן.

רחל... וויפיל מאָל האָט ער וועגן איר געקלערט אין די דאָזיקע פיר טעג?

ער האָט זיך פאַרגעשטעלט דעם אָוונט אין ליכטיקע קאָלירן. ער וועט אָנקלינגען ביי דער טיר, זי וועט עפענען. זי וועט שמייכלען, זיכער וועט זי שמייכלען. מיט נצחון־שאַל וועט ער איר דערציילן וועגן אַלע זיינע אַוואַנטורעס, ווי אַזוי ער איז צוליב איר אַנטלאָפן פון קעמפּ, כאָטש עס דראָט אים 24 שעה זיצן אין „גאַרד־רום". אויב מען וועט אים פּאַקן.

אָט איז דאָס הויז. ער האָט שווער געאָטעמט. אַ האַלבן וועג איז ער געלאָפן, כדי נישט אָנצוווערן די טייערע מינוטן. ברוך השם, אין קעמפּ האָט מען אים אויסגעלערנט לויפן. דאָס אַרויפגיין אויף די טרעפּ. איין מינוט אויף אָפּצוסאָפּען. אַ קלונג.

זי האָט געעפנט, אַנגעקוקט אים מיט פאַרוואונדעטע אויגן. יאָ, זי האָט אויך געשמייכלט, אָבער נישט אַזאַ שמייכל, וועלכן ער האָט דערוואַרט.

— „אַריין", האָט זי געזאָגט און אים אַריינגעפירט אין צימער. דאָרט איז געזעסן אַן אַנדערער בחור.

דער דאָזיקער איז אָנגעטאָן ציוויל. מיט אַ געמאַכטן שמייכל: „זייט באַקאַנט". מען האָט שוין געשמועסט צווישן זיך, בעת זי איז אַרויסגעגאַנגען זיך איבערטאָן.

צוזאַמען איז מען געגאַנגען אין אַ קליינעם קאַפע. ער האָט דערציילט וועגן דעם לעבן אין קעמפּ און גערעדט די גאַנצע צייט, כדי נישט געבן זיך אַליין קיין געלעגנהייט צו קלערן. זיי האָבן אים געפרעגט ווי אַזוי ער איז אַנטלאָפן. אָבער פלוצים האָט ער פאַרלוירן דעם חשק צו דערציילן וועגן זיין העלדישקייט.

ער האָט זיך געפילט פרעמד אין זייער געזעלשאַפט. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען דאָס, וואָס ער האָט זיך באַמיט זיי צו דערציילן, וועגן די פריידן און ליידן פון דעם זעלנער אין קעמפּ. צו וואָס איז ער בכלל אַנטלאָפן? צי האָט ער זיך דען אויף אַן אמת פאַרגעשטעלט, אַז זי וועט וואַרטן אויף אים, אַז זי וועט אים אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס?

ניין און אַ פערטל. ער איז אויפגעשטאַנען און זיך געזעגנט מיט זיי. אַפילו געשמייכלט. אָבער דאָס האַרץ האָט גוט ווי געטאָן.

מיט דעם זעלבן וועג איז ער צוריקגעגאַנגען. ער האָט אויס־געמיטן דעם וואַך־פּאָסטן, געקראָכן באַרג־אַרויף. ביי דער עפענונג פון זיינעם פּלויט איז געשטאַנען אַ שומר, פינף מינוט וואַרטן, נישט

אַ ריר צו טאָן זיך, דער קאָפּ צוגעלייגט צו דער ערד. דער שומר באַמערקט אים נישט, די גרינגע קליידונג גיסט זיך גוט צונויף מיטן באָדן. סוף־סוף האָט ער זיך איינגעשטעלט. אַ קריך דורכן פּלויט, אַ שפּרונג צום באַראַק.

דער באַראַק איז נאָך באַלויכטן; דערינען איז וואַרעם. די חברים מאַכן ס'געלעגער. פּלוידערן און שעלטן, ווי דער שטייגער. ווען ער קומט אַריין, קוקן זיי אים אָן מיט קנאה אין בליק. ווייל ער איז דאָך געווען אין לאַנד פון זייערע חלומות, „אין דרויסן".

אַ חבר גייט צו אים צו. „ווי איז עס געווען? האָסט געזען דיין חברטע?"

ער האָט אָנגעקוקט דעם רוקן, מכלומרשט באַשעפטיקט מיט גרייטן דאָס געלעגער. „אַזוי", שעפּטשעט ער, „אין בעסטן אָרדענונג". ער האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט און אַריין אין בעט: „איך בין אַהיים געקומען", האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך. „אַ היים".

נישט לייכט איז געווען זיך צוצוגעוואוינען צו דעם נייעם לעבן. מיר זענען דערצויגן געוואָרן אין פרייהייט און אונדזער נשמה האָט ווידערגעשפּעניקט דעם עול פון דיסציפּלין, כאָטש מיר האָבן אַלע פאַרשטאַנען איר ווערט. דער רוב פון אונדז איז אויך נישט געוואוינט געווען צו דער פיזישער אָנשטרענגונג. אָבער ביסלעכווייז זענען מיר פאַרהאַרטעוועט געוואָרן. אונדזער כאַראַקטער האָט זיך געביטן. מיר זענען טאַקע אין כעס געווען, געשאָלטן, אָבער פון איבער דעם כעס און שעלטן איז אין אונדז געבוירן געוואָרן דער שטאָלץ, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדז אַלעמען, וואָס האָט אונדז שפּעטער באַוואָרנט העלפן בייצוקומען טראַגישע קריזיסן און זיך נישט איינברעכן — דער חוש פון הומאָר פון אַ פרייער יוגנט.

2־טער מערץ, 1948, חי"ש־שולע.

פרימארגן-גימנאסטיק

פון אַלע גיהנומדיקע מאַטערנישן, וואָס זענען אויסגעטראַכט געוואָרן דורך דעם מיליטערישן מוח, האָסטו נישט קיין מער טייוולאַנישע פּלאָג ווי די פרימאָרגן־גימנאַסטיק.

דו ליגסט אין וואַרעמען בעט, איינגעדעקט אין פינף קאָלדרעס (צוויי, וואָס דו האָסט מיטגעבראַכט פון דער היים, צוויי, וואָס האָסטו באַקומען פון זיין מאַיעסטעט דעם מאַגאַזינער, און די פינפטע האָסטו דיר פאַרשאַפט מיט פינף מינוט שרעק) און שלאָפסט זיך רואיק. אָט איצט איז דערגאַנגען דער חלום צום פּיקאַנטן פּונקט: דער קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג שטייט פאַר דיר „דום" און דו ביסט גרייט אים צו זאָגן אַלץ, וואָס האָסט זיך צוגעגרייט צו זאָגן אים די לעצטע וואָך.

און אָט — אַ כוואַליע פון קעלט פאַרפלייצט דיך, און אַ מעכטיק קול שרייט אין דיינע אויערן. אַ ווילדע פאַרשטייסטו נישט וואָס איז געשען. — דו מיינסט, אַז דער פיינט האָט זיך אַריינגעריסן אין האַרץ פונעם פונקט, און דיינע הענט זוכן אינסטינקטיוו דעם אָנגעלאָדענעם סטען.

אבער, ווען דו עפנסט די אויגן ווערט דיר גאַנץ קלאָר — דער מ"ם־כף איז פאַר דיר, דיינע דעקעס אין זיינע הענט און זיין פּנים איז רויט פון גרויסן געשריי:

„אויפשטיין" — שטיי אויף — שנעלער! נו, שוין, שטייט־אויף — אַכטונג — שנעל — אויפשטיין — אַלע טוען־אָן די אונטערהעמדלעך און גייען אַרויס אויפן פּלאַץ צו פרימאָרגן־גימנאַסטיק".

דו קוקסט אויפן זייגער. די שעה איז גענוי 5.45.

דיין שכן פון רעכטס רירט מיט די פיס, כדי צו איבערצייגן דעם קאָמאַנדיר, אַז ער האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו רירן. דיין שכן פון לינקס הייבט זיך אויף אויף די עלנבויגנס און ער ושמורעט מיט די אויגן. דו דרייסט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט און האָרטסט, אַז דער קאָמאַנדיר זאָל זיך אויפסנייי דיר באַווייזן אין חלום.

אבער אָנשטאָט דעם מ. פ. דערשיינט פאַר דיר דער מ. כ., און ער קלערט גאָר נישט צו שטיין פאַר דיר „דום". מיט אַ שלעפּ, וואָס זאָגט עדות אויף יאָרן פּראַקטיק, נעמט ער אַראָפּ דיינע דעקן צום צווייטן מאָל, און דאָס מאָל גיט ער צו אַ קליינעם פּאַטש, באַקשיש, כדי דיך צו דערמוטיקן. און טאַקע, די דערמוטיקונג העלפט — ווען זי איז באַגלייט מיט אַ פּאָר זאַפּטיקע

אויסדרוקן, וואָס האָבן נישט קיין שום אויסזיכט אַדורכצוגיין די־
בירגערלעכע צענזור.

אַ ציטערנדיקער פון קעלט גייסטו אַרויס אויפן פּלאַץ. די ציינער
קלאַפּן. דו איילסט זיך איינצורייען אין דער ריי — אָבער די ריי
איז נישטאָ. דער אינסטרוקטאָר איז נאָכנישט אָנגעקומען, בינט־
לעכווייז שטייען די זעלנער אויפן פּלאַץ, און אין דעם שטאַנד זעען
זיי נישט אויס ווי אויפן בילד פונעם שער־בלאַט אין „עולם הזה״
(אַן אילוסטרירטע צייטונג).

סוף־סוף דערשיינט דער מ.כ. דער אינסטרוקטאָר. ער שטעלט־
אויס די ריי, ער לאָזט דיך שטיין אַ פּאָר סעקונדן אויף „דום״, כדי
זאָלסט זיך באַהעפטן מיט דער קעלט; גיט אויף דיר אַ וואַרף
אַ קריטישן בליק און שרייט: —

„אַ לייכטן לויפן — לוי־ף!״

אָבער דערלאָזט נישט, אַז דער אויסדרוק זאָל דיך פאַרפירן.
דאָס לייכטע לויפן איז גאָר נישט לייכט. עס געדויערט 20 מינוטן
אָן איבערייס. דו שאָקלסט דיינע אַקסלען צום טאַקט, אָטעמסט ווי
אַ היפּאָפּאָטאַם וואָס האַלט ביים שטאַרבן, און ווען דו כאַפּסט אַ בליק
אויף צוריק, באַמערקסטו, אַז די שורה איז ביז אויף העלפט איינ־
געשרומפּן געוואָרן. ווער עס האָט זיך נאָר געקאָנט אויסדרייען —
האָט זיך אָפּגעטראָגן מיט דעם אָדער יענעם אויסרייד.

דאָס „לייכטע״ לויפן האָט זיך געענדיקט. דער קאָמאַנדיר
גיט נאָך צו אַ פּאָר איבונגען, באַגלייטע מיט פילאָזאָפישע באַטראַכ־
טונגען וועגן דער אַלגעמיינער צורה פונעם טוראי (איינפאכן סאלדאט),
וועגן דעם באַטייט פון דער מיליטערישער דיסציפּלין אין אַן אַנגריף,
וועגן היגטערשטן טייל, וואָס שטאַרט אַרויס און וועגן דעם באַדייט
און די אַלגעמיינע געשיכטע פונעם איינהייטלעכן טאַקט בכלל און
פרימאָרגן־גימנאַסטיק בפרט.

דאָסמאָל באַווייזט דער קאָמאַנדיר אַ ספּעציעלע גוטהאַרציקייט.
ער באַפרייט די אָפּטיילונג, כדי זי זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו
זיין די ערשטע אין וואַש־צימער. דו שפּרינגסט אַריבער צום באַראַק,
כאַפּסט די וואַש־זאַכן און לויפסט צו די קראַנען. דער וואַש־צימער
איז פול אָנגעפּראַפּט — די איבעריקע אָפּטיילונגען זענען אָנגעקומען,
פאַרשטייט זיך, פאַר דיינער. אויך זייער קאָמאַנדיר האָט באַוויזן
גוטהאַרציקייט...

און אַזוי שטייסטו אַ שמוציקער און צעשויבערטער ביי דעם פאַרכאַפּטן קראַן. דאָס וואַסער שפּריצט אויף דיר פון אַלע זייטן, און דו טראַכסט נאָך טיף וועגן דער פרימאָרגן־גימנאַסטיק — אַט די שיינע איבונג, וואָס איר ציל איז דיך צוצוגרייטן צו שלאַכט, פאַרפלאַנצן אין דיין האַרץ מוטיקייט און פרייוויליקייט, צו אַנט־וויקלען דיינע פיזישע און גייסטיקע מעגלעכקייטן און מאַכן דיך פאַר אַ גוטן פוסגייער־זעלנער, אַ רירעוודיקן און דיסציפּלי־נירטן.

אין משך פון צוויי וואָכן האָט אונדז „די שולע פון אינפאַנטעריע", אונטער דער לייטונג פון יהודה צוקערבערגער, געגעבן די אינדיווידועלע איבונגען, וואָס האָבן באַדאַרפט אין דער צוקונפט אָפּראַטעווען דאָס לעבן פון אַ סך פון אונדז. ווען דער קורס האָט זיך פאַרענדיקט זענען מיר אַריבערגעגאַנגען, מיט אַ פייערלעכן פּאַראַד, אין אַ קעמפנדיקער איינהייט — אין ערשטן פּאַלק פון חי"ש, תל־אָביב.

אין די פיר אורלויב־טעג איז געווען די גלענצנדיקע געלעגנהייט אָפּצוטראַכטן וועגן די פאַרגאַנגענע צוויי וואָכן. איך האָב כמעט נישט געקאָנט רירן מיינע אברים, ווייל אין ערשטן טאָג פון די אינדיווידועלע איבונגען בין איך פאַרוואונדעט געוואָרן.

דאָס האָט פּאַסירט ביי אַן אָנגריפס־איבונג. די קאָמאַנדירן זענען געקומען זיך צוקוקן און קאָנטראָלירן צי האָבן מיר טאַקע דערלערנט דאָס, וואָס מיר האָבן געדאַרפט דערלערנען. אין אַן אָנגריף האָט דער מ"ם־כף געוואָרפן אַ לעבעדיקן האַנט־גראַנאַט נישט אין דער געהעריקער ריכטונג. דאָס איז געפאַלן אַ פּאָר שריט פאַר מיר. איך ווידער, אַ גרינגער רעקרוט ווי איך בין, לויף איך גלייך צו זיין זייט, און בין אַריבער. דער האַנט־גראַנאַט האָט גע־פּלאַצט אַ פּאָר שריט הינטער מיר. איך בין לייכט פאַרוואונדעט געוואָרן אין אָרעם און אין קני.

מיינע „בירגערלעכע" חברים זענען געקומען מיך באַזוכן, און, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ פאַרוואונדעטן העלד, האָב איך זיי אויפגענומען אין בעט. מיר האָבן געשמועסט וועגן פאַרשידנס. און דעמאָלט האָב איך צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז עס איז אין מיר פאָרגעקומען אַן ענדערונג. אין די דאָזיקע צוויי וואָכן בין איך געוואָרן אַן אַנדערער מענטש.

4־טער מערץ 1948, אין אורלויב.

מיר זענען געוואָרן זעלנער

דער איבונגס־לאַגער איז געגליכן צו אַ ריזן־מאַשין: פון איין זייט גייט אַריין דער מענטשן־רוי־שטאָף, און פון דער צווייטער זייט קומען אַרויס זעלנער.

דער זעלנער איז נישט עפּעס אַ בירגער, וואָס קען זיך באַנוצן מיט געווער און זיך באַוועגן לויט געוויסע באַפעלן. דער זעלנער איז אַן אַנדער מענטשלעך באַשעפעניש מיט אַן אייגענער וועלט.

אייער זון, אייער ברודער, אייער קרוב גייט אַרויס אין קעמפּ. אין צוויי וואָכן אַרום קערט ער זיך אום צו אייך, אויף דעם אורלויב זיינעם, אין פלוג כמעט נישט געענדערט. ער איז מער אָפּגעברענט, די הויט פון דער נאָז שיילט זיך אים און די הענט זענען באַצירט מיט קליינע וואונדן פון פעלד־איבונגען. אָבער ווען ער דערנענטערט זיך צו אייך וועט איר באַמערקן, אַז עפּעס־וואָס האָט זיך אין אים געביטן — עפּעס־וואָס טיפס און גרינטלעכס. ער פילט אַנדערש, רעדט אַנדערש, פירט זיך אויף אַנדערש. און קיינמאָל וועט איר נישט פאַרשטיין גענוי דעם באַטייט פון דער ענדערונג.

פאַר אייך זענען די צוויי וואָכן געווען אַ קורצער צייט־אָפּשניט. איר האָט כמעט נישט דערפילט ווי זיי זענען אַריבער. אָבער פאַר אים זענען די צוויי וואָכן געווען אַ קליינע אייביקייט, און אַלץ פאַר דעם זעט אויס אין זיינע אויגן ווי אַ זייער ווייטע און אַ זייער פרעמדע פאַרגאַנגענהייט.

וואָס איז מיט אים געשען אין די דאָזיקע צוויי וואָכן? ער האָט אויסגעטאָן איין געשטאַלט און אָנגעטאָן אַ צווייטע, אָנגעוואָרן אַ וועלט און דערוואָרבן אַ וועלט. און געווען איז דאָס אַ פּראָצעס, וואָס באַגלייט האָבן אים יסורים און ווייטיקן.

די ערשטע דריי־פיר טעג זענען די ערגסטע. ער איז אַריין אין קעמפּ אין אַן אַטמאָספער פון אָנגעשטרענגטער דערוואַרטונג, גרייט צו אַ נייעם שטייגער, וועלכן ער האָט זיך געמאָלן אין דער פאַנטאַזיע מיט ראָמאַנטישע ליכטיקע קאָלירן. און אָט איז דער דאָזיקער שטייגער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווירקלעכקייט, אַ גראָע ווירקלעכקייט, גראָ ביז גאָר. ער האָט געקלערט וועגן סטענס, וועגן

קאַנטגראַנאַטן, וועגן אַן אָנגריף מיט געזאַנג, און דאָ איז ער גאַ־
באַשעפטיקט מיט שיך־פּוצן, מיט וואַשן דאָס געשיר אָן וואַרעם
וואַסער, מיט ראַזירן זיך אין אַן ענגשאַפט, וואו מען קען די אָרעמס
נישט אַ ריר טאָן, מיט ריינִיקן דעם הויף, מיט דילן וואַשן, מיטן
אָרדענען די קאָלדרעס אויפן בעט, לויט אַ ספּעציעלער אויסגעקליגל־
טער שיטה.

און דאָס אַלץ טוסטו נישט פון דיין פרייען ווילן. דו ביסט
פאַרשקלאַפט צו אַ באַפעל. מען טרייבט דיך אונטער, מען שטופּט
דיך, מען שרייט אויף דיר. אין יעדער איינהייט געפינען זיך בטלנים
און פּרינציפּיעלע דיסציפּלין־ברעכער, וואָס איבער זיי איז דער
קאָמאַנדיר מכבד די גאַנצע איינהייט מיט אַ האַרבער באַפעלן־שפּראַך.

די שטאַרקסטע איבערלעבעניש פון דער ערשטער איבונגס־
צייט איז דער פולשטענדיקער איבעררייס מיט דעם דרויסנדיקער
וועלט. דער איבעררייס איז נישט בלויז אַ „טעכנישער", נאָר אויך
אַ זעלישער. דו פאַרלירסט דעם אינטערעס אין אַלץ, וואָס איז נאָך
ביי דיר נעכטן געווען חשוב און טייער, אין דיינע קולטורעלע,
פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע ענינים. דאָס אַלץ איז דער
„אינדרויסן"; און דער „אינדרויסן" — איז פרעמד און ווייט. אין די
ערשטע טעג וועסטו אפשר פּרובן לייענען די צייטונג אין לייען־זאַל
(אויב זי איז פאַראַן), אָבער נאָך אַ וואָך לייענסטו נישט מער די
די קעפּלעך, און נאָך צוויי וואָכן לייענסטו שוין גאָר נישט.

דער קאָנטאַקט דיינער מיטן „אינדרויסן" קאָנצענטרירט זיך
אין איין פּונקט, אין דיין משפּחה אָדער אין דיין חברטע, אָדער אין
עפּעס אַנדערער געשטאַלט, וואָס באַצייכנט פאַר דיר די אויסער־
לעכע וועלט. וועגן זיי דענקסטו ווען דו קלערסט וועגן אָפיציעלן
אורלויב אָדער „נישט־אָפיציעלן". באַזוכן די היים אָדער זען דיין
חברטע — דאָס איז דער העכסטער פּונקט פון דיין שטרעבונג.
אַמאָל קאָנסטו זיך אפילו איינשטעלן פאַר דער שטרעבונג, אַנטלויפן
אויף אַ קורצן אָוונט און זיצן דערפאַר אַ טאָג אין וואַך־צימער.

די צווייטע איבערלעבעניש איז — די געזעלשאַפט, אין וועלכער
דו געפינסט זיך. „אינדרויסן" פלעגסטו פאַרקערן אין אַ קרייז פון
חברים מער־ווייניקער צוגעפּאַסטע. דאָ אָבער איז די גאַנצע יוגנט
אויסגעמישט, אָן אַן אונטערשייד פון פּערזענלעכע אייגנשאַפטן, פאַר־
מעגן, אָפּשטאַמונג אָדער קולטורעלן הויך. די ערשטע טעג האָט דאָס

זיי געטאָן. עס איז דיר שווער צו באַקומען אַ קאָנטאַקט מיט די
מענטשן, מיט וועלכע דו פאַרברענגסט פּיראונצוואַנציק שעה אין
מעת־לעת. האָסט נישט קיין „אייגן ווינקל״. און אַזוי אַרום מוזטו
חילנדיק־נישט־ווילנדיק זיך „איינאָרדנען״ אין דער געזעלשאַפט.
און נאָך אַ צייט טרעפסטו אויך, אַז צווישן זיי זענען פאַראַנען גוטע
און שלעכטע, ווערסט ביי זיי אַנטפּלעקן נישט־דערוואַרטע אייגנשאַפטן.
דו פאַרבינדסט זיך מיט זיי, נישט־ווויסנדיק. געמיינזאַמע זכרונות
און יסורים דערנענטערן זיי צו דיין האַרץ.
און אַזוי אין געציילטע טעג, וואָס זעען דיר אויס ווי אַן אייביקייט,
„געוויינסטו זיך צו״ צום פּלאַץ. דו לערנסט זיך אַרויסדרייען פון
נישט אנגענעמענע פליכטן, הייבסט זיך אַן „אָריענטירן אין שטח״.
דו ווערסט געוואוינט צו זאַכן, וואָס האָבן דיר אויסגעזען מיט אַ פּאָר
טעג צוריק ווי אַ פּייניקונג, וואָס מען קען עס נישט דולדן, געפינסט
דיר פאַרוויילונגען, וואָס דו פלעגסט פיינט האָבן „אינדרויסן״ —
אַ פּאָר צוקערקעס, וואָס דו קייסט באַהאַלטן בעת די נאַכט־פעלד־
איבונגען, אָדער סתם ליגנדיק אויף דר'ערד אין קרייז פון חברים,
אין אַ ציל און שווייגנדיק.
זעסט נייע חברים קומען אַריין אין קעמפּ, שמייכלסט איבער
די גרינע „רעקרוטן״, גיבסט זיי עצות, פילסט זיך „אַלטגעזעסן״
און דערפאַרן.
און ווען דו גייסט אַרויס, נאָך צוויי וואָכן, אויף דעם ערשטן
אורלויב, ווערסטו זיך דרייען אויף די גאַסן פון שטאָט און זי איז
דיר פרעמד; ווערסט רעדן צו דיינע חברים און באַקאַנטע און פילן,
אַז עפּעס־וואָס צעטיילט אייך.
ביסט געוואָרן אַ זעלנער.

די גאַס האָט זיך איינגעקוקט אין אונדז מיט אַ ציטער פון שטאָלץ. די
מדינה איז נאָך געווען אין דער צוקונפט. עס איז נאָך שווער געווען צו
באַגרייפן, זענען עס טאַקע יידישע יונגעלייט די, וואָס גייען פאַרביי און טראָגן
עפּנטלעך זייער געווער. און מיר האָבן געשפּרייזט גלייכע, שטאָלצע איבערן
מיליטער און זיין געווער. מיר האָבן אָבער נישט געהאַט קיין ליד. עס איז
נישט געשאַפן געוואָרן דאָס גרויסע ליד, דאָס פּשוטע, וואָס זאָל אויסדריקן
די געהויבנקייט פון דער שעה. צום ערשטן מאָל האָב איך דערפילט, אַז די
גרויסע דערוואַכונג, וואָס האָט אויפגעטרייסלט ווי אַן ערד־ציטערניש די נשמה

פון דער יידישער יוגנט, איז נישט אַריינגעדרונגען אין די הערצער פון זי מענטשן מיט גייסט. די שרייבער און דיכטער, און צווישן זיי אויך די, וואָס דער עולם האָט זיך איינגעוואוינט צו רופן „יונגע שרייבער", זענען געזעסן באַהאַלטן אין זייערע היימען, גלייך גאָרנישט האָט פּאַסירט. זיי זענען נישט מיטגעגאַנגען מיט אונדז אין וועג פון יסורים און רייכע איבערלעבענישן.

8־טער מערץ 1948, אין מאַרשרוט.

מיליטער-לידער

אַן איינהייט קומט צוריק אויסגעמאַטערט פון אַ מאַרשרוט. די מענטשן זענען מיד און צעבראָכן. יעדן דוכט זיך, ער וועט נישט קענען ווייטער מיטגיין, אָט וועט ער אַ פאַל טאָן צו דער ערד, אין אַ מינוט, צוויי. און פּלוצים הייבט איינער אָן אַ מאַרש-ליד. דער צווייטער און דער דריטער שליסן זיך אָן — די אָפּטיילונג זינגט. די שיך טופּן ווידער אויפן שאָסיי, די אָרעמס באַוועגן זיך מיט טאַקט, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם נעמט אַדורך דער טאַקט פונעם ליד. די מידקייט פאַרגעסט זיך. די אָפּטיילונג שפּאַנט ווייטער — פיר, פינף קילאָמעטער און קיין איינציקער פאַלט נישט אַרויס פון דער ריי.

ווער עס האָט נישט מיטגעמאַכט אַזאַ איבערלעבעניש, קאָן אויך נישט פאַרשטיין די ווערט פון אַזאַ מאַרש-ליד. דו לייענסט די ווערטער און ס'איז אין זיי גאָרנישט נישטאָ. וואָס, למשל, פאַר אַ טיפן באַטייט האָט אַזאַ ליד: —

„איז געגאַנגען בומזי אויפן כביש.
און האָט געטראָפן אַ מענטש פון חי"ש —
בומזי, בומזי, בומזי, בום..."

אַ באַריש ליד, וועט איר זאָגן. אָבער אויב איר וועט מאָרגן גיין אויפן מאַרשרוט און אייער חבר אין דער ריי וועט עס אָנהייבן זינגען, וועט איר שרייען מיטן גאַנצן כוח פון אייער באַגייסטערונג ביז הייזעריק צו ווערן. פאַרוואָס? איינפאַך, ווייל די מעלאָדיע „העלפט". ווייל זי גיט דיר נייע ענערגיע, ווייל זי העלפט דיר פאַרגעסן די מידקייט דיינע, דיינע צרות און דיין קאָמאַנדיר.

דאס מארש־ליד פעלט אונדז מער ווי יעטוועדער אנדערע מיליטערישע אויסשטאטונג. אין אנדערע ארמייען — ביים רוסישן, דייטשן, ענגלישן און אמעריקאנער מיליטער — זענען פאראן מיליטער־לידער אין די הונדערטער. זיי זענען געשאפן געווארן אין דער ריי אין משך פון דורות, און די בעסטע דיכטער און קאמפאזיטארן האבן דערצו נאך צוגעשאפן. מיר אבער פארמאגן נישט אפילו איין רעכט מיליטעריש מארש־ליד. די לידער, וואס זענען פארשריבן אין אונדזערע לידער־בזכלעד, קאן זיין, אז זיי זענען זייער שיינע און יעדעס איז א קונסט־שאפונג. מען קען אבער נישט שפאנען לויט זיי. די מעלאדיעס זענען קאמפליצירטע און נישט לייכט אויפצוכאפן. זיי פארמאגן נישט דעם־א פשוטן און שארפן טאקט, וואס באצייכנט דאס גוטע מיליטערישע ליד. יעדעס ליד איז ווי א קליינע סימפאניע אין א מיניאטור. עס שפירט זיך, אז דער קאמפאזיטאר האט געוואלט שאפן עפעס־וואס ספעציעלעס און נייס, וואס אזוינס איז נאך נישט געוועזן. מיר, אבער, וואלטן זיך געוועזן באגנוגנט מיט א פשוט שאבלאנען ליד — מיטן באדינג, עס זאל אונטערטרייבן אונדזערע טריט און פארפלאנצן אין אונדזער הארצן דעם גייסט פונעם מארש.

פאראן א באקאנטע אמתע מעשה פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ביים גרויסן ריקצוג פון די סאם־ליניעס איז אן איינהייט פון בריטישן מיליטער געבליבן הינטערשטעליק. די מענטשן, ביז גאר פארמאטערטע, האבן גערוט ארום א ברונעם אין א פארלאזטן דארף, און נישט געוואלט זיך רירן. קיין שום באמיאונגען פון די קאמאנדירן האבן נישט געהאלפן. און אט האט זיך באוויזן אן אלטער בריטישער קאלאנעל. ער האט גענומען דעם טרומייטער־בלאזער פון דער איינהייט, אריינגעריסן זיך איז א געשעפט פון שפילצייג און האט „קאנפיסקירט" א קינדערישע פויק און א טרומייטער. מיט די דאזיקע כלים זענען ביידע ארויס פארן פלאץ ביים ברונעם און אנגעהויבן שפילן דאס באוואוסטע ליד פון בריטישן פוסגייער־מיליטער —

„זיי רעדן פון אלעכסאנדער און הערקולעס... אבער קיין אייב־ציקער פון די גיבורים פון דער פארגאנגענהייט קען זיך נישט גלייכן צו דער בריטישער פיסגייערייי..."

דערהערנדיק די אלטע מעלאדיע, דעם פראכטפולן טאקט, וואס

איז פאַר זיי געווען דער גאַנצער „שטאָלץ פון דער אייניקייט“, האָבן זיך די מענטשן אויפגעהויבן איינער נאָכן אַנדערן, געשטעלט אין די רייען און אָנגעהויבן מאַרשירן נאָכן קאָלאָנעל. און אַזוי זענען די געדאַטעוועט געוואָרן פון געפאַנגענשאַפט.

מיר פאַרמאָגן נישט אַזעלכע לידער.

דערווייל „שלעפּט מען“ מעלאָדיעס און לידער פון אַלע עקן וועלט. אָנהייבנדיק פונעם אויסטראַלישן „יופּי־חי“ ביז צום רוסישן „רייטער־ליד“, וועסטו געפינען אין אונדזערע אייניקייטן אַן אינטער־נאַציאָנאַלע זאַמלונג פון מאַרש־לידער. אַ סך פון זיי זענען איבער־געזעצט געוואָרן אויף העברעאיש, אַ טייל דורך דילעטאַנטן, וואָס האָבן נישט איבעריק אַכט־געלייגט אויף דער גראַמאַטיק, און אַ טייל מיט גרויס טאַלענט, ווי דאָס ליד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע אין שפּאַניע, וואָס איז ביי אונדז אַרויס אין אַ נייער אויסלאַגע —

„אויב דו ווילסט מיך טרעפן, ווייס מיך וואו צו זוכן —
אין פראָנט שכונות התקוה שטייט פאַרלאָזט אַ הויז...“

אָבער דאָס אַלץ פּטרט נישט אָפּ די דיכטער און קאָמפּאָזיטאָרן אונדזערע צו געבן זייער ביישטייער. מיר ווילן פון זיי באַקומען נייע לידער, וואו ס'איז פאַראַן יידישער גייסט, פּשוטע לידער מיט טאַקט וואָס זאָלן אויסדריקן אונדזער גייסט. דאָס דאַרפן נישט זיין קיין סימפאָניעס און קיין קלאַסישע שאַפונגען. זיי דאַרפן זיין פיינע, איינפאַכע, קלאָרע לידער, וואָס יעדער זעלנער אין דער ריי, וואָס האָט געענדיקט דריי קלאַסן פאָלקס־שול, זאָל זיך קענען „אַנוואָרע־מען“ ביי זיי.

און ביז דאַן, וועלן מיר זיך ווי עס איז באַנוגענען מיט דעם וואָס איז דאָ, מיט „טאַמאַראַ האָפּ־האָפּ־האָפּ“ אָדער „יו־לאַ־לאַ“.

אין פאַרלויף פון עטלעכע וואָכן זענען מיר איבערגעבליבן אין הינטער־לאַנד אַלס א רעזערוו־פאָלק פון אַ נייער בריגאַדע, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געשאַפן געוואָרן. אין אירע הענט איז איבערגעגעבן געוואָרן דער גורל פונעם דרום־פראָנט — די בריגאַדע פון גבעתי. מיר האָבן אויסגענוצט די ווינציקע וואָכן נישט נאָר פאַר שלאַכט־איבונגען, נאָר אויך אויסצוקריסטאַליזירן אונדזער גייסט ווי אַן אייניקייט. מיר האָבן געלערנט דערקענען איינער דעם

צווייטן, און אויסגעלערנט זיך אַכטן אונדזערע קאָמאַנדירן. מיר האָבן איינ־געאָרדנט אינערלעכע מסיבות מיט אייגענע כוחות, מיר האָבן אין זיך אַנטוויקלט דעם גייסט פון דער פלוגה. קאָן זיין, אַז קיינער פון אונדז, אויסער דעם קאָמאַנדיר פון דער פלוגה, אריה שפּאַק, האָט נישט פאַרשטאַנען אין דעם מאָמענט, ווי גרויס עס וועט זיין די ווערט פון דעם דאָזיקן גייסט בעתן קאַמף.

1־טער מערץ, 1948, קעמפּ „יונה".

מ"ם־כ"פ׳ן

מ׳זאָגט, אַז דער מ"ם־כ"ף איז דער רוקנביין פונעם מיליטער. אָבער מען דאַרף אים גאָרנישט מקנא זיין.

דער מ"ם־כ"ף טוט די שוואַרצע אַרבעט פון באַפעלן. ער האָט די אַנגענעמע אויפגאַבע אַראָפּצוציען די וואַרעמע קאָלדרעס פון די זעלנער, וואָס שטייען נישט אויף פּינקטלעך אַזייגער 5.45 צו דער פרימאָרגן־גימנאַסטיק; ער דאַרף שיין אויסשטעלן די ריי פון די הונגעריקע זעלנער, וואָס קלאַפּן מיטן עס־געשיר; ער דאַרף אויסלעשן די ליכט 10 אַזייגער אין אָוונט, פּונקט ווען די זעלנער האָבן אָנגעהויבן זיך דערמאָנען אַלע געפּעפּערטע וויצן, וואָס זיי האָבן געהערט אין די לעצטע חדשים.

בקיצור, דער מ"ם־כ"ף איז דער דירעקטער קאָמאַנדיר, וואָס כאַפּט אַריין אַלע זאַפטיקע קללות פון די זעלנער, און איז נאָך נישט קיין שותף צו דעם לויב פון די אָפיצירן.

פאַרשידענע קאַטעגאָריעס מ"ם־כ"פ׳ן האָבן מיר קענענגע־לערנט — מ"ם־כ"פ׳ן, וואָס מיר האָבן זיי ליב געהאַט און מיר זענען פייאיק געווען זיי נאָכצוגיין איז וואַסער און איז פייער (אַדער בעסער געזאָגט, באַ"ש און בתס"ח) און מ"ם־כ"פ׳ן, וואָס מיר פלעגן אויסנוצן יעדע געלעגנהייט זיי צו „באַגראָבן".

צו דער ערשטער קאַטעגאָריע האָט געהערט גרישאַ. דער גרישאַ איז געווען אַ וואונדערבאַרער בחור. עס איז נישט געווען קיין שמיפּערײַ. ער זאָל נישט אָנטייל נעמען מיט זיין גרופּע. די צאָל באַשולדיקונגען קעגן אים און די שטראָפן, וואָס ער האָט באַקומען, איז נישט געווען קלענער ווי די צאָל שטראָפן, וואָס עס

האבן באקומען די בעסטע פון אונדז. ער האט געטרונקען פונעם דורך אונדז געגנבעטן קאניאק און האט אונדז צוגעהאלפן מיט צענער קלייניקייטן, פון וועלכע עס איז אפהענגיק אונדזער גליק.

אנטקעגן האבן מיר נישט ליב געהאט שמעונען, דעם מיט די צוויי שווארצע וואנסן, וואס זענען זיין שטאלץ. ער פלעגט היטן דעם „דיסטאנס": ער פלעגט זיך נישט חברן מיט די פשוטע זעלנער, ביי דער פויזע פון פ"א פלעגט ער זיך אוועקזעצן 20 מעטער ווייט מיטן רוקן צו אונדז, און קיינמאל פלעגט ער נישט א שמייכל טאן. איינמאל בלויז האב איך געזען א לייכט פארקרימען זיך פון די ווינקלען פון זיין מויל, ווען ער האט דערזען אונדזער „חבר-טשוואק" אין א ווייסן נאכט-העמד.

די באציאונגען צווישן דעם מ"ם-כ"ף און זיינע זעלנער זענען ענלעך צו די באציאונגען צווישן א בחור און א מיידל דערמיט, וואס זיי ווערן פעסטגעשטעלט פונעם ערשטן בליק. די זעלנער זענען ביי זיך אין באראק. עס הערט זיך „הקשב!" — און דער מ"ם-מ"ם שטעלט-פאר דעם נייעם מ"ם-כף. פופצן פאר אויגן קוקן אים אן. אויב ער קווענקלט זיך, אויב ער ווייזט-ארויס אומזיכער-קייט און פרווט עס פארדעקן מיט א „שוויץ", אויב ער באמיט זיך „צו מאכן אן איינדרוק" — איז ער פארפאלן. ס'האט זיך שוין געבילדעט א געהיימער בונד פון זעלנער אים „מסדר צו זיין". איז פאראן צווישן זיי איינער אדער צוויי געניטע אין דעם פאך, איז שוין פאר זיי קיין שום נישטא.

ערגער איז די לאגע פון די מ"ם-כ"פ'ן, וואס זענען יונגער פון זייערע זעלנער. אזא, אין עלטער פון 25 יאר, וואס „איינדרויסנ" איז ער מייסטער ביי דער ארבעט, איז שווער צו שטיין „דום" פאר א ניינצן-יאריקן מ"ם-כ"ף, וואס פארמאגט בלויז פאלקס-שול-בילדונג. אויב דער מ"ם-כ"ף פארמאגט נישט קיין איינגעבוירענעם טאקט, ווערט זיין לאגע נאך ערגער, ווען ער נעמט „שוויצן".

א באזונדערע קאטעגאריע זענען יענע מ"ם-כ"פ'ן, וואס ווילן פון זייערע גרופן מאכן „מוסטערהאפטע איינהייטן" — אויפן חשבון פון די פשוטע זעלנער. פארשטייט זיך. איינער אזא איז געווען אונדזער ראובקע, א ניינצן יאריקער מ"ם-כ"ף. דער-א ראובקע איז געווען, אין פלוג, א וואונדערבארער בחור. ער האט אבער ליב געהאט זיך צו הערן, בלויז זיך אליין. קיינמאל פלעג ער נישט

מותר זיין אויף דער געלעגנהייט „ארײַנצוהאַקן אַ רעדל“. נאָר פאַר דעם פלעג ער צוגעבן די ווערטער: — „איך וויל אייך נישט ארײַנהאַקן קיין ציוניסטישע רעדע, דערפאַר...“ ביי דער פרימאָרגן־גימנאַסטיק פלעג יעדע איבונג, וואָס האָט געדויערט איין מינוט, באַגלייט ווערן מיט אַ רעדע פון 3 מינוטן, און ס'האָט אונדז געדראָט די סכנה צו פאַרקילן זיך.

דער פאָפולערער מ״ס־כ״ף איז דער, וואָס קען גוט זיין מיליטעריש פאַך, וואָס לייגט אכט אויף די וויכטיקסטע זאַכן און איז מותר אויף יעדן איבעריקן „שוויץ“ (בטיח אספר״ אדער „חאראַבאַסאַ״ בלע״ז), אַזעלכער וואָס זאָרגט פאַר די מענטשן און קען זיין אַ חבר אין דער ריכטיקער שעה, אפילו ביי קליינע עבירות. ווען אַזאַ מ״ס־כ״ף — און אַ סך אַזעלכע האָבן מיר ביי אונדז געזען — קאָן מען באמת זאָגן, אַז ער איז דער רוקנביין פונעם מיליטער.

אויף איינע פון אונדזערע מסיבות האָט איך דערציילט אַ וויץ: אַ קאַמף־זעלנער פרוווט זיין מזל ביי אַ מיידל, אָבער אומזיסט. צום סוף פּלאַצט זייך געדולט און ער גיט אַ זאָג מיט כעס: „מילא, איך קען דיך נישט צווינגען מיך ליב צו האָבן, אָבער וואו איז דיין נאַציאָנאַל געוויסן?“

דער דאָזיקער וויץ האָט אויסגעדרוקט דעם גייסט פונעם יישוב אין יענע טעג. דער בירגער האָט געוואוסט, אַז ער קומט אַ גרויסן חוב די יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין די קאַמף־איינהייטן און זענען אַרויס צונישט מאַכן אַ סכנה, וואָס ער האָט ערשט איצט דערזען איר גרויזאַמקייט. אויך די מיידלשע הערצער זענען געווען מיט די דאָזיקע זעלנער, וועלכע האָבן נישט געטראָגן קיין אָפּצייכנונגען פון ראַנגעס, דערפאַר אָבער מיט שטאָלץ אַרויסגעוויזן זייער צוגעהעריקייט צו די קעמפנדיקע איינהייטן.

18־טער מערץ 1948, קעמפּ „יונה“.

די טעכטער

אַ פרעמדער ווען ער וועט ארײַנקוקן אין אונדזער שלאָף־צימער צונט־צייט און צוהערן זיך אַ ווײַלע צו אונדזערע שמועסן, וועט ער זיכער זיין (אויב ער איז נישט קיין מומחה פאַר צ׳יזבאַת), אַז מיר זענען אַ באַנדע דאָן־זשואַנען. יעדער איינער פון אונדז דאַרף

נישט מער ווי א ווינק טאָן מיט א פינגער, וואַקסט פאַר אים אויס א פּאַלק שיינע, פיינע מיידלעך, וואָס ווערן פאַר אים „משוגע". דער צומייסטן טאַלאַנטירטער שרייבער וועט נישט קאָנען איבערחזרן די אוואַנטורעס אונדזערע מיט די מיידלעך, אָדער דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן בדעה זיי צו טאָן, אויב מיר וועלן גאָר אַרויס פון קעמפּ אויף א צוויי־דריי שעה.

פאַרוואָס דערציילן מיר אַזעלכע מעשיות? שווער דאָס צו דערקלערן. יעדער איינער האָט מורא, אַז מען וועט אים נישט האַלטן פאַר א מאַנספּערשוין, אויב ער וועט נישט רעדן ווי א וואָלף וואָס פאַרצוקט פרויען. און אין פרייען געוועט פון צ׳יזבאַת וויל קיינער נישט בלייבן הינטערשטעליק.

למען האמת זענען מיר גאַרנישט אַזוי ווילד. פונדעסטוועגן איז דער מונדיר משפּיע אויף אונדז. אַפילו די פון אונדז, וואָס זענען אַמאָל געווען רואיקע און צוריקגעהאַלטענע בחורים, איידער זיי זענען געקומען אַהער, — וויבאַלד זיי האָבן אָנגעטאָן דעם מונדיר, איז אין זיי פאַרגעקומען א גרויסע פּסיכאָלאָגישע ענדערונג. זיי זענען חוצפּהדיק אין גאַס, ווינקען צו א מיידל, „מאַכן קאָנטשאַפט" אין סינעמא נישט פאַרגעשטעלטערהייט אוּת אָן הקדמות. און ווייל די מיידלעך האָבן, ווייזט אויס, א שוואַכקייט צו אַזעלכע, וואָס טראָגן מונדירן, אַזעלכע וואָס קענען דערציילן וועגן הונדערט אמתע און אויסגעטראַכטע אָנגריפן, אין וועלכע זיי האָבן אָנטייל גענומען, זענען מיר נישט געוואוינט זיך איבעריק צוריקצוהאַלטן. ווען מיר זענען אַלע צוזאַמען, ווען מיר מאַרשירן אין גאַס, איז נאַטירלעך, אַז מיר פּלאַצן אַרויס מיט א געשריי „א־לאַ־לאַ" אָדער מיט „קיפּעק־היי", ווי נאָר מיר דערזען א קליידל, שיין אָדער ווייניקער שיין.

אָבער דאָס איז בלויז א האַלבער אמת. פון אונטערן „רויד־פאַרהאַנג" פון חוצפּה, העזה און געמאַכטע ווילדקייט איז דער זעלנער זייער א סענטימענטאַלער.

א מיידל „אינדרויסן" וועט קיינמאָל נישט פאַרשטיין, וואָסער ראָל זי שפּילט אין לעבן פון דעם זעלנער. וועלכער געפינט זיך „דרינען". בעת ער פאַרלירט דעם פּסיכישן קאָנטאַקט מיט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיין מאָביליזירן זיך, בלייבט זי, על פּי רוב, דער איינציקער קאָנטאַקט צווישן אים און דעם „דרויסן".

צו איר בענקט ער, וועגן איר חלומט ער. מיט איר שמועסט ער־אדער שפּאַצירט אין זיינע חלומות אויף דער וואָך, בעת ער ליגט אויסגעצויגן אויף זיין גע־ּגער. „דערהרגעט" פון די פאַרמאַטערנ־דיקע פעלד־איבונגען, אַ באַדעקטער מיט שמוץ און שוויס.

גליקלעך זענען די יעניקע, וואָס האָבן אין דרויסן אַ „שטענ־דיקע" בחורה, און אויף זייער געטריישאַפט קענען זיי זיך פאַרלאָזן. זיי פאַרמאָגן אַן אַנהאַלטס־פּונקט, אַ פעסטן קאָנטאַקט מיט דער גרויסער וועלט. און פון דאַנען די אינטערעסאַנטע דערשיינונג: אַ בחור איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ מיידל עטלעכע מאָל פאַר זיין מאָביליזירן זיך. און די זאַך איז נישט אַרויס פון די ראַמען פון אַן אויבערפלעכלעכער באַקאַנטשאַפט. און ווען ער טרעט נאָך אַריין אין קעמפּ, וועבט ער שוין אַרום איר גאַנצע חלומות. אין זיין פאַנטאַזיע איז זי אים שוין „אַ שטענדיקע חבר'טע". נאָך אַ ביסל, וועט ער זי נעמען פאַר אַ פרוי. ער בענקט נאָך אורלויב, בדי צו לויפן צו איר. און ווען עס קומט שוין דער טאָג, באַגעגנט זי אים מיט אַ קאַלטקייט, זי פאַרשטייט נישט בכלל, וואָס ער וויל פון איר. פירט זיך אויף מיט אים אכזריותדיק, נישט פאַרשטיי־ענדיק דעם באַטייט פון זיין אויסטערלישער אויפפירונג.

אַזאַ איבערלעבעניש איז אינטערנאַציאָנאַל: די אַמעריקאַנער זעלנער פלעגן וועגן דעם דערציילן אַ וויץ: אַ זעלנער איז אַרויס אין שלאַכט אין שטילן אָקעאַן, נאָך צוויי יאָר באַקומט ער אַ צעטעלע פון זיין כלה, אַז ס'איז איר נמאס געוואָרן וואַרטן אויף אים, אַז זי גייט חתונה האָבן מיט אַ צווייטן, און זי בעט אים אומ־צוקערן איר בילד. די וועלט איז אים אונטערגעגאַנגען, זיין לעצ־טער קאָנטאַקט מיט דער „היים" איז איבערגעריסן געוואָרן. ער קלערט וועגן זעלבסטמאָרד. אָבער ער טרעפט אַ בעסערן אופן זיך נוקם צו זיין אין איר: — ער זאַמלט אָן פון זיינע חברים בילדער פון מיידלעך, סינעמאַ שוישפּילערינס, אַרטיקע מיידלעך און זעלנערקעס. פּאַקט זיי אַלע צוזאַמען אין איין גרויס פּעקל און שיקט עס צו דער געוועזענער חברטע זיינער מיט אַזאַ צעטעלע צוגע־לייגט: נאָך דעם ווי ער האָט פאַרגעסן גענוי ווער זי איז, זאָל זי אַזוי גוט זיין אַרויסנעמען איר בילד פון דעם פּעקל און דאָס איבעריקע אים צוריקשיקן...

פאַראַן מיידלעך, וואָס פאַרמאָגן אַן איינגעבוירענע פעאיקייט אויפצונעמען זעלנער אויף אורלויב. דו ווילסט אין זייער געזעלשאַפט אַ שעה צוויי, און דערנאָך קערסטו זיך אום אין קעמפ מיט אַן אויפגעפרישטער ענערגיע וויניקסטנס פאַר אַ וואָך. נאָר זיי זענען די מינדערהייט — און דער רוב פון די מיידלעך זענען נישט אימשטאַנד צו פאַרשטיין די נשמה פונעם זעלנער. נישט איינמאָל האָב איך געזען, אַ זעלנער קערט זיך אום אין קעמפ איידער עס האָט זיך אויסגעלאָזט די צייט פון זיין אורלויב. ס'איז אים „נמאס" געוואָרן די געזעלשאַפט פונעם מיידל און ער האָט זי פאַרלאָזן. און בלויז דער, וואָס ווייסט מיט וואָסער איינגעשפּאַרטקייט עס בענקט אַ זעלנער נאָך זיין אורלויב, נאָך צוויי שעה „איינדרויסן", צו אַ געשפּרעך מיט אַ מיידל, וועט שוין גוט פאַרשטיין וואָס דאָס באַטייט.

דאָס איז מער וויניקער, דער אמת וועגן דעם זעלנער פּרויעןיעגער. און אויב דו וועסט אים דאָס צווייטע מאָל באַגעגענען אין גאַס, ווי ער פייפט צו דיר, מאַכט אַן אייגל צו דיר, אָדער וואַרפט דיר אַ שפּאַסיקע באַמערקונג — זיי נישט בייז, און האַלט אים נישט פאַר אַן האָפענונגסלאָזן פּרא־אדם. געדענק, אַז ער איז אַ מענטש גלייך ווי דו, וואָס קאָן זיך אויפפירן אַנדערש, און בלויז זיינע לעבנס־באַדינגונגען באַוועגן אים זיך אַ ביסל מכלומרשט ווילד צו מאַכן.

אין איינעם פון די אוגנטן זענען אונדזערע קאָמאַנדירן פאַרשוואונדן. צומאָרגנס האָט מען דערציילט וועגן אַן אַנטשיידענעם קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען איז קרוד־קימת בנין אין בית־דגון, אַ שוץ־פּונקט אַ וויכטיקער צו פאַרזיכערן דעם וועגן־קנופּ פון תל־אביב צו די דרומדיקע יישובים און קיין ירושלים. אַ קליינע איינהייט פון גבעתיס מענטשן האָבן געשיצט דעם פּונקט אין כמעט פאַרצווייפלטע באַדינגונגען.

דאָס איז געווען דער ערשטער צייכן, אַז אונדזער פּאָלק, וואָס איז ספּעציעל צוגעגרייט געוואָרן פאַר באַזונדערע אָפּעראַציעס, וועט אַריינגעוואָרפן ווערן אין קאַמף. דער דערשטיקונגס־שלייף האָט זיך פאַרצויגן אַרום דעם האַלז פונעם יישוב. דאָס מיליטער האָט צוגעגרייט זיך צו אַן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג דורכצורייסן די באַלאַגערונג.

22־טער מערץ, 1948, קעמפ „יונה"

פאר דער שלאכט

א דראמאטישער טאג אין דעם לעבן פונעם קעמפ:

מיר זענען געלעגן אויפן גראז פאר די געצעלטן, און מיר האבן הנאה געהאט פון דער מיטאג־פויזע. די אינטעליגענטע פון אונדז האבן געהאלטן א צייטונג און געקוקט אין הימל אריין, און די אנדערע האבן אויסגעגאסן זייער ביטער הארץ אויף די קאמאנדירן און געהאלטן אן עצה, ווי אזוי זיך ארויסצודרייען פון די נאכמיטאגדיקע פעלד־איבונגען. אין געצעלט זענען געזעסן צוויי און האבן געקלערט אויפן קול ווי אזוי צו פארברענגען א נישט־אפיציעלן אורלויב.

און פלוצים — א ציילונג. מיר גייען איבער צום ברייטן פלאץ. די געוויינלעכע באפעלן: אין ריי! — רעכטס גלייך! — צום פראנט די געוויינלעכע באפעלן: ריי זיך! — רעכטס גלייך! — צום פראנט קוק! — צייל זיך! — באקוועם שטיי! — פריי שטיין. מיר פירן אויס די באפעלן אויף א מעכאנישן אופן, ווען אין קאפ איז א פוילע פראגע: וואס איז איצט פארא קאפ־דרייעניש?

אריה, דער מ. פ. פארנעמט א פלאץ פארן פאראד. זיין קאפ איז אויסגעשטרעקט פארויס, ווי דער שטייגער. אויך זיין מונדיר ווי געוויינלעך — זיין ספעציעלער באטל־דרעס. אבער פונדעסט־וועגן איז אין אים דא אן ענדערונג. ער איז ערנסטער, ווי געוויינ־לעך, ער איז כמעט פייערלעך.

אריה לייענט פאר א באפעל פונעם פאלק־קאמאנדיר. די פלוגה ווערט אויפגעפאדערט ארויסצוגעבן 50 מענטשן פארשטאר־קערונג פאר געוויסע אקציע־באזעס. די נעמען פון די וואס גייען ארויס זענען נאך נישט באשטימט געווארן, זיי וועלן פארעפנטלעכט ווערן אין אוונט. די, וואס זייען ארויס, וועלן וויסן צו היטן דעם כבוד פון דער איינהייט א. א. וו.

אין ערשטן מאמענט כאפן מיר נישט דעם ענין. ביזן היינטיקן טאג זענען מיר געווען אין איבונגס־קעמפ. מיר האבן טאקע גע־לערנט גוט די מלאכה פון פארטיליקן, מיר האבן געלערנט שפרינגען, און קריכן און אנלאדן און שיסן, אבער ס'איז אונדז

גישט איינגעפאלן, אז די איבונגען זענען נישט מער ווי א צוגרייטונג פאר אן אמתער זאך.

דער פאראד גייט זיך פאנאנדער. מיר שטייגן אויף די מאשינען כדי ארויסצופארן צו די פעלד־איבונגען. ווי געוויינלעך זענען מיר געוואוינט צו רודערן, צו קוויטשען און שרייען, כדי אויף זיך צו ציען די אויפמערקזאמקייט פון דער גאס, און ספעציעל די אויגן פון די מיידלעך. אבער דאסמאל זענען מיר רואיק, גאר רואיק. מיר זינגען נישט, נישט „בומזי־בומזי" און אויך נישט „יו־לא־לא". אייניקע ברומען אונטער „איז פראגט פון שכונת התקווה", א מעלאנכאליש זעלנער־ליד. דאסמאל דריקט עס אויס אונדזער שטימונג.

יעדער איינער פון אונדז פרעגט זיך: צי וועט מיין נאמען זיין אויף דער ליסטע? אדער אפשר וועל איך זיך דארפן צעשיידן פון מיינע חברים? און איך האב זיך נישט באוויזן צו געזעגנען מיט קיינעם — נישט מיט די עלטערן און נישט מיט מיינע פריינט. דער קאמאנדיר האט געמאלדן, אז אלע אורלויבן זענען בטל, און אז מען דארף זיין גרייט באלד ארויסצוגיין אין משך פון 20 מינוט נאכן באקומען די מעלדונג.

דאס ערשטע מאל קומט אונדז אויפן געדאנק, אז נאך אלעמען איז דער איבונגס־קעמפ נישט אזא שלעכטער פלאץ. דו געפינסט זיך נאענט צו דער היים, לייענסט א צייטונג, ווען דו גייסט ארויס אויף א פאר שעה אורלויב, קאנסטו באזוכן דיינע חברים און גיין אין סינעמא. דאס עסן איז גוט, און אפילו די שטרענגסט זיך אן ביים קריכן און שפרינגען, פייפן נישט איבער דיין קאפ קיין קוילן פונעם שונא.

קיינער שטערט נישט ביי די איבונגען. מיר אלע פארשטייען איצט, אז מיר איבן זיך פאר אונדזער טובה וועגן, און נישט פאר דער הנאה פונעם מ״ם־כ״ף. מיר בייגן ווי געהעריק אן דעם קאפ, קריכן ריכטיק, מען שפרינגט און מען פאלט מיט שנעלע באוועגונגען.

פארנאכט קערן מיר זיך אום אין קעמפ אריין. מיר האבן גאר־וואס איבערגעביטן די קליידער — און ווידער א ציילונג. ווידער די געוויינלעכע באפעלן. מיר שטייען רואיק אין דער ריי. מיר ווארטן אויף דער ליסטע.

דער קאמאנדיר כאפט א בליק אויף אונדז אלעמען. אין האנט

האלט ער א ווייס שטיקל פאפיר. מיר ווייסן: — ס'איז די ליסטע.

„איך לייען פאר די נעמען פון די מענטשן, וואס געהערן צו דער פארשטארקונג נומער איינס. די מענטשן וועלן זיך אויסשטעלן פאר מיר צו דריי...“

א נאמען נאך א נאמען. נאך יעדן נאמען ציטערט אויף דיין הארץ. אט: א גוטער חבר גייט ארויס. און אט איז גוסטאוו, דער ארטיסט פון דער פלוגה. מיר וועלן מער נישט זען די פארשטע־לונגען אין שלאף־צימער איידער מען לעשט אין אוונט אויס דאס ליכט. און אט איז מיין שותף צום שאך־שפיל.

מיר שטייען פולשטענדיק רואיק. יעדער ווארט אויף זיין נאמען. איינציקווייז פארלאזט מען די ריי, מ'גייט אריבער און מען ארדנט זיך איין אין א נייער איינהייט נעבן דעם קאמאנדיר.

די איבערגעבליבענע שטייען אין צעבראכענע רייען, און די גרויסע לעכער באצייכענען די פלעצער פון די אוועקגייענדיקע. מיר קוקן זיך אן איינער דעם צווייטן — ווי פאריתומטע. קיינער פרייט זיך נישט דערמיט וואס ער איז איבערגעבליבן. יעדער איינער קלערט וועגן די גוטע חברים זיינע, וואס גייען ארויס.

די איבערגעבליבענע שטעלן זיך אויס אין א נייער גרופע. מען פירט זיי איבער אין קולטור־זאל אויף א פארלעזונג. אבער קיינער קאנצענטרירט זיך נישט. פון מאל צו מאל כאפן מיר א בליק דורכן פענצטער צו זען די חברים, וואס פאקן זייערע פעקלעך, וואס זאמלען זיך פאר די מאשינען און פארכאפן אין זיי פלעצער.

דער קאמאנדיר דערפילט די אומרואיקייט. ער גיט אונדז א פאר מינוט זיך צו געזעגענען מיט אונדזערע חברים. מיר באמיען זיך צו שמייכלען, אויסטוישן וויצן, אנביטן מאראנצן. יעדער איינער ווייסט, וואס יעדער פילט. א שווייגנדיקן האנט־דרוק. די וואס גייען ארויס זענען אונדז נישט מקנא. זיי ווייסן, אין געציילטע טעג וועלן מיר גיין נאך זייערע שריט.

די מאשין רירט זיך, א לעצטער מאך מיט די הענט. מיר קערן זיך אום אין קולטור־זאל. די פארלעזונג גייט ווייטער. א פרעמדער, ווען ער קומט אריין, וואלט נישט דערפילט, אז ס'איז פארגעקומען אן ענדערונג אין אונדז. אבער איך מעיד פון דעם האלבן טאג איז אונדז געשען עפעס־וואס. פון רעקרוטן זענען מיר געווארן זעלנער.

צווייטער קאַפּיטל

די פייער־פּראָבע

1־טער אַפּריל, 1948.

פינף אַזייגער אינדערפרי רייסן זיך אַריין די קאָמאַנדירן אין שלאָף־זאַל און וועקן אונדז אויף. פרימאָרגן־גימנאַסטיק איז נישטאָ. מיר געפינען זיך אין אַ צושטאַנד פון שטרענגער גרייטשאַפט. מען דאַרף זיך גרייטן צום אַרויסמאַרש.

פּלוצים דערמאָנען מיר זיך, אַז היינט איז דער ערשטער אַפּריל. פון אַלע ווינקלען פון זאַל ברעכט־אויס אַ געלעכטער. סאַראַ וויץ! אָבער אָט קומען די חברים פון דער נאַכט־וואַך. זיי דערציילן, אַז נאָך האַלבער נאַכט זענען אַלאַרמירט געוואָרן די קאָמאַנדירן צום שטאַב פון פּאָלק. איז עס טאַקע אַן ערנסטער ענין.

פיבערהאַפט פּאַקן מיר אונדזערע זאַכן. די „וויכטיקע" זאַכן דאַרפן מיר מיט זיך מיטנעמען, דאָס איבעריקע וועט בלייבן אין תּל־אביב. אָבער ווי ווייסט מען דאָס וואָס איז וויכטיק? מיר האָבן אָנגעשטאָפּט אונדזערע רוקזעק ביז מיר זענען באַלאָדן געוואָרן ווי ריכטיקע טרעגער. רעקרוטן זענען מיר געווען...

די עצם אַקציע איז אַ סוד. אָבער אַ סך פון אונדז פּרווון טרעפן. מיר ווייסן, אַז ירושלים איז באַלאַגערט, און ס'איז נישט מעגלעך אַריבערצופירן קיין קאָנוואָיען. דאָס איז אַ לעבנס־פראַגע פאַרן גאַנצן יישוב. די אומשטענדן צווינגען דאָס יידישע מיליטער אַריבערצוגיין, צום ערשטן מאָל, צו אַ גרויסער אָפענסיווע.

אין אָוונט פירט מען אונדז אַריבער אין אַ צייטווייליקן קעמפ אין דער געגנט פון תּל־אביבער פּאָרט. פיר פאַרשטאַרקונגס־גרופן קלייבן זיך דאָרט צונויף, — אַ גרויסער כוח לויטן פאַרנעם פון יענע טעג. צום ערשטן מאָל גיט אונדז דאָס מיליטער אַ פולע אויסשטאַטונג, אויסטראַלישע שלאַכט־מונדירן, זאָקן־מיצן, שיך.

מיר שלאָפן צו אַכצן אין איין ביידל און די שטימונג איז אַ געהויבענע.

חברים דערציילן נסים ונפלאות וועגן דעם „שווערן" געווער, וואָס זיי האָבן געזען מיט זייערע אייגענע אויגן אין אַ ווינקל פון קעמפּ: אַ מאַשין־געווער בראַונינג, אַן אַנטי־טאַנק געווער, אַפילו אַ מאַשין־געווער „שוואַרצדאָזאַ"!! אָבער קיינער פון אונדז האָט קיין ביקס נישט געזען.

אין דער צייט האָט זיך אָפּגעשפּילט אין מיטן ים אַ דראַמע, וועגן וועלכער מיר האָבן נישט געוואוסט. די ערשטע געווער־שיף פון דעם יידישן מיליטער האָט געפּרוווט אַדורכרייסן די בריטישע בלאָקאַדע. די שיף האָט אין אירע מאַגאַזינען געטראָגן ביקסן און מאַשין־געווער, פון וועלכע ס'איז געווען אָפּהענגיק דער גורל פון דער אַקציע, דער גורל פון ארץ־ישראל. בריטישע קריגס־שיפן האָבן זי אַנטפּלעקט, אָבער אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט האָט זיך דאָס שיפל אָפּגעטראָגן. דעם 2־טן אַפּריל איז עס אָנגעקומען צום תל־אביבער פּאָרט. אין דעם מאָמענט איז געבוירן געוואָרן די אַקציע „נחשון".

נאָך מיטאָג איז פאָרגעקומען דער פּאַראַד פון דער פלוגה. די פלוגה איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן לויטן פעלד־רעגולאַמין. אריה שפּאַק, דער מ.כ., האַלט אין זיינע הענט דעם בויגן פּאַפּיר און לייענט אַרויס איין נאָמען נאָכן אַנדערן.

„אָפּטיילונג נומער איינס: דער קאָמאַנדיר פון דעם אָפּטייל — יעקב בורשטיין". יעקב, אַ נידעריקער, מאָגערער, מיט אַ יאַפּאַניש פּנים און ברילן, שטעלט זיך אַוועק אין מיטן דער ריי. „דער אונטערקאָמאַנדיר פון דעם אָפּטייל — חיים בולמאַן". דיקלעך, הויך, ברייטביינערדיק, מיט אַ שמייכלענדיק פּנים, שטעלט זיך הינטער אים; „גרופּע נומער איינס: שלמה גריימאַן, אורי אבנרי, משה שאַצקי..."

מיר קוקן זיך אָן און דרינגען דורך איינער דעם צווייטן. מיר האָבן געוואוסט, אַז פון איצט אָן וועלן מיר לעבן צוזאַמען, מיר וועלן זיך דאַרפן פאַרלאָזן איינער אויפן צווייטן אין אַ סכנה. מיר פאַרלאָזן זיך אויף אונדזערע קאָמאַנדירן.

און פּלוצים אַ גערודער אין קעמפּ — די ביקסן זענען אָנגעקומען. מיר לויפן זיך איינקוקן אין דעם היסטאָרישן בילד: די קאַסטנס האָבן זיך געעפנט — און אָט זענען די ביקסן. נייע, גוט געאיילטע. אַ שפע אַמוניציע.

באַלד טרעטן מיר צו צו דער אַרבעט. יעדער באַקומט זיין ביקס, זיין פּערזענלעך געווער. מיר זיצן אין דער אַלץ פאַרגרעסערטער פינצטערניש און רייניקן אָפּ דעם שמיר, נישט האָבנדיק קיין קורצילער און פלאַנעלקעס. און די־אָ גאַנצע צייט ביז שפּעט אין מיטן נאַכט האָט אונדזער האַרץ געפּרוווט פאַרדייען דאָס גרויסע געשעעניש, וואָס הייסט: — די פּערזענלעכע ביקס ביים יידישן זעלנער.

מיר קענען נישט איינדרימלען. יאַנעק לעווקאָוויטש, אַ קליינער פּליט, וואָס קען זיך גוט אויס אויף דייטש געווער, דערקלערט אונדז, ווי מען באַגייט זיך מיט דער ביקס, מיט וועלכער מיר האָבן קיינמאָל נישט געאיבט.

אין קעמפּ האָט זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז מאָרגן פרי גייען מיר אַרויס צו אַן אַקציע. קיינער שלאָפט נישט.

שבת, דעם 3־טן אַפּריל, 1948.

פינף אַ זייגער אין דער פרי עסן מיר פרישטיק. דאָסמאָל גייט אַלץ אַדורך אין אַ מוסטערהאַפטער אָרדענונג. מיר שטייען אין אַ לאַנגער ריי, מען באַקומט די פּאָרציע, מען עסט און מען קערט זיך אום אין געצעלט.

די זאַכן זענען איינגעפּאַקט. דאָס געווער ריין. די פיר אָפּטיילן זענען גרייט צו טאָט.

עס קומען די אויטאָבוסן. מיר גייען אַרויף. פון מויל צו מויל גייט איבער דער באַפעל: פאַרבאָטן צו זינגען, פאַרבאָטן צו מאַכן אַ רעש, מען טאָר נישט באַווייזן דאָס געווער. זאָל קיינער פון די תל־אביבער בירגער נישט באַמערקן דעם גרויסן כוח, וואָס פאַרלאָזט די שטאָט.

מיר פאָרן דורך די פּוסטע גאַסן. די שטאָט שלאָפט.

אין אַ ווינקל שטייט אַ בירגער, אַן אַלטער יעקע, אָנגעטאָן אין אַ הוט, ער זעט די פולע אויטאָבוסן מיט יונגעלייט אין כאַקי. און פּלוצים הייבט ער אויף זיין האַנט און נעמט אַראָפּ דעם הוט. דער בירגער סאַלוטירט דעם זעלנער מיט אַ פּשוטער באַוועגונג, אַ ספּאָנטאַנישער, וואָס רירט דאָס האַרץ.

איך קוק זיך צו צו מיינע חברים. קיינער פון זיי האָט עס נישט באַמערקט, אויסער מיר.

די שטאָט בלייבט אונטער אונדז. פון ווייטן זעען זיך די אַראַבישע בונקערס פון יפו און תל־אריש. און ממש אין דער סעקונדע, ווי לויט אַ באַפעל, ברעכן מיר אויס אין אַ מעכטיק געזאַנג: „גלויב מיר, אַז אַ טאָג קומט־אָן, גוט וועט זיין, איך זאָג דיר צו, דיך אַרומנעמען איך קום, און דערציילן אַלעס דיר...“

מיר פאָרן פאַרביי די וויסטע זאַמדן פון „מולדת“. איך טראַכט וועגן ערשטן קאַמף, וואָס שטייט אונדז פאָר. צי וועלן מיר עסביישטיין? און אין די קאַמפן דערנאָך? און איך בין זיכער, אַז די מלחמה וועט זיין זייער אַ לאַנגע, און רעגולער מיליטער וועט אַריינדרינגען אין לאַנד.

די חברים זינגען: „און דעמאָלט וועלן מיר וויסן, אַז דער קאַמף האָט אַ גרונט, כאָטש דער פּרייז איז זייער טייער...“

מיר אַלע זענען גערירט. מיידלעך מיט סטענס, וואָס היטן דעם אָפּשניט פונעם פאַרזיכערונגס־וועג אין די פּרדסים צווישן מולדת און דעם שאָסיי פון ראשון־לציון, באַגריסן אונדז מיט די הענט און שמייכלען. מיר זינגען.

דעם גאַנצן טאָג זיצן מיר אויף אַ וויסט פעלד ביי רמת־אהרון: מען טיילט אונדז אויס דאָס צום מיינסטן נישט באַליבט געווער — האַנט־גראַנאַטן. עס קומען אונדז באַקוקן העכערע קאָמאַנדירן. פאַראַנען אַזעלכע צווישן זיי, וואָס מיר קענען זייערע נעמען. אָט דער אָפיציר, אָנגעטאָן אין אַ גרינלעכן קאָמאָפלאַש־מאַנטל, הייסט חיים לאַסקאָוו, און דער בלאָנדער דאָרט איז שמעון „גבעתי".

נאָכמיטאָג שיסט יעדער פון אונדז אויס פינף קוילן, אויסצופּרוּוון די כלים. צום ערשטן מאָל שמעקן מיר דעם דאָזיקן ספּעציעלן גערוך פון שיספּולווער. צום ערשטן מאָל דערפילן מיר דעם צוריקשטויס פונעם שאָס אין אונדזערע אַקסלען.

פאַרנאַכט פאָרן מיר קיין נען. אַ לייכטער שפּעט־רעגן פאַלט. מיר מוזן נאָך אָנקומען קיין חולדה, אײדער די פינצטערניש לאָזט זיך אַראָפּ.

דער פּאַראָל איז — „נחשון".

4־טער אַפּריל, 1948, קאַמף־באַזע אין חולדה.

דער ערשטער קרבן

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן זענען מיר ארויס — אַ לאַנגע איינצל־שורה, מענטשן פון שטאַב, די וואָס טראָגן ביקסן, מאַשין־געווער, הילף־גרופּן און אַלע ביייהילפיקע זאַכן. עס זעט אונדז אויס גאָר־גרינג — אַ נאַכט־מאַרש פון זעקס קילאָמעטער. מיר האָבן געוואוסט, אַז עס זענען דאָ אַראַבישע דערפער אין דער געגנט. אָבער קיינער האָט עס נישט געהאַלטן פאַר וויכטיק.

נאָך אַ הונדערט שריט האָט זיך געביטן אונדזער מיינונג וועגן דעם שיינעם שפּאַציר. מיר האָבן גענומען שפּירן די שווערע לאַסט.

נאָך אַ פערטל שעה זענען מיר געווען מיד, נאָך אַ האַלבער שעה — געהרגעטע, און נאָך דרייפערטל שעה זענען מיר שוין געוואָרן אַפּאַטיש צו אַלץ. נאָך אַ שעה זענען מיר געגאַנגען ווי מיט פיבער, מיר האָבן זיך געוואַקלט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, און געגליטשט זיך צווישן די בייטן פונעם אויפגעאַקערטן פעלד.

פון צייט צו צייט האָט זיך די ריי אָפּגעשטעלט. אַ סימן, אַז דער אויספירער בראש קאָנטראָלירט עפּעס. צייטנווייז האָט מען זיך איבערגעגעבן געשעפּטשעטע באַפעלן, פון אָנהויב ריי ביז צום עק.

„צוויי מעטער דיסטאַנס פון מענטש צו מענטש!"
„פאַרמאַכן דעם דיסטאַנס!"
„נישט מאַכן קיין רעש!"
„צי זענען אַלע דאָ?"

ערגעץ־וואו האָט זיך צעפינקלט אַ ליכט. דאָרט — אַזוי האָט מען אונדז געזאָגט — געפינט זיך די באַזע, צו וועלכע מיר דאַרפן צוקומען. עס ווייזט אָבער אויס, אַז דאָס דאָזיקע טייוול־ליכט דערווייטערט זיך אַלץ מער, ווען מיר דערנענטערן זיך צו אים.

אַט איז אַ וואַדי. דאָס וואַסער שטייט דאָרט אַ פּאָר סענטימעטער טיף. איך ווייס אַליין נישט, ווי אַזוי איך בין איר אַריבער. איך בין געשפּרונגען, געגליטשט זיך, געדראַפּעט זיך. יאַסקע, דער מ. כ., שטרעקט מיר אויס זיין האַנט, און איך העלף שלמהן, וועלכער גייט נאָך מיר.

די ריי פאַרהאַלט זיך. ביים וועג — אַ קליין אַראַביש הייזל. דאָס, ווייזט אויס, איז דאָס אַראַבישע דאָרף נענה, וועגן וועלכן מ'האָט אונדז דערציילט. מיר ליגן אויף דער ערד אַ צען מינוטן. פון גרויס מידקייט רירן מיר נישט קיין אבר. יעדער האָט מורא פאַר דער מינוט ווען מען וועט מוזן אויפשטיין. טראָץ דעם שטייען מיר שוין ווי ס'איז אויף. די ריזן־ריי גייט־דורך נישט געהערט אין אַ דיסטאַנס פון אַ פּאָר מעטער — דער זיג פון דעם שטרענגן לימוד, וואָס מיר האָבן באַקומען הינטערן פּראַנט, ביי די נאַכט פעלד־איבונגען.

ווידער פאַרהאַלט זיך די ריי. דאַסמאָל דערשיינט ביי אונדז דער קוריער פון דער אַפּטייל. ער שעפּטשעט עפּעס־וואָס יוספן, יוסף, ווידער, שטייט אויף און ווינקט צו מיר. אונדזער גרופּע גייט פאַרויס ביי דער זייט פון דער גרויסער שורה. צום שפּיץ פון דער ריי. דאָרטן וואַרט אויף אונדז אריה, דער קאָמאַנדיר פון דער אַפּטייל.

„אויף לינקס — צעשפּרייט זיך" — שעפּטשעט מיר יאַסקע, און איך גיב איבער דעם באַפעל ווייטער. מיר צעשפּרייטן זיך לינקס, צוויי מעטער איינער פונעם צווייטן, אַזוי אַז מיר בילדן אַ שאַרפן ווינקל מיטן שפּיץ פון דער גרויסער ריי. יאַסקע שטעלט זיך אין צענטער פון דער גרופּע. איך בין דער עקסטרעמסטער פון רעכטס.

„ווער איז?"

איך דערקען אריהס קול.

„אורי!"

ער איז צו מיר צוגעגאַנגען.

„האַלט אַן אויגן־קאָנטאַקט מיט דעם־אַ מענטש!"

איך זע ווי ער ווייזט אַן אויף דעם מענטש, וואָס איז אָנגעטאָן אין העלע כאַקי־הויזן. אין דער פינצטער זעען זיי אויס ווייס, און שטאַרק אָנזעעוודיק. ער האַלט אַ מאַשין־געווער, אַ סימן, אַז ער איז אַ קאָמאַנדיר. ווייזט־אויס, אַ קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג, וואָס שפּאַנט פאַראויס דער גרויסער ריי, און די אויפגאַבע פון מיין גרופּע איז זי צו פאַרזיכערן פון לינקס. איך שטעל מיר פאָר, אַז אַ צווייטע גרופּע פאַרזיכערט זי פון רעכטס.

מיר שפּאַנען, אָדער בעסער געזאָגט, פאַלן פאָראויס. מיר האָבן אָראָפּגענומען די ביקסן פונעם אַקסל, און זיי זענען גרייט צו טאָט און „אויסגלייך". שוין נאָך די ערשטע טריט ווערט צע־שטערט די ריי. עס איז אוממעגלעך צו האַלטן אַ גלייכע ליניע אויף ווייטע דיסטאַנסן, אויף אַ געאַקערט פעלד און אין אַזאַ מידן צושטאַנד. שלמה, וואָס האָט געדאַרפט זיין ביי מיין לינקער זייט, געפינט זיך ערגעץ הינטער מיר. איך באַמי זיך, אויף וויפל ס'איז מעגלעך, צו האַלטן דעם אויגן־קאָנטאַקט מיט דעם מענטש פון די העלע הויזן.

איך ווייס נישט וויפל צייט מיר זענען אַזוי געגאַנגען. אפשר פינף מינוט און אפשר אַ האַלבע שעה. איך האָב שוין פון לאַנג פאַרלוירן דאָס געפיל פאַר צייט, און בין געגאַנגען פאַראויס אויטאָמאַטיש, אַן אַ ווילן.

איך קוק זיך אום אין אַ זייט. מיין גרופּע איז הינטערשטעליק הינטער מיר מיט אַ פּאָר שריט. זאָל זיי די פינצטערניש בעמען, טראַכט איך מיר, אויב ס'וועט עפּעס־וואָס געשען...

איך ווייס אַליין נישט ווי־אַזוי איך בין געפאַלן צו דר'ערד. מיין קערפּער איז פון זיך אַליין געפאַלן, אין אַן אינסטינקטיווער באַוועגונג. פאַלנדיק זע איך די פייער־פלאַמען. די שאָסן זענען געפאַלן פון אַ צען שריט העכסטנס. זיי האָבן אַ פייף־געטאָן ביי מיין אויער.

טאַק־טאַק־טאַק־טאַק טאַק־טאַק־טאַק.

אַן אַ באַוועגונג ליג איך אויף דער ערד. איך פיל, אַז עס־

פעלט מיר וואָס. ווי איז דער רידל? ווייזט־אויס, אַז איך האָב אים אָוועקגעוואָרפן בשעתן פאַלן. מיט לאַנגזאַמע באַוועגונגען שמירט איך מיין האַנט. אָט איז ער. איך לייג אים אַרויף אויף מיין האַנט.

איך קאָנטראָליר זיך. דער מוח אַרבעט אין אָרדענונג — אין האַרצן לויב איך זיך, אַז ס'איז מיר געלונגען אָפּצוהיטן מיין קאַלטבלוטיקייט. איך מרווח אויסגראָבן אַ גריבל אונטער מיין קאָפּ אָבער די ערד איז האַרט ווי אַ שטיין — ווייזט אויס אַ טשעזשקע. פּאַמעלעך לייג איך אַוועק די קאָלדרעס און באַהאַלט דעם קאָפּ אין זיי. מילא, אויך דאָס איז אַ שוץ...

די קוילן פייפן ווייטער. און פלוצים — שטיל. צי האָט דער פיינט אָפּגעצויגן? פון ווייטן הער איך, אַז אויך ביים אַראַבישן צאָרף האָט זיך אַנטוויקלט אַ שיסעריי־אויסטויש. איך הער קלאָר די אַראַבישע געשרייען — „אַחמאַד!“, „תעאַל האָן!“.

איך קוק אין דער זייט. שלמה ליגט קווער הינטער מיר, נעבן משהן. ביידע צוגעדריקט צו דער ערד ווי איך און שעלטן אין דער שטיל. איך זע נישט קיינעם אויסער זיי — אַלע ליגן גוט, אַז אַ ריר.

פלוצים שטייט אויף אַ מענטש און קריכט אויף צוריק. אַ סעקונדע זע איך זיין סילועט אויף דער הימל־ליניע. יעקב ראַכמיליעוויטש, דער קאָמפּאַניע פעלשער.

איצטער ערשט באַמערק איך, אַז עמעץ קרעכצט און יאָמערט הינטער מיר. איך זע נישט ווער עס איז.

„ווער האָט אַ מעסערל?“

איך נעם אַרויס מיין מיליטער־מעסערל און וואַרף עס שלמהן. ער קריכט צום פאַרוואונדעטן. דאָרט, ווייזט־אויס, שניידט מען אויף זיינע קליידער.

דאָס קרעכצן הערט זיך ווייטער. פלוצים הערט עס אויף. ביי מיר איז אַ באַוועגונג. עמעץ גיט עמעצן איבער אַ ראַפּאָרט. איך הער בלויז צוויי אכזריותדיקע ווערטער — „...איינער איז פאַרענדיקט...“

צי זענען דאָ נאָך פאַרוואונדעטע?

מיר בלייבן ווייטער ליגן. אַרום אונדז אַ פולשטענדיקע שטילקייט. מיין ערשטע שפּאַנונג איז פאַרביי און איך הייב ווייטער

אָן טראַכטן. דאָס איז אונדזער פייער־פּרווו, זאָג איך צו זיך. די גרופּע איז געווען אין אָרדענונג. איך זאָל אַזוי לעבן, די גרופּע איז געווען פולשטענדיק אין אָרדענונג. איך חזר עפּעס איבער דעם זאַץ. ער גיט מיר אַ מאָדנע באַפרידיקונג.

„גרופּע נומער איינס — אויף צוריק!"

איך כאַפּ דעם רידל, די ביקס מיט די קאַלדרעס און הייב אָן צו קריכן אויף צוריק.

דאָרט האָט זיך שוין געזאַמלט די גרופּע אַרום דעם טראָג־בעטל פונעם געהרגעטן. מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל אים צו ברענגען צוריק קיין נען.

די קומענדיקע צוויי שעה וועל איך אייביק געדענקען, כאָטש די געשעענישן זענען אַביסל פאַרווישט. אין דער היסטאָריע פונעם אַפּטייל זענען זיי אַריין ווי אַ „טויטן־מאַרש".

ווער עס האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָגן אַ טויטן מענטש, דער ווייסט נישט דעם באַטייט דערפון. ער איז אַ סך שווערער פון אַ לעבעדיקן מענטש.

מיר טראָגן דאָס טראָג־בעטל און אונדזער גאַנץ געווער און אַמוניציע. מיר שפּאַנען, גליטשן זיך און קלערן נישט וועגן קיין זאַך אַ חוץ די שרעקלעכע יסורים. מיר האָבן בלויז איין פאַר־לאַנג — אַוועקוואַרפן דאָס פאַרשאָלטענע טראָג־בעטל, דאָס געווער און אַלע פּריוואַטע זאַכן, און לייגן זיך אויף דער פייכטער ערד און שלאָפן — שלאָפן — און שלאָפן.

אין די מינוטן אַנטפּלעקט זיך אין דער גאַנצער גרויס דער באַטייט פון דער דיסציפּלין. נישט פאָלגנדיק דעם באַפעל פונעם דזשינדזשי, וועלכער גייט פאָראויס, וואָלטן מיר קיינמאָל נישט צוגעקומען צום ציל. אונדז איז נישט איבערגעבליבן אפילו די ענערגיע צו ווידערשפּעניקן, אָדער זיך אַנטקעגנצושטעלן. דער דזשינדזשי, אַ מידער נישט ווייניקער פון אונדז, טרייבט אים אונטער בלויז דאָס געפיל פון אחריות, פון פליכט. אַנישט וואָלט ער אָן כוחות אַנידערגעפאַלן אין פעלד.

מיר זענען אַליין אויפן פּלאַץ — אַ גרופּע יידישע זעלנער־פּוסגייער און אַ טויטער מענטש. יעדער טראָט קען אונדז ברענגען טויט. אונטער יעדן קוסט קען זיך באַהאַלטן אַ לויער פונעם פיינט אָדער אַ לויער פון אַ יידישער גאַענטער ווירטשאַפט, וואָס איך ער־

קען אויף אונדז עפּענען אַ פייער. אַבער אונדז אַרט עס נישט. פון גרויס מידקייט און געשפּאַנטקייט האָבן מיר פאַרלוירן דעם ווילן צום קיום, אַפילו דער טויט זעט אונדז איצט אויס ווי אַ דערלייזונג.

ביז איצט ווייס איך נישט, ווער איז דער טויטער. בעת איך טראָג דעם פאַדערשטן טייל פון דעם טראָג־בעטל, דעקט זיך אויף די דעק איבער זיין קאָפּ.

דאָס פּנים איז מיר באַקאַנט. דאָס איז דאָך יצחק העלער, דער צ. מ. מיט וועלכן איך האָב זיך אינדערפרי באַקענט און אויף זייַן עיינער קאַמפּס־דערשיינונג האָב איך אויפמערקזאַם געמאַכט שלמהן מיט אַ פּאָר שעה צוריק. די דעקע דעקט זיך איינגאַנצן אויף און איך דערזע אַ פּאָר כמעט ווייסע הויזן. איצט דערמאָן איך זיך אַלץ איינצלהייטן — דאָס איז דאָך דער מענטש, וואָס איך האָב געהאַט דעם באַפעל צו האַלטן מיט אים אַן אויגן־קאָנטאַקט.

בעת מעשה בין איך געווען פאַר אים אויפן פּלאַץ, כדי צו שפּאַנען ביי זייַן לינקער זייט. וואָלט איך געגאַנגען אין אָרדענונג, האָלט איך זיך געפונען אין דער פייער־ליניע פון דעם פיינטס מאַשין־געווער. דאָס איז דער אומזיניקער צופאַל פון דער מלחמה, וואָס ראַטעוועט און הרגעט דעם זעלנער אויף אַ גאַנץ צופעליקן אופן.

סוף־סוף קומען מיר אָן קיין נעז. ווען זי אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדזערע אויגן, פאַרלאָזט אונדז שוין דאָס לעצטע ביסל כוחות. מיר לייגן זיך אויף דער ערד און וואַרטן. אַז דער פּאַטראָל זאָל אונדז אַנטקעגנקומען — זאָלן זיי טראָגן דאָס בעטל די לעצטע הונ־דערט מעטער. דער פּאַטראָל פאַרהאַלט זיך. ער געפינט נישט דעם וועג אין דער פינצטער, און מיר שעלטן אים אויף אַלע לשונות וועלכע מיר קענען.

אַבער אויך איצט האָט נישט גענומען קיין סוף צו אונדזערע ליידן. מען לאָזט אונדז נישט רוען, טרינקען אַ גלאָז קאַווע און ליגן אויפן שטרוי־זאַק. מיר דאַרפן בלייבן ביים טויער און וואַרטן אויפן קאַנוואָי פונעם „שווערן״ געווער. וואָס גייט נאָך דער איינהייט צו דער באַזע אין חולדה. נאָך אַ שעה־צוויי רירן די מאַשינען. מיר, מיט די ביקסן, דינען אַלס פאַרזיכערונג. די געלאָדענע ביקס אין אונדזערע הענט. די אויגן קוקן אין דער פינצטערניש. ווען דער קאַנוואָי פאַרהאַלט זיך, שפּרינגען מיר אַראָפּ, גרייט צו מעשים.

קיין חולדה זענען מיר אנגעקומען א זייגער 3 פארנאכט. ס'פאלט א לייכטער רעגן. מיר פילן אים נישט. מיר פילן שוין גאר־נישט. ווען מען וואלט אונדז באשאסן מיט קאנאנען וואלטן מיר זיך נישט גערירט פון פלאץ. מיר ווייסן אפילו נישט וואו מיר געפינען זיך — צי אין דער מיט פונעם נייעם קעמפ, צי אויסער אים.

מיר ווייסן בלויז איין זאך, — אז עס איז אונדז דערלויבט צו שלאפן. מיר נעמען די דעקן און נישט אויסטוענדיק זיך די שיך אפילו, לייגן מיר זיך אויף דער נאסער ערד צווישן ריטשקעלע־רעגן — און מיר דרימלען איין....

א סך צייט צום רוען איז אונדז נישט געגעבן געווארן. נאך מיטאג גייען מיר ארויס אויף א פאטראל. מיר גייען ארום חולדה און דערנענטערן זיך צום לאגער וואדי־סאראר. דארט, ווי מען זאגט, שטייען עיראקישע פרייוויליקע. אויפן וועג, ביי דער באן־ליניע באמערקן מיר עס דערנענטערט זיך א צוג. מיר לייגן זיך אויס אויף דער ערד און שטעלן־אן אונדזערע מאשין־געווער אין די מארטערס. דער צוג איז פול מיט בריטישע זעלנער, וואס פארן אויפן קיין מצרים. דערזעענדיק אונדזער אנגעשטעלט געווער, ווערן זיי דערשטוינט. ס'האט זאגנישט פאסירט, חוץ וואס מיר האבן זיך איינגעריכט אין בלאטע.

דעם ערשטן אפריל קומען־אן סוף־סוף די מאשינען אריבערצופירן פראוויאנט פאר ירושלים. איצט איז אלץ גרייט. עס פעלט בלויז דער באפעל.

7־טער אפריל, 1948, פאזיציע „בועז פינף", אנטקעגן וואדי־סאראר.

דיר-מוחייסין

פיר נאך מיטאג נעמט מען אונדז ארויס פון די ביידלעך. דער אפטייל זיצט אין א האלב־קרייז. א געשפאנטע דערווארטונג. מיר ווייסן: — איצט וועט מען אונדז אויסזאגן די איינצלהייטן פון דער אקציע. די אקציע צו וועלכער מיר גרייטן זיך שוין טעג און קיינער פון אונדז ווייסט נאך נישט מיט וואס זי שמעקט.

אריה, דער קאמאנדיר פון דער קאמפאניע, דערנענטערט זיך צו אונדז. ער קוקט זיך איין אין אונדז א ווײַלע און גייט גלייך צום ענין. אזוי פירט ער זיך — זאגן אונדז דעם אמת אין א זאכלעכער שפראך, אן „ציוניסטישקייט" און אן פראזן.

דער גדוד וועט היינט ביינאַכט אַטאַקירן. דער צוועק — דורכהאַקן דעם וועג קיין ירושלים. די איבעריקע גרופּן וועלן אויספירן צעטומלונגס־אַקציעס און מינירונגס־אַרבעט אויפן גאַנצן שטח ביז לאַטרון און רמלה. אויף אונדזער איינהייט און נאָך איינער איז אויסגעפאַלן צו פאַרכאַפּן אַ משלט, וועלכער הערשט אויפן דאָרף דיר־מוחייסין און מינירן די וועגן, וואָס פירן צו אים. אַז מיר וועלן פאַרענדיקן די אַרבעט, וועט דער קאָנוואָי אַרויסגיין קיין ירושלים. אין פאַל מען וועט אים אָנגרייפן, דאַרפן מיר באַשעפטיקן דאָס דאָרף. קאַיאַר, וועלן מיר אָנגרייפן דאָס דאָרף און עס איינגעמען.

דאָס דאָרף דיר־מוחיסין ליגט אויפן וועג צווישן חולדה און לאַטרון. איינגעמען עס מיינט איינגעמען די אַראַבישע באַזעס, וואָס גרייפן אָן אונדזערע טראַנספּאָרטן.

די זאַכן פאַרדייען מיר גאָר גיך. איצט פאַרשטייען מיר, פאַרוואָס האָט מען צוגעגרייט די אַקציע אין אַזאַ ברייטן מאַסשטאַב. דאָס וועט זיין אַ גרויסע אַקציע, אַ היסטאָרישע — צום ערשטן מאָל וועלן מיר אַרבעטן ווי אַ רעגולער מיליטער, מיר וועלן פאַרנעמען אַ דאָרף און פאַרפעסטיקן זיך אין אים. מיר קוקן זיך אָן. אונדז איז קלאָר, אַז אונדזער גדוד איז באַשטימט געוואָרן אַ וויכטיקע אויפגאַבע אין דער אַקציע.

אריה פאַרענדיקט זיינע ווערטער מיט אַ רואיק קול, וואָס לאָזט אין אונדז איבער אַ געפיל פון זיכערקייט. „אויב מירן אַרבעטן אין אָרדנונג און יעדער פון אונדז וועט אויספירן פּינקטלעך, וואָס מ׳האָט אויף אים אַרויפגעלייגט — וועלן מיר קענען דורכפירן אונדזער אויפגאַבע אָן פאַרלוסטן...“

*

מיר קערן זיך אום אין אונדזערע געצעלטן און פאַרענדיקן די הכנות. איך רייניק אויס דאָס געווער מיינס „רייניקונג פאַר דער אַקציע“. איך קאָנטראָליר יעדן טייל, איך פיר דורך די צילער דורך דער לופע און אייל־אָן דעם שלאָס. איך ווייס: — אין באַשטימטן מעת־לעת וועט מיין לעבן זיין אָפּהענגיק פון דעם קליינעם געצייג.

איך האָב פאַרענדיקט אַלע צוגרייטונגען. צום צענטן מאָל האָב איך קאָנטראָלירט די האַנטגראַנאַטן, האָב צעטיילט די קוילן אין מיינע טאַשן אויף דעם באַקוועמסטן אופן, דעם אינדיווידועלן באַנ־

דאָזש אין זײַן געהעריקער טאַש. עס זענען מיר איבערגעבליבן צוויי שעה. איך האָב נישט וואָס צו טאָן.

איך ליג אין ביידל. בײַ מײַן רעכטער זײַט ליגט מײַן חבר שלמה. ביידע שווײַגן מיר.

מיר איז שווער צו גלויבן, אַז בלויז מיט דרײַ טעג צוריק בין איך נאָך געווען אַ רעקרוט אין אַן איבונגס־קעמפּ. אַזוי פּיל שוין דורכגעמאַכט פון זינט מען האָט אונדז אויפגעוועקט אין דער דאָזיקער מיטנאַכט און אונדז געמאָלדן, אַז מיר דאַרפן זיך גרייטן צום אַרויסמאַרש אין פאַרלויף פון צוויי שעה. די סותרדיקע קלאַנגען, וועגן אָרט פון דער אַקציע און איר פאַרנעם, די פּרוּוון אַריבער־צושיקן אַ לעצטן צעטל צו די עלטערן, דאָס מאָדנע געפיל, וועגן מיר האָבן געזען דאָס שווערע געווער, זאַמלען זיך אין דער באַזע און די קלאָרקייט, אַז ס׳האַנדלט זיך דאָסמאָל וועגן אַן אַקציע פון אַ גרויסן פאַרנעם. דער נאַכט־מאַרש פון נען קיין חולדה, — אַ וועלט פון איבערלעבענישן, וואָס מאַכט אונדז פאַרגעסן די גליקלעכע טעג פון דעם איבונגס־קעמפּ.

אַלזאָ, מיר גייען אין קאַמף. מאָדנע — אויך אין איבונגס־קעמפּ האָבן מיר געוואוסט, אַז מען גרייט אונדז צו דעם דאָזיקן טאָג. מיר האָבן זיך אָבער נישט פאָרגעשטעלט די זאַך אַזוי ממשות־דיק.

איך שפּיר אַ מאָדנע געפיל אין מאָגן. צי איז דאָס די שרעק?

איך פרעג שלמהן. אויך ער האָט אַזאַ געפיל. ווײַזט אויס, אַז אַלע פילן מיר דאָס אייגענע. דאָס וועט זײַן די ערשטע שלאַכט אונדזערע. דער פײַער־פּרווו. צי וועלן מיר עס בײַשטיין? מיר זענען זיכער, אַז יאָ. און פונדעסטוועגן דריקט עפּעס אויף אונדז.

די שעה איז געקומען. מיר טוען־אָן דעם גורט. יעדער קאָנטראָלירט צום לעצטן מאָל זײַן אויסשטאַטונג — די ביקס, 150 קוילן, די האַנט־גראַנאַטן, אַ בינטל מאַשין־געווער־קוילן, אַ קויל פון אַ מאַרטער, צוויי באַנדאַזשן, די פאַרציע אײַזן, די מינען פאַר דער פאַר־אַקציע, אַ רידל זיך אײַנצוגראָבן. מיר זענען באַלאָדן ווי לאַסט־בהמות.

נאָכאַנאַנד שפּרינגען מיר אונטער, כדי זיך צו איבערצייגן צי עס קלינגט נישט עפּעס אין אונדזערע טאַשן. עמעצן ברענגט אַ הויפן סאָזשע פונעם פײַער. מיר שמירן־אײַן די פינגער, די

העלדזער און די דלאַניעס, זיי זאָלן נישט גלאַנצן ביינאַכט. איצט זעען מיר אויס ווי קאָמאַנדאָ-זעלנער אין די פילמען.

מיר קוקן זיך אָן און פּלאַצן אויס אין אַ געלעכטער. די געשפּאַנטקייט האָט אויפגעהערט. עמעץ שלאָגט פאָר שלמהן זיך אָנשמירן מיט סאַזשע דעם פּליך, ווען נישט וועט ער שטעלן אין סכנה די גאַנצע קאָמפּאַניע. אָן אַנדערער פרעגט יהודהן פון דמשק, באַך וואָס שמירט ער זיך אָן דאָס פּנים — עס איז דאָך סײַ־ווי שוואַרץ.

יעקב בורשטיק, דער קאָמאַנדיר פון אונדזער אָפּטיילונג, אַ נידעריקער, מיט וואָנסעס און ברילן, שטילט אונדז איין. אויך ער איז געהעריק פאַרסאַזשעט.

דאָ און דאָרט גיט מען איבער באַפעלן און מען פרעגט פראַגן אין דער שטיל. דער גייסט פון דער אַקציע באַהערשט אונדז שוין. „וואו איז דער אָפּטיילונגס-פעלשער?" „העי, דו טעלעגראַפיסט, צו וואָס פאָר אַן אָפּטיילונג געהערסטו?", „קאָמאַנדירן פון די אָפּ־טיילונגען — צו מיר!" „צום טיוול — וואו זענען די מינען?" „וואו איז דער רידל פון גרופּע ב'?" „לייג די באַנדאַזשן אין צווייטן טאַש, צו אַלדע רוחות!" „וואו איז דער אויסשפּירער פונעם פּלמ"ח?"

מיר זיצן אויף דער ערד, כדי צו שפּאָרן יעדן טראָפּן כוח. דער גרופּן־קוריער טרעט צו צו אונדזער מ.מ. עס איז דער מאַרש־באַפעל.

*

דער פּונקט איז געבליבן הינטער אונדז. מיר זענען אַריין אין קעניגרייך פון דער נאַכט. קיינער רעדט נישט. מיר פעדערן זיך אין אַ רוקן־ריי, ווי אַ ריזן שלאַנג.

מיר שפּאַנען בראש.

פאַר מיר גייט דער קאָמאַנדיר פון אונדזער גרופּע, יאָסקע, דער דזשינדזשי. איך נעם נישט אַראָפּ מיין בליק פון אים. די זאָרג פאַר וועלכע איך שרעק זיך אָממיינסטן איז, צו פאַרלירן דעם קאָנטאַקט ביינאַכט. אין מיין קאָפּ דרייען זיך מעשיות, וואָס די האָר שטעלן זיך קאַפּויער. וועגן איינהייטן און זעלנער, וואָס האָבן פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט און געבלאָנדזשעט אַ גאַנצע נאַכט צווישן די פראָנטן, ביז זיי האָבן זיך געפונען צומאַרגנס אינדערפרי איינזאַמע, אין האַרץ פון אַראַבישע שטחים.

איך קריץ־איין אין מיין געדאַנק יעדן אַנזעעוודיקן חפץ. די ליניעס פון דער באַרג־קייט לינקס, ווייסע שטיינער ביי דער זייט פון דעם שטעג, די ריכטונג פון די צפון־שטערן. אויב ס׳וועט עפּעס פּאַסירן, וועל איך כאָטש קענען אַליין צוריקקומען צו דער באַזע.

מיר זענען געגאַנגען לכל הפחות א שעה. מיר געפינען זיך שוין אין מיטן אַראַבישן געביט. יעדע רגע קען מען אויף אונדז עפּענען א פייער פון דער לויער ארויס. עס דוכט מיר, אַז מיר מאַכן אַ מוראדיקן רעש. די שיך טופּען אויף די פעלזן, די גראָזן רוישן. עמעץ הוסט. אַ ביקס קלאַפּט אין אַ וואַסער־שאַל, עמעץ גליטשט זיך אויס. איך באַרואיק זיך אַליין: דער גאַנצער רעש גיסט זיך צונויף מיט די קולות פון דער נאַכט אין אַ דיסטאַנס פון אַ פּאָר טריט. דער פיינט וועט נישט הערן.

די לאַסט דערקוטשעט. פון מאָל צו מאָל שטעלט אונדז אָפּ דער אויסשפּירער, וואָס גייט פאָרויס, כדי צו קאָנטראָלירן דעם שטח. מיר לייגן זיך אוועק אַביסל. „דע־פאַקטאָ“ צוליב פאַרזיכטס־טעמים, אָבער למעשה כדי צו כאַפּן אַ מינוט אָפּרו.

מיר זענען געגאַנגען העכער צוויי שעה. פּאַמעלעך לאָזט זיך איבער אונדז אַראָפּ אַ שטימונג פון „וואָס אַרט עס“, דאָס אַזוי כאַראַקטעריסטישע געפיל פון קאַמף: — עס אַרט דיך שוין נישט, צי מען וועט אויף דיר עפּענען אַ פייער און מען וועט דיך אוועקהרגענען. דער עיקר וועסט שוין מער נישט דאַרפן שלעפּן די גרויזאַמע משא. אין דעם צושטאַנד אַנטפּלעקט זיך די וויכטיקייט פון דעם באַפעל — אָן אים וועסטו נישט דערגיין צום ציל. דער באַפעל טרייבט דיך אונטער, די דיסציפּלין האַלט דיך אונטער, אָן זיי ביסטו פאַרלוירן.

*

מיר האָבן זיך דערנענטערט צום אָנגעצייכנטן פּונקט. אַלע זענען מיד און צעבראָכן. איך הער אריה׳ס קול. ער שעפּטשעט נישט, נאָר רעדט מיט אַ שטיל קול. ס׳איז אין דעם פאַראַן עפּעס וואָס באַרואיקט אונדזערע נערוון, וואָס פילט אונדז אָן אַ געפיל פון זיכערקייט. ער ברענגט אַריין אָרדענונג אין דער ריי.

אונדזער גרופּע פאַרלאָזט די אַלגעמיינע ריי און גייט מיט די שעדיקער, כדי צו מינירן דעם וועג צווישן דיר־מוחייסין און זיידון. עס זאָל נישט געבראַכט ווערן קיין פאַרשטאַרקונג דעם דאָרף. איצט

זענען מיר איינזאַם — 20 יידישע זעלנער אין מיטן דער אַראַבישער געגנט. פּלוצים באַמערק איך, אַז דאָס מאָדנע געפיל אין מאָגן איז פאַרשוואונדן זינט מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער באַזע. ס'איז מאָדנע, ווי דו שרעקסט זיך בלויז פאַרן קאַמף. איצט פיל איך זיך לייכט און פריש. דער שד ווייסט פאַרוואָס.

אַט איז דער וועג, — אַ שמאָלער און ליכטיקער פּאַס צווישן די גראָזן. יאַסקע אָרדנט אונדז אין אַ פאַרטיידיקונגס־רינג. איך ליג אַנטקעגן דעם צפון־שטערן. איך זע נישט די חברים, וואָס ליגן רעכטס און לינקס פון מיר. פּלוצים באַהערשט מיך אַ נאַרישער פּחד — טאָמער וועט מען מיך דאָ פאַרלאָזן, טאָמער וועט מען זיך אָפּטראָגן נישט באַמערקנדיק, אַז איינער פעלט? איך הער זיך איין. איך הער נישט קיין שאָרך. צי זענען זיי אָפּגעטראָטן? אָבער אַט איז דאָס רידל־קלאַפּן פונעם שעדיקער. איך לאַך צו זיך. מען קאָן זיך שוין פאַרלאָזן אויף יאַסקען. און אויסער דעם וואָלט איך, ליגנדיק אויף דער ערד, געוועז געזען די געשטאַלטן גיין פון ווייטן.

אַ שוואַכער פייף. דער סימן פאַר צוריקצוג. די מינע איז צעלייגט געוואָרן. מיר אָרדנען זיך ווידער אין דער ריי, און קערן זיך אום אַ האַלבן קילאָמעטער צו דער קאָמפּאַניע. זי הויערט נאָך אויפן פּלאַץ און וואַרט אויף אונדז.

„ווער איז דאָרט?“

„נחשון“.

אריה נעמט אונדז איבער. יעקב גיט אים איבער, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. מיר שטעלן זיך ווידער אין דער ריי. די קאָמפּאַניע רירט.

איך זע אַ רייע משופּעדיקע בערג. דאָס איז דער משלט. יוסף, דער אויסשפּירער, פאַרהאַלט די ריי. צוויי ערשטע גרופּן גייען אַרויס אַלס אַ פאַרזיכערונג צו פאַרכאַפּן דעם שפּיץ באַרג.

מיר זענען צעוואָרפן אין אַ קייט, אין אַ דיסטאַנס פון צוויי מעטער איינער פון צווייטן. מיר גייען אַנגעבויגן, מען זאָל זיך נישט אָנזען אויף דער הימל־ליניע. פון ווייטן הער איך הינט בילן. דאָרט דאַרף זיין דיר־מוחייסין. איך שאַץ־אָפּ דעם דיסטאַנס אויף אַ האַלבן קילאָמעטער. אויב די אַראַבער האָבן שכל, וועלן זיי אונדז דאָ צוגרייטן אַ פּאַסטקע. אפשר ליגט עמעץ דאָרט אונטערן ווייסן שטיין און שטעלט אָן אויף מיר דעם סטען?

„שנעלער“, גיט מיר איבער שלמה דעם באַפעל. איך לויף כמעט. מיט איין האַנט האַלט איך זיך ביים גורט, עס זאָל זיך ניט הערן קיין קלאַפּן. איך בין צום מיינסטן אַרויסגערוקט אויף רעכטס. איך דאַרף קוקן אין דער זייט. איך זע גאָרנישט. מיט אונדזער שנעלער באַוועגונג שטאַרן מיר אָבער אַרויס איבער אַ שטרעקע פון צען מעטער.

מיר זענען דערגאַנגען צום פּלאַץ. פאַר מיר — אַ געזימס פון שטיינער, אַ מעטער די הייך. יאַסקע שיקט מיך ווידער פאַרזיכערן דעם רעכטן פליגל. איך לייג זיך אויף דער ערד, דאָס פּנים אויף רעכטס, און פריר פון קעלט. איך צי אַרויס דעם זייגער פון טאַש און פּרוו זען ווי שפּעט עס איז. איך זע נישט קלאָר דעם ווייזער. מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז קרוב צוועלף. איך ווייס נישט וויפל צייט איך ליג אַזוי. מיין גאַנצער קערפּער רייסט זיך שלאָפן. די אויגן פאַרמאַכן זיך אַליין, איך כאַפּ זיך אָבער יעדע מינוט פאַרן איינדרימלען. דאָס ציט זיך אָן אָ סוף. צום טייוול, צי וועט מען מיך ענדלעך נישט איבערבייטן? מען טאָר נישט שלאָפן. דאָס לעבן פון דער גאַנצער גרופּע אין דער דאָזיקער מינוט איז אָפּהענגיק פון אונדז.

פון ווייטן הער איך זשומען אַ מאַשין. ליכט שיינט אויף פון הינטער די בערג. נאָך אים — אַ צווייט און אַ דריט ליכט. דער טראַנספּאָרט איז אַרויס אין וועג. אריה האָט זיי איבערגעגעבן, אַז מיר זענען דערגאַנגען צום משלט.

*

סוף־סוף בייט מען מיך איבער. איך פאַרכאַפּ אַ שוץ אונטערן געזימס. דער באַפעל איז, אַז מען טאָר נישט שלאָפן. נאָך אַ פערטל שעה דערהער איך אַ שטאַרקן כראָפּן פון לינקס. איך קריך צו דעם שלאָפנדיקן געשטאַלט. דאָס איז איינער פון די קאָמאַנדירן. איך שמייכל צו זיך: נערוון פון אַ סאַברע! ליגט פיר הונדערט מעטער פונעם שונא און כראָפּעט ווי אַ פערד.

איך וועק אים אויף. ער הייבט זיך אויף און פרעגט, וואָס איז געשען. איך דערקלער אים, אַז ער כראָפּעט הויך. „איך כראָפּע?“ — פרעגט ער בייז. גלייך מען זאָל אים באַשולדיקן, אַז ער גייט אויפן קאָפּ. נאָך אַ פּאָר מינוט דרימלט ער איין ווידער.

איך רו אַ ווײַלע און קוק ווידער פאַרויס. פון ווייטן הער איך

דאָס געשריי פון אַן אַראַבער. צי בייט זיך די וואָך אין דאָרף? פון צייט צו צייט בילט אַ הונט.

אַ מאָדנע געפיל — דו ליגסט אַזוי נאָענט פונעם פיינט, און ער באַמערקט דיך נישט. ער ווייסט נישט, אַז מיר האָבן זיך פאַרפעסטיקט דאָ אַנטקעגן אים, אַז נאָך אין אַ צוויי, דריי שעה אַרום וועלן מיר אים אַטאַקירן.

הינטער מיר רעדט דער טעלעגראַפיסט. דאָס מאָנאָטאָנע קול גיסט זיך צונויף מיט די נאַכט־קולות. ער איז ספּעציעל געאיבט צו רעדן מיט אַזאַ קול, ווי אַ מאַשין „האַלאָ, ברוך צוויי. ברוך צוויי, ברוך צוויי. הערסט מיך? הערסט מיך? מיר זענען גרייט, מיר זענען גרייט. וואַרט אויף אַ באַפעל, אַריבער״.

טראָט פון אונטן. „ווער איז דאָרט?״

„נחשון״.

נחמן, דער בלאָנדער מ. כ., איז צוריקגעקומען מיט די צוויי גרופּן, וואָס האָבן פאַרמינירט דעם וועג קיין בית־ג׳ין. זיינע מענטשן זענען פאַרמאַטערט ביז טויט. זיי פאַלן צו צו דער ערד. אָבער די אַרבעט איז פאַרענדיקט. אַלץ איז גרייט צו דער אַטאַקע.

*

אַזוי בין איך געלעגן קנאַפּע פיר שעה. די קעלט איז שרעקלעך, איך וואונדער זיך אַליין, אַז איך בין נישט איינגעדרימלט.

פּאַמעלעך באַווייזט זיך אַ דינער ליכט־שטראַל אין מזרח. מען דעקט די שלאָפנדיקע. אריה שטייט לעבן דעם טעלעגראַפיסט. מיר ווייסן: אָט באַלד וועט זיך לאָזן הערן די מוזיק.

איצט זע איך צום ערשטן מאָל דאָס דאָרף. די נאָענטקייט פאַרוואונדערט מיך. קליינע ברוינע הייזלעך הייבן זיך אויף ממש פאַר אונדזערע נעזער, אויפן נידריקן בערגל פון יענער זייט וואַדי. די איינוואוינער פונעם דאָרף האָבן אונדז נאָך נישט באַמערקט.

יחיאל, דער אונטער־קאָמאַנדיר פון דער קאָמפּאַניע, לויפט צו יעדער גרופּע מינענוואַרפער. זיי האָבן שוין אָנגעשטעלט די כּלים. אפרים מאַקאָווסקי, מיט די געקרייזלטע וואָנסן, גיט איבער באַפעלן אויף אַלע זייטן. עזריאל שפּיץ, דער קאָמאַנדיר פון דער צווייטער גרופּע קאָנטראָלירט די ציל־מכשירים.

„צוויי שראַפּנעלן צום ציל, פּייער! — שרייט יחיאל מיטן גאַנצן כּיח. די נאַכט איז פאַרביי. דער אַנגריף האָט זיך אָנגעהויבן.

*

די שראַפּנעלן פליען אין דער לופט. אַ מאָמענט איז פולשטענדיק שטיל. אָט זענען די עקספּלאָזיער — בערך הונדערט מעטער פאַרן דאָרף.

דאָס לעבן וועקט זיך דאָרט. די געשרייען דערגייען צו אונדז. איינצלנע ביקסן הייבן אָן צו שיסן. איך הער נישט דאָס זשומען פון די קוילן. די אַראַבער שיסן סתם. זיי ווייסן נישט פון וואַנען דער אַנגריף קומט.

נאָך צוויי שראַפּנעלן. נאָך דריי. ווידער צוויי. די עקספּלאָזיעס דערנענטערן זיך צום דאָרף. אָט האָבן געטראָפן עזריאלס מאַרטערס. אפרים קומט נאָך. קליינע געשטאַלטן לויפן אַרום אין דאָרף אַהין און צוריק. אַ גרויסער עולם פאַרזאַמלט זיך נעבן גרויסן בוים אין צענטער. מיר האָבן נאָך נישט באַקומען קיין באַפעל צו עפענען פייער.

אַ באַוועגונג הינטער אונדז. די צווייטע קאָמפּאַניע, וואָס דאַרף זיין די ערשטע כוואַליע אינעם פאַרמאַרש, פאַרכאַפּט אַ פּלאַץ ביי אונדזער געזימס. אונדזער שטימונג הייבט זיך און שטייגט. דאָס אומנוציקע אַראַבישע פייער און דער קלאַנג פון אונדזערע שראַפּנעלן דערמוטיקן אונדז.

די ערשטע שפּאַסן הייבן אָן „צו פליען". יאָסקע, דער דזשינדזשי, פאַרבעט אריהן אויף קאַווע אין אַ שעה אַרום. עמעץ שלאָגט פאָר צו פאַרשרייבן אין דער ריי אַלע, וואָס ווילן אַ ראַנדעוואו מיטן מוכתרס טאָכטער. מיר פירן זיך אויף ווי שפּילערס פאַר אַ פוס-באַל מאַטש.

„דער ציל פיר הונדערט, פינף קוילן — פייער!"

איך לאָז אריין אַ קויל אין דער לופע און שיס. אין דאָרף לויפן איינצעלע געשטאַלטן. איך ענדיק די פינף קוילן. דער פעלשער האָט ליגט לינקס פון מיר, בעט זיך איך זאָל אים געבן מיין ביקס. אויך ער וויל אריינקלאַפּן אַ קויל. איך פיל זיך גרינג און פריילעך. „רייס איבער דאָס פייער!"

די צווייטע קאָמפּאַניע גרייט זיך צום שטורעם. דער רוב מענטשן

פרייען זיך. דאָ און דאָרטן בלאַסע פּנימער. די קאָמאַנדירן ווינצלען זיך.

אַט — זיי שפּרינגען אַריבער דעם געזימס. שפּרינגען און פאַלן. אַט זענען זיי דערגאַנגען צום וואַדי. מיר שיסן איבער די דעכער פון די הייזער. זיי גייען פאָרויס. אַט זענען די ערשטע אָנגעקומען אין דאָרף. די אַראַבער שיסן נאָך פון יענער זייט.

מיר רייסן איבער דאָס פייער. אונדזערע בחורים פאַרכאַפּן ציידע פליגל־עקן פון דאָרף. זיי לויפן פון הויז צו הויז. אַקוראַט ווי מען האָט עס געלערנט אין לימוד פון לב״ב און אין איבונגס־קעמפּ. איך זע נישט צי מען האָט געכאַפּט געפאַנגענע, צי נישט.

ס'איז געקומען אונדזער ריי צו פאַרכאַפּן דעם צענטער פונעם דאָרף. מיר גרייטן זיך צום שטורעם. די שטימונג איז דערגאַנגען צו דער העכסטער הייך.

„אָפּטיילונג נומער איינס — פאָרויס!!!"

איך שפּרינג אַריבער דעם געזימס. די צווייטע גרופּע שפּרינגט און בלייבט ליגן.

„גרופּע 1 — שפּרינג!"

איך שפּרינג צען טריט און בלייב ליגן. קוילן פליען איבער מיין קאָפּ. זיי קומען נישט פונעם דאָרף. זיי קומען פונעם משופּע־ייקן באַרג פון לינקס. די אַראַבער האָבן פאַרכאַפּט דעם קבר פון שייך מוסא, וואָס שטאַרט אַריבער צו אונדזער אָנגריף־געביט. אויך פון רעכטס קומען קוילן. דאָרט שטייען איינצעלנע הייזער. איך זע נישט קיין באַוועגונג. מיר שפּרינגען ווידער. לויפן פאָראויס און בלייבן ליגן. אַ קויל איז אַריין אין זאַמד צווישן מיר און בולין, דעם אונטער קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג, וואָס לויפט לינקס פון מיר. צו אַלדי רוחות, די אַראַבישע סנייפּערס קענען די מלאכה. פון לינקס שרייט עמיצער. צי איז ער געטראָפן געוואָרן? איך האָב נישט קיין צייט זיך אומצוקוקן. איך לויף און פאַל. דער גורט שטערט מיר. ס'מאַכט נישט. מען דאַרף דערגיין צום וואַדי. דאָרט וועט מען אַביסל קענען רוען. איך לויף פאַר דער ריי. איך וואַרט מען זאָל מיך דעריאָגן. כ'לויף ווידער פאָרויס. כקוק צום וואַדי און כ'פאַל צו דער ערד.

איך קוק זיך אום. די גאַנצע קאָמפּאַניע רייסט זיך נאָך אונדז. אָפּטיילונג נאָך אָפּטיילונג. צום סוף לויפן די מאָרטאַריסטן. ראובן,

דער ריז פון אונדזער קאמפאניע. טראגט דעם שווערן מארטאר אויף זיין פּלייצע, גלייך ווי אַ שאַכטל סאַרדינען. נאָך אים לויפט שלום, דער פּעטינקער. ער שלעפּט דעם קוילן־קאַסטן, וואָס איז אַ סך שווערער.

דאָס מאַשין־געווער, „דאָס שווערע געווער" אונדזערס, שיסט אָן אויפהער אויף שייך־מוסא. אָבער די סנייפּערס האַלטן אין איין שיסן. מיר לאָזן זיך ווידער. דער אַרויפגאַנג איז משופּע. איך אָטעם שווער. איך האָב נישט קיין כוח צו לויפן, איך לויף אָבער דאָך אין דער ריי. אָט זענען מיר צוגעקומען צום לינקן פליגל פון דאָרף. דאָרט ליגן די חברים פון דער פריערדיקער גרופּע. זיי ווייזן אָן אויף אַ ריי הייזער אין צענטער. „דאָרט האָבן די אַראַבער זיך פאַרפעסטיקט". איך וואַרט ביז די גרופּע וועט זיך צונויפזאַמלען. אויך יעקב קוקט אַהין, און אונדז „טיילט מען צו" אַ גרופּע הייזער. מיר לויפן אַהין. די טירן זענען פאַרמאַכט. מיר קלאַפּן מיט די קאָלבעס פון די ביקסן. אַ טיר האָט זיך געעפנט. יאָסקע האַקט אַריין אַ קויל. פונעם סטען. איך זע נישט קיין איינציקן אַראַבער. ווייזט אויס, זיי זענען אַנטלאָפן, זעענדיק ווי אונדזער ריי לאָזט זיך צו זיי.

מיר זענען דערגאַנגען צום לעצטן הויז. איך לויף מיט דער גרופּע. מיט דער ביקס אין דער האַנט. איך פיל, אַז איך מוז שיסן. אָט איז אַ באַוועגונג פאַר מיר. אַ קליין אַראַביש הינטל אַנטלויפט. איך הייב אויף מיין ביקס און שיס. דאָס הינטל וואָיעט.

דאָס וואָיען דערוועקט מיך. וואָס האָב איך געמאַכט? צי בין איך געוואָרן אַ חיה? שלמה וואָס לויפט נאָך מיר, הייבט אויף זיין געווער און שיסט אַ צווייטע קויל. דאָס וואָיען ווערט איינגעשטילט.

דער אינצידענט האָט אין מיר דערוועקט אַן עקל. איך וועל זיך דערווייטערן פון די מענטשן. זיי ליגן אויף דער ערד און טרינקען וואַסער. פאַרן ווינקל הויז איז אָנגעלענט אַ לייטער. איך גיי אַרויף אויפן דאַך און לייג זיך צווישן ביידע קופּאָלן. פון דאַנען זע איך אַ גוטן אויסזיכטס־פּונקט אויף דרום און אויף מערב. די לאַנדשאַפט איז פולשטענדיק רואיק. איך זע נישט קיין באַוועגונג. אָבער די אַראַבישע סנייפּערס האַלטן אין איין שיסן.

*

דער „אינוואַזיע־רעזשים" איז אַריין אין קראַפט. מיר בלייבן אין די פּאָזיציעס, וואָס מיר האָבן פאַרכאַפּט. יאָסקע אָרדנט זיך איין

אין איינעם פון די צימערן. דריי מענטשן געפינען זיך אויפן אויס־זיכטס־פונקט און בייטן זיך איבער יעדע שעה.

איך ליג אויפן דאך. פלוצים הער איך א רוף און דערזע דאס באזארגטע פרצוף פון שאצקי'ן. ווען איך קוק אים אן צעלאכט ער זיך. ווייזט אויס, אז איך בין אנטדרימלט געווארן, און ווען זיי האבן נישט באקומען קיין ענטפער אויף זייערע רופן, האבן זיי געמיינט, אז מען האט מיך דערליידיקט.

די לאנדשאפט איז פולשטענדיק רואיק. איך זע קיין שום באוועגונג. פאר מיר א פעלד פון רויטע בלומען. מאן־בלומען. א מאדנע קאנטראסט צו דעם פייפן פון די קוילן, וואס שיטן זיך אן אויפהער. איך ווייס נישט וואו ס'געפינען זיך די סנייפערס. לויטן פייפן טרעף איך די ריכטונג, אבער איך זע גארנישט.

מען בייט מיך איבער. די לייטער געפינט זיך אויפן זע־געביט פונעם פוינט. ווען איך גיי ארונטער לויפן מיר פארביי צוויי קוילן. אלע זענען מיר גענצלעך אפאטיש געווארן. מען האט קיין ווילן זיך אנצובייגן אדער זיך צו שיצן, ווען דו זעסט נישט דעם פיינט.

כ'האב נישט קיין לוסט צו רוען. איך געפין א קרייץ־האק און הייב אן איינברעכן די פארמאכטע טירן פון די הייזער. מען דערציילט, אז מ'האט געפונען געווער אין א טייל פון דארף. איך רייס זיך אריין אין ערשטן צימער. אין צימער איז א געפערלעכער געשטאנק. א שמוציקער, צעריסענער שטרוי־זאק, א האלב־צעבראכענע קרוג, א פארזשאווערטער סערפ, אפפאל פון אן אייזל און א ציג. אין אן אלטער פושקע געפין איך בילדער פון אן אראבער און אן אראבקע. זיי זענען אויפגעקלעפט אויפן בירגער־שיין. איר נאמען איז פאטמע. א גאנץ שיין מיידל. 24 יאר אלט, לויט דער לעגיטימאציע, און א מוטער פון א 3־יאריק קינד. איך נעם אראפ דאס בילד און שטעק עס אייך אין טאש.

דער שמוץ און די ארעמקייט דערוועקן אין מיר אן איבל. זיי האבן מן־הסתם געארבעט 14 שעה אין טאג. און האבן געלעבט א היגטיש לעבן. עפעס באדויער איך זיי.

איך וועק זיך אויף אליין. ס'איז קיין צייט נישט פאר פילאזאפיע. איך רייס זיך אריין אין ווייטערדיקע צימערן. דער „רויב" איז א נישטיקער — א פאר אייער, א קריגל אייל, א צעבראכענער פרימוס, א טאפ און א פאטעלניע. סוף־סוף אנטפלעק איך א האן. איך גיי

אַרויס און מעלדע וועגן דעם רויב. דערווייל פאַרשטאַרקן זיך די
שיסערייען פון די סנייפּערס אין אונדזער ווינקל אַרייַן. זיי האָבן
באַמערקט די באַוועגונג. די שיסערייען קומען פון דרום זייט. אויפן
הייגל אַנטקעגן איז פאַראַן אַן איינזאַם הויז. ס׳איז קיין ספק נישט,
אַז דאָרטן באַהאַלטן זיך סנייפּערס. פון מאָל צו מאָל פאַרפּלייצט
מען זיי מיט אַ רעגן פון קוילן. די שיסערייען גייען אָן.

*

איך זאָג שלמהן ער זאָל נעמען דעם האָן. „מאַך זיך נישט משוגע",
שרייט ער אויף מיר. אָבער איך געפין זיך אין אַ לייכטן געמיט־
צושטאַנד. איך לויף אין שטוב אַרייַן, טו אַרייַן דעם האָן אין אַ זאַק
און לויף אין צווייטן צימער פון דער גרופּע. מיט אַ נצחון־פריידי־
כער איך איבער דעם זאַק. דער האָן שפּרינגט אַרויס פון אים.
פּלוצים גיט ער אַ פּאַטש פאַרויס און אַנטלויפט פונעם צימער. די
חברים לאַכן און איך בין בייז.

דערווייל האָט מען אונדז אָפּגעקאָכט אַ פּאָר אייער. אויך
די אייביקע סאַרדינען אונדזערע פעלן נישט. מיר עסן אַ געכאַפּטע
מאַלצייט. פונעם הויז, וואו עס געפינט זיך דער אָפּטיילונגס־שטאַב,
גייט אויף אַ ריח פון היינער־יויך. זיי שלאָגן מיר פאָר אַ טעלער זופּ
און אַ האַלב פיסל. זיי האָבן אויך קאַווע. איך זיץ אַ ווײַלע און הער
די בייס. ביז איצט זענען דורך די סנייפּערס איינער געהרגעט געוואָרן
און זעקס פאַרוואונדעט.

טראָץ דעם ווילט מען זיך. איך שלאָג פאָר צו מאַכן אַ זיגל
„די אינוואַזיע־מאַכט, דיר־מוחיסין". די מאַרטאַריסן פלאַ־
נצווען אַ פרישע געיעג אויף היינער, פאָר נאַכטמאָל. יעדער באַרימט
זיך מיטן „רויב", וואָס ער האָט געפונען — אַן עקאָל מיט אַ קעפיע,
אַן אַראַבישע שווערד, אַ שטאַלערן היטל אַלטע מטבעות, אַ רערל פון
אַ נאַרגילע. מען דערציילט וועגן אַ געפונענעם געוועלב מיט שפּייז.

בנימין, דער קוריער פון דער אָפּטיילונג, קומט צוריק פונעם
שטאַב. ער דערציילט אַ וויציקע מעשה. דער קאָמאַנדיר פון דעם
רעגימענט איז געקומען מיט אַ פּאַנצער־וואָגן און האָט געפרעגט דעם
קאָמאַנדיר פון דער גרופּע וועגן דער דיסציפּלין פון די מענטשן.
אריה האָט אים פאַרזיכערט, אַז זיי האָבן גאָרנישט גערויבט, אפילו
נישט אָנגערירט קיין הון. און אָט אין דער סעקונדע ממש, קומט

אריין א טוראַי מיט א שטראַלנדיק פּנים. און הייבט אויף מיט א דאַזיד־פּרייד צוויי הינער — די מתנה פון זיין גרופּע צום קאָמאַנדיר פון דער פּלוגה...

*

נאָך מיטאָג. די שטימונג פּאַלט. די אראַבער שיסן אויף אונדז פון אַלע זייטן. זיי האָבן פאַרכאַפּט אַלע פּאַדער־פּונקטן. וואָס דעקן דאָס דאָרף. די מאַרטאַרס אונדזערע ענטפערן פון מאָל צו מאָל, זיי שפּאָרן־איין די אַמוניציע.

די שיסעריייען פון דעם נישט־געזעענעם פיינט רייצן די נערוון. מען מעלדעט וועגן פרישע פאַרוואונדעטע. אויך איך פעלדשער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין אַן אויג. מיר ווילן שיסן און מיר זעען נישט קיין ציל.

אַן איוב־בשורה: — אריה, דער קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג, איז פאַרוואונדעט. אַט דאַרף מען אים אַוועקנעמען אין באַזע אריין מיטן פּאַנצער־וואָגן. מיר זענען געפּלעפּט.

דריי א זייגער אַלאַרמירט מען אונדז. מען גייט איבער אויף ברייטשאַפט־צושטאַנד און מיר פאַרכאַפּן פּאָזיציעס. שלמה און איך ליגן הינטער אַ שטיינערנעם פּלויט, וואָס איז אין מערב־זייט. פון דאָרט שיסט מען אָן אויפהער. איך דריק צו דעם קאָפּ צו דער ערד. פּונקט נעבן אַ קופּע טינוף. איך מאַך זיך נישט דערפון. פון מאָל צו מאָל הייב איך אויף דעם קאָפּ און קוק. איך זע גאָרנישט חוץ אַ שטילע רואיקע לאַנדשאַפט.

„אורי".

יאַסקע רופט מיך. איך הייב זיך אויף און לויף צו אים. ער זיצט הינטער א הויז צוזאַמען מיט בולי׳ן. ער ווייזט־אָן אויפן דאַך, אויף וועלכן איך בין אינדערפרי געלעגן, און באַפעלט מיר אַהין אַרויפצוגיין.

אויף א ווײַלע האָב איך געפילט א פּחד. דער אַרויפגאַנג אויפן דאַך און דער דאַך אַליין איז אָפן פאַר אַלע זייטן. איך באַהערש דאָס געפיל און גיי אַרויף. אויבן באַהאַלט איך זיך צווישן ביידע קופּאָלן. אַזוי אַרום האָב איך א שוץ.

„אורי, זע נאָר וואָסערע פּאַנצערס געפינען זיך אויפן שאָסיי".

איך הייב זיך אונטער. דאָרט דערנענטערט זיך א פּאַנצער. איך דערקען גוט דעם טיפּ — ער איז אונדזערער. ער פירט זיך אָבער

אויף זייער מאָדנע. ער דרייט זיך אויס אויפֿן שאָסיי און ווענדט זיך אין דער ריכטונג פֿון לאַטרון. פּלוצים גיט זיך אַ שיט אויף מייַן הויז אַ סאַלווע פֿון מאַשין־געווער. איך לייג זיך אַוועק. צום טייוול, אַן אַראַבישער פּאַנצער. ווייזט אויס איינער פֿון די, וואָס זיי האָבן צוגערויבט אויפֿן וועג צו כּפר עציון. זאָל זיי דער רוח נעמען.

פֿון איצט אַן בין איך פֿאַרזיכטיק. איך לייג אַרויף אויף מייַן קאָפּ בלומען און גראָז, פֿאַר קאַמופֿלאַזש.

אונטן גייט אַרום אַ קלאַנג, אַז מיר גרייטן זיך אָפּצוטרעטן.

פּלוצים דערהער איך אַ באַקאַנט קול. נאָך אַ ווײַלע — אַ ריזיקער אויפֿרײַס. אַ שראַפּנעל, אפֿשר דרײַ אינטש. ער האָט אויפֿגעריסן אין מיט פֿון דאָרף. אויב אַזוי, האָבן די אַראַבער שוין באַקומען פֿאַרשטאַרקונג.

דאָס געפֿיל, אַז מיר זענען אַרומגערינגלט, דערדריקט אונדז. מיר זענען מיד ביז טויט. בײַ אַ דרײַסיק שעה נישט געשלאָפֿן.

מען מעלדעט אונדז, אַז מיר ציען־אָפּ מיטן צופֿאַלן פֿון דער פֿינסטערניש. מיר שטעלן זיך פֿאָר, אַז מען וועט אונדז אַרויסנעמען מיט פּאַנצערס, און דאָס בילד דערמוטיקט אונדז. מיטן זון־זעצן פֿאַרזאַמלען מיר זיך לעבן דעם שטאַב פֿון דער אָפּטיילונג. מיר שמועסן. דאָ און דאָרטן הערן זיך ווידער שפּאַסן. פּערדי און ראובן, די צוויי מגושמדיקע מאַרטאַריסטן אונדזערע, שטייען אויף אויסבליק. די ביקסן גרייט אין זייערע הענט. זיי וואַרטן אָפּ אַ באַוועגונג פֿונעם שונא. איך האָב אַ לוסט צו שיסן. איך גיי צו צו זיי און שיס צום הויז, וואָס אויפֿן היגל. פּערדי שעלט מיך אויף רוסיש — דער שאָס האָט אים פֿאַרטויבט דאָס אויער.

דאָס מאַשין־געווער אונדזערס דערלאַנגט אַ סאַלווע נאָך דער צווייטער, כּדי די אַראַבער זאָלן נישט באַמערקן, אַז מיר גרייטן זיך אָפּצוטרעטן.

סוף־סוף קומט בולי און גיט איבער דעם באַפֿעל צוריקצוציִען זיך צום שטאַב פֿון דער גרופּע. איך בלייַב, צו פֿאַרזיכערן דעם הינטער־פֿראָנט. מיר שיסן אַ פּאָר קוילן, „צוליבן רושם", און ציִען אָפּ נאָך דער אָפּטיילונג.

בײַם שטאַב פֿון דער פּלוגה פֿאַרהאַלטן מיר זיך. פֿון גרויס מיד־קייט פֿילן מיר שוין גאָרנישט. מען זיצט בלויז אויף דער ערד און מען וואַרט. פֿון מאָל צו מאָל גייט פֿארבײַ עקיבא, דער סערזשאַנט

אונדזערער. דער טייוול ווייסט פון וואַנען ס'איז אים נאָך איבערגעבליבן אַזוי פיל ענערגיע.

*

אַ באַפעל: פאַרהאַלט זיך. מיר ווייסן נישט, וואָס האָט פּאַסירט. די פּאַנצערס, וועגן וועלכע מיר האָבן געחלומט, קומען נישט.

פלוצים אַ באַפעל — מען טרעט נישט אָפּ. מיר האַלטן דאָס דאָרף איבער נאַכט און מיר וועלן איבערגעביטן ווערן מאָרגן דורך אַ צווייטער פּלוגה.

די חברים קוקן זיך אָן. נאָך אַ נאַכט אין דעם דאָזיקן אָרט. מיר זענען זייער דערדריקט. יחיאל טיילט צו יעדער גרופּע אַ צימער און אַ פּאָזיציע. ווייזט אויס, אַז מיר האָבן מותר געווען אויף אַ טייל פון דאָרף, כדי מיר זאָלן בעסער קענען אָפּהיטן אונדזער פליגל.

*

ס'איז שטאָק־פינסטער. יאָסקע האָט איינגעאָרדנט אַ וואַך לויט דער ריי: יעדע צוויי שעה היטן צוויי אַנדערע חברים. דאָס מאַשין־געווער איז אויפגעשטעלט אויף דער פּאָזיציע. דער דיסטאַנס צווישן איין פּאָזיציע און דער צווייטער איז בערך אַ צען מעטער.

מיר עסן נאָך ברויט מיט סאַרדינען און לייגן זיך שלאָפן — יעדע גרופּע אין אַ שמאָל שטינקענדיק צימער, כמעט איינער אויפן צווייטן.

מען וועקט מיך. מיר דוכט זיך, אַז איך האָב נאָר אַ מינוט געדרימלט, אָבער אין אמתן בין איך געשלאָפן דריי שעה. שלמה און איך גייען אַרויס. איך קען נישט האַלטן אָפן די אויגן. זיי פאַרמאַכן זיך אַליין. און איך עפן זיי פון צייט צו צייט מיט אַן אכזריותדיקער אָנשטרענגונג.

פלוצים דערהער איך אַ שאָרך. עפּעס וואָס האָט זיך אַ רירגעטאָן. שלמה האָט עס באַמערקט. פּאַמעלעך הייב איך אויף די ביקס, שטעל זי אָן אויף דער פּאָזיציע און עפן די פאַרזיכערונג. איך וואַרט אין אַ שרעקלעכער שפּאַנונג. ס'האָט גאָרנישט פּאַסירט. איך בלייב אַזוי ביי אַ פערטל שעה. ווייזט אויס, אַז דאָס איז בלויז געווען אַ הונט.

*

דערווייל בין איך איינגאַנצן וואַך געוואָרן. איך האָב שוין מער נישט קיין פאַרלאַנג צו שלאָפן. איך דענק וועגן דער סכנה פאַר דער

פּאָזיציע: — אויב עס וועט זיך צו איר דערנענטערן אַן אַראַבער, זאָל איך אים נישט באַמערקן נאָר אין אַ דיסטאַנס פון פינף ביז צען שפּאַן. ער וועט אויף אונדז פריער קענען וואַרפן אַ האַנט־גראַנאַט.

איך באַשליס: אויב אַ האַנט־גראַנאַט וועט פאַלן אין דער פּאָזיציע אַריין, שפּרינג איך באַלד אַריבער דעם שטיינערנעם געזימס און שטרעק זיך אויס. נאָכן אויפרייס פונעם האַנט־גראַנאַט עפן איך אַ פייער, און דערווייל וועט דער רעש אַלאַרמירן די בחורים.

צוויי שעה זענען אַריבער. איך גיי אַריין אין צימער און וועק אויף צוויי חברים. זיי שעלטן און גייען אַרויס.

*

מען וועקט אונדז ווידער. ס'איז דריי אַ זייגער אינדערפרי. די אַראַבער האָבן פונדעסטוועגן נישט אָנגעגריפן. זיי האָבן אַ מאָדנע מורא פאַר דער נאַכט. אָדער, בעסער געזאָגט, אַלע האָבן מיר מורא ביינאַכט, אָבער זיי פעלט די דיסציפּלין און די איבונג, וואָס העלפט אונדז באַהערשן דעם דאָזיקן פּחד.

די פאַרשטאַרקונגס־פּלוגה איז געקומען. אויב מיר האָבן גערעכנט, אַז מען וועט אונדז אַרויסנעמען מיט פּאַנצערס, האָבן מיר אַ ביטערן טעות געהאַט. מיר קערן זיך אום צו דער באַזע צופוס, עס וועט זיין אַ פאַרזיכערטער גאַנג, זעקס קילאָמעטער וועג, מיט דער גאַנצער אויסשטאַטונג און געווער.

עפּעס פאַרהאַלט זיך דער אַרויסמאַרש. אין האָריזאָנט באַווייזט זיך אַ העלקייט. דער מאָרגנשטערן גייט־אויף, דער טאָג שטעלט זיך. צי וועלן מיר אַרויס פון דאָרף אין ליכט פון טאָג, ווען די פאָדערשטע פונקטן אַרום געפינען זיך אין די הענט פון די אַראַבער?

ענדלעך רירן מיר פון אָרט. גרופּע 1 פון דער אָפּטיילונג 1 פאַרזיכערט, פאַרשטייט זיך, דעם פליגל. בנימין און איך זענען די ערשטע פאַר. מיר לויפן אויף די בערגלעך און באַקוקן דעם אַרום, בעת די אָפּטיילונג גייט דורך אונטן. יוסף, דער אויסשפּירער, פירט אונדז אין איילט אונדז צו. ביי מיר אין קערפּער איז נישט איבערגעבליבן קיין טראָפּן כוח. איך וואונדער זיך אַליין, אַז איך בין נישט אַוועקגעפאַלן. פון מאָל צו מאָל גליטש איך זיך אויס אויף די פעלדזן. די אויסשטאַטונג דערקוטשעט מיר.

מיר האָבן פאַרלוירן דאָס מינדסטע געפיל פאַר צייט. אויב ס'איז דאָ אַ גרענעץ פאַר מענטשלעכע ליידן, זענען מיר זי פון לאַנג

אַריבער. דערווייל הייבט זיך אָן הינטער אונדז די מוראַדיקע מוזיק פינדאָסניי. ווייזט אויס, אַז דיר מוחיסין ווערט פאַרפּלייצט מיט פייער. מיר אָבער קלערן שוין וועגן דער באַזע.

ווען מיר דערנענטערן זיך צו דער באַזע, הייבט זיך ווידער אונדזער שטימונג. נישט געקוקט אויף דער שטאַרקער מידקייט הייבן מיר אָן צו זינגען: „גלויב מיר, אַז אַ טאָג קומט אָן, גוט וועט זיין, איך זאָג דיר צו, דיך אַרומנעמען איך קום, און דערציילן אַלץ דיר...“

*

א גרויסער טייל פון די חברים זענען אריין אין זייערע געצעלטן און זענען באַלד איינגעדרימלט. איך בין צו מיד, איך זאָל קענען שלאָפן. איך מאַך זיך אַ קאַלטן טוש און פיל זיך בעסער. צוזאַמען מיט יוסף קוגל אַנאַליזיר איך די טאַקטיק פון דער אַקציע.

איינער פון די קאָנטאַקטירטע אַרבעטער אין שטאַב פון רעגימענט דערציילט מיר בסוד, אַז די ענגלענדער האָבן אונדז צוגעשטעלט אַן אולטימאַטום. זיי וועלן אונדז אַרויסיאָגן מיט קאַנאָנען פונעם דאָרף, אויב מיר וועלן עס נישט פאַרלאָזן ביזן אָוונט, נישט אויפרייסנדיק. אויב מיר וועלן אויספירן די דאָזיקע פאָדערונג, וועלן זיי ערב זיין, אַז אין דער סביבה וועלן אונדזערע טראַנספּאָרטן נישט אַטאַקירט ווערן.

פונעם דאָרף קומען־אָן ידיעות וועגן שווערע אַנגריפן. עס זענען פאַראַן טויטע און צענדליקער פאַרוואונדעטע.

איך ליג אויפן גראָז און קוק אין הימל אַריין. עס וואונדערט מיך, אַז די זון שיינט און דער הימל לייכט, אַקוראַט עס איז גאָרנישט נישט געשען.

*

פאַרנאַכט איז מען געוואָר געוואָרן, אַז מ׳איז דורכגעקומען מיט די ענגלענדער, מיר זאָלן רוימען דאָס דאָרף, בתנאי, אַז די ענגלענדער אַליין זאָלן אַריין אין דאָרף און ערב זיין פאַר דער זיכערקייט פונעם שאָסיי. מיר שפּירן, אַז מיר האָבן דאָ אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון — מיר האָבן פאַרזיכערט דעם וועג פון דעם ראַיאָן מיט ירושלים, מיר האָבן באַוויזן, אַז מיר קענען איינמען אַ דאָרף און האַלטן עס. מיר האָבן אַ גוטן קלאַפּ געגעבן די אַראַבישע גרופּירונגען אין דער געגנט. די אַראַבישע חולדה, וואָס איז איינגענומען געוואָרן אינדערפרי

אַן שיסערייען, נאָך דעם ווי די איינוואוינער זענען אַנטלאָפֿן, און באַהערשט די גאַנצע סביבה, איז געבליבן אין אונדזערע הענט.

אין אָוונט נעמט מען מיך אַרויס אויף שמירה ביים טויער פֿונעם קיבוץ. נאָענט צו עלף דערנענטערט זיך אַ טראַנספּאָרט פֿון דער ריכטונג פֿון אַראַבישן חולדה. איך פֿאַרנעם אַ פּאָזיציע. דער ערשטער באַנצער פֿאַרהאַלט זיך ביים טויער און שרייט אויס דעם פּאַראָל. איך פֿאַרזאַם זיך ביים טויער, אָבער דער קאָמאַנדיר וואָס זיצט נעבן דעם שאָפֿער שרייט צו מיר, איך זאָל זיך איילן — פֿאַראַן פֿאַרוואונדעטע אין דער מאַשין.

צוועלף אַ זייגער בייט מען מיך. איך קער זיך אום אין עס־זאַל. דאָרט זיצט די גאַנצע גרופּע, וואָס איז אינדערפֿרי אַריינגעגאַנגען אין דיר־מוחיסין. די שטימונג איז אַ געפֿאַלענע און דערדריקטע. מען האָט זיי אַטאַקירט אָן איבעררייס אַ גאַנצן טאָג. די אַראַבער זענען געווען באַוואָפֿנט מיט שווער געווער און קאָמאַנדירט האָבן איבער זיי דייטשע אָדער פּוילישע אָפֿיצירן. זיי האָבן זיך דערנענטערט ביז אַ 20 מעטער און אויך פֿאַרכאַפּט הייזער אין דאָרף. אָבער צום סוף זענען זיי צוריקגעשטויסן געוואָרן מיט שווערע פֿאַרלוסטן.

מיר האָבן געהאַלטן דיר־מוחיסין ביז דער ציל איז דערגרייכט געוואָרן.

*

די „נחשון“־אַקציע האָט דערגרייכט איר ציל. דאָס יידישע מיליטער האָט אָבער נישט פֿאַרמאָגט גענוג זעלנער צו האַלטן פּאָזיציעס לענג־אויס דעם וועג קיין ירושלים. אין לאַטרון און אין באַב־אל־וואַד איז דער וועג געבליבן אָן אַ פֿאַרזיכערונג. דאָס איז געווען אַן אָפֿענע איינלאַדונג פֿאַרן שונא צו פֿאַרכאַפּן די דאָזיקע אָפּשניטן.

מיר זענען געזעסן אין אַראַבישן חולדה, אַ מעכטיקע נאַטור־פֿעסטונג, אויפֿן וועג קיין לאַטרון. מיר האָבן געקעמפֿט מיט די פֿליי, באַנקעס די. די. טי. האָבן מיר אויף זיך געגאָסן, און פֿון מאָל צו מאָל זענען מיר אַרויס צו די „בועז“־משלטים צווישן חולדה און וואַדי־סאַראַר. דאָרט זענען מיר געלעגן גאַנצע מעת־לעתן אויף דער גליענדיקער זון, כמעט אָן באַוועגונג. מיר האָבן זיך באַהאַלטן צווישן די פֿעלדזן. מיר האָבן זיך פֿאַרגראָבן אין די פֿעלדער, מיר האָבן די צייט פֿאַרטריבן מיט דערציילן סודות פֿון אונדזער לעבן. מיר האָבן דערקענט איינער דעם צווייטנס לעבן מער ווי אין די אַלע חדשים, וואָס זענען פֿאַרביי. בילדער פֿון

מיידלעך, פון יענע בילדער, וואָס יעדער זעלנער טראָגט אין זיינע קעשענעס, כדי זיך צו דערמאָנען אין דער „היים״. האָבן געוואַנדערט פון האַנט צו האַנט. אונדזער אויפגאַבע איז געווען צו שטערן די אַראַבישע קאָמוניקאַציע צווישן לאַטרון און וואַדי־סאַראַר און פאַרזיכערן דעם וועג קיין ירושלים פון דרום זייט.

ווען מיר זענען אַזוי געלעגן אין דעם משלט, איז פאַר אונדז פאַרבייגעפאָרן דער צווייטער טראַנספאָרט קיין ירושלים. מיר האָבן באַגריסט די באַגלייטערס מיט די פרשטיט מאַשינען, איינגעדרימלט. און ווען מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט נאָך אַ פּאָר שעה, האָבן זיך נאָך אַלץ געצויגן מאַשינען. דער טראַנספּאָרט איז אַדורך בשלום.

צום סוף האָט מען אונדז אַריבערגעפירט צוריק אין קעמפּ ביל״ו. צוויי פריידיקע בשורות האָט מען מיר אָנגעזאָגט: אויף אונדז איז ארויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע צו באַגלייטן דעם דריטן טראַנספּאָרט קיין ירושלים, און באַלד נאָכן צוריקקומען וועלן מיר פאָרן אויף אורלויב קיין תל־אביב.

אין אָוונט איז צו אונדז געקומען דער „קאַמער־טעאַטער״ און אויפגעפירט פאַר אונדז „נערת הפקר״. ווען די פאָרשטעלונג האָט זיך פאַרענדיקט האָב איך מיט א פּאָר חברים זיך פרייוויליק געשטעלט צו באַגלייטן די שפּילערס קיין רחובות. זיי האָבן געדאַרפט האָבן באַגלייטערס, ווייל דאָס דאָרף עקיר איז נאָך געווען אין אַראַבישע הענט. איידער מיר האָבן זיך געזעגנט מיט די שפּילערס, איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק: אויף דער קאָלבע פון מיין ביקס האָב איך געלאָזט אונטערשרייבן זיך אַלע אַרטיסטן. אין משך פון אַ סך וואָכן האָט דאָס געלבלעכע האָלץ געטראָגן די נעמען: בתיה, חנה און רוזה...

אין קעמפּ זענען מיר צוריקגעקומען אַ זייגער צוויי ביינאַכט מיט אַ גאַר געהויבענער שטימונג. נאָך א דריי שעה שלאָפן זענען מיר אויפגעוועקט געוואָרן. דער טראַנספּאָרט האָט אויף אונדז געוואַרט.

19־טער אַפּריל, 1948, אויף אורלויב אין תל־אביב.

א טראַנספּאָרט קיין ירושלים

אַ פרייד איז געווען אין באַראַק.

אויב ס'איז פאַראַן אַ זאַך, פון וועלכער אַ פוסגייער־זעלנער חלומט (אויסער פאָרן אַהיים), איז עס צו פאָרן אין שלאַכט אויף רעדער;

וואָס איז שענער, און וואָס איז פיינער ווי צו פאָרן אויף אַ

מאשין. ווען דער נורט און דאָס געווער ליגן ביי דיין זייט און דערקוטשען דיך נישט!

*

אונדזער פרייד האָט געהאַט אַ טיפערע סיבה. צוויי וואָכן דורכאַנאַנד האָבן מיר געקעמפט פאַר אַדורכברעכן דעם וועג קיין ירושלים. אבער די פרוכט פון אונדזער מי, די „פארענדיקטע ארבעט" האבן מיר נישט געזען. מיר האבן געליענט אין דער צייטונג וועגן דעם קבלת פנים, וואס מ'האָט געמאכט די טראנספארטן אין ירושלים, און מיר האבן שטארק מקנא געווען אונדזערע חברים וואס זענען אריינגעקומען אין שטאט ווי זיגער.

ענדלעך וועלן אויך מיר דערזען די פרוכט פון דעם נצחון. ערגעץ־וואו אין דער הויפט־שטאט וואַרט אויף אונדז די שיינע בת־ירושלים מיט פארערונג און דאנקבארקייט.

*

צוויי א זייגער אינדערפרי האט מען אונדז אויפגעוועקט. מיר זענען אראפ פון די שטרוי־זעק און אין א פאר מינוטן ארום זענען מיר געווען באקליידט און באוואפנט.

אין ווינקל פון קעמפ דערלאנגט מען אונדז קאקאַא, ברויט און געקאָכטע אייער. פאַר גרויס שמחה האָט איינער אויפן אַנדערנס קאָפ אויפגעקלאַפט די אייער.

מען פירט אונדז צום פארזאמלונגס־פלאַץ.

*

דער גורל, אין דער געשטאַלט פון בולי, אונדזער ס. מ. מ., האט איינגעארדנט אונדזער גרופע דווקא אין דער מאשין, וואס איז געווען באלאדן מיט קעז פון „תנובה". א טייל פון אונדז זעען דעריין א חסרון; פרישער קעז איז נישט אזא אידעאלער מאטעריאל אויף אויפצוהאלטן קוילן. אבער דער רוב איז מסכים מיט נחמנען, דעם בלאנדן מ. כ., וואס באטאנט די „מאגן"־זייט פון דער זאך. נאך דעם ווי אונדזערע מאגנס זענען געווארן אקווארימס פאר אזויפיל סארדינען, וועט נישט שאטן א גוטע פארציע קעז.

זייער שנעל ליידיקן מיר אָפּ דעם צענטער פון דער מאַשין און

שטעלן אויס די קעסטלעך קעז לעגגאויס די ווענט, ווי א גוטער שורץ אויף נישט באמערקט צו ווערן און אן אויסגעדאַכטע שורץ פּאַר קוילן.

*

דער ליכט-פּאַס אויפן האריזאנט זאגט אונדז ווידער אן די „נול-שעה". די ערשטע געשטאפּלטע מאַשין נעמט רירן. ביים אַרויפ-קלעטערן אַנטפּלעקט זיך פאר די אויגן אַ שיין בילד — אַן אומ-ענדלעכע שורה מאַשינען איינע נאָך דער צווייטער, לאַסט-מאַשינען, אויטאבוסן, פּאנצערס, פּריוואטע מאַשינען. פון יעדער צווייטער, דריטער מאַשין שטאַרן ארויס פּנימער פון „נחשונער", און געבן זיי-לופּעס פון ביקסן און מאַרטערס.

מיר קומען אָן צו דער גרענעץ פון יידישן הערשאַפט-געביט, צו דער פראַנט-ליניע, וואָס מיר האָבן געשאַפן די לעצטע צוויי וואכן. יעדעס בערגל און יעדער קוסט וועקט אין אונדז זכרונות.

*

דייר-מוחיסין! אַלע קעפּ הייבן זיך, כאָטש עס איז פאַרוואַרט. אַ ים מיט זכרונות: — דאָס הויז, וואו מיר האָבן געגעסן די היב-ערלעך. דער דאַך מיט די קופּאלן, אויף וועלכן איך בין געלעגן און אָבסערווירט דער בנין פון וועלכן ס'האָט זיך געשאָטן דאָס פייער פון די סנייפּערס אַ גאַנצן מעת לעת.

מיר פילן זיך גוט. דער אויסטויש פון זכרונות און טשיזבאָטן מאַכט אונדז אַפּעטיט. נחמן עפנט אַ קעסטל קעז. מיר רירן אָן דעם געלן קעז כמעט מיט אַ הייליקן ציטער. אונדזערע מאַגנס, וואָס האָבן זיך צוגעוואוינט אין קעמפ צו סאַרדינען און בוליביף, נעמען אויף די נייע שפּייז מיט פריידיד.

לאַטרון. מיט נייגעריקע אויגן קוקן מיר אויף דעם אַרעסטאַנטן-לאַגער ווי אַ זכר פאר אַ פאַרגאַנגענער תקופה. עטלעכע אַראַבישע פּאָליציאַנטן קוקן נאָך מיט אויפגעריסענע אויגן דעם ריזיקן טראַנספּאָרט מיט זיינע הונדערטער באַוואָפנטע באַגלייטערס.

*

שער-הגיא. נישט ווילנדיק ווערן די נערוון אָנגעשפּאַנט. פון ביידע זייטן וועג הייבן זיך אויף משופּעדיקע בערג. אויב מיר וועלן דאָ אַטאַקירט ווערן פון די שפּיץ בערג, וועלן מיר בלויז קענען

אריינשפּרינגען אין די ראַוועס און וואַרטן. אַרויפגיין אויפן באַרג זועגן דער שונא שיסט פון אויבן — דאָס איז זעלבסטמאָרד.

אַלע, וואָס געפינען זיך אין די מאַשינען, ליגן אויפן דיל מיט אָנגעלאָדענע ביקסן.

אבער עס פּאַסירט גאָרנישט.

*

אבו־גוש. צום ערשטן מאָל זעען מיר אַן אַראַביש דאָרף, וואָס איינוואוינער אַרבעטן פרידלעך. עטלעכע קינדער לויפן אונדז אַנטקעגן און קוקן נאָך ווען מיר פאָרן פאַרביי. די איבעריקע איינוואוינער באַמיען זיך צו מאַכן אַן אָנשטעל, גלייך זיי זעען אונדז נישט.

אין דער מאַשין אַנטוויקלט זיך אַ פּאָליטישער וויכוח: ווי אַזוי דאַרף מען זיך באַגיין מיט די אראבער? משה און מנחם פּרעדיקן אַ אכזריותדיקע באַציאונג. איך שטיץ אַ געדולדיקע „פּאָליטיק".

אויף אַ שפּיץ בערגל פון רעכטס שטייט אַן איינציקע געשטאַלט און מאַכט מיט די הענט. אויפן קאָפּ אַ טעמבל־מיצל. מיר ברעכן אויס מיט אַ פרייד־געשריי. מיר זענען אָנגעקומען צום מזרח־געביט פון „נחשון", צו די פּאָזיציעס, וואָס זענען איינגענומען געוואָרן דורך אונדזערע חברים, ווען מיר האָבן דורכגעריסן דעם וועג פון מערב.

*

פון דאַנען אַן וואַרט דער וועג אַ צוג פון פריינטשאַפט. פון אַלע משלטים שרייען צו אונדז באַבערדיקטע חברים.

עמיץ ווייזט אַן אויף אַ משופּעדיקן באַרג פון דער רעכטער זייט. דאָרט פלאַטערט אַ פאָן. איך נעם ביי יעקבן די לאָרנעטע: אַ בלוי־ווייסע פאָן! דאָס איז דער קאַסטעל.

מיר זענען אַביסל בייז אויף דעם קאַסטעל, וואָס האָט זיך צוגענומען די גאַנצע פּאָפּולאַריטעט און כמעט געמאַכט פאַרגעסן אונדזערע נצחונות, וואָס האָבן אין אונדזערע אויגן אויסגעזען ווי דער שפּיץ פון מיליטערישער גבורה. איצט, אָבער, זענען מיר פול מיט באַגייסטערונג. די מענטשן פון קאַסטעל זענען צו אונדז אַראָפּ אויפן שאָסיי. עמיץ הייבט אויף פאַר אונדזער כבוד ווען אַ פושקע פאַרדינען — דעם צייכן פונעם מיליטער אין פּראָנט.

אין די פילמען האָבן מיר געזען ווי ס׳באַגעגענען זיך ביידע שפּיצן פון דער רוסישער צוואַנג ביי סטאַלינגראַד; דאָס באַגעגענען

זיך פון די רוסן מיט די אַמעריקאַנער אין דייטשלאַנד. דאָ זענען מיר עדות פון אַזאַ ענלעכן בילד אין מיניאַטור. צוזאַמען האָבן מיר געעפנט דעם דאָזיקן וועג. זיי זענען דורכגעגאַנגען די זעלבע מאַטערנישן, האָבן געהאַט די זעלבע קרבנות, זיי האָבן ווי מיר געקעמפט קעגן שווער מאַשין־געווער, ביקסן, לייז און סאַרדינען. אַ שטומע פרייַנטשאַפט פאַרבינדט אונדז. מען דאַרף נישט בייטן קיין ווערטער. ס'איז גענוג אַן אַראַבישע קללה, באַגלייט מיט אַ שמייכל.

*

פון ווייטנס זעען מיר די פאַרשטעט פון ירושלים.

מיר גרייטן זיך צום ציל פון אונדזער נסיעה — צום פייערלעכן אַריינמאַרש אין ירושלים.

מיר רייטן אויף די קעסטלעך. נחמן קעמט זיין בלאָנדע פריזור, משה גיט צו זיין זאַקן־מיץ אַ לעצט חנדל. יהודה טוט אָן די אַמעריקאַנישע ברילן און זעט אויס ווי אַ גרופּן־קאָמאַנדיר.

*

קיינער פון אונדז וועט די דאָזיקע מינוטן נישט פאַרגעסן: דאָס אַריינקומען פון די הונדערטער מאַשינען און זייערע באַגלייטער אין דער דערוואַרטנדיקער שטאָט, דאָס שטורעמדיקע הילכן פון די מאַסן, וואָס האָבן זיך אָנגעשטופּט אין די גאַסן, אויף די באַלקאָנען און אויף די דעכער. אַזוי איז אַריינגעגאַנגען דע־גאָל אין דעם באַפרייטן פּאַריז; אַזוי איז אַריינגעגאַנגען די רויטע אַרמיי אין קיעוו און אין אָדעס.

זיי זענען די זעלבע זייערע, די יידישע זעלנער, וואָס האָבן דורכגעריסן דעם וועג צו זייער באַלאַגערטער שטאָט: די זעלנער, וואָס האָבן געליטן און אָנגעגריפן און דעראָבערט, כדי זיי צו ברענגען פּראָוויאַנט.

און מיר ווידער — מיר זענען די „בירגער" אונדזערע, דאָס פאָלק, פאַר וועמען מיר קעמפן.

די דאָזיקע מינוטן פון אַריינמאַרש אין ירושלים זענען אונדזער לוין פאַר דעם אַלעמען, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אין משך פון די צוויי וואָכן. און כאָטש קיין איין טאָכטער פון ירושלים איז אונדז נישט געקומען קושן, און כאָטש אויף אונדזערע מאַשינען

איז נישט ארויף קיין שיין מיידל, נאָר אַ ראַזירטער מ.צ.. אַן אויסגעפּוצטער, איז עס געווען — אין אונדזער שפּראַך — אַ גרויסער „כיף".

*

ביי אַ צוויי שעה האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט אין שטאָט. מיר האָבן געהאָלפן אַראָפּנעמען דעם קעז און געטרונקען מילך ביז דעם מאָגן קאַליע צו מאַכן. מיר האָבן געטרונקען אין „מנורה", געזאַמלט הײדד־געשרייען און פּאַטשערייען ביזן מיד ווערן.

אויפן זאַמל־פּונקט האָבן זיך אָנגעהויבן צו זאַמלען די מאַשינען אויף צוריקצופאָרן. אַ גרויסע מאַסע בירגער האָט זיך אָנגעשטופּט אויפן פּלאַץ. איינער בעט אַריבערפירן אַ גרוס, דער צווייטער אַ בריוול קיין תל־אביב. מיר „שוויצן" און דערציילן טשיזבאַטס, אַז די האָר קאָנען זיך אויפשטעלן.

מיר האַלטן זיך אין איין פאָטאָגראַפירן. מיידלעך און פּרעסע־פאָטאָגראַפן קומען אין די צענדליקער. שטייענדיק, זיצנדיק אויף די מאַשינען, מיט די היקסן, אָן די ביקסן, מיט מיידלעך, אָן מיידלעך, גרופּנווייז און באַזונדער...

*

דער וועג צוריק. מיר זענען מיד פון פאָרן און שמועסן פון פּאָליטיק. דער שמועס קומט ווידער ארויף אויף אונדזער באַציאונג צו די אַראַבישע בירגער און וועגן אַקט פון אצ„ל אין דיר־יאַסין. דער וויכוח רעגט אויף און צעהיצט יעדערן. צום סוף ווייסט שוין קיינער נישט וועגן וואָס מיר שטרייטן.

אויפן וועג באַגעגענען מיר אַן ענגלישן קאָנוואָי. וואָס קומט אונדז אַנטקעגן. אַ מאָדנע געפיל: יידישע זעלנער וואַרפן אַ צאָרנדיקן בליק אויף די ענגלישע זעלנער. זיי קוקן אויף אונדזער געווער מיט אַכטונג. די גרייס פון דער טראַנספּאָרט מאַכט אויף זיי אַ רושם.

עמיץ פון אונדז האָט פריינטלעך באַגריסט די ענגלענדער. באַלד אַנטוויקלט זיך אַ נייער וויכוח.

קומענדיק „אַהיים", זענען מיר געווען טויט מיד, אָבער נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. די איבערלעבענישן פונעם טאָג זענען צו שטאַרק געווען. אונדזער שטימונג איז געווען גאָר געהויבן —

מערער ווי יעדן אַנדערן אָוונט, זינט מיר זענען אַרויס צו דער „נחשון"־אַקציע.

*

צומאָרגנס האָט דער שטאַב מודיע געווען: „אַ גרויסער טראַנספּאָרט פון 235 מאַשינען איז בשלום אָנגעקומען קיין ירושלים"....

צומאָרגנס זענען מיר געפאָרן קיין תל־אָביב. מיר האָבן דאָ פאַרבראַכט אונדזער ערשטן אורלויב פון זינט מיר זענען אַרויס אין שלאַכט. די שטאָט האָט אונדז אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. אונדזער נאָמען, דער נאָמען „נחשונים", האָט זיך געטראָגן פון מויל צו מויל. דאָס זענען געווען די גלאַנציקע סונעס פאַלקס־מיליטער. מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז די קרבנות זענען נישט געווען אומזיסט, און אַז דער בירגער אין גאַס שאַצט אָפּ אונדזער איבערגעגעבנקייט.

ווען מיר זענען נאָר צוריקגעקומען אין קעמפּ, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דער סערטער טראַנספּאָרט איז באַפאַלן געוואָרן ביי באַב־אַל־וואַד. יוסף, דער פּלמ"חניק פון פּתח־תקוה, אונדזער אויסשפּירער פון די צייטן פון דיר־מוחיסין, האָט אָפּגעראַטעוועט דעם טראַנספּאָרט מיט אויסערגעוויינלעכער גבורה, דראַפּענדיק זיך מיט אַ גרופּע חברים צום משופּעדיקן שפּיץ באַרג, כדי צו פאַרטרייבן די אָנפאַלער. ער איז געפאַלן, און דער טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען קיין ירושלים. אָבער דער וועג קיין ירושלים איז פאַרשטעלט געוואָרן.

אונדזער גדוד איז אַוועק אויף דרום זייט איינצונעמען די אַראַבישע דערפער, וואָס פאַרשטעלן דעם וועג צום נגב. מיין גרופּע אָבער — גרופּע ב' — איז צייטווייליק צוגעטיילט געוואָרן צו אַן אַנדערן גדוד, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע אָנטייל צו נעמען אין דער צווייטער גרויסער אַקציע פאַרן עפענען דעם וועג קיין ירושלים.

דעם 3־טן מאַי 1948, זענען מיר ווידער אַריבערגעפירט געוואָרן צו דער קאַמף־באַזע אין חולדה. די טעג זענען אַריבער מיט גאַרנישט. מיר האָבן געהאַט אַ געאָרדנטע קיך, געמאַכט אַ ביסל ספּאָרט און אָנגריפס־איבונגען. אין אָוונט האָבן מיר געצונדן פייערן און געמאַכט ווי געהעריק „קומזיצן" מיט פלעשער קאָניאַק, שוואַרצע קאַווע און קאָנסערווירטע פירות. אויף די פיר שראַפּנעלד־וואַרפער פון דער גרופּע — ראובן הובער, פערדי גליקמאַן, מיקי רוזנבליט און שלום כהן — איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע צו „אָרגאַניזירן" די פּראָוויאַנטן פאַר דער קיך פונעם גדוד. זיי האָבן אויסגעפירט זייער פליכט

מיט כבוד, פרייוויליק בעדינט טאָג־איין טאָג־אויס אַלס דיזשורנע אין עס־זאַל. די טשיזבאַתן האָבן געשוויבלט אין דער לופט, בילי האָט אונדז געלערנט נייע לידער. די חברים, וואָס זענען יעדע נאַכט אַריינגעפאַלן אין די טיפע גריבער, וואָס זענען אויסגעגראָבן געוואָרן אויפן שטח, האָבן אונדז געליפערט אַ סך מאַטעריאַל פאַר הומאָר. שיינע טעג זענען דאָס געווען.

12־טן מאַי 1948, קאַמף־באַזע אין חולדה.

די מתנה פאַרן זעלנער

איך ליג אין מיין קליינעם „ביוואַק” און שרייב די דאָזיקע ווערטער ביי אַ געגנבעטן „לוקס”, אויף אַ נייעם ריינעם שרייב־בלאָק — אַ טייל פון דער מתנה פאַר זעלנער, וואָס איך האָב באַקומען.

ס׳איז אמת, מיר האָבן די מתנה־פעקלעך באַקומען, כאָטש דער יום־טוב פסח איז שוין לאַנג פאַרביי. אָבער בעסער שפּעטער ווי גאָרנישט.

מ׳האָט אונדז צו וויסן געטאָן, אַז אין אַ שעה אַרום גייען מיר אַרויס אויף אַ „שטרקע פּאַטרול”. דאָס איז אַ פּאַטרול, וואָס זיין ציל איז „צו זוכן צרות” — אַנטפּלעקן דעם כוח פונעם שונא און אַריינגיין מיט אים אין אַ קאַמף, כדי זיך דערוויסן ווי שטאַרק ער איז.

מיר זענען געזעסן פאַר די פאַרשאָלטענע ביוואַקן (עס איז אוממעגלעך צו זיצן און נישט ווערן אָפּגעקאָכט) און געפּוצט די ביקסן. די מ. כ.־ן זענען אַריין אין לאַגער־געצעלט צו באַקומען אַ צוגאָב צו דער אַמוניציע. און אָט האָט זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז די מתנה־פעקלעך זענען אָנגעקומען.

די מתנה איז ביי אונדז שוין פון לאַנג געוואָרן אַ וויץ. מיר האָבן וועגן איר געהערט אין ראַדיאָ. חברים וואָס זענען אַרויס אויף אורלויב האָבן דערציילט וועגן איר. און אָט איז דער יום־טוב אַוועק און די מתנה איז נאָך אַלץ נישט געקומען. האָבן אונדזערע ליצנים דערציילט, אַז די מתנות זענען געבליבן ביי די מ. צ. אין תל־אָביב און ביי די איבעריקע העלדן, וואָס קעמפן זייער קאַמף אין הינטערלאַנד.

און פּלוצים קומען די מ.כ.־ן מיט די פעקלעך אין די הענט. אַן אַטמאָספער פון געשפּאַנטער דערוואַרטונג האָט זיך ביי אונדז

געשאַפן. אין דעם מאָמענט האָט קיינער נישט געקלערט וועגן די זאַכן, וואָס געפינען זיך אין די פּעקלעך. מיר טראַכטן וועגן די בריוו, וואָס געפינען זיך דאָרט — בריוו פון שיינע יונגע מיידלעך (יעדער מיט אַן אונטערשריפט און אַן אַדרעס), וועלכע פאַרבעטן אונדז באַגעגענען זיך ביים נאָענטסטן אורלויב.

יעדער באַקומט זיין פּעקל. אַ טייל פון אונדז רוקט זיך אָפּ אין אַ ווינקל בלייבן זיי אַליין מיט די זאַכן. אַ טייל פאַרהאַלט זיך אין צענטער פונעם קעמפּ און שלעפּן אַרויס איין זאַך נאָך דער צווייטער מיט נצחון־פרייד.

דער אינהאַלט פון פּעקל איז אַ ביסל אַ מאָנאָטאָנער — אַ האַנטוך, אַן אונטער־לייבל, סקאַרפּעטן, ראַזיר־זייף, אַ פּעקל שאָקאָלאַד, ציגאַרעטן און ענלעכס. די, וואָס האָבן באַקומען אַ „פעט" פּעקל, רופן אויס דעם אינהאַלט מיט שטראַלנדיקע פּנימער. כאָטש אַ טייל פון די זאַכן זענען איבעריק. די, ווידער, וואָס זענען באַוועלט געוואָרן — און אין זייערע פּעקלעך פעלט דאָס אונטער־לייבל, אָדער שאָקאָלאַד — פּרובן אומזיסט אויסצובאַהאַלטן זייער ביטערע אַנטוישונג.

אָבער — דאָס וויכטיקסטע פעלט. עס פעלט אינגאַנצן דער פּער־זענלעכער טאָן. די פּעקלעך זענען שיין און פיין. נאָר עס איז נישטאָ אין זיי דער „גייסט", די פּאָר געציילטע ווערטער, וואָס וואָלטן אונדז איבערצייגט, אַז עמעץ טאַקע דענקט און זאָרגט וועגן אונדז אין שטוב און גריסט אונדז. בקיצור — ס'פעלן די בריוו פון די מיידלעך.

בלויז איינער האָט באַקומען אַ בריוו. אַלע שטופּן זיך אַרום זיין געצעלט מיט קנאה. מען שלעפּט אים אַרויס אויף כוח און מען צווינגט אים צו לייענען אויפן קול.

אין שרייב־בלאָק פון זיין פּעקל האָט נחמן געטראָפן אַ ליד געשריבן דורך אַ יונג מיידל. — אַן אמתדיק מיידל מיטן נאָמען אהובה, וואָס האָט אַפילו נישט פאַרגעסן בייצולייגן איר אַדרעס. און אָט איז דאָס ליד:

„ווייל דו ביסט דאָרט, אַ זעלנער אומבאַקאַנט / ווערסטו וויטער און דערקענען די שריפט פון מיין האַנט / די האַנט פון דעם מיידל, וואָס ליבט און גלייבט / אויפן בלאַט די געפילן פון איר האַרץ זי פאַרשרייבט..."

אַ טייל ווילצלען זיך איבערן בריוו. אָבער טיף אין האַרצן זענען

מיר אַלע נחמנען מקנא. ער האָט אַ מזל פון אַ חזיר — אים איז נאָך געלונגען ארויסצוגיין אויף אורלויב איידער מ׳האָט מבטל געמאַכט די אורלויבן צוליב דער נייער אַקציע, און ער האָט אויך דער איינציקער פון אונדז באַקומען אַ בריוו פון אַ מיידל, אַן אמתן בריוו וועגן וועלכן מען קען נאָכקלערן און אויף וועלכן מ׳קאָן ענטפערן.

נחמן זיצט שוין און באַמיט זיך — האַלטנדיק אַן עצה מיט שלמהן — צו פאַרפאַסן אַן ענטפער. ס׳איז ביי אים אַ באַשלאָסענע זאַך צו באַזוכן אהובהן ביים נאָענטסטן אורלויב. און ער איז נישט דער איינציקער. דריי האָבן שוין באַהאַלטענערהייט איבערגעשריבן דעם אַדרעס, כדי „איבערצוגעבן אַ גרוס פון נחמנען״, אויב עס וועט זיי אויסקומען צו גיין אויף אורלויב פאַר אים.

אין אמתן געזאָגט, האָט נאָך נישט קיין שום צוועק צו מאַכן פּלענער פאַרן קומענדיקן אורלויב. וויבאלד ביז דאַן דאַרפן מיר ענדיקן די אקציע צוליב וועלכער מיר זענען אַהער געקומען און ס׳איז מעגלעך, אַז נישט אַלע, וואָס שטופּן אריין די מתנה אין זייערע רוק־זעקלעך, וועלן זיך מיט איר קאָנען באַנוצן. אָבער דער קליינער גריס פון דער היים האָט דאָך געענדערט די אַטמאָספער צום גוטן. מיר גייען ארויס אויפן פּאַטרול מיט אַ געהויבענער שטימונג, און מיר זאָלט דאָס נישט גרינגשעצן.

אין דער צווישנצייט האָט מען אונדז אויפגעקלערט די פּרטים פון דער אַקציע. קאַוקאַדזשיס זעלנער האָבן פאַרכאַפּט דעם אַפּשניט פונעם שאָסיי ביי באַב־אַל־וואַד און ס׳איז זיי געלונגען אויפצושטעלן אַ ריזיקע בעטאָן־באַריערע. דער ציל פון דער אַקציע איז צוצוקומען צום פּלאַץ, צו צעקלאַפּן די אַראַבער און צו באַזייטיקן די באַריערע. אַ פּלמ״ח־איינהייט פון דער הראל־חטיבה וועט אַרויס איז דער ריכטונג פון ירושלים און איינעמען די אַראַבישע דערפער דיר־איוב און בית־מחסיר אויף צפון און דרום זייט פונעם וועג. אַז די אויפגאַבע וועט פאַרענדיקט ווערן, וועלן מיר גיין פאָרויס לענגאויס דעם שאָסיי ביז צו דער באַריערע. מיר וועלן דעקן די אינזשעניער־אָפּטיילונג, וואָס דאַרפן אים באַזייטיקן און מיר וועלן דורכפירן דעם טראַנספּאָרט קיין ירושלים. די אקציע ווערט געפירט אויפן נאָמען פון מכבי, אַ הגנה־קאָמאַנדיר, וואָס איז געפאַלן אויפן וועג ירושלים—תל־אָביב.

17־טער מאי 1948, קאמף־באזע אין חולדה.

דער ערשטער קאמף וועגן לאטרון

ווי שטענדיק פאר אן אקציע פון אזא גרויסן מאסשטאב, עפנט זי זיך מיט „געשפאנטקייט" — דאס הייסט, פאלשע אליארמען. די זאך וועט קלינגען קאמיש אין די אויערן פונעם ציווילן אין הינטערלאנד. אבער אין לעבן פונעם זעלנער אין פראנט פארנעמען די אקציעס, וועלכע ווערן נישט אויסגעפירט, נישט ווייניקער פלאץ פון אקציעס, וועגן וועלכע ער לייענט אין דער צייטונג. אזוי זענען מיר אין מיטן נאכט אליארמירט געווארן, כדי באשיסן מיט א שטארק פייער א דארף — און בלויז עטלעכע הונדערט מעטער פארן ציל דערוויסט זיך, אז די אקציע איז אפגערופן געווארן. זענען מיר נאר צוריקגעקומען אין דער באזע, האט מען אונדז ווידער ארויפגענומען אויף די מאשינען און איבערגעפירט אין א פאדערשטע באזע, כדי צו העלפן איינעמען אן אראביש דארף — און נאך א פערטל שעה רו. זענען מיר געווארן געוואר, אז דאס דארף איז שוין איינגענומען דורך אונדזערע חברים. נאך אזא „געלונגענע" אקציע האבן מיר גערוט עטלעכע שעה. זענען מיר ווידער אליארמירט געווארן און זיך דערוואוסט, אז אט־אט הויבט זיך אן די אמתע אקציע. צי איז א וואונדער, אז מיר האבן געשפירט אן אנטוישונגס־געפיל, ווען מיר האבן זיך דערוואוסט, אז אויך דאסמאל זענען מיר נישט מער ווי א „רעזערווע", און אז אנשטאט אונדז גייט ארויס אן אנדערע איינהייט? מיר זענען נישט קיין העלדן, און מיר רייסן זיך נישט צו דער סכנה מער ווי אן אנדערער נארמאלער מענטש, אבער נאך א ריי אזעלכע „שפאנונגען" נעמסטו אויף דאס ארויסגיין ווי א באפרייאונגס־באפעל.

*

מיר זענען געלעגן אויפן שאסיי און פארשאלטן זיך און די וועלט, בעת אונדזערע חברים זענען אריינגעגאנגען אין די פאנצערס, צו קאנטראלירן דעם וועג צו באב־אל־וואד. נאך א האלבער שעה איז צו אונדזערע אויערן דערגאנגען פון דער ווייטנס א דונערן פון קאנאנען. עס האט אונדז אבער נישט געשטערט צו פרעסן פאווידלע און לייענען קליינע ראמאנען.

*

אונדזער באציאונג צום ענין האט זיך געענדערט, ווען ס׳האט אינדז פּלוצים אַנטקעגן געיאָגט אַ טענדער מיט אַ געשווינדקייט פון הונדערט קילאָמעטער אויף אַ שעה. פאַרהאַלטן זיך אַ ווייל, איבער־געגעבן, מיר זאָלן זיך גרייטן צו אַ באַלדיקער אַקציע, און איז ווייטער אוועק. נאָך אים איז אָנגעקומען אַ פּאַנצער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ רייבאייזן: אַנטי־טאַנק־שראַפּנעלן האָבן אים צעלעכערט פון אַלע זייטן. אריה, דער קאָמאַנדיר פון אונדזער גרופּע, איז געזעסן אין טענדער און דאָס בלוט איז אים גערונען פון פינף וואונדן. ער האָט אַרויסגערעדט בלויז דריי ווערטער: „באַלד געבן הילף“.

מיר האָבן געוואוסט — אונדזער ריי איז געקומען.

*

אויפן שאָסיי שטעלן זיך אויס אונדזערע פּאַנצערס. פון צייט צו צייט זענען פאַרביי אַמבולאַנסן מיט די טויטע און פאַרוואונדעטע פונעם פריערדיקן פּאַטרול. מיר פאַרענדיקן די לעצטע צוגרייטונגען. אַלע פּערזענלעכע זאַכן און דאָס עסן לאָזן מיר איבער אויפן פּלאַץ. מיר נעמען בלויז מיט דאָס געווער און דעם גורט. צולעצט נאָמינירט מיך עזריאל, אונדזער מ.כ. אין דעם אַקט, פאַר זיין פאַרטרעטער. פאַר מיך פרייט נישט דער כבוד — די פּראַקטיק האָט מיך געלערנט, אַז אין קאַמף איז כדאַי צו זיין זעלבשטענדיק און פריי, אָן פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַרן לעבן פון אַנדערע.

*

עמיץ דערציילט מיר וואָס עס האָט פּאַסירט. די פּאַנצערס זענען דורכגעפאָרן לאַטרון. איידער זיי זענען אָנגעקומען צום קרייץ־וועג ביי הר־טוב, האָבן זיי געטראָפן אַראַבישע פּאַנצערס, וואָס זענען געווען באַוואָפנט מיט צוויי־פונטיקע קאַנאָנען. ביז די שווערע מאַשינען איז געלונגען זיך אויסצודרייען, זענען זיי איינע נאָך דער אַנדערער דורכגעלעכערט געוואָרן פון שראַפּנעלן. די מייסטע מענטשן זענען פאַרוואונדעט געוואָרן. נאָר איין פּאַנצער, דער לעצטער, איז נישט באַרירט געוואָרן.

מיר לאָזן זיך אַרויס אין וועג. פון פּאַנצער צו פּאַנצער איז 40 מעטער. די שטימונג איז אַ געהויבענע. מיר דערציילן זיך וויצן און טשיזבאַטן. אַז מיר זענען דאָס ערשטע מאָל אַרויס אין שלאַכט, אין די „נחשון“־טעג, זענען מיר געווען אָנגעצויגן און אָנגעשטרענגטע.

איצט פילן מיר דאס נישט. דער קאמף איז פאר אונדז מער נישט קיין פרעמדע שרעקנדיקע וועלט, נאר א מער־וויניקער באקאנטער עלעמענט. מיר האבן זיך אויסגעלערנט צו וויסן, אז נישט יעדע קויל טרעפט. קורץ, מיר זענען געווארן „אלטע" פראנט־סאלדאטן — אדער לכל הפחות ס'האט זיך אונדז אזוי אויסגעוויזן...

מיר פארן פארביי דיר־מוחיסין, דעם פלאץ פון אונדזערע ערשטע קאמפן. די הייזער פארלאזטע. מיט גייגעריקע אויגן זוכט יעדער „זיין" פאזיציע, און אויך מיר, פארנדיק, גיט זיך איין אפצופאטא־גראפירן מיט די אויגן „מיין" הויז.

*

צווישן דיר־מוחיסין און לאטרון עפנט זיך אויף א פייער. איך פאנצער קען מען נישט באמערקן פונוואנען די קוילן קומען. א טייל האלטן, אז זיי קומען פון לאטרון, אבער מיר דוכט זיך — בטעות — אז זיי קומען פון דער ריכטונג בית־ג'יז, פון רעכטס. אונדזערע פאנ־צערס פארהאלטן זיך. די מענטשן פון די פאדערשטע פאנצערס שפרינגען אראפ פון די מאשינען און לאזן זיך צו דער בארג־קייט פאר אונדז. זיי לויפן ווי אין איבונגס־פעלד — א תענוג צו קוקן. ערגעץ־וואו פון נאענט „קלאפט" דאס שווערע מאשין־געווער אונ־דזערס. דער פיינט עפנט א פייער. ווען אונדזערע חברים קומען אן אויפן שפיץ בארג ווערט דאס פייער איינגעשטילט. דער פיינט איז אנטרונען.

אונדזער קליינער קאמף האט אונדז אויפגעהאלטן. דערוויל פאלט צו די נאכט. קלאר, אז מיר האבן שוין נישט קיין אויסזיכט אנצוקומען איצט קיין באב־אל־וואד. מיר פרווון טרעפן דעם וויטערן גאנג פון דער אקציע — צי וועלן מיר זיך אומקערן צו דער באזע, צי וועלן מיר פארכאפן משלטים אויפן פלאץ?

*

עזרא, דער אפטיילונגס־לויפער, גיט אונדז איבער דעם באפעל: ציין פארויס! דער פאנצער רירט און פארט פאמעלעך. ארום אונדז איז איינגאנצן פינצטער. מיר ציינדן נישט אן די לאמפן פון דער מאשין. נאך פינף הונדערט מעטער שטייען מיר ווידער. א באפעל — ארויס פון די מאשינען. מיר שפרינגען — ווי אפגערעדט פאר־

כאַפּט עזריאל דעם רעכטן פליגל, און איך פיר מײַן „רינג" צום לינקן פליגל. מיר ליגן אין אַ פאַרזיכערונג ביי די זייטן פון שאָסיי.

אייניקע קוילן פייפן איבער אונדזערע קעפּ. איך בויג זיך צו צו דער ערד און גראָב מיט די הענט אַ קליין גריבל. אריה און פּרץ, די מענטשן פון מיין רינג, וועלכע מאַכן איצט אַדורך זייער ערשטן פייער־עקזאַמען, ליגן אומבאַוועגלעך. איך באַרואיק זיי — די קוילן פליען צו הויך זיי זאָלן אונדז קענען טרעפן, און סיי־ווי זעט אונדז נישט דער שונא אין דער פינצטערניש.

*

בולי רופט אונדז פון הינטן. מיר גייען אַדורך דעם שאָסיי, איינער נאָכן אַנדערן, שפּרינגענדיק. פאַר מיר — אַ קליין ווייס הייזל. פאַר אים — אַ צאַם פון שטעכל־דראָט פון אַ באַזונדערן סאָרט. וואָס איז דאָס? פלוצים באַגריף איך — מיר זענען צוגעקומען צום אַרעסט־לאַגער אין לאַטרון. אַ מאָדנער געפיל. — פאַר אַ סך פון אונדז האָט דאָ געוואַרט אין די פאַרגאַנגענע טעג אַ געצוואונגענע רו. און אָט רייסן מיר זיך איצט אַריין אין אים אין דער נאַכט־פינצטערניש. עפּעס דערמאָנט זיך מיר איצט דווקא אַ ליד, וואָס איך האָב אַמאָל געלייענט — „אויך לאַטרון איז ארץ־ישראל..."

מיר רייסן זיך אַריין אין לאַגער דורך אַ לאָך אין צאַם. איך פאַרשטיי די כוונה — מיר וועלן דאָ פאַרבלייבן די נאַכט. דאָס איז אַ גוטער געדאַנק, טראַכט איך, כל זמן מיר זיצן דאָ קען דער שונא נישט איילן קיין פאַרשטאַרקונג זיינע מענטשן, וועלכע שטייען אין דעם מאָמענט אין קאַמף מיט אונדזערע חברים אויף דער לענג פון שאָסיי קיין ירושלים. אויף דעם פּלאַץ איז אונדז לייכט איבערצוריייסן דעם טראַנספּאָרט פון שונא פון דער ריכטונג רמלה און לוד.

מיר טאַפּן אין דער פינצטער. די הייזער זענען אין גרעסטן טייל רואינירט. נאָר דאָ און דאָרט זעט זיך אַ ווייס הויז. הינטער איינעם פון די דאָזיקע הייזער פאַרהאַלט זיך אונדזער אָפּטיילונג. מיר ברענגען שטיינער פון די חורבות און בויען זיך אַ קליינע פּאָזיציע. דאָס איז זייער שווער — מיר האָבן נישט קיין כלים אויף אַרומגראָבן זיך, און די שוץ פון די שטיינער איז נישט אַזאַ זיכערע.

*

הינטער אונדז קערט מען איבער אַ פּאַנצער־אויטאָ פאַר אַ שטאַבס־צימער. מיר פאַרדעקן די פענצטערלעך און שפּאַרונעס

מיט דעקעס, בכדי מען זאָל נישט זען די ליכט. דערווייל ווערן בעשיקט אייניקע גרופּן צו די נאָענטע משלטים, בכדי צו בילדן אַן אָנפאַנגענדיקע פאַרטיידיקונג.

איך קוק אויפן זייגער. עס איז נאָך צוועלף. עס זענען אונדז געבליבן אייניקע שעה צום שלאָפן, אָבער ס'איז אוממעגלעך אַנדרימלט צו ווערן. מיר האָבן נישט קיין דעקעס. פון בייטאָג אָן האָבן מיר נישט באַוויזן בייטן די קליידער, אַזוי אַז מיר זענען אָנגעטאָן אין דינע כאַקי־העמדלעך. ס'איז שרעקלעך קאַלט. ס'האָט נאָך אונדז נישט באַוויזן צו באַהערשן די באַזונדערע מידקייט פון קאַמף, וואָס דערמעגלעכט דיר שלאָפן אין יעדער פּאָזע און אין יעדן אָרט אָן אַ שום צודעק.

*

איך גיי אַרויס מיט שלמהן „אָרגאַניזירן” אַ דעקע. ענדלעך געפינען מיר צוויי. מיר טוליען זיך צו אײנער צום צווייטן און דעקן זיך צו. דאָסמאָל געלינגט אונדז אַנדרימלט צו ווערן.

אין אַ קורצער צייט אַרום וועקט מען אונדז. מיר דאַרפן אַרויס־גיין מיט נחמנס כיתה, בכדי צו פאַרנעמען אַ פּאָזיציע מזרחדיק פון לאַגער, הונדערט מעטער ווייט פונדאַנען. דערווייל הויבט אָן צו ווערן ליכטיק און דער שטח איז אינגאַנצן אָן אָפּענער. דער ערשטער און דער צווייטער שפּרינגען. גלייך הויבן אָן די קוילן צו זשומען איבער אונדזערע קעפּ. ס'מאַכט נישט אויס — מיר דאַרפן צוקומען. איך האַלט אין איין האַנט די ביקס און מיט דער צווייטער דריק איך צו צום קערפּער דעם רוקזאַק מיט דער אַמוניציע — און איך לויף צום משלט. די קוילן גייען אַדורך איבער מיין קאָפּ. דער שונא צילט נישט גוט.

אין משלט אָרדענען מיר זיך איין אין אַן אַרומרינגלדיקער פאַר־טיידיקונג. שלמהן און מיר באַשטימט מען אַ פּאָזיציע צום דרום־זייט. מיטן רוקן צום שונא. די פּאָזיציע איז געבויט געוואָרן נאָך דורך די ענגלענדער, און זי איז זייער אַ שיינע. זעק מיט זאַמד אין דער הויך פון גאַרטל אין דריי זייטן און אַ בערגל אין פערטן זייט. אַן אידעאַלע פאַרזיכערונג.

פון דער פּאָזיציע האבן מיר אַ פּרעכטיקן אַרויסקוק — איך זע די וועלדלעך פון באַב־אל־וואַד, די פאַרלאָזענע בית־דזשיז, די אַראַ־בישע חולדה און דיר־מוחיסין אין דרום. פון אַלע זייטן זענען דאָ

פּרעכטיקע פּאָזיציעס פֿאַר דעם שונאס סנייפּערס. אָבער די געגנט איז איינגאַנצן אַ פֿאַרלאָזענע. איך פֿיל נישט קיין שום באַוועגונג.

מיר „אָרדענען" זיך איין אין דער פּאָזיציע. מיר ליגן אויפֿן פּלייצע און קוקן אין הימל. ביידע זענען מיר הונגעריק ווי די הינט. פֿון נעכטן בייטאָג האָבן מיר נישט געגעסן, אָבער מיר ווייסן, אַז דאָ איז נישטאָ קיין שפּייז. אפֿשר וועט קומען אַ פֿאַרשטאַרקונג און וועט אונדז ברענגען עסן.

דעם קליינעם יעקבֿ, וועלכער ליגט זיך איינער אַליין אין זיין פּאָזיציע איז זייער אומעטיק. ער קומט צו אונדז בעטן סיגאַרעטן, בכדי צו שטילן דעם הונגער און פֿאַרגעסט צוריקגיין. דער קליינער יעקבֿ איז אַ פּליט, וועלכער איז געקומען אין לאַנד מיט צוויי חדשים צוריק פֿון אַ נאַצישן קאָנצענטראַציע־לאַגער. ער האָט וואָס צו דערציילן.

אינמיטן דער מעשה הייבט זיך אָן דער פּרימאָרגן־אָרקעסטער, וועלכן מיר האָבן דערוואַרט. דער שונא עפֿנט אויף אונדז אַ פֿייער פֿון ביקסן און סטענען. מיר האָבן אים „דערצאָרנט" אין משך פֿון דער גאַנצער נאַכט. ער האָט אויף אונדז געשאָסן פֿון צייט צו צייט און מיר האָבן אים גאָרנישט געענטפֿערט. אַזאַ לאַגע דענערווירט דעם שונא שטענדיק — כל זמן מיר ענטפֿערן אים נישט מיט פֿייער, ווייס ער נישט וואָס איז אונדזער כּוח און וואָס זענען אונדזערע כּוונות.

דאָסמאָל ענטפֿערן מיר מיט פֿייער. אונדזער שווער מאַשין־געווער „קלאַפּט" פֿון מאָל צו מאָל אַ קליינע סאַלווע קוילן. דערמיט קען מען דערקלערן אַ סך אונדזערע הצלחות בעת דער שלאַכט: נישט זעענדיק אונדז, שיסט דער פֿיינט ווי משוגע, מיט אַלע כּלים, אָן אַ דירעקטן ציל. מיר אָבער ענטפֿערן בלויז מיט געציילטע קוילן און אויך נאָר דעמאָלט, ווען מיר זעען אַ דייטלעכן ציל. נישט אומזיסט האָט מען דערציילט געשיכטעס וועגן חברים, וואָס עס איז זיי אויסגעגאַנגען די אַמוניציע אין קאַמף, זייענדיק אַרומגערינגלט פֿון פֿיינט. און זיי האָבן זיך באַנוצט מיטן לעצטן האַנט־גראַנאַט, כּדי נישט אַריינצופֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט צו די אַראַבער...

אַט ערשט דערציילט שלמה דעם אַלטן וויץ וועגן אַ שומר, וואָס האָט אָפּגעשטעלט זיין קאָמאַנדיר, שרייענדיק „שטיי". ביים צווייטן געשריי „שטיי", האָט מען אים געפֿרעגט פֿאַרוואָס ער שרייט נאָך, האָט ער געענטפֿערט: איך האָב באַקומען

אַ באַפעל צו שרייען דריי מאָל און צו שיסן״... וואַרטנדיק אויפן סוף פון וויץ (וואָס איז אונדז אַלעמען געווען גוט באַקאַנט), האָבן מיר פונדאַסביי דערהערט די מוזיק. דער מין אופרייס איז אונדז נישט באַקאַנט געווען. איך הייב אויף דעם קאָפּ און זע אַ רויך. אויך שלמה און יעקב זעען אים. מיר קוקן זיך אָן. צום ערשטן מאָל, אַז מיר ווערן באַשאָסן פון קאַנאָנען.

פון איצט אָן זעען די קוילן געפאַלן אָן אויפהער אין משך פון צוויי שעה. זיי „קעמען״ דורך דעם שטח.

דער ווילן צו בלייבן לעבן הייסט מיר ליגן אין דער פּאָזיציע און אַראָפּבייגן דעם קאָפּ. אָבער די נייגעריקייט הייסט פאַרקערט, און זי זיגט. דאָס אויער געוואוינט זיך צו דער ווירקונג פונעם שראַפּנעל. ווען איך הער דעם ברום, בייג איך זיך אַראָפּ אויף אַ ווײַלע, און ווען איך הער דעם אויפרייס, הייב איך אויף דעם קאָפּ. אַזוי פאָלג איך נאָך נענטער די טרעפונגען.

דאָס פייער פון שונא קאָנצענטרירט זיך איצט אויפן שאָסיי, וואָס פירט קיין חולדה און אויפן פעלד אין דרום-זייט פונעם קעמפּ. זיין כוונה איז אַ קלאָרע: שניידן אונדזער וועג אויף צוריק. די שראַפּנעלן רייסן אויף נענטער אין מיין זע-שטח, אָבער זיי דערנענטערן זיך נישט מער ווי 30 מעטער פון דער פּאָזיציע. דער שונא, ווייזט אויס, ווייס נישט, אַז מיר האָבן פאַרכאַפּט דעם משלט.

איצט שיסן מיר פון אַלע כלים: שווערע מאַשין-געווערן, לייכטע מאַשין-געווערן, מאַרטאַרס. מיר באַמיען זיך צו טרעפן אין די צענטערן פונעם פייער. אָבער אונדזערע כלים קענען זיך נישט האַלטן אַנטקעגן די קאַנאָנען. אַלע אונדזערע פּאַנצערס זענען צעשטערט געוואָרן.

נאָך דעם ווי אונדזער שטאַבס-פּאָזיציע איז פּאַראַליזירט געוואָרן, זענען אַלע קאָמאַנדירן פון אונדזערע איינהייטן געוואָרן זעלבשטענדיק. אין אַזאַ צושטאַנד אַנטפּלעקט זיך דער אמתער ווערט פון אַ קאָמאַנ־דיר: דאָס לעבן פון זיין איינהייט איז אָפּהענגיק פון זיין טאַלאַנט, פון זיין איניציאַטיוו און חוש פון אויסקענען זיך.

איך קריך צו צו נחמן שמואלי, וועלכער איז איצט קאָמאַנדיר איבער 14 מענטשן אין משלט. מיר האָבן איין אויטאָמאַט, וואָס שיסט צום פייערס קאַנאָל. אויך נחמן האָט נישט קיין קאָנטאַקט מיטן קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג. איך פרעג אים, וואָס ער רעכנט

צו טאָן. ער ציט מיט די אַקסל און גיט אַ זעלנערישן ענטפער: אַז אַ באַפעל ציט ער נישט אָפּ פונעם פּלאַץ, נאָר ער וועט דעקן דעם צוריק־צוג פון די אַנדערע איינהייטן. דערווייל שיקט ער אַ קוריער צו זוכן דעם קאָמאַנדיר. קען זיין, ער וועט אים טרעפן און צוריקקומען מיט נייע אָנווייזונגען.

איך גיי צוריק אין מיין פּאָזיציע. עפּעס דריקט נישט אויף מיר די לאַגע און איך בין אויך נישט אַזוי איבערראַשט. איך האָב נישט וואָס צו טאָן, סיידן נאָכקוקן די שראַפּנעלן און פון מאָל צו מאָל איינבייגן זיך.

איין אָפּטייל האָט זיך צוריקגעצויגן אין פעלד פאַר מיין פּאָזיציע. זיי קומען אָן אין אָרדענונג. אָבער דאָ באַהערשט זיי דער סמ״ב זייערער. נאָך אַ ווייל הייב איך אָן צו פילן כבוד פאַר דעם דאָזיקן עבדיה טראַבלאָוו. אַ שטאַרק־געבויטער בחור מיט וואָנצן, מיט לאַכעדיקע אויגן, אַ באַר־טוביה'ער. ער שטעלט אויף די אָרדענונג אין זיין אָפּטייל און קאָנצענטרירט די גרופּן. עמעץ פרעגט אים צי מען קען אָװעקוואַרפן אויסשטאַטונג. טוט ער אויף יענעם אַ קוק מיט אַ צעשמעטערנדיקן בליק און זאָגט: „די קאָנסט אַוועקוואַרפן דיינע קליידער, אָבער ווי וועט זיין צו דיר, אויב וועסט אַוועקוואַרפן אַפילו איין קויל פון דיין מיליטערישער אויסשטאַטונג".

*

עובדיה עצהט אונדז זיך אָנצושליסן אין זיין אָפּטייל ביים צוריק־צוג. אָבער נחמן באַשליסט צו בלייבן אויפן פּלאַץ. נאָך אַ ווײַלע האָט דער אָפּטייל אָפּגעצויגן. ווידער אַנטפּלעקט זיך די פּעאיקייט פונעם קאָמאַנדיר — ער ציט נישט אָפּ לענג־אויס דעם שאָסיי, נאָר קריזט אַרום אונדזער הימל. דער וועג איז זיכערער. פונדעסטוועגן איז איינער פאַרוואונדעט געוואָרן פון אַ שפּליטער. ווען זיי זענען אַדורך אַן אָפן פעלד. מ'האָט אים באַנדאַזשירט און די חברים טראָגן אים מיט זיך.

דערווייל פירט מען פאַרוואונדעטע אין הינטערלאַנד, ביים שאָסיי. דער פיינט באַמערקט עס און קאָנצענטרירט אהין זיינע שראַפּנעלן. ס'איז נישטאָ קיין ברירה — דאָס איז דער קירצסטער וועג. און דאָס לעבן פון די פאַרוואונדעטע איז אָפּהענגיק פון דעם, ווי גיך מען וועט זיי ברענגען צום באַנדאַזשיר־פּלאַץ.

פון צייט צו צייט דערשיינט אַ גרופּע חברים, וואָס טראָגט מיט זיך אַ פאַרוואונדעטן. שראַפּנעלן רייסן אויף אַרום. איך זע, אַז ס'זענען פאַראַנען געטראָפענע צווישן די וואָס טראָגן די פאַרוואונדעטע. דערנאָך דערציילט מען מיר וועגן טראַגישע פאַלן: אברהם באַנדערסקי, אונדזער באַנדאַזשירער, אַ באַקאַנטע פיגור אין דער וועלט פון פוסבאָל, האָט געשלעפּט אויפן רוקן אַ פאַרוואונדעטן אין צושטאַנד פון גסיסה. ווען ער האָט דערהערט, אַז אַ שראַפּנעל דערנעענטערט זיך, האָט ער אַוועקגעלייגט דעם פאַרוואונדעטן אויף דער ערד און דער לופט־דרוק פונעם אויפרייס האָט אים אַוועקגעשליידערט אויף פינף מעטער. ווען ער איז אויפגעשטאַנען האָט ער געפילט, אַז ס'איז אים גאָרנישט געשען, אָבער צוריקקומענדיק צום פאַרוואונדעטן האָט ער אים מער נישט געטראָפן...

דאָס פייער אויפן שאָסיי איז מערדערלעך. עזריאל שריק, מיין מ.כ., וואָס איז אַוועק אויף אַ צווייטן פּלאַץ, האָט געפּרוווט ראַטעווען דריי פּאַנצערס. דער שונא האָט עס באַמערקט און גענומען דאָרט קאָנצענטרירן פייער. עזריאל איז אַוועקגעשפּרונגען פון דער מאַשין, און אין אַ ווײַלע אַרום איז זי צעשמעטערט געוואָרן.

בדרך כלל איז נישט קיין אָנגענעמע לאַגע צו געפינען זיך אין אַ פּאַנצער בעת אַ קאַנאָנען־שיסעריי. טאַקע מיר, פוס־מיליטער, האָבן ליב צו פאָרן צו דער שלאַכט אויף רעדער. און יעדער וואָס האָט מיט זיך געשלעפּט די קאַמפּס־משא ביי אַ מאַרש פון קילאָמעטערס אין אויפגעאַקערטע פעלדער, וועט אונדז פאַרשטיין. אָבער, ווען דער שונא עפנט אויף דיר אַ קאַנאָנען־פייער, ווערט דער פּאַנצער אַ נעץ, און אונדזערע חברים, וועלכע זענען ערשט נעכטן אַרויס אין אַ געפּאַנצערטן פּאַטרול קיין באַב־אל־וואַד, וויסן וועגן דעם צו דערציילן...

*

אונדזערע איינהייטן ציען־אָפּ איינע נאָך די צווייטע. צום סוף בלייבן מיר איינזאַמע אויפן פּלאַץ — צוויי אַרטילעריסטן און פינף ביקסלער. נחמן קאָמאַנדירט איבער אונדזערע אַרטעלעריסטן, אַ מ. מ., מיר אומבאַקאַנט, און איבערן צווייטן אַרטילעריסט, וואָס געהער צו אַן אַנדערער איינהייט. איך ליג ביי דער זייט פון דעם אַרטילעריסט און באַמי זיך צו געבן סנייפּער־פייער.

פון דער פּאָזיציע זע איך דייטלעך דעם פיינט. נעבן קלויסטער

פון לאַטרון שטייט אַ פּאַנצער. הונדערטער אַראַבער דערנענטערן זיך צו אונדז מיט די גערשטן־פעלדער, אַ דיסטאַנס פון אַכט הונדערט מעטער. זיי זענען געשולטע מענטשן — זיי גייען פאָרויס לויט די כללים פון פעלד־איבונג. דערווייל גייט אַן אַראַבישע פאַרשטאַרקונג פון דער ריכטונג פון רמלה. זיי דערנענטערן זיך צו אונדז פונעם לינקן פליגל. ס'איז קלאָר, אַז אונדזער פּאָזיציע וועט זיין פאַרלוירן אין אַ האַלבער שעה אַרום.

דערווייל שיסן מיר אָן אויפהער צום שונא פאַר אונדז, כדי אים אויפצוהאַלטן און געבן אַ מעגלעכקייט די חברים אָפּצוציען און אוועקטראָגן זייערע פאַרוואונדעטע. די אַראַבער דערנענטערן זיך אין אַ צעשפּרייטער קייט, און אונדזער מאַשין־געווער שניידט זיי.

דער פיינט האַלט זיך אין איין דערנענטערן. דער צווייטער אַרטילעריסט האָט אָפּגעצויגן, משהס מאַשין־געווער איז געבליבן אויפן אָרט. אין דער סעקונדע, ווען די אַראַבער קומען אַריין אין אַ גאָר באַקוועמען ציל־פעלד און באַווייזן זיך אין זייער גאַנצער פּראַכט אויף דער קייט בערגלעך אַנטקעגן — פאַרהאַקט זיך אונדזער מאַשין־געווער. משה ווערט משוגע. נחמן „שפּייט פייער" פון גרויס צאָרן. משה שלעפּט דאָס געווער הינטערווײלעכץ, אויפן וועג וועט ער עס פונאַנדערנעמען און פאַרריכטן. דערווייל איז אין מיין מוח דורכגעלאָפן אַ געדאַנק זיך צו באַנוצן מיט אַן אַלט פּאַרטל.

מיר דאַרפן אויפהאַלטן דעם שונא כאָטש אויף אַ פערטל שעה. געבליבן זענען אויפן פּלאַץ בלויז 4 ביקסלער. איך לייג זיי אויס אין אַ רינג און דערקלער זיי דעם פּאַרטל: שיסן צוזאַמען אַ שנעל פייער איינס נאָכן אַנדערן, אַזוי אַז אַלע שיסערייען צוזאַמען וועלן אויסזען ווי אַ מאַשין־געווער. די זאַך געלונגט. טאַק־טאַק־טאַק־טאַק, טאַק־טאַק־טאַק־טאַק. ממש אַ מאַשין־געווער. דער שונא ליגט אויף דער ערד און וואַרט. מיר האָבן פאַרדינט דאָס געבעטענע פערטל שעה.

דערווייל וואַקסט אויס יעקב, דער קאָמאַנדיר פון אונדזער אָפּטיילונג. ער וויל בלייבן אויפן פּלאַץ. ווען ער גיט אָבער אַ בליק אויפן שונא, וועלכער דערנענטערט זיך פון פאָרנט און פון לינקס, פאַרשטייט ער, אַז די צייט פאַרן צוריקצוג איז געקומען. מיר ציען אָפּ אויף דרום־מזרח, כדי אויסצומיידן דאָס בערגל און צוצוקומען צום שאָסיי, אַ קילאָמעטער פונעם קעמפּ.

אויפן וועג באַגעגענען מיר צוויי חברים, וואָס שטייען ביי אַ

פארוואונדעטן: ער האָט באַקומען אַ שפּליטער אין דער ברוסט, און איז אינגאַנצן באַגאָסן מיט בלוט. דער באַגאַזש און זיינע קליידער זענען רויט און טריפן, ער איז אָבער ביים לויטערן באַוואוסטזיין. מיר נעמען אים אויף אונדזערע פּלייצעס. נאָך צוויי הונדערט מעטער ווערן מיר מיד. מיר רופן אויפן גאַנצן קול אונדזערע חברים, וואָס האָבן אָפּגעצויגן פאַר אונדז. זיי קערן זיך אום און העלפן אונדז.

נעבן מיר גייט אלישע, אַ פּליט, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געקומען אין לאַנד. ער זעט דעם פּאַרוואונדעטן און נאָך אַ פּאָר סעקונדן הייבט ער זיך אָן צו וואַקלען. פּלוצים וואַרפט ער די ביקס און פאַלט צו דער ערד. אַ זונען־שלאַג, אָדער אַ שאָק? איך באַשליס, אַז דאָס איז אַ פּסיכאָלאָגישער ענין, נעם איך אים אין מיינע אָרעמס ווי אַ קינד און שריי אויף אים, אויב ער וועט נישט גיין מיט אונדז, וועט ער געהרגעט ווערן פון די אַראַבער. ווייזט אויס, אַז ער פאַר־שטייט מיינע רייד און איך שלעפּ אים ביים אָרעם, און ער גייט מיט מיר אין חשק.

אויפן בערגל האָט נחמן פאַרכאַפּט אַ משלט און אנגעשטעלט דאָס מאַשין־געווער, וואָס האָט ווייטער אנגעהויבן אַרבעטן נאָכן פאַרריכטן. איך ברענג אלישען אַהינצו. נחמן גיסט אויף אים אויס אַ האַלבע וואַסער־שאַל, און ער קומט צו זיך. מיר זענען דורשטיק ביז טויט, מיר האָבן אָבער געלערנט דעם באַדייט פון וואַסער־דיסציפּלין. דאָס וואַסער ווערט געהיטן פאַר די פאַרוואונדעטע. ס'קען זיין, אַז מיר וועלן דאַרפן קעמפן אַ גאַנצן טאָג, ביז עס וועט זיך אונדז איינגעבן צוריקצוקומען צו דער באַזע.

*

דער שונא איז אַריינגעדרונגען אינעם קעמפּ אַריין. מיר זעען אים שפּרינגען און שרייען, און מיר דערלאַנגען אויף אים פייער פון מאַשין־געווער און ביקסן. אונטער דער דאַזיקער דעקונג טראָגן די איבעריקע חברים דעם פאַרוואונדעטן צום שאַסיי. אַלע זענען איינגעטונקען אין בלוט. בולי זעט אויס ממש ווי אַ קצב, זיינע הענט זענען רויט.

ווען מיר דערנענטערן זיך צום שאַסיי הערן מיר ווי אונדזער שווער מאַשין־געווער גיט ווידער פייער. פּלוצים לויפט אָן מיטן שאַסיי אַ טאַנק מיט אַ האַרמאַט צו אונדזער באַזע צו. אויב ער געהער צום לעגיאָן, וועט דער ריקצוג ביים שאַסיי אָפּגעשניטן ווערן.

מיר דאַרפֿן זיך באַמיען דורכצוגיין דורך די בערג. מיר זענען די לעצטע געבליבן אַנטקעגן דעם שונא, ביי 8 ביז 12 זעלנער און קאָמאַנדירן, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעטראָפֿן פֿון פֿאַרשידענע אייגהייטן. מיר קעמפֿן איצט פֿאַר אונדזער לעבן ממש, אויב ס'וועט אונדז נישט געלונגען אָפּצוציען אין אָרדענונג...

עמעץ שרייט צו אונדז פֿון דער צווייטער זייט שאָסיי. מיר שניידן דורך דעם שאָסיי צו מזרח זייט. דאָס שווערע מאַשין־געווער גייט מיט מיט אונדז. מיר פֿאַרכאַפּן אַ משלט ביים שאָסיי און רוען. דער פֿאַרוואונדעטער איז נאָך ביים פּולן באַוואוסטזיין. איך גיב אים וואַסער פֿון מיין וואַסער־שאָל. סוף־סוף זעען מיר אונדזערע אַ מאַשין פֿון וויטנס, מיר שרייען צו איר. זי דערנענטערט זיך גיך. ווען זי דערקענט אונדז, קומט זי צו, און מיר לייגן אויף איר אַרויף דעם פֿאַרוואונדעטן. ער איז געראַטעוועט.

איצט הייבט זיך אָן אונדזער צוריק־מאַרש, אַכט קילאָמעטער דורך די בערג ביז צו אונדזער באַזע. מיר זענען מיד ביז טויט. נישט געגעסן און נישט געטרונקען אין משך פֿון 24 שעה, און אייסער אַ צוויי שעה נישט געשלאָפֿן. די זון ברענט איבער אונדז אָן רחמנות. די אַמוניציע דריקט. אָבער אונדזער לעבן ליגט אויף דער וואַג־שאָל. מיר זענען דער לעצטער איינזאַמלונגס־כוח אַנטקעגן דעם פֿיינט. מיר גייען אין אָרדענונג.

*

20 מעטשן זענען מיר אויפֿן פּלאַץ. דער העכסטער קאָמאַנדיר איז בולי, דער אונטער מ.מ. אונדזערער, און צוזאַמען מיט נאָך פֿיר חברים זענען מיר די שפּיץ־גרופּע. אויפֿן וועג געפֿין איך אַן אַמעריקאַניש שטאָל־היטל, וואָס געהערט, ווייזט אויס, איינעם פֿון אונדזערע פֿאַרוואונדעטע. איך נעם עס און דעק מיר צו דעם קאָפּ.

פֿון וויטנס באַמערקן מיר, אַז עס אָרגאַניזירט זיך אַ שורה טאַנקען און פּאַנצערס. מיר ווייסן נישט צו געהערן זיי צום ענגלענדער אָדער צו די אַראַבער. מיר פֿאַרנעמען אַ פּאָזיציע, כאָטש מיר ווייסן, אַז אונדזער געווער וועט זיין מאַכטלאָז אַנטקעגן זייערע האַרמאַטן און פּאַנצערס. מיר גייען איצט מיט אַ קעגנזייטיקער דעקונג. איין טייל פֿאַרכאַפּט אַ פּאָזיציע, בעת ווען דער צווייטער טייל ציט אָפּ, און אַזוי פֿאַרקערט. ענדלעך דערנענטערט זיך דער

קאַנוואָי. ער געהערט צום ענגלישן מיליטער. מיר ווייסן נישט זייער כוונה. אָבער זיי פאָרן פאַרביי נישט עפּענענדיק קיין פייער. קאָן זיין, אַז זיי האָבן מורא פאַר אונדז, גענוי ווי מיר שרעקן זיך פאַר זיי. דערנאָך האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אונדזער שראַפּנעל־וואַרפער האָט אינדערפרי איבערגעקערט אַן ענגלישן טאַנק, מיינענדיק, אַז ער איז אַן אַראַבישער. ווען דער טעות האָט זיך אַרויסגעשטעלט, האָט איינער פון אונדזערע קאָמאַנדירן פאַרבאַנדאַזשירט די ענגלישע פאַרוואונדעטע. פון דעמאָלט אָן זענען די ענגלענדער רואיק אין דעם אפּשניט.

מיר זעצן פאָר דעם מאַרש. נישט געקוקט אויף אונדזער מידקייט, גייען מיר גענוג שנעל. אויפן וועג שליסט זיך אָן צו אונדז נאָך איין איינהייט, וואָס האָט פאַרכאַפּט אַן איינזאַם הויז און אונדז געדעקט. אויך אירע מענטשן האָבן זיך אויפגעקליבן צופעליק פון פאַרשידענע איינהייטן.

מיר גייען פאַרביי דיר־מוחייסין. דער געשטאַנק אין די שטיבער איז אונדז שוין גוט באַקאַנט. קען זיין, אַז דאָ איז פאַראַן וואַסער, אָבער מיר פאַרהאַלטן זיך נישט. אַנטקעגן איז אַן ענגלישע פּאָזיציע. איצט שטייען דאָרט די טאַנקן, וואָס זענען פאַרביי פאַר אונדז. זיי האָבן זיך שיין איינגעאָרדנט אין אַ שוץ־קרייז. פון די ביידלעך גייט אַ פייער. ווייזט אויס, אַז די ענגלענדער פאַרלאָזן דעם פּלאַץ.

פון ווייטנס זעען מיר דאָס אַראַבישע חולדה, וואָס געפינט זיך אין אונדזערע הענט. דער פּרעכטיקער משלט דעקט די גאַנצע סביבה. אין דעם דאָרף זענען מיר געלעגן אין די „נחשון"־טעג. אַ שמוציק דאָרף, שטינקט און פול מיט לייז. אָבער איצט בענקען מיר נאָך אים ווי אַ פרומער מוסולמענער נאָכן גן־עדן. דאָרט וועלן מיר טרעפן זיכערקייט, אויך אַביסל וואַסער. פון דאָרט קען מען זיך אומקערן צו אונדזער באַזע מיט מאַשינען.

די לעצטע צוויי הונדערט מעטער זענען די ערגסטע. מיר ווייסן דאָס גוט נאָך פון דעם צוריק־מאַרש פון דיר־מוחיסין, מיט אַ חודש צוריק. דער וועג איז משופּע ווי אַ וואַנט. דאָס דאָרף זעט אויס נאָענט, אָבער די אָנשטרענגונג, וואָס איז נייטיק, כדי אָנצוקומען אַהין, איז שרעקלעך. כ׳פיל, אַז איך דערנענטער זיך צום לעצטן קריזיס־פּונקט. איך קריך מיט די ציין און דערגיי דאָך צום פּלאַץ.

דאָ איז א גן־עדן. אַלע איינהייטן, וואָס זענען צוריקגעקומען צופוס, געפינען זיך דאָ. די מיידלעך פונעם גדוד האָבן צוגעגרייט הייסע טיי און סענדוויטשן. מיר פאַלן אויף דעם עסנוואַרג. מיר זענען נאָך אויפגערעגט פון דער אַקציע און צופרידן פון דער הצלחה (ווייל כמעט אַלע זענען מיר דאָך געווען זיכער, צוריק מיט צוויי שעה, אַז מיר וועלן נישט צוריקקומען, כאָטש מיר האָבן עס באַהאַלטן איינער פון צווייטן). איצט „קעמפן" מיר די שלאַכט צום צווייטן מאָל — יעדער איינער דערציילט וועגן זיינע פאַסירונגען. מיר מאַכן די ערשטע קריטיק איבער די פעלערן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן, און די העלדישקייטן, וואָס מיר האָבן געזען. איין זאַך איז זיכער: מיר האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין איין פאַרוואונדעטן אויפן שלאַכט־פעלד. און דאָס איז דער עיקר.

די מיינונגען וועגן דער אַקציע זענען פאַרשידן. קיינער ווייס נישט קלאָר, צי דאָס איז אַ זיג אָדער אַ דורכפאַל. איין משך פון אַ מעת־לעת האָבן מיר איבערגעריסן דעם שונאס קאָמוניקאַציע אין שליסל־פונקט, און מיר האָבן נישט געלאָזט צוברענגען פאַרשטאַרקערונג צום שלאַכט־פעלד אין באַד־אל־וואַד, וואו עס קעמפן נאָך אונדזערע חברים, וואָס זענען געגאַנגען פאַראויס פון ירושלימער ריכטונג. פון דער צווייטער זייט זענען מיר געצוואונגען געווען זיך צוריקצוציען פאַרן שטאַרקערן געווער פון שונא.

סיי־ווי איז די שטימונג אונדזערע אַ געהויבענע. מיר ווייסן: מיר האָבן געאַרבעט אין אָרדענונג. דער צוריק־צוג אין די געגעבענע באַדינגונגען איז געווען אַ מיליטערישע דערגרייכונג — דער נצחון פון איבונג און קאַלטבלוטיקייט. און דאָס, לויט אונדזער מיינונג, איז די וויכטיקסטע זאַך.

מיר האָבן זיך אומגעקערט פון לאַטרון און אין האַרצן עקבערט אונדז אַ דערדריקנדיקער געדאַנק, אַז אין ערשטן פאַרמעסט מיטן שווער געווער זענען מיר געצוואונגען געווען זיך צוריקצוציען. דער וועג קיין ירושלים איז געבליבן פאַרשטעלט. הייסט עס, אַז די „מכבי"־אַקציע איז אינגאַנצן דורכגעפאַלן.

אָבער נאָך עטלעכע טעג איז צו אונדז דערגאַנגען אַ „סודותדיקער" קלאַנג, אַז צווישן בית־ג'יז און בית־מחסיר אין שטח, וואָס איז דעראָבערט געוואָרן דורך דער „מכבי"־אַקציע, ווען מיר האָבן צוגעשמידט דעם שונא אין לאַטרון, ווערט געלייגט אַ נייער וועג, אַ בורמא־וועג קיין ירושלים. די צענדליקער פאַר־

קוםטן אין לאַטרון זענען נישט געווען אומזיסט.

דעם 15־טן מאַי האָט די בריטישע מאַכט זיך געדאַרפט ליקווידירן. ערגעץ־וואו ווייט, אין אַ ציווילן ישוב, האָט זיך געפירט אַ וויכוח: אויפצושטעלן אַ יידישע רעגירונג אָדער נישט. שוואַכע אָפקלאַנגען פון דעם וויכוח זענען אויך צו אונדז דערגאַנגען. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דערציילט, אַז שערטאָק איז קעגן און בן־גוריון אונטערשטיצט דעם פּראָיעקט.

אין די נאָכמיטאָג־שעהן דעם 14־טן מאַי איז איינער פון די חברים אַריין מיט שטורעם אין דעם באַראַקן־קעמפּ און דערציילט, אַז ערשט וואָס האָט ער געהערט אין ראַדיאָ פון קיבוץ, אַז ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די יידישע מדינה. מיר האָבן זיך אָנגעשטופּט אין גרויסן עס־זאַל פון חולדה — וואו דער אריינגטריט פאַר זעלנער איז געווען פאַרבאָטן — און האָבן געהערט די רעדע פון בן־גוריון — אין ענגליש. מיר האָבן די יידישע אוידיציע פאַרשפּעטיקט.

כאָטש מיט זענען געווען דערווייטערט פון פּאָליטיק און וואָס פּאָליטיקער רעדן, האָט זיך דאָך עפּעס־וואָס אויפגעטרייסלט אין אונדזער האַרץ אין דעם מאָמענט. הייסט עס, די קרבנות זענען נישט געווען אומזיסט. מיר האָבן זיך אָנגעקוקט און יעדער האָט געטראַכט דאָס זעלביקע: מיר, דאָ, האָבן אויפגעשטעלט די דאָזיקע מדינה, מיט אונדזער בלוט, מיט אונדזער שווייס. און אַז בן־גוריון האָט גערעדט וועגן דעם חלק פון דער הגנה אין דעם היסטאָרישן פאַקט, האָבן מיר אויפגענומען זיינע ווערטער ווי דעם אויסדרוק פונעם ישובס דאַנקבאַרקייט.

ווען די רעדע האָט זיך געענדיקט, האָבן מיר זיך אַוועקגעלייגט אויפן שיינעם גראָז פאַרן עס־זאַל. מ׳האָט אונדז שוין איבערגעגעבן, אַז אין אָוונט וועלן מיר האָבן אַן אַקציע. אין גרויסן רוים צווישן דעם גדודס געצעלטן האָט איסר באַרסקי, דער 19־יאָריקער מ״מ, איינגעאָרדנט די אויסגאַנג־ציילונג פון אונדזער אָפּטיילונג. מיר האָבן אויך געהערט, אַז גרופּע א׳ פון אונדזער גדוד, אונטער דער קאָמאַנדע פון אריה קורצער, האָט איינגענומען דאָס דאָרף אבו־שושה, נעבן דעם יידישן גזר. מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט די ריכטונג פון אונדזער אַקציע.

17־טן מאַי, 1948, קעמפּ פונעם גדוד.

אל-קובאב

מיר האָבן נישט באַוויזן אויסצוהערן ביזן סוף בן־גוריונס רעדע אין „קול ישראל״, ווי מען האָט אונדז באַפוילן צו פאַרלאָזן דעם עס־זאַל פון קיבוץ און זיך גרייטן צו דער אַקציע.

מיר האָבן אָנגעטאָן דעם גורט, גענומען די ביקסן און די מאַשינען־געווער און זענען אַרויף אויף די מאַשינען.

מיט פעלד־שטעגן האָבן מיר זיך געפּעדערט אין דער ריכטונג פון גזר.

בן־גוריונס רייד פליען אַרום אין מיין מוח. צי זענען זיי ניט געווען צו טרוקן אַנטקעגן דער געשעעניש? מיר זענען דאָך הייַנט אָווּנט געוואָרן אַ רעגולערע אַרמיי פון אַ זעלבשטענדיקער מדינה און מיר וועלן סוף סוף זיך קענען איינשאַפן דאָס נויטיקע שווערע געווער און עס באַנוצן אין קאַמף. נאָך דער האַרמאַטן־באָמבאַרדירונג, וואָס איז איבער אונדז דורכגעגאַנגען נעכטן אין לאַטרון, ווייסן מיר ווי אָפּצושאַצן האַרמאַטן און טאַנקן.

אין קיבוץ גזר איז די באַוועגונג גרויס. מיר עסן נאַכט־עסן, און יעדער איינער באַמיט זיך וואָס מער שפּייז אַנצופּאַקעווען אין בויך אַריין, ווייל ווער ווייס ווען מיר וועלן צום צווייטן מאָל עסן. מען ענדיקט צו ציילן די צאָל קוילן און האַנטגראַנאַטן, און מען פּרובט „כאַפּן" אַ פּאָר מינוט אַ דרימל.

ביי אַ „לוקס" זיצן מתי ארזי, וואָס קאָמאַנדירט איצט מיט דער גרופּע, און די אָפּטייל קאָמאַנדירן. זיי שמועסן צווישן זיך און קוקן זיך איין אין מאַפּעס און אין בילדער, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן פון דער לופט. איך הער זיך צו, און פון אַ פראַגמענט פון אַ שמועס ווערט מיר קלאָר דאָס בילד פון דער אַקציע.

די אויפגאַבע איז צו אַטאַקירן און איינגעמען דאָס דאָרף אל־קובאַב, וואָס ליגט אויפן שאָסיי תל־אביב—ירושלים, צווישן רמלה און לאַטרון. דאָס איז איינס פון די גרויסע דערפער אין דער געגנט, און לויט די ידיעות פון אויסשפּיר־ביוראָ, איז גרויס די צאָל זעלנער און געווער אויפן פּלאַץ.

דריי איינהייטן וועלן אַטאַקירן דאָס דאָרף פון דריי זייטן. צוזאַמען מיטן אַטאַקירנדן מיליטער וועלן זיך אַריינרייסן אַ רייע פּאַנצערס אין צענטער פון דאָרף און צו זיך צושמידן דעם שונאס פייער. פאַר דער אַקציע וועט פאָרקומען אַן איבערראַשנדיקע באָמבאַרדירונג פון מאַרטאַרס.

גאַר שנעל פאַרשפּרייט זיך דער קלאַנג: — אונדזער אָפּטיילונג וועט געהערן צו דער פּאַנצער־ריי. די חברים שטייען אין קליינע גרופּן און באַהאַנדלען די אויסזיכטן פון דער אַקציע. זייער אויפ־

גאבע באגייסטערט זיי נישט איבעריק — ס'איז גארנישט אזוי דער־פרייענדיק צו ציען אויף זיך פייער פון הונדערטער ביקסן, מאשינען־געווער און אפשר קאנאנען, — איבערהויפט אז דו געפינסט זיך אין פאנצער.

אמאל, ווען מיר האבן נאך נישט געהאט קיין קאמף־דערפארונג, פלעגן מיר מיינען, אז ס'איז בעסער דעם וואס זיצט אין פאנצער ווי דעם פוסגייער, וואס טראגט אויף זיך זיין שווער געווער. אבער דערווייל האבן מיר געלערנט, אז ווען דו גייסט נאך צופוס ביסטו פריי אין באוועגונגען און קענסט בייטן פאזיציעס, ווירקן פון באהעל־טעניש און פארנארן דעם שונא, אבער ווען דו זיצסט אין דער דעקונג פון פאנצער, ביסטו צוגעשמידט צום פלאץ, אפן פארן שונאס אויגן און ביסט אן ערשטער ציל פאר זיין שווער געווער.

מיר ריידן נאך ארום דעם פלאן פון דער אקציע, קומט אן עקיבא און דערציילט, אז מיין גרופע וועט נישט אנטיילנעמען, ווייל ס'פעלן אויס פאנצערס. אנשטאט דעם וועלן מיר פארכאפן א משלט צו זיכערן דעם וועג אויף צוריק פאר די, וואס גייען אין דער אטאקע.

אומזיסט שפאר איך זיך מיטן קאמאנדיר פון דעם אפטייל און מיטן סערזשאנט מען זאל מיך מיטנעמען צו דער אקציע. זיי האבן נישט קיין פלאץ אינעם פאנצער.

איך ווייס נישט וואס עס טרייבט מיך: — די נייגעריקייט, דער ווילן צו באקומען מאטעריאל פאר שרייבן, אדער דאס געפיל, אז ס'איז שלעכט צו ליגן אין א פארווארפענעם משלט בעת חברים לאזן זיך ארויס קעגן א באפעסטיקט דארף פון שונא.

יאסקע, דער דזשינדזשי, און שלמה בעטן מיך, כ'זאל אפלאזן און נישט באמיען זיך מער ארויסצוגיין. קיינמאל זאלסטו זיך נישט אנטקעגנשטעלן — זאגט דער דזשינדזשי —, דאס איז אן אלטער ביליטערישער כלל: אויב מען הייסט דיר ארויסגיין — גיי. אבער זוך זיך נישט קיין דזשאבן.

און שר דערמאנט מיר וואס עס האט זיך געטראפן מיט א צייט צוריק, ווען כ'האב זיך באמיט ארויסצוגיין אויף א פאטרול קיין באד־אל־וואד אין דעם פאנצער, וואס איז איז א שעה ארום צוריק־געקומען צעלעכערט פון שראפנעלן און אן אויסגעשמירטער אין בלוט.

די חברים גייען אריין איז די פאנצערס. אינעווייניק ווערט קלאר, אז ס'זענען איבערגעבליבן צוויי פלעצער פאר ביקסלער. איך

וויל כאַפּן די מציאה. און דאָסמאָל נעמט מען מיך מיט.

מיר לאָזן זיך אין וועג, אויף קרומע זאַמד־שטעגן, אָן ליכט. אין דער ערשטער מאַשין פאָרט יעקב, דער מ.מ., און עזרא, דער קוריער פון דעם אָפּטייל. מיר פאָרן אין דער צווייטער מאַשין.

מיר פאָרן אַרויף אויף אַן אַספאַלט־שאָסיי. דאָס איז דער שאָסיי תל־אביב—ירושלים. אַ מאָדנער געפיל: מיר שפּאַצירן דאָ אין סאַמע אַראַבישן שטח, אויף אַ שאָסיי, וועגן וועלכן מיר שלאָגן זיך זינט צוויי וואָכן.

די מאַשינען פאָרן שרעקלעך פּאַמעלעך. מען הערט כמעט נישט דעם רויש פון מאָטאָר. די געשפּאַנטקייט ווערט שטאַרקער. פון צייט צו צייט הערט מען אייגעם פון די געוויינלעכע וויצן.

פּאַר אונדז טראָגט זיך ווי אַ פונק אַ ראַקעטע אין דער לופט. מיר לערנען דערפון, אַז דאָס דאָרף געפינט זיך אַ הונדערט מעטער ווייט. עטלעכע קוילן פייפן איבער אונדזערע קעפּ. די אַראַבער האָבן עפּעס באַמערקט, אָבער זיי ווייסן נישט וואָס עס איז.

די שורה שטעלט זיך אָפּ. עזרא, דער קוריער, שפּרינגט אַראָפּ פון דער מאַשין און לויפט אײַנגעבויגן צו די הונדערטער מאַשינען. דאָרט שפּירט מען אַ באַוועגונג. אַ גרופּע מענטשן טראָגן אַ שווערע כלי אין פעלד אַרויס נעבן שאָסיי. איך פאַרשטיי — מען שטעלט אויף דעם שראַפּנעלן־וואַרפער. מינוטן פון דערוואַרטונג. דאָס אַפּאַראַטל אַרבעט נישט.

פון דער דריטער מאַשין, וואו ס׳זיצט מתי ארזי און דער גרופּן־שטאָב, קומט דער באַפעל צו רירן. מיר ווייסן, אַז די צייט איז געקומען: מיר וועלן אַרײַן אין דאָרף אָן אַן איבערבריקונגס־באַמבאַרדירונג. די מאַשינען נעמען ווידער פאָרן. די ביקסן, די כטענגען און די מאַשינען־געווערן זענען גרייט צום שיסן. איך לייג אַרײַן אַ קויל אין דער לופט און פאַרמאַך די ביקס.

אָט איז אַ באַריקאַדע. איך וואונדער זיך: ס׳איז ביי איר קיין שמירה נישטאָ. מיר גייען איבער איר אַריבער.

איך קוק אויפן זייגער. די שעה איז גענוי 12. — „אין דעם מאָמענט שטייט אויף די יידישע מדינה". איך באַמערק בולי׳ן, וועלכער זיצט פאַר מיר נעבן דעם שאָפער.

„מילא", — ענטפערט ער, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, — „אפשר וועלן מיר אין אל־קובאב טרעפן ווײַן".

דער שאָפער פאַרמאַכט דאָס אייזערנע פענסטערל פאַר זיך. איצט בלייבט איבער בלויז אַ קליינע שפּאַרע. איך גיב זיך צו מוט — אַז דאָס פענסטערל איז אָפן געווען האָב איך זיך געפונען געגנוי אין דער פייער־ליניע.

מיר פאָרן דורך אין מיט דאָרף. אַלע בייגן זיך אַן אַביסל. דורכן פענסטערל זע איך די הייזער און די ביימער, וואָס גייען פאַרביי אונדז.

„דאַכט זיך. דאָס דאָרף איז פאַרלאָזט" — באַמערקט ישׂראל באַסאַק, דער פעלשער פון דעם אָפּטייל. איצט באַמערקן מיר דעם מאָדנעם פאַקט, אַז מיר האָבן זיך נישט אָנגעשטויסן אַן קיין שום ווידערשטאַנד.

ס'איז קיין ספק נישט — דאָס דאָרף איז פאַרלאָזט. מיר דער־נענטערן זיך צום צווייטן עק. פּלוצים וואַקסן אויס אַ פּאָר באַוואָפנטע געשטאַלטן. איך הייב אויף די ביקס.

„מכבי" — איז אונדזער פּאַראָל.

מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט אריה קורצערס גרופּע, וואָס האָט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע זיך אַדורכצורייסן פון דער צווייטער זייט.

דאָס דאָרף איז אין אונדזערע הענט.

אַנטקעגן אונדז זעט זיך אַ באַלויכטענע שטוב. בולי, נחמן און איך שפּרינגען אַראָפּ פונעם פּאַנצער צו קאָנטראָלירן דעם פּלאַץ. מיר געבן דעקונג און נחמן רייסט זיך אַריין אינעווייניק. די שטיינער זענען אינעווייניק גליטשיק און נחמן פאַלט כמעט.

אין צימער איז קיינער נישטאָ. עס ברענט אַ נאַפט־לאַמפּ. דאָס איז אַ סימן, אַז די קעמפערס און די איינוואוינער זענען נאָר־וואָס אַנטלאָפן, ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט אין דער ריכטונג פון עינאַב. מיר קאָנטראָלירן שנעל די שאַפעס און געפונען אַ ביסל אי־טאַליענישע אַמוניציע.

מיר קערן זיך אום צום פּאַנצער. דאָרט וואַרט שוין אויף אונדז אַ נייע אויפגאַבע: מיר דאַרפן צוריקגיין צום אַריינגאַנג פון דאָרף און זיכערן דעם שאָסיי פון רמהלער זייט.

מיר שעלטן. וואָסער פאַסקודנער מזל. מיר וועלן זיך ווידער מוזן וואַלגערן אין אַ זאַמד־פּאָזיציע און זיצן אויף דער וואַך, בעת אונדזערע חברים זוכן „אָנדענקען".

ביים אַריינגאַנג אין דאָרף פאַרריכטן מיר די באַריקאַדעס.

שטעלן־אַן דאָס מאַשין־געווער און שטעלן פעסט אַן אויסזיכטס־פּאָזיציע.

דערווייל שיינט אויף דער מאָרגן. עס איז אונדז מער נישט איבערגעבליבן, ווי דורכקאָנטראָלירן די ווייניקע הייזער אין דער געגנט.

מיר רייסן אויף די טירן איינע נאָך דער אַנדערער. די הייזער דאָ זענען שענער און ריינער ווי די וואָס מיר האָבן געזען אין אַראַבישן חולדה און אין דיר־מוחייסין. כמעט אומעטום געפינען מיר אַמוניציע און זאַפּאַסן.

אַן אַנדער פּראָבלעם איז שפּייז. פון דערפאַרונג ווייסן מיר, אַז אין אַן אַראַביש דאָרף קאָן מען זיך גוט אָנעסן. די הינער פון דיר־מוחיסין זענען שוין פון לאַנג געוואָרן אַ לעגענדע, און נישט איינמאָל, זיצנדיק אַרום די פּושקעס סאַרדינען און בולי־ביף, האָט מען געהערט דעם פּאַראָל: „חברה, לאָמיר אָנגרייפן אַן אַראַביש דאָרף“.

ווי אַמשנעלסטן „אָרגאַניזירן“ מיר 4 הינדלעך און 20 טויבן. בעת איך שטיי אויף אויסזיכט, קוק אויף דעם נאָענטן רמלה און האַלט אײַך מאַשינען ביי דער ראַמפּע, ברייטן פאַר מײַנע חברים דאָס געקעכטס.

אויף פרישטיק עס איך אַ געבראָטענע טויב. מיר זענען נאָך נישט פּראַקטיצירט אין דעם — די אויסערלעכע זייט איז צופיל פאַרברענט און דאָס מיטלסטע — כמעט רוי פלייש.

מען בייט מיך איבער. איך גיי אַ ווײַלע שלאָפן. אין צווישן נעמען חברים באַציקלעך, וועלכע האָבן נישט געטראָפן אויפן פּלאַץ און באַזוכן דאָס דאָרף. זיי דערציילן, אַז די צווייטע גרופּע ליגט אין אַן אַנדערער פּאָזיציע און פאַרשעלטן זייער טאָג און זייערע קאָמאַנדירן.

איידער וואָס ווען דערנענטערט זיך די צייט פון מיטאָג׳ קיין שום פיינט שטערט נישט. בלויז איין פּאַנצער, וואָס דערנענטערט זיך פון דער ריכטונג פון קאַוקאַדזשיס קעמפּ אין לאַטרון, טרעפט אַן אויף אונדזערן אַ שטאַרקן פייער און טראָגט זיך אָפּ.

אויפן פּרימוס קאָכן זיך די הינדלעך. יעדער עסט אַ פערטל עוף. עסן מיר טאַקע אַ גוטן מאָלצייט אין טאָג פון דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה.

דער הויפּט־שאָסיי זעט איצט אויס ווי אַלנבי גאַס אין תל־אביב.

די אויטאָבוסן, וואָס ברענגען פאַרשטאַרקונג פאָרן אַהין און צוריק. דזשיפּן איילן זיך פון אָרט צו אָרט. סערזשאַנטן, מאַגאַזינערן, מעדיצין־באַדינונג און אַנדערע מענטשן פון צווייטן שטאָפּל פון אַ קאַמפּס־איינהייט, באַפעסטיקן זיך אויפן אָרט.

ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך — מען לאָזט אונדז נישט לאַנג הנאה האָבן פונעם לעבן. מען בייט אונדז איבער און מען פירט אונדז צום נאָענטן משלט. דאָרט דאַרפן מיר זיך באַפעסטיקן צוזאַמען מיט דער גאַנצער פלוגה.

מען גיט אונדז גראָבן שוץ־גריבער קעגן שראַפּנעלן פון קאַנאָנען. אין לאַטרון האָבן מיר אייערנעכטן געלערנט זייער ווערט. טראָץ דעם איז די אַרבעט נישט באַליבט. די ליצנים זעען אין דעם אַ סימן, אַז מען וועט רירן פון דאַנען, ווייל מיר האָבן דאָך שוין צוויי מאָל געגראָבן שאַנסן און די פריערדיקע באַזעס און באַקומען אַ באַפעל צו רירן גענוי מיטן ענדיקן זיי.

און זעט אַ וואונדער. די ליצנים זענען גערעכט: עס באַקומט זיך אַ באַפעל אַנצוטאָן דעם גורט און זיך גרייטן אַרויסגיין פון דאָרף.

*

אויפן שאָסיי שטעלט זיך אויס די ריי פאַנצערס צום צוריקצוג. איך גיי־אַרויף אויף דער לאַסט־מאַשין, וואָס פירט אונדזערע פּערזענלעכע זאַכן. דער מיליטערישער אַפּאַראַט האָט דאָסמאָל שוין גע־ווירקט. 5 שעה נאָכן פאַרנעמען דעם פּלאַץ זענען שוין אָנגעקומען אונדזערע פּריוואַטע זאַכן אויפן פּלאַץ.

די נאַכט ווערט פינסטער. די מאַשינען רירן. מיר פאָרן פאַרביי די פאַרשפּאַרונגען און די אַנטי־טאַנקן פּאָזיציעס, וועלכע זענען אינדערפרי אויסגעגראָבן געוואָרן. מיר פאָרן ווידער פאַמעלעך אָן ליכט.

מיר זענען אַלע פאַרדרימלטע — 36 שעה זענען מיר נישט גע־שלאָפן. פונדאַנען דער שפּאַסיקער פאַל, וואָס האָט געטראָפן.

דער שומר ביים טויער פונעם באַזע־קעמפּ האָט דערפילט, אַז דריי מאַשינען, וואָס זענען געפאָרן ביים סוף פונעם קאָנוואָי האָבן זיך פאַרהאַלטן אויפן פּלאַץ. נאָך אַנדערטהאַלבן שעה האָט דאָס דערוועקט ביי אים אַ חשד איז ער צוגעגאַנגען צו די מאַשינען. אין דער ערשטער מאַשין האָט ער געטראָפן דעם שאָפער און זיין געהילף

שלאָפן — זיי זענען אַנדערימלט געוואָרן אין דער סעקונדע, ווען דער קאַנוואָי האָט זיך פאַרהאַלטן ביים טויער... און די שאָפערן פון די איבריקע צוויי מאַשינען נאָך אים, האָבן געמיינט, אַז דער גאַנצער קאַנוואָי האָט זיך פאַרהאַלטן....

דריטער קאַפּיטל

א מענטש אנטקעגן שטאל

צומאָרגנס, נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה ישראל, זענען די רעגולערע אַרמייען פון די אַראַבישע לענדער אַריבער די גרענעצן פון ארץ־ישראל. קעגן אונדז איז אַרויס אַ פרישער שונא — מיט קאַמף־אַעראָפּלאַנען, האַרמאַטן און טאַנקען.

דאָס, פאַר וואָס מיר האָבן זיך געשראָקן, איז געקומען. — דער יידישער יישוב האָט זיך דערזען אין קאַמף קעגן דעם גאַנצן מיטעלן מזרח.

די יונגע הגנה־אַרמיי האָט נישט געהאַט קיין פּאַסיק געווער זיך אַנטקעגנצושטעלן די נייעסטע פאַרניכטונגס־מאַשינען פונעם פיינט. מיר האָבן נישט געהאַט קיין האַר־מאַטן, נישט קיין אַעראָפּלאַנען פאַר קאַמף־אויפגאַבן. נישט געווען קיין טאַנקען, אויסער די געציילטע וואָס מיר האָבן „קאָנפיסקירט" ביי די ענגלענדער. דער יידישער זעלנער איז אויסגעפאָדערט געוואָרן אויפצוהאַלטן מיט ליידיקע הענט כמעט, מיט ביקסן, מאַשין־געווער און האַנט־גראַנאַטן, די אויסגעשולטע מיט שווער געווער באַוואָפנטע אַרמייען, וואָס זענען אַרויס קעגן אונדז.

פון דעם טאָג אָן האָט די גבעתי־בריגאַדע געווענדט זיך צו דרום צו, צום שטאַרקסטן און פולקאָמסטן אַראַבישן מיליטער — צו דער מצרישער אַרמיי, וואָס האָט ערשט איצט אָנגעהויבן פאַרפעסטיקן פאַר זיך אַ שפּרונג־ברעט אין געביט פון עזה—מג׳דל. צוויי מעגלעכקייטן האָט דער דאָזיקער פיינט געהאַט: צו גיין פאַרויס צו תל־אביב, אָדער זיך אָנשליסן צום אַראַבישן לעגיאָן אין חברון, כדי אַזוי אַרום אָפּצושניידן דעם נגב. די צוויי פּלענער האָבן גבעתיס קעמפער געדאַרפט צונישט מאַכן.

צווישן מג׳דל און חברון, ביי נגבה, הייבט זיך אויף אַ פעסטונג, וואָס באַהערשט דעם גאַנצן שטח. ווער עס איז קענען זען כמעט פון יעדן אָרט אין דרום פון לאַנד. די ריזיקע פעסטונג — די עיראַק־סווידאַן פּאָליציי — איז נאָר

וואָס איבערגעגעבן געוואָרן די אַראַבער דורך די ענגלענדער, וואָס האָבן זיך־
פּנעטראָגן. אונדזער ערשטע אויפגאַבע איז געווען איינצונעמען די דאָזיקע־
פעסטונג איידער דאָס רעגולערע מצרישע מיליטער וועט באַווייזן זיך דאָרט
איינצופונדעווען.

22־טער מאַי, 1948, אין גדודישן קעמפּ.

די ערשטע אנגריפן אויף עיראַק-סואידאַן

מיר האָבן באַקומען דעם גרייטשאַפט־באַפעל נאָך מיטאָג. ווי־
געוויינלעך פאַר אַן אַקציע האָבן מיר אויסגענוצט די איבערגעבלי־
בענע שעהן כדי זיך צו פאַרזאָרגן מיט דעם וואָס עס פעלט צומיינסטן
אין שלאַכט — שלאָף און עסן. פאַר דעם האָבן מיר גערייניקט דאָס
געווער.

מתי ארזי, וואָס האָט באַקומען די קאָמאַנדע איבער דער גרופּע
נאָכדעם ווי אריה שפּאַק איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין לאַטרון, דער־
קלערט אונדז די אַקציע: די נאַכט וועט אַנגעגריפן ווערן די פּאָליציי־
סטאַציע פון עיראַק־סואידאַן, וואָס ליגט אויפן וויכטיקסטן שאָסיי־
קיין גת און גל־און. דער פיינט איז שטאַרק און גוט באַפעסטיקט.
בעת דער אַקציע דאַרפן מיר פאַרכאַפּן דעם קרייץ־וועג פון מג׳דל
און ג׳לוס, כדי נישט צו לאָזן דאָס מצרישע מיליטער אין מג׳דל
צוקומען צום אָרט.

מתי איז זייער יונג, אַיינער „פון אונדזעריקע״, ער ווייסט אַלץ וואָס
עס טוט זיך ביי אונדז אין האַרצן. ער פאַרענדיקט מיט אַ הומאָריסטישן
טאָן: — „מען זאָגט אונדז, אַז דאָס מצרישע מיליטער איז דרעקיש.
די נאַכט וועלן מיר קאָנטראָלירן, צי דאָס איז ריכטיק...״

מיר פאָרן אויף דרום, קיין נגבה. דאָרט רוען מיר ביז עס פאַלט
צו די נאַכט. מירה, די קליינע זעלנערקע מיט די צעפּ, דערלאַנגט
אונדז טיי און סענדוויטשן.

עמעץ רופט מיך. נעבן פּאַנצער שטייט מתי און דער טעלע־
גראַפיסט פונעם אַפּטייל. זיי לייגן פאָר אַ נייעם דזשאָב — צו זיין
בעת דער אָפּעראַציע דער אָפּטייל־טעלעגראַפיסט. צוערשט דער־
שרעק איך זיך — די גאַנצע צייט פון מיליטער־דינסט האָב איך
רחמנות געהאַט אויף די טעלעגראַפיסטן, וועלכע שלעפּן אויף זייער־

דוקן אן אפאראט, וואס וועגט 17 קילא און די אנטענע זעט קער פיינט פון דער וויטנס. זיי בארויקן מיך אבער — מען מיינט א קאנטאקט־אפאראט 21, וואס וועגט בלויז 2 קילא.

איך ווייס נישט צי זאל איך זיך פרייען אדער זיך ערגערן איבער דער אויפגאבע. פון איין זייט איז עס נישט באקוועם — דארפסט היטן די אנטענע אי ווען דו גייסט אין א וועלדל, אי ווען דו קריכסט אונטער שטעכל־דראטן. די אנטענע איז אויסגעשטעלט אין קאמף, דער פיינט פארקערעוועט דאס פייער צו דיין אנטענע, בעת דיינע דברים ליגן באהאלטן אונטער א זיכערן שוץ. אבער פון דער צווייטער זייט איז עס אן אינטערעסאנטער דושאב — אלס טעלעגראפיסט קענסטו געניי נאכגיין דעם גאנג פונעם קאמף, דו הערסט אלע באפעלן און בארטונגען צווישן די קאמאנדירן.

דער טעלעגראפיסט דערקלערט מיר דעם אפאראט און גיט מיר אלגעמיינע אנווייזונגען. אין דער אפעראציע וועל איך זיין „לאה איינס". איך לערן אונדזערע טעכנישע אויסדרוקן: „גיי אריבער", „סוף", „מעלדע די שטארקייט פון מיינע סיגנאלן".

מיר לאזן זיך גיין אין א לאנגער איינצל־שורה. איך דארף גיין נאך אמנון, אונדזער נייעם אונטער־מ.פ. ער איז יונג, בלאנד און צארט. צוזאמען מיט ישראל גאסאק, דעם סאניטאר, און עזרא כהן, דעם קוריער פון דעם אפטייל, געהער איך דאסמאל צום אפטייל־שטאב.

דאס גיין מיטן אפאראט איז באמת נישט באקוועם. ער ווענדט אפ דיין געדאנק פון יעדער אנדערער זאך. די אנטענע האט א טבע זיך צו פארדרייען, און ווען דו ביסט באשעפטיקט מיט אויסגלייכן און אויפהייבן זי, שטרויכלסטו איבער שטיינער, וועלכע דו זעסט נישט. ווען דו גייסט אדורך א שטעכל־דראט, ווערסטו אן אקראבאט: — דארפסט זיך איינבייגן אין דרייען ווי א שלאנג. דער אפאראט זאל נישט געשעדיקט ווערן. און די גאנצע צייט גרילצט דיר אין אויער:

„האלא, לאה איינס — א טעלעגראם פאר דיר — גייט איר פארויס? — צי זענט איר אריבער דעם פלויט?..."

צווישן טעלעגראמע און טעלעגראמע גרילצן מיר אין די אויערן די אטמאספער־שטערונגען. א שוואך קול אין ענגליש שטערט די

בזאָליע, און פון צייט צו צייט קלאַפּט דער מאָרס. נאָך אַ האַלבער שעה טוט וויי דער קאָפּ.

פון ווייטן זע איך פיר סטאַבילע ליכטער אין אַ קוואַדראַט. דאָס, ווייזט אויס, איז די פּאָליציי. וואָסער נאַרישקייט איבערצולאָזן דאָס ליכט ברענען!

מיר קומען אָן צום שאָסיי. אמנון שטעלט אַוועק דאָס מאַשין־געווער אין דעם פּיאַט ביים שאָסיי צו מעריב צייט. פאַר מיר הער איך אַ רידל־געקלאַפּערײַ. די מענטשן גראָבן זיך איין.

צוזאַמען מיט ישראל, דעם סאַניטאַר, פאַרנעם איך אַ פּאָזיציע בערך 20 מעטער נאָך דעם אַפּטייל. דער כוח האָט זיך איינגעאָרדנט אין אַ געשיצטן קרייז אַרום דעם בערגל. אויף לינקס פון מיר איז די פּאָליציי. אַ מהלך פון איין קילאָמעטער, ווי איך שאַץ אָפּ.

איך קען זיך נישט אויסגראָבן אַ פּאָזיציע, ווייל מיינע הענט האַלטן דאָס מויל פון אַפּאַראַט, און איך טאָר נישט אָפּלאָזן. מען טאָר נישט איבעררייסן דעם קאָנטאַקט אויף איין מינוט. איך גראָב זיך אויס אַ קליינע פּאָזיציע מיט די קנאָפּל פון די שיך און מיט דער פרייער האַנט לייג איך אַוועק אַ פּאָר גרודעס ערד פאַר מיין קאָפּ. אַ אָנצייכעניש פון אַ פּאָזיציע, וואָס וואָלט געדאַרפט זיין.

אמנון קומט צוריק. ער גראָבט זיך אַ גרוב ביזן גאַרטל.

„האַלאָ לאה איינס, האַלאָ לאה איינס, מיר זענען גרייט, מיר זענען גרייט, דאָס געווער איז אַוועקגעשטעלט, דאָס געווער איז אַוועקגעשטעלט, אַריבער...“

מיר וואַרטן. די מענטשן שלאָפן איינגעטיילט — איינער שלאָפט און איינער וואַכט אין יעדן שוץ־גרוב. אלס טעלעגראַפיסט טאָר איך נישט שלאָפן. און דאָס שטענדיקע גרילצן אין אויער איז ערב, אַז איך וועל דערפילן דעם באַפעל.

„טראַ־אַ־אַ־אַ־ך!“

איך קוק אויפן זייגער. ס'איז געווען איינס אַ האַלב דער זייגער. דער אָנגריף האָט זיך אָנגעהויבן.

די מענטשן פון דעם פּאָליציי־בנין כאַפּן זיך אויף. זיי וואַרפן איין ראַקעטע נאָך דער אַנדערער. און ביי זייער שיין קאָנען די אַרטילעריסטן ברינג אָנשטעלן די כלים. אַ טיפּישע אַראַבישע בערוועזיטעט.

די מאַשין־געווערן קלאַפּן. מען קען נישט אונטערשיידן צווישן אונדזער און זייער פייער.

איך קען דעם פּלאַן. איצט קריכן די שעדיקער און די דעקונגס־מענטשן צום פּלויט. קריכן אויפן בויך צוויי הונדערט מעטער, אונטער אַ רעגן פון קוילן, איז גאָר נישט קיין אָנגענעמע אויפגאַבע. איבערהויפּט ווען דו טראָגסט אויפן רוקן אַ לאַסט פון שפּרענג־מאַטעריאַל, וואָס סטייעט אויפצורייסן אַ גאַנצן פּאַלק.

פון אונדזער פּלאַץ איז שווער נאָכצוקוקן דער שלאַכט, וואָס פירט זיך איצט אין דער גאַנצער שטאַרקייט. פון מאָל צו מאָל רייסט אויף אַ שראַפּנעל ממש נעבן דעם פּאָליציי־בנין, און פונדאַנען ווייזט אויס אַקוראַט ווי דער בנין וואָלט שוין לאַנג געווען אויפגעריסן. אויב וועט מען איינעמען דעם בנין, וועט זיך דאָ ענדיקן די אויפגאַבע.

דער קאַמף ציט זיך העכער אַ שעה. אַ סימן, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג. פון דעם בנין שיסט מען נאָך מיטן גאַנצן כּוח. ער איז איצט אינגאַנצן באַלויכטן ווי מיט טאָג־ליכט, אָן איינצל ליכט אין ים פון פינצטערניש. אַ שיין בילד. וואָס באַטייט דאָס? צי האָבן די חברים אויסגעשאָסן אַ ברען־באָמבע?

נאָך אַ צייט ווערט מיר קלאָר, אַז די אַראַבער איז געלונגען אָנצעצונדן אַ פייער־באַריקאַדע, וואָס זיי האָבן דאָ אָוועקגעלייגט. ווייזט אויס, פון פריער.

ווי אַזוי וועלן די דורכרייסער און שעדיקער אַדורך איבערן ליכט־געביט?

אויף אונדזער אָפּשניט איז אַלץ רואיק. פון צייט צו צייט פייפן איבער אונדזערע קעפּ צופעליקע קוילן.

פלוצים פיל איך, אַז אַמנון ציט זיך אויס. כ׳הער אויך אַ זשומען פון אַ מאָטאָר. אַט — צוויי ליכטער פון אַ מאַשין דערנעענטערן זיך פון דער ריכטונג פון מג׳דל! די מצרישע פאַרשטאַרקונג קומט אָן!

אָן אַ באַפעל רעד איך אַריין אין אַפּאַראַט — „האַלאָ לאַה איינס, האַלאָ לאַה איינס, אַ דרינגנדע טעלעגראַמע פאַר דיר, אַ דרינגנדע טעלעגראַמע פאַר דיר, אַריבער!“

נישטאָ קיין ענטפער.

איך קאָנטראָליר די אַנטענע און די פאַרבינדונגען. אַלץ איז אין אָרדענונג.

„האַלאָ לאה איינס, האַלאָ לאה צוויי, מעלד די שטאַרקייט פון מיינע סיגנאַלן, מעלד די שטאַרקייט פון מיינע סיגנאַלן, ענטפער באַלד, אַריבער!"

נישטאָ קיין ענטפער.

די מאַשין דערנענטערט זיך. אמנון קוקט מיך אָן. איך ווער משוגע.

איצט ווירקט אויך לאה דריי. איך הער אים דייטלעך. „האַלאָ לאה דריי, האַלאָ לאה דריי, אַ טעלעגראַמע פאַר דיר, אַריבער!"

אויך אים ענטפערט מען נישט.

וואָס איז געשען דער „מרכזת"? אפשר איז דער אַפּאַראַט קאַליע געוואָרן? אָדער טאָמער איז דער טעלעגראַפיסט געהרגעט געוואָרן?

„האַלאָ לאה איינס, האַלאָ לאה איינס, אַ פיינטלעכע מאַשין איז אין וועג. איך חזר איבער — אַ פיינטלעכע מאַשין איז אין וועג. איך זע דאָס ליכט, איך זע דאָס ליכט. דו הערסט מיך? דו הערסט מיך? אַריבער!"

די „מרכזת" הערט מיך נישט.

„האַלאָ לאה צוויי — אַ טעלעגראַמע פאַר לאה איינס — אַריבער!"

„האַלאָ לאה איינס — אין אָרדענונג, אין אָרדענונג, אין אָרדענונג, אַריבער!"

ווייזט אויס, אַז דער צווייטער אָפּטייל איז געקומען אין קאָנטאַקט מיטן קאָמאַנדיר פון דער פּלוגה דורך אַ קוריער.

„האַלאָ לאה צוויי — איך רייד צו לאה איינס — דער באַפעל איז נישט צו עפענען קיין פייער ביז דער ציל איז אינגאַנצן קלאָר — דער סימן צו עפענען פייער איז אַ סאַלווע פון אַ מאַשין־געווער — קלאָר? — אַריבער!"

„האַלאָ לאה איינס — רות — סוף!"

דערווייל האָט די מאַשין פון שונא זיך אָפּגעשטעלט אין אַ דיסטאַנס פון הונדערט מעטער און אויסגעלאָשן איר ליכט. דער פיינט האָט אונדז נישט געזען, אָבער ער ווייסט, אַז אונדזערע כוחות דאַרפן זיך געפינען אין דער געגנט. אויב ער וועט זיך נאָך רירן 50 מעטער פאָרויס, וועט ער אַרויף אויף די מינען, וואָס זענען געלייגט געוואָרן דורך אונדזערע שעדיקער און וועט דורכן פיאַט פאַרטיליקט ווערן.

פלוצים הייבט אָן צו קנאַקן אונדזער מאַשין־געווער. צי איז דער מענטש משוגע?

דער שונא ענטפערט אָפּ מיט פייער. די קוילן פליען ממש צו אונדז. די מענטשן בייגן זיך אין זייערע שוץ־גריבער. עמעץ קריכט נעבן מיר. ער שעפּטשעט צו אמנון: „עפּעס איינער איז דענערווירט געוואָרן. דערהערט אַ געראַוויש און געמיינט, אַז דער שונא דערנענטערט זיך צו אונדז".

צו אַלדע רוחות, אַזוי ווערט צעטרענצלט אַ שטיקל אַרבעט.

דער שונא האַלט אין איין שיסן אויף אונדז. מיין אַפּאַראַט מאַכט מיך משוגע — איצט האָב איך אויך נישט קיין קאָנטאַקט מיט „לאה דריי". פלוצים האָב איך אַ געדאַנק — אפשר איז אויסגעגאַנגען מיין באַטעריע? איך שטיי אויף אריינצושטעלן די רעזערוו־באַטעריע. אמנון שרייט צו מיר איך זאָל ליגן. איך פאָלג אָבער נישט. דאָס לעבן פון חברים קאָן זיין געווענדט אינעם פונקציאָנירן פונעם פאַר־עלטערטן אַפּאַראַט.

איך האָב אריינגעזעצט די באַטעריע. באַלד פיל איך די ענדערונג. די שטערונגען זענען פיל שטאַרקער.

„האַלאָ לאה צוויי — מעלד די שטאַרקייט פון מיינע סיגנאַלן..."

גאָט צו דאַנקען, כ'האָב שוין ווידער אַ קאָנטאַקט מיטן צווייטן אַפּאַראַט. אָבער די „מרכזת" שווייגט. ווייזט אויס, זי איז קאַליע געוואָרן אויף אַן אמת.

די פיינטלעכע מאַשין האָט זיך אָפּגעטראָגן. ביי אונדז ווערט רואיקער. אָבער ביי דער פּאָליציי גייט נאָך אָן דאָס פייער־געפעכט.

ס'איז קרוב צו דריי אַזייגער. פיר אַזייגער לויכט אויף דער טאָג. אויב זיי איז נישט געלונגען איינצונעמען די פּאָליציי, וועלן מיר זיך מוזן צוריקציען. אויב דער טאָג וועט באַלויכטן אונדזערע פּאָזיציעס, וואָס זענען אָפן פאַרן שונא, וועלן מיר פונדאַנען נישט אַרויס לעבעדיק.

„האַלאָ לאה צוויי, אַ טעלעגראַמע פאַר לאה איינס — מתי געפינט זיך דאָ — מתי געפינט זיך דאָ — אַ טעלעגראַמע פאַר דיר — לאה איינס — אריבער!"

ענדלעך. דער קאָמאַנדיר פון דער פלוגה האָט גענומען אין דער האַנט דעם אַפּאַראַט וואָס פונקציאָנירט.

דאָס צוריקציען הייבט זיך אָן. צוערשט נעמען די שעדיקער

פאַנאַנדער די מינען. די גרופּן ציען אַפּ אין אַ געהעריקער אָרדע־נונג — די אַמוויטסטע ציען צוריק די ערשטע מיט די שעדיקער, מיטן מאַשין־געווער און פיאַט.

מיר קערן זיך אום. איך רייד די גאַנצע צייט גייענדיקערהייט. דער צוריקצוג גייט פּאַרויס, אין איינקלאַנג מיטן פּלאַן.

די פּאָליציי־געביידע איז זייער נאָענט. מען שיסט נישט פון איר. אָבער דער פייער־צוים ברענט נאָך. זעט אויס, אַז נאָך אַלעמען, איז דער בנין נישט איינגענומען געוואָרן. ביי אַזאַ באַלייכטונג איז בלויז אַ משוגעת זיך צו דערנענטערן צום שונא.

מיר זענען אָנגעקומען קיין גבֿה. אמנון בעט אַ סיגאַרעט — אַ סימן, די אָפּעראַציע האָט זיך געענדיקט. מיר זענען טויט־מיד. מען גייט גלייך אַריין אין אויטאָבוס און מען פאָרט. איך באַוויז נאָך צו הערן, אַז בלויז איין חבר איז שווער פאַרוואונדעט און אַז די שעדיקער האָט זיך נישט איינגעגעבן צוצוקומען צום צוים, וואָס איז העכער צען מעטער ברייט.

איך שלאָף איין אין מיטן פאָרן.

*

נאָך צוויי טעג ווערט דער פּאָליציי־בנין ווידער אַטאַקירט. דאָס מאָל באַקומט אונדזער אָפּטייל די אויפגאַבע זיך דורכצורייסן.

דער פּלאַן איז: אַטאַקירן דעם בנין פון צוויי זייטן נאָך אַ באַמבאַרדירונג פון שווערע מאַרטערס. אין דער צייט, וואָסביידע אָפּטיילן וועלן זיך פאַרגנבענען צום פּלויט, וועט אַ ריי פּאַנצערס גיין פאָרויס מיטן שאַסיי צום בנין, כדי צושמידן צו זיך דאָס פייער.

נחמנס גרופּע, אונטערן באַפעל פון מנחם׳ן, אונדזער מ״מ, בילדעט די ערשטע כוואַליע, און אַמנונס שטאַב, דער אונטער מ״פּ, צוזאַמען מיטן טעלעגראַפיסט, קוריער און סאַניטאַר, זענען די צווייטע כוואַליע.

די מענטשן אינעם פּאָליציי־בנין שטייען דאָסמאָל אויף דער וואַך. די ליכטער וואָס האָבן אונדז נעכטן אָנגעצייכנט דעם בנין, ברענען איצט נישט.

נאָכדעם, וואָס די דריי דורכרייס־איינהייטן האָבן פאַרנומען פּאָזיציעס, האָט די ערשטע כוואַליע אָנגעהויבן קריכן פאָרויס.

די מענטשן שעלטן. דער שונא עפנט אַ פייער פון ביקסן און

מאַשין־געווערן אויף די דריי איינהייטן. די פּאַנצער־ריי „כאַפּט אַריין" די הויפּט־קראַפט פונעם פייער.

די ערשטע כוואַליע פון אונדזער אַפּטיילונג רוקט זיך פאָרויס קריכנדיק. נאָך הונדערט מעטער קריכן, זענען די מענטשן שוין מיד. זיי זענען מוותר אויף איבעריקע זיכערקייט און גייען פאָרויס שפּרינגענדיק. שפּרינג — ליג — שפּרינג — ליג.

די פּיאַטלער שפּרינגען פאָרויס. די שעדיקער מיטן אויפרייס־מאַטעריאַל, וועלכע דאַרפן אויפרייסן דעם צוים, פאַרשפּעטיקן זיך אַביסל.

דאָס פייער איז שטאַרק. אויפן אָפענעם פעלד איז נישטאָ קיין דעקונג. אָבער דעם שונאס פייער איז עפּעס געווענדעט מער צו דער צווייטער כוואַליע ווי צו דער ערשטער.

די ערשטע כוואַליע איז צוגעקומען צום צוים. דער דיסטאַנס צו דער פּאָליציי — דרייסיק מעטער. אָבער דער שטעכל־דראָט האַלט איין דאָס פאָרויסגיין. צום טייוול, וואו זענען די שעדיקער?

אליהו קייל האָט אויפגעשטעלט דעם פּיאַט און האָקט. די אויפרייסן זענען ריזיקע. יעדע קויל טרעפט גלייך אין בנין, פונוואַנען ס'הערן זיך געשרייען פון די פאַרוואונדעטע.

די געפּאַנצערטע ריי פאַרהאַלט זיך. די שאָפערן פון די ערשטע צוויי מאַשינען זענען פאַרוואונדעט געוואָרן. די מאַשינען האָבן זיך פאַרהאַלטן און דער טראַנספּאָרט קען זיך נישט רוקן פאָרויס.

די ערשטע כוואַליע פאַרמאָגט נישט קיין דראָטלאָזן אַפּאַראַט. די צווייטע כוואַליע איז זייער ווייט — ביי אַ דריי הונדערט מעטער. צווישןביידע כוואַליעס איז כמעט נישטאָ קיין קאָנטאַקט. שלום און עזרא געפינען זיך אינעם אָפּשטאַנד צווישן זיי, און שרייענדיק, באַמיען זיי זיך איבערצוגעבן באַפעלן.

די מענטשן ביים צוים קאָכן. זיי זענען נאָענט צום בנין. איצט איז בלויז נויטיק דורכצורייסן דעם פּלויט, און ווען די צווייטע כוואַליע וועט קומען — איז די הצלחה פונעם דורכרייסן אַ זיכערע. פונעם בנין הייבט זיך דאָס געשריי פון די אַראַבער — „לאַ אַללה — אילאַ — אַללה — און מחמד — ראַסול — אַללה..." די אַראַבער גרייטן זיך צום שטאַרבן.

מנחם בראַצקי, דער קאָמאַנדיר פון דער ערשטער כוואַליע באַפעלט זיך צוריקצוציען דרייסיק מעטער, כדי די שעדיקער זאָלן

קאַנען אויפֿרייסן דעם פּלויט. די מענטשן קריכן הינטערווײַלעכטס. ס'איז נישט מעגלעך אַראָפּצולאָזן דעם קאָפּ, ווען דו קריכסט הינטערווײַלעכטס, אַזוי ווי דו לאָזט אים אַראָפּ ווען דו קריכסט פֿאָרויס.

דער שונא שיסט אָן אויפֿהער.

מנחם שרײַט אויס זײַנע באַפֿעלן. אין רעגן פֿון די קוילן הערט מען עס זייער שווער. אַלע כּלים אונדזערע און דעם שונאס שיסן מיטן גאַנצן כּוח.

פּלוצים פֿאַרשווײַגט מנחמס קול. נחמן רופֿט אים און באַקומט נישט קיין ענטפֿער. ער קריכט אים אַנטקעגן און טרעפֿט אים זיצן מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ. ער רירט אים אָן. זײַן האַנט ווערט פֿייכט. בלוט. אויף אַ ווײַלע פֿאַרלירט נחמן די נערוון.

מנחם קרעכצט נאָך. מיקי און ראובן נעמען אים אויפֿן רוקן און ציִען מיט אים אַפּ אונטער דעם האָגל פֿון קוילן. זיי ווייסן, אַז ביי אַ וואונד אין קאָפּ איז וויכטיק יעדע סעקונדע. זיי ווייסן אָבער, אַז מען טאָר נישט טרייסלען דעם פֿאַרוואונדעטן. זיי לייגן אים אַוועק אויף דר'ערד און מיקי לויפֿט רופֿן דעם סאַניטאַר, וועלכער איז איבערגעבליבן מיט דער צווייטער כוואַליע.

ישראל קומט צו לויפֿן. ער באַנדאַזשירט מנחמס קאָפּ. ער לעבט נאָך. עס ווײַזט אָבער אויס, ער האָט פֿאַרלוירן דאָס באַוואוסטזײַן גלײַך ווי ער איז געטראָפֿן געוואָרן. מען לייגט אים אויף אַ טראָג־בעטל און מען נעמט אים אַוועק גיך־גיך.

אין דער ערשטער כוואַליע ביים פּלויט זענען געבליבן איצט בלויז צען מענטשן. נחמן קאָמאַנדירט מיט זיי. די מענטשן זענען צו זיך געקומען. די תּאווה פֿון נקמה ברענט אין זייער האַרצן. זיי ווילן זיך אַרײַנרײַסן, איצט, שוין. זיי זענען זיכער, אַז מען קען אײַננעמען דאָס הויז. זיי זענען גרייט אויף קרבנות.

אָבער דער באַפֿעל קומט נישט.

אמנון, וואָס קאָמאַנדירט מיט דער צווייטער כוואַליע און שטייט אין דראָטלאָזן קאָנטאַקט מיטן קאָמאַנדיר פֿון דער פּלוגה, בייט נישט כּאָרויס. ער האָט באַקומען אַ באַפֿעל זיך צוריקצוציִען.

*

יעדער קלערט וועגן מנחמען. זיי ווייסן, אַז ער איז טויט. מנחם איז געווען מיט דער אָפּטייל בלויז פֿיר טעג. אָבער אין

דער קורצער צייט האָט זיך אים איינגעגעבן צו פאַנגען זייערע הערצער. ערשט דריי טעג פריער, ווען מיר האָבן געדאַרפט אַריבערפירן אַ שווערן שטיינערנעם טיש אין קעמפּ נאָך אַ פאַר־מאַטערנדיקן נאַכט־קאַמף, האָט ער אויסגעטאָן זיין העמד און אַליין זיך גענומען צו דער אַרבעט.

און אָט קומט אויף אַ צווייט בילד. אַ בילד, וואָס דערשיטערט ביז טיף אין האַרצן. אייערנעכטן, נאָכן ערשטן אָנגריף אויף דער פאַרשאָלטענער פּאָליציי, האָט אונדז מנחם איינגעאָרדנט „אַ נישט פאַרמעלן" אורלויב. אַנשטאָט צוריק צו דער באַזע, זענען מיר געפאָרן אויף צוויי שעה קיין תל־אביב. שוין זינט אַ חודש צייט האָבן מיר נישט געזען די שטאָט און די עלטערן. מנחם אַליין איז אַראָפּ אויף אַלענבי־גאַס און וויל אַרויף אויף אַן אויטאָבוס. פּלוצים דערהערט זיך אַ געשריי — „מנחם!". אַ קליינע עלטערע ייִדענע לויפט אים אַנטקעגן, האַלדזט אים און קושט אים אין מיטן גאַס. אַרום האָבן זיך פאַרזאַמלט מענטשן און זיך צוגעקוקט מיט אַ ליכטן צי'טער — אַ מוטער באַגריסט איר זון וואָס קומט פון שלאַכט.

און מאָרגן איבערמאָרגן וועט זי הערן:

„אין קאַמף אויף צו עפענען דעם וועג צום נגב איז געפאַלן דער קאָמאַנדיר פון דעם אָפּטייל, מנחם בראָצקי..."

אין די ביטערסטע מינוטן, ווען דער שונא איז געגאַנגען פון אַלע זייטן צום האַרץ פון מדינת ישראל, האָט צבא הגנה אַנטקעגנגעשטעלט דער איבערוואָג בונעם שונאס געווער — דעם מענטשן.

און דער מענטש איז געשטאַנען. ער האָט געוואוסט, אַז ער שטייט מיטן רוקן צו דער וואַנט. ער האָט געוואוסט, אַז פונדאַנען איז נישטאָ וואו זיך צוריקצוציען. ער האָט געוואוסט, אַז זיין היים, וואָס ווערט באָמבאַרדירט טאָג און נאַכט דורך די מצרישע באָמבערס, איז אין סכנה.

דאָס זענען נישט געווען קיין „העלדן" פון אַ האָליוואודישן פילם. דאָס זענען געווען פּשוטע בחורים, וואָס דער קאַמף־גייסט פון דעם פאָלקס־מיליטער האָט זיי אויפגעהויבן צום העכסטן שפּיץ פון קאַמף, וואָס האָבן גאָר נישט געקענט זיך אַנדערש אויספירן אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט פון די אויסדערוויילטע פונעם פראָנט.

25־טער מאַי, 1948, אין גדודישן קעמפּ.

דער מענטש און זיין געווער

אלישע איז דער קללות־מייסטער פונעם אַפּטייל. אויב צאַרענען איז אַ קונסט — איז נישט געווען אַזאַ מין קינסטלער אין גאַנצן יידישן מיליטער. האָט מען אים געגעבן אַ באַפעל אַרויסצוגיין צו איבונגען — האָט ער געשאָלטן די קאָמאַנדירן, וואָס ווייסן נישט צי שפּאָרן מענטשלעכע כוחות. האָט מען אונדז געלאָזט רוען אַ גאַנצן טאָג אין דער היים — האָט ער געשאָלטן די קאָמאַנדירן, וועלכע פירן אַרויס מענטשן צום קאַמף נישט אויסגעשולטע ווי געהעריק. זעלבסטפאַרשטענדלעך, ער האָט זיך געברוגזט פאַר יעדער מאַלצייט. די בײדלעך אונדזערע זענען אים נישט געפעלן, די קאָמאַנדעס זענען דרעקיש, און אַזוי אויך דאָס מיליטער.

איך ווייס נישט צי איר האָט אַמאָל אין אייער אַפּטייל געהאַט אַ פּאַכמאַן אין רוגזה. ער איז פּעאיק געווען צו פאַרנמאוסן דאָס לעבן ביי אַלעמען. דאָס לעבן איז אויך אַן דעם געגוג שווער. דאָס עסן צייכנט זיך נישט אויס אַלעמאָל צום גוטן. קיינער האָט נישט ליב צו זיצן אונטערן אויפּרייס פון קוילן. און אויב ס׳איז נישט לייכט צו פאַרליידן ווען דו לאַכסט און שטיפסט, קענסטו זיך אוודאי נישט איינהאַלטן ווען דיינע חברים צאַרענען און מאַכן זויער זייערע פּנימער.

אלישע איז דאָ נישט לאַנג געקומען פון פּוילן. ער האָט געהאַלטן, אַז אויך דאָ יאָגט אים יעדער און וויל זיין שלעכטס. שטענדיק האָט ער געמיינט, אַז ער איז באַעוולט — ביים פאַרטיילן די סיגאַרעטן און ביים באַשטימען די ריי אויף שמירה.

נייך, אלישע איז נישט געבוירן צו זיין אַ זעלנער. ווען מיר זענען צוריק געקומען פון לאַטרון, נאָך אַ דריי שעהדיקער באָמבאַרדירונג פון קאַנאָנען, האָט זיך אלישע געפונען ביי מיר אין דער אויפזאַמלונג־איינהייט. אונדזערע חברים האָבן מיט זיך געטראָגן אַ פאַרוואונדעטן, וועמען אַ שראַפּנעל האָט פאַרוואונדעט אין ברוסט, און איז געווען אינגאַנצן אויסגעשמירט מיט בלוט. ווען אלישע האָט אויף אים אַ בליק געטאָן, האָט ער געוואָרפן די ביקס אויף דער ערד און נישט געוואָלט אַפילו אַ שפּאַן טאָן פון אָרט. מ׳האָט געמוזט אַרויפ־גיסן אַ גאַנצע וואַסער־שאָל אויפן פּנים, אין מויל אַריין, אין נאָז

אַרײַן, אין די אויערן, כּדי אים אויפוועקן צום לעבן און באַוועגן אים זיין לעבן צו ראַטעווען.

דעריבער, ווען דוד, אונדזער מ״מ, איז געקומען און האָט געמאָלדן, אַז מיר וועלן באַקומען אַ פּיאַט און אַז אלישע וועט זיין דער פּיאַטיסט „נומער איינס״, האָבן מיר זיך באַצויגן צו דער זאַך ווי צו אַ שפּאַס. דווקא אלישע! הינער וואָלטן געלאַכט!

דער פּיאַט איז אַ געווער, וואָס ווירקט פון אַ קלייגער דיסטאַנס. דער וואָס באַדינט אים איז געצוואונגען זיך צו נענטערן צום פּיינט — צום טאַנק, צום פּאַנצער אָדער צו דער באַפעסטיקטער פּאָזיציע, ביז אַ קליינעם מרחק. דערצו דאַרף מען האָבן שטאַנדהאַפטיקייט און געוואַגטקייט.

און דאָס איז נישט אַלץ. די וואָג פונעם פּיאַט, אַ חוץ זיינע איבעריקע מעלות, איז 15 קילאָ, מער ווי אַ מאָרטער פון צוויי אינטש. צי קען זיך עמיץ פאָרשטעלן, אַז אלישע וועט שלעפּן אַזאַ משא אויף זיין רוקן און אין אַזעלכע ריזן־מאַרשן אונדזערע. דער אלישע, וואָס פלעגט אין כּעס ווערן ווען מ׳האָט אים געהייסן שלעפּן פינף הונדערט רעזערוו־קוילן פון דעם מאַשין־געווער?

נאָר אַ באַפעל איז באַפעל. און קעגן דעם איז נישטאָ וואָס צו מאַכן. און פון גרויס שפּאַס האָבן מיר נישט באַמערקט, אַז אלישע איז גאָר נישט אין כּעס געווען. ער האָט זיך נישט געפילט באַעוולט און נישט געפרעגט, פאַרוואָס איז דער כּבוד עפּעס אויסגעפאַלן דווקא אויף אים.

נאָר ווען ס׳איז אַוועק אַ שטיקל צייט, האָבן מיר נישט געקענט פאַרהוילן, אַז מיט אלישע׳ן איז עפּעס וואָס געשען. ער איז אַלץ ווינציקער אין כּעס געווען. ס׳איז כּמעט מעגלעך געווען צו קלערן, אַז ער איז צופרידן פון אונדזער קאָמאַנדע. און ווען מ׳האָט אונדז געהייסן די דריטע נאַכט אַרויסגיין אויף אַן עקלהאַפטן פּאַטרול פון 20 קילאָמעטער, און אפילו די ריח צווישן אונדז האָבן אַרויסגעוויזן סימנים פון נישט פאָלגן, איז אלישע געווען דער ערשטער, וואָס האָט גענומען דעם שווערן פּיאַט אויפן רוקן און איז געווען גרייט צו גיין.

צווישן דעם פּיאַט און אלישע׳ן האָבן זיך אַנטוויקלט מאָדנע באַציאונגען. אונדזערע ליצנים האָבן געזאָגט: ווען אלישע וואָלט ביינאַכט געקאָנט נעמען דעם אַפּאַראַט אין בעט אַריין, וואָלט ער

דאָס געמאַכט. און טאַקע, ער איז מיט אים אומגעגאַנגען ווי מיט אַ יונגער, שיינער פרוי. געזאָרגט פאַר אים און געגלעט אים מיט זיינע בליקן. נאָך אַן אָנשטרענגענדיקן נאַכט־מאַרש, ווען מיר זענען אַלע געלעגן און ווי געהריק געכראָפּעט, איז נאָך אלישע בעלעגן אויף דער ערד, צענומען דעם פּיאַט, מיט ליבשאַפט אים געפּוצט, און מיט צאַרטקייט פונדאַסניי אים צונויפגעשטעלט. ווי אַ פרוי, וואָס וואַשט איר קליין קינד.

און ווי איז דעם וואָס האָט געוואַגט צו באַליידיקן דעם פּיאַט. אַז דו האָסט זיך צוגעהערט צו אלישע׳ס רייד, וואָלסטו געקענט גלויבן, דער פּיאַט איז דאָס העכסטע און בעסטע געווער אין דער וועלט און שטייגט איבער, אין אַלע פאַלן, דעם האַרמאַט און אַעראָ־פּלאַן. און נאָך אַ קליינע צאָל פּיאַטן — געוואונען מיר די מלחמה. צי איז נישט אַ פאַקט, אַז גוש־עציון וואָלט נישט געווען געפאַלן, ווען זיינע באַשיצערס וואָלטן געווען פאַרמאָגט נאָך צען פּיאַטן?

די דאָזיקע נאַכט, ווען מיר האָבן אָנגעגריפן דעם פאַרשאָלטענעם באַליציי־בנין, זענען אלישע און דער פּיאַט געווען אין דער ערשטער כוואַליע פון די דורכרייסערס. גענויער — אלישע איז געלאָפן פאַר דער ערשטער כוואַליע. די קוילן, וואָס האָבן געפייפט אַרום אים האָבן אים נישט געשטערט. קען זיין, אַז ער האָט זיי איבערהויפּט נישט באַמערקט. אין זיין קאָפּ איז געווען נאָר איין מחשבה: דערנענטערן זיך צום בנין ווי וויט מעגלעך, כדי צו דערמעגלעכן דעם פּיאַט אַפּצוטאָן די מלאכה.

און די נאַכט האָט טאַקע דער פּיאַט געאַרבעט מעשים. וויבאַלד ער האָט זיך נאָר געלאָזט הערן, זענען שטיל געוואָרן די ביקסן און די מאַשין־געווערן, ווי די גרויסע שטילקייט, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער חיות־וועלט, ווען דער לייב צעברומט זיך. די ציל־דיסטאַנס איז געווען ווייניקער פון 50 מעטער. און אלישע האָט געהאַקט וויפל ס׳האָט זיך אים געגלוסט. יעדע קויל האָט געטראָפן. אין דער פינצטער האָבן מיר נישט געקאָנט זען די לעכער, נאָר די ערד האָט געציטערט אונטער אונדז און די אַראַבער האָבן געוואָיעט.

פון דעמאָלט אָן האָט עלישע בכלל אויפגעהערט צו זיין אין כעס. ער זעט איצט אויס אַ צופרידענער. ער איז צופרידן פון

דער וועלט, פונעם מיליטער, און דער עיקר פונעם שיינעם פּיאָט זיינצעם, ימח שמו.

אַ וואָך זענען מיר געווען באַטריבט. יעדן טאָג האָבן מיר באַקומען ידיעות וועגן דעם מצרישן פאָרויסגיין צו תל־אביב. מיר אויפן פראָנט האָבן געוואוסט דאָס, וואָס תל־אביב האָט נישט געוואוסט — אַז צבא ההגנה איז נישט בכוח אַנטקעגנצושטעלן דעם אָנפאַלער מיט זיינע אַעראָפּלאַנען און פּאַנצערס, סיידן טויזנט קעמפער באַוואָפנטע מיט לייכט געווער.

מיר האָבן געוואָלט אריינגיין אין קאַמף באַלד, נישט אָפּלייגנדיק. און אָנשטאָט דעם זענען מיר געשיקט געוואָרן אויף אומאויפהערלעכע אויסשפּירונגען אין די געגנטן רמלה—לוד. מיר האָבן געשפּאַנט יעדע נאַכט זיבן, אַכט שעה אויף אַ שרעקלעכן באָדן, מיר זענען אַריינגעדרונגען הינטער די ליניעס פונעם פיינט, און דער צוועק איז אונדז נישט קלאָר געווען. איין טאָג איז אַדורך אַן אַראַבישער פּאַנצער איבער אונדזערער אַן עלעקטרישע מינע אויף דער בריק צווישן רמלה און אל־קובאַב. מיט ציין־קריצעניש האָבן מיר אים געלאָזט אַדורכגיין. מיר האָבן די מינע נישט געקאָנט אויפרייסן, ווייל אין דער צייט האָבן געווירקט אונדזערע איינסן טיף הינטער די אַראַבישע ליניעס.

צווישן איין פּאַטרול און צווייטן האָבן מיר געאַרבעט דורך די נעכט ביים אָפּלאָדן די ערשטע קאַמף־עראָפּלאַנען, וואָס זענען אָנגעקומען פאַרן צבא ההגנה. מיר האָבן אַרויפגעלאָדן אויף די לאַסט־עראָפּלאַנען אַמוניציע פאַר דער אַלט־שטאָט, וועלכע איז געשטאַנען אין פאַרצווייפלטן קאַמף.

אין צימער פון אונדזער גרופּע האָבן מיר אויפגעהאָנגען אַ גרויסע מאַפּע פון לאַנד. אַ פּאָר מאָל אין טאָג פלעגן מיר שטיין פאַר דער מאַפּע און נאָכפאָלגן נאָכן פאָרויסגיין פון די מצרים. מיר האָבן געזען די סכנה, וואָס דערנענטערט זיך צום האַרץ פון דער יידישער מדינה. צום טייוול, פאַרוואָס באַנוצן מיר זיך בלויז מיט שיצן זיך? פאַרוואָס שיקט מען אונדז נישט קעמפן?

פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך געוויזן די שרעקלעכע סטראַשידלע וואָס איר נאָמען איז — טאַנק. מיר האָבן געוואוסט, אַז מאָרגן, איבערמאָרגן וועלן מיר אַרויס קעמפן מיט דער סטראַשידלע. מיר האָבן זיך אַלע געשראָקן פאַר איר. און ווי אונדזער שטייגער איז, האָבן מיר געפּרובט פאַרטרונקען דעם פּחד אין אַ ים פון וויצן. מען האָט דערציילט, ווער ס׳וועט כאַפּן אַ טאַנק וועט באַקומען צוויי וואָכן אורלויב. יעדער איינער איז געזעסן און האָט אויסגעפּינען אַן אייגענעם סיסטעם. שלמה כהן האָט געוואָלט אַרויפשפּרינגען אויפן טאַנק פון

הינטן און אין אים אַריינוואַרפן אַ האַנט־גראַנאַט. יאַנעק לעווקאָוויטש, ווידער, האָט געהאַלטן, אַז דער באַקוועמסטער וועג איז זיך צו באַנוצן מיט אַ מאָלאָטאָוו־באָש. שעהן לאַנג פלעגט מען וועגן דעם אַרומדיסקוטירן. דער סטאַנדאַרט־ווייץ איז געווען, אַז פאַר צוויי וואָכן אורלויב וועגן איז כדי צו צעשטערן אַ גאַנצע טאַנקען־אָפּטיילונג.

נאָר הינטער די וויצן איז געשטאַנען די אכזריותדיקעווירקלעכקייט — מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום וואָפן צו קעמפן מיט דער ריי טאַנקען, וואָס האָט זיך געלאָזט אויף תל־אָביב, חוץ מאָלאָטאָוו־פלעשער און איינצלנע פּיאַטן.

*

אין אָוונט דעם 29־טן מאַי איז געקומען ירחמיאל פינגערמאַן, דער דזשינדזשי, וועמען מ'האָט איבערגעגעבן דעם אָפּטייל נאָכן טויט פון מנחם בראָצקי, און האָט איינגעזאַמלט אַלע מענטשן פון דעם אָפּטייל אין איינעם אַ צימער. צום ערשטן מאָל איז אונדז געגעבן געוואָרן אַ פאָרמעלע דערקלערונג וואָס עס קומט פאָר. מיר זענען געזעסן דערשלאָגן און צעטומלט.

דער שונא האָט זיך פאַרפעסטיקט אין אשדוד, דרייסיק קילאָמעטער פון תל־אָביב. דער פאַרפאָסטן זיינער האָט דערגרייכט ביז יבנה, ביי אַ צוואָנציק קילאָמעטער פון דער שטאָט, ס'קאָן זיין, אַז ער איז דערווייל נאָך געגאַנגען פאָרויס. דער בריגאַדע פון גבעתי איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל — איינהאַלטן אים פאַר יעדן פרייז.

אין צימער איז אַריינגעקומען אַ שעדיקער. ער האָט אָוועקגעשטעלט פאַר אונדז אַ פלאַש און דערקלערט אונדז צום ערשטן מאָל דאָס געווער, מיט וועלכן מיר וועלן דאַרפן פאַרניכטן דעם שונא — די מאָלאָטאָוו־פלאַש. ווען דער פאָרטראַג האָט זיך געענדיקט, איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל צו זיין גרייט צום באַלדיקן אַרויסגיין.

מיר האָבן געגרייט אונדזערע זאַכן פאַר אַ קאַמף פון אַ וואָך צייט : אַ קאָלדרע, וואַש־כלים, און רעזערווע קליידער.

אין דער נאַכט זענען מיר נישט איינגעשלאָפן. מיר זענען געווען צו אַנגערעגט און דערדריקט. מיר זענען געלעגן אין בעט און געשמועסט ביז האַלבע נאַכט. מיר האָבן דיסקוטירט וועגן די מעגלעכקייטן נאָך איינצוהאַלטן דעם שונא באַצייטנס. און ווי יעדער שמועס פון זעלנער — האָבן מיר אָנגעהויבן מיט גרויסער סטראַטעגיע און געענדיקט מיט מיידלעך.

אַ ביסל נאָך האַלבע נאַכט זענען מיר אַלאַרמירט געוואָרן פון די בעטן

אַפּצולאָדן צוויי קאַמף־אַעראָפּלאַנען, וואָס זענען ערשט אָנגעקומען. מיר זענען צוריקגעגאַנגען שלאָפן זייגער 6 אינדערפרי.

*

דעם 30־טן מאַי, זייגער אַכט אינדערפרי איז געקומען דער אמתער אַלאַרם — אַרויף אויף די מאַשינען אין משך פון דער מינוט. מיר האָבן גענומען דאָס געווער מיט דער אויסשטאַטונג און זענען אויפגעשטיגן. עס איז שוין נישט געווען קיין צייט צו עסן פרישטיק, נאָר אַ שוואַרצן קאַווע האָבן מיר געטרונקען.

אין גדרה זענען מיר אַראָפּגעשטיגן. אין דער מושבה האָט געהערשט אַן אַטמאָספער פון פראָנט. אויף די גאַסן זענען געשטאַנען גרופּן פּליטים — פרויען און קינדער עוואַקואירטע פון באר־טוביה און כפר וואַרבורג. מיידלעך זענען געגאַנגען פון הויז צו הויז און האָבן צונויפגעשטעלט ליסטעס פון פרויען און קינדער.

פון מויל צו אויער איז איבערגעגעבן געוואָרן, אַז דער קאָמאַנדיר פון גבעתים בריגאַדע האָט איבערגעגעבן אַ שטרענגע פאַראָרדנונג צו אַלע בירגער פון די ישובים אין דער געגנט — עס זאָל קיין מאַן נישט פאַרלאָזן זיין פּלאַץ.

מיר זענען דורכגעגאַנגען די גאַסן פון גדרה. דאָס איז נישט געווען קיין עיירלעכער מאַרש — מיר זענען דורכגעגאַנגען אין אַ קאַמף־אויסשטעלונג, אָנגעטוענע אין שטאָל־היטלען, אין אַן איינצל־ריי. די עוואַקואירטע בירגער און פרויען האָבן זיך אין אונדז איינגעקוקט. זיי האָבן אונדז נישט געפּאַטשט בראַוואָ. אָבער זייערע אויגן האָבן אונדז באַגלייט אין וועג. אויך זיי האָבן געוואוסט: די דינע ריי כאַקי־העמדלעך איז די לעצטע שוץ פאַר זייער היים, פאַר תל־אָביב, פאַר מדינת ישראל.

אונדזער שטימונג איז געווען פעסט און געהויבן. דאָס געפיל אַז דער קאַמף דערנענטערט זיך, האָט אונדז באַהערשט. ביי דער זייט פונעם שאָסיי שטייען אַ פּאָר מיידלעך פון דער מושבה. מיטן האַנט וואַרף איך זיי צו אַ קוש. זיי שמייכלען.

*

בערך אַ קילאָמעטער אויף דרום־זייט פון גדרה, דאָרט וואו דער שאָסיי צווייגט זיך אָפּ צום קבוץ יבנה האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. מיר האָבן באַקומען אַן אָנווייזונג צו גראָבן און זיך פאַרברייטן צו אַן אָנגריף פון עראָפּלאַנען, האַרמאַטן און טאַנקען.

מיר האָבן געוואוסט: פונדאַנען איז קיין צוריק נישטאָ.

ביסלעכווייז איז זיך אין אונדז נוקם דער שלאָף־דעפיציט פון דער לעצטער

נאַכט. די אַרבעט גייט פּויל, אַ העלפט צייט גייט אַוועק אויף אַוועקיאָגן די פליגעלעך, וואָס פּרעסן אונדז אויף לעבעדיקערהייט. פון מאָל צו מאָל באַווייזט זיך אַ מצרישער אויסקוק־עראָפּלאַן און מיר באַהאַלטן זיך אין די גריבער, ער זאָל נישט אַנטדעקן אונדזערע פּאָזיציעס.

די שטימונג איז ווידער אַראָפּ. נאָך אַלעמען, צי וועלן מיר זיך באַגנוגענען מיט פאַרטיידיקונג?

31־טער מאַי, אַ שוץ־גרוב ביי גדרה.

דעסאַנט אין אשדוד

נאָך מיטאָג, ווען איך גראָב אַ קליינעם ראָוו ביים שוץ־גרוב, רופט מיך שלום צום שטאַב פון דעם אָפּטייל.

„האָסט כּוח?" פרעגט מיך דוד מאָרעל.

„כ'האָב נישט קיין כּוח פאַר אַ פּרוטה", ענטפער איך אים פאַר־זיכטיק, מיינענדיק, אַז מען קומט מיר אָנהעגנען אַ פרישע אַרבעט.

„צי האָסטו כּוח אַרויסצוגיין צו אַ דזשאָב?", פרעגט דוד.

„צו אַ דזשאָב — יאָ".

מ'האָט צונויפגעשטעלט אַן „אויסדערוויילטע" גרופּע מענטשן פון דעם גאַנצן אָפּטייל אויסצופירן אַ ספּעציעלע קאָמאַנדאָ־אַרבעט — אַריינרייסן זיך פלוצים אין לאַגער פון די מיצרישע פאַנצערס און צו שעדיקן זיינע פאַנצער־מאַשינען.

דער פּלאַן איז איינפאַך: אַריינרייסן זיך אין מיצרישן קעמפּ אין דער פינצטערער נאַכט און אין דער אייגענער צייט וועט אונדזער אַרטילעריע עפענען אַ פייער פון אַן אַנדער זייט. דער כּוח פון דער אָפּעראַציע שטעקט אין דער איבערראַשונג. אויב מיר וועלן נישט אַריינפאַלן אין אַ לויער, איז דאָ אויסזיכטן זי זאָל געלונגען.

מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט צופוס אַ זייגער עלף. מיר זענען גע־גאַנגען אַן איבעררייס. די אַראַבער, ווי משוגע, שיסן די גאַנצע צייט אין אַלע זייטן — זיי האָבן מורא פאַר אַ נאַכט־אַנגריף. יעדע פאַר מינוט פליט אַרויף צום הימל אַ רויטע אָדער אַ גרינע ראַקעטע. אויף אַזאַ אופן פאַרשווינדן זיי אין איין נאַכט צענדליקער טויזנטער קוילן פון אַר־טילעריע, מאַשין־געווער און ביקסן.

צום ערשטן מאָל פון זינט מיין ערשטן קאַמף קלער איך וועגן דער מעגלעכקייט געהרגעט צו ווערן. נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס זאָל אַזוי משפּיע זיין אויף דיין שטימונג אין קאַמף, ווי די צאָל מער דורכגעשלאָפענע שעהן אַ מעת־לעת פריער. די קאַמפּסלוסט און די זעלבסטזיכערקייט — נעמען זיך אין אַ גרויסער מאָס פון באַוואיקטע נערוון.

דער באַפעל איז: פאַרענדיקן די אַרבעט און צוריקקומען פאַר יעדן פּרייז פאַר דריי אינדערפרי, אין דער צייט, ווען אונדזערע קאַנאָנען וועלן אָנהייבן צו באַשיסן די מצרים. זייגער צוויי זענען מיר קרוב אַ האַלבן קילאָמעטער פון דעם שונאס קעמפּ — נאָר פון צפון־מערב זייט. כדי צוצוקומען צום פּלאַץ, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַרן אָנגריף, דאַרפן מיר נאָך גיין בערך אַ שעה.

קיין צייט איז נישטאָ. מיר האָבן פאַרשפּעטיקט און מיר מוזן זיך צוריקציען. מיר קערן זיך אום מיט דעם, מיט וואָס מיר זענען געגאַנגען. ווען מיר גייען צוריק צו דער פּאָזיציע פון אונדזער אַרטילעריע גיט זיך אויף אונדז אַ שאָט אַ „פאַרבלאָנדזשעטער־ קנויל קוילן. די קוילן גייען דורך צווישן אונדז. איינע רייסט אַרויס אַ גרעזל פון שלמה'ס מויל. ער כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ און עס דוכט זיך אים אַ ווײַלע, אַז ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן.

ווען מיר קומען צוריק אין באַזע, דונערן שוין אונדזערע און דיערע קאַנאָנען. מיר זענען צו מיד, מיר זאָלן אַכט לייגן אויף דעם. מיר גייען אַרויף גלייך אויף די מאַשינען און קערן זיך אום צו אונדזערע חברים, וואָס זענען פאַרבליבן ביי די פּאָזיציעס. נישט־עסנדיק, און נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף דער אָרדענונג פון די גרופּן נעמט יעדער אַ קאָלדרע און ווערט אַנטשלאָפן אונטערן ערשטן בוים...

אין משך פון טאָג האָט מען אונדז איבערגעביטן אין די שוץ־גריבער ביי־גדרה. אויף עטלעכע שעה זענען מיר צוריקגעגאַנגען אין קעמפּ אַריין. דאָרט האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז דעם אָוונט וועט זיך אָנהייבן אונדזער גרויסע אָפענסיווע, דער גרעסטער אָנגריף אין וועלכן מיר האָבן אָנטייל גענומען ביז־דאַן. פאַר אונדז איז דאָס געווען דער סימן, אַז מ'דאַרף אַריין אין די בעטן און אַרויפציען די קאָלדרע ביז איבערן קאָפּ. וועלן מיר כאָטש אַרויסגיין צו דער גראַנדיעזער אָפּעראַציע נאָך אַ גוטן שלאָף....

ז־טער יוני, 1948, דער קעמפ פון גדוד.

די אפעראציע איז בטל געווארן

ביי גן־יבנה זענען מיר אַראָפּגעגאַנגען פון די אויטאָבוסן. אין ברייטן פעלד זאמלט זיך דער כוח, וואס וועט היינטיקע נאכט אטאקירן דעם פיינט פון אונטן — פלוגה א׳ פלוגה ב׳, די בייהילף פלוגה פון אונדזער גדוד און איין פלוגה אונטער דער קאָמאַנדע פון יאָש.

אין לעצטן מאָמענט האָבן זיך אויף אַ וואונדערלעכן אופן באַוויזן דוב פייט און אפרים מאַקאָווסקי, צוויי מ. כ., וועלכע האָבן מיט אונדז געקעמפט אין דיר־מוחייסין, און זענען דערווייל אַריבערגעפירט געוואָרן צו אַ נייער רעקרוטן־איינהייט. זייערע מענטשן שיקט מען באַנגישט אין קאַמף אַריין. דערפאַר זענען זיי אַנטלאָפן, ממש אַנטלאָפן, פון זייערע איינהייטן. דעזערטירער פון אַ נייעם סאָרט — זעלנער, וואָס אַנטלויפן פון דער איינהייט, כדי אַנטייל צו נעמען אין קאַמף. אַז זיי וועלן צוריקקומען, דראָט זיי אַ שטראָף.

צי אין יעדן אַנדערן מיליטער אין דער וועלט זענען דאָ אַזעלכע?

*

אין פעלד הערשט אַ ספּעציעלע אַטמאָספער פון צוגרייטונג צום קאַמף. די חברים ליגן אויף דער ערד, אַ טייל פאַרען זיך מיט זייער געווער, חברים פון פאַרשידענע איינהייטן טרעפן זיך, אין דער בסדר זיך פאַרשטאַרקנדיקער פינסטערניש און צ׳יזבאַטעווען.

אין לעצטן מאָמענט באַשטימט מען מיך ווידער צו זיין אַ טעלעגראַפיסט. ווען איך האַלט נאָך אין קאָנטראָלירן דעם מ. ק. 21, און פּרוב אויס דעם קאָנטאַקט מיט די געהעריקע מכשרים, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער נעץ, שטעלט זיך איין אַ שטילקייט אין פעלד.

אבא קאָוונער, דער אויפקלער־אָפיציר פון דער חטיבה, רעדט. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, אַז עמעץ פון חטיבה־שטאַב רעדט דירעקט צו אונדז. און דער פּרט, מער ווי יעטוועדער אַנדערער פּרט, מאַכט אונדז קלאָר די אַנטשיידנדיקע וויכטיקייט פון דער אָפּעראַציע.

עפּעס אַן אַויסטערלישער גייסט שוועבט איבערן פעלד, איבער די ליגנדיקע געשטאַלטן אויף דער ערד, אין דער פינסטערניש, אין קליינע גרופּן און אָפּטיילונגען.

אבא קאָוונער דערקלערט די אָפּעראַציע. די נאַכט וועט ווירקן די

גאַנצע חטיבה, צוזאַמען מיט אײנהײטן פון דער חטיבה־הנגב, פלמ״ח און אַ גדוד פון אצ״ל. די פלמ״ח־מענטשן װעלן אַנגרײפן אישדוד, דאָס דאָרף פון דרום־זײט, און די אײנהײטן פון אצ״ל װעלן באַשעפטיקן די מצרים פון מזרח. אין דער צײט װעלן מיר זיך דערנענטערן צן דער מצרישער פאַנצער־רײ פונעם רוקן, פון דער ים זײט. פיר אונדזערע פלוגות װעלן שטורעמען דעם שונא און װעלן אים פאַרניכטן אין אַ באַריר־קאַמף, פנים אל פנים. פאַרן שטורעם װעט פאָרקומען אַ שטאַרקע באַמבאַרדירונג פון קאַנאָנען און עראָפּלאַנען.

דער צװעק איז נישט צו דעראָבערן אַן אײנציק דאָרף אָדער אַ געביט, נאָר ליקװידירן די מצרישע קאָלאָנע.

„די נאַכט װעט איך צום ערשטן מאָל הערן דאָס דונערן פון אונדזערע קאַנאָנען.... לופט־געװער, אַרטילעריע און פוסגײער װעלן דאַסמאָל װירקן בשותּפותדיק". װאָס ס'איז נאָר מעגלעך געװען צו פּלאַנירן און אַנגרײטן פון פריער, איז געטאָן געװאָרן... איצט איז אַלץ אָפּהענגיק פון דער קראַפט פון אײער גײסט בײם שטורעמען....״

די װערטער װירקן. אַזױ האָט מען נאָך צו אונדז נישט גערעדט. שױן לאַנג, אַז עס פילט זיך בײ אונדז אַ מאַנגל פון אַ געהעריקע מיליטערישע אױפקלערונג. דער ײדישער זעלנער װיל װיסן װאָס ער טוט, זײן פּלאַץ אין דער אַלגעמײנער שלאַכט. װיסנדיק זײן אױפגאַבע, װירקט ער אַ סך נוצלעכער.

איך פיל זיך הײנט פריש און פרײלעך. אמת, דער פאַרשאָלטענער אַפּאַראַט קװעטשט מיר אױפן אַקסל, פונדעסטװעגן איז עס לײכטער פון דעם מאַשין־געװער און פון דעם פּיאַט.

מיר גײען און גײען און גײען. פאַרבאָרגן אין האַרצן טרײסטן מיר זיך דערמיט, װאָס מיט אָט דעם װעג װעלן מיר נישט צוריקגײן — װײל נאָכן אײננעמען די מצרישע מחנה און פאַרניכטן זי װעלן מיר זײן באַפעסטיקט אױפן פּלאַץ.

ס'איז נישט קײן פאַרגעניגן צו שטורעמען דעם שונא, װען די אַנטענע שװעבט דיר איבערן קאָפּ...

נאָך צװײ שעה גאַנג זענען מיר װידער מיד. פון צײט צו צײט פאַרהאַלט זיך דער אױסשפּירער, װאָס גײט בראש דער ריזיקער רײ, און מיר — לײגן זיך אױס אױף דער ערד. אין איבונגס־קעמפ

פלעגן מיר אין אזא מין פאל קוקן אויף רעכטס און לינקס, לויטן באפעל. אבער איצט קוקן מיר אין בעסטן פאל צו די שטערן.

מיר גייען איבערן פעלד, גייען אריבער דעם שאסיי, די באן־ליניע און דעם וואדי, און קומען צו צו די זאמדן פונעם ברעג. פון ווייטנס הערט זיך דער גערויש פון די ים־כוואליעס. איך ווייס, אז איצט געפינען מיר זיך שוין אין רוקן פונעם שונא.

דאס גיין אין זאמד מאכט זייער מיד. דער זאמד שפארט זיך אריין אין די שיך און זאקן. פון צייט צו צייט שיסן די מצרים, און לויטן הילך פון די שיסערייען איז לייכט אונדז אפצושאצן דעם מרחק, וואס ווערט אלץ קלענער צווישן זיי און אונדז.

סוף־סוף דערגרייכן מיר דעם אפגעשאצטן פונקט, גענוי אויף ביערב־זייט פונעם שונא. מיר זענען פון אים ווייט לכל הפחות דריי ביז פינף הונדערט מעטער. איך איינהייט נאך דער צווייטער פאר־לאזט אונדזער ריי און ווערט פארשוואונדן אין דער פינצטערניש, צו פארכאפן איר פאזיציע, גרייט צו שטורעמען. אמאל דא און אמאל דארט דריקן מיר די האנט א חבר פון אן אנדערער איינהייט, און שעפטשען: „מיט הצלחה".

„מיט הצלחה" הייסט אין אזעלכע אומשטענדן — „זאלסט צוריק קומען א לעבעדיקער".

איך דארף עפענען דעם טעלעגראפן־קאנטאקט. איך טו אן די אויער־מושלען אונטער דעם העלם, איך צי־אן די אנטענע און רייד אריין אין פיסקל:

„האלא יצחק, האלא יצחק, מעלד די שטארקייט פון מיינע סיגנאלן..."

נישטא קיין ענטפער.

צי וועט זיך איבערחזרן די פרשה פון עיראק־סואידאן, ווען דער טעלעגראף־קאנטאקט איז קאליע געווארן גענוי ווען דער שונא איז פנים אל פנים אריין אין קאמף.

איך שעלט אין פיסקל אריין. זאל דער רוח בעמען דעם ממזר, וואס האט אויסגעפונען דעם דרעקישן מ.ק. 21. וואסער חוזק פונעם גורל דאס איז — צו לויפן שטורעמען, ווען אויף דיין רוקן ליגט א טעלעגראף־אפאראט, וואס ארבעט נישט!

און אט באווייזט זיך יצחק, דער טעלעגראפיסט פון דעם צווייטן צפטייל. ס'איז קלאר, אז איינער פון אונדזערע אפאראטן איז קאליע. אין דער באזע האבן זיי געארבעט אין ארדענונג.

מילא, נישטאָ וואָס צו מאַכן.ביידע פאַרמאַכן מיר די אַנטענעס און קערן זיך אום צו די איינהייטן. די פלוגה וועט דאַרפן אַרבעטן צו אַן אינערלעכן טעלעגראַפן־אַפּאַראַט.

פלוצים באַמערקט זיך אַן אויסערגעוויינלעכע באַוועגונג אַרום אַמנונען, וואָס קאָמאַנדירט היינט מיט דער פלוגה. זיין טעלעגראַפיסט, וואָס אַרבעט מיט אַ מ.ק. 20, שטייט אין קאָנטאַקט מיטן שטאַב פון דער חטיבה אין דער באַזע.

וואָס איז געשען?

אין אויגנבליק פאַרשפּרייט זיך די ידיעה: — אַ באַפעל פונעם שטאַב איבערצורייסן די אָפּעראַציע און אומקערן זיך תיכף צו דער באַזע...

צום טייוול און אַלדע רוחות!

איצט דערמאָנען מיר זיך, אַז היינטיקע נאַכט וועט זיין וואָפנשטילשטאַנד!

אין קעמפ האָבן מיר וועגן דעם געהערט, כאָטש קיינער האָט דערין נישט געגלייבט. אין אונדזער פאַנטאַזיע באַטייט וואָפנשטילשטאַנד צוויי וואָכן אורלויב אין תל־אביב, מיט גיין פילמאָל מיט שיינע חברטעס אין קינאָ, און דערנאָך איבונגען מיטן נייסטן געווער און לויט נייסטע סיסטעמען, וואָס פאַסן זיך פאַר דעם נייעם קריג.

אָבער איצט, אין דעם מאָמענט, איז ביי אונדז אַ וואָפנשטילשטאַנד אַ סקאַנדאַל. מיר געפינען זיך אַ האַלבן קילאָמעטער פון הינטערן שונא און קרוב צען קילאָמעטער פון אונדזער באַזע. ביידע פאַקטן זענען וויכטיק — עס גליסט זיך אַזוי אַריינקלאַפּן אין די דאָזיקע מצרים, און עס עקלט דער צוריקקער צו דער באַזע.

„אפשר האָבן זיי מיטן מצרישן קאָמאַנדיר פאַרענדיקט וועגן פריז?״ באַמערק איך צו דערקלערן דעם ענין.

„קאָן זיין״, איז מסכים ירח. „מ׳האָט אונדז דאָך געהייסן איינגעמען דעם פּלאַץ פאַר יעדן פּרייז...״

צוריקקומענדיק אין דער באַזע האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז די מצרים האָבן אַטאַקירט דעם קיבוץ נגבה און אים שטאַרק באָמבאַרדירט. ס׳איז געווען אַ מיספאַרשטענדעניש בנוגע דער צייט, ווען די פּויזע האָט געדאַרפט אַריין אין קראַפט. דערווייל וועלן זיך די קאַמפן ציען, ביז אונ״אָ וועט פעסטשטעלן די ענדגילטיקע צייט.

אינעם אָפּטייל שאַפט זיך אַ שרעקלעכער כעס. מיר זענען זיכער געווען אַז מיר וועלן באַקומען אַ צוויי וואָכיקן אורלויב מיטן אָנהייב פון דער פּויזע.

„ילען דינקום" (אַן אַראַבישע קלה), זאָגט שלום כהן, און דערמיט האָט ער באַצייכנט די אַלגעמיינע שטימונג. „זיי וועלן אונדז באַצאָלן פאַר דעם פאַר־לוירענעם אורלויב".

פאַרנאַכט איז געקומען דער גרייטשאַפטס־באַפעל. דאָסמאָל זענען מיר זיכער געווען, אַז די אָפּעראַציע וועט נישט בטל ווערן. אָבער גלייכצייטיק האָבן מיר געוואוסט, אַז דאָסמאָל וועט אַ סך שווערער און מסוכנדיקער זיין. ס'איז קיין ספק נישט, אַז דער שונא האָט באַמערקט די געכטיקע באַוועגונג, נאָך איידער זי האָט באַקומען דעם באַפעל זיך צוריקצוציען.

2־טער יוני 1948, אַ פּרדס ביי גן־יבנה.

דער קאַמף וועגן אישדוד

מיר הויערן ווידער אין גרויסן פעלד ביי גן־יבנה, וואָס ווערט באַמבאַרדירט און גייט־אָפּ אין בלוט.

אַ קליינע ווילע פאַרן אַרויסגייך, ווען דער אָוונט פאַלט־צו, קוקט דורך אונדזער עראָפּלאַן די פּאָזיציעס פונעם שונא. די אַנטי־לופט־האַרמאַטן פונעם שונא באַשיטן אים מיט לויכטנדיקע קוילן. מיר קוקן זיך צו צום פאַרמעסט, און פון צייט צו צייט דאַכט זיך אונדז, אַז אָט האָט אים אַ קויל געטראָפן. אָבער דער עראָפּלאַן פליט זיך ווייטער, גלייך ס'אַרט אים נישט.

ווי אַ לעצטע הכנה לערנט אונדז שלום, אַ דערצויגענער אין מצרים, ווי אַזוי צו פאָדערן ביי אַ מצרי, ער זאָל זיך אונטערגעבן. מיר לערנען די ווערטער אויף אויסנווייניק: „סאָלם נפשך".

און ווייל מיר גייען דאָסמאָל אַרויס אָן אַן אינערלעכן טעלע־גראַף, דאַרף איך איצט דינען אַלס אַ קוריער פון דעם אָפּטייל. דער קוריער טראָגט נישט מער ווי זיין פערזענלעך געווער. ער איז פּטור פון טראָגן דאָס שווערע געווער און די רעזערוו־אַמוניציע. אָבער שווער איז די אויפגאַבע, ווייל דער קוריער איז דער אייג־ציקער מענטש, וואָס שמייעט די גאַנצע צייט אַרום אין שלאַכט־פעלד, בעת די חברים זיינע ליגן אונטער אַ שוץ. חוץ וואָס די אויפגאַבע איז פאַרבונדן מיט סכנות, מאַכט מיך דאָס עצם לויפן.

ווייל מער ווי פאַרן שלעפּן אין מאַרש אַ משא, שרעק איך זיך פאַר דער עצם סכנה אין קאַמף. כ'פריי זיך מיט דער אויפגאַבע. אויסער אַלעמען וועט עס מיר געבן אַ מעגלעכקייט נאָכצוקוקן פון נאָענט דעם גאַנג פון דער שלאַכט.

ווי געווינלעך, פאַר אַן אָפּעראַציע, הערן זיך די סטאַנדאַרטישע וויצן. ווידער אַמאָל באַשטעלט מען באַגעגענישן מיט דער טאָכטער פונעם שטאָט־פּרעזידענט פון אישדוד, און ווידער שרייט מען מיר: „אורי, מאָרגן וועסטו האָבן וואָס צו שרייבן...“

דאָסמאָל האָב איך מוותר געווען אויף יעדער איבעריקער לאַסט. איך האָב מיט זיך נישט מיטגענומען קיין סוועטער, קיין האַנטוך, קיין רעזערוו־קליידער און דער עיקר — כ'האָב נישט גענומען דאָס שטאָל־היטל. עס האָט מיך נעכטן צופיל אויפגערעגט.

מיר גייען אַרויס. דער פּאַראָל איז ווידער — „שלאָג די מצרים!“.

זעט אויס, אַז די אויסשפּירער ווילן דאָסמאָל שפּאָרן צייט. ווי לאָזן זיך אויף דרום מער ווי אַלעמאָל. איך טרעף אויפן שטח אַ פּאָר בולטע געגנשטאַנדן, וואָס איך האָב מיר איינגעקריצט אין זכרון די פריערדיקע מאָל, פאַרן פאַל פון אַ דרינגענדן צוריקצוג.

נאָר די צייט פאַרגייט. נאָך העכער אַ שעה גייען מיר פאַרביי דעם שאָסיי און די באַן־ליניע. די אַראַבער זענען היינט זייער שטיל. מען הערט נישט כמעט קיין שיסערייַ אין דער סביבה.

אין לעצטן מאָמענט האָט מען מיר געגעבן צו שלעפּן אַ רידל, אין אַרייַנגעשטופּט אין מיין טאַש צוויי מאַלאָטאָוו־פלעשער. דער רידל קלינגט ווי אַ גלעקל, ווען ער שטויסט זיך אָן אין אַ צווייג אָדער אין אַ ביקס. און זיצנדיק דאַרף איך אויפּפּאַסן, אַז די פלעשער זאָלן זיך נישט צעברעכן.

פאַר מיר גייט ירח, נאָך מיר ישראל, דער סאַניטאַר. נאָך אים גייען סאַלאַמאָן און יעקובי, צוויי שעדיקער מיט אויפרייס־מאַטעריאַל. אויב אַ קויל וועט טרעפן די זעקלעך מיטן מאַטעריאַל, וועט דער גאַנצער „שטאַב־רינג“ אַרויף אין הימל...

מיר קומען צו צום וואַדי. עפּעס אַן אומטערבאַוואוסטזיניק געפיל זאָגט מיר, אַז ס'איז נישט אַלץ אין אָרדענונג. דעם וועג זענען מיר נישט אַדורכגעגאַנגען די פריערדיקע מאָל. דער דיסטאַנס צווישן דער באַן־ליניע און דער וואַדי איז דאָסמאָל עפּעס צו קליין.

דער וואַדי איז דאָ משופּעדיק, און יעדער מענטש דאַרף אַ פּאָר סעקונדן אים דורכצוגיין. די ריי איז זייער לאַנג, און די איינצלנע סעקונדן זאַמלען זיך צענויף אין אַ גרויסן סכום. ס'האָט זיך געשאַפן אַ צו גרויסע דיסטאַנס פון איין מענטש צום צווייטן און כ'איז אַ סכנה עס זאָל זיך פאַרלירן דער אויגן־קאָנטאַקט צווישן

די איינהייטן. די ערשטע באַמערקן עס נישט און גייען ווייטער מיט דער געוויינלעכער שנעלקייט.

דאָס איז דער קלאַסישער פעלער ביי אַ נאַכט־אַקציע. דאָס האָט אונדז שוין געקאָסט קרבנות. פונדעסטוועגן חזרט מען עס איבער פון מאָל צו מאָל.

פון הינטער אונדז רופט מען אונדז זיך אָפּשטעלן. מיר קענען דאָס נישט מאַכן, כדי נישט צו פאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיט די איינהייטן וואָס פאַר אונדז. וואָס מאַכט מען?

ירח שיקט מיך פאָרויס, צום קאָמאַנדיר פון דער פלוגה. ביי אים איז דער טעלעגראַף — זאָל ער צוויסן געבן דער איינהייט וואָס גייט בראש, זי זאָל זיך אָפּשטעלן.

איך לויף פאָרויס, לענג־אויס דער שורה, און זוך די אַנטענע פונעם טעלעגראַפיסט. אשר דרומי, וואָס קאָמאַנדירט די נאַכט מיט דער פלוגה, דאַרף זיך געפינען נעבן אים.

לויפנדיק דערפיל איך, אַז דער האַנט־גראַנאַט איז מיר אַרויס־געפאַלן פון גורט. איך בייג זיך אַן אים אויפצוהייבן: זאָל דער רוח נעמען דעם...

טאַק־טאַק־טאַק־טאַק־טאַק־טאַק...

אויטאָמאַטיש האָב איך זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד. עמעץ פאַלט אויף מיר. „צו אַלדי רוחות...״ הייב איך אָן, אָבער איך האַלט זיך איין מיטן שעלטן. ער מאַכט אויסטערלישע באַוועגונגען. איך פאַרשטיי — ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן.

„סאַניטאַר!״ שריי איך שטיל, דעם רוף, וואָס איז אַן אַלאַרם־צייכן אויפן שלאַכט־פעלד.

איינער פון די סאַניטאַרן געפינט זיך הינטער מיר. ער קריכט פאָרויס, צוגעדריקט צו דער ערד.

יענער איז פאַרוואונדעט אין רוקן. איך באַמי זיך צו זען ווער דאָס איז. איך דערקען דאָס פנים פון יעקב ראַכמילעוויטש, דער סאַ־ניטאַר פון דער פלוגה. ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן, ווען איך האָב זיך איינגעבויגן אויפצוהייבן דעם האַנט־גראַנאַט. וואָלט איך זיך נישט אָנגעבויגן....

דערווייל קלאַפּט דער שונא מיטן גאַנצן כוח. ער פאַרמאָגט צום ווינציקסטן, איין שווערע מאַשין, אַ פּאָר לייכטע מאַשין־געווערן און צענדליקער ביקסן. די קוילן פייפן איבער אונדזערע קעפּ און אַרום אונדז. איך פאַרשטעק דעם קאָפּ אין דער ווייכער ערד און גראַב אויס לעכער מיט די הענט און פיס.

צי האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ לויער? ניין, מיר זענען פּשוט אַריינגעקומען אין שונא׳ס פּאָזיציעס.

די גאַנצע פּלוגה ליגט אויף דער ערד. די קוילן זשומען. איך דערמאָן זיך מיין אויפגאַבע — איך דאַרף אין דעם מאָמענט זיין ביים קאָמאַנדיר פון דער אָפּטייל. כ׳שטיי־אויף און איינגעבויגן לויף איך צוריק. אָבער מיין אָפּטייל ליגט נישט אויף דער ערד — אַלע מענטשן לויפן צוריק צום וואַדי.

אין לויף טרעף איך אָן אויף ירחן און לויף נאָך אים. די אַראַבער שיסן נאָך מיט אַלע כלים, אָבער זייער ריכטונג איז נישט קיין געהעריקע. די קוילן לויפן פאַרביי אונדז פון לינקס. ס׳קאָן זיין, אַז מיר געפינען זיך אין אַ „טויטן געביט".

מיר זענען צוגעקומען צום וואַדי. ער איז דאָ משופּע ווי אַ וואַנט. מיר זעצן זיך פּשוט אויפן ברעג פונעם וואַדי און גליטשן זיך אַראָפּ. איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי טוען דאָס די וואָס טראָגן די מאַרמערס און די פּיאַטן. אָבער זיי קומען שוין ווי עס איז אָן. אויך יעקב, וואָס איז דערווייל באַנדאַזשירט געוואָרן, שליסט זיך ווידער אָן צו אונדז.

אונטן איז אַ פולשטענדיקע אומאָרדנונג, אָבער ווי אַמגיכסטן אָרגאַניזירן זיך ווידער די אָפּטיילן. איך לויף אַרום פון פּלאַץ צו פּלאַץ און זוך די איינהייטן. ווידער שטעלט זיך אין די ריי. מיר דירן קיין צפון, אין וואַדי. מיר האָבן קיין איין קויל נישט אויסגעשאָסן.

*

דער מאַרש ווערט פאַרטגעזעצט. איצט מאַכן מיר אַ גרויסע אַרומרינגלונגס־באַוועגונג אויף צפון מערב־זייט. די מצרים שיסן נאָך צו יענעם אָרט, וואו מיר האָבן זיך פריער צונויפגעטראָפן.

מיר קומען ווידער אָן צו די זאַמד שטחים. ווידער שפּאַרט זיך דער זאַמד אין די שיך און האַקן אַריין. איך בעט בלויז פאַר איין זאַך: מיר זאָלן נישט דאַרפן מאַכן אַ שטורעם אין אָט דעם זאַמד, וואָס מאַכט דיך מיד נאָך צוואַנציק טריט.

בעת מיר גייען קיין דרום דורכן זאַמד הייבן־אָן אונדזערע האַרמאַטן צו דונערן. שראַפּנעל נאָך שראַפּנעל רייסט אויף אין דער מצרישער מחנה.

אונדזער האַרץ פרייט זיך. דאָס איז די נקמה פאַר לאַטרון.

מיר גייען ווייטער ביים קלאַנג פון די האַרמאַטן. סוף־סוף

דערגרייכן מיר אונדזער קאַמפּס־פּונקט. מיר לייגן זיך אויס אין אַ שוץ־קרייז.

אין דער צייט איז אריין אין קאַמף אַן אצ״ל אייגהייט, וואָס איר אויפגאַבע איז צוצושמידן דעם שונא צו אַ פאַרקערטער ריכטונג — אין מזרח זייט. זיי לאָזן הערן אַן אָרקעסטער, וואָס אַזאַ האָבן מיר נאָך נישט געהערט — הונדערטער ביקסן, לייכטע מאַשינען־געווערן, מאַרטאַרס און מאַשין־געווער שיסן מיטן גאַנצן כוח. דער רויש איז ריזיק.

די מצרים ענטפערן מיט פייער און שיסן אויס רויטע און גרינע ראַקעטן.

דערווייל האָט אשר דרומי פאַרענדיקט די הכנות און שטעלט אין די פּלוגה צו אַ שטורעם. אונדזער אָפּטייל און צפון־פליגל, צוויי גרופּן אין אַ ריי, צעשפּרייט מיטן פּנים צום שונא. די דריטע גרופּע באַרזיכערט דעם רוקן. ירח און איך אין צענטער פון דער פאָדער־שטער ריי.

די גאַנצע פּלוגה גייט פאָרויס אין אַ ברייטן פראָנט.

אויף דער זאַמד־פלאַך גייען פאָרויס דריי פּלוגות, כוואַליע נאָך כוואַליע, מיט פאַמעלעכע טריט. שורות איינגעבויגענע געשטאַלטן מיט העלמען אויף די קעפּ און די ביקסן פאָרויס זענען געווענדעט צום שונא.

נאָך הונדערט מעטער שטעלן מיר זיך אָפּ. לויטן פּלאַן — דאַרף קוצרס פּלוגה פאַרכאַפּן דעם לינקן פליגל און יאָש׳ס פּלוגה דאַרף איינעמען דעם רעכטן פליגל, איידער מיר, דער צענטער, וועלן אָנהייבן דעם אַנטשיידענעם שטורעם.

מיר ליגן אויפן ווייכן זאַמד, און ס׳איז אונדז זייער קאַלט. פון ביידע זייטן דערגייען צו אונדז די כאַראַקטעריסטישע קולות פון באַרירונגס־קאַמף. די שיסעריי פון ביקסן און מאַשינען־געווער גיסט זיך צונויף מיט געשרייען פון מענטשן. דאָרט שטורעמען אונדזערע חברים די באַפעסטיקטע פּאָזיציעס פונעם שונא.

מיר וואַרטן אויף אונדזער ריי צום שטורעם. נישט קיין איבעריק באַקוועמער געביט: ס׳איז אוממעגלעך צו לויפן אין דעם זאַמד. פון מאָל צו מאָל שיסט דער שונא צו אונדז אַ קנויל פון מאַשין־געווער. יעדער קנויל ציילט פון 30 ביז 50 קוילן. ער שפּאָרט אויך נישט קיין האַרמאַטן־קוילן.

„נאָך אין צוואַנציק מינוטן וועט אויפשיינען דער טאָג״, באַמערקט שמוליק, דער מ. כ.

אַלע פֿאַרשטייען מיר, וואָס דאָס באַדייט — אין דעם געביט וועלן מיר נישט קאָנען אויסהאַלטן בייטאָג. ס'איז דאָ נישט פֿאַראַן קיין שוץ און נישטאָ קיין מעגלעכקייט ווי געהעריק זיך איינצוגראָבן. לייכט וועט זיין דעם שונא אָפּצושניידן דעם צוריקוועג אונדזערן, כל זמן מיר געפֿינען זיך הינטער זיין רוקן.

אַרום איז ליכטיק.

דעם שונא'ס פֿייער גייט געננוי אַריבער אונדזערע קעפּ. קנויל נאָך קנויל.

יעקב בורשטיין, וואָס איז איצט אונטער־מ. פּ. קריכט צו אונדז. ער גיט־איבער ירחן דעם ריקצוג־באַפֿעל.

איך ווער אַ מין באַוועגונג־ווייזער — איך פֿאַרהאַלט איין גרופּע, טרייב אונטער אַ צווייטע, גיב איבער דעקונגס־באַפֿעלן. מיר שטייגן אַרויף אויף אַ זאַמד־בערגל, וואָס געפֿינט זיך אין זע־געביט פֿונעם שונא. ער פֿאַרפּלייצט עס מיט פֿייער.

מיר גייען אַריבער דעם געפֿערלעכן געביט אָן פֿאַרלוסטן. איין צפֿון־פֿליגל פֿירט זיך נאָך אַ שטורמישע שלאַכט, און דאָס ווענדט אָפּ דעם פֿיינט פֿון אונדזער אָפּשניט.

דער זייגער איז האַלב זעקס.

נאָך אַ פּאָר הונדערט מעטער זענען מיר אַלע מיד. דער טעמפּאָ איז לאַנגזאַמער געוואָרן. נישט געקוקט אויף ירחס אונטערטרייבן, וועלכער דערקלערט אונדז, אַז יעדע סעקונדע וואָס פֿאַרגייט, מאַכט שטאַרקער די סכּנה פֿאַר אונדזער לעבן, זענען מיר ווידער דערגאַנגען צו אַזאַ מידקייט, וואָס מאַכט צוניִשט די אַרגומענטן פֿון פֿאַרזיכטיקייט און זיכערקייט.

מיר זענען אָנגעקומען צום וואַדי, און לענג־אויס אים ציען מיר זיך צוריק. דאָ זענען מיר כמעט אינגאַנצן זיכער — די קוילן פֿונעם פֿיינט פֿליען איבער אונדזערע קעפּ.

פֿון לינקס זעען מיר אַ צוויי שטאָקיק ווייס הויז. דאָרט שלאָגט זיך אונדזער פּלוגה א', אריה קוצרס פּלוגה. יעדע פּאָר סעקונדן פֿאַרבאַהאַלט זיך דאָס הויז הינטערן רויך פֿון אַ שראַפּנעל.

די פּלוגה איז דערגאַנגען ביז צו אַ באַפֿעסטיקטע בעטאָן־פּאָזיציע. איצט ציט זי זיך צוריק ביז צום ווייסן הויז. פֿון דאָרטן סיגנאַליזירט אריה, אַז ער האָט שווערע אבידות. אַלע אונדזערע סאַניטאַרן, און צווישן זיי ישראל, דער סאַניטאַר פֿון דעם אָפּטייל, ווערן אַהין־צו געשיקט. יעקב ראַכמילעוויטש, דער סאַניטאַר פֿון דער פּלוגה, וועלכער איז נעכטן לייכט פֿאַרוואונדעט געוואָרן אין רוקן,

ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צום שונא, איז איצט געטראָפן געוואָרן פון אַ גאַנצן קנויל אין דער ברוסט.

פון אַלע פראָנט־זעלנער זענען די סאַניטאַרן די אמתע העלדן. אין היגטערלאַנד באַציט מען זיך צו זיי ווי צו נישט־קעמפנדיקע. אָבער קיינער שטעלט זיך נישט אַזוי אײַן אין פראָנט ווי זיי אין זייער שליחות צו ראַטעווען דאָס לעבן פון אַ מענטש.

מידע קריכן מיר דורך די פעלדער קיין גן־יבנה.

נאָענט צום שאָסיי איז פאַרוואונדעט געוואָרן משה שאַצקי, אונדזער לאַנגער אַרטילעריסט. די קויל איז אים אַרײַן אין פּיס און האָט געטראָפן אין ביין. ראובן, מיקי און פערדי שלעפּן אים אויף זייערע אַקסלען לויט דער ריי, יעדער איינער אַ פערציק מעטער. משה רײַט אויפן רוקן און ווייצלט זיך.

פון אונטן רופט מען אונדז. אין אריה קוצערס פּלוגה זענען פאַרבליבן פאַרוואונדעטע און ס׳איז נישטאָ ווער עס זאָל זיי נעמען. מיר דאַרפן זיך אומקערן און זיי טראָגן. פאַר דעם לייגן מיר פון זיך אַראָפּ די גאַנצע רעזערווע אַמוניציע און די פּערזענלעכע זאַכן און פאַרשטעקן עס אין פעלד. מיר וועלן עס שפּעטער נעמען.

מיר טראָגן פינף פאַרוואונדעטע — איינער איז פאַרוואונדעט פון שראַפּנעלן אין ברוסט, דער צווייטער אין רוקן, דער דריטער איז פאַרוואונדעט פון אַ קויל, וואָס איז אים אַדורך ביידע פּיס. נאָר פאַר איינעם בלויז איז פאַראַן אַ טראָגבעטל. די איבעריקע ווערן געטראָגן אָדער געשלעפּט אויף קאָלדרעס.

ווער ס׳האָט נישט געזען די פאַרוואונדעטע, ווייסט נישט צו וואָסער הייכן עס דערגרייכט מענטשלעכע גבורה. זיי זענען פאַרוואונדעט געוואָרן אין שלאַכט־פעלד, און ס׳האָט זיי געדראָט אַ סכנה דאָרט צו פאַרבלייבן. פאַראַן צווישן זיי שטערבלעך פאַרוואונדעטע, וואָס וועלן נישט קומען לעבעדיק צום שפּיטאָל. יעדן טוען ווייַ די וואונדן, טוען זייער וויי. און קיינער פון זיי שרייט נישט. זיי באַמיען זיך צו ווייצלען, אָדער אונדז עצות צו געבן ווי אַזוי זיי צו טראָגן.

אַ טראַגישע סצענע. אַ סצענע, וואָס אויך מיר „גרויע" זעלנער, וואָס האָבן פיינט ראָמאַנטיק און פראַזן, שעמען מיר זיך נישט אָנ־צורופן עס — אַ דערהויבענע סצענע. מאַטעריאַל פאַר אַ דיכטער און אַ קינסטלער.

אין גן־יבנה איז פאַר אונדז געגרייט אַ קליינע מאָלצייט. מיר שפּרייטן זיך פונאַנדער און באַהאַלטן זיך פאַרן שונאס עראָפּלאַנען,

וואָס גרייפן אָן דעם פונקט. אונדזערע מאַשין־געווערן אַרבעטן פון מאָל צו מאָל.

דאָס געווער איז פול מיט זאמד. עס איז כמעט נישט צום נוצן.

נאָך אַ שווערן קאַמף, ווי געווײנלעך, מוזן מיר אַ ביסל אָפּשפּאַנען די נערוון און עמעצן דערציילן וואָס מיר האָבן געזען. און אַזוי באַקומט זיך אַ פול בילד פון דער שלאַכט.

די הילף־פּלוגה איז איבערגעבליבן הינטער אונדז. דער ראַדיאָ־קאָנטאַקט מיטן קאָמאַנדיר פון דער חטיבה איז קאַליע געוואָרן. אַזוי אַרום האָבן זיי זיך צו שפּעט צוריקגעצויגן. די פּלוגה איז דורכגעגאַנגען דעם אָפּענעם געביט, איבער וועלכן אויך מיר האָבן זיך צוריקגעצויגן, אין זע־געביט פונעם שונא, און געליטן שווערע פאַרלוסטן.

איבערהויפּט רעדט מען וועגן דער העלדישקייט פון די פאַרוואונדעטע. עס האָבן נישט געסטייעט די טראַג־בעטלעך און קאַלדרעס, האָבן די מענטשן אויסגעטאָן די הויזן און העמדער. מען דערציילט וועגן אַ זעלנער, וועלכער איז געגאַנגען צוגעדעקט מיט אַ קאַמופלאַזש־פּלאַכטע. ווען מען האָט ביי אים געבעטן די פּלאַכטע אויף צו טראָגן אַ פאַרוואונדעטן, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס איז זיין איינציקער מלבוש — די איבעריקע קליידער זיינע האָבן שוין געדינט פאַר אַזאַ צוועק.

מען דערציילט ווער ס'איז פאַרוואונדעט און ווער געהרגעט. ס'איז קלאָר, אַז די „ביהילפיקע" האָבן שווער געליטן, און אַז קוצערס פּלוגה איז כמעט אינגאַנצן פאַרטיליקט געוואָרן.

ווען אַ פרעמדער הערט אונדז אין דעם מאָמענט, וואָלט ער געטראַכט, אַז מיר זענען גלייכגילטיק און אָן געפילן, מענטשן אָן אַ האַרץ און אָן אַ נשמה. אָבער, דאָס איז אַן אָנשטעל. וואָלטן מיר אַנטפּלעקט איינער דעם צווייטן, וואָס עס טוט זיך אין דעם מאָמענט אין אונדזערע הערצער, וואָלטן מיר משוגע געוואָרן. און מען דאַרף עס נישט זאָגן — יעדער נאָמען איז פאַר אונדז אַ לעבעדיקער געשטאַלט, אַ מענטש, מיט וועלכן מיר האָבן געלעבט חדשים אין גוטס און אין שלעכטס, אין אָנגריפן און מסיבות, אַ מענטש וואָס מיר האָבן געקענט אַלע זיינע פריוואַטע סודות, זיינע שטרעבונגען און זיינע ליבעס. און יעדער איינער פון זיי לאָזט־איבער נאָך זיך אַ ליידיקן רוים, וואָס איז אוממעגלעך אויסצופילן.

דעריבער ריידן מיר וועגן זיי נאָר מיט אַ טאָן פון גלייכגילטיקייט און געפיללאָזיקייט.

פאַראַן אַזעלכע וואָס האַלטן, אַז מיר האָבן געליטן אַ מפּלה. אָבער די מיינסטע צווישן אונדז ווייסן, אַז ס'איז אוממעגלעך צו משפּטן לויט דעם אויסגאַנג פון אַן איינצלנעם קאַמף. נאָר די פאָלגן פון אַן אַלגעמיינער שלאַכט שטעלן פעסט צי דער אָדער יענער קאַמף האָט זיך געענדיקט מיט אַ זיג אָדער מיט אַ מפּלה. אַז מען שטעלט פעסט די צאָל אבידות אין נפשות און אין דער אויסשטאַטונג פון ביידע צדדים, וועט מען וויסן, צי צום סוף וועט דער שונא אויפגע־האַלטן ווערן אָדער נישט.

דער איינצלנער קאַמף איז נישט מער ווי אַ רינג אין דער קייט, און בלויז לויטן רעזולטאַט פון אַ ריי קאַמפן נאָכאַנאַנד קאָן מען אורטיילן.

און איין זאַך איז קלאָר — מיר האָבן פאַרהאַמעוועט דעם מצרישן פאָרגאַנג. די הויפּט־סכנה איז פאַרביי. און דאָס איז דער ערשטער בולטער רעזולטאַט פון דעם קאַמף וועגן אישדוד.

נאָכן קאַמף האָבן מיר אַ פּאָר טעג געווײַלט אין קעמפּ, כדי זיך פונדאַסני־צו אָרגאַניזירן צו אַקציעס. קיין אורלויב איז אונדז נישט געגעבן געוואָרן. אָבער מיר זענען שוין נישט געווען אָפּהענגיק פון פאַרמעלע באַשטעטיקונגען. ווי מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז אין נאָענטן מעת־לעת איז נישטאָ קיין אַקציע, האָבן מיר געפונען אַ לאָך אין פּלויט און זיך אָפּגעטראָגן אויף 24 שעה.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין קעמפּ אַריין, בין איך מיט גרויס העפלעכ־קייט פאַרבעטן געוואָרן דורך צוויי גדודישע פּאָליציאַנטן זיי צו באַגלייטן. ווידער האָבן זיך הינטער מיר פאַרמאַכט די טירן פון דעם „קאַלאַבוש“ (אַרעסט).

4־טער יוני 1948, גדודישער קרימינאַל.

אינטערמעצא אין קאלאבוש

אין די ביכער פון אַרעסטאַנטן לייענסטו וועגן דעם שרעקלעכן מאָמענט, ווען דו גייסט אַריין אין דער צעל און די טיר פאַרהאַקט זיך אונטער דיר מיט אַ קלאַפּ...

איך האָב נישט געהאַט קיין שרעק אין דער מינוט. ווען איך בין אַריין אין קאַלאַבוש איז אויסגעבראָכן אַ פרייד־געשאַל פון די חברים וואָס זענען פאַר מיר אַריין, לענגסטיקע ידידים, וועלכע זענען אַהער

געשיקט געוואָרן צוליב דער זעלבער עבירה — פאַר פעלן אין קעמפּ צו דערלויבעניש.

ווער עס איז געוואוינט צו שלאָפן אין אַ באַקוועם בעט מיט אויסגעשפּרייטע ווייסע לײַלעכער, דער וועט נישט האַלטן דעם לאַלאַבוש פאַר אַ פּלאַץ, וואָס איז ווערט געשעצט צו ווערן. אָבער ווער ס'איז געלעגן, ווי מיר, אין אַראַבישע דערפער פול מיט פליי, דער וועט אַנטפּלעקן, אַז דער קאַלאַבוש איז גאָר אַ שיינער פּלאַץ, ממש אַ קורארט.

מײַנע מער „אַלטגעזעסענע" חברים ווייזן מיר וואָס מ'קאָן אַלץ זען דאָ אינעם קרימינאַל. אויבן, אויף דער וואַנט, איז דאָ אַ לאַנגע אויפשריפט — „דאָ האָבן געשמאַכט די אסירי־ציון, דער פייערוועדקער יצחק פ., דער אַרטילעריסט משה א. און דער אויסשפּירער דוד מ., די אײַנגעמער פון אל־קובאב, די העלדן פון לאַטרון, די וועג־דורכברעכער קיין ירושלים, די אַרומרינגלער פון דער מצרישער האַלאַנע..."

די צײַט פאַרגייט, מיר זענען הונגעריק. דער מ.צ. ברענגט אונדז עסן. מיר עסן און טרינקען.

מיר ליגן אויף די פּלייצעס און זענען צופרידן פונעם לעבן. אַז דו באַזוכסט תל־אביב אַ פּאָר שעה, קערסטו זיך אום מיט אַ געהויבענער שטימונג. בלויז ווען דו פאַרברענגסט דאָרט אַ צוויי־דריי טעג און דו באַוויזט צו דערזען וואָס עס טוט זיך דאָרט, צו באַגעגענען גליקלעכע חברים, וואָס מאַכן איצט אַ גלענצנדע מיליטערישע קאַריערע אין הינטערלאַנד, צו דערשמעקן דעם ריח פון דער „פּראָטעקציע" — קומסטו צוריק אין אַ בייזער שטימונג, אַ דערדריקטער און אויפגערעגטער.

ס'איז געקומען די צײַט צו דערציילן אַ טשיזבאַט. מיר געהערן צו פאַרשידענע אײנהייטן. אַלע זענען מיר אַלטע סאָלדאַטן — יעדער איינער האָט בײַ אַ טוץ אָפּעראַציעס אין זײַן טאַש. נישט פילנדיק לאָזן מיר זיך אַרײַן אין אַ סטראַטעגישער דיסקוסיע. נישטאָ אַזאַ פּלאַץ, ווי אין קאַלאַבוש, צו אַנטוויקלען דעם קאָנצענטרירטן געדאַנק. אין דער אײנהייט סטייעט נישט קיין צײַט צו שמועסן וועגן אַזעלכע הויכע ענינים.

אמנון לייגט פאָר יעדער זאָל זינגען אַ ליד פון דעם לעבן פון זײַן אײנהייט. דע־פאַקטאָ האָט יעדער אָפּטייל איר הימן — אַ הימן,

וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן ערשטן קאַמף און איז פון דעמאָלט אָן פאַרבליבן. און ער איז נאָך ווייט נישט פאַרענדיקט:

„דיר־מוחיסין האָבן זיי פאַרנומען
און עסן הינדלעך דאָרט געגומען,
אַלץ געטאָן חוץ איין זאַך נישט:
דעם מוכתר'ס טאָכטער נישט געקושט...“

אמנון שטיינשניידער, וואָס רעכנט זיך צווישן די פּאַרטיידיקער פון הר־טוב, פון אַמאָל, ענטפערט מיט זיין אַפּטייל־ליד:

„רמאללה, רמאללה, רמאללה,
מיט וועגן, אומוועגן, אָן כביש,
שפּאַנט צו דיר, רמאללה,
אַ תל־אביבער איינהייט פון חי"ש...“

ס'איז געקומען דער געדאַנק צו שאַפן אַ הימן פאַרן קאַלאַבוש. באַלד טרעט מען צו צו דער אַרבעט. יעדער לייגט פאָר זיינע פּראָיעקטן און צום סוף ווערט מען אייניק צו שאַפן אַ פּאַראָדיע צום ליד „בערבות הנגב“.

עס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן די ערשטע סטראָפע:

„צווישן קרימינאַלנע ווענט
ווערט דאָס האַרץ צעריסן,
צווישן קרימינאַלנע ווענט
אַ שיצער מוז דאָ זיצן.
אין קריג פאַר אונדזער פרייהייט
אין קאַמף אַרויסגעשיקט,
און איצטער אויף אַן אַפּרו
אין קאַלאַבוש ער ליגט...“

מיר רופן די מ.צ. און זינגען זיי דאָס ליד. זיי זענען צופרידן און ווינטשן אונדז, מיר זאָלן דאָ ליגן אַ לענגערע צייט און קענען פאַרענדיקן דאָס ליד אין באַקוועמלעכקייט...

עס איז שוין שפּעט. מיר ריידן אין דער שטיל, נישט צו שטערן די מ.צ. דאָס שלאָפן. מיר זענען אַריבער צו מער ערנסטערע טעמעס — צו פראַגן, וואָס זענען טיף באַהאַלטן אין האַרצן: ווען וועט זיך די מלחמה ענדיקן? צי טוען מיר אַלץ, וואָס מיר קאָנען, כדי צו באַזיגן דעם שונא? צי וועלן מיר זיך ווידער קענען צוגעווינען צום

שטילן ציווילן לעבן נאָך דעם אַלעמען, וואָס מיר זענען דורכגעגאַנגען?

שפּעט ביינאַכט דערגייט צו מיר אַ שטיל קול.

„אורי?"

„יאָ."

„ביסט אין אָרדענונג?"

„יאָ, אַ דאַנק."

„ווילסט עפּעס?"

„אַ קאַלט גלאָז ביער וואָלט נישט געשאַדט..."

דער אומבאַקאַנטער לאַכט און פאַרשווינדט. פאַר דעם וואָרפט ער מיר עפּעס. אַ שטיק שאָקאָלאַד.

אין לעצטן קאַמף האָב איך געטראָגן זיין רוקזאַק, ווען ער איז שוואַך געוואָרן.

אַן אויסטערלישע זאַך דער קאַלאַבוש. פּאַקטיש קען מען דיך נישט באַשטראָפן, ווען דו געפינסט זיך אין אַ קאַמפּס-איינהייט. וואָס קען מען דיר טאָן? מ'וועט דיר אָפּשטעלן דעם אורלויב? במילא באַקומסטו אים נישט. מען וועט דיר אָפּשטעלן דאָס געצאָלטס? מילא, די צוויי לירעס, וואָס דו באַקומסט... דער קאַלאַבוש, ווידער, שרעקט דיך נישט, ווען דו ביסט צוריקגעקומען ערשט נעכטן פון אַ פאַרבלאָטיקטער פּאָזיציע, וואָס האָט אין משך פון פינף שעה אויסגעשטאַנען אַ שווער פייער פון קאַנאָנען און מאָרטערס.

דערפאַר איז די דיסציפּלין אין אַ קאַמף-איינהייט אָפּהענגיק פון דער פערזענלעכקייט פון קאָמאַנדיר און פון פרייען ווילן פונעם פּשוטן זעלנער. האָסט נישט קיין מער מסוכנדיקע זאַך, ווי דאָס געפיל פונעם זעלנער, אַז ס'איז אים געשען אַן עוולה, אַז ס'איז אים נישט געגעבן געוואָרן אַלץ, וואָס אים געהער. ווייל דער קאַמף-זעלנער איז, נאָך אַלעמען, אַ פרייוויליקער אין אמתן זין פון וואָרט — אַפילו ווען ער איז מאָביליזירט געוואָרן דורך אַ צוואַנגס-מאָביליזאַציע.

ו דער קאַמף וועגן אישדוד האָט אויפגעטרייסלט דעם בוי פון דעם גדוד. פּלוגה א' איז אינגאַנצן אַרויס פון דער טעטיקייט. איר קאָמאַנדיר, אריה קוצר, וואָס איז שוין פון לאַנג געווען אַ לעגענדאַרע פיגור אויפן גאַנצן פראָנט, איז אַזוי שטאַרק צערודערט געוואָרן פונעם גורל פון זיינע מענטשן, אַז ס'איז געווען נויטיק אים איבערצופירן צייטווייליק אין דעם שטאָב פונעם גדוד. אונדזער

פלוגה, די מולדיקע, איז איבערגעבליבן, די איינציקע עלטסטע פלוגה אין נדוד. פלוגה ג׳ איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון נייע רעקרוטן.

נאָך דעם ווי ס׳האָט זיך נישט איינגעגעבן צו פאַרניכטן די געפּאַנצערטע קאָלאָנע נעבן אישדוד, האָבן מיר באַקומען די אויפגאַבע צו פאַרכאַפּן דעם פראָנט קעגנאיבער איר און נישט לאָזן זי פאַרויסגיין. אין דער נאַכט פונעם 6־טן יוני האָבן מיר געפּרוווט צוקומען צום קיבוץ ניצנים, וועלכער איז שווער אנגעגריפן געוואָרן. אין דער פינצטער זענען מיר אַריבערגעגאַנגען איבערן בערגל 69, אויף וועלכן אונדזערע מענטשן האָבן זיך איצט גענומען פאַרגראָבן, אָבער איידער מיר זענען דערגאַנגען קיין ניצנים האָט מען אונדז מודיע געווען, אַז דער קיבוץ האָט זיך אונטערגעגעבן, און אונדז האָט מען געהייסן זיך צוריקציען.

מיר האָבן פאַרכאַפּט פּאָזיציעס אין בית־דאַראָס, אַ פאַרבלאָטיקט דאָרף, און אין משך פון אַ פּאָר טעג האָבן מיר זיך געשלאָגן מיט די מצרים און מיט די פליי. די פליי זענען געווען מער קעמפעריש, זיי זענען געווען אויסגעהונגערט נאָכן אַנטלויפן פון די אַראַבער, און מיליאָנענווייז האָבן זיי באַדעקט דעם געביט.

מיר האָבן אָפּגעשטויסן קליינע אַנגריפן, געגעסן הינער און קיניקלעך און געוואַרט אויפן גרויסן אַנגריף פון די מצרים. און אַט האָט זיך מיר געטראָפן איינע פון די וויניקע געלעגנהייטן, וועלכע דו באַגעגנסט טיילמאָל אויפן פראָנט.

8־טער יוני 1948, בית־דאַראָס.

א קליינער דזשאב

פאַרוואָס עפּעס האָב איך זיך געמאָלדן פריייוויליק צו דעם דזשאָב? ער האָט מיר פּשוט אויסגעזען אינטערעסאַנט, און ווייל איך בין געווען אויפן פּלאַץ, ווען מען האָט געזוכט פריייוויליקע, בין איך געגאַנגען „סתם אַזוי״.

מיינע חברים האָבן געטענהט, ווי געוויינלעך, אַז איך שטעל איין מיין לעבן, כדי כ׳זאָל האָבן וואָס צו שרייבן אין דער צייטונג...

ירח, דער מ״מ אונדזערער, האָט אונדז צו וויסן געטאָן, אַז ס׳פאַרלאַנגט זיך פיר פריייוויליקע פאַר אַ ספּעציעלער זייער געפערלעכער אויפגאַבע. האָב איך אים געזאָגט, אַז איך בין גרייט צו גיין.

דאָס איז געשען 10 אינדערפרי. דריי טאַנקן, אַ האַרמאַט

און אַ מאַשין־געווער פון דעם מצרישן פוסגייער־מיליטער האָבן אָנגעגריפן אונדזערע פּאָזיציעס אין בית־דאַראָס פון דער ייִשוב אישדוד. אונדזער אָפּטייל האָט געענטפערט מיט פייער.

קודם זענען די שראַפּנעלן געפאַלן נאָענט פון אונדזערע פּאָזיציעס. אָבער פּלוצים האָבן מיר באַמערקט ווי די אויפרייסן דערווייטערן זיך.

צוויי לאַסט־מאַשינען אונדזערע, וואָס זענען געקומען, ווייזט אויס, פון באר־טוביה, האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין וועג און זענען אַריין אין פייער־געביט פונעם שונא.

איך בין געשיקט געוואָרן צום שטאָב פון דער איינהייט, וואָס איז געשטאַנען צווישן די ביימער אין דאָרף. אינצווישן האָט זיך די צאָל פרייוויליקע פאַרגרעסערט אויף זעקס, און זיי האָבן זיך איינציקווייז גענומען באַוועגן.

דוד שני, דער נייער סמג״ד אונדזערער, האָט אונדז דערקלערט די אויפגאַבע: די צוויי מאַשינען, וועלכע האָבן זיך געטראָפן מיטן פייער פונעם שונא פירן האַרמאַטן און אַמוניציע — וואָס קאָן ענדערן די לאַגע אויפן גאַנצן פראָנט. דאָרט איז אויך פאַראַן שפּרענג־מאַטעריאַל וואָס קאָן אויפרייסן. מיר דאַרפן אַרויסבאַקומען די מאַשינען פאַר יעדן פּרייז. אויב ס׳איז מעגלעך צו לאָזן אין גאַנג די פאַרלאָזענע מאַשינען — איז גוט. אויב נישט, דאַרפן מיר אַראָפּנעמען די האַרמאַטן און זיי אַליין אָוועקפירן אין אַ זיכערן אָרט.

דורך דער לאָרנעטע האָבן מיר געקוקט צום ציל. אַרום האָבן אויפגעריסן די קוילן פונעם שונא. דער שונא האָט זיך אָפּגערוקט פונעם פּלאַץ בלויז אַ פּאָר הונדערט מעטער, און ס׳איז נאָר אַ וואונדער, אַז ער האָט נישט געמאַכט קיין סוף צו די מאַשינען. די אַרטילעריסטן האָבן זיך אָפּגעטראָגן פונעם פּלאַץ, וועלכער איז איינגאַנצן אָפּן געווען.

מיר קוקן זיך אָן איינער דעם צווייטן — זעקס בחורים פון צוויי פּלוגות, וואָס האָבן זיך פרייוויליק געשטעלט צו אַ דזשאָב, וועמענס באַטייט מיר האָבן געוואוסט אויך אָן דערקלערונגען.

זעקס בחורים: סיף, דער ברייטביינעקער און שוואַרצהאָריקער מ. כ., אַ פּלמ״ח־טיפּ פון די בילדער אין „דבר השבוע״; עובדיה, דער שאָפער, „אַ בחור מיט בלוט״, וואָס באַהאַלט דעם פאַקט, אַז ער איז אַ מ. כ.; בנימין, דער צאַרטער און בלאַסער, און לוי, דער שוואַרצינקער, וואָס טראָגט ברילן, ביידע — אַנטיילנעמער פון דעם העלדישן צוריקצוג פון הר־טוב; יאַנעק, אַ פּליט, וועלכער

האָט אַ האַלב לעבן פאַרבראַכט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, קליין, רירעוודיק און אַ שטאַמלער; און איך.

דעם שונאס האַרמאַט קלאַפּט נאָד.

„וואָס מיינסטו?״ פרעג איך יאַנעקן. ער פאַרשטייט די פראַגע.

„פּופּציק פּראָצענט״, ענטפערט ער מיט זיין פּוילישער אויסשפּראַך.

איך בין מער אָפּטימיסטיש — אויב די מאַשינען זענען נישט ערנסט צעשעדיקט געוואָרן.

*

מיר לאָזן זיך אין אַן איינצל־שורה. דאָ איז נישטאָ קיין קאָמאַנדיר און ס'איז נישטאָ דאָ קיין „שוויץ״, — מיר דאַרפן נישט איינער דעם צווייטן באַווייזן, אַז מיר זענען העלדן. אַזוי האָבן מיר ליב צו גיין צו אַ שטיקל אַרבעט — אַ קליין ביסל חברים, וואָס באַרשטייען זיך און פאַרלאָזן זיך איינער אויפן צווייטן.

מיר גייען פאַרויס אין אַ גרויסער זייטן־באַוועגונג. צוליב מאַקסימאַלסטער פאַרזיכטיקייט האָבן מיר באַשלאָסן זיך צו דער־נענטערן פון דרום זייט. אין דער ריכטונג קען מען צוקומען ביז אַ צוויי הונדערט מעטער פונעם פלאַץ אונטערן שוץ פון סאַבערע־צוימען.

יעדע פּאָר מעטער טרעפן מיר אַן אַ צוים פון סאַברעס. דאָרט האָט ס'איז נישטאָ קיין דורכגאַנג מאַכן מיר אים מיט די קאָלבעס פון די ביקסן. דאָס שיינע מעסער, וואָס כ'האָב אייערנעכטן באַקומען אַ מתנה, דערפילט איצט געטריי זיין אויפגאַבע.

די זון גליט. דאָסמאָל האָב איך מיטגענומען מיין העלם און ער באַדעקט מיין קאָפּ. אונדזערע קליידער זענען פייכט, אָבער מיר גייען מיט דער גאַנצער זיכערקייט. יעדע סעקונדע איז דויבטיק. פאַראַן אַ סכנה, אַז די מאַשינען וועלן צעשמעטערט ווערן. פונדעסטוועגן האָט דער קורצער וועג געדויערט העכער אַ האַלבע שעה.

אָט — געענדיקט די סאַברעס. פון דאַנען איז דער שטח צו די באַשינען אָפן און גלייך. איצט קלאַפּט עפּעס נישט דער שונא. מיר גייען גיך פאַרויס אין צוויי רינגען.

עובדיה שפּרינגט אַרויף אויף דער ערשטער מאַשין און פרובט זי אָנצינדן. זי צינדט זיך נישט אָן. יאַנעק גיט עצות. פּלוצים האָט דער

מאַטאַר זיך אַנגעצונדן. דאָס האַרץ טוט אַ צאַפּל. די מאַשין רירט פון אָרט. איך שפּרינג אַרויף אויף איר און זי גייט.

איך קוק אַן עובדיה׳ן. ביידע פאַרשטייען מיר דעם ענין: צי וואַרטן און פּרובן אַנצינדן די צווייטע מאַשין, אָדער פירן די איינע קיין באר־טוביה און זיך אומקערן. יעדע מינוט קען דער שונא ווייטער קלאַפּן. מיר ווייסן, אַז אין דעם מאָמענט זענען אויף אונדז אַנגעשטעלט צוויי לאַרנעטעס — פון אונדזער קאָמאַנדיר, און פון דעם מצרישן קאָמאַנדיר. מיר באַשליסן שוין צו פאָרן.

די פיר בלייבן אויפן פּלאַץ און זענען עוסק מיט דער צווייטער מאַשין. מיר דערווייטערן זיך. זי רירט זיך נישט. מיר דאַרפן נעמען אַ שלעפּ־מאַשין פון באר טוביה.

מיר פאָרן שנעל. די שייבלעך זענען צעבראָכן, און די טירן זענען צעלעכערט פון שראַפּנעלן. מילא.

נעבן באר־טוביה קומט אונדז אַנטקעגן אַ דזשיפּ. עס זיצט אין אים בלויז איין מענטש, מיט אַ בערעט. „האַלאָ, חבר, וואוהין פאָרסטו?" פרעג איך אים. אפשר וועט ער אַ גאַלאָפּ טאָן קיין באר־טוביה און אַלאַרמירן די שלעפּ־מאַשין? פאַרהאַלטנדיק זיך זע איך, אַז דאָס איז צ׳רה, דער קאָמאַנדיר פון מיין גדוד.

אין באר־טוביה נעמט מען אונדז אויף מיט שמחה. זיי האָבן געהערט וועגן דעם ענין. די שלעפּ־מאַשין איז שוין גרייט אַרויס־צוגיין. מיר שפּרינגען אויף איר אַרויף און קערן זיך אום גאַלאָפּ צו דער צווייטער מאַשין.

דאָרטן זענען די פיר זיך עוסק מיטן מאָטאָר, וואָס וויל זיך נישט אָנצינדן. זיי האָבן שוין אַנגעהויבן אַראָפּנעמען דאָס געווער, אָבער דערזעענדיק, אַז מיר דערנעענטערן זיך, נעמען זיי עס צוריק אַרויפלייגן. אויפן וועג זע איך אַ העלם מיט אַ קאַמופלאַזש־נעץ ליגט אין פעלד. כ׳בעט אָפּשטעלן זיך, כ׳שפּרינג אַראָפּ און נעם אים.

מיר טשעפּען צו די שלעפּ־מאַשין און די צווייטע מאַשין רירט. מיר באַגלייטן זי נישט — דער ענין איז אין אָרדענונג.

איצט דאַרפן מיר זיך אָפּטראָגן — און שנעל. אַ וואונדער, אַז דער שונא קלאַפּט נישט אויף אונדז. אונדזער מאַשין־געווער האָט אים צוגעשמידט צו זיך.

מיר קערן זיך אום מיט אַ קורצערן וועג. ס׳איז אין אונדז אַריין אַ גייסט פון דעם לייכטזין, וואָס קומט פון נצחון. מיר האָבן אויס־געפירט דאָס, וואָס מ׳האָט אויף אונדז אַרויפגעלייגט.

אויפן צוריקוועג דערפילט זיך בנימין פלוצים שלעכט. מיר נעמען פון אים צו די ביקס און ער שפאַרט זיך אָן אויף אונדז. גוט, וואָס דאָס איז פריער נישט געשען.

*

אין קעמפּ באַגעגנט מען אונדז ווי זיגער. ירח דריקט מיין האַנט און יאַנעקס. די חברים שעפּטשען אונדז שוין, אַז זיי האָבן געהערט פונעם „ערשטן קוואַל", אַז מען וועט אונדז דערמאָנען אין טאָג־באַפעל.

מיר פרייען זיך, אַז מיר זענען אַרויסגעקומען בשלום פון דעם שפיז. אין משך פון דער ארבעט האָבן מיר נישט געהאַט קיין צייט צו קלערן וועגן דער סכנה. איצט האָבן מיר פלוצים ליב באַקומען דאָס לעבן. מיר פילן זיך נישט ווי העלדן. פונדעסטוועגן האָבן מיר אַ גוט געפיל אין האַרצן.

אַלס באַזונדערע פרעמיע טרינקט אויס יעדער פון אונדז אַ האַלבע שאָל וואַסער. דאָס איז אונדז איצט וויכטיקער ווי וועלכע עס איז אויסצייכענונג אין דער וועלט.

ווען מיר זענען געזעסן אין בית־דאַראַס איז אויסגעבראָכן דער קאַמף וועגן דעם בערגל 69, אַ גלאַטע פּאָרפאַזיציע מיט דריי אויסטערלישע וואַסער־טורעמס, איין קילאָמעטער ווייט פון בית־דאַראַס. דער פלאַץ האָט געהאַט אַן ערשטראַנגיקן באַטייט פאַר די מצרים — ער האָט באַהערשט דעם שאָסיי צווישן אישדוד און מגדל, און האָט פאַקטיש אָפּגעשניטן דעם מצרישן כוח אין אישדוד פון זיין הינטערלאַנד.

די מצרים האָבן אריינגעוואָרפן אין קאַמף דעם גאַנצן כוח פון זייער וואָפן. האַרמאַטן, עראָפּלאַנען און טאַנקן האָבן געמאַכט ציטערן די ערד. אין דער שרעקלעכער באַמבאַרדירונג איז פאַרוואונדעט געוואָרן דער קאָמאַנדיר פון דעם אַפּטייל, איסר באַרסקי, אַ נייַנצן־יאָריק ייִנגל פון חולון. דעם אַמבולאַנס האָט זיך נישט איינגעגעבן צוצוקומען צום פלאַץ. ווייל ס'איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו דערלאַנגען אים הילף, איז זיין לאַגע געפערלעכער געוואָרן. אַ דאַנק דער פערזענלעכער שטאַנדהאַפטיקייט פון שרגא גפני און יוסף ועדיה איז ער איבערגעפירט געוואָרן פונעם בערגל אין שפּיטאָל אַריין, וואו ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה.

דער גייסטיקער קריזיס האָט זיך אָנגעהויבן, בעת דני דלוגי, דער אונטער־קאָמאַנדיר פון דער פלוגה, איז געהרגעט געוואָרן. דער קאָמאַנדיר פון דער פלוגה האָט פאַרלוירן די הערשאַפט איבער זיך, און זיין אויפפירונג האָט געבראַכן דעם גייסט פון די קעמפער. זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן.

אין לעצטן מאָמענט איז אונדזער פּלוגה געשיקט געוואָרן הענדום־פּענדום צום בערגל, כדי צו דעקן דעם צוריקצוג פון זיינע פאַרטיידיקער. מיר זענען דערגאַנגען ביז צו די ראַנדן פון דעם פּרדס, צוויי הונדערט מעטער פונעם בערגל. דאָרט האָבן זיך פּאָר אונדז אנטפּלעקט שווערע טאַנקן. אליהו קייל און יעקב לעווקאָוויטש, וואָס האָבן געאַרבעט מיטן פּיאַט, האָבן אויסגעהאַלטן אונטערן פייער פון אַ שווער מאַשין־געווער פון אַ טאַנק און געפּרובט אים צעשמעטערן פון דער נאָענט. די טאָפּלטע באָמבאַרדירונג פון זייערע און אונדזערע האַרמאַטן האָט אונדז אָבער געצוואונגען זיך צוריקצוציען. דערווייל זענען די מענטשן פון בערגל אָנגעקומען קיין בית־דאַראַס, טראַגנדיק מיט זיך די פאַרוואונדעטע.

די ידיעה, אַז דאָס בערגל איז געפאַלן איז געווען אַ קלאַפּ פאַר דעם גאַנצן אָפּטייל. צום ערשטן מאָל האָבן זיך אונדזערע קעמפער אָנגעטראָפן פּנים אל פּנים מיט שווערע טאַנקן פונעם שונא — און פון שרעק זיך צוריקגעצויגן. פון דעמאָלט אָן האָט דער נאָמען „בערגל 69" געדרוקט אויף אַלעמען. דער אָפּטייל האָט עס איינגעקריצט אין זיין האַרץ — מיר האָבן עס נישט געוואָלט פאַרגעסן, נאָר אַראָפּוואַרפן דעם פלעק פון זיך.

9־טער יוני, 1948. בית־דאַראַס.

דאָס בערגל 69

אויפן בערגל ניין־און־זעכציק
שטייען טורעמס דריי.
ס'האָט אַ שלאַכט זיך דאָרט צעפלאַקערט,
ס'רעגנט דאָרט מיט בליי.

אויפן בערגל ניין־און־זעכציק
ליגט אַ זעלנער טויט.
מיט דער ביקס אין האַנט דאָרט ליגט ער
אין האַרץ פון בליי אַ שרויט.

אויפן בערגל ניין־און־זעכציק
איז שטיל שוין נאָך דער שלאַכט.
אויפן קבר בליט אומשטערבלעך,
אַ בלום אין רויטער פּראַכט.

סוף סוף האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז דער „איבעררייס“ וועט אַריינטרעטן אין קראַפט אַ זייגער 10 אינדערפרי. נאָר קיינער פון אונדז האָט נישט געגלויבט, אַז די מצרים וועלן האַלטן דעם געבאָט.

אין די פרימאָרגן שעהן האָט מען אונדז געוועקט. מ׳האָט פאַרלאַנגט פינף פרייוויליקע פאַר אַן אַנטי־טאַנק לויער אויפן וועג פונעם בערגל 69 קיין בית־דאַראס.

איך בין אַרויס צוזאַמען מיט פיר מיינע חברים. אין דער נאַכט־פינצטערניש האָבן מיר געגראָבן אַ גרוב ביים וועג, אַוועקגעלייגט נעבן אונדז די מאָלאָטאָוו־פלעשער, פאַרמאַסקירט זיך מיט צווייגן און געוואַרט אויף זון־אויפגאַנג. ביי 8 שעה זענען מיר געזעסן נישט רירנדיק זיך, אונטער דער גליענדיקער זון. דער זאַמד איז אַריין אין די קליידער. דאָס איז געווען אַ גיהנום.

קיין שום טאַנקן זענען נישט געקומען. אָבער גענוי אַ זייגער 10 האָבן די מצרים אָנגעהויבן שרעקלעך צו באָמבאַרדירן. תחילת האָבן מיר געמיינט, אַז זיי האָבן ווידער געבראָכן דעם באַפעל וועגן איבעררייס. און פלוצים האָבן מיר באַמערקט, אַז די קוילן זענען נישט געשאָסן געוואָרן צו אונדזערע ליניעס. דאָס איז געווען אַ מזרחדיקע „פאַנטאַזיע“. די מצרים האָבן אָנגענומען דעם איבעררייס.

מיטאָגצייט האָט מען אונדז אַרויסגענומען פון די גריבער. מיר האָבן זאַך איין טאָג געווילט אין בית־דאראס, און צוריקגעשיקט געוואָרן אין דער באַזע.

אין קעמפ האָב איך זיך געטראָפן מיט גדעון שערמאַן, וואָס איז אין דער צייט געווען דער קולטור־אָפיצער פון אונדזער גדוד. ער האָט מיך געבעטן שרייבן אים עפּעס פאַר דעם בלעטל פון גדוד. מיין האַרץ איז געווען פול מיט איינדרוקן: די טיפן, וועלכע איך האָב געזען אין קאַמף די לעצטע וואָכן; דער קאַמף אַרום דעם בערגל 69, אַרום אישדוד, אַרום עיראַק־סווידאַן. איך האָב געזוכט א סטיל. ווי אַזוי אויסצודריקן די איינדרוקן איינפאַך, צו שילדערן דאָס געשטאַלט פונעם מענטש וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן שטאַל, און האָט אויסגעהאַלטנקייט; דעם טיפ זעלנער אין פאָלקס־מיליטער, וואָס איז נישט געווען קיין העלד, און אין דעצידירנדן קאַמף האָט ער דערגרייכט די שפּיצן פון מענטשלעכער גרויסקייט. אַזוי איז געבוירן געוואָרן די דערציילונג וועגן „יאַסקע שפּאַנדאַו“.

פערטער קאַפּיטל

עלף אנטשיידנדיקע טעג

די דרייסיק איבעררייס־טעג זענען געווען טעג פון צוגרייטונג. דאָס באַנייען די קאַמפּן איז געווען פאַרגעזען פון אָנהייב. מיר האָבן געוואוסט, אַז אין דרום־פראָנט וועלן זיין אַנטשיידנדיקע שלאַכטן. מיר האָבן אויך געוואוסט, אַז אונדזער חטיבה וועט אַנטייל נעמען אין די דאָזיקע שלאַכטן אַן הילף פון דרויסן, אַנטקעגן דער צוזאַמענגענומענער קראַפט פונעם מצרישן מיליטער.

די חטיבה האָט זיך פיבערהאַפט צוגעגרייט. די איבונגען זענען אויסגעבעסערט געוואָרן. ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קאַמף־שטאַב, וואָס זאָל קענען אָנפירן מיט די איינהייטן אין עצם־קאַמף.

אין די לעצטע שלאַכטן ביי בית־דאַראַס און ביים בערגל 69 איז די חטיבה געשטיצט געווען פון אַ דזשיפּן־איינהייט און פון לייכטע טאַנקלעך פון פלמ״ח . דער חטיבה־שטאַב האָט זיך אַנטציקט פון די מעגלעכקייטן, וואָס זענען פאַראַן אין אַזאַ איינהייט, וואָס פאַראייניקט שנעלקייט פון באַוועגונג מיט רייזיקן פייער־קראַפט. עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ „מאָטאָריזירטע קאָמאַנדאָ־פלוגה“. אַלע דזשיפּן און דאָס רוב פאַנצערס פון די גדודים אין דער חטיבה זענען „קאָנפיסקירט“ געוואָרן פאַר די באַדערפענישן פון דער דאָזיקער פלוגה.

די קאָנקורענץ פון די קאַנדידאַטן צו דער אויפגאַבע איז געווען אַ גרויסע, און געוואָרן אויסגעקליבן איז דווקא אונדזער פלוגה. ערשט איצט זענען צוריק דזשיזמעד אונדזערע מענטשן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן קיין ירושלים מיטן אויסברוך פון דער מלחמה. צום ערשטן מאָל פון זינט מיר זענען אַרויס אין קאַמף, איז לויטן רעגולאַמין די פלוגה געווען „פול“.

אין איינעם פון די ערשטע איבעררייס־טעג זענען מיר גערופן געוואָרן אין צב־צימער. פאַר אונדז איז געשטאַנען אריה, וועלכער האָט ווידער באַקומען די פלוגה, נאָך דעם, ווי ער איז אויסגעהיילט געוואָרן פון זיינע וואונדן. מיט גרויס באַגייסטערונג האָבן מיר אויפגענומען די ידיעה, אַז פון איצט אָן וועלן מיר זיין אַ „מאָטאָריזירטע קאָמאַנדאָ־פלוגה פון דער דרום־חטיבה“.

איידער מיר זענען צעטיילט געוואָרן אויף דזשיפּ־אָפּטיילן, אויף פאַנצער־אָפּטיילן, איז יעדן געגעבן געוואָרן די ברירה צו פאַרלאָזן די פלוגה. ווייניקע

האָבן זיך באַנוצט מיט דער ברירה. אָנשטאָט זיי, האָבן זיך צו אונדז אָנגעשלאָסן פּאָיעווליקע פון אַנדערע גדודים, דער עיקר שאָפערן.

די טרויעריקע איינדרוקן, וואָס האָבן אונדז געדריקט בעתן קורצן אורלויב אין תל־אָביב, ווען מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל איבערצייגט, אַז די, וועלכע זענען געבליבן אין הינטערלאַנד, האָבן זיך דערוויל „איינגעאָרדנט" אויף מיליטערישע דזשאָבן, — זענען אַוועקגעשטופּט געוואָרן אין די ווינקלען פון האַרץ. אַ נייער גייסט האָט באַהערשט די פּלוגה, אַ שפּילעוודיקער גייסט פון „ס'אַרט נישט", פון גרייט זיין צו אַלץ.

16־טער יוני, 1948, דער קעמפּ פון גדוד.

בליץ-צוג

„מעלדן באַלד... אַ וויכטיקע מעלדונג... מאַקסימאַלע שנעל־קייט...."

מיר שפּרינגען אַרויף אויף אונדזערע דזשיפּן. אלימלך שטעלט אָן דעם גאַנג. פינף קילאָמעטער, צען, פופצן — צוואַנציק.

אַ הייסער און לויטערער טאָג. די זון גליט, אָבער אין פאָרן שפּירסטו נישט די היץ.

ביים שאָסיי שפּאַנט אַ גרופּע פוסגייער. די מענטשן זענען פאַרשוויצט און מיד. די אויסשטאַטונג מיטן געווער אויף זייערע רוקנס. זיי פאַרשעלטן אוודאי דעם טאָג.

מיר דערמאָנען זיך אין די טעג, ווען מיר זענען געווען אַזוי נעבעכדיק ווי זיי.

ביטער איז דער גורל פון די פוסגייער. ער קומט אָן צום שלאַכט־פעלד אַזוי מיד, אַז עס אַרט אים נישט, וואָס עס וועט כייס אים דאַרטן געשען. און כאָטש ער ליידט מער און אַרבעט שווערער פון יעדן אַנדערן זעלנער, קוקט מען נאָך אויף אים „פון אויבן אַראָפּ" — דער פּלמ"ח פאַראַכטעט דעם חי"ש, די אַרטילעריע און די לופט־אָפּוועער מענטשן לאַכן פון אים אָפּ, און בלויז די קאָרעספּאָנדענטן, וועלכע קומען נישט אין פראָנט, באַדויערן אַמאָל די „מענטשן אין משלט", אָדער „אונדזערע בחורים, וואָס ליגן אין אַן אַראַבישן דאָרף...."

דרייסיק קילאָמעטער.

דער שאָסיי שלענגלט זיך צווישן גרינע פּרדסים. דאָ און דאָרט

שטייט א יונג מיידל און מיר מאכן צו איר נאַכלעסיק מיט די הענט. זיי שמייכלען אָדער דרייען זיך אויס מיטן רוקן. מיר האָבן הנאה פונעם לעבן.

מיט אַ מידן אָנהאַלט שפּאַרן מיר זיך אָן אָן די געשטעלן פון די לייכטע מאַשין־געווערן. יעדער איינער האָט גענומען אַ גורט מיט קוילן און הענגט זי זיך אָן אויפן האַלדז. ווי גאָלד צעבלישטשעט זיך דאָס מעטאַל אין דער זון. דער הויכפּונקט פונעם „שוויץ". ממש אַ בילד פון אַן אילוסטרירט וואָכנבלאַט.

פערציק קילאָמעטער.

ס'האָט אונדז אָפּגעגליקט וואָס גראָד אונדז האָט מען אויסגעקליבן אין דער מאָטאָריזירטער פּלוגה. מען זאָגט, אַז אין קאַמף איז מען מער איינגעשטעלט — אָבער דעם קליינעם חסרון פאַרגעסט מען, ווען מען דערמאָנט זיך די מעלות: דאָס באַקוועמע פאָרן צום שלאַכט־פעלד, די אויסשטאַטונג און דאָס געווער ליגט נעבן דיר און דריקט דיך נישט. דער קלינגנדיקער נאָמען אין הינטערלאַנד, אַ מעמד פון קאַמף־אַריסטאָקראַטיע אין די אויגן פון דיינע חברים און פון די ציווילע.

און בכלל, די סכנה, ווער וואָגט זי צו נעמען אין חשבון? דו גייסט אַרויס אויפן געפּערלעכסטן דזשאָב, דערלאַנגסט דעם שונא פּלוצים פונעם רוקן אָדער פון אַ פליגל און קערסט זיך אום אָן באַרלוסטן. און צומאָרגנס גייסטו אַרויס אויף אַ שאַבלאָנעם נודנעם דזשאָב, פאַלסט אַריין אין אַ לויער און פאַרלירסט אַ האַלבע איינהייט.

לויט אונדזער פּראַקטיק אין קאַמף זענען מיר זיכער, אַז גוטע באַוועגלעכקייט איז וויכטיקער ווי די דיק פונעם פּאַנצער. דער כוח פון פייער איז וויכטיקער ווי אַ גרעסערע צאָל מענטשן, און איבער־ראַשונג איז וויכטיקער ווי די באַפעסטיקונג פון דער פּאָזיציע.

פופציק קילאָמעטער.

דער דזשיפּ איז כמעט געוואָרן אַ טייל פון אונדזער קערפּער, אַ שטייגער ווי אַמאָליקע רייטערס, וואָס זייערע פיס פלעגן זיך אויסקרימען און צופּאַסן צום קערפּער פון פערד. מיר האָבן שוין פאַרגעסן וואָס עס איז אַזוינס גיין צופוס. פּאַראייניגוועגס זענען מיר געפאָרן מיטן דזשיפּ באַקוקן דעם נייעם ברונעם און טרינקען גאַזאָז אין דער קאַנטין פון גדוד.

זעכציק קילאָמעטער.

פאַטמאַ הייבט זיך אָן צו וועקן. פאַטמאַ, דאָס מיינט אונדזער־

דזשיפּ. אַזוי רופט מען אים אויפן נאָמען פון אַן אַראַביש שיין מיידל, װאָס איר בילד האָב איך דעראָבערט אין דיר־מוחיסין און איך טראָג עס פון דעמאָלט מיט מיר, כדי צו צערייצן די מיידלעך אין תל־אָביב.

עס איז נישט לייכט געווען צו באַשטימען אַ פּאַסיקן נאָמען פאַר אונדזער דזשיפּ. עס זענען געווען אַ סך פּראָיעקטן. מלך האָט געוואָלט דעם נאָמען „בזק" (בליץ). איך האָב פאָרגעלייגט „שד", „פּרעוש" (פלוי) און „זשוק". זלי קרייזמאַן האָט פאָרגעשלאָגן „דער ריטם", „זאָל לעבן", „די פריילעכע אלמנה" און די „צנ־יעותדיקע שושנה". ביז מיר האָבן איינשטימיק באַשלאָסן אים אַ נאָמען צו געבן „טאַטמאַ".

זיבעציק קילאָמעטער.

די שנעלקייט הייבט אָן אַריינדרינגען אין די ביינער. דאָס פּנים ווערט געשפּאַנט און נישט פילנדיק שווימט אַרויף אויף די ליפּן אַ שמייכל פון הנאה. מיר בויגן זיך צו פאָרויס און יאָגן אונטער מלך'ן. אָבער מלך נויטיקט זיך נישט אין אונטעריאָגונג. דער שגעון פון שנעלקייט האָט אים שוין באַהערשט.

אַכציק קילאָמעטער.

דער דזשיפּ שלינגט די ווייטקייט און פליט ווי אַ פייל פון בויגן. דער ווינט שמייסט אין פּנים און פייפט אַרום אונדז ווי טויזנט קוילן. פון צייט צו צייט באַשפּריצט ער אונדז מיט שפּליטערס שטויב און שטיקלעך שטיינער, וואָס טרעפן אין אונדזערע פּנימער ווי בליי.

ניינציק קילאָמעטער.

אונדזערע אויגן טרערן. נאָר מלך האָט אַ פּאָרברילן. אומזיסט שטרענגען מיר אָן די אויגן, בכדי צו זען דאָס בילד אַרום אונדז. אַלץ איז מטושטשדיק. פונוייטן באַווייזט זיך אַ מאָטאָציקל פון דער צווייטער ריכטונג, טאַנצט אויף אַ משונהדיקן אופן העכער און נידעריקער. אַ שאַרפער פייף — און ער איז שוין אונטער אונדז.

אַלץ טאַנצט — אַפילו דיביימער ביי די זייטן פון שאָסיי. זיי זעען אויס ווי אַ תל־אָביבער בחור פון דער גאָלדענער יוגנט, וועלכער טאַנצט דעם לעצטן רומבאַ — ערנסט און קאָמיש צוגלייך.

מיר האַלטן זיך אָן מיט אַלע כוחות אָן דעם שטעל־דרייפוס, בכדי מיר זאָלן נישט אַראָפּקייקלען זיך אויפן שאָסיי.

פינפאונניינציק.

מיר זענען שיכור. דאָס איז אַ פּרעכטיקע שיכרות, אַ ניכטערע

שיכרות, וואָס שפּיצט אָן אַלע דיינע חושים. אונדזער בלוט זינגט. דער דזשיפּ זינגט. די וועלט אַרום זינגט. שטיקלעך פּערזן שווימען אַרויף און ווערן תיכּף פאַרשוואונדן. „זאָלן די רעדער פון דער „מאָטאָריזירטער" פאַרוואַנדלט ווערן אין די רעדער פון נצחון...״ „אין דזשיפּ, וואָס פליט ווי אַ ווינט...״ די שטיקלעך נעמען זיך בּישט צונויף אין איין לאַגישן געבוי. זיי קומען און פאַרשווינדן ווי די וואָלקנס אין הימל.

מיר קומען אַריין אין אַ פאַרבויטן שטח. די שנעלקייט גייט אַראָפּ. זעכציק, פערציק, דרייסיק. מיר כאַפּן זיך אויף ווי נאָך אַ חלום און קוקן זיך איין איינער אין צווייטנס פּרצוף. איך רייב די אויגן. די מוסקולן פון פּנים ווערן אַנטשפּאַנט.

די מענטשן ביי די זייטן פון שאָסיי קוקן זיך איין אין אונדז. מיר זענען באַדעקט מיט שטויב, אונדזערע פּנימער שיינען. די כּטענען סטאַרטשען אַרויס צום הימל. די קוילן־גאַרטלען גלאַנצן אַרום אונדזערע העלדזער.

שוין איינמאָל געמאַכט אַ לעבן.

פאַר די דזשיפּן־אָפּטיילונגען איז נישט געווען קיין איבעררייס. ס'זענען שנעל אויף אונדז אַרויפגעלייגט געוואָרן פיל אויפגאַבן — אויספּאַרשן די פיינטלעכע ליניע אין דער לענג פון פראָנט. „אויסשפּירער מיט כּוח", סכּדי צו דערוויסן זיך וועגן די כוונות פון שונא צו באַנייען די קאַמפן, דרוק אויף די אַראַבּישע דערפער מזרחדיק פון דער ליניע חולדה—כּפר־מנחם.

31־טער יוני, 1948. לאַגער פון גדוד.

געוויינלעכער פּאַטראַל

די אויפגאַבע איז: אַ באַוועגלעכער פּאַטראָל אויף דער לענג פון די איבעררייס־גרענעצן. אויב מיר וועלן זיך אָנשטויסן אויף אַראַבער, דאַרף מען מיט זיי אַריין אין קאַמף.

מיר האָבן אַרויפגעלייגט דאָס געווער אויף די דזשיפּן, גרייט צו דער אַרבעט. אין לעצטן מאָמענט גיט מען מיר איבער צו אַרבעטן ביים ראַדיאָ־אַפּאַראַט, וואָס פאַרבינדט די קאָמאַנדירן פון די דזשיפּן מיט אשר אשרוב, דער קאָמאַנדיר פון די אָפּטיילן.

די דריי דזשיפּן לאָזן זיך אַרויס אויפן וועג. אין פלוג איז עס אַ קליינער כּוח, אָבער זיין פייער־קראַפט איז אַ ריזיקער.

דער דזשיפּ שפּרינגט אויפֿן שטעג ווי אַ ווידערשפּעניקער לאָשיק. מיר האַלטן זיך אָן אין די געשטעלן פֿונעם געווער. איך האַלדז דעם אַפּאַראַט ווי אַ קליין קינד.

נאָך אַ פּאָר מינוט באַוועגן מיר זיך אין אַ ווייסלעכן וואָלקן־שטויב. כמעט אַלע פֿאַרמאָגן נישט קיין ברילן, און די זע־פֿעאיקייט גייט אַראָפּ ביזן נול־פּונקט. דער שטויב קריכט אין די נאָזלעכער, אין מויל און אין די אויערן אַריין. שלום, וועלכער פֿאָרט אין דזשיפּ פֿאַר מיר, האָט פֿאַרבונדן די נאָז און דאָס מויל מיט אַ טיכל. אַלע פּוצן מיר אויס דעם איינפּאַל, און איצט זעען מיר אויס ווי די בלאַקאַטן־קלעבער פֿון אצ״ל.

„האַלאָ הגר איינס, אַ טעלעגראַם פֿאַר הגר צוויי, אַריבער...“

ראובן הובער, וועלכער אַרבעט צום ערשטן מאָל מיטן ראַדיאָ, נעמט איבער זיין שטעלע. בעצם דאַרף מען נישט קיין דערקענונגס־סימנים. דער קאָנטאַקט איז בלויז צווישן צוויי אַפּאַראַטן. אָבער ראובן האָט אַ הנאה פֿונעם פּאַכמענישן „שוויץ“, און ס׳איז מיר אַ שאָד אים פֿאַרשטערן זיין שמחה.

„האַלאָ הגר איינס — אַ טעלעגראַם פֿאַר הגר צוויי — ווי געפֿעלט דיר דער שטויב — אַריבער...“

„האַלאָ הגר איינס — רות — סוף“.

מיר גייען אַריין אין דער איבעררייס־גרעניץ און הייבן אָן זיך באַוועגן לענג־אויס איר. מיר קענען דעם געביט פֿון פֿריערדיקע אָפּעראַציעס. יעדעס בערגל און יעדער שטעג דערוועקט ביי אונדז דערינערונגען. אָט איז דער קעמפּ וואַדי־סאַראַר, וואָס איז איינגענומען געוואָרן אין די נחשון־טעג.

פֿאַר אונדז איז אַן אויפֿגעריסענע בריק. אשר שפּרינגט אַראָפּ פֿון דער ערשטער מאַשין און קאָנטראָלירט דעם וואַדי. ער איז טיף און משופּעדיק, אָבער מיר מוזן אים אַריבער. מיט אַ פּאַמעלעכער באַוועגונג, מיטן „ספּעציעלן“ גאַנג גייט אַראָפּ דער ערשטער דזשיפּ, בעת דער לעצטער איז גרייט צו דעקן. דער דזשיפּ פֿאַרהאַקט זיך אונטן, שטאַרקט זיך, צעהוסט זיך, שפּרינגט און גייט אַרויף פֿון דער אַנדערער זייט. דער ווינקל איז כמעט 50 גראַד, און די מענטשן ליגן כמעט. אַלץ זעט אויס ווי אין אַ האָליוואָודער פֿילם־כראָניק. אַ שאָד וואָס איך האָב נישט קיין פֿאָטאָ־אַפּאַראַט.

די צווייטע און דריטע מאַשין גייען אַריבער די שטערונג און קומען אַרויף אויפֿן שאָסיי.

מיר גייען ווידער פֿאָרויס מיט גרויסער שנעלקייט. אַלבערט און

דוב זענען איינגעבויגן אונטערן געווער. דאָ איז דער געפערלעכער געביט. ס'איז ליבער נישט צו פאַרלאָזן זיך אויף דער אומפאַרזיכטיקייט פון די אַראַבער.

פון ווייטן — אַ פּאָר אַראַבער מיט קעמלען, וואָס זענען אַריינגעדרונגען אין אונדזער געביט. דערזעענדיק אונדז, אַנטלויפן זיי, אָבער די ערשטע מאַשין שפּרינגט אַראָפּ פון שאָסיי און פאָרט זיי נאָך. די אַראַבער שטעלן זיך אָפּ, ציטערנדיק פאַר שרעק. זיי הייבן אויף די הענט צום שטערן. געוויינלעכע פּויערים.

שלום כהן, אונדזער „אַראַביש רעדנדיקער", זוכט געווער ביי זיי אין די קליידער און פאָרשט זיי אויס. זיי גיבן אים איבער פּרטים וועגן געביט. ווען מיר באַפרייען זיי, לויפן זיי שנעל און אַנטלויפן.

מיר דערנענטערן זיך איצט צום אַראַבישן דאָרף סג'ד, אַ באַלאַנטער אויפבהאַלט־אָרט פון אַראַבישע קעמפער. נאָענט צו דער איבעררייס־גרעניץ שטעלן מיר זיך אָפּ הינטער אַ באַרג־קייט. בלויז אונדזערע קעפּ און דאָס געווער שטאַרן אַרויס צום שונא.

ער פאַרטיפט זיך נישט אין דער געאָגראַפיע פון דעם איבעררייס. ער עפנט אַ פייער אָן איבעריקע קווענקלענישן. די קוילן פייפן איבער אונדזערע קעפּ.

מיר פרייען זיך, אַז ענדלעך האָבן מיר אַ געלעגנהייט צו קלאַפּן פון אונדזער געווער. אשר גיט דעם צייכן און די מאַשינען־געווער שפּייען פייער.

„שטעל אָפּ דאָס פייער!"

מיר קערן זיך אום און טראָגן זיך אָפּ. עס האָט נישט קיין זין אַריינצולאָזן זיך אין אַ לענגער פייער־געפעכט. אונדזער אויפגאַבע איז אויסצושפּירן דאָס געביט.

מיר גאַלאָפּירן צום דאָרף גזזה און פאַרכאַפּן ווידער אַ פּאָזיציע הינטער אַ קייט בערגלעך. דאָס דאָרף איז רואיק, אָבער פון דער זייט פון סעדזשיד איסט מען נאָך אין אונדזער ריכטונג. אַ שאָד די אַמוניציע.

די אויפגאַבע איז פאַרענדיקט. מיר גאַלאָפּירן צוריק לענג־אויס דעם שאָסיי, צו דער אויפגעריסענער בריק. אַלבערט מינדלער, וועלכער זיצט פאַר מיר, זעט אויס ווי אַ בעקער נאָך אַ טאָג אַרבעט, אינגאַנצן באַדעקט מיט אַ ווייסן שטויב. אפרים, דער שאָפער, זעט אויס ווי אַ טויכער — דער קאָפּ אינגאַנצן צוגעדעקט מיטן היטל, מיט ברילן און מיטן טיכל — אַלץ באַדעקט מיט אַ דיקן שיכט שטויב.

אויך דאָס געווער איז פאַרשטויבט, אַ וואונדער, אַז ס׳האָט געאַרבעט ווי געהעריק.

די דזשיפּן פליען מיט אַ גיכקייט פון הונדערט קילאָמעטער. מיר זענען אין פייער־געביט פון שונא, וואָס שיסט אונדז נאָך. ער האָט אָבער נישט קיין אויסזיכטן אונדז צו טרעפן — די גיכקייט איז דער בעסטער פּאַנצער.

עס פליט עפּעס איבער מיר — אַלבערטס טיכל. נאָך אַ פּאָר מינוט פליט אפרימס היטל. פאַרלוירן — נישטאָ קיין מעגלעכקייט אָפּצושטעלן זיך און אויפהייבן עס. מיטביידע הענט האַלט איך מיין היטל און דעם סטען. די מוסקולן פונעם שטערן טוען ווי פון זשמורען די אויגן, וועלכע זענען רויט און פאַרטרערט פון שטויב.

ווידער דער וואדי. מיר גייען אַראָפּ פונעם שאָסיי מיט אַ קעגנזייטיקער דעקונג. דאָסמאָל ענדיקט זיך דער פּראָצעס מיט אַ רעלאַטיווער שנעלקייט. מיר האָבן עפּעס געלערנט פון דער פּראַקטיק.

מיר דערווייטערן זיך פון דעם גרענעץ־געביט און שניידן איבער עקרון. אין צענטער איז דאָרט דאָ אַ קליינער זעלנער־קלוב — אַ היינער קלוב — אַן אויפּטו, וואָס איז ווערט אַנערקענונג. דאָרט זיצן צוויי פיינע מיידלעך. צו ערשט דערשרעקן זיי זיך, ווען מיר רייסן זיך אַריין, פאַרשמירטע, פאַרשטויבטע פון קאָפּ ביז פיס. דערנאָך לאַכן זיי. דער לייכטער, לויטערער געלעכטער מאַכט אונדז פאַרגעסן די מידקייט. מיר טרינקען גאַזאָז און ביר און פילן זיך ווי העלדן. די דזשיפּן מיט זייער פאַרשטויבט געווער, זעען־אויס ווי נאָך אַ שווערן קאַמף. זאָל לעבן דער רושם...

צוריק צו דער באַזע. אין קאָפּ בלויז איין חלום — אַ קאַלטער טוש און אַ בעט. דער איבעררייס האָט אונדז ווייך געמאַכט. ס׳איז געקומען די צייט זיך צוצוגעוואוינען צו קאַמף־ליידן.

איבעררייס....

איינע פון אונדזערע אויפגאַבן האָט אונדז געצוואונגען צו פאַרברענגען אַ פּאָר טעג אין סאַראַפּאַנדער קעמפּ. דאָרט איז אונדז צום ערשטן מאָל געגעבן געוואָרן די געלעגנהייט צו לעבן נאָענט מיט די מענטשן פונעם פּלמ״ח — די בדודים פון „הראל“, וואָס האָבן געוואוינט אין דעם קעמפּ.

די באַציאונגען צווישן אונדז און דעם פּלמ״ח זענען געווען מאָדנע אין אַ געוויסער מאָס. אָנהייב מלחמה האָט אונדז פאַרדראָסן די פּאָפּולאַריטעט, צו וועלכער זיי האָבן זוכה געווען אין אַלע זייערע מעשים, בעת קיינער האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט אונדזערע טאָטן. ס׳איז שטענדיק פאַראַן אַן אומגע־

רעכטיקייט אין דער פּאָפּולאַריטעט, וועלכע פאַרצייכנט איין אייניקייט צום שלעכטן לגבי דער צווייטער. די באַציאונגען צווישן פלמ"ח און תי"ש זענען געווען בענוג אײַנגעשטרענגט.

אָבער אין משך פון די טעג, האָבן די פלמ"ח־מענטשן זיך באַליבט געמאַכט ביי אונדז צוליב זייער גייסט און אינערלעכער אָרדענונג. עס האָבן זיך געשאַפן וואַרעמע פריינטלעכע באַציאונגען צווישן גבעתיס חטיבה און די חטיבות פון הראל, יפתח און סערגיי, מיט וועלכע מיר האָבן אָנטייל גענומען אין פאַרשידענע תקופות. די קעגנזייטיקע פאַרערונג איז אויסגעוואַקסן נישט נאָר פון אָנערקענען די קעמפערישע אייגנשאַפטן, נאָר אויך פון דעם בשותפותדיקן צוגאַנג צו די מיליטערישע אָרדענונגס־פּראָבלעמען. מיר האָבן גענומען אָנערקענען די ווערטן פונעם פלמ"ח, די פלמ"חישע חברשאַפט צווישן די ראַנגעס, דעם דערציאונגס־צוגאַנג, וואָס שטעלט העכער די שיטה פון דערקלערן איבער דער שיטה פון באַפעלן.

22־סטער יוני, 1948. סאַראַפאַנד.

אין די געלטן פון פלמ"ח

אַ זייגער 10 זענען מיר צוריקגעקומען פונעם פּאַטראָל. אין משך פון דעם גאַנצן טאָג האָבן מיר שפּאַצירט אויף אונדזערע דזשיפּן, און די אויפגאַבע איז געווען גאָר אַ נודנע. מיר האָבן געדאַרפט צוריק אָנהייבן אַ זייגער צוויי ביינאַכט. מיר האָבן נישט געהאַט קיין חשק צו פאַרברענגען די פּאָר פאַרבליבענע שעה אויפן שטיינערנעם דיל פונעם באַראַק. מיר האָבן עפּעס געזוכט, עס זאָל אונדז מאַכן פאַרגעסן דעם אומאַנגענעמען דזשאָב. אָבער נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך געפונען ווייט פון אונדזער באַזע און מיר זענען פרעמדע אויפן פּלאַץ, האָבן מיר נישט געהאַט וואָס צו טאָן.

עמעץ ברענגט די בשורה, אַז אין אַן אייניקייט פון פלמ"ח אויפן אָרט קומט פאָר אַ פאָרשטעלונג פונעם קאַמער־טעאַטער „ער איז געגאַנגען אין די פעלדער". מיר האָבן אין דער צייטונג געלייענט וועגן דער פאָרשטעלונג. מיר האָבן אָבער נאָכנישט געהאַט קיין אורלויב. מיר באַשליסן די פאָרשטעלונג צו זען, זאָל זיין וואָס עס וויל.

„מ'לאָזט נישט אַהין אַריינגיין", זאָגט עמעץ. „אַפילו פלמ"חניקעס פון אַנדערע אייניקייטן האָט מען אַרויסגעטריבן פונעם זאַל, און דעם חי"ש וועט מען אָן ספק פאַרטרייבן".

„מיר זענען קאַמאַנדאָ אָדער נישט?" פרעגט דוב קירשנבוים.

„יאָ, אָבער פאַרשטיי, אַז..."

„אויב אַזוי, וואָס איז דאָ צו רעדן? מירן זיך דורכרייסן!"

אויפן וועג טרעט איך אָפּ ביי פּעסיען, אַ פּלמ"חניצע מיט וועלכער איך האָב זיך באַקענט אין קאַנטין. זי האָט אַ חוצפּהדיקע נאָז פאַרריסן אויף אויבן, גרינע אויגן און אַ פּנים ווי אַ לבנה. זי האָט מיך פאַרבעטן, איך זאָל איר באַזוכן — ווייל אירע בחורים זענען אַלע באַשעפטיקט אין תל־אביב אין צוזאַמענהאַנג מיט אצ"לס שיף.

אין אַלגעמיין באַווייזן נישט די פּלמ"חניצעס קיין פיין פּנים די חי"ש־מענטשן. זיי קוקן אויף אונדז פון הויך־הויך, און אויב דו ביסט נישט ספּעציעל מוטיק, זאָל דיר נישט איינפאַלן צו פרעגן זיי ווי שפּעט ס'איז. נאָר מיט די דזשיפּ־מענטשן פירן זיי זיך לפנים משורת הדין. אין האַרצן באַווייליקן זיי אונדז צו געבן דעם שטאַנד פון פּלמ"ח. און נאָך אַלעמען, אַ דזשיפּ איז אַ דזשיפּ, און איר וועט דאָך אַלע מסכים זיין, אַז מען קען נישט מזלזל זיין אַזאַ שפּילעכל, ווען עס איז באַפּוצט מיט מאַשינען־געווער, וואָס מאַכן אַ גרויסן רושם, אַפילו ווען ס'איז אויף אים נישטאָ דער עמבלעם פון פּלמ"ח, אָנגעצייכנט מיט קרייד...

שלעכט. אין באַראַק פון די פּלמ"ח־טעכטער איז פאַראַן אַ בחור, אַ נישט־געפעלשטער אמתער פּלמ"חניק. פּעסיע זאָגט, אַז זי האָט שוין געזען די פאָרשטעלונג, און ממילא האָט איר איינהייט נישט קיין איינטריט־רעכט. נאָר אויב איך וויל דאָרטן פּרוּוון מיין מזל, טאָ ביטע...

דער גרויסער ספּאָרט־זאַל איז אַרומגענומען מיט פּלמ"חניקעס און פּלמ"חניצעס, וואָס באַלאַגערן די טירן. אינעווייניק איז קיין פּלאַץ נישטאָ. באַבערדלטע יונגעלייט, וואָס האָבן געזיגט אין צענדליקער קאַמפן, פּרוּוון אומזיסט אַריינרייסן זיך אין זאַל. די איראָניע פון גורל...

אינעווייניק לעשן זיך די ליכטער. אַ באַקאַנט קול הייבט אָן עפּעס דעקלאַמירן. די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן — און מיר זענען אין דרויסן.

דוב און איך דרייען זיך אַרום דעם בנין. איך פּרוּוו אַן אַלט מיטל — איך קלאַפּ אָן אין דער טיר פון דער בינע און פרעג באַאיוו — „אַנטשולדיק מיר, בתיה לאַנצעט איז פאַראַנען?" אָבער דאָרט שטייט אַ פעסטער פּלמ"חניק, און גאָר נישט קיין באַאיווער, ער פאַרמאַכט מיר פּשוט די טיר פאַר דער נאָז.

איך הייב זיך אָן אויפצורעגן. וואָס זענען מיר דאָ עפּעס —

קאַמאַנדאַ אָדער נישט? פאַר דער הינטערשטער טיר שטייט אַ גרופּע, וואָס געהער צום פערטן גדוד. דער אָרדענער לאָזט זיי אַריינגיין. מיר שטופּן זיך אַריין אין דער גרופּע און קומען ענדלעך אַריין.

אינעווייניק זענען אַלע זיצפּלעצער פאַרנומען. שטייענ; יק קאָן מען גאַרנישט זען. דוב גייט אַרויס און ברענגט אַריין צוויי קאַסטנס. מיר שטייען אויף זיי און... זען. און וואָס אַנבאַלאַנגט הערן...

דער חשובער עולם האָט גאָרנישט בדעה זיך צו באַנוגענען מיט דער פּאַסיווער ראָל אין דער פאָרשטעלונג.

„אַ פּיעסע פון פלמ״ח־לעבן" — דאַכט זיך מיר, אַז אַזוי איז געווען געמאָלדן אויף די פּלאַקאַטן אין תל־אביב. און דאָ איז עס געוואָרן אַ ווירקלעכקייט.

אַ קליינער טייל זיצט אויף שטולן, אַ גרויסער טייל שפּאַצירט אָן אויפהער ביי די זייטן און צווישן די דורכגענג. אַ טייל האָבן זיך געפונען פּלעצער אויף די גימנאַסטיק־לייטערס ביי די ווענט. זיי זענען דאָרט צוגעקלעבט אין מאָדנע פּאָזעס. אַ טייל זיצן אויף די פענצטער דריי מעטער הויך. ווייניקסטנס צוואַנציק זיצן פיר מעטער איבער אונדזער קאָפּ, אויף די בעלקעס, וואָס האַקן איבער דעם זאַל אין דער ברייט. זיי גייען אַרויף און אַראָפּ מיט שטריק, לויט די בעסטע כללים פון פּראַקטישן ספּאָרט, און זעען אויס בעסער איידער זוען עס איז, ווי טאַרזאַנען. עס דאַכט זיך דיר יעדע מינוט, אַז אָט פאַלן זיי דיר אַרויף אויפן קאָפּ. אָבער נאָר נישט זאָרגן. זיי האָבן באַקומען זייער איבונג...

די פּיעסע פונעם פלמ״ח־לעבן אַנטוויקלט זיך שיין. חנה סוקענניק קושט אויף דער בינע עמנואל בן־עמוס׳ן.

„שוואַך" — זאָגט אַ פלמ״חניק, אַ דזשינדזשי מיט סטאַלין־וואָנסעס — „מען דערקענט, אַז ער איז ביי אונדז נישט געווען".

„זעט נאָר ווער עס רעדט" — באַמערקט אַ זעלנערקע מיט אַ חוצפּהדיקער נאָז נעבן אים. — „דאָן־זשואַן, הערצער־צעברעכער. אפשר וועסטו ווערן אַ גדודישער קושער?"

דער דזשינדזשי ציט מיט די אַקסלען און שפּאַצירט צו דער צווייטער זייט פון זאַל.

די דעק פונעם קעסטל, אויף וועלכן איך שטיי, איז 30X30 סמטר. איך בין זייער מיד און קאָן מער נישט שטיין. איך שפּאַציר איבערן קעסטל, ווי אַ שטייגער „אויפן אָרט טרעט!"

דער מ״מ אויף דער בינע דערקלערט אורי׳ן די אויפגאַבע פון

דער הטיבה. דערווייל אַנטפּלעקט דער מ״מ אַ פּרצוף, וואָס קומט אים פאַר באַקאַנט. „אהלון״, יאַנקעלע! ווי ביסטו געווען?״. „העלאָ סרוליק! וואָס פאַר אַ פראַגע, כ׳האָב געקייפט אין תל־אביב. איך זאָג דיר, די אצ״לניקעס...״ דער מ״מ פאַרלאָזט דעם טייערן בלאַץ און דערווייטערט זיך אין מיטן רעדן...

דאָס הייסט נישט, אַז דער עולם הערט זיך נישט צו צו דער פאָרשטעלונג. פאַרקערט, ער הערט זיך גוט צו. נאָר ער איז צופיל דירעקט און קיין נאַטירלעכקייט. ער זאָל זיך באַגנוגן בלויז מיט איין זאַך. און אַזוי שפּילן חנה און עמנואל אויף דער בינע, און ס׳שפּילן יוסף און איתן און דני אין זאַל — און איינער דעם אַנדערן שטערט נישט. אַ פולע האַרמאָניע — אַ פּיעסע פונעם לעבן פון פּלמ״ח...

די ליכטער צינדן זיך אָן. אָבער די פאָרשטעלונג אין זאַל ציט זיך אָן אַן איבעררייס. די טאַרזאַנעס לאָזן זיך אַראָפּ מיט די שטריק פון דער סטעליע. אין ווינקל שטופּט זיך דער עולם אַרום רותי, אַ שוואַרצינקע, וואָס איז אָנגעטאָן אין אַ בלוזקע און ווייסע הויזן, וואָס שטעלט אויס אַ פּאָר פיס, וועלכע זענען ווערט אויסצושטעלן. זי שטייט אויף אַ קעסטל, און די בחורים, די מוטיקע מיט די אויסטראַלישע היטן, שטייען פאַר איר און דערמאָנען די באַוואוסטע באַגעגעניש פון ראָמעאָ און יוליע.

די ליכטער לעשן זיך ווידער. אויף דער בינע קומט פאָר אַ גרויסער אָנגריף. מען דאַרף אַ פרייוויליקן פאַר אַן איינגעשטעלטער אויפגאַבע. אַ גאָרנישט — יעדער איינער אין זאַל וואָלט געוואָלט געגאַנגען...

ביים פענצטער איז אַ גרויסער רעש. איינער פון די „דורכרייסער״ איז אַרויסגעפאַלן און מיט זיך מיטגעריסן דאָס פענצטער. אַ ווײַלע האָט אורי זיך דערשראָקן אויף דער בינע. דערנאָך זעצט ער פאָר זיין אָנגריף.

די פאָרשטעלונג לאָזט זיך אויס. ס׳איז שווער צו זאָגן, אַז צווישן עולם איז רואיק. עמעץ דראַפּעט זיך אויף די ווענט, אָדער קריכט פון אונטער דער סטעליע, אָדער דערציילט אַ טשיזבאַט, אָדער באַשעפטיקט זיך מיט אַ מיידל — איז וואָס דערביי? דער עולם איז אינגאַנצן דורכגעדרונגען מיט אַ גוטן ווילן. ער שאַצט אָפּ די שוישפּילער אויף דער בינע און גייט נאָך, לויט זיין שטייגער, דעם וואָס זיי טוען דאָרט, און דער ענין אינטערעסירט אים. און נאָך אַלעמען וועט איר דאָך נישט פאָדערן פון קאַמף־מענטשן זיי

זאַלן זיצן רואיק, ווי אַן עולם פון די „איינגעאָרדנטע״ אין מונדורך אין מוגראַבי־זאַל...

געגנוג. אורי איז טויט. מיר גייען אַרויס. דער זייגער איז נאָך איינס ביינאַכט. דאָ און דאָרטן שאַפן זיך פּאַרלעך. איך שפּאַציר לענג־אויס דער אַלעע צום פּלאַץ, וואו מיר געפינען זיך. אַ פערטל שעה ווייט. דער וועג איז רואיק, די שטערן לייכטן, און איך בין אַליין אויפן וועג. פון הינטער מיר שטילן זיך איין די קולות פון די פּלמ״חניקעס, וועלכע זוכן זיך אויסצולאָדענען נאָך דריי שעה „אָפּרו״.

פון קעגנאיבער קומט אָן אַ דזשיפּ. אין אים זיצט שאול, דער שאָפער אונדזערער, באַקרוינט מיט אַן אויסטראַלישן הוט און אַראַבישע קרעלן. ער זוכט מיך. מ׳האָט געביטן די שעה — מיר גייען שוין אַרויס אויפן פּאַטראָל.

די פיל אויסשפּירונגען, וועלכע מיר האָבן געמאַכט אין די טעג פונעם איבעררייס, האָבן אונדז געגעבן אַ גוטע איבונג. מיר האָבן זיך געלערנט באַנוצן דאָס נייע געווער — דעם דזשיפּ. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט אויסצונוצן אונדזער מעלה, די שנעלקייט. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט היטן אונדזערע ביינער אין מאָמענטן פון סכנה. און כאָטש אַ סך פון אונדז זענען פאַרוואונדעט געוואָרן אויף אַ לייכטן אָדער שווערערן אופן אין די דאָזיקע אויסשפּירונגען, איז דער פּרייז געווען כדאי. די פּראַקטיק, וועלכע מיר האָבן דערוואָרבן, האָט אָפּגעראַטעוועט אונדזער לעבן ביים אויסברוך פון די שלאַכטן.

‏—טער יולי 1948, דער קעמפּ פון גדוד.

שכר לימוד

אונדזער ערשטער דזשיפּ איז פאַרביי דאָס אָרט, ווען צו מיר איז דערגאַנגען דער ראַדיאָ־רוף פון ראובן, דעם ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט פונעם לעצטן דזשיפּ:

„האַלאָ, נשר דריי — האַלאָ, נשר דריי — אַ טעלעגראַם פאַר נשר איינס. — איך זע אַראַבער אין שטח — איך זע אַראַבער אין שטח — אַריבער!״

דער באַפעל איז געווען צו נעמען אין געפאַנגענשאַפט יעדן אַראַבער.

עובדיה רעכטמאַן האָט אויסגעדרייט דעם דזשיפּ און איז אין גאַלאָפּ צוריק אויפֿן אָרט. שוין אין פֿאָרן האָבן מיר געהערט די שיסערייַ און אויפֿן אָפֿענעם פֿעלד געזען דריי אַראַבער אַנטלויפֿן.

די תּאווה פֿון געיעג האָט אונדז באַהערשט. מיר זענען אַראָפּ פֿונעם שאָסיי און אָנגעהויבן יאָגן אין אָפֿענעם פֿעלד, כּדי פֿאַרשטעלן זיי דאָס אַנטלויפֿן. ירוחם, וואָס איז געזעסן בײַם מאַשין־געווער, האָט אַ פּאָר מאָל אויסגעשאָסן מיטן „אײַנ־צעלער", אָבער די אַראַבער זענען ווייטער געלאָפֿן.

די מאַשין האָט אָנגעהויבן שפּרינגען. דאָס פֿעלד איז געווען באַדעקט מיט הויכע געוויקסן, וואָס האָבן פֿאַרשטעלט דעם געבוי פֿון דעם שטח. ס'איז אונדז מער נישט איבערגעבליבן ווי וואַרטן אויף אַ גוט מזל. די אויפֿגאַבע איז זייער אַ וויכטיקע.

דער דזשיפּ שפּרינגט ווי מטורף. איך האַלט אַרומגענומען דעם אַפּאַראַט און האָב נישט בײַ וואָס זיך אָנצוהאַלטן. אין לעצטן מאָמענט באַווײַז איך נאָך אַרײַנצוגעבן די אַנטענע אין אַפּאַראַט אַרײַן.

אַ שפּרונג אין דער הויך. מיר האָבן אָנגעטראָפֿן אַ קליינעם וואַדי. איך פֿלי אַרויף אַ מעטער די הייך, און קוים ווי עס איז צוריק צו מײַן אָרט. דער אַפּאַראַט איז נאָך אין מײַנע אָרעמס.

אין דעם מאָמענט קומט דער צווייטער זעץ. קיינער האָט נישט געזען דעם וואַדי. איך האָב בלויז געשפּירט אַ פֿאַל אַראָפּ און אַ שאַרפֿן שפּרינג אַרויף. איך כאַפּ אַ פֿעסטן קלאַפּ פֿון פֿאָרנט און ווער געשליידערט הינטערווײַלעכטס. בעתן פֿליען שלאָג איך זיך אָן אָן דובן, דעם צווייטן אַרטילעריסט, וועלכער פֿליט אויך אין דער לופֿט. איך פֿאַל אויף דער פּלייצע, דרײַ מעטער פֿון דעם דזשיפּ, וועלכער שטעלט זיך אָפּ.

איך שטיי אויף. מײַן מוח אַרבעט נישט, נאָר אינסטינקטיוו שפּאַן איך אַ פּאָר טריט צו זען צי כ'האָב נישט צעבראָכן אַן אבר. די הענט און די פֿיס אַרבעטן אין אָרדענונג.

מײַן קאָפּ איז באַטויבט. איך שפּאַן אַהין און צוריק אָן אַ ציל און אָן געדאַנקען ווי אַ לונאַטיקער. דער גאַנצער קערפּער ציטערט.

ווי דורכן נעפּל זע איך, אַז אויך דוב דרייט זיך אַרום ווי אַ לונאַטיקער. איך זע עפּעס־וואָס רויטס, רויטס. בלוט.

איך דערוואַך. ער איז פֿאַרוואונדעט. איך צי אַרויס פֿון דער

טאַש מיין אינדיווידועלן באַנדאַזש און פאַרבינד אים דעם האַלדז. ער האָט אַ שניט ווי אַ געשאָכטענער.

ער שעלט מיך. דער באַנדאַזש איז צופיל איינגעצויגן. איך עפן אים פונדאָסניי.

ערשט איצט זע איך, אַז בלוט רינט מיר פון פנים. אַ קליינער קראַץ אין דער נאָז. איך ריר עס נישט אָן.

דער פוס טוט וויי. איך פאַרקאָשער די הויז. אַ לאַנגער קרעל, אָבער נישט איבעריק טיף.

עובדיה און ירוחם זענען נישט פאַרוואונדעט.

„פאַרטזועצן?" — שרייט עובדיה.

„פאַרטזועצן!" — ענטפערט ירוחם.

דער דזשיפּ פאָרט פאָרויס אַ פּאָר שריט און פאַרהאַקט זיך פונדאָסניי. דאָסמאָל האָט אויך ירוחם געקראָגן. ער פליט פאָרויס און כאַפּט אַ זעץ אין קאָפּ פונעם מאַשין־געווער פאַר אים. נאָר קיין וואונד זעט מען נישט.

ערשט איצט זע איך, אַז מיין בלוזע איז צעריסן. איך טו זי אויס — אַ לאַנגער טיפער שניט אין אַקסל. איך רוף עובדיהן — און ער פאַרבאַנדאַזשירט מירביידע וואונדן.

פּאַמעלעך קום איך צו זיך. איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב אַן אויפגאַבע. וואו איז דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט? דער אַפּאַראַט האָט זיך צענומען, טיילן פון אים זענען געבליבן אין דער מאַשין און טיילן זענען אַרויסגעפאַלן. איך שטעל צונויף די טיילן.

„האַלאָ, נשר איינס — אַ טעלעגראַמע פאַר נשר צוויי — אַריבער!"

אַ מאָמענט דערוואַרטונג. „האַלאָ נשר דריי..." דער אַפּאַראַט אַרבעט.

פּלוצים פאַרקאָרטשעט זיך דוב. מיר הייבן אים אויף — ער האָט געחלשט. נאָך אַ ווײַלע קומט ער צו זיך.

ירוחמס צושטאַנד ווערט אַלעמאָל ערגער. ער רעדט נישט מער. ער זיצט מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ.

ווי עס איז, גייען מיר ווידער אַרויף אויפן דזשיפּ. איך קאָן נישט זיצן — דער אבר צום זיצן איז שטאַרק צוקלאַפּט. יעדער וואָרף הרגעט אונדז פונדאָסניי. מיר קומען אָבער צוריק צום שאָסיי.

די איבעריקע דזשיפּן קומען אונדז אַנטקעגן. זיי האָבן געכאַפּט צוויי אַראַבישע יינגלעך. אשר אשרוב פאָרשט זיי, דערנאָך

לאָזט מען זיי אָפּ. אײנער װאָס איז לײכט פאַרװאונדעט געװאָרן פון אַ מאַשין־געװער קױל, איז פריער פאַרבאַנדאַזשירט געװאָרן.

אונדזער סאַניטאַר עפנט די באַנדאַזשן און באַנדאַזשירט אונדז װידער די װאונדן. ירוחם לײגט זיך אַװעק אויפן שאָסײ און רירט זיך נישט. דוב זיצט װי אַ דרימלדיקער. איך דרײ זיך אַהין און אַהער. אַלע לײדן מיר נאָך פונעם שאָק.

אשר דערלױבט עובדיהן צוריקצופירן אונדז אין אַמבולאַטאָריע. עובדיה פאָרט גאַלאָפּ אויפן שאָסײ און גײט פון אים אָפּ פון צײט צו צײט אויפן פעלד אַרויף, כדי אויסצומײדן אַן איבערגעריסענע בריק. אויפן װעג שטײגט אויף אויף אונדזער דזשיפּ שלום. ער איז נאָך מיט אַ שעה צוריק פאַרװאונדעט געװאָרן, בעת די אַראַבער האָבן אויף אונדז געשיט פײער און עובדיה איז געװען געצװאונגען צו מאַכן אַ פּאָר שאַרפע זיגזאַגן, כדי אַרײנפירן אין אַ טעות די סנײפּערס. דאָס מאַשין־געװער האָט אים צעשניטן די נאָז, און דאָס בלוט האָט זיך צעשפּרײט איבערן גאַנצן דזשיפּ.

דאָס פאָרן אויף שלעכטע שטעגן טוט װײ. יעדער שפּרונג פונעם דזשיפּ איז װי אַ האַמער־קלאַפּ אויף די קעפּ. פון צײט צו צײט דרײט עובדיה אויס דעם קאָפּ צו זען צי מיר לעבן נאָך.

*

אין דער אַמבולאַטאָריע זיצן סאַניטאַרן און קוקן אין הימל אַרײן. װען מיר דערנענטערן זיך, דערזעען זײ אונדזערע באַנדאַזשן און שפּרינגען אויף פון זײער פּלאַץ. אביבה, עובדיהס װײב, װאַשט די װאונדן און באַשמירט זײ מיט אַ זאַלב.

פּלוצים דערמאָן איך זיך אָן מײן פאָטאָ־אַפּאַראַט, װאָס כ'האָב געהאַט מיט זיך. ער איז נישט צעבראָכן געװאָרן. איך װיל פאָטאָגראַפירן, אָבער ירוחם און דוב זיצן שוין אין אַמבולאַנס. אביבה פירט מיך אויך אַרײן — און מיר פאָרן אין שפּיטאָל.

*

אין שפּיטאָל װאַרט אויף אונדז אַ סימפּאַטישער דאָקטאָר, אַ פרײװיליקער פון אײנעם פון די ענגליש־רעדנדיקע לענדער, און יוכבד, די שײנע קראַנקן־שװעסטער. זײ באַהאַנדלען דובן און ירוחמען און לײגן זײ באַלד אַרײן אין בעט. מײנע װאונדן װעלן זײ פאַרבײַען נאָכמיטאָג.

איך בין שטאַרק הונגעריק. דאָס עסן אין שפּיטאָל איז אויסגעצײכנט — אַ געבראָטענע הין, זופּ, קאַרטאָפל, װײס ברויט. בלויז

צוליב דעם איז געווען כדאי פאַרוואונדעט צו ווערן. איך שמייכל צום סאַניטאַר, וועלכער פרעגט וואָס איך מאַך.

מען לייגט מיך אַוועק אויפן אָפּעראַציע־טיש און מען שפּריצט מיר איין אַן איינשטאָך צו באַטויבן דעם אַקסל. איך האָב נישט ליב קיין איינשטעך. זיי דענערווירן מיך ווי דער בויערער פונעם ־ענטיסט. נאָר דער סימפּאַטישער דאָקטאָר שמייכלט און יוכבד היט מיך איך זאָל נישט מאַכן קיין „קונצן". זי קריטיקירט די אַרבעט פון מיינע גדודישע סאַניטאַרן. אַ ציווילער מנהג, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען צום מיליטער — איין דאָקטאָר איז נישט איינשטימיק מיטן צווייטנס הייל־סיסטעם.

דער דאָקטאָר זעצט מיר אַריין אַ פאָדעם. איך פיל עס נישט, און נישט ווילנדיק לאַך איך — אַ לעכערלעכער איינפאַל, ווען מען נייט דיך ווי אַ צעריסענעם בגד.

די אויפרעגונג איז אַריבער און איך פיל זיך זייער מיד. איך קער זיך אום אין דער באַזע אין אַן אונטערלייבל און אין היטל, מיט וועלכן איך האָב זיך נישט צעשיידט אין יעדער צרה. איך וויל שלאָפן, כאָטש עס איז מיר גאָרנישט קלאָר, אויף וועלכער זייט וועל איך קענען ליגן.

אין קעמפּ האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז אַלע האַלטן מיר ביים שטאַרבן. ווען מען זעט מיך אַרומגיין אויףביידע פיס, באַרואיקן זיך די געמיטער. יעדער איינער וויל הערן איינצלהייטן — די כאַראַקטעריסטישע נייגעריקייט פון דעם זעלנער, וואָס נודעט זיך און ווייסט, אַז זיין פריינט האָט ליב צו דערציילן אַ טשיזבאַט.

איך דריי זיך ווי עס איז אַרויס פון זייערע הענט און גיי שלאָפן. איך בין געזיכערט מיט צוויי־דריי טעג רו...

*

דער איבעררייס האָט זיך געדאַרפט אָפיציעל ענדיקן דעם 9־טן יולי, 10 אַזייגער פאַר מיטאָג. דעם 6־טן יולי האָט אונדז אריה איינגעזאַמלט איך עס־זאַל, וואו ס'זענען נאָך איבערגעבליבן די דעקאָראַציעס פונעם שבועה־טאָג, און האָט אונדז פאַרגעלייענט דעם באַפעל פון דער אַקציע, וואָס וועט זיך אָנהייבן דעם 9־טן יולי ביינאַכט.

*

דעם 8־טן יולי אין די פרימאָרגן־שעהן זענען מיר אַלאַרמירט געוואָרן צו די דזשיפּן. מיר האָבן נישט געקראָגן קיין פרישטיק. מיר האָבן פאַרפּאַקט א:נדזער קאַמף־אויסשטאַטונג אין געציילטע מינוטן און זענען אויפגעשטיגן.

אין באר־טוביה האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז די מצרים האָבן די נאַכט געבראַכן דעם איבעררייס, 30 שעה האַר זיין אָפּיציעלן פאַרענדיקן. זיי האָבן דערלאַנגט אַ פלוצימדיקן ריזיקן קלאַפּ אונדזערע פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס אין בית־דאראס, וואָס איר פאַרטיידיקונג איז איינגעשטאַנען ביי שמעונס פלוגה. אין אַ באַריר־קאַמף, וואָס איז דערגאַנגען צום העכסטן פּונקט, ווערט דער אַנגריף צעבראָכן. איינער פון אונדזערע זעלנער, מתתיהו ברוכין, וואָס איז אַרומגערינגלט געוואָרן אין בונקער נאָכדעם ווי זיין געווער האָט מער נישט געטויגט, האָט צוריקגעשליידערט פיר האַנט־גראַנאַטן, וואָס זענען אויף אים געוואָרפן געוואָרן, אויף די קעפּ פון די סודאַנישע אָנגרייפער — און איז גע־ראַטעוועט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין חבר, נועם כשר.

דערווייל האָבן די מצרים אַריינגעפירט נייע כוחות אין דעם קאַמף, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַן אָנהייב פאַר אַ גרויסער אָפענסיווע. אונדז האָט מען באַפוילן אַרויסצוציין קיין בית־דאראס אַלס פאַרשטאַרקונג פאַר די באַשיצער. דער וועג פון באר־טוביה דאָרט אַהין איז אָבער געוואָרן אָפּגעשניטן דורך אַ קייט פון מצרישע טאַנקן, וואָס האָבן זיך באַוועגט אין שטח, און ערשט שפּעטער האָט מען אַנטפּלעקט, אַז אַ סך פון זיי זענען געווען פאַלשע כלים פון קאַרטאָן און לייוונט.

צום סוף איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די דזשיפּן זאָלן זיך דערנענטערן צום שונא פון דער זייט פון כפר סאופיר און אַטאַקירן אים פון הינטערוויילעכטס. זייער פלוצימדיק דערשיינען דאָרט האָט אין דער אמתן פאַרענדקט די אַרבעט פון דעם פוסגייער־מיליטער און גורם געווען די סודאַנער זאָלן זיך צוריקציען. צוליב דעם פעלער אין דעם קאָנטאַקט־אַפּאַראַט האָט דער קאָמאַנדיר נישט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט נאָכצויאָגן דעם שונא און אפשר צו דערגיין ביזן משלט 69.

פאַרענדיקט די אַרבעט, האָבן מיר זיך אומגעקערט קיין באר־טוביה. מיר האָבן געהאָלפן אַוועקפירן פון בית־דאראס דעם גרויסן קריגס־רויב, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די פאַרטיידיקער פון דעם פּלאַץ, און געוואַרט אויף ווייטערדיקע אָנווייזונגען אין שייכות מיטן גרויסן אָנגריף, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר דער דאָזיקער נאַכט.

9־טער יולי, 1948, אין שוץ־גרוב אין סואפיר.

א נאכט אן א קאמפאס

„טרעפט וואָס איך האָב אייך געבראַכט!" — פרעגט חיים פּאָלטוראַק, דער סערזשאַנט, און ווייזט אַ פּעקל שטריקלעך צוגע־

בונדענע צו קליינע בלעכענע שילדלעך. — „ווייסט איר וואָס דאָס איז? איינטריט־קאַרטן אין גן־עדן, אָדער אין גיהנום, אומזיסט, מיט ברכות פון פאַרוק פאַר אַ צוגאָב".

דאָס זענען, הייסט עס, די באַרימטע דערקענונגס־בלעכלעך.

„האָק נישט קיין טשייניק!", זאָגט עובדיה. „דאָס איז פאַר מיידלעך, מען זאָל מיט זיי נישט דאַרפן מאַכן קיין באַקאַנטשאַפט".

„סאַראַ מיידלעך? פאַראַן דאָ מיידלעך? ס'איז בלויז אַ פאַטמאַ, און זי דערקען איך אָן דעם בלעכל!"

„פאַטמאַ", דאָס אויסגעטראַכטע אַראַבישע מיידל, בליט אויף אין אונדזער האַרץ פאַר יעדער אַקציע. מיר האָבן זיך מיט איר „געטראָפן" צום ערשטן מאָל פאַרן שטורעם אויף דיר־מוחיסין אין די נחשון־טעג. ס'איז עפּעס אָנגענעמער צו טראַכטן וועגן דעם שונא ווי וועגן אַ שיין מיידל און נישט טראַכטן וועגן טאַנקן און קאַמף־עראָפּלאַנען.

איך תוך איז די לאַגע אַ ביסל ענלעך צו די נחשון־טעג. דעמאָלט זענען מיר געקומען פונעם איבונגס־קעמפּ. דאָסמאָל גייען מיר אַרויס צו אַן אַקציע נאָך אַן איבעררייס פון אַ חודש. מיר האָבן ווי געהעריק גערוט. נעכטן זענען מיר געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, היינט האָבן מיר געגעסן צו זאַט. פונדעסטוועגן איז די שטימונג נישט ענלעך צום נחשון־אָוונט. דעמאָלט זענען מיר געווען „גרינע", פול מיט דערוואַרטונג, זייער פאַרזיכטיק נישט אַרויסצווייזן דעם פּחד, וואָס גריבלט אין האַרצן. איצט זענען מיר, כלומרשט „אַלטגעזע־סענע", געשוואָרענע פאַטאַליסטן, און ס'איז אונדז שווער זיך צו דערנערווירן. אויך דער קומענדיקער אינטערוויו מיט „פאַטמאַ" באַשעפטיקט אונדז נישט איבעריק.

*

„גיט אַכטונג, בחורים!", זאָגט אריה שפּאַק. יעדע רעדע הייבט ער אָן מיט די דאָזיקע דריי ווערטער.

דאָס בילד איז אַ ביסל לעכערלעך. מיר זיצן אין עס־צימער אין באר־טוביה, אויף די קליינע קינדער־בענקעלעך, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די עלנבויגנס אויף די קאַרליק־טישלעך. ממש אַ קינדער־גאָרטן. אריה, דער מ"פ, איז די גננת.

„איז דעריבער, אין דער צייט ווען די חברים וועלן אָנגרייפן בּ־ראַק־סואידאַן און בית־עפא", זאָגט די גננת, „וועלן מיר באַלעסטיקן כאַטא און כארטיאַ. אחיה מיט צוויי דזשיפּן וועלן ווירקן קעגן כאַטאַ.

אַלבערט און צוויי דזשיפּן וועלן ממשיך זיין דעם וועג און וועלן ווירקן קעגן כּאַרטיאַ. דער קאָנטאַקט וועט זיין מיט מ.ק. 21".

דער קינדער־גאָרטן געגעצט. שוין אַ וואָך צייט קענען מיר דעם פּלאַן פון אויסנווייניק.

„מיר גייען אַרויס פון ג׳סיר. דער שטח אַרום דעם דאָרף איז מינירט. איר וועט זיך דאַרפן אומקערן מיטן שאָסיי. דער דערלע־נ׳נגס־צייכן איז דריי פייף אָדער דריי בלישטש מיט אַ לעמפּל".

די בחורים פונעם מושב שטופּן זיך אָן ביים פענצטער און הערן זיך איין מיט אָן אָפן מויל. „אַ שאָד, וואָס ס׳איז נישטאָ דאָ קיין מיידלעך", שעפּטשעט מיר ישראל. „דו ווייסט, כ׳האָב פריער געזען איין בלאָנדע..."

*

„האַלאָ, לאה דריי צו לאה איינס! די שטערן זענען שרעקלעך ראָמאַנטיש! לאה דריי, אַריבער!", איך כּלאַפּל אין אַפּאַראַט אַריין, כּדי אים צו קאָנטראָלירן.

„לאה איינס", דער אַפּאַראַט איז ביי אריהן אין ג׳סיר, ער איז נישט אַזוי ראָמאַנטיש. ער עצה׳ט מיר אַכטונג געבן אויפן וועג.

מיר דערנענטערן זיך צו כּאַטאַ. דאָס דאָרף דאַרף זיין נאָענט. נאָר די נאַכט איז זייער פינצטער. „האַלאָ, לאה דריי צו לאה צוויי..." איך וויל קאָנטראָלירן דעם קאָנטאַקט מיט די דזשיפּן וואָס זענען צוגעטיילט געוואָרן צו ווירקן קעגן כּאַטאַ.

אַ קויל. נאָך אַ קויל. אַ גאַנצער קנויל. דאָס איז כּאַטאַ. מיר גייען אַראָפּ פונעם שאָסיי, כּדי אַרויסצוקומען פונעם ציל־געביט. „לאה דריי צו לאה צוויי, אָ־קיי, מיר גייען פּאַרויס, אַריבער!"

„לאה צוויי צו לאה דריי — מיר וואַרטן אויף אייך — אַריבער!"

*

מיר גייען פאַרויס שרעקלעך לאַנגזאַם. אַ וואַדי. מיר גייען אַריבער. אַ צווייטער וואַדי. האַדאַד, אונדזער שאָפער, גייט אַראָפּ פונעם דזשיפּ און קאָנטראָלירט דעם פּלאַץ. מיר גייען דורך אין קווער. עס איז נישט ווייט קיין כּאַרטיאַ. נאָר צוליבן פייער ביי כּאַטאַ האָבן מיר געמאַכט אַ גרויסן אומוועג. מיר האָבן פאַרלוירן בערך אַ פערטל שעה.

פאַר אונדז בלישטשעט אַ ליכט. ענדלעך. מיר דערנענטערן

זיך. מען שטעלט זיך אַפּ אין מיטן פעלד. „לאה דריי צו לאה צוויי! מיר זענען גרייט! אַריבער!"

אַ פולקאָמע שטילקייט אַרום. מען קאָן מיינען, אַז מען געפינט זיך אין מיטן אַ וויסטן מדבר.

„טאַק־טאַק־טאַק־טאַק — טאַק־טאַק — טאַק־טאַק־טאַק־טאַק — טאַק־טאַק —".

פאַראַן בלויז איין מענטש אין לאַנד, וועלכער שיסט אַזעלכע מוזיקאַלישע קנוילן — אונדזער חבר חלאַק. אין כאַטאַ, הייסט עס, האָט מען שוין אָנגעהויבן. דאָס איז פאַר אונדז דער סימן. אויך מיר נעמען שיסן.

פּונעם דאָרף ענטפערט מען. אַ זייער נעבעכדיק פייער. אַ ביסל ביקסן, צוויי לייכטע מאַשינען־געווער. דאָרט איז נישטאָ קיין מיליטער, בלויז די „אָרטיקע". מיר ענדערן נישט אַפילו אונדזערע פּאָזיציעס, ווי מ'האָט אונדז געלערנט. מיר שטייען פּשוט ווייטער אין פעלד און שיסן. ווען נישט דאָס שיכּרות פון שיסעריי, וואָלט עס געווען אַ גאָר נודנער שפּיל.

„שטעל איין דאָס פייער!", שרייט אשר, דער אונטער־קאָמאַנדיר פון דער פּלוגה, וואָס האָט זיך צו אונדז אָנגעשלאָסן. דער זייגער איז עלף. אויך אין כאַטאַ זענען אונדזערע מאַשינען־געווער איינגעשטילט געוואָרן. „פרעג צי מיר זאָלן דאָ ווייטער בלייבן אָדער זיך אומקערן".

איך לייג אַוועק דעם באַנד פון מאַשין־געווער און נעם דעם אַפּאַראַט. „האַלאָ, לאה דריי צו לאה איינס, מעלד די שטאַרקייט פון מיינע סיגנאַלן, אַריבער!"

נישטאָ קיין ענטפער.

איך פּרוּוו ווידער. „האַלאָ, לאה דריי צו לאה צוויי, דו הערסט מיך? אַריבער!"

איך הער אַ נישט קלאָרן מורמלען. אויך דאָס רייסט זיך איבער. די באַטעריע איז אויסגעגאַנגען.

*

אשר באַראָט זיך מיט אַלבערטן, דעם קאָמאַנדיר פון אונדזער אַפּטייל. זיי באַשליסן זיך אומקערן קיין ג'סיר. כּדי מיר זאָלן צום צווייטן מאָל נישט אַריין אין ציל־געביט פון כאַטאַס־פייער, וועלן מיר עס אויסמיידן מיט אַ גרויסן אומוועג פון מערב־זייט.

„לייג אַכט אויף די שטערן!" זאָגט מיר אַלבערט. ער ווייסט,

אַז איך האָב אַ משוגעת פּאַר שטערן. אין די נחשון־טעג האָב איך געהערט וועגן אַ בחור, וואָס האָט „פּאַרלוירן" זיין אַפּטייל און האָט געבלאָנדזשעט אַ גאַנצע נאַכט צווישן די ליניעס. פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך צוגעוואוינט גוט איינקוקן זיך אין די שטערן בעת אַן אָפּעראַציע.

דער נייער וועג איז שווערער פונעם פריערדיקן. מיר גייען איבער טיפע וואַדיס. ס'איז שווער צו היטן אַ ריכטונג. די קאַסיאָ־פּעאישע שטערן־גרופּע געפינט זיך אַמאָל פון לינקס און אַמאָל פון רעכטס. דער גרויסער בער און דער צפון־שטערן זענען שוין איבער גאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן.

מיר זענען צוגעקומען צו אַ טיפן וואַדי. האַדאַד און אַלבערט גייען אַראָפּ און זוכן אַ מעגלעכקייט דורכצוגיין, אָבער דער אַראָפּגאַנג איז צו משופּע. מיר פאָרן פאַמעלעך לענג־אויס ביי אַ פערטל שעה, ביז ער ווערט אַ ביסל וויניקער משופּע.

פאַמעלעך־פאַמעלעך פאַרטונקלען זיך די הימלען. ווייזט אויס, די נאַכט איז אַ וואָלקנדיקע. איינס נאָך איינס פאַרשוואונדן די שטערן. אויך פון דער קאַסיאָפּעאישער שטערן־גרופּע זע איך נישט איצט נאָר די צוויי אויבערשטע שטערן. זיי געפינען זיך אויף אונדזער רעכטער זייט.

פאַר אונדז, פון דער ווייט, פליט אַרויף אַ גרינע ראַקעטע פון די מצרים.

„וואו איז די ריכטונג?" פרעגט גלאַט אַזוי זיך אַלבערט.

„אויף מערב", ענטפער איך.

„טאיב" (גוט), שעפּטשעט אַלבערט. פּלוצים טוט ער זיך אַ טרייסל און האַלט איין דעם דזשיפּ. „וואָס האָסטו געזאָגט?"

„מיר פאָרן שוין אויף מערב ביי אַ צוואַנציק מינוט".

אַלבערט שווייגט. אויף אַ וויילע צינדט ער אָן דאָס פאַרטונקלטע לעמפּל און קוקט זיך איין אין דער מאַפּע. דערנאָך דרייט ער אויס דעם דזשיפּ אויף צוריק. מיר פאָרן ווייטער — אין דער פאַרקערטער ריכטונג.

נאָך אַ פערטל שעה באַווייזט זיך פאַר אונדז אַן ערד־וועג. אַלבערט שטעלט זיך ווידער אָפּ, צינדט אָן דאָס לעמפּל און קוקט אין דער מאַפּע.

„וואו זענען מיר?" פרעגט האַדאַד.

„דער רוח ווייסט", ענטפערט אלבערט פשוט, „איך נישט!" דער זייגער איז צוויי פארטאג.

*

פאמעלעך כאפן מיר זיך, אז מיר האבן געבלאנדזשעט אין וועג. מיר געפינען זיך — אכט בחורים און צוויי דזשיפן — ערגעץ־וואו אין דרום פון לאנד, אדער אין אונדזער געביט אדער אין אראבישן שטח.

„וואס לייגסטו פאר צו מאכן?", פרעגט אשר אלבערטן, „ווי־קען מען ארויס פון דאנען אן א קאמפאס?" אשר אשרוב האט זיין מיליטערישע דערציאונג באקומען אין בריטישן מיליטער. זיין כוח איז אין דער אדמיניסטראציע, זיין שוואכקייט איז אין אויסקענען זיך אין שטח. אבער אלבערט מינדלער, דער יוגנטלעכער פון רמת־גן, א בלוי־אויגיקער און בלאנדער, איז אויפגעוואקסן אין גדנ"ע (א מיליטערישע יוגנט־שולע). ער האט א נאטירלעכע פעאיקייט אין פעלד, און א פולע מאס אינערלעכע רואיקייט. „מיר האבן שטערן", זאגט ער.

דער אמת איז, אז ס'איז אונדז קיין סך שטערן נישט פארבליבן. פאר אונדז זעען צוויי שטערן, וואס זענען מיר באקאנט, און זיי געהערן צו דער קאסיאפעאישער גרופע. אבער ראובן הובער, דער ארטילעריסט אין צווייטן דזשיפ, האט דווקא אויסגעקליבן אן אנדערן שטערן, געגוי אין א פארקערטער ריכטונג. און מיט ראובנען האט קיין טעם זיך נישט צו שפארן — ער איז אן עקשן ווי א מויל־אייזל.

אלבערט פארלאזט זיך אויף מיר, אשר פארלאזט זיך אויף ראובנען. אויך די איבעריקע חברים, וועלכע האבן נישט געקוקט צו קיין שטערן פון זייט מיר זענען ארויס פון איבונגס־קעמפ, מישן זיך אריין אין וויכוח. יעדער קלייבט זיך אויס א שטערן און שווערט, אז דאס איז דער קאסיאפעאישער.

דער וויכוח קאן זיין זייער שפאסיק, נאר אין דעם פאל הענגט אין אים אפ אונדזער לעבן.

מיר פארן. יעדע פאר מינוט האלטן מיר איין און מען קוקט זיך ארום. אין אזא פלאכער געגנט איז נישטא וואס צו זען. עס באווייזט זיך ווידער א וואדי. און מיר שניידן אים ווידער איבער. נאר קיינער ווייסט נישט צו ס'איז א נייער וואדי, אדער מיר זענען אים שוין אריבערגעגאנגען די נאכט צוואנציק מאל.

עמעץ הייבט אן ברומען אויף אלבערטן. מיר שטילן אים

זעפּאָרט איין. אין האַרצן קענען מיר די לאַגע אַזוי ווי ער, נאָר מיר ווייסן אויך, אַז דאָס ברומען וועט נאָך פאַרשאַרפן די לאַגע און עס וועט גאָרנישט העלפן.

איך קוק אויפן זייגער. ס׳איז דריי פאַרטאָג. מיר זענען אָפּגעפאָרן פיר שעה.

איצט פאַרצווייפלט אויך אַלבערט. ער אַנטפּלעקט לינקס פון אונדז אַ קוקורוזע־פעלד און לייגט פאָר מיר זאָלן וואַרטן ביז ס׳וועט ליכטיק ווערן. מיר באַשטייען. מיר שטעלן אַוועק די דזשיפּן צווישן די הויכע געוויקסן, נעמען אַראָפּ די מאַשין־געווער, וואָס שטאַרן אַרויס און קאָמופלאַזשירן די געשטעלן. אַלבערט און אשר נעמען זייערע ביקסן און פאַרשווינדן אין דער פינצטערניש אויסצושפּירן די געגנט.

„מיר זענען אוודאי שוין אָנגעקומען אין דער געגנט פון חברון״, טענהט ראובן. ער גלויבט נאָך, אַז „זיין״ קאָסיאָפּעאישע איז די ריכטיקע.

„שטותים!״, זאָגט ישראל, אַ פּליט פון פּוילן מיט אַ גויאישן פּרצוף. „מיר זענען נאָענט צו באר־שבע!״

איך בין זיכער, אַז מיר געפינען זיך ביי פאַלוג׳ה.

„וואָס וועלן מיר מאַכן אינדערפרי?״ פרעגט נערוועז האַדאַד.

„אָדער... אָדער...״, לאַכט מיקי. „אויב מיר זענען נאָענט צו פאַרוקן, וועט מען אונדז אויסשעכטן. אויב נישט, וועלן מיר פאַרן אַהיים״.

„שווייג שוין!״ זאָגט ראובן. איך בין מיד ווי אַ הונט״.

איצט פילן מיר אַלע די מידקייט. ישראל מעלדעט זיך פריי וואַך צו בלייבן. ראובן און מיקי ווערן באַלד אַנדרימלט. איך באַוויז נאָך צו הערן זייער ערשט כראָפּען. אויך מיינע אויגן פאַרמאַכן זיך...

*

„שטיי אויף!״ שאָקלט מיך ווער.

איך וועק זיך אויף. אויפן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן אַ שטראַל. די חברים זענען שוין אַלע וואַך, אין די הענט די ביקסן. זיי האָבן אויך אַרויסגענומען די האַנט־גראַנאַטן פון די דזשיפּן און זיי אָנגעטשעפּעט ביי די גורטן.

דאָס ערשטע געפיל מיינס איז צופרידנהייט. דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען גענוי לויט דער ריכטונג פון „מיין״

קאַסיאָפּעא. נאָר מען לאָזט מיך נישט הנאה האָבן פון דעם זיג. אַלע קוקן זיך איין אין אַ טונקעלן בלאָק וואָס לייטערט זיך אַלע מאָל מער אויס. אָן אַראַביש דאָרף איז עס. אין זיין צענטער אַ מאָדנער שפּיץ פון אַ מעטשעט. מיר קענען בלויז איין דאָרף וואָס האָט אַזאַ שפּיץ — ג׳לאַדיה. עס געפינט זיך אין אונדזערע הענט.

פּאַמעלעך, פּאַמעלעך קומען מיר צוריק צום געפיל פון הומאָר.

מיר קוקן זיך איין, צוערשט כמעט מיט אַ הייליקן ציטער, נאָר פּלוצים לאַכן מיר אַלע, אַזוי, אַז עס רינען אונדז די טרערן פון די אויגן. סאַראַ לעכערלעכע לאַגע! אין האַרצן האָט מען זיך צוגעגרייט צו אַ פאַרצווייפלטן קאַמף, צו אַ דראַמאַטישן געיעג, געפּאַבּגענשאַפט אָדער נאָך ערגערס. און אָט געפינען מיר זיך צווייהונדערט מעטער פון ג׳לאַדיה, אַ האַלבן קילאָמעטער פון ג׳סיר, אונדזער באַזע.

„נו, שטייגט שוין אויף!“ גיט אַ זאָג אַלבערט צווישן איין געלעכטער און דעם צווייטן. מיר זעצן אַרויף די מאַשינען־געווער. אַ קליינער שפּאַן בלויז פון העלדישקייט צו לעכערלעכקייט...

*

אין ג׳סיר קוקט מען אויף אונדז ווי אויף שדים. אַנטקעגן אונדזערע שטראַלנדיקע פּנימער זעען אויס אונדזערע חברים ווי נאָך אַ שווערער קרענק. זיי זאַמלען זיך אַרום אונדז, שפּרינגען אויף די דזשיפּן, האַלדזן און קושן אונדז.

צום סוף קומט אָן אריה. ער שטאַמלט, פאַרדרייט דאָס פּנים, וויל עפּעס זאָגן און קאָן נישט.

דער טעלעגראַפיסט דערציילט אונדז דעם סוד. ווען אונדזער שפּור איז פאַרלוירן געוואָרן מיט אַכט שעה צוריק, זענען אַלע געווען זיכער, אַז מיר זענען פאַרטיליקט געוואָרן. אריה האָט שוין וועגן דעם געמאָלדן דעם מג״ד. ווען מען האָט פּלוצים געזען אַ וואָלקן־שטויב, און די דזשיפּן, וואָס האָבן אַרויסגעטויכט פון אים, האָבן זיי זייערע אויגן נישט געגלייבט.

„מילא, איר אַליין זענט נישט אַזוי וויכטיק“, דערקלערט אריה. „אָבערביידע טייערע דזשיפּן...“

אַלע לאַכן מיר. די געשפּאַנטקייט האָט נאָכגעלאָזט. נאָר אין האַרצן איז פאַרבליבן עפּעס וואַרעמס. אַ גוטער געפיל איז, ווען

דו ווייסט, אַז דײַנע חברים זאָרגן פֿאַר דיר אויך. מיט דיר. מיר זענען נישט געוואוינט צו האַלטן רעדעס וועגן חברשאַפֿט און ברידערשאַפֿט. נאָר אין דעם מאָמענט ווייסן מיר, אַז איין משפּחה זענען מיר, און אויפֿן גאַנצן לעבן וועלן מיר שוין בלייבן איין משפּחה.

„נו, וואָס איז מיט דײַן קאַסיאָפּעא?“, — צי איך אַז ראובנען. איך קען נישט מוותּר זײַן אויף דער הנאה. „אויב אַלע אונדזערע אויסשפּירער וואָלטן געווען — — — ווי דו, וואָלטן מיר שוין געווען אין גן־עדן“.

„איך?“ פֿרעגט ראובן פֿאַרוואונדערט און גאַנץ נאַיוו. „וויאַזוי וואָלט איך אַרויסגעקראָכן פֿון דעם לאָך אָן מיר?“

אין דער נאַכט האָבן געווירקט די פּאַנצער־אָפּטיילונגען פֿון אונדזער פּלוגה, צוזאַמען מיט פּלוגות פּוסגייער אויף אײַנצונעמען די דערפֿער עיבדיס, עיראַק־סואידאַן און בית־עפּא. די אַלע פּלעצער זענען אײַנגענומען געוואָרן מיט אַ רעלאַטיוו לײַכטקייט, נאָר וואָס די פּלמ״ח־אײַנהייטן, וואָס האָבן געדאַרפֿט אײַננעמען דעם פּאָליציי־בנין אין עיראַק־סואידאַן, זענען דורכגעפֿאַלן מיט זייער אַטאַקע. און כל זמן דער שונא האָט געהערשט אין דעם שליסל־פּונקט, האָט קיין טעם נישט געהאַט צו האַלטן בית־עפּא און עיראַק־סואידאַן, דאָס דאָרף. אינדערפֿרי האָט מען זיי געראַומט. אָבער דער משלט עיבדיס, וואָס איז דעראָבערט געוואָרן פֿון אַ מצרישן פּאָלק־שטאַב, איז געבליבן אין אונדזערע הענט.

פֿאַר מיטאָג זענען די מצרים אַרויס אויף אַ ריזיקן קעגנקלאַפּ פֿון דער ריכטונג פֿון עיראַק־סואידאַן פּאָליציי־בנין. דער כּוח פֿונעם קלאַפּ האָט באַוויזן, אַז זייער אָריגינעלע כּוונה איז געווען צו עפֿענען אַן אָפֿענסיווע אויף דעם אַשנים, מיטן צוועק דורכצוברייכן אונדזער פֿראָנט און זיך פֿאַרייניקן מיטן צווייטן כּוח, וואָס האָט באַדאַרפֿט דורכברייכן דעם פֿראָנט ביי בית־דאַראַס. אויב דער פּלאַן וואָלט געלונגען, וואָלט זיך פֿאַר זיי געעפֿנט דער וועג קיין תּל־אָביב.

צוויי קליינע שטערונגען זענען זיי געשטאַנען אין וועג — דער קיבוץ נגבה און דער משלט עיבדיס. אַנטקעגן זיי האָט דער שונא געוואָרפֿן זײַן קאָנצענטרירטן כּוח.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גרעסטער קאַמף אין דער געשיכטע פֿון דער מלחמה.

11־טער יולי, 1948, אַ שוץ־גרוב אין סואַפיר.

דער קאַמף וועגן עיבדיס און נגבה

אַ פּרדס ביים דאָרף סואַפיר. די חברים ליגן אין שוצגרובן, וואָס זיי האָבן אויסגעגראָבן גאַנץ אינדערפרי, נעבן די פאַרמאַסקירטע דזשיפּן. זייער כראַפּען הערט זיך פון ווייט, אַ סימן, אַז זיי זענען זייער מיד. נעכטן האָבן זיי געהאָלפן אָפּשטויסן אַ שווערן אָנגריף אויף בית־דאַראַס. ביינאַכט האָבן זיי מיט מאַשינגעווער־פייער דעקוטשעט כאַטאַ און כאַרטיאַ, וואָס געפינען זיך ביי די מצרים אין די הענט. צוריקקומענדיק אין די פרימאָרגן־שעהן, האָבן זיי שווער געאַרבעט ביים גראָבן און מאַסקירן.

מיין נייגעריקייט לאָזט מיך נישט שלאָפן. פון דער נאָענט דונערן די האַרמאַטן, זייערע און אונדזערע. אין שטאַב־צימער גייען אום פאַרהוילענע קלאַנגען וועגן אַ גרויסן קאַמף, וואָס האָט זיך אָט איצט אָנגעהויבן אין נגבה. עס ווערט אויך דערמאָנט אַ צווייטער נאָמען — עיבדיס.

פלוצים דערשיינט צבי טשערטענקאָ, דער מג״ד, מיט זיין דזשיפּ. טשעראָ איז פריש און שמייכלענדיק ווי שטענדיק, דער שד ווייסט ווען ער באַווייזט צו שלאָפן. עס פעלן אים פיר דזשיפּן, זיי זאָלן אים באַגלייטן ביז נגבה. דאָס איז אַ זעלטענע געלעגנהייט צו זען, וואָס עס טוט זיך אין דער געגנט. ביי אַזעלכע צופעליקע דזשאָבן איז זוכה דער וואָס איילט זיך זיי צו כאַפּן. איך איל זיך און וועק אויף מיינע קאָמאַנדאָ־מענטשן. מיר פאָרן.

אויפן שאָסיי איז שלום. נאָר פאָרן קעמפּ ג׳וליס שטייט אַ חפץ, וואָס געהער נישט צו דער לאַנדשאַפט — צעשטערטע קאָנטאַקט־מאַשין און אויף איר אַן אָפּצייכן פונעם מצרישן מיליטער. ווי אַזוי איז זי אַהער געקומען?

דער מג״ד, וואָס פירט דעם ערשטן דזשיפּ, פאָרט מיט גרויס געשווינדקייט. דאָס איז זיין גרעסטער תענוג אין לעבן.

בערך אַ קילאָמעטער פאַר נגבה באַמערקט איך פלוצים, ווי די מענטשן פונעם ערשטן דזשיפּ בייגן זיך אַביסל איין. אַ כאַראַק־טעריסטישער זשעסט פון אַ זעלנער, וואָס פילט די סכנה. וואָס איז געשען? איך קוק אויפן שטח. איך זע גאָרנישט. יאָ, איך זע עפּעס. פאַר בית־עפאַ באַוועגן זיך אין פעלד פינף שוואַרצע פונקטן, וואָס ווערן גרעסער פון מינוט צו מינוט. טאַנקן. זיי

באַוועגן זיך אַנטקעגן אונדז. דער אויסבויג פונעם וועג קיין נגבה געפינט זיך צווישן זיי און אונדז.

דעם מג״ד איז געבליבן אַ צענטל סעקונדע פאַרן גורלדיקן באַשלוס. דריי מעגלעכקייטן פאַרמאָגט ער, וואָס יעדע פון זיי איז כמעט „אוממעגלעך״. ער קאָן ווייטער גאַלאָפּירן מיטן שאַסיי, אַנטקעגן די טאַנקן־האַרמאַטן, מיט דער האָפענונג צו קומען פאַר זיי צום אויסבויג פונעם וועג; ער קאָן אַראָפּ פונעם שאַסיי און באַרן גלייך צום טויער דורכן פעלד, וואָס קאָן זיין פאַרזייעט מיט מינעס און וואַדיס. און ער קאָן זיך צוריקציען מיטן וועג, מיט וועלכן ער איז געקומען.

טשערא זעט אויס ווי אַ סטודענט פאַר גייסטיקע וויסנשאַפטן, אַ יוגנטלעכער ביי 22 יאָר, וואָס טראָגט ברילן און שמייכלט אַ סך. אָבער אין האַרצן איז ער אַ רייטער־קאָמאַנדיר, אַ שנעל־באַשליסער, געוואָגט און שטאַנדהאַפטיק. ער ווייסט, אַז צבא־הגנה האָט נישט קיין שפּע גדוד־קאָמאַנדירן. נאָך ווייסט ער, אַז נגבה נייטיקט זיך אין אונדז.

דער מג״ד גייט אַראָפּ פונעם שאַסיי, און מיר נאָך אים מיט אַ משוגענעם גאַלאָפּ. די טאַנקן האָבן באַמערקט דעם מאַנעוור און קומען אַנטקעגן. אין דעם מאָמענט ליגן מיר אין די הענט ביי עובדיהן, דעם שאָפער אונדזערן. מיר מאַכן זיך ווי מעגלעך קליין, בייגן זיך און ציען זיך איין.

ווען מיר דערנענטערן זיך צום טויער, זענען זיך שוין די טאַנקן מייאש אונדז צו דעריאָגן. זיי שטעלן זיך אָפּ צוויי הונדערט מעטער ווייט און שיסן געצילטע קוילן צו אונדז. די קוילן פליען איבער אונדז און צווישן אונדז. ס׳איז שווער צו טרעפן אַ דזשיפּ, וואָס באַוועגט זיך מיט דער פולער שנעלקייט.

די זעלנער ביים טויער זיצן אין זייערע שוץ־גריבער. זיי האָבן שטאַרקע חשדים. טייערע סעקונדן פאַרגייען ביז דער טויער עפנט זיך, דערווייל זעצן די טאַנקן מיט קוילן. מיר גייען אַריין אין קיבוץ. דאָרט אַנטפּלעקט עובדיה, אַז אויפן וועג האָט אים אַ בין געביסן.

*

באַלד ווי מיר קומען אָן, הייבט דער שונא אָן אַ שווערע באַמבאַרדירונג. דער אָבסערוואַטיר־פּונקט אויפן טורעם פונעם פּאָליציי־בנין אין עיראַק־סואידאַן האָט אונדז באַמערקט.

די שוץ־גריבער זענען פול מיט כל־המינים זעלנער — ראַדיאָ־טעלעגראַפיסטן, סאַניטאַרן, מאַשיניסטן, אַרטילעריסטן. זיי שרייען צו אונדז מיר זאָלן אַריין אין די שוץ־גריבער. מיר שפּאַסן פון זיי. מיר זענען געוואוינט צו הערן דאָס פייפן פון די קוילן זיצנדיק אָפן אויפן באַוועגלעכן דזשיפּ. אויך איצט בלייבן מיר ביי די דזשיפּן און פאַלן, ווען מיר הערן דאָס פייפן פון אַ קויל, וואָס דערנענטערט זיך. ס'איז אַזאַ ספּאָרט.

די קוילן פאַלן איינע נאָך די אַנדערע. אַ לאַגער פון האָלץ פאַלט איין פאַר אונדזערע אויגן. אַרום הערשט דער כאַראַקטעריסטישער גערוך פון שלאַכט־פעלד — אַן אויסגעמיש פון שיס־פּולווער, מענטשן־קערפּערס, ברענענדיקע ביימער און פּגרים פון חיות.

אַ פאַרוואונדעטער זעלנער גייט פאַרביי אונדז: זיין לינקער אָרעם טריפט מיט בלוט. ער האַלט אים אונטער מיט דער רעכטער האַנט. די אויגן זענען ברייט צעעפנט. ער שווייגט און לויפט צום איינזאַמלונגס־פּונקט.

מיר גייען אין אַ שוץ־גרוב.

*

„מענטשן פון די דזשיפּן, אַרויס!“

דוד שני, דער סמג״ד, און אריה סעגאַל, דער קאָמאַנדיר פון דער הילף־קאָמאַנדע, שטייען ביי די דזשיפּן. מיר דאַרפן תיכף אַריבערפירן אַ מאַשין־געווער מיט אַמוניציע צום משלט עיבדיס. די מענטשן פון דער „בייהילפיקער“ לאָדן־אָן די דזשיפּן, אַז מען קען קיין אבר נישט רירן.

ווי מיר גייען אַרויס פון טויער, נעמט דאָס פעלד אַרום אונדז שווינבלען מיט זיילן שטויב. דער משלט איז נישט ווייט — ווייניקער פון צוויי קילאָמעטער. דאָס פעלד ציטערט אינגאַנצן פון די פּלאַצנדיקע שראַפּנעלן.

„שנעלער!“ שרייען מיר צו עובדיהן.

די דזשיפּן צעווילדעווען זיך, שפּרינגען איבער די ראָוועס. מיר ווילן אָפּנאַרן די אַרטילעריע מיט אַ משוגענעם זיג־זאַג. מיר גייען אַרויף אויף אַ נידעריק פליכעוואַטע בערגל.

אָט זענען אַ פּאָר גריבער. גרויע געשטאַלטן ליגן אין זיי — די קאָמפּאַניע וואָס האָט דעראָבערט דעם משלט ביים מצרישן

פֿאַלק־שטאַב ביי זונאויפֿגאַנג. די פּאַנצער מענטשן זענען פֿון אונדזער פּלוגה.

מען לאָדנט אָפּ דאָס מאַשין־געווער און די אַמוניציע. קיינער פֿאַרנעמט זיך נישט מיט אונדז. אַלע קוקן זיי אין דער ריכטונג פֿון בית־עפּא. דאָרטן אַנטוויקלט זיך אַ ספּעקטאַקל, וואָס זעט אויס ווי אַ קינאָ־בילד.

אַכצן טאַנקן פֿאָרן פֿאַמעלעך אַנטקעגן אונדז אין אַ ברייטער קייט. הינטער זיי לויפֿן רייעוויז די זעלנער. ריי נאָך ריי. אַלץ ווי אויפֿן איבונגס־פֿעלד.

פֿין ערגעץ־וואו הייבן אָן צו אַרבעטן אונדזערע האַרמאַטן. מיר זעען ווי די קוילן רייסן אויף אין דער לופֿט. נאָר די רייען בייען פֿאַרויס.

מיר שאַצן אָפּ דעם דיסטאַנס. אָט — זעקס הונדערט מעטער! אַכט אונדזערע לייכטע מאַשין־געווער שיסן מיט איינמאָל. מיר האָבן פֿאַרגעכן דעם קנוילן־סיסטעם און דעם פֿייער־קאָנטראָל. דער וואָס שיסט מיטן מאַשין־געווער פֿאַרענדיקט מיט אַ קוועטש אַ פּאַס מיט פֿופֿציק קוילן. די איבעריקע חברים פֿילן אויס די ליידיקע פּאַסן. מיר האָבן אַמוניציע בשפֿע אויף די דזשיפּן.

די טאַנקן־שראַפּנעלן גרילצן אַרום אונדז. אונדזער פּאָזיציע איז נישט קיין באַקוועמע. מיר דאַרפֿן איבערשטעלן די דזשיפּן הינטער דער קייט בערגלעך, אַזוי, אַז נאָר די מאַשינען־געווער זאָלן זיין אָפֿן פֿאַרן שונאס פֿייער. און ווידער שפּייען די מאַשינען־געווער.

די טאַנקן דערנענטערן זיך ביז ווינציקער פֿון הונדערט מעטער. דאָרט שטעלן זיי זיך אָפּ. דאָס מצרישע פּוסגייער־מיליטער לייגט זיך אַוועק אויף דער ערד און רירט זיך נישט.

דאָס איז דער אַנטשיידונגס־מאָמענט פֿאַר די פּיאַטן. צוויי טאַנקן ווערן באַלד אַוועקגעלייגט, זיי קאָנען מער נישט אַרבעטן.

פֿון ערגעץ־וואו וואַקסט ביי אונדז אויס שלמה קאַבמאַן, אַן אינטעליגענטנער בחור מיט ברילן, אַ מ״כ. ער טאַנצט פֿון גרויס שמחה און רייבט זיך די הענט. אָט ערשט האָט ער ליקווידירט אַ טאַנק מיטן פּיאַט. ער דערציילט אונדז די מעשה מיט פֿרייד און נעמט זיך ווידער צום פּיאַט.

די טאַנקן טרעטן אָפּ.

*

דריי דזשיפּן קערן זיך אום צו דער באַזע. מיר בלייבן איבער מיט אונדזער דזשיפּ אויפן פּלאַץ, פאַרן פאַל, אַז מען וועט דאַרפן, טאָן אַ ספּעציעלער אויפגאַבע.

אַ ביסל שפּעטער ווערט אונדז נמאס צו ליגן ביי אונדזער דזשיפּ און צוהערן זיך צום קנאַקן און אויפרייסן פון די שראַפּנעלן. מיר שליסן זיך אָן צו די חברים אין איינעם פון די גריבער. דאָרט דערציילט מען אונדז אַלץ, וואָס ס'האָט זיך פאַרלאָפן דעם טאָג. יוסף סיף, דער וואָס איז מיט מיר אַרויס בשעתו אַפּראַטעוועז די האַרמאַטן ביי בית-דאַראַס, איז היינט אינדערפרי פאַרוואונדעט געוואָרן פון אַ סנייפּער-קויל. אפרים מאַקאָווסקי לויפט אים אַרויסציען, ווערט ער געהרגעט אויפן אָרט. משה בן-משה, וועלכער איז געקראָכן צו זיי באַנדאַזשירן, איז אויך געהרגעט געוואָרן פון דעם זעלבן סנייפּער.

*

עס דערשיינען צוויי עראָפּלאַנען, וואָס קרייזן פאַמעלעך איבער אונדז. אויף די פליגלען ביי איינעם דערזע איך צוויי ווייסע רעדער. אין די רעדער זענען דאָ סימנים, וועלכע איך דערקען נישט. עס דאַכט מיר, אַז ס'זענען מגן-דודס.

„אייזל, ליג!" שרייט צו מיר עובדיה רעכטמאַן.

„זיי זענען אונדזערע!" שריי איך צוריק און הייב זיך אונטער.

אין דער סעקונדע לאָזט זיך אַראָפּ דער ערשטער עראָפּלאַן, באַלד אים דער צווייטער. פיר באָמבעס לאָזן הערן זייער שרעקלעכן פייף און רייסן אויף.

איך ליג. ימח שמם, די סימנים. זיי זענען איינער צום צווייטן געפערלעך ענלעך.

*

עובדיה רעכטמאַן און איך האָבן אַנטדעקט אַ נאַטירלעכן גרוב — אַ הייל, וואָס איז געשיצט פון דריי זייטן און איז אָפן פון דער פערטער זייט און פון אויבן. געציילטע שפּאַן ווייטער ליגן דער קאָמאַנדיר, דער ראַדיאָ-טעלעגראַפיסט און אונדזער חבר ירוחם אין אַ מסופקדיקן קאָנטאַקט-ראָוו.

עובדיה איז הונגעריק. איך זע אַ פּושקע פלייש און עפן זי.

„אינטערעסאַנט, אַז אין קאַמף איז קיין אַפּעטיט נישטאָ..." טראַכט איך הויך. עובדיה מורמלט עפּעס און פרעסט ווייטער.

„מען דאַרף טרינקען", זאָגט ער אין אַ מינוט אַרום, און הייבט זיך אויף. דריי שפּאַן ווייטער שטייט אַ גרויסע וואַסער־קרוג.

איך קלער וועגן זיין פרוי, די סאַניטאַרן פון דער גדודישער אַמבולאַטאָריע. „אין תוך איז זי אין סכנה. זי ווייסט דאָך, אַז דו געפינסט זיך איצט אין קאַמף..."

איך ווייס נישט צי כ'האָב באַוויזן עס צו זאָגן אָדער איך האָב געקלערט עס צו זאָגן. פּלוצים הערט זיך אַ פּיף פון אַ שראַפּנעל, אַ ספּעציעל שאַרפער פייף. איך קורטשע זיך איין. אַ שרעקלעכער אויפרייס. דער שראַפּנעל איז געפאַלן בערך אַן אַנדערטהאַלבן מעטער פונעם גרוב.

איך הייב אויף דעם קאָפּ פון גרוב און זע ווי עובדיה ליגט אין קאָנטאַקט־ראָוו פון קאָמאַנדיר. איך ברעך אויס מיט אַ געשרייען... עכטער, אָבער ס'געלעכטער ווערט מיר איבערגעריסן אין מיטן. פון עובדיהס אַרבל טריפט בלוט.

„וואָס לאַכסטו? איך בין פאַרוואונדעט", רופט ער צו מיר. איך שפּרינג אַרויס פון גרוב, נעם אַרויס פון מיין טאַש דעם אינדיווידועלן באַנדאַזש און באַנדאַזשיר די וואונד. זי איז נישט קיין איבעריק שווערע. דער שפּליטער איז אַריין, אָבער, ווייזט אויס, נישט באַרירט דעם ביין.

מיין אַפּעטיט איז אינגאַנצן פאַרביי. איך צווינג זיך צו עסן. אין אַזעלכע אומשטענדן ווייסטו נישט, ווען וועסט באַוויזן אַ צווייט מאָל צו עסן.

*

די פאַרשאָלטענע באַשיסונג האָט ווידער אָנגעהויבן. ווייזט אויס, אַז די מצרים האָבן אין צווישן באַוויזן אַ ביסל מוסר צו זאָגן זייער פוס־גייער מיליטער. ווידער גייען פאַרויס די זעכצן טאַנקען. און ווידער גייען די פוסגייער־רייען, שפּרינגען און פאַלן, שפּרינגען און פאַלן.

דאָס גאַנצע בערגל פאַרהאַלט דעם אָטעם. גורלדיקע מינוטן זענען דאָס.

דוד שני לויפט אַרום צווישן די גריבער און דער באַפעל־פּאָזיציע. עמעץ דערשפּירט, אַז זיין בלוזע איז אויסגעשמירט אין בלוט.

„ביסט פאַרוואונדעט געוואָרן?" שרייט מען צו אים.

„ס׳איז גאָרנישט״, ענטפערט ער און פאַרהאַקט מיט די ציין. מען באַנדאַזשירט אים די וואונד — אַ שפּליטער האָט אים גע־טראָפן אין אַקסל.

„דאַרפסט זיך אומקערן״, זאָגט דער מ״מ, דער איינציקער, וואָס איז נאָך נישט געטראָפן געוואָרן.

דוד זאָגט אָפּ. דאָס איז נישט קיין זשעסט פון אַן אַנגעבלאָ־זענער גבורה. ער ווייסט, אַז אין דעם מאָמענט איז אַלץ אָפּהענגיק פונעם קאָמאַנדיר. ער געדענקט דאָס בערגל 69, וואָס איז געפאַלן צוריק מיט אַ חודש איבער דער שולד פון דעם קאָמאַנדיר. ער ווייסט: אויב דער קאָמאַנדיר וועט איצט פאַרשווינדן, קאָן זיך איינברעכן דער גייסט פון די זעלנער. און מיט אים בלייבט איבער נחמיה ראָטהאַלץ, דער מ״מ, און לוי קאַלקער, דער סמ״פ אונדזערער. ביידע פאַרוואונדעטע.

*

ווידער איז דער אַנגריף אָפּגעשטויסן געוואָרן. דאָסמאָל באַ־קומען מיר דורך ראַדיאָ דעם באַפעל צוריקצוגיין צו דער באַזע.

אין סואָפּיר לאָזט מען אונדז שלאָפן ביינאַכט, נאָר נישט געקוקט אויף דער מידקייט איז שווער איינצודרימלען. צוואַנציק מעטער וויט דונערט אַן אויפהער אַ האַרמאַטן־באַטעריע.

צומאָרגנס קוקן מיר זיך צו צו דער אַרבעט פון דער אַרטי־לעריע. זי באַצויבערט אונדז. זיי זיצן זיך רואיק, בעת זייער קאָמאַנדיר, ד״ר פאַן־ווייזל, דערציילט זיי וויצן אויף זיין יעקישן העברעאיש. אין זיין האַנט האַלט ער דאָס טרייבל פון דעם פעלד־טעלעפאָן.

פּלוצים האַקט איבער דער אַלטער זיין וויץ אין מיטן. „אָפּטייל פייער — איין שראַפּנעל!...״

די אַרטילעריסטן שפּרינגען אויף פון אָרט. מיט אַ וואונדער־לעכער שנעלקייט לאָזן זיי אַריין די שראַפּנעלן אין דער לופט. נעבן יעדן האַרמאַט שטייט איינער און רופט אויס — „האַרמאַט נומער איינס!״ „האַרמאַט נומער צוויי!״

„פיי־ע־ער!״ שרייט דער אַלטער. אַן אויפרייס, אַ ביסל רויך. די שראַפּנעלן זענען אַרויס אין זייער ריכטונג.

די אַרטילעריסטן קערן זיך אום ווייטער צו זייער זיץ־אָרט. די האָבן זייערס געמאַכט, מיט אַן אָלימפּישער רואיקייט, נישט

זעענדיק דעם שונא, נישט וויסנדיק וואָס איז געווען דער ציל פֿון זייערע שראַפּנעלן.

מיר שטייען און קוקן זיך איין אין די „גאַפּאַלעאַנטשיקעס", וואָס זעען אויס ווי מען וואָלט זיך מיט זיי באַנוצט דאָס לעצטע מאָל פּאַר הונדערט יאָר, און מיר וואונדערן זיך. דאָס אַלץ איז אַזוי ווייט פֿון דעם קאַמף־אופֿן, וואָס מיר זענען געוואוינט; צו דער מידקייט, צום ליידן, צו דער אויפֿרעגונג פֿון דעם פּוסגייער־זעלנער, ווען ער זעט זיין שונא.

פֿונדעסטוועגן האָבן מיר ליב די אַרטילעריסטן. מיר זענען שטאַרק ברייטהאַרציק אין די דאָזיקע טעג. ווער עס געפֿינט זיך איצט צווישן סאָפּיר און נגבה, איז זיכער מיט אונדזער ליבע.

*

„חברה, שטייגט אויף!"

ווידער אַ נסיעה קיין עיבדיס. מען דאַרף ברענגען אַמוניציע און אַרויסנעמען פֿאַרוואונדעטע.

קענסט נישט קומען צום פֿאַרשאָלטענעם משלט, אַז דער שונא זאָל דיך נישט דערזען פֿון דערווייטנס. נאָר איצט זענען מיר שוין געוואוינט צו יאָגן איבער אַ באַשאָסענעם פֿעלד. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו וויסן, אַז נאָך אַלעמען איז נישטאָ אַזעלכע גרויסע שאַנסן געטראָפֿן צו ווערן ביי אַזעלכע אומשטענדן. דו דאַרפֿסט „נעמען אַ שאַנס" און זיך פֿאַרלאָזן אויף מזל און אויף דער גיכקייט.

אין עיבדיס טאַנצט דער שטן. די גאַנצע ערד ציטערט פֿון די שראַפּנעלן־קלעפּ. נעכטן איז די לאַגע געווען אַ שרעקלעכע. היינט האָט זיך דער פּלאַץ פֿאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום. נעכטן פֿלעגן מיר אָפּוואַרטן דאָס בייבן פֿון די שראַכבעלן און זיך אַוועקגעלייגט. היינט הערסטו מער נישט די פּיפּערייַ — די שראַפּנעלן שיטן זיך איינער נאָכן אַנדערן אָן אויפֿהער, האַרמאַטן־שראַפּנעלן פֿון 25 ליטער און שראַפּנעלן פֿון שווערע מאָרטאַרס. נעכטן האָבן גע־ווירקט עראָפּלאַנען, האַרמאַטן און טאַנקן איינס נאָכן אַנדערן. היינט אַרבעטן זיי אַלע מיט איין מאָל. דער עראָפּלאַן לאָזט זיך אַראָפּ צו דיר בעת דו שיסט אויף די טאַנקען, און די האַרמאַט־שראַפּנעלן באַדעקן דיך מיט ערד־גרודעס אין דער צייט, ווען דו הייבסט זיך, כדי צו שיסן צו די עראָפּלאַנען.

ווען מיר קומען אָן דערגרייכט דער שוידער דעם העכסטן פונקט. אַ צעשויבערט באַשעפעניש, פאַרשמירט און באַדעקט מיט בלוט־פלעקן שפרינגט אַרויס פון איינעם פון די גריבער. ער איז שוין נישט ענלעך צו אַ מענטש. ער איז גלייך צו אַ ווילדע פאַר־וואונדעטע חיה, וואָס ראַנגלט זיך וועגן איר לעבן. ער רעדט איבער אַ פּאָר ווערטער מיט אשר אַשעראָוו. ער באַשליסט, אַז צוויי מאַשינען־געווערן זאָל מען אַרונטערנעמען פון די דזשיפן און אַריינשטעלן אין די פּאָזיציעס.

דער באַטייט פון דעם באַפעל איז, אַז די לאַגע איז אַ פאַר־צווייפלטע. מיר האָבן געלערנט, אַז די דזשיפ־מענטשן טאָרן נישט אָראָפּגיין פון די מאַשינען פאַר קיין שום פּרייז. מיר קוקן זיך איבער. ראובן גייט אַראָפּ פון איין דזשיפּ. דוד און איך פונעם צווייטן.

די דזשיפן קענען זיך דאָ נישט פאַרהאַלטן. ביי אַזאַ באַמ־באַרדירונג וועלן זיי פאַרלוירן גיין. מען לאָדנט אויף זיי אָן פאַר־וואונדעטע און געהרגעטע, און זיי פאַרשווינדן אין גאַלאָפּ.

*

קיינער לייגט נישט קיין אַכט אויף אונדז. מיר דאַרפן אַליין וויסן וואָס מיר האָבן צו טאָן. די אויפגאַבע איז קלאָר. מיר דאַרפן אָנקומען צו די פאָדערשטע פּאָזיציעס.

בלויז איין קאָנטאַקט־ראָוו פירט צו די פּאָזיציעס. ער איז נישט גענוג טיף פאַר אונדזערטוועגן. די בחורים וואָס האָבן איינ־גענומען דאָס בערגל, האָבן פּשוט פאַרכאַפּט די פּאָזיציעס, פון וועלכע די מצרים זענען פאַרטריבן געוואָרן, און פון דעמאָלט אָן האָט קיינער קיין צייט נישט געהאַט זיי צו פאַרטיפן און פאַרפולקאָמען.

אָט איז אָן אָפּשניט, וואו די טיף איז ווייניקער פון אַ האַלבן מעטער. ס׳האָט נישט קיין צוועק זיך איינצובויגן. דאָ קען מען בלויז לויפן און תפילה טאָן. דער ערשטער גייט בשלום אַדורך. דעם צווייטן לויפט דורך אַ סנייפּער־קויל דורך די פיס. איך שפרינג. די קויל טרעפט נישט.

דער ראָוו פאַרטיפט זיך. פון ביידע זייטן פאַרצווייגן זיך טיפערע שוץ־גריבער. אין איין גרוב זיצן צוויי אַרומגעאָרעמטע געשטאַלטן. ביי ביידע פעלן די קעפּ. עס נעמט דורך אַן עקל.

דערנאָך האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס האָט פּאַסירט נאָך

אינדערפרי. איצט איז נישט מעגלעך אַרויסצונעמען די קערפּערס. אַלע קעמפער אויפן בערגל זענען דורכגעגאַנגען דעם פּלאַץ אַ פּאָר מאָל אין טאָג, אַרויסגייענדיק און אַריינגייענדיק אין די פּאָזיציעס.

דער שראַפּנעל איז אַריינגעפאַלן אין דעם שוץ־גרוב. אַ פול־טרעפער. דער דריטער חבר, וואָס איז דאָרט געלעגן, איז אַרויס־געוואָרפן געוואָרן פונעם לופט־דרוק. אים האָט גאָרנישט פּאַסירט.

*

איך קלייב זיך אויס אַ פּאָזיציע און גיי אין איר אַריין צוזאַמען מיט דודן. ראובן גייט אַריין אין אַן אַנדער גרוב.

אינעם שוץ־גרוב ליגן זעקס מענטשן. מענטשן? זיי זענען צעשויבערט און שמוציק, זייערע אויגן זענען רויט, פאַר־שטויבטע, זיי האָבן שוין פון לאַנג אויפגעהערט צו טראַכטן, הונגעריק און דורשטיק. פיר פון זיי פאַרוואונדעטע, זיי זענען באַנדאַזשירט געוואָרן מיט אַ ציטערדיקן באַנדאַזש. די אַנדערע צוויי האַלטן ביקסן. דאָס מאַשין־געווער האָט אויפגעהערט אַרבעטן.

דוד שטעלט אַן אונדזער מאַשין־געווער און שיסט אַ קנויל. באַלד פליען אַרום די קוילן. דאָס מאַשין־געווער איז אים אַרויס־געפאַלן פון די הענט און איז באַדעקט געוואָרן מיט שטויב. מען קען זיך מיט דעם נישט באַנוצן.

איך בייג זיך איין און שלעפּ דאָס מאַשין־געווער אין גרוב אַריין און פּרוּוו עס אויסרייניקן. מיינע הענט ציטערן. איך שטעל עס ווידער אָן און פּרוּוו שיסן. עס אַרבעט נישט.

די גאַנצע צייט גרילצן, פייפן, זשומען און קוויטשען שראַפּנעלן, באָמבעס און קוילן, ווי די לופט אַליין וואָלט לעבן, ציטערן. אַ גע־דיכטער רויך און קנוילן שטויב פאַרדעקן דעם גאַנצן משלט.

און אין דעם גערויש לעבן און אָטעמען מענטשן. עס עקזיס־טירט נאָך אַן עפּעס, וואָס איז ענלעך צו באַפעלן. יעדע פּאָר סעקונדן הער איך שוואַכע קולות שרייען פון איין פּאָזיציע צו דער צווייטער — „יוסף, נעם איבער די קאָמאַנדע!" און נאָך איידער עמעץ באַוויזט צו באַנדאַזשירן דעם פריערדיקן קאָמאַנדיר, הערט זיך שוין אַ פּיף, עס פּלאַצט אַ שראַפּנעל, ערד־גרודעס פליען אין

הימל אַריין און יוספס קול שרייט — „שמואל, נעם — איבער — די קאָמאַנדע!"

*

איך האָב גענומען די ביקס פון אַ פאַרוואונדעטן. פון מאָל צו מאָל גיב איך אַ קוק אַ וויל, דריק אויפן צינגל און שיס ווינציקער פון אַ סעקונדע. באַלד פאַרהאַקן זיך אַרום מיר קוילן אין דער ערד. איך אַרבעט אינסטינקטיוו. כ'האָב אויפגעהערט צו טראַכטן.

איינער פון די פאַרוואונדעטע לייגט אַרויף זיין שטאָל־היטל אויף דער ביקס און הייבט עס אַביסל אויף איבערן גרוב. אַ קויל פייפט און בויערט אין אים אויס צוויי לעכער. די ביקס און דאָס היטל פאַלן אין גרוב אַריין. דער פאַרוואונדעטער לאַכט.

איך גיב ווידער אַ קוק — און פלוצים זע איך גאָרנישט. פאַר מיר, צוואַנציק מעטער ווייט, גייט אויף אַ ווייסע נישט דורכזיכטיקע פאַרהאַנג. זיי באַלייגן דעם הפקר־געביט מיט רויך שראַפּנעלן.

דאָס האַרץ קורטשעט זיך איין. איצט דאַרף זיך אָנהייבן דער אַנטשיידענער קאַמף. ווער ס'איז נאָך מסגול צו דריקן אויפן צינגל, הייבט זיך אונטער איצט און שיסט אין רויך אַריין. מיר זעען שוין נישט קיין סך — איין מאַשין־געווער און דרייסיק ביקסן פאַרטיידיקן אין דעם מאָמענט עיבדים.

די ביקסן דערוואַרעמען זיך אין אונדזערע הענט. מיר שיסן אָן אויפהער. יעדע מינוט קאָנען זיך באַווייזן פון דער רויך־וואַנט אַרויס, צוואַנציק מעטער פאַר אונדז, שורות סודאַנער מיט אָנגע־שפּיזטע ביקסן אין די הענט.

פּאַמעלעכוויז הייבט זיך אויף דער רויך־פאַרהאַנג. קיין זאַך זעט זיך נישט אויפן געביט. ווייזט אויס, אַז בלויז די סביפערס, וואָס זענען פאַרשטעקט אין פעלד, האָבן איבערגעביטן זייערע פּאָזיציעס. מיר בייגן זיך באַלד איין.

*

בלויז איצט ערשט באַמערק איך דודן ווי ער זיצט אויף דער ערד, בלאַס און אָן אַ באַוועגונג.

מיר האָבן איצט נישט וואָס צו טאָן. ס'איז ליבער זיך צוריק־צוציען איבערן בערגל און אויסרייניקן דאָס מאַשין־געווער. קאָן זיין, אַז דערווייל איז געקומען אַ באַפעל צו אונדז פון אונדזער פלוגה.

אויף מיך רוף הייבט זיך דוד אויף ווי אַ לונאַטיקער. ביים גפּפּערלעכן אָפּשניט פֿון דעם קאָנטאַקט־ראָוו קוּוענקלט ער זיך און רירט זיך נישט. איך טו אים אַ שטופּ. ער שפּרינגט און דערגייט. איך נאָך אים.

מיר גייען אַריין אין דעם גרוב, וואו איך בין נעכטן געזעסן מיט עובדיהן. דאָרט צענעם איך מיט נישט געניטע הענט דאָס מאַשין־געווער, רייניק אויס די טיילן און שטעל זיי אויפסניי צוזאַמען. דוד רירט זיך נישט. איך פּרוּוו שיסן. דאָס מאַשין־געווער איז קאַליע.

אַן עראָפּלאַן האָט באַמערקט דעם ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט נעבן אינדז. ער לאָזט זיך אַראָפּ צו אונדז. זיינע מאַשינען־געווערן זשומען. פֿון אַלע שרעקלעכע קולות אין דער וועלט איז דאָס קול דאָס שרעקלעכסטע. מיר קורטשען זיך איין. דער אַעראָפּלאַן גייט פֿאַרביי, הייבט זיך פּונדאָסניי און קרייזט איבערן הימל אומגעשטערט.

פּלוצים דערשיינט ראובן. איך דערקען אים כמעט נישט — ראובן, דער מוסטער פֿון קאַלטבלוטיקייט אין קאַמף, זעט איצט אויס ווי צעדולט. זיין פּנים איז גרין און אַ שוים שטייט אים אויף די ליפּן. איך רוף אים. ער שליסט זיך אָן צו אונדז.

*

דער ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט מעלדעט דעם קאָמאַנדיר, אַז ס'איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַן אַנדערע פּלוגה אים איבערבייטן. דער קאָמאַנדיר רעאַגירט נישט. ער איז שוין נישט מסוגל זיך צו פֿרייען.

ראובן און איך באַשליסן, אַז ס'איז שוין צייט זיך אומצוקערן צו דער פּלוגה. מיר וועלן אויף דודן פֿון זיין צעטומלונג און שפּרינגען הינטערוויילעכס אַריין אין אַ טיפֿער וואַדי צופּיסנס פֿון דער קייט בערגלעך.

אין וואַדי ליגן ביי אַ דרייסיק פֿאַרוואונדעטע. די מערסטע „לייכט" פֿאַרוואונדעטע — קוילן אָדער שפּליטער אין די הענט און פֿיס. די שווער פֿאַרוואונדעטע האָבן אונדזערע דזשיפּן פֿון מאָל צו מאָל אַרויסגעצויגן מיט זייער טויט־געשווינדקייט.

דער רוב פֿון די פֿאַרוואונדעטע ליגן און קוקן אין הימל אַריין. אייניקע קרעכצן. אַנדערע דערציילן וועגן די אומשטענדן ווי זיי זענען פֿאַרוואונדעט געוואָרן. אַלע זענען איינגעטונקען אין בלוט.

עמעץ פאַרלאַנגט וואַסער. דער קרוג שטייט נעבן דעם קאָמאַנדיר. ראובן וואַרט אויפן פייף פונעם שראַפּנעל. באַלד ווי עס הערט זיך דער אויפרייס, שפּרינגט ער אונטער, ברענגט דעם קרוג און קערט זיך אום אין וואַדי אַריין פאַרן קומענדיקן פייף.

אַלע זענען דורשטיק. מיר גייען פון איינעם צום אַנדערן און טרינקען זיי אָן.

*

די פאַרשטאַרקונג קומט — אַן אַנדערע פלוגה פונעם גדוד, הונדערט געזונטע בחורים. ווער פון זיי וועט זיך געפונט מאָרגן אין דער צייט? זיי קענען די לאַגע. און פונדעסטוועגן גייען זיי אַריין אין די טויט-גריבער.

יעדער אויטאָ קומט באַזונדער. די מענטשן שפּרינגען באַלד אַראָפּ און גייען אַריין אין די פּאָזיציעס. נאָך אַ פּאָר סעקונדן שפּרינגען אַריין אין וואַדי די איבערגעבליבענע מענטשן. וויפל זענען פון זיי פאַרבליבן? ווייניקער פון דרייסיק. מיט 12 שעה צוריק זענען זיי געקומען צום משלט. דעמאָלט זענען געווען מער ווי הונדערט.

אָבער אין משך פון די צוועלף שעה פונעם 10־טן יולי האָט עיבדיס אויסגעהאַלטן, ווען די גאַנצע נאַטור אַרום האָט געווילדעוועט, ווען די לופט האָט געציטערט און די ערד האָט געטאַנצט.

*

מיר לייגן אַרויף עטלעכע פאַרוואונדעטע אויפן טענדער און גייען אַליין אַרויף. צווישן מיינע פיס ליגט עמעץ. איך קוק זיך אין אים איין. ער איז טויט.

די פאַרגליווערטע אויגן קוקן מיך אָן — די אויגן פון עיבדיס־פאַרטיידיקער. ער איז נישט געווען מער ווי אַ פּשוטער פוסגייער־סאָלדאַט, אַ קליינע מוראַשקע פון דער מוראַשקע־נעסט אין פראָנט. דער יישוב קען אים נישט, גלייך ווי ער קען נישט דעם נאָמען עיבדיס. און פונדעסטוועגן האָט ער אין דעם דאָזיקן טאָג געשאַפן היסטאָריע.

די שווערע מאַשין זינקט אין די שראַפּנעלן־גריבער, זי שפּרינגט און קומט פונדעסטוועגן אָן צום שאָסיי. מיר אָטעמען פריי אָפּ, ווי אויפגעוועקט פון אַ קאָשמאַר. בסך־הכל זענען אַריבער פינף שעה זייט מיר זענען אָנגעקומען צום משלט.

דריי ספּיטפייער פליען אונדז אַנטקעגן. דער שאָפער פאַרגרעסערט די שנעלקייט און מיר האַלטן אונטער די פאַרוואונדעטע, זיי זאָלן נישט פאַלן. נאָר די פליער לייגן אויף אונדז נישט קיין אַכט. זיי פליען צום משלט, קרייזן אַרום אים און וואַרפן אַראָפּ זייערע באָמבעס.

קנוילן שטויב הייבן זיך אויף איבערן בערגל.

פיר טעג האָט געברויזט דער קאַמף אַרום נגבה און עיבדים־משלט. אַ פאַרשפּריצטער מיט בלוט, מיט פאַררויטלטע אויגן האָט דער פוסגייער־זעלנער געהאַלטן דעם דאָזיקן שמאָלן פאַס ערד, וואָס די מצרים האָבן באַשלאָסן אים איינצונעמען פאַר יעדן פּרייז. ער, דער פשוטער ביקסלער פון דער פוסגייער־אַרמיי, איז געווען דער אמתער העלד פון דעם שווערסטן קאַמף אין דער געשיכטע פון דער דאָזיקער מלחמה — געשטאַנען פעסט אַנטקעגן טאַנקן, עראָפּלאַנען, האַרמאַטן און מאָרטערס. געשטאַנען און נישט אָפּגעטרעטן.

צווישן די דאָזיקע משלטים פון די פוסגייער־אַרמיי האָבן אַרומגעלאָפן די דזשיפּן — די זיבן דזשיפּן פון דער „מאָטאָריזירטער פלוגה". זיי האָבן האונדער באַוויזן. צענדליקער מאָל אין משך פון די פיר טעג זענען זיי דורכגעפאָרן צווישן שטויב־זיילן, שטויב־קנוילן און שראַפּנעלן־געוויטער. געבראַכט די קעמפער אַמוניציע, געראַטעוועט הונדערטער פאַרוואונדעטע, דערלאַנגט דעם שונא אומגעריכטע פייער־קלעפּ.

צווישן די קעסטלעך מיט קוילן, פּיאַט־קוילן און מאָרטאָר־באָמבעס האָבן די דזשיפּן מיטגעפירט קליינע פּעקלעך געדרוקטע בויגנס. די קעמפער און די באָמבאַרדירטע גריבער האָבן אויף דעם אויסגעקוקט אומגעדולדיק, ווי אויף די קוילן און באָמבעס. זיי זענען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, זיי זענען געלייענט געוואָרן בעת דער באָמבאַרדירונג אין די סאַמע גורלדיקע מינוטן פון פיינטלעכן אַנגריף זענען זיי געלייענט געוואָרן, ביז די זעלנער האָבן זיי געקענט אויף אויסנווייניק.

אינעם קאַמף וועגן עיבדים איז אין זיין ספּעציעלער און ענדגילטיקער פאָרם געבוירן געוואָרן דאָס „קאַמף־בלאַט" פונעם חטיבה־שטאַב. ער איז פאַר אונדז געווען ווי אַ שמיץ מיט דער בייטש, וואָס טרייבט אונטער צו דער העכסטער אָנשטרענגונג, ער האָט אונדז דערקלערט דעם פּלאַן, וואָס עס פאַרנעמט אונדזער באַשיידענע פּערזענלעכע אָנשטרענגונג אין דער גרויסער שלאַכט אויפן פראָנט. ער האָט צוזאַמענגעבונדן די פּלוגות און די גדודים אין אַן איינהייט מיט איין נשמה, מיט איין קלאַפּנדיק האַרץ — גבעתיס חטיבה.

טאָג־איין טאָג־אויס איז דערשינען דאָס ווייסע בלאַט, וואו פון אויבן זענען

געשטאַנען די אכזריותדיקע ווערטער — דער פּאַראָל פון דער חטיבה. ס'איז געווען אַ באַזונדערע קעגנזייטיקע השפעה צווישן דעם בלאַט און דער חטיבה. אַקוראַט דער דאָזיקער מענטש מיט די אומעטיקע אויגן וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַפּאַראַט, וואָס כאַפּט אויף דעם גייסט פון דער גאַנצער חטיבה, הערט זיך איין אין איר האַרץ־קלאַפּן און דריקט אויס אירע פאַרהוילענע געפילן מיט דאָזינדערלעכע ווערטער, וואָס צעפליען זיך און הילכן אַפּ ווייט און ברייט. אין דער אייגענער צייט האָט דער בלאַט געפאַרעמט די חטיבה און איינגעפלאַנצט אין איר דעם אכזריותדיקן באַשלוס — דער שונא וועט נישט אַדורך.

דעם 10־טן יולי האָט דאָס בלאַט פאַרצייכנט אַלס מוסטער די פלוגה קעמפער פון בית־דאַראַס. דעם 11־טן יולי האָט עס פאַרצייכנט די „נגבה־קעץ" און אונ־דזער מאָטאָריזירטע פלוגה. דעם 14־טן יולי האָט דאָס קאַמף־בלאַט אַרויסגע־בראַכט אַ נייעם נאָמען — „שועלי שמשון" (שמשונס פיקסלעך).

פיר טעג און דריי נעכט זענען נגבה און עיבדים געשטאַנען. פיר טעג און דריי נעכט איז געשטאַנען גבעתים חטיבה — פיר שיטערע גדודים און איין רעזערוו־גדוד פון חי"ם — אַנטקעגן דעם כוח פון קאָנצענטרירטן, געאָרדנטן, פולקאָמענעם אַראַבישן מיליטער. געשטאַנען און נישט אָפּגעטרעטן.

אין פערטן טאָג פון קאַמף, דעם 12־טן יולי 1948, האָט דער מצרישער כוח זיך דורכגעזיפּט פונעם פּאָליציי־בנין עיראַק־סואידאַן צום משלט 105, וואָס באַהערשט דעם שאָסיי קיין נגבה. צום ערשטן מאָל איז דער קיבוץ געווען אינגאַנצן אָפּגעריסן.

ס'איז געקומען דער גרעסטער מאָמענט — דער פאַרצווייפלטער פאַרמעסט פנים אל פנים, וואָס וועט אַנטשיידן דעם גורל פון דער שלאַכט.

13־טער יולי, 1948, אַ גרוב אין סואַפּיר.

משלט 105

שוין פינף טעג זיך נישט געוואַשן, געשלאָפן בלויז צוויי־דריי שעה, אין איילעניש האָבן מיר געגעסן אָרעמע פּאַרציעס. מיד זענען מיר ביז טויט. בלויז די געשפּאַנטקייט פון דער אַקציע נעמט אונדז אַרויס יעדע פּאָר שעה פון דער נשמה־מידקייט.

קרוב צו חצות האָבן זיך די דזשיפּן קאָנצענטרירט אין גרייט־שאַפט־פּאָזיציעס. איבערן טאָג האָט מען באַקומען שלעכטע בשורות — נגבה איז ווידער געשטאַנען אונטער אַ שרעקלעכן אָנגריף, וואָס האָט אָנגעהאַלטן צען שעה, און אויך אויף עיבדים, דעם סטאַליב־

גראַדישן משלט, וואָס קוקט אַריבער צום קיבוץ, איז געמאַכט געוואָרן אַ שטאַרקער אַנגריף. איבערן גאַנצן טאָג האָבן מיר געהערט דאָס דונערן פֿון די שראַפּנעלן און פֿון די אויפֿרייסן.

מיר זענען געלעגן נעבן די דזשיפּן און געפּרוּווט אַ דרימל טאָן. דאָס וואָיען פֿון די האַרמאַטן — זייערע און אונדזערע — שטערט אונדז נישט מער. מיר האָבן זיך צוגעוואוינט דערצו, ווי מען געוויינט זיך צום רוישן פֿון כוואַליעס.

*

„אַלע מענטשן פֿון די דזשיפּן — אַרויף אויף די מאַשינען!"

מיר האָבן אָנגעטאָן די שטאָל־היטלען, זיך אָנגעגרייט אַ באַקוועמען זיץ־פּלאַץ, געמאַכט אַ לעצטן קאָנטראָל איבערן לייכטן מאַשין־געווער — און פֿאָרויס.

דער דרימל איז אַוועק. מיר זענען וואַך. דער דזשיפּ שפּרינגט איבערן שלעכטן שאָסיי, וואָס איז צעלעכערט פֿון שראַפּנעלז אַח ...ירט פֿון לאַגער דזשוליס, דעם אָרגאַניזיר־פּונקט, קיין נגבה.

דער דזשיפּ פֿאַרהאַלט זיך. טשערא, דער מג"ד, וואָס באַטייליקט ...יך אַליין אין דער אַקציע, סודעט זיך מיט אַ מיסטישער געשטאַלט, ...אָס דערשיינט פֿון דער פֿינצטערניש אַרויס. דאָרט גרייטן זיך ...סגייער־זעלנער צו אַן אַקציע — אונדזער פּלוגה א' אונטער דער ...אַמאַנדע פֿון אשר דרומי.

מיר גליטשן זיך ווייטער פֿאָרויס. אונדזער געשפּאַנטקייט ...ערגייט צום העכסטן פּונקט. דאָ אין דער געגנט דאַרף זיין דער ...לאַץ. איך דריק צו די אַקסל צום מאַשין־געווער, רעפּעטיר מיט ...ער כלי און פֿאַרשליס זי.

*

אַ מצרישע רויטע ראַקעטע. די מאַשינען האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אַ סעקונדע פֿון פֿולשטענדיקער שטילקייט, ווען די לאַנדשאַפֿט איז באַלויכטן מיט אַ רויטלעכן שיין. און אָט קומט דער באַפֿעל. מיט אַ שטיל לויטער קול, דאָס קול פֿון אריה שפּאַק:

„פֿייער!"

אַלע מאַשין־געווערן שפּייען פֿייער מיטאַמאָל. די רויטע פֿלאַמען פֿון די לופֿעס זעען זיך פֿונווייטן. דאָס קלאַפּערייַ פֿאַרהילכט די אויערן, כאָטש זיי זענען פֿאַרשטאָפּט מיט וואַטע.

איך ליידיק אויס אַ מאַגאַזין נאָך אַ מאַגאַזין — צוויי־הונדערט, דריי הונדערט, פיר הונדערט קוילן. דאָס מאַשין־געווער אַרבעט גוט. מיר הערן נישט דאָס פייפן פון די קוילן, מיר ווייסן אָבער, אַז זיי פליען אַרום אונדז. דער דיסטאַנס איז נישט מער ווי פופציק מעטער, אַמהעכסטנס.

„שטעל אָפּ דאָס פייער!"

איך הער כמעט נישט דעם באַפעל. די דזשיפּן דרייען זיך אויס און טראָגן זיך אָפּ מיט גאַלאָפּ. מיר אָטעמען אָפּ פרייער. מיט איין האַנט האַלטן מיר זיך אָן דער מאַשין און מיט דער צווייטער פילן מיר אָן די אויסגעליידיקטע קוילן־בענדער.

אַ קורצע באַראַטונג פון די קאָמאַנדירן. טשעראַ האַלט, אַז דער קלאַפּ איז נישט גענוג. דאָס פוסגייער מיליטער איז אין אַ צרה — וועלן מיר ווידער אַרויסגיין צום שונא.

די מצרים שיסן נאָך. זייער פייער־קראַפט איז גאָר שטאַרק. —ס'איז קיין ספק נישט, אַז דאָרט שטייען עטלעכע פּלוגות. און דאָסמאָל וועלן מיר נישט האָבן מער די מעלה פון איבעררעשונג. דער עיקר ביי דער אַרבעט פון די דזשיפּן. ס'איז אָבער נישטאָ קיין ברירה. נגבה און עיבדיס ראַנגלען זיך פאַר זייער לעבן.

*

מיר קומען אָן צום פּלאַץ וואו פריער. פאַר אונדז אַ רויטע ראַקעטע, 20 מעטער ווייט, גענוי אויפן שאָסיי.

„פאָרויס!" שרייט דער מג"ד אין דער מאַשין פאַר אונדז. די צווייטע אין דער ריי. „אַביסל העזה, וועלן מיר זיי צעשמעטערן!"

נישט טראַכטנדיק, נישט געקווענקלט גייען פאָר די דזשיפּן אין באַלויכטענעם געביט.

אפרים רעגנשטרייף, דער בלאָנדער, וואָס פירט דעם ערשטן דזשיפּ, באַמערקט נעבן זיך באַוועגלעכע געשטאַלטן, צוויי מעטער ווייט. מיר זענען אַריין גלייך אין דעם שונאס פּאָזיציעס! ביידע צדדים זענען איבעררעשט פון דער פּלוצימדיקער באַגעגעניש. אפרים לאָזט זיך אַראָפּ פונעם שאָסיי, היפּט איבער גריבער און שוץ־גריבער. אין לויף פילט ער, אַז די רעדער טרעטן איבער מענטשן. ער נעמט „ריווערס" און קומט צוריק אויפן שאָסיי. אריה השילוני, אַ צוואַנציק יאָריקער מ"מ, שיסט די גאַנצע צייט. דאָס מאַשין־געווער אָנגעשטעלט אויף אונטן, אין די גריבער אַריין ביי די זייטן וועג.

דער גאַנצער כוח שטייט אויפֿן פּלאַץ. איך פֿאַרגעס די וועלט, וואָס אַרום מיר. איך שיס און שיס און שיס. אַ וואונדערבאַרער געפֿיל, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן, אַן אויסברוך פֿון פֿאַרלאַנגען, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין האַרצן אין משך פֿון די פֿינף טעג פֿון טייוולאַנישן שטויב אין בית־דאַראַס, עיבדיס און נגבה.

אַרום טאַנצט דער גיהנום. אויפֿרייסן פֿון האַנט־גראַנאַטן, בריזגנטער קוילן, געשרייען און קרעכצן.

*

אין דעם ווירוואַר אַרום אונדז באַמערק איך פּלוצים, ווי עפּעס אַ שוואַרצער בלאָק שפּרינגט אַרויס פֿון דער פֿינצטערניש און שטעלט זיך אָפּ פֿינף מעטער פֿאַר אונדזער דזשיפּ. אַ טאַנק פֿונעם שונא? איך שטעל אָן צו אים דאָס מאַשין־געווער און נעם קלאַפּן. „שטעל אָפּ דאָס פֿייער!" שרייט אריה, „דאָס איז אונדזערע אַ מאַשין!" איך רייס באַלד איבער. צי האָב איך געטראָפֿן די חברים? (ערשט צומאָרגנס האָט מען זיך דערוואוסט, אַז נאָך אַלעמען איז דאָס געווען אַ טאַנק פֿונעם שונא, וואָס איז קאַליע געוואָרן און פֿאַרבליבן אין פֿעלד).

אריה שפּאַק גייט אַראָפּ מיטן דזשיפּ פֿון שאָסיי און טרעפֿט־אָן אונדזערע צוויי פֿאַרוואונדעטע, וואָס ליגן אין זייט פֿון וועג. מיר לייגן זיי אַרויף אויף דער מאַשין און גאַלאָפּירן צוריק צום אָרגאַניזיר־פּונקט. איך דערקען זיי נישט אין דער פֿינצטער. איינער קרעכצט שטאַרק.

אין לאַגער דזשוליס באַמיען מיר זיך זיי צו באַנדאַזשירן. איך שנייד אויף מיטן באַגנעט זייערע קליידער. אַ קויל איז אַדורך פּאַס־מאַניקס אַרעם. דאָס בלוט, וואָס טריפֿט פֿון דער וואונד פֿילט־אָן דעם דנאָ פֿון דער מאַשין און פֿאַרנעצט מיינע קליידער. אברהם באַלוטין איז געטראָפֿן געוואָרן אין בויך פֿון אַ שפּליטער.

*

מיר באַנדאַזשירן זיי פּראָוויזאָריש, שפּרינגען אַרויף אויף דער מאַשין און יאָגן מיט אַ שנעלקייט פֿון 100 ק״מ אַ שעה אין דער אַמבולאַטאָריע קיין טואַפֿיר. די נסיעה איז אַן איינגעשטעלטע, אָבער דאָס לעבן פֿון די חברים קאָן זיין געוועגדט פֿון יעדער סעקונדע וואָס גייט פֿאַרביי.

די סאַניטאַרן אין דער אַמבולאַטאָריע זענען גרייט. דער

דאָקטאָר עפּנט דעם באַנדאַזש. מיר וואַרטן נישט אויף די רעזולטאַטן פון דער אונטערזוכונג. צוריק צום אָרגאַניזיר־פּונקט אין דזשולים.

דאָרטן געפינען זיך שוין די איבעריקע פאַרוואונדעטע אין די דזשיפּן. צוויי פון זיי זענען באַשעדיקט.

אין דער שטיל גיט מען זיך איבער פון מויל צו אויער פאַנטאַס־טישע מעשיות. אמנון שטיינשניידער, דער באַשיידענער און שוויי־גער, איז געשפּרונגען פון דזשיפּ, אַריינגעשאָסן אין גרוב מיט מצרים, צוריק צום דזשיפּ און גענומען באַנדאַזשירן פערדי גליק־מאַנען, וועלכער איז פאַרוואונדעט געוואָרן פון אַ שפּליטער אין דער קני. פּלוצים האָט ער דערפילט, אַז זיין רוקן איז פייכט געוואָרן פון בלוט. האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז נאָך פריער, זיצנדיק אויפן דזשיפּ, איז ער אויף פיר ערטער פאַרוואונדעט געוואָרן.

דוד קאַלקאַס, דער טעלעגראַפיסט פון ערשטן דזשיפּ, דער־ציילט שוין צום צענטן מאָל, ווי פערדי רעגנשטראַל איז אַראָפּ פון שאָסיי, ווי ער האָט געטרעטן איבער מענטשלעכע גלידער, ווי ער האָט זיך באַוועגט אין דעם שונאס צענטער און קיין מענטש פון דזשיפּ איז נישט געשעדיקט געוואָרן.

אַלץ אָבער שטייגט איבער די מעשה מיט די מענטשן פון דריטן דזשיפּ. דער שאָפער, יצחק נויהוז, האָט באַקומען אַ קנויל קוילן אין ברוסט. ער איז געהרגעט געוואָרן און אַרויסגעפאַלן פון דזשיפּ. אין דער צייט איז געטראָפן געוואָרן אשר אשרוב, וועלכער איז געזעסן נעבן אים. דעמאָלט האָבן געאַרבעט די צוויי טוראים, וואָס זענען געזעסן פון הינטן. ראובן הובער, וואָס האָט קיינמאָל נישט געפירט קיין דזשיפּ, האָט איבערגענומען דעם רודער. מיקי ראָזנבליט איז אַראָפּ פון דער מאַשין — דריי מעטער פונעם שונא׳ס גריבער — האָט אויפגעהויבן יצחקס קערפּער, אַרויפגענומען אויפן דזשיפּ, און דעמאָלט ערשט איז ראובן געפאָרן צוריק און זיך אָנ־געשלאָסן אָן די איבעריקע דזשיפּן, וואָס האָבן זיך צוריקגעצויגן פאַר אים.

שווער צו דערקענען אַ מענטשן, ביז דו געפינסט זיך נישט מיט אים אין קאַמף.

*

צוויי דזשיפּן פאָרן קיין דזשולים, דעם אָרגאַניזיר־פּונקט פון פּלוגה א׳. פאַראַן אַ חשש, אַז ביי זיי זענען איבערגעבליבן פאַר־וואונדעטע. די זעלנער זענען מיד און צעבראָכן. דאָרט זיצט איינער

פון זייערע קאָמאַנדירן, דער־אָ דוב פּייט, וואָס איז „אַנטלאָפן" פון זיין איינהייט, כדי זיך באַטייליקן מיט אונדז אין אָנגריף אויף אַשדוד פאַרן איבערדרייס. ער איז פאַרוואונדעט פון צוויי קוילן אין אָרעם, נאָכדעם, ווי ער האָט מיט צוויי האַנט־גראַנאַטן געהרגעט 11 אַראַבער.

מיר וואַרטן. עמעץ דערשיינט און טענהט, אַז איין פאַרוואונדעטער איז איבערגעבליבן אין שטח פאַר אונדז. ראובן הובער און איך גייען אַרויס צופוס, זוכן אים לענגאויס דעם טיפן וואַדי. מיר קומען צו ביז צו דער קייט בערגלעך, הינטער וועלכער עס הויערן די מצרים, מיר אַנטפּלעקן אָבער גאָרנישט.

*

באַגינען זענען מיר אין אונדזער קאַמף־באַזע. עפּעס־וואָס פעלט אונדז. אַ צייט שפּעטער טרעפן מיר די סיבה — ס'פעלט די געוויינלעכע באַמבאַרדירונג פון דעם שונא. ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

אונדזער געמיט שטייגט און פאַלט, ווי געוויינלעך נאָך דער אָנשטרענגונג פון קאַמף. צו ערשט פאַלט ער — עס זענען געהרגעט און פאַרוואונדעט געוואָרן די בעסטע חברים, מענטשן, וואָס ערשט נעכטן האָבן מיר זיך מיט זיי געשאָלטן און געשפּאַסט. זיי זענען געווען מיט אונדזער פּלוגה פון זינט זי איז געשאַפן געוואָרן. די איינהייט אָן זיי וועט נישט זיין ידי, וואָס זי איז געווען.

פּאַמעלעך מאַכט דאָס געמיט פּלאַץ פאַר פרייד — אַ פּשוטע, פּרימיטיווע פרייד, אַז מיר לעבן נאָך און אָטעמען און זעען די זון. מיר ווייסן — דער טויט איז געווען זייער נאָענט און בלויז אַ צופאַל, וואָס דער און נישט יענער איז געטראָפן געוואָרן.

מיקי ראָזנבליט האָט געבורטס־טאָג. „האָסט באַקומען אַ שיינע מתנה", זאָגן מיר אים, „זייער אַ שיינע מתנה". „סאַראַ מתנה?" פרעגט ער פאַרוואונדערט. „דיין לעבן, חבוב" (ליבער)...

מיר זיצן און דערציילן זיך, ווי די קויל איז דורך ביי אונדזערע אויערן און ווי אַזוי איז דער פאַרוואונדעט און יענער געראַטעוועט געוואָרן. אייגנטלעך דאַרף מען נישט די מעשות — מיר ווייסן אַלע פּרטים. נאָר עס איז אַן אינערלעכע נויטווענדיקייט צו דערציילן יעדן, וואָס מען טרעפט אָן, וואָס מיר האָבן געטאָן און וואָס עס האָט אונדז פּאַסירט. אָן דעם קענען מיר נישט אָפּשפּאַנען אונדזער שרעקלעכע שפּאַנונג און פאַרדרייען די אַזוי שטאַרקע איינדרוקן.

אין אַ פּאָר שעה אַרום ענדערט זיך דאָס גאַנצע בילד: עס זיפּן זיך צו אונדז אַדורך די ערשטע ידיעות און זיי מאַכן אונדז אַלץ פאַרגעסן. מיר האָבן געזיגט, אַ גלענצנדן ריזיקן זיג, אַ זיג, אויף וועלכן קיינער האָט זיך נישט גערעכט. מיר האָבן ליקווידירט כמעט אַ גאַנצן מצרישן גדוד. עס איז געוואָרן אַ פּאַניק אין שונא׳ס לאַגער, וועלכער איז אַנטלאָפן אין בהלה, און אויפן פּלאַץ זענען איבערגעבליבן צוויי האַרמאַטן, 4 טאַנקלעך, 10 פּיאַטן, מאַשין־געווער און אַ ריזיקער קוואַנטום אַמוניציע, וואָס מען קען נוצן. די פעלדער זענען פאַרזייעט מיט הרוגים. און דער משלט, דער וויכטיקער משלט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון נגבה, איז אין אונדזערע הענט.

מיר צעווילדעווען זיך. פינף טעג האָבן מיר זיך געשלאָגן מיטן שונא, וועלכער האָט אונדז אַ סך איבערגעשטיגן אין צאָל און געווער. און אָט האָבן מיר דעם שונא געגעבן אַ נצחונדיקן קלאַפּ. ווייניק מענטשן אָן פאַנצער האָבן באַזיגט דעם דאָזיקן ריזיקן כוח.

מיר האָבן גורם געווען אַ ווענדונג אויפן דרום־פראָנט. און דאָס איז דער באַפרייאונג־צייכן פאַר נגבה, דעם גבורה־פעלד פונעם דרום.

אויב עס פעלט נאָך עפּעס צו אונדזער גליק — איז עס אונדז געגעבן געוואָרן. פיר שעה אורלויב, מיר זאָלן זיך קענען אַרומוואַשן און אויסרוען.

אַרומוואַשן זיך — דער שפּיץ פון גליק! און מיר נויטיקן זיך אין דעם. ווען איך ווייז זיך צום פרישטיק ווי אַ קצב, מיט רויטע הייזן און אָרעמס באַדעקטע מיט פאַרגליווערט בלוט ביז צו די עלנבויגנס, דרייט אַ חבר אָוועק דעם קאָפּ און וויל ברעכן....

דער קאַמף וועגן משלט 105 איז געווען אַן אַנטשיידענער זיג, דער ווענדפּונקט פון דער גאַנצער שלאַכט. און אַורי שילדערט אים דאָס קאַמף־בלאַט:

ד ר ו ם פ ר אָ נ ט

שטאַב פון גבעתים חטיבה.

אַ טויט די אינוואַדאָרן!

ק א מ ף ־ ב ל א ט

דעם 14.7.1948 פאַרטאָג

די ענגליש־פאַרוקישע הינט אונטער אונדזערע רעדער!
מכת חושך — מכת דם

פאַרטיידיקער פון נגבה — נאָך שטייען זיי ווי אַ צעגליטע אייזן־האַנט און כוואַליעס הינט שטורעמען און צעשמעטערן זייערע קעפּ

ביי די שוץ־ווענט, שטורעמען און טרעטן־אָפּ, און דאָס געוואָי פון זייערע פאַרוואונדעטע מישט זיך אויס מיטן דונערן פון שראַפּנעלן — איז פּלוצים שטיל געבליבן אויפן שלאַכט־פעלד.

דער מאָרגן האָט אויפגעשיינט: און עס ווירקן נישט די האַרמאַטן פון דעם שונא. די שעה איז 0.900 — די פאַרטיידיקער גרייטן זיך, ווי יעדן טאָג — צו באַנייען דעם אָנגריף פונעם שונא — און ער איז נישט געקומען.

די שעה 1200. טאַנקען קומען נישט אַראָפּ. די שעה 1500: — דאָס פוסגייער מיליטער גייט נישט ארויף אויף די בערגלעך. רואיק: אַ מאָדנע רואיקייט אויף די פעלדער.

מיר ווייסן אָבער: היינט וועט דער פיינט נישט קומען. ווייל די נאַכט איז געווען די נאַכט פון מכת דם.

...דייגער 00.30 איז אַרויס אַ פּלוגה פוסגייער־מיליטער, געשטיצט אויף מאָטאָריזירטן קאָמאַנדאָ כוח פון דער חטיבה, צו אַן אָנגריף אויפן קאָנצענטרירטן מצרישן מיליטער, וואָס האָט אָרגאַניזירט פּודאָסניי זיינע כוחות אין דרייעק נגבה־דזשולים״ 113״. דער אָנגריף האָט געדויערט די גאַנצע נאַכט, ביז פאַרטאָג. אונטערן דרוק פונעם פוס־גייער מיליטער מיט דער מאָטאָריזירטער זענען דורכגעבראָכן געוואָרן דעם שונאס ליניעס — און דאָס מצרישע מיליטער איז צעשמעטערט געוואָרן און מיט אַ זעלטענער בהלה צוריקגעצויגן אין אַלע זייטן. העכער 10 פּיאַטן, 2 מאַשין־געווער, 4 טאַנקלעך און אַ סך אַנדערע זאַכן האָט דער פיינט איבערגעלאָזט אין פעלד.

בעת דעם שטורעמען זענען אונדזערע איינהייטן צוגעשמידט געוואָרן דורכן שטאַרקן פייער פונעם שונא — וואָס זיין כוח איז אָפּגעשאַצט געוואָרן אויף אַ פולן גדוד — אין אַ פאַרצויגענער שלאַכט פנים אל פנים האָט זיך דאָס מיליטער פון שונא אונטערגעגעבן — און די „שמשון פיקסלעך״ (די מאָטאָריזירטע איינהייט פון דער חטיבה) האָבן דורכגעבראָכן און זענען געגאַנגען פאָרויס! און פּלוצים, איז די ערד ווייך געווען — פון קערפּער! צענדליקער קערפּער אונטער זייערע רעדער.

דער שאָפער האָט זיך צוריקגעצויגן: מענטשן אונטער זיינע רעדער! אַ סעקונדע האָט ער זיך דערמאָנט אין נגבה, אין בית־דאַראַס — האָט ער געטרעטן!

נישט צוריקהאַלטן זיך, זין: פאַר מערדער־הינט — איז דער משפט בלוט!

און וואָס מער איר וועט צוטרעטן די בלוט־הינט, אַלץ מער וועט איר ליב האָבן דאָס שיינע, דאָס גוטע, די פרייהייט.

און ס'איז נישט גענוג. גורט אָן די לענדן, בחורים: אָט די דזשיפּן אונדזערע וועלן מאָרגן ווערן אַמפיביעס! ווייל אין אַ טייך וועלן מיר שפּאַנען. אין בלוט־טייך פון די אינוואַדאָרן. פון בית־עפא קיין עיראַק־סואידאַן. פון אשדוד קיין — — — ביז זיי וועלן זיך טונקען ביזן האַלדז! — ביז עס וועלן זיך נישט אומקערן די הינט אין זי'ערע נאָרעס.

— טרעט!

— גרייט!

שלאַכט־טראַדיציע

צו באַצייכענען די אויפגאַבע און אַלס צייכן פון אַנערקענונג און כבוד, וועט פון איצט אָן די מאָטאָריזירטע פלוגה זיך רופן: שועלי שמשון (שמשון פיקסלעך).

אין די מיטאָג־שעהן זענען מיר צוריקגעקומען פון לאַגער. דער טוש האָט אויף אונדז וואונדערבאַר געווירקט. מיר זענען גרייט געווען ווייטער צו קעמפן.

באַלד ביי אונדזער צוריקקער זענען געשיקט געוואָרן דריי דזשיפּן אַרויס־צונעמען דעם פאַנג און די געהאַרגעטע פון פלוגה א'. וואָס זענען איבער דער נאַכט פאַרבליבן אין פעלד. דער שונא האָט אונדז באַמערקט און האָט אָנטקעגן אונדז אויסגעשאָסן אַ פּאָר שראַפּנעלן. אליעזר רייס, דער אינפאָרמאַציע־אָפיצער, איז פאַרוואונדעט געוואָרן.

*

איבער די ברייטקייטן האָט געהערשט אַ שטילקייט. דאָס ערשטע מאָל פון זינט די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָבן די מצרים געשוויגן. זיי האָבן אָרגאַניזירט זייערע כוחות פונדאָסניי.

דער הטיבה איז כמעט נישט איבערגעבליבן קיין איין געהעריקע פלוגה פאַר אַקציע. אָבער ווידער האָט זיך דער גייסט פון תקיפות און מאַכט געשטאַרקט. מען טאָר נישט דערלויבן די מצרים זיך אָרגאַניזירן במנוחה. מען טאָר זיי נישט דערלאָזן צוריקצושטעלן זייערע כוחות אויף צו באַנייען די שלאַכט. מען דאַרף זיי באַלד אַ קלאַפּ טאָן. און אויב עס זענען בלויז רעשטלעך פאַרבליבן פון דער חטיבה — וועלן די רעשטלעך אָנגרייפן.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצוגרייפן נאָך די נאַכט די קאָנצענטראַציעס פונעם שונא אין בית־עפא, דאָס אַראַבישע דאָרף אַנטקעגנאיבער נגבה און עיבדיס. די אויפגאַבע איז ווידער איבערגעגעבן געוואָרן דער פלוגא א' פון

אונדזער גדוד, אונטער דער לייטונג פון אשר דרומי. די זעלבע פלוגה, וואָס ערשט נעכטן איז זי אַרויס איינגעמען דעם משלט 105. די דזשיפּן האָבן גפּיאַרפט אויספירן אַן אָפּלענקונגס־מאַנעווער אין כאַטאַ און אין כאַרטיאַ און זיי העלפן איינגעמען בית־עפא דורך פייער־קלעפּ.

*

אין אַ פרדס נעבן סואַפיר האָבן מיר פונדאַסניי אָרגאַניזירט אונדזערע כוחות — מיר, די פלוגה, וואָס האָט פון דעם דאָזיקן טאָג אָן געטראָגן דעם נאָמען „שועלי שמשון".

בלויז אַ העלפט פון די מענטשן זענען איבערגעבליבן נאָך דער נאַכט־אַקציע. ווי אַזוי וועלן מיר די נאַכט ווירקן ביי דריי פאַרשיידענע אַקציעס?

אַנשטאָט פיר זענען איצט דריי געזעסן אויף יעדן דזשיפּ. אַזוי האָט מען אונדז צוגעגעבן חברים, וועלכע זענען ביז איצט נישט געוואוינט געווען צו די דזשיפּן־אַקציעס — עזריאל שפּיץ און יעקב ווילישקאָווסקי פון די פאַנצער־אָפּטיילונגען פון דער פלוגה, צבי ברוק, דער פלוגה־קוריער, חיים פולטאָראַק, דער סערזשאַנט, משה וואַנצאָווער, דער מאַגאַזינער און דוד פינקל, דער געווער־מאַגאַזינער. עס זענען מער נישט איבערגעבליבן קיין קעמפנדיקע אין די איינגעשרומפּענע איינהייטן.

אַ האַלבער כוח, אונטערן באַפעל פון אריה שפּאַק, איז אַרויס צו אַן אָפּלענקונגס־אַקציע קעגן כאַטאַ און כאַרטיאַ. די צווייטע העלפט, צו וועלכער איך בין צוגעטיילט געוואָרן, איז געשיקט געוואָרן קעגן בית־עפא. דער פּלאַן איז געווען, אַז די דזשיפּן, קומענדיק פון צפון, וועלן עפענען מיט אַ שטאַרקן פייער־קלאַפּ פון נאָענט און וועלן צו זיך צושמידן דעם שונאת כוחות, אין דער צייט, ווען די פוסגייער וועלן דורכברעכן פון דרום און וועלן איינגעמען דאָס דאָרף.

14־טער יולי, 1948, אַ גרוב אין סואַפיר.

בית-עפא

די שעה איז דריי־און־צוואַנציק פינף־און־פערציק, אַ פערטל שעה פאַר דער נול־צייט.

אַ פינצטערע נאַכט אָן אַ גלייכן.

די דזשיפּן גליטשן זיך אין דער פינצטער. פון מאָל צו מאָל הייבן זיך אויף קאָלירטע ראַקעטן איבערן דאָרף און באַצייכענען אונדז דעם ציל. פאַר אונדז אַ וועג־קרייצונג. מיר פאָרן רעכטס. אין אַ פּאָר סעקונדן ארום שטעלט זיך אַרויס, אַז מיר האָבן געבלאָנדזשעט

— דאָס איז דער וועג, וואָס פירט צום דאָרף עיבדיס. אַלזאָ — צוריק.

פאַר אונדז אַ שוואַרצער בלאָק. די מאַשין־געווערן זענען גרייט אין האַנט. נייַן, עס איז נישט מער ווי אַן איינזאַם פאַרלאָזן הויז.

אחיה, דער מ״מ, וואָס פירט דעם ערשטן דזשיפּ, גייט אַרונטער דעם שטעג. אַן אַ ספּעציעלן באַפעל עפענען די דזשיפּן פייער. דאָס איז אַ שאַבלאָנישע אַקציע — „אַ לאַנגער פייער־קלאַפּ פון אַ גאַנצן ציל״.

איך זיץ אַליין פון הינטן. שאול שאַפּירא נעבן אים זיצט חיים, דער סערזשאַנט. דאָס איז זיין ערשטע אַקציע אויף אַ דזשיפּ. די נעכטיקע אבידות זענען צו גרויס געווען, און איצט זיצן אויף די מיינסטע דזשיפּן חברים, וואָס האָבן זיך נאָכנישט צוגעוואוינט צו אַזאַ סאָרט קעמפן.

מיר זענען צוגעקומען צו אַ ציל צוויי הונדערט מעטער פון דאָרף. אַרום איז אַ פולשטענדיקע שטילקייט. בלויז דער מאָנאָטאָנער קול פון דעם פאַרבינדלער, וואָס איז ענלעך צו אַ וויַיטן כוואַליע־געריש, קאָנקורירט מיט די גרילן. פּלוצים איז אויך דאָס קול איינגעשטילט געוואָרן.

וואָס איז געשען? ווי געווייַנלעך, עס איז נישטאָ קיין קאָנטאַקט מיטן שטאַב. ס׳איז דעם אַפּאַראַט עפּעס געשען.

פּלוצים הייבט דער רוים אָן צו לעבן. שווערע און לייַכטע מאַשין־געווער הייבן אָן האַקן. דאָס דאָרף איז באַלויכטן מיט אַן אַ שיער פאַרביקע ראַקעטן. צו אַלדי רוחות! די פוסגייער האָבן אָנגעגריפן, נישט וואַרטנדיק אויף אונדז. מיר האָבן פאַרשפּעטיקט צוליב אונדזער בלאָנדזשען אין וועג.

שוועק, וועלכער זיצט מיט אחיה׳ן אין דזשיפּ, עפנט פייער. באַלד גייען מיר אַלע אריין אין דעם אָרקעסטער. דאָס מאַשין־געווער ציטערט אין די הענט, און מיין אַקסל דריקט זיך צו אים מיטן גאַנצן כוח. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט, אַז דאָס איז דער איינציקער וועג צו פאַרמיידן אומאַנגענעמע שטערונגען בעת דער אַקציע.

איין קייט. צוויי קייטן. אחיה׳ס דזשיפּ שטעלט אָפּ דאָס פייער און הייבט־אָן רירן. מיר רירן נאָך אים, ביי אַ צוויי הונדערט מעטער. אין אַ סעקונדע אַרום פייפן די שראַפּנעלן אין די פריערדיקע פּאָזיציעס. דער לופט־פלאַם פון די מאַשין־געווערן זעט זיך אין דער נאַכט.

אין דער נסיעה פיל איך אַן פונדאַסניי די בענדער. דאָס איז

דער הויפּט־פּראָבלעם ביים פייער־קלאַפּ אין די דזשיפּן — דו באַוויזט נישט אָנצולאָדן אַזוי גיך, ווי דו שיסט.

„פיי—ער"! שרייט אחיה. די מאַשיך־געווערן הייבן ווידער אָן צו קלאַפּן. אָבער איצט איז דער שונא גרייט. נאָך די ערשטע קייטן פליען שוין אַרום אונדז שראַפּנעלן פון צוויי פונט, אָנגעשמירטע מיט גרינלעכן פאָספאָר. ווידער חזרט זיך איבער דער פריערדיקער שפּיל — מיר שטייען, שיסן, טראָגן זיך אָפּ, שטייען ווידער, שיסן און רירן וויטער. דער צעמישטער שונא שיסט אַהין און אַהער, נישט וויסנדיק, וואו מיר וועלן עפענען דאָס פייער אין אַ סעקונדע אַרום.

„שטעל־אָפּ ס'פייער!" טאָמער איז אונדזער פוסגייער־מיליטער שוין אַריינגעדרונגען אין דאָרף אַריין? אָן אַ ראַדיאָ קען מען נישט צופּאַסן די אַקציע. אונדזערע שאָסן קענען אין סכנה שטעלן די חברים.

אַלזאָ? וועלן מיר צוריק אין שטאַב צו באַקומען ביי ע אָנווייזונגען.

די דזשיפּן דרייען זיך אויס אין אַ גרויסן קרייז און גאַלאָפּירן צוריק צום פאַרלאָזטן הויז. ווידער גייען מיר אַרויף אויפן שטויבוועג און גאַלאָפּירן קיין סואַפיר.

*

אין אַ סעקונדע אַרום קומט אחיה אַרויס פונעם קאַמף־שטאַב. אין זיין באַגלייטונג געפינט זיך אַן איינגעבויגענער מענטש, מיט אַ פּנים פון אַ מאָנגאָל. מיר דערקענען אריה קוצר.

„חברה, פאָרויס!" שרייט קוצר און שטייגט איין אין מיין דזשיפּ. דאָס פוסגייער־מיליטער האָט אָנגעטראָפן אַן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד. עס פאַרלאַנגט זיך נאָך אַ פייער־קלאַפּ.

נאָכן קאַמף פון אשדוד, איז קוצר איבערגעפירט געוואָרן צו זיין אַ גדודישער אינסטרוקטאָר־אָפיציר. אָבער ס'איז אים שווער צו זיצן אַפילו אין קאַמף־שטאַב. אייגנטלעך איז עס נישט זיין ענין זיך צו מישן אין אונדזער אַקציע. אָבער מיר פרייען זיך אויף דעם „אַריינמישן זיך". ער פאַרמאָגט אַ מאָדנעם כוח. דער דאָזיקער מענטש — ווען ער געפינט זיך נעבן דיר, פילסטו נישט מער קיין סכנה.

דאָסמאָל פירט זיך די אַקציע מיט אַ ריזיקן טעמפּאָ. קוצר לאָזט אונדז נישט שטיין. מיר באַוועגן זיך די גאַנצע צייט אין גרויסע אַבטלעך פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס, אַ ז

שיסן פאַרנדיק. דער שונא ווערט משוגע. ער פאַרפולט דעם חלל מיט שראַפּנעלן און קוילן. די לופט פייפט אינגאַנצן. אָבער מיר ווילדעווען, אונדזער האַרץ קוועלט. ווען דער שונא שיסט רעכטס, געפינען מיר זיך לינקס. עס איז ממש אַ ספּאָרט.

„פאָרויס!“ שרייט קוצר, מיר דערנענטערן זיך ביז אַ הונדערט מעטער צום דאָרף. „לינקס!“ „אויף צוריק!“, „שנעלער!“

אַ שיכּרות פון שנעלקייט באַהערשט אונדז. מיין מאַשין־געווער פאַרהאַקט זיך. אַ גילז איז פאַרבליבן אין לופע. איך נעם זי אַרויס מיט מיין שפּיז. די בענדער האָבן זיך אויסגעליידיקט. איך פיל זיי אָן מיט פיבערהאַפטע באַוועגונגען.

פּאַמעלעך שטילן זיך איין די קולות אין דאָרף. צי האָט דאָס פוסגייער־מיליטער פאַרענדיקט זיין אויפגאַבע? קוצר באַשליסט צוריק אין שטאַב אַריין זיך דערוויסן פּרטים איבערן גאַנג פון דער אַקציע. ימח שמו, דער דרעקישער ראַדיאָ.

*

אין שטאַב איז אַ גדולה און אַ פרייד. ערשט וואָס האָט געמאָלדן אשר, דער קאָמאַנדיר פון פּלוגה א׳, אַז ער האָט איינגענומען דעם גרעסטן טייל פון דאָרף. זעקס ברענען־טרעגער און איין מאַשין זענען אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט. און ווייל ער דאַרף לויטן באַפעל פאַרלאָזן בית־עפא פאַרטאָג, בעט ער צו שיקן די „פּיקסלעך“ אַרויסנעמען דעם געוואַנג.

מען שיקט אונדז מיט אַ לאַסט־מאַשין, געפירט דורך צבי מאַלינאָוויצער, אונדזער לאַנגער זויגלינג. דאָסמאָל וועלן מיר אַריין אין דאָרף דורכן קייזער־וועג פון נגבה זייט.

איך קוק אויפן זייגער — ס׳איז דריי. עס וועט גענוג צייט זיין צו פאַרענדיקן די מלאכה. נגבה בלייבט הינטער אונדז. איך בין צופרידן. דאָס איז דאָך אַן אידעאַלע אַקציע — פייער־קלעפּ, שטורעם, דעראָבערן, אַלץ אָן איבעריקע שטערונגען. איך צי אַרויס דעם באַנד פון מאַשין־געווער, לייג אַרויף דעם פוס אויף דער באַנק (קוצר גייט איבצווישן איבער אויף אַן אַנדערן דזשיפּ) און האָב הנאה פונעם לעבן. סאַראַ ווענדונג — נעכטן ערשט איז געווען אַ כבה, אַז דער גאַנצער פראָנט זאָל זיך צעפאַלן, און איצט זענען מיר אַריין אין בית־עפא דורכן הויפּט־אַריינגאַנג, ווי ממש צו אַ חתונה. אַט זענען שוין די ערשטע הייזער....

אַ שאַרפער זשומען. אַ רויטע ראַקעטע הייבט זיך אויף אין

הימל אַריין און פאַלט צווישן אונדז. אַרום אונדז טאָג־ליכט. און אין דער סעקונדע ווערט פול דער רוים מיט פּיפּערייען, זשומערייען, קוילן־שטרייפן און גרינע שראַפּנעלן.

ס'איז קיין צייט נישטאָ צו קלערן. קוצר גאַלאָפּירט גלייך אין דאָרף אַריין. מיר אַלע נאָך אים.

פאַר אונדז — אַ ברייטער פּלאַץ אַרומגערינגלט מיט הייזער. מיר פאָרן אַריין. פון אַרום שיסט מען אויף אונדז. עס איז נישט באַגלעך אונטערצושיידן פון וועלכער ריכטונג מען שיסט. עס דוכט זיך, אַז זיי זשומען פון אַלע זייטן.

איך בין צעטומלט. וואָס איז געשען? צי מיינען זיי, אַז מיר זענען מצרים?

קוצר'ס לויטער קול קלינגט־אָפּ אינעם רוים „שמשון — דלילה". זיי שיסן ווייטער. אפשר האָבן זיי פאַרגעסן דעם פּאַראָל? איצט שרייען מיר אַלע „ש—מ—ש—ו—ן... ד—ל—י—ל—ה". דאָס קלאַפּן פון די מאַשין־געווערן שטאַרקט זיך.

מיר שפּרינגען פון די דזשיפּן און טוליען זיך צו די ווענט פון די הייזער. פאַראַן עפּעס וואָס אומדערוואַרטעטס, אומפאַרשטענדליך אין דעם גאַנצן ענין. צי זענען אונדזערע חברים משוגע געוואָרן?

(דערנאָך האָט מען זיך דערוויסט, אַז דער קאָנטאַקט צווישן די פוסגייער, וואָס האָבן פאַרנומען דאָס דאָרף, און צווישן דעם שטאַב איז איבערגעריסן געוואָרן. זיי האָבן נישט געוואוסט, אַז מיר קומען און זענען אַוועק, נאָך איידער מיר האָבן באַוויזן אָנצוקומען).

פלוצים זע איך, ווי קוצר שפּאַצירט אונטער אַ רעגן פון קוילן. „ליגן!" שרייט ער צו יעדן. ער קלעטערט אויף איינעם אַ הויז. פלוצים צעלויכט זיך אין זיין האַנט אַ לעמפּל. צי איז ער אויך פאַררוקט? דאָס גאַנצע פייער קאָנצענטרירט זיך אויף אים. אָבער אָט איז ער שוין אַראָפּ און אַוועקגעלייגט זיך אויף דער ערד. ערשט דאַן פאַרשטיי איך, וואָס זיין ציל איז געווען. איין דזשיפּ האָט זיך פאַרהאַקט אינדרויסן אין ריוו. קוצר'ס אָפּלענקונגס־מאַנעווער האָט דעם דזשיפּ דערמעגלעכט אַוועקצוגאַלאָפּירן אין דאָרף אַריין און זיך אָן אונדז אָנשליסן.

אַ שווער מאַשין־געווער נעמט קלאַפּן. אונדזערע חברים האָבן נישט געהאַט קיין מאַשין. עס איז קיין ספק נישט — עפּעס מיסטישעס איז געשען. אונדזערע חברים האָבן פאַרלאָזט דעם פּלאַץ. מיר געפינען זיך אין מיט דאָרף, וואָס איז פאַרכאַפּט דורכן פיינט.

מיין האַרץ קלאַפּט שטאַרק. דער קאָפּ האָט אויפגעהערט רעאַגירן; צום ערשטן מאָל זייט חדשים, באַהערשט מיך דער פּחד, אַ פּשוטער, אַ בלינדער, אַ פּרימיטיווער.

וואָס טאָן? אויב מיר וועלן דאָ פאַרבלייבן ביז זון־אויפגאַנג, וועלן מיר אומקומען. ס'איז קיין ספק נישט, אַז דאָס געווער פון שונא איז געוואָנדן צום שאָסיי, דורך וועלכן מיר זענען געקומען אין דעם פאַרשאָלטענעם דאָרף אַריין. פונוואַנען שיסט דער שונא? ווי איז די לאַגע? קיינער ווייסט נישט. וואָס טאָן? קיינער ווייסט נישט, — אַלע האָבן זיך אינגאַנצן פאַרלוירן.

ס'פאַרלאַנגט זיך אַ שנעלער באַשלוס.

*

און פּלוצים דערהערט זיך אַ רואיק קול, לויטער און זיכער — קוצר'ס קול.

„מאַנשאַפט נומער איינס — אַרויף אויפן דזשיפּ — פאָרט גלייך, קיין נגבה — פּ אָ ר ו י ס!"

צי קען מען זיך אויפשטעלן בעת אַ האָגל פון קוילן? צי איז עס נישט זעלבסטמאָרד? אָבער דאָס קול הויבט זיי אויף. איינער נאָכן אַנדערן שפּרינגען זיי און לאָזן זיך צום דזשיפּ, שטייגן־אויף, און אָט פאָרן זיי.

אַ שראַפּנעל, אָנגעשמירט מיט גרינעם פאָספאָר איז געפלויגן צו אונדז פון אַ צען מעטער ווייט. אַ גיהנום־פייער בייטשט זיי, זיי גייען פאַרביי און ווערן פאַרשווינדן.

„מאַנשאַפט נומער צוויי — אַרויף אויפן דזשיפּ — פּ אָ ר ו י ס!" דער דזשיפּ גיט זיך אַ לאָז און גייט אַדורך די טויט־ליניע.

„לאַסט־מאַשין — פּ אָ ר ו י ס!" צי קען די שווערע מאַשין אַדורך און נישט געטראָפן ווערן? מיר פאַרהאַלטן דעם אָטעם. די מאַשין גייט דורך.

„דזשיפּ נומער דריי — פּ אָ ר ו י ס!"

איך שפּרינג אַרויף. שאול האָט שוין אָנגעצונדן דעם מאָטאָר. דער דזשיפּ רירט אַריין אין דער שוואַרצקייט. דאָס האַרץ האָט אויפגעהערט קלאַפּן. דער שראַפּנעל פליט אַדורך אַ פּאָר מעטער פאַר אונדז. די קוילן זשומען פון פאָרנט, פון הינטן — אָבער מיר זענען שוין אויסערן סכנה־געביט. מיר בליקן נישט צוריק. מיר קומען אָן קיין

נגבה. ביים צעלעכערטן וואַסער־טורעם שטעלן מיר זיך אָפּ און אַטעמען אָפּ פריי.

מיר דריי גייען אַראָפּ און קוקן זיך אָן. מיר האָבן נישט קיין חשק צו רעדן.

*

מיר וואַרטן אויף די אַנדערע צוויי דזשיפּן. פינף מינוט, צען מינוט, אַ פערטל שעה. זיי קומען נישט.

אַ שרעקלעך געפיל באַהערשט אונדז — צי איז עפּעס געשען?

פלוצים הערן מיר אַ מאָדנע זשומעריי דערנענטערט זיך. דאָס איז נישט קיין טאַנק. דאָס איז אויך נישט קיין מאַשין. טאַק־טאַק־טאַק־טאַק. וואָס איז עס?

און פלוצים דערשיינט פון דער פינצטערניש אַרויס אַן אויס־טערליש באַשעפעניש. אַ דזשיפּ? דאָס איז נישט מער קיין דזשיפּ. די הינטערשטע צוויי רעדער זענען פאַרשוואונדן. און די פאָדער־שטע צוויי רעדער באַוועגן זיך.

אין דער צעשמעטערטער מאַשין זיצט איין מענטש — אברהם בענדאַרסקי, דער שאָפער.

מיר שפּרינגען צו צו אים, נעמען אים אַרויס און פּרוּוון אים פאַרשן. אָבער ער שטאַמלט בלויז געציילטע ווערטער. ער ווייסט נישט, וואָס עס איז געשען. אריה קוצר און משה וואַנצאָווער זענען געזעסן פון הינטן. ער האָט געפילט אַ טרייסל, די טאָרמאָזן האָבן נישט געאַרבעט. פאַר דעם האָט ער באַוועגט די פאָדערשטע אַקס פון דזשיפּ. זיינע ריפּן זענען צעקלאַפּט. ער ליידט פון אַ שווערן שאָק.

בעת מיר פאַרשן אים נאָך, דערשיינט דער לעצטער דזשיפּ. עס פירט אים יאַנעק. דער דזשיפּ איז איבערגעפּולט. יאַנעק דער־ציילט, אַז ער האָט געזען ווי דעם פריערדיקן דזשיפּ איז עפּעס וואָס געשען, איז ער אַראָפּ פון וועג און האָט אַרומגעקרייזט דעם פּלאַץ. ער האָט קיינעם נישט געזען. אויפן וועג צום קיבוץ האָט ער געטראָפן אַ פאַר פאַרוואונדעטע פון פּלוגה א׳ און האָט זיי אַרויפגענומען.

מיר באַטראַכטן די פאַרוואונדעטע. קוצר און משה געפינען זיך נישט צווישן זיי.

קודם כל שיקן מיר יאַנעקן מיט די פאַרוואונדעטע קיין סואַפיר. ווען ער פאַרשווינדט, בלייבט נאָך אים אַן אויסטערלישע שטילקייט.

אַלע ווייסן מיר די לאַגע, נישט רעדנדיק אַפילו וועגן דעם. דער זייגער איז פינף מיט אַ פערטל. ס'איז איבערגעבליבן אַ האַלבע שעה, צי וויניקער, ביז זון־אויפגאַנג.

דער גרויסער פּחד פון מיט אַ שעה צוריק פילט מיך ווידער אָן. אָבער מיין מויל רעדט ווי פון זיך אַליין: „איין דזשיפּ דאַרף זיך אומקערן. ווער שליסט זיך אָן?"

„איך!", זאָגט יעקב וועלישקאָווסקי, דער שוואַרצינקער מ"מ.

עס הייבט זיך אָן אַ וויכוח. צי ווען אַרויס צוויי דזשיפּן אָדער איינער? מען רעדט וועגן שראַפּנעלן. איך באַטראַכט דעם צע־שמעטערטן דזשיפּ און שווייג. מיר זעט נישט אויס, עס זאָל זיין פון אַ שראַפּנעל. די מאַשין איז צעריסן פון אונטן. דאָס איז די אַרבעט פון אַ מינע. און דאָרט, וואו ס'איז פאַראַן איין מינע, איז קיין ספק נישט, אַז אַרום זענען דאָ נאָך אַנדערע.

„מען דאַרף אַ שאָפער", דערקלערט יעקב. נישטאָ קיין ענטפער. אַ שאָד וואָס יאַנעק איז אַוועק קיין סואַפיר. ער וואָלט זיך באַ־שטימט אָנגעשלאָסן.

די טייערע מינוטן פאַרגייען. פלוצים מישט זיך אינעם געשפּרעך אַריין אַ ציווילער. „איר דאַרפט אַ שאָפער?" זאָגט ער רואיק, „איך בין גרייט!" צי קען ער פירן אַ דזשיפּ? ער שמייכלט — ער פירט אַן אויטאָבוס.

שנעל שפּרינגען מיר אַרויף אויפן דזשיפּ. אָבער פלוצים דערשיינט אין טויער אַן אַנדערער דזשיפּ. אריה סעגאַל זיצט אויף אים. ער איז דער קאָמאַנדיר פון דער הילף־פלוגה און פאַרנעמט איצט דעם פּלאַץ פון אַ סמג"ד. דערקלערן מיר אים די לאַגע.

„תיכּף קערט אייך אַלע אום קיין סואַפיר!" האָט ער באַפוילן.

מיר זענען דערשטוינט. איצט, זיך אומקערן קיין סאואַפיר? און פלוצים קוקן מיר אַלע נאָך זיין בליק: —

אין האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן אַ שמאָלער זילבערנער פּאַס.

מיר האָבן פאַרלוירן צוויי חברים, וואָס יעדער איינער פון זיי איז געווען אַ מין באַר זיך. משה וואַנדאָווער, דער פלוגה־מאַגאַזינער, פלעגט מיט אונדז אַרויס כמעט אין יעדן קאַמף פון די ערשטע טעג אָן, נישט זייענדיק פאַרפליכטעט דערצו און נישט געבעטן פון קיינעם. און אריה קוצער, דער מענטש וואָס איז געלאָפן פאַרויס אין צענדליקער שטורעם־כוואַליעס, דער מענטש, וואָס זיין נאָמען איז געווען אין משך פון הדשים אַ שם דבר, אַ מוסטער און אַ לעגענדע איבערן גאַנצן פראָנט.

צי איז מעגלעך אַ בליי־קויל, אַ שפּליטער פון אַ שראַפּנעל זאָל קענען מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן?

...און די שלאַכטן האָבן אָנגעהאַלטן אָן אַן אויפהער. איין גדוד האָט דעראָבערט תל־א־סאפי, אַ נאַטירלעכע פעסטונג, וואָס האָט נישט איר גלייכן איבער דער גאַנצער ברייט פונעם רוים. מיר האָבן אָפּגעראַמט מיט שנעל־אַקציעס אידניבאַ און מוראַליס אין דער געגנט פון כפר־מנחם, נאָכן דעראָבערן דעם משלט 105 האָבן די מצרים לענג אויס דעם גאַנצן פראָנט מוותר געווען אויף די חלומות פון אָנגרייפן און דעראָבערן. זיי האָבן זיך שוין אָפּגעזאָגט פון איינגעמען גת און גל־און, צוויי כמעט פאַראייגזאַמטע קיבוצים, וואו עס האָט זיך איבערגעחזרט די פרשה פון נגבה אין אַ מיניאַטור, און זענען איבערגעגאַנגען צו אַן עקשנותדיקער פאַרטיידיקונג. די איניציאַטיוו איז אַריבערגעגאַנגען אין אונדזערע הענט. פון אישדוד ביז בית־ג׳וברין און זכריה, אין דער לענג פון גאַנצן בויגן וואָס רופט זיך „דרום־פראָנט״, האָבן אונדזערע צעשפּאָלטענע איינהייטן געקלאַפּט אין דעם שונאס שוץ־פּאָזיציעס.

*

די צייטונגען וואָס האָבן זיך ווי עס איז זיך פאַרוואָלגערט צו אונדזערע גריבער אין סואַפּיר, מעלדן, אַז אונ״אָ האָט ווידער באַשטימט אַן איבעררייס פאַרן 18־טן יולי, פון 7 אין אָוונט. מיר האָבן דעריין נישט געגלייבט. מיר האָבן געהאַט אַן אויסטערלישן גלויבן, אַז אויב מיר וועלן אָנהויבן גלויבן אין דעם, וועלן מיר זיך צום סוף אַנטוישן, און די אַנטוישונג וועט זיין אַ שרעקלעכע. אָבער אין האַרצן האָט געברענט דער געדאַנק — אפשר פאָרט?

18־טער יולי, 1948, אַ גרוב אין סואַפּיר.

דאס אויפזאמלען פארוואונדעטע

מיר האָבן געוווּסט, אַז אָט דאַרף זיך אָנהייבן אַ גרויסע אָפּענסיווע — צו עפענען אַ וועג צום נגב נאָך פאַרן איבעררייס. עס האָט זיך נישט פאַרלאַנגט קיין סטראַטעג אונדז צו לערנען די איינצלהייטן פון דער אַקציע. מיר קענען דעם שטח און די כוחות־פאַרהעלטענישן, און מיר ווייסן, אַז מיר וועלן מוזן איינגעמען כאַרטאַ, און כאָטש אַ קלאַפּ טאָן דעם שונאס כוחות אין בית עפאַ.

ביי יעדן איינעם איז אַ מאָדנע געפיל אין האַרצן. זיי האָבן געזען דעם טויט הונדערטער מאָל און זיך נישט געשראָקן. אָבער דאָס באַשטימען אַ טערמין ווען אָפּצושטעלן דאָס פייער, שאַפט אַ ספּעציעלע

אַטמאָספער. „אויב איך וועל לעבן ביז מאָרגן" — אזוי טראַכט יעדער, „האָב איך שאַנסן ארויסצוגיין בשלום פון דעם גאַנצן עסק..."

— פונדעסטוועגן זענען מיר אָנגעשפּאַנט. עפּעניען דעם וועג צום נגב — דאָס איז די קרוין פון אונדזער אַקציע אין די דאָזיקע שטורמישע צען טעג. און ביי אונדז איז באַשלאָסן צו פאַרענדיקן דעם דזשאָב.

די קאָמאַנדירן קערן זיך אום פון דער באַראַטונג. צוויי פּלוגות פוסגייער — פּלוגה א׳ און א פּלוגה רעקרוטן פון ים־מיליטער זענען געשיקט געוואָרן אַלס רעזערוו־מיליטער, וואָס האָט זיך איצט גערופן „פּלוגה ג׳" — זיי וועלן אָנגרייפן בית־עפא פון צוויי זייטן. די דזשיפּן וועלן ווידער צושמידן דעם שונא מיט פייער־קלעפּ. אָבער צוויי פון זיי וועלן זיך דאָסמאָל לאָזן אויפזאַמלען פאַרוואונדעטע. צווישן זיי מיין דזשיפּ.

*

מיר שטעלן זיך פאַר אשר דרומי, דער קאָמאַנדיר פון פּלוגה א׳. ער בעט אונדז צו אַ מאָלצייט פאַרן קאַמף, אַ וואונדערבאַר מאָלצייט מיט קוכנס.

די מאַנשאַפט פון פּלוגה א׳ קומט און שאַפט מיט אונדז. צוריק מיט צען טעג זענען זיי געווען רעקרוטן. איצט זענען זיי סטאַזשיאָרן. זיי ווייסן, אַז אַ סך פון זיי וועלן פאַרוואונדעט ווערן די נאַכט און אַז אונדזער אויפגאַבע איז צו ראַטעווען. זיי שפּאַסן...

מיר פאָרן אין דער אַמבולאַטאָריע באַזאָרגן זיך מיט אַ מאַקסימאַלן קוואַנטום באַנדאַזשן און טראַג־בעטלעך. אויפן וועג באַגעגענען מיר די רעזערוו־גרופּע, וואָס גייט צום איינשטעלונגס־פּלאַץ. די בחורים זענען אינגאַנצן „גרינע". דאָס איז זייער ערשטער קאַמף. אַ מעכטיק געזאַנג רייסט זיך אַרויס פון זייער מויל — „גלויב מיר, אַז אַ טאָג קומט אָן..."

מיר שטייען און לאָזן זיי פאַרבייגיין. דאָס איז פאַר אונדז אַ שרעקלעכע מינוט. מיר ווייסן וואָס אַזוינס עס איז בית־עפא. מיר ווייסן, אַז די נאַכט וועט זיין אַ לבנה־נאַכט. מיר ווייסן — פיל פון זיי וועלן גאַנץ נישט צוריקקומען.

*

מיר זיצן אין נגבה, די פאַרוואונדעטע נגבה, די בלוט־טריפנדיקע, און וואַרטן אין דער פינצטער אויף דער ערשטער קוילן־

פייפעריי פון דער ריכטונג בית־עפא. דאָס וועט זיין דער צייכן, אַז מיר דאַרפן אַרויס צום באַשטימטן אָרט און וואַרטן אויף פּאַר־וואונדעטע צו ברענגען זיי אין דער אַמבולאַטאָריע.

דער זייגער איז 11.30 און אַלץ איז גאָר שטיל — ווייזט אויס, אַז די מצרים גרייטן זיך אויך צו אַן אַנטשיידענעם קאַמף אין דער לעצטער נאַכט פאַרן איבעררייס.

די נאַכט איז זייער אַ ליכטיקע און די אויסזיכט איז אַ וואונדער־באַרע. דאָס איז אַ בייזער סימן פאַר אַנגרייפער. מיר דערמאָנען זיך אַן די חברים, וועלכע זענען צוריק מיט אַ שעה אַרויס פון באַזע מיט אַ מעכטיק געזאַנג. די נאַכט איז צו ליכטיק...

שיסעריי. צוערשט אַן איינצלנע, דערנאָך קנוילן. און אָט וועקט זיך די נאַטור אַרום — די קאַלירטע ראַקעטן טראָגן זיך צום הימל, די האַרמאַטן ברומען, די מאַשין־געווערן קלאַפּן.

מיר דאַרפן אַרויס אויפן שטח — פיר מענטשן אויף אַ נישט־געפּאַנצערטן דזשיפּ. דער באַשטימטער פּלאַץ געפינט זיך ביי 500 מעטער פון דעם אָנגעגריפּענעם דאָרף. צי האָבן מיר זיך פריער געשעמט מיט דעם דזשאָב? אַ טעות האָבן מיר געהאַט — דאָס איז אַ דזשאָב אַפילו פאַר „שועלי שמשון".

דעם שונאס האַרמאַטן צילן אויפן שטעג. מיר גייען פון אים אַראָפּ און פאַרן מיטן אָפענעם פעלד אַנטקעגן פייער. דער שטח איז אַ פלאַכער און ס׳איז נישטאָ קיין זכר פון אַ דעקונג.

אָט איז דער פּלאַץ. מיר לייגן זיך אויס אויף דער ערד און שטעלן אַן די מאַשין געווערן.

פאַר אונדזערע אויגן איז, מ׳קאָן זאָגן, אַ שיינער ספּעקטאַקל — דאָס פייער פון די האַרמאַטן, די קאָלירן פון די ראַקעטן, לויכטנ־דיקע מאַשין־געווער־קוילן. נאָר דאָס געפיל איז נישט קיין גוטס — מיר ליגן אָן אַ דעקונג, און מיר האָבן נישט וואָס צו טאָן, בלויז וואַרטן אויף אַ קויל אָדער אויף אַ שפּליטער.

מיר ריידן נישט. מיר הערן זיך איין און באַמיען זיך צו דער־קענען לויט די קולות דעם גאַנג פון די קאַמפן. טיילמאָל דערגייט צו אונדז דער שטורעם־געשריי פון די חברים. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר קוקן זיך צו צו אַ קאַמף נישט נעמענדיק אין אים קיין אָנטייל, און ס׳איז נישט קיין גוט געפיל.

אַ שעה. צוויי. בנימין פרידמאַן איז איינגעדרימלט. יוסף, דער שאָפער, זאָגט מיר אויס בסוד, אַז ער האָט מורא טאָמער וועט ער חלשן, ווען ער וועט זען אַ שווער־פאַרוואונדעטן. נישט ווילנדיק

שמייכל איך — אויך איך האָב אַזוי אַמאָל געערדט, און נישט איינ־מאָל דאָס געהערט פון חברים. פונדעסטוועגן האָבן מיר אויף אונ־דזערע אַקסלען געטראָגן פאַרוואונדעטע, אויך גוסטדיקע און געטאָן אונדזער פליכט — און די שווערע צייט האָט אונדז געמאַכט פאַר־געסן די איידעלע געפילן. אויך יוסף וועט זיך אַזוי פירן.

„דוד!"

מיר שפּרינגען אונטער פון אָרט. די קוילן און די שראַפּנעלן זענען אַרויס פון זכרון. אַ פאַרייואונדעטער חבר — איז אונדזער אויפגאַבע צו זאָרגן, ער זאָל וואָס שנעלער קומען אין דער אַמבו־לאַטאָריע.

„דוד — גלית!"

ער איז פאַרוואונדעט אין אויער. נישט קיין שווערער פאַל. מיר פירן אים מיטן דזשיפּ אין דער אַמבולאַטאָריע. „נאָך אַביסל וועלן מיר אָנקומען", טרייסט אים בנימין. „נאָך אַ פּאָר מינוט..."

„מאַך נישט קיין פּאַניק", ענטפערט דער אויפגערעגטער פאַר־וואונדעטער, „איך בין אין אָרדענונג!"

איך קען דאָס קול. נישט איינמאָל האָב איך אים געהערט פאַרליינען לידער אויף מסיבות אין קעמפּ „יונה", אין וויטן עבר, פאַרן מבול. דאָס איז זלמן קאַמין'ס קול, איינער פון די ווייניק אַלט־געזעסענע, וואָס זענען איבערגעבליבן פון פלוגה א'.

די גדודישע אויפזאַמלונגס־סטאַציע האָט זיך איינקוואַרטירט אין אַ בונקער אין נגבה. בן־ציון און רפאל, די גדודישע סאַניטאַרן, וואַרטן אויף אונדז. מיר גיבן זיי איבער די פאַרוואונדעטע. און איצט דאַרפן מיר זיך אומקערן, אין דער נאַכט אַריק, צום פייער. עס פעלט אַן אָנשטרענגונג פון ווילן.

ווידער דאָס נערוועזע וואַרטן. אָבער דאָסמאָל ציט עס זיך נישט לאַנג. דער קאַמף איז אַ שווערער און אַ סך זענען פאַרוואונדעט. פאַראַן אַזעלכע, וואָס קומען אַליין, הינקנדיק, אָנגעשפּאַרט אויף דער ביקס, און פאַראַן, וואָס מען טראָגט אויף טראָג־בעטלעך און אין קאָלדרעס.

דער דזשיפּ ווערט אַן אויטאָבוס — פאָרט־אָפּ און קומט צוריק, פאָרט־אָפּ און קומט צוריק. אינטערעסאַנט ווי די פליכט מאַכט פאַרגעסן די סכנה — קיינער פון אונדז טראַכט אַפילו נישט אָנצובייגן דעם קאָפּ אָדער זיך איינצובייגן. יעדע מינוט קאָן קאָסטן דאָס לעבן פון אַ מענטש.

איינער פון די פאַרוואונדעטע וויל נישט פאָרן מיטן דזשיפּ.

עס זענען איבערגעבליבן שווערע פאַרוואונדעטע — זאָגט ער מיט אַ שוואַך קול, נעמט זיי פריער. איך וועל גיין צופוס...

מיר לייגן אויס די פאַרוואונדעטע אין פעלד ביז עס קומט זייער ריי צו פאָרן. זיי שמועסן צווישן זיך אינדערשטיל.

„וואָס איז געשען אפרימען?"

„נעבן מיר איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן. באַקומען אַ גאַנצן קנויל קוילן אין די פיס..."

יוסף און איך לאָדן אָן אויפן דזשיפּ אַכט פאַרוואונדעטע און פאָרן צוריק קיין נגבה. דאָרט פאַרלאַנגען מיר פאַרשטאַרקונג. מען זאָגט אונדז צו, אַז די פאַנצערס פון דער פלוגה וועלן זיך אָנשליסן צו אונדז אין פעלד.

דערווייל זענען בנימין פרידמאַן און יעקב וועלישקאָווסקי אַרויסגעגאַנגען צום וואַדי נעבן דאָרף. דאָרט ליגן נאָך צענדליקער פאַרוואונדעטע. מען דאַרף זיי אַריבערפירן צום שטעג.

ענדלעך דערשיינען די פאַנצערס. מיר פילן זיי אָן מיט פאַרוואונדעטע. די געהרגעטע לייגן מיר אויפן דיל פון די מאַשינען.

דער זייגער איז 4 אינדערפרי. דאָס פייער שטילט זיך איין. ווי ס'ווייזט אויס, האַלט זיך די אַקציע ביים פאַרענדיקן. אָבער מיר זענען נאָך באַשעפטיקט. מען טאָר נישט איבערלאָזן אַפילו איין פאַרוואונדעטן אין פעלד. מיר זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם. און מיר האָבן באַשלאָסן די אויפגאַבע אויסצופירן פאַר יעדן פריז.

די לעצטע נסיעה. אויפן דזשיפּ האָבן מיר צוויי שווער פאַרוואונדעטע. מיט יעדן היפּ קרעכצן זיי. אָבער אין שאָסיי זענען דאָ אַ סך גריבלעך — ער איז באַשאָסן געוואָרן די גאַנצע נאַכט. אַ וואונדער, אַז דער דזשיפּ איז נישט געטראָפן געוואָרן.

מיר זענען צעבראָכן און מיד. צופיל בלוט האָבן מיר היינט געזען, צופיל ווייטיק, צופיל ליידן. עס איז גרינגער אויסצוהאַלטן אין דער פייער־ליניע, איידער מיטצומאַכן דאָס אַלץ.

און פונדעסטוועגן, איז אויך דאָ אַ דערהויבנקייט ביי דער אַרבעט. די גבורה פון די פאַרוואונדעטע, וואָס דערמוטיקן די געזונטע און אַנטשולדיקן זיך וואָס זיי באַלעסטיקן אונדז; דער איבערמענטשלעכער כוח פון איבערטראָגן, ווען זיי ליגן אויפן אָפענעם פעלד, אונטער אַ האָגל פון קוילן און וואַרטן די מאַשין זאָל זיי אָוועקפירן אין אַמבולאַטאָריע, וועלכע איז אפשר דערווייל צעשמעטערט געוואָרן אויף פיצלעך — דאָס איז די אמתע גבורה פון שלאַכט־פעלד, שענער, דערהויבענער פון דער גבורה פונעם

זעלנער, וועלכער גייט אַנטקעגן אַ קלאַפּנדיק מאַשין־געווער, דאָס איז אַ גבורה אָן חושים־פאַרשיכורונג. די גבורה פון ווייטיק. גבורה פון ליידן און שטאַנדהאַפטיקייט: דער זיג פונעם מענטשן.

ווען מיר זענען אינדערפרי צוריקגעקומען, האָב איך זיך אָוועקגעלייגט, בעגן מיין געוואוינהייט, אין אַ גרוב. איך האָב געוואוסט, אַז נאָך דעם נאַכט־אַנגריף וועלן די מצרים פאַרטאָג באָמבאַרדירן אונדזערע באַזעס. איך בין איינגעדרעמלט.

אַ ריזיקער אויפרייס האָט מיך אויפגעוועקט. אַ ווײַלע האָב איך נישט געוואוסט וואָס האָט פּאַסירט. זשומעריי פון מאָטאָרן, געשרייען, רויך און אַ גערוך פון שיס־פולווער האָט אָנגעפילט דעם רוים. אָט יאָגט־אָן אַן עראָפּלאַן אויף אונדז. איך שפּרינג אויף פון פּלאַץ, לויף אין פּרדס אַריין און דריק זיך צו צו דער ערד. צוויי באָמבעס רייסן אויף. איצט הער איך קלאָר די געשרייען פון פאַרוואונדעטע. באַלד לאָזט זיך אַראָפּ אַ דריטער עראָפּלאַן. ער האָרפּט נישט קיין באָמבעס. ער שיסט פון זיין מאַשין־געווער. דאָס איז די שרעקלעכסטע קויל אין דער וועלט. ווען דו הערסט דעם אויפרייס פון דער באָמבע ווייסטו, אַז די סכנה איז אויף אַ ווײַלע אַריבער. אָבער ווען דו הערסט דאָס האַקן פון מאַשין־געווער ווייסטו, אַז יעדע ווײַלע קענסטו געטראָפן ווערן.

מיר לויפן צו די פאַרוואונדעטע. אלבערט מינדלער איז פאַרוואונדעט אין פּנים, זלי — אין בויך. זיי זענען געלעגן צוויי מעטער ווייט פון גרוב וואו איך בין געשלאָפן, איינער פון דער רעכטער זייט און דער צווייטער פון דער לינקער זייט.

דער שונא, ווייזט אויס, האָט אַנטפּלעקט דעם קאָנצענטראַציע־פּלאַץ פון דער פלוגה אין פּרדס. באַלד גייען מיר אַלע אַריבער אין צווייטן עק דאָרף און פאַרגראָבן זיך פונדאָסניי אין שאָטן פון סאַברע־פּלויטן. אַלע זענען מיר אַ ביסל פאַרטומלט. עס איז נישט אָנגענעם זיך אויפכאַפּן פון שלאָף און זען ווי אַן עראָפּלאַן לאָזט זיך אַראָפּ אויף דיר.

*

צי וועט דער איבעררייס אַריין אין קראַפט זייגער 7 אָדער נישט?

מיר ליגן אין די גריבער. אַ קאָלאָסאַלע געשפּאַנטקייט שוועבט אין דער לופט. אין משך פון עלף טעג איז די חטיבה אַליין געשטאַנען אַנטקעגן דעם שונא. ביי אַ האַלבע פלוגה איז געהרגעט אָדער פאַרוואונדעט געוואָרן. צוויי אָדער דריי פיר מאָל האָבן מיר געווירקט בעת דעם מעת־לעת. יעדער פון אונדז האָט קלאָר געוואוסט, אַז אויב די קאַמפן וועלן זיך ציען, וועט עס מער נישט זיין ווי אַ פראַגע פון טעג, ווען אויך ער וועט געטראָפן ווערן. מיר האָבן געוואַרט

אויפן צייכן פון איבעררייס, ווי אַ באַשולדיקטער, וואָס וואַרט אויף זיין גזר־דין — לעבן אָדער טויט?

איך האָב געשמועסט מיט שלום כהן וועגן פאַרשידנס. קיינער פון אונדז האָט זיך נישט קאָנצענטרירט ביים שמועס. ביידע האָבן מיר געקוקט אויפן זייגער. די ווייזערס האָבן זיך גערוקט פּאַמעלעך.

אָט — פינף מינוט צו זיבן.

פּלוצים הייבט זיך אָן אַ ריזיקע באָמבאַרדירונג פון דרום־מזרח, נעבן באַרטיאַ. מיר האָבן קיין וואָרט נישט געזאָגט. בלויז צוגעהערט.

וואָלט מען אונדז נישט דערציילט, אַז עס וועט זיין אָן איבעררייס, וואָלט אונדז לייכטער געווען צו ליידן. מיר זענען געוואָרן פאַטאַליסטן, גלייכגילטיק. פון לאַנג שוין אויפגעהערט טראַכטן וועגן מאָרגן. קיינער האָט שוין מער נישט גערעדט וואָס עס קען פּאַסירן אין דריי טעג אַרום — דאָס איז געווען אַ צו ווייטער עתיד.

אָבער די רייד וועגן איבעררייס האָבן אונדז אַרויסגעבראַכט פון דער גלייך. אפשר וועלן מיר דאָך צוריק גאַנצע און כאָטש דאָסמאָל?

די אַנטוישונג איז אַ שרעקלעכע.

*

פּלוצים דערשיינט אריה שפּאַק. זיין פּנים שטראַלט. נאָר וואָס איז געקומען אַ טעלעגראַמע, אַז דער איבעררייס איז אַריין אין קראַפט.

18־טער יולי, 1948. אַ גרוב ביי סואַפיר.

דער איבעררייס

דער זייגער איז 7 אין אָוונט.

די גרויסע באָמבאַרדירונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט פינף מינוט צוריק, האָט אויפגעהערט. דאָס קול פון די האַרמאַטן האָט זיך איינגעשטילט אויפן דרום־פראָנט.

זיי זענען אַרויס פון זייערע גריבער, און אָט שמייכלט די זון אין מערב. זיי זענען פאַרשמירט, מיט רויטע אויגן פון נישט־דערשלאָפן און צעריסענע קליידער, מידע ביז טויט.

זיי זענען אַרויס פון די גריבער, און אָט שמייכלט די זון אין מערב. זיי האָבן געזשמורעט מיט די אויגן און געקוקט אין דער זון, וואָס מ׳האָט זי נישט געזען זינט עלף טעג.

עלף טעג! צי איז געמאָלט, אַז בלויז עלף טעג איז עס געווען?

יעדער טאָג איז דאָך ביי זיי געווען ווי פינף יאָר לעבן, יעדן טאָג האָבן זיי דאָך געזען דעם טויט אין טויזנט געשטאַלטן.

זיי זענען אַרויס פון די גריבער, וויניק, זייער וויניק. זיי האָבן אויף זיך געטראָגן די געהרגעטע חברים זייערע, גוטסדיקע חברים, פאַרוואונדעטע חברים, חברים וואָס קיינעם פון זיי איז נישטאָ קיין פאַרבייט, וואָס יעדער איינער איז אויפגעוואַקסן מיט זיין איינהייט און געוואָרן אַ טייל פון איר און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ ליידיקייט.

זיי זענען אַרויס פון זייערע גריבער — די זעלנער פון דרום־פראָנט וואָס האָבן צעקלאַפּט דעם שטאַרקסטן שונא, אַ שונא מיט אַן איבערמאַכט פון געווער — ממש מיט די הענט איינגעהאַלטן טאַנקען און פּאַנצערס, געליטן אַן אַ שיר באַמבאַרדירונגען און נישט אָפּגעטרעטן.

„שועלי שמשון" — די קאָמאַנדאָ־מענטשן אויף דזשיפּן דורכגעלעכערטע פון קוילן און שפּליטער, די מענטשן, וואָס האָבן גאַלאָפּירט אויף צעשמעטערט־שאָסייען, אַרויף אויפן שונא'ס פּאָזיציעס, זיך אַריינגעריסן אין באַפעסטיקטע דערפער, אָפּגעראַטעוועט פאַרוואונדעטע און געבראַכט אַמוניציע צו אָפּגעריסענע שטעלונגען. וויפל פון די שעפער פון דער איינהייט זענען געבליבן ביים לעבן? געזונט און גאַנץ?

די פאַרטיידיקער פון נגבה — דאָס יידישע סטאַלינגראַד, מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אין שטיקנדיקע בונקערס, וואָס האָבן אָפּגעשטויסן צענדליקער טאַנקען און פוסגייער־אָנגריפן, וואָס זענען באַמבאַרדירט געוואָרן פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, זעלנער און „ציווילע", יוגנטלעכע, וואָס גייען אַרום איינגעבויגן צווישן צעשטערטע הייזער און רויכערנדיקע באַראַקן.

די מענטשן פון משלט עיבדים — די, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן אַ גיהנום, וואָס מען קאָן אים מיט קיין ווערטער נישט באַשרייבן, וואָס האָבן זיך מיט די נעגל געהאַלטן אָן דער ערד, אַ צעטרייסלטע פון אויפרייסן.

זיי זענען אַרויס פון זייערע גריבער, אין דזשולים און אין כאַרטיאַ, אין בית־דאַראַס און כאַרטאַ, די וויניקע, וואָס זענען געשטאַנען קעגן פילע, דוד'ס וואָס האָבן באַזיגט גלית'ס.

זיי זענען אַרויס פון זייערע גריבער — און אַט עקזיסטירט נאָך די וועלט, און בלומען בליען נאָך און פייגל טשוויטשערן נאָך.

זיי זענען אַרויס פון זייערע גריבער — און ווילן נאָך לעבן, לעבן מיט אַ גאַנץ האַרץ און אַ רואיקער נשמה. יעדער איינער פון זיי איז

גרייט געווען צו שטאַרבן, יעדער איינער פון זיי איז לעבן געבליבן דורך אַ צופאַל, יעדער איינער פון זיי איז מיט אַ נס געראַטעוועט געוואָרן צענטליקער מאָל, הונדערטער מאָל, פון כמעט אַ זיכערן טויט.

זיי זענען ארויס פון זייערע גריבער — די וויניקע, וועמען דאָס מאַלק איז שולדיק אַ חוב, וועלכן מען קען נישט באַצאָלן.

אויך נאָכדעם, ווי דער איבעררייס איז אַריין אין קראַפט, האָבן זיך די אַקציעס געצויגן אַ פּאָר שעה אויפן פראָנט־אָפּשניט פון כאַרטיאַ. מיט צאָרן האָט דער שונא אַטאַקירט דאָס דאָרף, וואָס איז נעכטן איינגענומען געוואָרן. די דעראָבערונג פונעם דאָרף האָט געראַפּט עפּעס פּאָר אונדז דעם וועג צום נגב און אָפּשניידן דעם שונאס כוחות אין מג׳דל און אין עיראַק־סואידאַן פון זיינע כוחות אין פאַלוג׳ה און אין עיראַק־מנשיה.

ווי אין די טעג פון עיבדיס, האָבן די מצרים אַטאַקירט מיט האַרמאַטן, טאַנקן און מיט פוסגייער. זייער אָנגריף איז אָבער דורכגעפאַלן. אין אָוונט זענען מיר געשיקט געוואָרן אויפצוזאַמלען דעם מלחמה־רויב, קאָנטראָלירן דעם שונאס פּאָזיציעס און אַראָפּציען דאָס געווער פון די הרוגים, וועלכע זענען געבליבן אויפן שלאַכט־פעלד.

אָבער זייער שנעל האָט אַנטוישט די האָפענונג אויפצוּעפענען דעם וועג צום נגב. די מצרים, ווען זיי האָבן געצווייפלט אין פאַרנעמען כארטיא, האָבן זיי פאַרכאַפּט — אין קעגנזאַץ פון איבעררייס־באַפעל — די פּאָזיציעס אויף דרום־זייט פון דאָרף. כארטיא איז איבערגעבליבן אין אונדזערע הענט. אָבער דער וועג צום נגב איז אַלץ געווען פאַרשטעלט.

אַ פּאָר מאָל זענען מיר געבליבן אין סואַפיר און זענען געווען גרייט, אַז דער שונא וועט ברעכן דעם איבעררייס. אָבער דער שונא, וועמענס פאַרלוסטן זענען געווען ריזיקע, האָט זיך באַפעסטיקט אין זיינע פּאָזיציעס און געשוויגן.

צום ערשטן מאָל איז אונדזער געדאַנק געווען — אַהיים. עלף טעג איז די דאַזיקע וועלט פאַר אונדז געווען ווייט און פאַרגעסן. און אַט האָבן מיר זיך דערמאָנט — מיר האָבן אַ היים. מיר האָבן משפחה, מיר האָבן עלטערן.

19־טער יולי, 1948. סואַפיר.

צו די עלטערן

אַט האָבן די קולות פון דער שלאַכט זיך איינגעשטילט און די פעלנער זענען אַרויס פון זייערע גריבער, און ס׳איז דאָ אַ שטאַרקער

הילן צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער — די עלטערן מײנע און מײנע חברימס, די עלטערן פון אַלע טויזנטער קאַמף־סאָלדאַטן, וואָס זענען געווען אין שטורעם פון די קאַמפן אין צפון און אין דרום.

אײער זון קערט זיך אום אויף אַן אײלנדיקן אורלויב, און ער איז מיד און שווײגט, און איר פילט, אַז ס'טײלט אײך אָפּ עפּעס אַ גרויס איבערלעבעניש, צו וועלכער איר זענט נישט קײן שותף.

איר וואָלט געוואָלט פאַרשטײן דאָס געפיל, אָנטײל נעמען אין די זאַכן וואָס זענען פאַר אײך אומפאַרשטענדלעך און זײ דריקן אויף אים. איר פרעגט אים אַ סך פראַגן, אָבער ער דרײט זיך אַרויס פון געבן אַ תשובה, שווײגט און איז באַשײדן, אָדער שטופּט אָפּ אַלץ מיט אַ געמאַכטן שמײכל.

און דו, מוטער, דערצײלסט אים, דײן זון, וועגן די צרות וואָס דו ביסט אויסגעשטאַנען, וועגן די באָמבאַרדירונגען און שלאָפלאָזע נעכט אין שטיקנדיקע שעלטערס, וועגן פרײזן, וואָס שטײגן, וועגן דעם מאַנגל אין פראָדוקטן — און ער הערט זיך נישט צו, ווי די אַלע זאַכן וואָלטן אים ווײט געווען, גלײך דײן וועלט וואָלט אים פרעמד געווען.

טײלמאָל פרעגט איר זיך אַלײן, צי האָט זיך אײער זון פון אײך דערווײטערט, צי איז ער אײך פרעמד געוואָרן, צי האָט די מלחמה געשאַפן צווישן עלטערן און קינדער אַ תהום, איבער וועלכן ס'איז נישטאָ קײן בריק?

יאָ, עלטערן, ס'איז אײער זון עפּעס געשען, און ער איז נישט מער דאָס שמײכלענדיקע ײנגל, וואָס האָט אָנגעטאָן דעם מונדיר און געשפּאַסט איבער דעם לעבנס־שטײגער פונעם איבונגס־קעמפּ. ער איז געווען אין שלאַכט, געזען געהרגעטע און פאַרוואונדעטע חברים. ער האָט דערקענט דעם פּחד און אים באַהערשט, און דערקענט די האַזיקע אײנזאַמקײט, וואָס באַהערשט דעם מענטשן אין שלאַכט־פעלד צווישן אַ האָגל פון קוילן און אין באָמבאַרדירטן שוץ־גרוב.

וועגן דעם אַלעמען קאָן אײער זון אײך נישט דערצײלן, ווען ער וואָלט אַפילו געוואָלט, ווען ער וואָלט זיך אַפילו נישט גערעכנט מיט אײערע געפילן און געוואָלט דערצײלן דעם אמת. ער קען אײך נישט דערצײלן וועגן אַ וועלט וואָס קאָכט מיט לעבן און אכזריותדיקן טויט — ווײל איר געהערט צו אַן אַנדער וועלט, און אין דער סעקונדע ווען אײער זון באַטרעט אײער שוועל, פאַרשווינדט הינטער אים דער גאַנצער קאַמף־שטײגער.

אָבער, עלטערן, אין יענע טעג פון קאַמף, איז אײער זון נאָענט גע־

וען, זייער נאָענט צו אייך. ווען ער איז אַרויס צו אַן אַקציע אין דער נאַכט־פינצטערניש, האָט ער גוט געוואוסט, אַז איר ליגט אין אייערע בעטן און איר קאָנט נישט איינשלאָפן, אַז עס עגבערט אייך די זאָרג. ער האָט אויפגעהערט מורא האָבן פאַרן טויט, ווייל ער האָט זיך צו אים זייער דערנענטערט — אָבער זיין זאָרג איז געווען פאַר אייך, עלטערן.

אָט באַקלאָגט איר זיך, אַז ער האָט ווייניק געשריבן. צי איז עס נישט געווען אכזריותדיק? אָבער, עלטערן, ס'איז אים שווער געווען צו שרייבן אין יענע טעג. און וואָס האָט ער אייך געקענט שרייבן, חוץ פון דעם אויסגעדראָשענעם נוסח — „איך פיל זיך גוט, איך האָף אייך צו זען בקרוב...‟ נעבעכדיקע ווערטער, ליידיקע, וועלכע האָבן זיך אייך אויסגעדאַכט ווי חוזק, אויף דעם פלאַץ און אין דער לאַגע.

טײלמאָל האָט ער געמאַכט אַן אָרעמען פרווו אייך אָפּצונאַרן, ער האָט אייך דערציילט, אַז ער געפינט זיך איבערהויפּט נישט אין פראָנט, אַז ער איז געבליבן אין קעמפּ, אַז זיין איינהייט איז געבליבן אין רעזערוו — און ער האָט דאָך געוואוסט, אַז איר גלייבט נישט קיין איין וואָרט פון זיינע רייד.

און ווען ס'האָט זיך געטראָפן, אַז אַ חבר איז נעבן אים געהרגעט געוואָרן, ווי שרעקלעך איז געווען דער געדאַנק, אַז אין דער רגע זיצן דעם חברס עלטערן און ווייסן גאָרנישט, אַז זייער זון איז מער נישטאָ. ווי שרעקלעך איז געווען דער געדאַנק, אַז אָט, נאָך אפשר הייַנטיקע נאַכט, אָדער מאָרגן, וועט דאָס זעלביקע געשען מיט זיינע עלטערן?

דערפאַר, עלטערן, ווען אייער זון קומט אויף אורלויב, מאַכט אים נישט שווער מיט אייערע פראַגן און פאַרלאַנגט נישט פון אים קיין אָפנהאַרציקייט. ווייסט, אַז טיף אין זיין האַרצן זענען פאַראַן זאַכן, שטומע זאַכן, וועלכע מען קען נישט אויסדריקן, און באַנוגנט אייך מיטן איינפאַכן, גרויסן, ריזיקן פאַקט — **אייער זון איז צוריקגעקומען.**

דער זעלנער, וועלכער נעמט אָנטייל אין שלאַכט, זעט נישט מער ווי דעם אָפשניט אין וועלכן ער ווירקט. כאָטש מיר, די מענטשן פון די דזשיפּן, האָבן אָפטער געווירקט אין דער גאַנצער לענג פון פראָנט, און כאָטש אבא קאָוונערס קאַמף־בלעטל האָט אונדז געגעבן אַ באַגריף וועגן דעם אַלגעמיינעם פראָנט, האָבן מיר אָבער פאַקטיש נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אָפּצושאַצן דעם

מער טיפערן באַדייט פון די געשעענישן, וואָס האָבן פּאַסירט פאַר אונדזערע אויגן.

ערשט מיט אַ סך חדשים שפּעטער איז אונדז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו שמועסן מיט די אָנפירער פון קאַמף־שטאַב פון דער חטיבה און פון דער „פויגל־פּערספּעקטיוו" זען דעם גורלדיקן קאַמף אין די חדשים יוני־יולי 1948. און דעמאָלט, שוין מיט פאַרשפּעטיקונג, בין איך אויפגעשוידערט געוואָרן, באַגרייפנדיק די שרעקלעכע סכנות, וואָס האָבן געלויערט אויף תל־אביב און אויף מדינת ישראל, און בלויז דער גרויסער „נס" פון דעם גייסט פון דער חטיבה און אירע קאָמאַנדירן האָבן זיי אָפּגעשטופּט.

אין קלאַמערן:

און אָט וואָס עס האָט פּאַסירט.

„האַלאָ — הגר — בועז — שמיר — איינס — פינף; האַלאָ — הגר — בועז — שמיר — איינס — פינף..." פונעם ראַדיאָ זשומעט אַרויס אַ מאָנאָטאָן קול. די טעלעגראַפיסטין אין חטיבה־שטאַב פאַרשרייבט די טעלעגראַמע אויף א מעכאַנישן אופן. „א דרינגענדיקע טעלעגראַמע — דער אָבסערוואַטאָר מעלדעט..." א יונגער קוריער טראָגט זי אַריין צום קאָמאַנדיר. איין טעלעגראַמע פון א סך.

אין קאָמאַנדירס צימער, ביי אַ טיש וואָס איז באַלייגט מיט מאַפּעס, זיצט אַ מענטש. זיינע האָר זענען בלאָנד, די אויגן גרוילעך־בלאָ, אַ נאָז, ווי אַן אָדלער־שנאָבל — דאָס אויסזען פון א קעמפער. זיין פּנים איז אין דער רגע זייער מיד, לייענענדיק די טעלעגראַמע. דער אָבסערוואַציע־פּונקט אין ניצנים מעלדעט — „צוויי הונדערט מצרישע מאַשינען זענען געפאָרן מיטן שאָסיי אויף צפון..."

איינער נאָך דער אַנדערער קומען אָן די טעלעגראַמען. די אָבסערוואַציע אין ניצנים מעלדעט: פיר הונדערט מאַשינען זענען פאַרביי. זעקס הונדערט. אַכט הונדערט. טויזנט. טויזנט צוויי הונדערט. טויזנט פינף הונדערט מצרישע מאַשינען זענען געגאַנגען מיטן שאָסיי קיין צפון. די אָבסערוואַציע אין גן־יבנה מעלדעט; דריי הונדערט מאַשינען האָט מען געזען אויפן שאָסיי פאַרן פון אישדוד קיין צפון. פינף הונדערט. אַכט הונדערט. טאַנקן, וואָס טראָגן מיט זיך ברענס. שווערע פאַנצערס.

דער קאָמאַנדיר פאַרמאַכט די אויגן, פאַרדעקנדיק דעם שטערן מיט די הענט. ער בייטיקט זיך נישט אין קיין מאַפּע. ער ווייסט —

דער מהלך צווישן אישדוד און תל־אביב איז 32 ק״מ אין דער לופט־ליניע.

די טיר עפנט זיך. עס גייט אריין א נידעריקער מענטש, א רונ־דיקער, א שאטין, דער אפעראציע אפיציר פון דער חטיבה.

„איז וואס?״ — פרעגט דער קאמאנדיר און הייבט אויף די אויגן.

„כ׳האב זיי געזען״ — ענטפערט דער צווייטער. „העכער טויזנט מאשינען אין צפון־זייט פון אישדוד״. ער זאגט עס פול־שטענדיק רואיק, גלייך ער זאל דערציילן, אז ער האט באקומען א פעקל סיגארעטן פונעם מאגאזינער. ער איז נישט קיין מענטש, וואס ווערט גרינג איבערראשט. אינדערפרי איז ער געפארן מיטן קאמף־אדיוטאנט אליין קאנטראלירן דעם אמת פון די מעלדונגען, און אט האט ער זיך אומגעקערט און באשטעטיקט — די מעלדונגען זענען ריכטיק. א ריזיקער מצרישער כוח גייט אויף תל־אביב.

*

א ווײלע קוקט איינער אן דעם צווייטן. פארשידענע טיפן, כמעט קעגנזעצלעכע — שמעון אבידן, דער קאמאנדיר פון דער חטיבה, אן עמפינדלעכער טיפ, א נערוועזער, פארשלאסן אין זיך; פון זיין טבע א קעמפער, מיט א שטורמישער פארגאנגענהייט פון א רעוואלוציאנער; אן אנפירער אין אנטי־נאצישן אונטערערד, א קאמאנדא־קאמאנדיר, א פלמ״ח־מענטש. זיין פארטרעטער, „מאירקע״ דודזאן, איז א קיבוצניק און א מענטש פון דזשאמע (חברה), א קאלטבלוטיקער, א פעסטער מאן, שפרודלט מיט אונטער־נעמונג.

זיי דארפן זיך נישט דורכשמועסן. די פאקטן ווייסן זיי ביידע. און זייער באדייט איז קלאר. דער מצרי גייט אויף תל־אביב. ער איז באוואפנט מיטן גאנצן שווערן געווער. וואס איז דא צווישן אים און דער שטאט... וואס?

גארנישט. א כוח פון צווי פלוגות, א דינע ריי פון יוגנטלעכע, באוואפנטע מיט ביקסן, מאשין־געווער און מאלאטאוו־פלעשער. וואס נאך? א בריק אין צפון־זייט פון אשדוד, וועלכע מ׳האט אויפ־געדיסן אייערנעכטן ביינאכט. וואס נאך? 4 עראפלאנען, וואס מ׳קאן נישט באנוצן אין די באדינגונגען פון לאנד, און וועלכע מ׳האט נאך נישט אויסגעפרווט פליען.

מיט דעם כוח דאַרפֿן די צוויי פּלוגות באַשיצן דעם דרום און
‫אַטעוועז תל־אביב.

*

די פֿיר פֿליער שטייען אויפֿן פֿלי־פּלאַץ און קוקן זיך איין אין
די עראָפּלאַנען. ערשט איצט האָט מען פֿאַרענדיקט אַרויפֿזעצן
די טיילן. מען דאַרף אויספּרוּוון די מאַשינען.

חלוצים דערשיינט צווישן זיי אַ פּרעמדער — אַ קאָמאַנדיר פֿון
אַ פֿליִער־קאָמאַנדאָ. זיי קענען אים נישט, כאָטש זיין נאָמען
האָבן זיי יאָ געהערט.

„חברים", זאָגט דער קאָמאַנדיר, „איר מוזט אַרויפֿגיין און זיך
אויבן".

די פֿיר קוקן אים אָן פֿאַרוואונדערט. ער איז נישט זייער
קאָמאַנדיר. און זיי ווייסן, אַז מען טאָר נישט אַרויסגיין צו אַן אַקציע,
אויב מען האָט נאָך נישט ווי געהעריק אויסגעפּרוּווט דעם
עראָפּלאַן.

„בלויז אייערע עראָפּלאַנען קענען נאָך ראַטעווען תל־אביב,
ארץ־ישראל. דער שונא גייט אויף דער שטאָט. אויסער אייערע
עראָפּלאַנען איז נישטאָ קיין כוח וואָס זאָל זיי איינהאַלטן".

דאָס זענען פּשוטע ווערטער, פּשוט געזאָגט. עס איז אין זיי
נישטאָ קיין דראַמאַטישקייט, אויך קיין פּאַטאָס. אָבער זיי פֿאַרשטייען
נישט בלויז די שפּראַך פֿון די ווערטער, נאָר אויך די שפּראַך פֿון
די אויגן — די גרוילעך־בלויע אויגן, אויגן דורכדרינגנדיקע און
מענטשלעכע צוגלייך, וועלכע זאָגן: „איר האָט נישט קיין ברירה".

די פֿיר שטייגן אויף אויף די עראָפּלאַנען, מאַכן מיט די הענט
און הייבן זיך אויף.

דריי פֿון זיי זענען צוריקגעקומען.

*

צפֿון־זייט פֿון אשדוד זאַמלען זיך אָן די מצרישע מאַשינען.
אַן איינגעלייגטע בריק האָט זיי פֿאַרהאַלטן. די קאָמאַנדירן שעלטן.
נאָר ס'איז קיין ברירה נישטאָ — מען דאַרף וואַרטן ביז מען וועט
די בריק פֿאַרריכטן.

*

און חלוצים דערשיינען די עראָפּלאַנען. די מענטשן צעשפּרייטן
זיך אין אַ בהלה. די באָמבעס פֿאַלן און טרעפֿן. דער שאָדן איז
אַ קליינער.

פונוואַנען האָבן די יידן עראָפּלאַנען? דאָס איז אַ נייער פאַקטאָר, וואָס מ׳האָט אים נישט גענומען אין חשבון. דער מצרי איז אַ פאָר־זיכטיקער מענטש. זיין מיליטער־בילדונג האָט ער באַקומען אין אַ בריטישער אַקאַדעמיע, וואָס האָט אים דערצויגן צו דענקען מיט אָרטאָדאָקסאַלע באַגריפן. מען טאָר נישט איינשטעלן דעם טייערן פּאַנצער דורך איילִיקע מעשים. מען דאַרף צוואַרטן, צונויפזאַמלען אַ גרעסערן כוח, ברענגען אַנטי־לופט־האַרמאַטן. מען דאַרף זיך רואיק צוגרייטן, מאַכן נייע פּלענער, גרייטן אַ פעסטן קלאַפּ, וואָס זאָל צעשמעטערן די ציונים און זיי פאַרטיליקן.

דער באַפעל ווערט געגעבן: איינהאַלטן, איינגראָבן זיך, אויס־שטעלן זיך אין אַ קרייז־פאַרטיידיקונג.

*

רואיק זיך צוגרייטן? ניין, מען טאָר זיי נישט לאָזן רואיק זיך גרייטן. מען דאַרף זיי שטערן, מען דאַרף דראָען פון אַלע זייטן, מען טאָר זיי נישט צורו לאָזן אַפילו איין סעקונדע.

דער חטיבה־שטאַב נעבן רחובות אַרבעט פיבערהאַפט. דער קאָמאַנדיר און זיין אַסיסטענט בייגן זיך איבער די אויספירונגס־פּלענער, די גדודישע קאָמאַנדירן גייען אַריין און אַרויס, דער טעלעגראַף און טעלעפאָן אַרבעטן אָן אויפהער.

יעדע נאַכט גייען אַרויס די בחורים און גריפן אָן. די אָנגריפן זענען קליינע, בלויז שטערונגען — אַ קלאַפּ דאָ, אַ קלאַפּ דאָרט, אָבער דער שו״א דענערווירט זיך. ער פאַרתכלעוועט גרויסע קוואַנטומס אַמוניציע. די הימלען איבער זיינע לאַגערן זענען באַלויכטן מיט רויטע און גרינע ראַקעטן. דאָס גאַנצע געווער זיינס שיסט, ווי עס דערהערט זיך דער מינדסטער גערויש אויפן פעלד. ניין, דער מצרי האָט נישט די מעגלעכקייט רואיק זיך צוצוגרייטן.

*

דער 4־טער יוני 1948. פון אַלע זייטן פון דעם ברייטן דרום קומען אָן קאַמף־איינהייטן און קאָנצענטרירן זיך אין גן־יבנה און אין ביצרון, אַנטקעגן דער מצרישער קאָנצענטרירונג. די נאַכט ווילן זיי געבן אַ גרויסן קלאַפּ די מצרישע קאָנצענטרירונגען אין אישדוד.

דער קאָמאַנדיר רוט נישט אין דער דאָזיקער נאַכט. ער ווייסט, אַז ער האָט געטאָן אַ געוואַגטע זאַך. ער האָט געלאָזט גרויסע שטחים אָן גענוג שוץ, כדי צו דערמעגלעכן די קאָנצענטרירונג פון די

קעמפער. ער ווייסט, אַז די מצרים וועלן קאָנצענטרירן דריי אָדער פינף שווערע מאַשין־געווערן קעגן יעדן לייכטן מאַשין־געווער אונדזערן. אויך דאָס ווייסט ער, אַז דער קאָנטאַקט־אַפּאַראַט איז נאָך נישט צוגעפּאַסט צו אַזאַ גרויסער אַקציע פון פינף גדודים, אַז פּאַקטיש וועט נישט זיין קיין שום קאָנטאַקט צווישן די איינהייטן, און ס׳וועט נישט זיין קיין מעגלעכקייט צונויפצופּאַרן זייערע אַקציעס פון דער רגע, ווי זיי וועלן אַריין אין קאַמף.

אָבער אויך דאָס ווייסט ער, אַז ס׳איז קיין ברירה נישטאָ. אַז מען דאַרף אַטאַקירן, דווקא ווייל ס׳איז נישטאָ קיין כוח צו שיצן. אַ כלל, וואָס איז סותר אַלע געזעצן פון דער מלחמה־תורה, פונדעסט־וועגן איז ער אַ ריכטיקער — אויב דו האָסט נישט קיין כוח איינ־צוהאַלטן דעם שונאס אָנגריף — גרייף דו אָן, קלאַפּ אים, שטער אים, פּאַרנאַר אים. גיב אים נישט קיין מעגלעכקייט איינצושטעלן זיינע כוחות און צוצוגרייטן אַן אָנגריף פון זיין זייט. דאָס איז אַ כלל, וועלכער קאָסט זייער טייער. אָבער בלויז ער איז מסוגל צו ראַטעווען דעם דרום, תל־אָביב.

פּאַמעלעך קומען אָן די ערשטע ידיעות. די אַקציע איז דורכ־געפאַלן. דער אָנגריף איז אָפּגעשטויסן געוואָרן אויף אַלע פלעצער. פיל, זייער פיל פאַרלוסטן. אָבער איין זאַך איז קלאָר: דער שונא איז איבעראַשט געוואָרן פון דער קראַפט פונעם קלאַפּ. ער וועט זיך לייכט נישט רירן פון אָרט.

*

איצט הייבט זיך אָן דער געראַנגל, דער גייסטיקער געראַנגל צווישןביידע קאָמאַנדירן. די אַרענע — דאָס נידערלאַנד ביים ברעג. אין שטאַב נעבן רחובות שפּיזן זיך איין אין דער מאַפּע בלויע־גראָע אויגן, באַרעכענען, פּלאַנירן. אין איינעם אַ הויז אין מג׳דל שפּיזן זיך איין אין דער זעלבער מאַפּע אַנדערע אויגן, ברוינע — די אויגן פונעם קאָמאַנדיר פון דער מצרישער דיוויזיע.

ווי אַזוי דערלאָזט מען נישט דעם שונאס דורכרייס קיין צפון, צו תל־אביב צו, ווען מען קען נישטביישטיין זיינע פּאַנצערס, עראָפּלאַנען און קאַנאָנען? מען דאַרף אונטעררייסן זיין פּסיכיש גלייכגעוויכט. ווי מאַכט מען עס? מען דאַרף באַדראָען דעם הינטער־פראָנט, זיין צושטעלונגס־וועג.

ביי אַ דריי קילאָמעטער אין דרום־זייט פון אישדוד, צווישן באר־טוביה און ניצנים, איז דאָ אַ בערגל פאַרצייכנט אויף דער מאַפּע מיטן

זומער 69. עס איז נידעריק, פליכעוואַטע און אויף אים שטייען דריי וואַסער־טורעמס נאָך פון די ענגלענדערס צייטן. דאָס בערגל הערשט איבערן שאָסיי צווישן אישדוד, וואו ס׳געפינט זיך די קאָנצענטראַציע פון מצרישן הויפּט־כוח און צווישן מג׳דל, זיין באַזע.

דעם 7־טן יוני, צוויי טעג נאָכן קאַמף וועגן אישדוד, גייט אין דער פינצטערניש פון נאַכט אַ קליינער יידישער כוח אַרויף אויפן בערגל און פאַרגראָבט זיך דאָרט. מיטן זון־אויפגאַנג פאַרשטעלט ער דעם שאָסיי מיט פייער. דער ייד האָט געזיגט אין דער ערשטער רונדע.

דער מצרי פילט דעם קלאַפּ און גרייט זיך צו אַ קעגן־קלאַפּ. אין צוויי טעג אַרום, מיטן זון־אויפגאַנג, וואַרפט ער זיין קאָנצענטרירטן כוח אויפן בערגל אַרויף. צום ערשטן מאָל לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער יידישער פּאָזיציע אַ קאָנצענטרירטער קלאַפּ פון מאָדערנסטן מלחמה־געצייג: אַ טייוולאָנישע שראַפּנעלירונג, אַ שרעקלעכע לופט־באָמבאַרדירונג, אַן אָנגריף פון שווערע פּאַנצערס. די אַטאַקירנדע האַלטן זיך ממש אָן אָן דער ערד. און אָט, אין גורלדיקן קריזיס, ווערט צעבראָכן די שוואַכסטע רינג אין קייט — ביי אַ פּאַראַנטוואָרטלעכער אויפגאַבע פאַלט דער גייסט פון איין מענטש. די פּאַרטיידיקונג פון פּלאַץ ברעכט זיך. דאָס בערגל 69 פאַלט אַריין אין די הענט פונעם שונא. ביי דער צווייטער רונדע האָט געזיגט דער מצרי.

*

אין חטיבה־שטאָב טרעפט די ידיעה ווי אַ בליץ אין אַ זומער־טאָג. אויף אַ ווײַלע הערשט אַן אַטמאָספער פון אַ פולשטענדיקער צעטומלונג. אַלע זענען זיכער געווען, אַז דאָס בערגל וועט אויסהאַלטן. לויט אַלע מיליטערישע אויסרעכענונגען האָט עס געדאַרפט אויסהאַלטן. פונדעסטוועגן איז עס געפאַלן.

יעדער זעט בלויז איין פאַקט — ביים ערשטן פאַרמעסט צווישן יידישן מענטש און צווישן מצרישן שטאָל האָט דאָס שטאָל באַזיגט דעם מענטש. צי קען טאַקע דער גייסט נישט בייקומען די מאַטעריע? צי האָבן אַ טעות געהאַט די, וועלכע האָבן געהאָפט, אַז דער קעמפנדיקער מענטש וועט צעשמעטערן די קעמפנדיקע מאַשין?

נאָר אין זייער קליינעם צימער שטייען דער קאָמאַנדיר און זיין אַדיוטאַנט. זיי וויסן אַ צווייטן פאַקט — אין דער רגע אַנטשיידט זיך דער גורל פון דער יינגער מדינת ישראל. אויב די מצרים וועלן ווייטער פאַרויסגיין צו באר־טוביה — וועלן זיי דורכברעכן דעם פראָנט. נישטאָ קיין רעזערוו־כוחות זיי איינצוהאַלטן. אויב די מצרים

זיעלן צוקומען צו באר טוביה, צעפּאַלט זיך דער פראָנט פולשטענדיק. דער דרום וועט פאַלן. און נאָך אים תל־אביב.

די שטחים פון דער חטיבה זענען כמעט אָפּגעהוילט פון זעלנער. די כוחות פון אַראַבישן לעגיאָן און די אַרטיקע מאַסן האָבן פאַרנומען גוזר אין מזרח. די קיבוצים גת און גלאון האַלטן נאָך מיט נס — ס'איז דאָרט כמעט נישטאָ קיין איין זעלנער. דער גאַנצער כוח איז קאָנצענטרירט קעגן דעם מצרי אין אישדוד־אָפּשניט — בערגל 69. נישטאָ קיין רעזערווע.

מאָרגן דאַרף דער איבעררייס אַריין אין קראַפט. צי וועט אָבער דער מצרי האַלטן דעם באַפעל פון איבעררייס, אויב ער וועט פאַרשטיין, אַז נאָך איין קלאַפּ איז גענוג, כדי צו אַנטשיידן דעם גורל פון ישראל?

*

פּאַמעלעך גייט פאַרביי דער שרעקלעכער טאָג, וואָס יעדע סעקונדע זיינע איז ווי אַן אייביקייט. דער קאָמאַנדיר אַליין איז אַרויס קיין באר־טוביה. די דריטע רונדע, די אַנטשיידנדיקע, האָט זיך אָנגעהויבן.

אין בית־דאַראַס, צווישן באר־טוביה און בערגל 69, געפינען זיך צוויי יידישע פּלוגות. איינע איז אַרויס צום בערגל, צו דעקן דעם ריקצוג פון דער פּלוגה, וועלכע האָט עס געהאַלטן. זי קומט צו ביזן עק פון אַ פּרדס, ביי אַ צוויי הונדערט מעטער פונעם בערגל.

אין פּיאַט, דריי לייכטע מאַשינען־געווער און אַכציק יידישע בחורים פאַרטיידיקן אין דעם מאָמענט ארץ־ישראל.

די מצרים האָבן פאַרכאַפּט דאָס בערגל. דער פאַרפּאָסטן, די טאַנקן, גייען ווייטער צו בית־דאַראַס צו. און פּלוצים שטויסן זיי זיך אָן אָן אַ נישט פאָרויסגעזעענעם ווידערשטאַנד. פונעם שאָטן פון זאַנגען פרדס עפנט זיך אויף זיי אַ פייער. דריי בלינדע שראַפּנעלן פון פּיאַט טרעפן אין טאַנק. די קוילן פון מאַשינען־געווער קראַצן דעם פּאַנצער.

אַ גרויסער מאָמענט פון טויט און לעבן. די טאַנקן פאַרהאַלטן זיך. דער ראַדיאָגראַף אַרבעט. דער מצרישער קאָמאַנדיר טראַכט נאָך אַ ווײַלע און באַפעלט: קערט אייך אום צום בערגל 69 און באַפעסטיקט אייך דאָרט.

באַלד האָט זיך דער יידישער קאָמאַנדיר אָנגעכאַפּט ביים נס. און גיט אַ צווייטן קלאַפּ — אַ קליינער כוח פון דזשיפּן און לייכטע

טאַנקלעך, פֿונעם פּלמ״חישן קאָמאַנדאָ-גדוד אין נגב, גייט אַרויף אויפֿן בערגל, גיט אַ פֿייער קלאַפּ און קערט זיך אום.

דער מצרי איז ווידער פֿאַרהאַלטן געוואָרן. די אַנגרייפֿערישקייט פֿונעם שוואַכן דוד האָט באַזיגט דעם פֿאַרזיכטיקן באַוואָפֿנטן גלית. בײַ דער דריטער רונדע האָט געזיגט דער ייִד.

דער איבעררייס גייט אַרײַן אין קראַפֿט.

*

דער איבעררייס איז נישט קיין אָפּרו. ביידע צדדים גרייטן זיך איבערהאַפּט צו דער אַנטשיידנער צווייטער קאַמפּאַניע. ביידע באַטראַכטן די פּראַקטיק פֿון דער ערשטער קאַמפּאַניע, מען ציט אַרויס מסקנות, מען פֿאַרריכט די פֿעלערן.

דער מצרי פֿאַרשטאַרקט נאָך מער זײַן כוח. ער איז זיך מתיאש דורכצוברעכן דעם פֿראָנט אויפֿן אישדוד־אָפּשניט, און לאָזט אַראָפּ זײַן הויפּט כוח צום דרום. דאָרט גרייט ער זיך צום אַנטשיידנעם אַנגריף.

דער ייִדישער קאָמאַנדיר באַטראַכט זײַנע כוחות. ער ווייסט, אַז עס שטייט פֿאַר אים אַ געראַנגל, וואָס וועט אַוועקשטעלן אין שאָטן אַלע קאַמפֿן פֿון נעכטן. ער ווייסט, אַז ער וועט ווײַטער נישט האָבן קיין רעזערווע, אַז ער וועט ווידער נישט קענען וואַרפֿן אויף דער האַג־שאָל מער ווי יענע צעשניטענע גדודים פֿונעם פֿוסגייער־מיליטער, מיט אַ צוגאָב פֿון אַ פּאָר פֿאַרעלטערטע האַרמאַטן. ער וועט נישט האָבן קיין עראָפּלאַנען. ער וועט נישט האָבן קיין טאַנקען.

ער ציט אַרויס די מסקנה פֿונעם אישדוד־טאָג, און שטעלט־אויף אַ „קאַמף־שטאַב“, וואָס זאָל קאָנען משפּיע זײַן אויף די באַוועגונגען פֿון די אײַנהייטן אויך אויפֿן שלאַכט־פֿעלד, קאָאָרדינירן די אַקציעס, צו באַפֿעלן אין אַלע עטאַפּן.

די פּלוגות איבן זיך. די פּאָזיציעס באַפֿעסטיקן זיך. יעדער וואַרט אויפֿן ערשטן שאָס.

*

און אַט איז געקומען אַ קלאַפּ פֿון אַ נישט דערוואַרטער זײַט. עס קומען אָן ידיעות, אַז אייניקע בירגער פֿון דעם בריטן דרום גרייטן זיך פֿאַרלאָזן זייערע דערפֿער.

אין דער דרום־געגנט זענען נישטאָ קיין אילוזיעס. די מענטשן פֿון גן־יבנה, באר־טוביה און נגבה ווייסן גענוי די לאַגע. זיי ווייסן, אַז אין קאַמף וועגן בערגל 69 האָט דער טאַנק באַזיגט דעם מענטש.

זיי ווייסן, אַז דער כוח, וואָס מען האָט צוגעשטעלט היטן זייערע היימען איז זייער קליין. זיי ווייסן אויך דאָס, אַז דער דאָזיקער כוח פאַרמאָגט נישט קיין רעזערווע. דאָס ביסל קעמפער אין די פּאָזיציעס וועלן מוזן אויסהאַלטן — אַליין.

די ציווילע זענען מידע. פון זינט דער מצרישער אינוואַזיע האָבן זיי געאַרבעט קאַטאָרזשנע אַרבעט ביי די באַפעסטיקונגען. אויסער דעם האָבן זיי זיך באַמיט אויפצוהאַלטן זייערע פויערישע ווירטשאַפטן. דאָס מיליטער האָט זיי נישט געשפּייזט, נאָר פאַרקערט. נאָך קאָנפיסקירט אַ טייל פון זייערע פּראָדוקטן. אין גן־יבנה זענען כמעט אַלע הייזער באַשעדיקט געוואָרן פון די מצרישע וואַרמאַטן־באָמבאַרדירונגען פון צוויי קילאָמעטער ווייט.

איצט ווייסן זיי, אַז אַנטקעגן זיי שטייט אַ מעכטיקער שונא, באַוואָפנט מיט גאַנצן מאָדערנעם געווער.

די אָרטיקע יישובים־קאָמאַנדירן בעטן זיך ביים חטיבה־קאָמאַנדיר, ער זאָל קומען משפּיע זיין אויף דער באַפעלקערונג, און ער איז טאַקע געקומען. ער האָט די מיליטערישע תורה נישט געלערנט פון טרוקענע ביכער. ער גלייבט אין מענטש — אין זעלנער און אין ציוויל. ער ווייסט, אַז די מלחמה איז קודם־כל און איבער אַלץ אַ צוזאַמענשטויס פון ווילנס; און דער שטאַרקסטער ווילן, דער אויסגעשמידסטער זיגט צום סוף. ער גלייבט, אַז דאָס מיליטער וועט נישט קענען אויסהאַלטן אויף קיין איין פּלאַץ אָן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער באַפעלקערונג. און ער ווייסט, אַז די באַפעלקערונג דאַרף בלייבן אין אירע היימען מיט איר אייגענעם ווילן און נישט צוליב צוואַנג.

דער קאָמאַנדיר וואַנדערט פון פּלאַץ צו פּלאַץ — און רעדט. מידע בירגער, וואָס זענען באַזאָרגט וועגן זייערע משפּחות, זייערע היימען און אייגענעם לעבן, הערן זיך צו צו זיינע רייד. ער זאָגט גאָרנישט צו. ער זאָגט נישט צו דער באַפעלקערונג. ער זאָגט נישט צו דאָס שווערע געווער, וואָס איז נישט פאַראַן. ער זאָגט בלויז צו איין זאַך — אַז זיינע קעמפער און קאָמאַנדירן וועלן האַלטן ביז דער לעצטער מינוט, ביזן לעצטן אָטעם־צי, ביז דער לעצטער קויל.

די ציווילע הערן זיך איין אין די ווערטער. זיי קוקן זיך אויך איין אין די גרוילעך־בלוילעכע אויגן, שטאָל־אויגן, וואָס זענען אַזוי מענטשלעך. זיי זענען נישט זיכער, אַז זיין מיליטער וועט זיגן.

זיי זענען זיכער, אַז זיין מיליטער וועט קעמפן ביזן סוף. און זיי באַשליסן — מיר בלייבן דאָ צוזאַמען מיט די זעלנער.

ס'קאָן זיין, אַז אין די דאָזיקע מינוטן איז געפאַלן די אמתע אַנט־שיידונג; ס'קאָן זיין, אַז אין די דאָזיקע מינוטן האָט שמעון אבידן אָפּגעהאַלטן זיין גרעסטן נצחון, נישט אויפן שלאַכט־פעלד, נאָר דווקא אין די געשפּרעכן מיט די ציווילע פון דרום. אַלע מענער בלייבן איבער אין די יישובים מיט זייער אייגענעם ווילן.

*

דעם 8־טן יולי, מיט זון־אויפגאַנג, דרייסיק שעה פאַרן סוף פון איבעררייס, גרייפט אָן דער מצרי בית־דאַראַס. אַ פּלוגה פון אויסדערוויילטע סודאַנער שטורעמט צום פּלאַץ, רייסט זיך אַריין אין די פּאָזיציעס, טרעט אַריין אין אַ באַריר־קאַמף פּנים־אל־פּנים — און פאַרהאַלט זיך. צענדליקער געהרגעטע און פאַרוואונדעטע, מיט אַ פאַרצווייפלטער אָנשטרענגונג שטויסן אָפּ די פאַרטיידיקער פון אָרט דעם אָנגריף. דער שונא האָט אָפּגעטרעטן.

דער קאָמאַנדיר און זיין העלפער געפינען זיך אין דעם נייעם קאַמף־שטאַב ביי כפר וואַרבורג. זיי באַשליסן: תיכף אָנגרייפן, באַרויסקומען דעם מצרי, וועלכער גרייט זיך צו אַן אָנגריף, און אונטעררייסן זיין גלייכגעוויכט. די חטיבה איז גרייט. די באַפעלן זענען פון פאַרויס געגעבן געוואָרן. ס'איז נייטיק בלויז דער אַרויס־מאַרש־באַפעל. ער ווערט געגעבן.

אין דער נאַכט פון 8־טן יולי גייען אַרויס די כוחות פון דער חטיבה און באַשעפטיקן דעם משלט 113, כאַרטיאַ און חאַטאַ. אין דער צייט דעראָבערן אַנדערע כוחות די דערפער עיראַק־סואַידאַן, בית עסא און עיבדיס און דעם אַרום פון נגבה. אַ פלמ"חישער כוח גרייפט אָן דעם פּאָליציי־בנין עיראַק־סואַידאַן, די גרויל־פעסטונג, וואָס הערשט איבערן גאַנצן דרום.

דער אָנגריף אויף דער פעסטונג פאַלט דורך. פרימאָרגן רוימען די כוחות די דערפער עיראַק־סואַידאַן און בית־עפא, ווייל ס'איז נישטאָ קיין אויסזיכטן זיי צו פאַרטיידיקן כל זמן די פעסטונג געפינט זיך ביים שונא אין די הענט. אָבער דער משלט פון עיבדיס, ביי נגבה בלייבט אין די הענט פון דער חטיבה.

עס איז געקומען דעם שונאס ריי. מיט אַ ריזיקן כוח גייט ער פון דער פעסטונג עיראַק־סואַידאַן אין גרייפט אָן נגבה און עיבדיס.

אין עיבדיס האָבן די קעמפער נישט באַוויזן צו אָרגאַניזירן זייערע כוחות און ווי געהעריק זיך באַפעסטיקן. בלויז זייגער 11 פאַר מיטאָג איז פאַרענדיקט געוואָרן דאָס איינגעמען דעם פּלאַץ. און אָט זעט מען שוין פון ווייטן די לעצטע הכנות פון די מצרים, וואָס גייען ווידער אויף דעם פּלאַץ.

די כוונה פון די מצרים איז קלאָר. אויך אין דעם מצרישן אָפּעראַציע־באַפעל, וואָס איז אין עיבדיס אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די יידישע דעראָבערער. זי איז געבויט אויף אַ צוואַנג־באַוועגונג. איין מצרישע ריי דאַרף דורכברעכן דעם פראָנט ביי בית־דאַראַס און זיך פאַרייניקן אין טאָל מיט דער צווייטער מצרישער ריי, וואָס דאַרף דורכרייסן אין דער אייגענער צייט דעם פראָנט אין נגבה — עיבדיס אָפּשניט. דאָס געלונגען פון אַזאַ טאָפּלטער באַוועגונג וואָלט געווען פולשטענדיק צעטרייסלט דעם יידישן פראָנט און אַנטבלויזט די גאַנצע ים־נידערונג ביז תל־אביב.

דער דורכפאַל פונעם אָנגריף אויף בית־דאַראַס און דער יידישער אָנגריף אין שטח נגבה האָבן אונטערגעהאַקט דעם פּלאַן. אָבער די מצרים האָבן זיך פאַרלאָזט אויף זייער איבערוואָג אין געווער. זיי וועלן מיט אַ צווייטן און דריטן קלאַפּ דעראָבערן דאָס, וואָס זיי האָבן נישט דערגרייכט ביים ערשטן קלאַפּ. זיי וועלן אָנגרייפן דריי, פינף, אַפילו צען מאָל. זיי פאַרמאָגן אַ סך רעזערוועס.

פיר טעג און פיר נעכט גייט אין דער קאַמף וועגן עיבדיס־נגבה. אַ קאַמף, וואָס זיין גלייכן איז נישט געווען אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מלחמה, און ער האָט אַנטשיידן דעם גורל פון תל־אביב. דעם צווייטן טאָג דערגרייכט דער קאַמף אַ טייוולאָנישע הייך. דער גאַנצער פראָנט שטייט אונטער אַ שוידערלעכער מצרישער באַמבאַרדירונג. כדי אָפּצוּוועגדן דעם יידישן כוח, גרייפן אָן די מצרים דאָס דאָרף ג׳וליס, וואָס זיכערט דעם מערב־אָפּשניט פון פראָנט. און אונטער דער דעקונג פון אַזעלכע מאַנעווערס ווערט געמאַכט דער אַנטשיידענער אָנגריף אויף עיבדיס.

איין אָנגריף? ניין. אַכט אָנגריפן אין איין טאָג, איינער נאָכן אַנדערן. האַרמאַטן, מאָרטערס א.ז. עראָפּלאַנען באָמבאַרדירן דאָס אָרט. און אָט קומען אָן די טאַנקען, און נאָך זיי שורותווייז שטורמענדיק פוסגייער־מיליטער. איינמאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל, פינף מאָל, אַכט מאָל.

פון די מיטאָג־שעהן אָן גייט אַראָפּ פונעם מישלט אָן אויפהער אַ שטראָם פאַרוואונדעטע. אויך דער קאָמאַנדיר פון דער פּלוגה איז

פאַרוואונדעטע געוואָרן. אויף זיין פּלאַץ איז געשיקט געוואָרן אַן אַנדערער, אָבער דער ראַדיאָ מעלדעט צווישן די אויפרייסן: די זעלנער און די גרופּן־קאָמאַנדירן מעלדן, אַז זיי וועלן זיך קענען איינאָרדענען אויך אָן אים און בעטן, מען זאָל זיך פאַרלאָזן אויף זיי.

פאַרנאַכט איז געבליבן פון דער פּלוגה, וואָס האָט פאַרטיידיקט עיבדיס אין משך פון גאַנצן טאָג, בלויז ווייניקער פון איין אָפּטייל. עס ווערט געשיקט אַ פּלוגה זיי איבערצובייטן. אויך איר שטייט פאַר דער זעלבער גורל. זי גייט ארויף אויפן מישלט נישט זאָגנדיק קיין וואָרט. אָבער דער שטאַב איז זייער באַזאָרגט: ער פאַרמאָגט נישט קיין רעזערוועס אויסצופילן אַזעלכע פאַרלוסטן.

*

אין דעם מאָמענט איז דער פראָנט נישט קיין ליניע אויף דער מאַפּע, אויך נישט קיין שורה קאָלירטע שפּילקעס. דער פראָנט איז אַ פעלד פון שראַפּנעלירטע שוץ־גריבער, ערד צעאַקערטע פון באָמבעס, לופט פון וועלכער עס שפּירט זיך דער ריח פון שיס־פּולווער.

ביינאַכט דערשיינען ציווילע אין עיבדיס. אין דער אָן אויפהערנדיקער באָמבאַרדירונג, אין די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון פראָנט, גראָבן זיי שוץ־גריבער פאַר די זעלנער. דער ציווילער זעט דעם זעלנער, דער זעלנער זעט דעם ציווילן,ביידע זענען ביז טויט מיד, און ביידע ווייסן — אויך מאָרגן וועלן מיר קעמפן און איבערמאָרגן און אין די קומענדיקע טעג.

*

אַ פּאָר קילאָמעטער הינטער דעם פראָנט שטייט־איין דער קאַמפּס־שטאַב. עס איז נישט קיין רואיק ביורא, וואו עס פירט זיך אַ געאָרדנטע אַרבעט. דאָס איז די נערוון־צענטראַלע פון פראָנט, די צענטראַלע פון איבערהאַפּטע באַוועגונגען: דאָ ווערן אָנגענומען אין ווינציקע סעקונדן באַשלוסן, וואָס באַשטימען דעם גורל פון דער מדינה, דאָ ווערט אויפגעכאַפּט דורך ראַדיאָ־כוואַליעס דאָס האַרץ־קלאַפּן פונעם בלוטנדיקן פראָנט, און דאָ ווערט געשאַפן און געשיקט דורך די ראַדיאָ־כוואַליעס דערמוטיקונגס־ווערטער די איינגעשרומפּענע איינהייטן.

זייגער 10.00 אינדערפרי זאַמלען זיך די גדודישע קאָמאַנדירן און זייערע אונטער־אָפיצירן. פּשוטע בחורים בייגן זיך דאָ איבער מאַפּעס און צייכענונגען. איינער זעט אויס ווי אַ פויער, דער צווייטער ווי אַ סטודענט פאַר פילאָזאָפיע. אָבער זיי זענען עס די, וואָס באַפעלן

איבערן מענטש אין דעם דאָזיקן גהינום. זיי זענען געהאַרטעוועט געוואָרן אין קאַמף, זיי האָבן פאַר זיך געזען דעם פערזענלעכן ביישפּיל פון שמעון אבידן און „מאירקע״, זייך פאַרטרעטער. איצט באַטראַכטן זיי דעם פאַרלויף פון די אַקציעס אין די קומענדיקע 24 שעה און מען נעמט אָן דעם באַשלוס.

די מג״דן קערן זיך אום צו זייערע איינהייטן, באַקוקן די פּלעצער, אין וועלכע די איינהייטן דאַרפן ווירקן אין קומענדיקן מעת־לעת, געבן די באַפעלן, פאַרענדיקן די הכנות. אין דער צייט באַהאַנדלט דער חטובה־שטאַב מיט די אָנפירער פון די באַדינונגס־אָפּטיילן — מענטשן פון דער אָנפירערשאַפט, פון קאָנטאַקט פון טעכנישער און מעדיצינישער לייטונג — די פּראָבלעמען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט די אַקציעס פונעם מעת־לעת: דאָס איינאָרדענען פּראָוויאַנט, צושטעלן פון אַמוניציע פאַר די איינהייטן, אויסקלייבן די געהעריקע ידיעות.

פינף פאַרנאַכט קומען צוריק די מג״דן צו אַ צווייטער און לעצטער באַראַטונג. זיי דערלאַנגען פּראָטאָקאָלן איבער דער לאַגע, עס ווערן געמאַכט די לעצטע איינאָרדענונגען צווישן די איינהייטן און באַדינונגס־אָפּטיילן. אַלץ ווערט געמאַכט פאַר דער נאַכט־אַקציע.

זעקס אַ זייגער גייען די מענטשן אַרויס צו דער אַקציע. עס ווערט געמאַכט דער לעצטער קאָנטראָל. מען דערקלערט די מענטשן זייער פליכט.

די נול־צייט. די ערשטע שאָסן, דאָס שטורעמען, די גרויסע מינוטן צווישן טויט און לעבן, די פאַרלוסטן, דאָס טראַנספּאָרטירן די פאַרוואונדעטע, דאָס ברענגען פאַרשטאַרקונג. דער קאַמף. דאָס אַלץ זעט דער קאַמף־שטאַב — דורך דער פאַרמיטלונג פונעם ראַדיאָ, וואָס איז פאַרבונדן מיט די ווירקנדיקע איינהייטן. דער קאָמאַנדיר פון דער חטיבה און דער אָפּעראַציע־אָפיצער הערן זיך איין, פילן דאָס ליידן, דאָס פייער, דאָס בלוט, ווי די קעמפער אליין, מישן זיך אַריין אין גאַנג פון קאַמף, פּאַסן־צו די אַקציעס און בייטן אפילו דעם פּלאַן אין מיטן קאַמף.

אין די פריע פרימאָרגן־שעהן אַנטשיידט זיך דער גורל פון דער נאַכט. אָנגעדעגטע און צעטומלטע, גלייך זיי זאָלן אַליין אַנטיילנעמען אין שטורעם, גייען ביידע קאָמאַנדירן אַרויס פונעם קאַמף־שטאַב, כאַפּן אַ ווײַלע אַ שלאָף, איידער זיי וועלן זיך דאַרפן וועקן פאַר אַ נייעם טאָג פון קאַמף, פון אחריות, פון גורלדיקע באַשלוסן.

*

פיר טעג און פיר נעכט גייען־אָן דער קאַמף. נגבה און עיבדיס האָבן אויסגעהאַלטן.

דעם פערטן טאָג פילט דער מצרי, אַז עס גייען אים אויס די כוחות. ער דערלאַנגט אַ גרויסן און לעצטן קלאַפּ.

איין וועג פירט קיין נגבה. פון איז איז אָפּהענגיק דאָס לעבן פון פּראַוט. אויף איין אָפּשניט פון דעם שאָסיי הערשט פון ווייטן דער פּאָליציי־בנין פון עיראַק־סואידאַן. אין דעם אָרט גייט דורך צופוסנס דעם שאָסיי אַ קליין בערגעלע, וואָס איז פאַרצייכנט אויף דער מאַפּע מיטן נומער 105. דעם פערטן טאָג פאַרכאַפּן די מצרים דאָס בערגל און פאַרגראָבן זיך אין אים. נגבה איז אָפּגעשניטן.

עס חזרט זיך איבער די פּרשה פון בערגל 69, אָבער דאָסמאָל אין פאַרקערטע ראָלן.

דער קאָמאַנדיר פון דער חטיבה פאַרשטייט, אַז ער האָט נישט קיין ברירה. ער מוז אָנגרייפן מיט א גלייכן פראָנט־אָנגריף. קיין שום מאַנעווער וועט דאָ נישט העלפן. מען דאַרף דעם שונא א קלאַפּ טאָן אין דעם פּלאַץ וואו ער דערוואַרט אים נישט.

וואָס פאַר אַ כוח שטייט אין זיין רשות פאַר דעם גורלדיקן אָנגריף, וואָס זיינע אויסזיכטן זענען אַזוי קליין? איין פלוגה פוסגייער, און צוויי אָפּטיילן קעמפנדיקע דזשיפּן. זיי באַקומען דעם באַפעל. דער באַפעל איז באַגלייט מיט צוויי ווערטער, וואָס זייער באַטייט איז אַזוי שרעקלעך אין פראָנט — „פאַר יעדן פּרייז”. „פּרייז” — הייסט בלוט, געהרגעטע.

אין דער נאַכט־פינצטערניש, דעם 12־טן יולי, גייען די קעמפער אויפן מישלט 105. די פוסגייער ראַנגלען זיך מיט דער פינצטערניש. אין אַ קומען־אָן די דזשיפּן, שוואַרצע, מיסטישע בלאָקן, וואָס שפּייען פייער, גייען אויף די שוץ־גריבער, טרעטן אונטער זיך מענטשן. אַ שרעקלעכע בהלה נעמט אַרום די מצרישע מחנה. זיי אַנטלויפן, איבערלאָזנדיק הינטער זיך האַרמאַטן, ברענס, פּיאַטן, מאַשין־געווער, אַמוניציע און... הרוגים.

*

צומאָרגנס שווייגן די האַרמאַטן פון שונא איבערן גאַנצן פראָנט. נישט ווי־סנדיק וואָס עס האָט פאַסירט, פילט יעדער מענטש צווישן גלאָוד און ג׳וליס — אַז ס׳איז געקומען אַ ווענדונג. עפּעס גרויס איז געשען.

מ׳האָט זיך געקאָנט אָפּרוען. די איינהייטן האָבן זיך געניטיקט אין רו. עס איז נישט איבערגעבליבן קיין איין פלוגה, וואָס איז

געווען פעאיק צום קאַמף. אויך די, וואָס זענען לעבן געבליבן, האָבן זיך געניייטיקט אין רו.

אָבער דער קאָמאַנדיר, דער מידסטער פון אַלע, פילט — אַז אין דעם מאָמענט טאָר מען נישט רוען. אין דעם מאָמענט דאַרף מען אַנגרייפן, אַנגרייפן און אָנגרייפן. נישט לאָזן דעם שונא רוען, נישט לאָזן זיך אים אַרגאַניזירן איבעראַנייס, נישט לאָזן אים קומען צו זיך נאָכן קלאַפּ. ער פרעגט די גדודישע קאָמאַנדירן. און יענע, מידע ביז טויט, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע מיינסטע כוחות, ענטפערן: יאָ.

ווידער בייגן זיך די קאָמאַנדירן איבער די מאַפּעס, צייכענען און באַטראַכטן. פינגער באַוועגן זיך איבער די ליניעס און פונקטן און פאַרהאַלטן זיך צום סוף ביי איין פונקט — בית־עפא.

די באַראַטונג איז געענדיקט. צום סוף דערציילט דער קאָמאַנ־דיר א קליינעם פּרט. נעכטן, דעם דריטן טאָג פון קאַמף וועגן עיבדיס, האָבן באַזוכט דעם פראָנט דעם פאָרשטייער פונעם העכסטן שטאַב, דער אלוף יגאל ידין, דער לאַנדעס אָפּעראַציע־אָפיציר און ישראל גלילי, דער וויצע־מיניסטער פון זיכערהייט. זיי האָבן געזען דעם קאַמף־שטאַב אין דאַרף סאואפיר, די באָמבאַרדירונג אויף עיבדיס, דעם האַרמאַטן אָבסערוויר־פונקט און דעם שטאַב פון איינעם פון די גדודים. אין די מינוטן איז געבוירן געוואָרן א נייע באַציאונג צום דרום־פראָנט. עס זענען מער נישט איבערגעבליבן קיין אילוזיעס בנוגע דער שווערער לאַגע. און ביים געזעגענען זיך האָט געזאָגט ישראל גלילי, דער מענטש, וואָס זיין נאָמען איז אין משך פון יאָרן פאַרבונדן מיט דער „הגנה", דעם זאַץ, וואָס וועט אַריין אין אונדזער היסטאָריע: „די רייען זענען ביי אייך זייער שיטער, אָבער דער גייסט פילט אויס די בלויזן".

*

13־טער יולי, א זייגער 6 אוונט. א פלוגה פוסגייער, א פלוגה וועלכע האָט געווירקט 5 טעג נאָכאַנאַנד; די פלוגה, וואָס האָט ערשט נעכטן אַנגעגריפן דעם משלט 105, אָרגאַניזירט זיך צו אַן אַנגריף אויף בית־עפא. די זעלנער פאַרענדיקן די לעצטע צוגריי־טונגען. זיי פילן וואָס עס פילט יעדער זעלנער פאַר אַן אַנגריף. יעדער איינער ווייסט די סכנות, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער אַקציע. זיי ווייסן: ס'קאָן זיין, אַז זיי וועלן זיך אומקערן און ס'קאָן זיין אַז נישט.

אין דער צייט זיצן די מאַמעס אין תל־אביב. זיי קלערן וועגן זייערע זין. זיי האָבן געלייענט, אַז אַ ריזיקער קאַמף גייט אָן אין דרום. זיי ווייסן, אַז זייערע זין געפינען זיך ערגעץ־וואו אין דרום. זייער האַרץ ציטערט, איז מתפלל און שרעקט זיך.

און אין דער צייט שטייען אין קאַמף־שטאַב ביים פראָנט די צוויי מענטשן, אויף וועלכע עס ליגט די ריזיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט — איינער בלאָנד, מיט אַ נאָז ווי אַן אָדלער־דזשוב, מיט בלוילעך־גרויע אויגן, און דער צווייטער, זיין פאַרטרעטער, שאַטיק, פעסט און מיט וואַכזאַמע אויגן. זיי ווייסן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט — די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער מדינה, און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די מוטערס. זיי ווייסן, אַז לעבעדיקע מענטשן וועלן אויסבירן דעם אָנגריף, אַז ס'וועלן פון זיי פאַלן און פאַרוואונדעט ווערן. זיי קענען אַ סך פון אָט די מענטשן פון פנים און ביי די נעמען.

אַ סעקונדע איז אַלץ געווענדט אָן זייער באַפעל, כאָטש די אַקציע פאַר זיך איז נישט איבעריק וויכטיק. ווייל אין דער דאָזיקער נאַכט איז די איניציאַטיוו אין דרום־פראָנט איבערגעגאַנגען אין יידישע הענט אַריין. זי איז איבערגעגאַנגען און פאַרבליבן. די סכנה פאַר מדינת ישראל פון דעם שטאַרקסטן אַראַבישן מיליטער איז פאַרביי. עס איז פאַרביי די סכנה פאַר תל־אביב.

פינפטער קאַפיטל

בלוט און מיסט

צוויי קריזיסן האָבן מיר ביז איצט דורכגעמאַכט אין מיליטער — דעם ערשטן קריזיס אין די ערשטע טעג פון איבונגס־קעמפּ, און דעם צווייטן קריזיס ביים אַרויסגיין צום ערשטן קאַמף. איצט, קומענדיק אויף אַ קורצן אורלויב קיין תל־אביב, נאָך עלף שרעקלעכע קאַמף־טעג, האָט אויף אונדז געוואַרט דער דריטער קריזיס, דער שווערסטער.

מיר זענען געפאָרן אין שטאָט אַריין און אונדזער האַרץ פריידט זיך און שאַלט אַנטקעגן דעם נישט באַגרייפבאַרן פאַקט, אַז מיר זענען דאָך געבליבן לעבן. אָט אָטעמען מיר דאָך און גייען אַרום אויף די אייגענע פיס. מיר זענען נאָך געווען אונטערן רושם פון די שרעקלעכע בילדער אין עיבדיס און בית־

צפּא, די צעפּליקטע איינהייטן, וואָס האָבן פאַרלוירן אַ העלפט פון זייער צאָל. דער אויסגעליידיקטער פראָנט, וואָס דורשט נאָך רעזערוו־כוחות.

און אָט, קומענדיק אין שטאָט אַריין, האָבן מיר געזען הונדערטער און טויזנטער געזונטע יונגטלעכע, שטאַרקע און פעסטע, וועלכע חלומען איבער־הויפּט נישט צו גיין אין אונדזערע פיס־טריט. מיר האָבן געזען גלאַנצנדיקע, אויסגעצאַצקעטע בחורים מיט ראַנגעס, וועלכע פילן־אויס „וויכטיקע" אויפגאַבן אין די ביוראָען.

אַ סך חדשים זענען מיר אין פלוג געווען אָפּגעריסן פונעם לעבן אין הינטערלאַנד. מיר זענען געקומען אויף אַ קורצן אורלויב, מיר האָבן „אַריינ־געכאַפּט" זיך אין אָוונט אין שטאָט און זיך אומגעקערט צום פראָנט. מ'האָט אונדז געזאָגט, אַז „דאָס גאַנצע פאָלק איז מיליטער", אַז דאָס גאַנצע פאָלק קעמפט, אַז דער שרעקלעכער מאַנגל אין מענטשן־כוח שטאַמט פונעם אַלגעמיינעם מאַנגל.

און אָט האָבן מיר געזען, אַז דאָס אַלץ איז אַ ליגן. בלויז אַ טייל פון פאָלק, בלויז אַ טייל פון דער יוגנט איז אַרויס אין קאַמף. און פון הינטער זייער רוקן איז אויפגעשטאַנען און געוואַקסן „אַ הינטערלאַנד", אַ ריזיקער מיליטערישער און ציווילער אַפּאַראַט, וואָס האָט פאַר זיך אַנטוויקלט אַן אייגענעם סטיל און אַן אייגענעם לעבנס־שטייגער.

מיר האָבן זיך דערמאָנט, אַז מיר זענען אַרויס יעדע נאַכט צו אַן אַקציע, צוליב מאַנגל אין רעזערוון, וואָס זאָלן נעמען אויף זיך אַ טייל פון אונדזער לאַסט. מיר האָבן זיך דערמאָנט אָן דעם גורל פון אונדזער פלוגה א׳, וועלכע איז צוויי מאָל ליקווידירט געוואָרן צוליב אָט דער סיבה.

און אָט, אין שטאָט, האָבן אונדז אַריסטאָקראַטן אין פּרעכטיקע מונדורן דערקלערט, אַז ביי יעדן פאָלק אין דער וועלט געפינען זיך 7 אָדער 17 אָדער 27 מענטשן אין הינטערלאַנד אויף יעדן זעלנער אין פראָנט...

אַ סך פון אונדז האָבן אָנגעהויבן זיך אַליין צו פרעגן — פאַרוואָס זאָל דווקא ער זיין דער איינער אַנטקעגן יענע זיבעצן? פאַרוואָס זאָל מען אים נישט איבערבייטן מיט איינעם פון די זיבעצן?

עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דעם נסיון נישט געקאָנט ביישטיין. זיי זענען איבערגעגאַנגען צו פאַרשידענע דינסט אין הינטערלאַנד, אָדער צום ים־פלאָט און אַפילו צום לופט־פלאָט. זיי האָבן געשאַפן אַן אכזריותדיקן שפּאַס אויף אונדזער חטיבה, וועלכע זיי האָבן גערופן „מירה" — „מגבעתי ישחרר רק המות" (ראשי־תיבות: פון גבעתי וועט בלויז דער טויט באַפרייען).

דער רוב האָט אויסגעהאַלטן אויך דעם שרעקלעכן קריזיס. זיי זענען צוריק צום פראָנט. אָבער אין האַרצן האָט אַ ביטערניש געפרעסן און פאַרטונקלט טעג, דערנאָך דעם הומאָר פון פראָנט. זיי האָבן פיינט באַקומען דאָס הינטערלאַנד און אָפּגעקערט זיך פון אים.

22־טער יולי, 1948, גדודישער קעמפ.

פראנט און הינטערלאנד

זיי פאָרן קיין תל־אביב אויפן אורלויב, נאָך וועלכן זיי האָבן געבענקט אין משך פון חדשים, פון וועלכן זיי האָבן געחלומט אין די פּאָזיציעס און די שלאַכטן — און זינגען.

זיי קערן זיך אום פון תל־אביב שווייגנדיקע, מיט אַ דערדריקט געמיט און פול אומעטיקע מחשבות אין קאָפּ.

*

איך בין געגאַנגען קויפן בילעטן אין קינאָ אַריין, און אָט איז די ריי זעלנער טאָפּלט לענגער פון דער ריי „ציווילע". זעלבער מיט אויסגעפוצטע מונדורן, מיט מאָביליזיר־קאַרטן, מיט רעוואָלווערן און מעסערס.

ווען איך האָב זיך, אָבער, איינגעקוקט אין זייערע פּנימער, האָב איך געזען, אַז ס'פעלט זיי עפּעס־וואָס — דער ספּעציעלער אויסדרוק, דאָס אומבאַצייכנבאַרע, לויט וועלכן איין קאַמף־זעלנער דערקענט דעם צווייטן.

דו זעסט אַ סך באַקאַנטע פּנימער. דו פרעגסט זיי, וואו זיי געפינען זיך, און זיי ענטפערן דיר מיט שטאָלץ — אין דעם וויכטיקן ביוראָ, אין יענער וויכטיקער אינסטיטוציע, אויף טויזנטער קליינע:עדיקע שטעלעס, וועלכע מאַכן אַ רושם, אָבער פאַר זיי אַלע איז בשותפותדיק — אַז זיי זענען זייער ווייט פון דעם פּלאַץ, וואו עס פייפן די קוילן און עס רייסן אויף די שראַפּנעלן.

צי קאָן דער מענטש אין הינטערלאַנד זיך פאָרשטעלן די געפילן פון אַ פראָנט־זעלנער, ווען ער קערט זיך אום אויף אורלויב?

ער האָט אויפגענומען דעם מאָביליזירונגס־רוף, אַרויס אויף איבונגען צו קאַמף און איז געלעגן דריי, פיר און פינף חדשים אין אַראַבישע פאַרשטונקענע דערפער, אָנטיילגענומען אין אַכט, צען אָדער צוועלף שלאַכטן, געזען חברים פאַלן און פאַרוואונדעט ווערן נעבן אים. ער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז מ'האָט זיך געקאָנט „איינאָרדענען". אפשר האָט אויך ער געהאַט „פּראָטעקציעס", אפשר האָט אויך ער געהאַט פּריווילעגיעס אַלס פאַכמאַן אָדער ספּעציעלע פעאיקייטן. ער איז אָבער געגאַנגען און נאַאיוו געמיינט, אַז אַלע גייען.

און אָט, קומענדיק אויף אורלויב, זעט ער, אַז נישט אַלע זענען געגאַנגען. געוועז אַזעלכע, וואָס האָבן געוואַרט אויף דער לעצטער מינוט, וועלכע האָבן געבעטן אָפּצולייגן אָדער אַ צייטווייליקע באַ־

פרייאונג. און ווען דער פאַרצווייגטער אַפּאַראַט איז אויפגעשטעלט געוואָרן, און עס זענען אויסגעוואַקסן טויזנטער שטעלעס, זענען זיי געווען די ערשטע. זיי האָבן געהאַט צייט צו לויפן פון ביורא צו ביורא, זוכן די ריכטיקע קאָנטאַקטן, זאָגן דעם געהעריקן מענטש דאָס געהעריקע וואָרט. און ווער האָט אין דער צייט געדענקט וועגן די יעניקע, וועלכע זענען געלעגן אין פראָנט, אונטער מאָרטאַר־ און האַרמאַטן־פייער, וועלכע האָבן אַפּילו קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס טוט זיך ערגעץ־דאָרט אין ווייטן פאַנטאַס־טישן הינטערלאַנד?

און איצט, ווען ס'איז זיי צום ערשטן מאָל געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייטן אָפּצואָטעמען, ווען זיי האָבן צייט צו דענקען און דיס־קוטירן, זאַמלט זיך אָן אין זייער האַרצן אַ ביטערקייט, וואָס ווערט באַשטימט זיך אויסווירקן אויפן פראָנט. זיי זעען, ווי חברים וויניקער פעאיקע פון זיי האָבן אַוואַנסירט העכער און העכער, אין דער צייט, ווען זיי זענען געבליבן פשוטע זעלנער. זיי זעען, אַז אויך דער וועג צום אַוואַנסירן אין דער אַרמיי גופא איז פאַקטיש פאַרשטעלט, צוליב די מלחמה־באַדינגונגען, וואָס האָבן פאַרקלענערט די אויסבילדונגס־מעגלעכקייטן. און אַממיינסטנס פילן זיך געטראָפן די יעניקע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין קאַמף, וועלכע האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן צו געפערלעכע אויפגאַבן, וועלכע ווייסן, אַז זיי זענען גוטע זעלנער און פונדעסטוועגן וועט זיי נישט העלפן צו אַוואַנסירן.

*

אַמאָל, אַז מיר פלעגן אַרויס אויף אורלויב, פלעגן מיר זען אַ סך חברים אין ציווילע קליידער. האָבן זיי אין בליק געהאַט אַ מין שולד־געפיל, און אומגעפרעגט האָבן זיי זיך געאײַלט צו פאַרטיידיקן און דערקלערן, אַז אָט באַלד וועלן זיי אַריין אין דינסט. און כאָטש זייער לעבן איז געווען באַקוועמער, האָט זיי דער קאַמף־זעלנער נישט מקנא געווען.

היינט, אָבער, איז די לאַגע אינגאַנצן אַנדערש. די אַלע חברים האָבן אָנגעטאָן מונדירן און זענען זעלנער — ווער אויסגעפוצט, בעסער אויסגעגלאַנצט, מער „מיליטערישער" פונעם קאַמף־זעלנער אַליין. ס'האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אַ מין אַריסטאָקראַטיע פונעם הינטערלאַנד.

און היינט, אַז דו קומסט אויף אורלויב, ביסטו געצוואונגען אויפצוקלערן, פאַרוואָס דו געפינסט זיך עפעס אין פראָנט און האָסט

זיך נישט איינגעאָרדנט אין אַ וויכטיקן אַמט אין הינטערלאַנד, און פילסט, אַז יענע יונגעלייט און מיידלעך טראַכטן זיך אין האַרצן: „מילא, אַן אומפּעאיקער בחור, ער ווייסט נישט ווי זיך איינצואָרדענען...“

*

אין בוך „אויפן מערב־פראָנט נישטאָ קיין נייעס“ שילדערט רעמאַרק אַ באַגעגעניש צווישן אַ קאַמף־זעלנער, וואָס קומט אויף אורלויב, און אַ מאַיאָר, אַ יונגן, אַן אויסגעפּוצטן, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען אויפן פראָנט, אָבער אויף די כללים פון סאַלוטירן האָט ער גוט אַכט געלייגט.

ווייזט אויס, אַז דאָס געפיל, ווען עס באַגעגענען זיך אויף אורלויב די פראָנט־מייז און די לייבן פון הינטערלאַנד איז אַן אַלגעמיינס, אין אַלע מלחמות, ביי אַלע פעלקער. און פונדעסטוועגן קאָנסטו זיך נישט אָפּהאַלטן פון אומעטיקע מחשבות וועגן דער דערשיינונג ביי אונדז און אירע פאָלגן.

עפּעס־וואָס גרויס, עפּעס־וואָס נייס און טיפס וועבט זיך דאָ אויפן פראָנט, אַ געפיל, וואָס בלויז אַ טייל פון דער יוגנט האָט אין אים אַ חלק, בעת דאָרט אין הינטערלאַנד וועבט זיך גאָר אַן אַנדער געפיל, אַ גאַנץ אַנדערער סטיל פון לעבן און אויפפירונג. עס שאַפן זיך דאָ צוויי וועלטן, וואָס שטרעבן צו פאַרשידענע צילן און אַנטוויקלען אין זיך פאַרשידענע סטילן. און ס'איז נאָענט דער טאָג, אין וועלכן איינער וועט דעם צווייטן נישט פאַרשטיין.

אַ טרויעריקע דערשיינונג איז עס, אַז דווקא די אינטעלעקטועלע שיכטן פון דער יוגנט, יענע שיכטן און קרייזן, וואָס האָבן זיך אַמאָל געהאַלטן פאַר די וואָרט־טרעגער און פירער פון דער יוגנט, זענען אָן אַזאַ גרויסער פּראָצענט צווישן די נישט־קעמפנדיקע און אַזאַ קליינער פּראָצענט צווישן די קעמפנדיקע — אויסער די סטודענטן, וואָס האָבן זייערס געטאָן אין חיפה און אין ירושלים.

די מלחמה ברענגט אַ נייע אָפּשאַצונג פון מענטשלעכע אייגנשאַפטן, אַ נייע אָפּשאַצונג פון באַגריפן און מענטשן. נייע ווערטן אַנטפּלעקן זיך דעם מענטשן „וואָס האָט דעם טויט אין זיך, וואָס האָט זיך געריסן מיט נעגל און איז נישט צעריסן געוואָרן“.

צי וועט ער פאַרשטויסן ווערן אין אַ ווינקל דורך אַן אַנדערן טיפּ?

דאָס הינטערלאַנד האָט געשאַפן אַן אייגענעם סטיל. זיינע אָפיצירן, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט באַרימען מיט מעשים פון קאַמף און גבורה, האָבן אָנגעהויבן שטאָלצירן מיט ראַנגעס און אָפּצייכנס. פאַר זייערע אויגן איז געווען דער גרויסער אידעאַל פונעם בריטישן מיליטער, דאָס ערגסטע פון אַלע רעגולערע מיליטערן אין דער וועלט. לויט דעם בריטישן שטייגער האָבן זיי אויך געפּרובט צו לערנען דעם „זעלנער", ער זאָל נישט האָבן קיין אייגענעם כבוד, חנפענען זיינע אָפיצירן און ציטערן פאַר זיינע באַפעלן.

דער פראָנט האָט געפּרובט אויסדרוקן זיין שטומען פּראָטעסט מיט אויסער־לעכע סימנים. די קאַמף־מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן אויף זייער קורצן אורלויב מיט זייערע צעריסענע און שמוציקע מונדירן, צעשויבערטע און באַוואַקסענע מיט בערד. אויב די רעגירונג האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן זיי ספּעציעלע פראָנט־אָפּצייכנס, האָבן זיי באַשלאָסן אַליין זיך צו שאַפן אַזאַ מין אָפּצייכן. אַקוראַט ווי דאָס שטרומפּ־מיצל איז געווען דער אָפּצייכן פון פּאַלקס־מיליטער אין דער ערשטער צייט, אַזוי איז איצט די באָרד געוואָרן דער אָפּצייכן פון פראָנט, דער פּאַרהאַסטער אין הינטערלאַנד־סטיל.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַהאַלטענער גערangל צווישן פראָנט־שטייגער און צווישן הינטערלאַנד־שטייגער. און אָנשטאָט דאָס הינטערלאַנד זאָל נאָכמאַכן דעם פראָנט, האָבן עטלעכע פראָנט־קאָמאַנדירן אָנגעהויבן נאָכמאַכן דעם הינטער־לאַנד. דער רעוואָלט פון קאַמף־זעלנער אין לאַגער איז זיי נישט געפעלן געוואָרן. זיי האָבן נישט אַרויסגעצויגן קיין קאָנסעקווענצן פון דעם פאַקט, אַז די „רעוואָל־טירער" זענען דאָס רוב געווען זעלנער, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין קאַמף. זיי האָבן באַשלאָסן אויך אין די קאַמף־איינהייטן איינצופירן די געמאַכטע „דיסציפּלין" פונעם הינטערלאַנד. און זייער ערשטער קרבן איז געווען — די באָרד.

24־טער יולי, 1948, גדודישער קעמפּ.

די היסטאָריע פון דער באָרד

דאָס מאָל וויל איך שרייבן אַן אזכרה פאַר מיין באָרד, וועלכע עקזיסטירט נישט מער.

די דאָזיקע באָרד איז נישט געווען סתם אַ באָרד, נאָר אַ באָרד מיט אַ היסטאָריע פון אַ האַלב יאָר, כאָטש זי אַליין איז געבוירן געוואָרן בלויז מיט 13 טעג צוריק.

זינט אַ צייט האָב איך זיך געוואָלט פאַרלאָזן אַ באָרד. איך ווייס נישט ווען דאָס האָט זיך אָנגעהויבן. צום מעגלעכסטן איז עס געווען בעת אַ שיין לייכטזיניק מיידל האָט מיר געשעפּטשעט אין אויער

צרייך, אַז מיין פּנים איז שמאָל און אַ באָרד וועט מיר וואונדערבאַר־באַסטן. דאָס מיידל האָט מן הסתם נישט געוואוסט, וואָס זי האָט מיר אָפּגעטאָן. ווייל פון דעם טאָג אָן האָט דער געדאַנק מיר געעגבערט אין מוח און קיין רו נישט געגעבן.

די ערשטע געלעגנהייט איז געווען בעת די „נחשון" טעג. ביי אַ דריי וואָכן זענען מיר געלעגן אין דיר־מוחייסיק און אין מישלטים אויפן וועג קיין ירושלים, און די באָרד איז ווילד געוואַקסן. אלא דעמאָלט האָב איך נאָך נישט געהאַט די העזה. כ'האָב זיך טאַקע בעזוילט מיטן געדאַנק, אָבער פון מאָל צו מאָל, ווען איך האָב זיך אומגעקערט אויף אַ ווייל „אַהיים", אין דער יידישער חולדה, האָב איך גענומען דאָס ראַזיר־געצייג און אָפּגעגאָלט די באָרד.

עס זענען אַריבער טעג, עס זענען פאַרביי קאַמפן. כ'האָב געזען אַ סך בערד — דאַפּן־בערדלעך, וואָס באַדעקן קוים מיט צרות דעם קין, בערד, וואָס נעמען אַרום דאָס פּנים מיט שמאָלע פּאַסן, פּלמ"ח־בערד פון „נגב־חיות", און סתם בערד אָן טראַדיציע, פון פּשוטע זעלנער. און פּאַמעלעך האָב איך אָנגענומען דעם באַשלוס צו לאָזן זיך וואַקסן אַ גרויסע באָרד ביי דער ערשטער געלעגנהייט. און קלאָר, אַז אַזאַ געלעגנהייט הייסט — זיין אַ לענגערע צייט אין אַ קאַמף־באַזע.

אַ קורצע צייט פאַרן ערשטן איבעררייס האָט זיך מיר אויסגע־חלומט, אַז ס'איז געקומען די גרויסע געלעגנהייט. מיר זענען אין דער צייט געלעגן אין בית־דאַראַס, אַ דאָרף, וואָס האָט נישט בנוגע פּליי־זיבס גלייכן אין דער גאַנצער ברייט פונעם דרום. מיר האָבן נישט געהאַט קיין וואַסער, מיר האָבן זיך נישט געוואַשן, און במילא זיך אויך נישט ראַזירט. דאָרט זענען מיר געווען פינף טעג, און אָט איז געקומען דער איבעררייס. מאָרגן, האָט מען אונדז געזאָגט, וועט איר פאָרן אויף אורלויב קיין תל־אביב.

איך בין געשטאַנען פאַרן שפּיגל אין קעמפּ און זיך גוט מישב געווען. עס האָט מיר לייד געטאָן זיך צו צעשיידן מיט דער באָרד, אָבער אַ,וי ווי כ'האָב נישט געוואָלט דערשיינען אין תל־אביב באַפּוצט מיט אַ האַלב־פאַרטיקער באָרד, האָב איך קיין ברירה נישט געהאַט. כ'האָב זיך אָפּראַזירט.

אין אַ גוטער שעה האָט זיך דער ערשטער איבעררייס פאַר־ענדיקט און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די שלאַכט פון די עלף טעג. די אַלע פריערדיקע קאַמפן האָט מען פאַרגעסן אין אָנבליק פון די דאָזיקע ריזן־שלאַכטן — נגבה, עיבדיס, בית־דאַראַס, מישלט 105.

בית־עפא. איצט זענען מיר געווען קאָמאַנדאָ־מענטשן, דזשיפּ־בע־ונדניקעס. די טעג זענען אַריבער אין שטורעם. דריי־פיר אַקציעס אין אַ מעת־לעת, און נאָך יעדער אַקציע פלעגסטו זיך אַליין אָנקוקן אַ פאַרוואונדערטער און פרעגן: — וואָס, לעבסט נאָך? קיינער האָט נישט געטראַכט וועגן ראַזירן, קיינער האָט אפילו נישט געדענקט וועגן זיך וואַשן.

ווען די קאַמפן האָבן זיך געענדיקט און ס׳האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דער איבערררייס, האָבן מיר דערוואַרט ווי נאָך אַ חלום — און אָט האָב איך דערזען, אַז מיין פּנים איז באַקריינט מיט אַ באָרד, מיט וועלכער מען דאַרף זיך נישט שעמען. איך האָב זיך איינגעקוקט אין איר און זי איז מיר געפעלן געוואָרן. האָב איך באַשלאָסן, אַז דאָס מיידל איז גערעכט, און אַז איך בייטיק זיך טאַקע אין אַ באָרד.

אינצווישן האָבן מיר באַקומען דעם נאָמען „שמשונס פיקסלעך“, און די מענטשן האָבן גענומען אויף אונדז קוקן ווי מיר, ווען מיר זענען געווען רעקרוטן, פלעגן קוקן אויף די פלמ״חניקעס. די באָרד, האָב איך זיך געזאָגט, איז אויפן פּלאַץ. זי פּאַסט פאַרן קאָמאַנדאָ־סטיל.

איך בין געקומען קיין תל־אביב און מיטגענומען מיט זיך די באָרד. מיינע עלטערן האָבן זיך דערשראָקן, זעענדיק די משונהדיקע בריאה. באַקאַנטע האָבן געפרעגט צי איך בין אין טרויער, און אַ שוואַרצהאָריק מיידל, מיט וועמענס מיינונג איך רעכן זיך, האָט מיך באַשוואוירן, איך זאָל זי אַראָפּנעמען. אין אַ מאָמענט פון שוואַכקייט האָב איך איר צוגעזאָגט. ווען איך בין אָבער צוריק אין קעמפּ, האָב איך חרטה באַקומען. צו אַלדי רוחות, האָב איך צו זיך געזאָגט, צו ביסטו אַ פּרויען־קנעכט אָדער אַ קאַמף־זעלנער? בקיצור, איך האָב מיין צוזאָג געבראָכן און איבערגעלאָזט די באָרד, וועלכע איז דערווייל געוואַקסן ווי אויף הייוון.

כ׳האָב נישט גענומען אין חשבון דעם איבעררייס. דאָס האָט מיט זיך געבראַכט אַ סך זאַכן, וואָס זענען ביי אונדז בכלל נישט באַליבט. דאָס אויפשטיין, די פרימאָרגן־ציילונג, טויזנט קליינע פאַראָרדענונגען פון אַמאָליקע טעג, וואָס מיר האָבן שוין פאַרגעסן אין די קאַמף־טעג און געהאַפּט באַהאַלטענערהייט זיך מער נישט צו זען מיט זיי.

בקיצור, מיינע קאָמאַנדירן, גאָט זאָל זיי בענטשן, האָבן באַשלאָסן, אַז עס איז געקומען די צייט צו מאַכן אַ סוף צו די „פּאַרטיזאַנישע שטיק“ און ווידער איינפירן דאָס, וואָס האָט געהייסן

„מיליטערישע אָרדנונג". די מיליטערישע אָרדנונג איז זייער באַליבט ביי די קאָמאַנדירן, און וואָלט דאָס מיליטער נישט געמוזט פון מאָל צו מאָל אַרויסגיין אויפן פראָנט צו קאַמפן וואָס שטערן דעם שאַבלאָן, וואָלטן זיי דאָס אַוודאי איינגעפירט איבערן גאַנצן פראָנט.

דער ערשטער קרבן פונעם נייעם מיליטערישן סדר איז געווען מיין באָרד. צום ערשט איז צו מיר געקומען דער מ"מ, דערנאָך דער רס"פ און דער רס"ג, און צום סוף איז געקומען דער עפּנטלעכער באַפעל פונעם מ"פ; און אויך דער מג"ד, באַקוקנדיק דאָס געביט פון דער פלוגה, האָט אַ זאָג געטאָן, וואָס עס איז. אַלע האָבן וויזט אויס, באַשלאָסן, אַז מיין באָרד איז דער גייסטיקער עמבלעם פון „פּאַרטיזאַנער", וואָס איז אין מיר אַריין אין די טעג פון קאַמף, און זייער באַשלוס איז געווען אים צו פאַרטיליקן.

און איך, מיינע טייערע פריינט, בין דאָך אַ זעלנער, און באַפעל איז באַפעל, טראַכט וועגן דעם וואָס דו ווילסט. אַזוי בין איך געשטאַנען אין טרויעריקן פרימאָרגן אין וואַש־צימער פון קעמפ און מיט קווענקלדיקע באַוועגונגען אָפּגעגאָלט די באָרד. אַרום זענען געשטאַנען די חברים, אַ טייל האָבן מיט מיר מיטגעפילט, און אַ טייל האָבן זיך געפרייט אויף מיין בראָך. די סענסאַציע האָט זיך פאַרשפּרייט און מיין פּנים אָן דער באָרד איז געווען אַ טעמע פאַר וויצן און שטעכיקע באַמערקונגען.

אומגליקלעכע באָרד! מיט אַ פאַרוויטיקט האַרץ שרייב איך פאַר דיר די אזכרה. ביסט מיר געווען אַ געטרייער פריינט, אַ קוואַל פאַר דערמוטיקונג און פאַר פרייד אין די שווערע טעג פון קאַמף. און אָט ביסטו געפאַלן אויפן מזבח...

וואָס זענען די פנימער פון מיינע חברים פלוצים פאַרוואָלקנט געוואָרן? די מצרים האָבן געבראָכן דעם איבעררייס? זענען דאָ אויסזיכטן, אַז די קאַמפן וועלן באַנייט ווערן?

...אפשר פונדעסטוועגן וועט די באָרד ווידער אויפוואַקסן?

דער פּסיכישער קריזיס האָט געשטאַרקט די פריינטשאַפט צווישן די, וואָס איניקט די בשותפותדיקע שנאה צו די הינטערלאַנד־העלדן און דער בשותפות־דיקער שטאָלץ מיטן פראָנט. אין אונדזער האַרצן האָבן אָפּגעקלונגען די ווערטער פונעם רוסישן ליד, וואָס אבא קאָוונער האָט אונדז געשיקט אין די שוץ־גריבער אין די 11 טעג פון קאַמף: „נאָר אין פראָנט דערשפּירסטו ווער ס'איז דיין פריינט, דיין ברודער, נאָר אין פראָנט פאַרשטייסטו — וואָס זעלנער־ליבע איז..."

די פריינטשאַפט אין פראַנט האָט פאַרטונקלט יעדן אַנדערן סענטימענט. זי איז פאַר אונדז געווען אַ לעבנס־באַדערפעניש — ווייל אָן איר האָבן מיר נישט געהאַט קיין סך האָפענונג לאַנג אויסצוהאַלטן אין קאַמף. איך האָב געפרובט שילדערן דאָס דאַזיקע געפיל אין אַ קליינער דערציילונג.

27־טן יולי, 1948. גדודישער קאַמפ.

זעלנערישע ליבע

אויסער זייער ליבע צו זיוה׳ן האָבן זיי געהאַט בלויז איין געמיינזאַמע מידה: ביידע זענען געווען גוטע קעמפער. און אַפילו אין דער דאַזיקער מידה זענען קענטיק געווען זייערע קעגנזעצלעכע כאַראַקטערן. איסר איז געווען אַ טיפּישער זעלנער־אַוואַנטוריסט, אַ געוואַגטער ביז לייכטזין, און דערצו אַ צ׳יזבאַתן־דערציילער. מיכאל אָבער איז געווען אַ באַשיידענער מענטש, אַ חבר, וואָס מען קען זיך אויף אים פאַרלאָזן אין יעדער לאַגע.

מיט דער צייט האָבן זיי ביידע געלערנט שלום מאַכן מיט דער לאַגע. איסר האָט זיך צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז אין איינעם אַ טאָג וועט זיוה מן הסתם חתונה האָבן מיט מיכאלן, און מיכאל האָט אנערקענט איסר׳ס רעכט.

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן האָבן זיי ביידע זיך מאָביליזירט. אין דער צייט, וואָס זייערע חברים האָבן געוואַרט אויף אַ באַקוועמער מעגלעכקייט זיך „איינצואָרדענען" אין אַ פיינעם אַמט אין הינטערלאַנד, זענען זיי ביידע שוין געווען אין פראָנט, ווי זייער שטייגער איז, געדינט אין פאַרשידענע איינהייטן. — מיכאל איז געווען אַ זעלנער אין איינעם פון די פוסגייער גדודים, וואָס מאַכן זייער וויכטיקע ארבעט אויף אַ באַשיידענעם אופן, און ווערן אַפילו נישט געלויבט דערפאַר. און איסר איז מיט דער צייט אַנגעקומען צו אַ קאָמאַנדאָ־איינהייט, וואָס זייערע געוואַגטע מעשים האָבן אויפגעשטורעמט אונדזער וועלט.

האָט דער מלחמה־גורל געוואָלט, אַז איסר און מיכאל זאָלן זיך נישט באַגעגענען אין קאַמף. כאָטש זיי האָבן געווירקט אויף שכנות־דיקע אָפּשניטן פון פראָנט. דערנאָך, ווען מ׳האָט אויפן פראָנט נישט געגעבן די אורלויבן מיט אַ ברייטער האַנט, האָבן זיי זיך אויך אין שטאָט נישט באַגעגנט, און איינער האָט דעם צווייטן נישט געשטערט זיך באַגעגענען מיט זיוה און זי צו פאַרבעטן אין קינאָ.

אויך דעם דאָזיקן אָוונט האָבן זיי זיך נישט געטראָפן פאַר דער אַקציע. די דזשיפּן האָבן געדאַרפט צושמידן דעם פיינט פון צפון זייט עך זאָל זיך נישט קאָנען קאָנצענטרירן אין מערב זייט. דאָרט האָט מיכאַלס איינהייט געדאַרפט אָנגרייפן און אַריין אין צענטער פון דאָרף. ביידע כוחות האָבן געווירקט פון פאַרשידענע באַזעס, און איסר האָט אַפילו נישט געוואוסט, וועלכע פוסגייער־איינהייט וועט אַריין אין דער אַקציע.

די אַקציע האָט באַלד פון אָנהייב אָן געהאַט אַ שלעכטן מזל. די לבנה־שיין איז אַ העלע און דער פיינט — גוט באַפעסטיקט.

די דזשיפּן האָבן אויסגעפּילט זייער שליחות געטריי. זיי האָבן זיך דערנענטערט צום דאָרף ביז אַ הונדערט מעטער און אַראָפּגע־לאָזט אויף אים אַ פייער. דעם שונאס האַרמאַטן, וואָס זענען געווען אָנגעשטעלט פון פריער, האָבן באַלד אָנגעהויבן ווירקן. די שראַפּנעלן האָבן אויפגעריסן אַרום די דזשיפּן, וואָס האָבן נאָכאַנאַנד געביטן זייערע פּאָזיציעס. איינמאָל האָבן זיי געשאָסן פון איין ריכטונג און נאָך אַ פּאָר מינוט פון אַ צווייטער.

עס איז נייטיק געווען צוצוגעבן דעם פוסגייער־מיליטער נאָך שטיצע. דער באַפעל איז געקומען מיטן ראַדיאָ, און די דזשיפּן האָבן זיך ווידער אַ לאָז געטאָן אַנטקעגן דעם שונא און גאַלאָפּירט אויף די שראַפּנעלירטע פעלדער.

איסרס דזשיפּ איז צעשעדיקט געוואָרן בעת ער האָט געדעקט דעם צוריקצוג פון די אַנדערע דזשיפּן. אַ שראַפּנעל פון 2 פונט האָט אים צעריסן. דער שאָפער און דער ערשטער אַרטילעריסט, וואָס זענען געזעסן אינעווייניק, זענען געהרגעט געוואָרן. איסר איז אַרויסגעשליידערט געוואָרן צען מעטער ווייט און האָט געחלשט.

ווען דאָס באַוואוסטזיין איז צו אים צוריקגעקומען איז די שלאַכט כמעט איינגעשטילט געווען. אין דאָרף האָבן זיך פון מאָל צו מאָל געהויבן רויטע ראַקעטן — אַ סימן, אַז עס איז נישט פאַר־זומען געוואָרן.

איסר האָט זיך אויפגעשטעלט ווי אַ שיכור, און האָט זיך אָנ־געשפּאַרט אָן אַ בוים. די אברים האָבן אים וויי געטאָן, עס ווייזט אָבער אויס, אַז עס איז ביי אים גאָרנישט צעבראָכן געוואָרן. דער זייגער איז געווען 4 אינדערפרי. ס׳ איז געבליבן נאָך איין שעה ביז זונאויפגאַנג. ביז דעמאָלט וועט ער מוזן פאַרשווינדן פונעם שונאס אויסבליק־שטח.

ער איז צוגעגאַנגען צום צעשמעטערטן דזשיפּ. קיין ספק נישט,

די חברים זענען געהרגעט געוואָרן פונעם שראַפּנעל. ער האָט פאַרוואָרפן דאָס מאַשין־געווער אויפן אַקסל און זיך אָפּגערוקט פון זײַט.

נישט ווייט האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף אַ וואַדי. ער איז בעגאַנגען לענג־אויס דעם וואַדי, כדי זיך דעקן פונעם שונאס ראַקעטן־ליכט.

פּלוצים האָט ער זיך צוריקגעצויגן און געפאַלן צו דר׳ערד. פאַר זיך האָט ער דערזען אַ באַוועגונג. איצט האָט ער אויך געהערט אַ שוואַכן רוף: „יחיעם... יחיעם...״

„יחיעם״ איז געווען דער נאַכט־פּאַראָל. איסר האָט זיך דער־נענטערט צו דער געשטאַלט, וואָס האָט געהויערט אויף דער ערד און זיך געקאָרטשעט פון ווייטיק. נאָך איידער ער האָט דערזען דאָס פּנים, נאָך איידער ער האָט געקאָנט דערקענען דאָס קול, האָט ער שוין געוואוסט ווער ס׳איז דער פאַרוואונדעטער.

מיכאל האָט אים תחילת נישט דערקענט. „ריר מיך נישט אָן...״ האָט ער געמורמלט, „איך שטאַרב...״

איסר האָט מיט זײַן מעסער אויפגעשניטן די מיט בלוט פאַר־שמירטע הויזן. דער שפּליטער איז אַרײַן אין לינקן פוס. קיין ספק נישט, דער אָדער איז אָנגערירט געוואָרן.

ער האָט געלערנט וואָס טאָן אין אַזאַ פאַל. ער האָט מיט זיך אויך געהאַט אַ באַנדאַזש, וואָס פאַרהאַמעוועט דאָס בלוט פון די אָדערן.

איסר האָט שנעל באַטראַכט אַלע מעגלעכקייטן. מיכאל וועט אַליין נישט קאָנען גיין, און ער, איסר, וועט נישט באַוויזן אים טראָגן אויפן רוקן און דערווײַטערן זיך פונעם שונאס געביט ביז זונאויפגאַנג. איבערלאָזן אים אַליין? דער ווילן צו אייגענעם קיום האָט אים געשעפּטשעט די עצה איך אויער אַרײַן. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז אויב דער אָדער־באַנדאַזש וועט זיך נישט עפענען, וועט מיכאל נישט דערגיין צו דער אַמבולאַטאָריע אַ לעבעדיקער. געווען בלויז איין ברירה — בלײַבן נעבן אים און פאַרשטעקן זיך ביז אָוונט.

מיכאל האָט געוואוסט וואָס איסר טראַכט. זײַן באַוואוסטזײַן איז איצט לויטער געווען. „בלײַב נישט״, האָט ער געשעפּטשעט. „ראַטעווע זיך, מיך וועסטו במילא נישט ראַטעווען...״

אָבער איסרס באַשלוס איז געווען אַן אײַזערנער.

ער איז איבערגעבליבן.

דער טאָג איז לאַנגזאַם אַריבער, ווי אַן אומענדלעכער קאָשמאַר. פון שרעק, טאָמער וועט דער שונא זיך דערנענטערן צום וואָדי, האָט איסר אָוועקגעטראָגן מיכאלן דרייסיק שפּאַן אין אַ קוקורוז־פעלד. דאָרטן זענען זיי געווען פאַרשטעלט פון אַראַבישע אויגן.

די זון האָט זיי אומברחמנותדיק געבראָטן. עסן און וואַסער האָבן זיי נישט געהאַט. פון שוואַכקייט איז מיכאלס באַוואוסטזיין צוגעטעמפּט געוואָרן. ווען דאָס באַוואוסטזיין איז קלאָר געווען, האָט ער געזאָגט: „איסר, איך וועל דיר דאָס נישט פאַרגעסן...“

ביי מיטאָגצייט האָט זיך זיין לאַגע גענומען פאַרערגערן. איסר האָט געמיינט, אַז מיכאל האָט ווידער פאַרלוירן דעם באַוואוסטזיין, אָבער פּלוצים האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן: „איך ווייס, אַז דו האָסט זי ליב... איסר, אויב ס׳וועט מיט מיר עפּעס פּאַסירן...“ ער האָט ווייטער נישט געזאָגט, אָבער איסר האָט פאַרשטאַנען.

איסר האָט געוואוסט, אַז דער ווילן פון לעבן באַשטימט אָפטמאָל די אויסזיכטן פון פאַרוואונדעטן. ער האָט געזוכט עפּעס אים צו דערמוטיקן. פּלוצים איז אים אויפגעקומען אַ געדאַנק. ער האָט אַרויסגענומען פון זיין טאַש אַ בילד — דאָס בילד פון זיוהן. — „איסרן מיט פריינטשאַפט, זיוה“ — איז געווען אָנגעשריבן אויפן בילד.

מיכאל האָט זיך איינגעקוקט אין בילד. עפּעס האָט אים פּאַסירט. ער האָט מער נישט גערעדט, אָבער זיין באַוואוסטזיין איז נישט מער אַוועק.

און אַזוי זענען זיי ביידע געלעגן מיט ווייטיקן, הונגעריקע און דורשטיקע, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט, בעת זיוהס בילד ליגט צווישן זיי און דאָס לייכטע ווינטל קלאַפּט די קוקורוז־שטענגלעך, וואָס האָבן זיי פאַרשטעלט פונעם שונאס אויגן.

ביי זונאונטערגאַנג האָט זיך איסר געגרייט אין וועג אַריין. צוערשט איז ער געקראָכן און געשלעפּט נאָך זיך מיכאלן, דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען און געטראָגן אים אויף די פּלייצעס.

דער וועג איז געווען אַ לאַנגער, ביי צוויי קילאָמעטער. איסר האָט נישט געקענט גוט דעם וועג און אָפטמאָל איז ער שטיין געבליבן צו קאָנטראָלירן די שטערן און די בערגלעך. אָפטמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אָפּצואָטעמען. שווער איז געווען צו טראָגן מיכאלן אויף די אַקסלען, וואָס זענען צעקלאַפּט געוואָרן ווען ער איז אַרויס־געפלויגן פון דזשיפּ.

„איך טאָר נישט חלשן“, האָט ער צו זיך געזאָגט, און געפילט, אַז די כוחות פאַרלאָזן אים. „איך מוז אויסהאַלטן...“

מיכאל האָט נאָך ביים אָנהויב וועג פאַרלוירן זיין באַוואוסטזיין. ער האָט נישט געפילט ווי איסר האָט אים צייטנוויַיז אַראָפּגעלייגט אויף דר׳ערד, אויפגעעפנט דעם אָדער־באַנדאַזש און ווידער אים באַרמאַכט. ער האָט אַפילו נישט געפילט ווי איסר האָט אָנגעטראָפן אַ גרופּע אויסשפּירער, ווי ער האָט דערנאָך געחלשט, ווי ער האָט זיי באַשוואוירן צו אַלאַרמירן אַן אַמבולאַנס, ווי אַזוי מען האָט זיי בײדע אַרויפגעלייגט אויף אַ דזשיפּ און אַריינגעלייגט איינעם נעבן צווייטן אין ווייסע בעטן אין שפּיטאָל.

ווען דאָס באַוואוסטזיין האָט זיך צו אים אומגעקערט, האָט ער געזען ווי איסר ליגט אין צווייטן בעט און שלאָפט. אַ יונגע שוועסטער האָט זיך אין אים איינגעקוקט און געשמייכלט. אַ ווײַלע האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס איז זיוה. דערנאָך האָט ער איינגעדרימלט.

די פאַבולע פון דער דערציילונג איז אַ ביסל „מאָדנע“. ווי געוויינלעך האָב איך געשילדערט טיפּן, וואָס כ׳האָב אַרום זיך געזען. כ׳האָב געוואָלט אַרויסרוקן צוויי פאַרשידענע טיפּן פון זעלנער, וועלכע צייכענען זיך אויס — אַן אַוואַנטוריסט „אַ שוויצער“, וועמען איך האָב גערופן „איסר“, און אַ שטילן באַשיידענעם זעלנער, דאָס איז „מיכאל“ אין דער דערציילונג. ווי אַ ביישפּיל פאַרן ערשטן טיפּ האָבן מיר געדינט אַ סך פון מיין פלוגה. ווי אַ ביישפּיל פאַרן צווייטן טיפּ האָט מיר געדינט מיין חבר יוחנן זילבערמאַן, אַ זעלנער אין דער פלוגה, וואָס האָט פאַרטיידיקט בית־דאַראַס בעת דעם גרויסן אָנגריף.

יוחנן איז דעם זעלבן טאָג געשיקט געוואָרן קיין תל־אביב אָנטיילצונעמען אין דער מיליטער־פּאַראַדע לכבוד דעם מדינה־טאָג. צוזאַמען מיט זיינע חברים איז ער אַרויסגעצויגן געוואָרן פון דער פּאַראַדע און צוריק אַלאַרמירט געוואָרן אין גדוד אַריין, וואָס איז אין דער צייט איינגעשטאַנען אין אונדזער קעמפּ. און אַזוי איז ער אויסגעוואַקסן פלוצים נעבן מיר אין דער סעקונדע, ווען כ׳האָב פאַרענדיקט דאָס שרייבן די דערציילונג. איך בין שוין געזעסן אויפן דזשיפּ, וואָס האָט מיך באַדאַרפט פירן צו דער קאַמף־באַזע. מיר האָבן געשמועסט וועגן פאַרשידנס ביז דער אַרויסמאַרש־באַפעל איז געקומען.

אין דער נאַכט האָט זיך געעפנט דער גרויסער אָנגריף אויף עיראַק־אל־מנשיה, מיטן צוועק סוף־כל־סוף צו עפענען דעם וועג צום נגב. יוחננס פלוגה איז געווען צווישן די דורכרייסער. איינציקע דזשיפּן האָבן געאַרבעט ביים אויפזאַמלען פאַרוואונדעטע.

צומאָרגנס האָב איך זיך דערוואוסט, אַז יוחנן איז געהרגעט געוואָרן.

28־טער יולי, 1948. ג׳אלדיה.

פארטרעט פון א נאציאנאלן העלד

איר פרעגט — ווער האָט אונדז געגעבן די דאָזיקע מדינה, דאָס פרייע לעבן און דאָס פאַרזיכערטע הינטערלאַנד?

איר פרעגט — ווער האָט אויסגעהאַלטן אין שראַפּנעלירטע מישלטים, אין אַ האָגל קוילן און באָמבעס, קעגן טאַנקן, עראָפּלאַנען און האַרמאַטן?

איר פרעגט — ווער האָט דורכגעבראָכן דעם וועג קיין ירושלים און נגב, ווער האָט אָפּגעשטויסן די אָנגריפן פונעם שונא, וואָס האָט געהאַט א ריזיקן איבערוואָג אין געווער?

נישט דאָס בעסערע געווער, נישט די גרעסערע צאָל, נישט קיין העכערע פאַכקענטעניש האָבן אונדז דאָס אַלץ געבראַכט. דאָס האָבן דערגרייכט פשוטע זעלנער, גראָע יונגעלייט, קעמפער וואָס זענען נישט דערצויגן געוואָרן פאַר אַ מיליטערישן לעבן, און דאָך האָבן זיי איבערגעשטיגן די בעסטע זעלנער אין דער וועלט.

לאָמיר אייך דערציילן וועגן איינעם פון זיי, איינעם פון די דאָזיקע אומבאַקאַנטע זעלנער, מיין חבר יוחנן.

ווי אַלע אַלטגעזעסענע זעלנער אויפן פראָנט, איז יוחנן זילבער־מאַן איינער פון די, וואָס זענען צופעליק איבערגעבליבןביים לעבן. ווען עס איז געקומען דער צווייטער איבעררייס האָט ער געמיינט, אַז איצט איז געקומען זיין צייט זיך אויסצורוען, פאָרן אויף אורלויב, פאַרברענגען אַ פּאָר טעג מיטן מיידל וואָס ער האָט ליב.

און פונדעסטוועגן, ווען מ׳האָט באַקומען די ידיעה, אַז די מצרים האָבן פאַרשטעלט דעם וועג צום נגב און ס׳איז געקומען דער באַפעל זיי אָנצוגרייפן — האָט ער זיך נישט באַקלאָגט. ער האָט אויסגערייניקט דאָס געווער, ווידער אָנגעטאָן די שמוציקע מיליטערישע קליידער און אַרויס צום קאַמף.

אין דער פלוגה זענען געווען א סך „גרינע״, וואָס זענען געקומען אויספילן די רייען, וואָס זענען אין די קאַמף־טעג שיטער געוואָרן. ווען ס׳האָט זיך אויף זיי אַראָפּגעלאָזט אַ גהינום־פייער, וואָס איז געקומען פון די פּאָזיציעס פונעם שונא, וואָס האָט זיך באַפעסטיקט אין עיראַק־אל־מנשיה, האָט זיי אויף אַ ווײַלע אָנגעכאַפּט אַ פחד. דעמאָלט האָט דער איינפאַכער זעלנער יוחנן זיך אויפגעשטעלט אין דער גאַנצער גרויס, כדי זיי צו ווייזן אַ ביישפּיל און העלפן זיי באַקעמפן דעם פחד.

אַ קנויל פון אַ מאַשין-געווער האָט אים צעריסן די ברוסט און ער איז געשטאָרבן אויפן אָרט.

*

ער איז נישט געווען פון יענע ציניקער, וואָס זיצן אין די קאַפעען אין תל-אָביב און באַרימען זיך מיט דער גבורה פון זייערע חברים. אַ שעמעוודיקער שמייכל האָט געפלאַטערט אויף זיינע ליפן, אַ שמייכל פון אַ מענטש, וואָס באַשיידנקייט איז דער יסוד פון זיין נשמה.

ער איז געגאַנגען דינען אַ ביסל שפּעטער פון מיר. אין פאַר-באַרגעניש פלעג איך אויף אים רחמנות האָבן. „ער איז צו גוט און וועט נישט קאָנען אויסהאַלטן אין מיליטער”, פלעג איך זאָגן. „די קאָמאַנדירן און די חברים וועלן אויף אים אַרומרייטן”.

נאָך אַ חודש צייט האָב איך אָנגעטראָפן דורך אַ צופאַל איינעם פון זיינע פּלוגה-חברים און האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף אים. „יוחנן?” האָט ער געפרעגט. „ער איז דאָך אונדזער זעלנער, אַ וואונדערבאַרער בחור”. ער האָט באַוויזן אין משך פון דעם חודש געווינען די הערצער פון זיינע חברים און קאָמאַנדירן, און אַנשטאָט „רייטן” אויף אים, האָבן זיי מקנא געווען זיין שווייגנדיקע שטאַנד-האַפטיקייט.

ער האָט נישט ליב געהאַט דעם מיליטערישן שטייגער, און פונדעסטוועגן איז ער געווען אַ מוסטערהאַפטער זעלנער. אויב איך האָב באַוויזן צו זיין אין שטאָט צוויי-דריי מאָל אין חודש, מיט אַ דערלויבעניש און אָן אַ דערלויבעניש, פלעגט ער קומען איין מאָל אין צוויי-דריי חדשים און צוריקקומען גענוי צו דער צייט, וואָס איז געווען פאַרשריבן אין אורלויב-שיין.

*

דער תוך פון זיין לעבן איז געווען די מוזיק. ביים קלאַוויר פלעגט ער זיך פאַרגעסן, און אויך ביים מיליטער, אין די לאַנגע וואָכן וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דעם אָפּגעשניטענעם גת, פלעגט ער מיט פרעכטיקע קלאַנגען ברענגען די חברים זיינע צו פאַרגעסן די ליידן פון דער מלחמה.

אַ קורצע צייט פאַרן קריג האָט ער אָנגעהויבן אויפטרעטן עפנטלעך. מען האָט אים פאַרויסגעזאָגט אַ גלענצנדיקן אויפשטייג. מען האָט אויף אים געלייגט גרויסע האָפנונגען אַלס אַ קאָמפּאָזיטאָר. און אָט האָבן זיינע לאַנגע פינגער אָנגעהויבן שפּילן אויפן

צינגל פון דעם מאַשין־געווער. עס איז שווער צו שילדערן אַ מער פּרעמדן טיפּ פאַר דער מלאכה פון פאַרניכטונג. און פונדעסטוועגן האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין קאַמף.

ווער גיט עס כוח אַזעלכע מענטשן אויסצוהאַלטן אין קאַמף? ווער פאַרוואַנדלט זיי אין מוסטערהאַפטע זעלנער?

נישט דער אידעאָלאָגישער ברען. יוחנן האָט נישט פאַרשטאַנען קיין פּאָליטיק און האָט זיך מיט איר נישט אינטערעסירט. דער כוח, וואָס האָט אים באַוואויגן איז געווען דער כוח פון פּערזענלעכער אָנשטענדיקייט. אויך ער האָט זיך געקאָנט „איינאָרדענען" אין איינעם פון די קולטור־ביוראָען. ער איז אָבער אַרויס אין קאַמף, גלייך דאָס זאָל זיין אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך: זיין ברודער איז געווען אין איינעם פון די נגב־קיבוצים. און ס'איז ביי אים געווען אַ נאַטירלעכער מוז צו דערפילן זיין פליכט.

די פּערזענלעכע אָנשטענדיקייט האָט אים געצוואונגען צו גיין צום פולן דינסט. ווען עס איז נאָך נישט געווען אָבליגאַטאָריש, אַרויס צום קאַמף אָנשטאָט זיך אַרויסצודרייען, און זיין אַ גוטער זעלנער.

*

ווען די מלחמה וואָלט נישט אויסגעבראָכן, וואָלטן מיר געהערט אין איינעם אַ טאָג וועגן אַ קאָמפּאָזיטאָר יוחנן זילבערמאַן, וואָס גיט קאָנצערטן און פאָרט־אַרויס אויף אַ טורנע איבער דער ברייטער וועלט.

און אָט ליגט ער ערגעץ־וואו אין די רחבותן פונעם דרום, זיין דזאיק און שיין פּנים אַנטקעגן די שטערן פון הימל און זיין ברוסט אַדורכגעלעכערט פון קוילן.

אַ זעלנער איינער פון פיל, וועלכע זענען געבליבן אויפן שלאַכט־פעלד.

אַ טייערן פּרייז, זייער אַ טייערן, צאָלסטו, פאָטערלאַנד, פאַר ד"יך פרייהייט.

דער אָנגריף אויף עיראַק־אַל־מנשיה איז דורכגעפאַלן. נאָר די אַקציע צו עפענען דעם וועג קיין נגב איז ווייטער אָנגעגאַנגען. מיר זענען געזעסן אין ג'אַלדיה, זיך באַשעפטיקט מיט פאַרשידענע אויסשפּירונגען און געוואַרט אויף אַן אָנטשיידענער אַקציע.

יוחננס טויט האָט מיך אָנגערעגט צו שילדערן דעם טיפּ זעלנער, וואָס האָסט די מלחמה, וועלכער איז אַ פּאַציפיסט פאַרבאַרגענערהייט, און פונדעסט־וועגן צייכנט ער זיך אויס אין קאַמף.

אין פראַנט האָבן מיר זיך אויסגעלערנט מאַכן אַן אָנשטעל פון ציניקער און אָפּלאַכן פון אידעאַלן. דאָס איז אָבער בלויז געווען אַן אָנשטעל. די גרויסע איבערלעבונג אויפן פראָנט האָט געלייטערט דעם קאַמף־זעלנער, זי האָט אים דערצויגן צו אַ זאַכלעכן אידעאַליזם און האָט אין זיין האַרצן פאַרזייט די מאָראַל פון באַרבאַרישקייט.

29־טער יולי, 1948. ג׳אלדיה.

פאַטמאַ, די דזשיפּ־טאָכטער

זי איז געזעסן אויפן דזשיפּ, געשאָקלט איר גֶעלאָקטן קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט מיט אירע פריילעכע אויגן. זי האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ לץ, און די באַנדאַזשן אויף אירע פיס און האַלדז האָבן נאָך פאַרשטאַרקט דעם רושם.

מיר האָבן אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געלעכטער. ווייל ווער האָט דען אַמאָל געזען אַ צויג באַנדאַזשירט ווי אַ זעלנער, וואָס קערט זיך אום פאַרוואונדעט פון קאַמף?

אָבער אונדזערע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן זעלנער, וואָס איז געזעסן נעבן איר. מיר זענען שטיין געבליבן מיט אָפענע מיילער. עס איז אין זיי, אין די דאָזיקע אויגן, געווען עפּעס, וואָס האָט אָפּגעשטעלט אונדזער געלעכטער אינמיטן, אַן אויסדרוק פון שנאה און פאַראַכטונג, וואָס האָט אונדז נאָכגעיאָגט, ווען מיר זענען אַנטלאָפן אין אַ קאַפע אַריין.

„סאַראַ משונהדיקער פּרצוף“, האָב איך געזאָגט צו מנשקען. ווער איז עס?“

מנשקע איז געווען דער גרעסטער רכילותניק צווישן נגבה און בית דגון. ער האָט אַלעמען געקענט. קיינער האָט נישט געוואוסט געבוי, וואָס איז געווען זיין פאַך ביים מיליטער, אָבער קוים האָבן מיר זיך געוואָלט דערוויסן וואָס עס האָט פּאַסירט און ווען, אין וואו איז דער אָדער יענער פאַרוואונדעט געוואָרן, אָדער ווער עס גייט אַרום מיט וועמען, האָבן מיר געוואוסט זיך צו ווענדן בלויז צו אים. ער איז געווען אַ מין פאַרפאָלקאָמט אינפאָרמאַציע־ביוראָ.

„וואָס, דו קענסט נישט אַלי׳ן?“ האָט מיר מנשקע געענטפערט פאַרוואונדערט מיט פרייד. „אָט האָסטו אַ שיינע געשיכטע...“

*

אַ משונהדיקער טיפּ איז געווען דער דאָזיקער אלי. אַ ריז, ביי צוויי מעטער הויך, אַ ברייטפּלייציקער מיט וואָנסן; ער זעט אויס ווי איינער פון די, וואָס זיצן בעת דעם אורלויב אין אַ קאַפע אויפן שׂפת־הים פון תּל־אביב און דערציילן דיר מיט אַ קול וואָס לאָזט זיך הערן גאָר ווייט, ווי אַזוי זיי האָבן מיט זייערע אייגענע הענט געהרגעט אַ טוץ אַראַבער און געפאַנגען אַ האַרמאַט. אָבער געווען איז אלי דאָס פאַרקערטע פון דעם. אַ שווייגער, אַ שעמעוודיקער, אַן אָפּגעזונדערטער.

ער האָט באַדינט אַ מאַשין־געווער — אַ ריכטיקער אַרטילעריסט. נישט אַ ביקסעלע, וואָס שיסט מיט אַ מאַשין־געווער. דער צילער איז ביי אים געווען ווי אַ פּענדזל ביי אַ מאָלער. מען האָט אויף אים געזאָגט, אַז, ווען ער וואָלט אפילו געוואָלט, וואָלט ער נישט מסוגל געווען נישט צו טרעפן צום ציל.

אָבער אלי האָט עפּעס נישט קיין הנאה געהאַט פון זיין פאַך. זיינע חברים האָבן אים מקנא געווען. אָבער ווען זיי זענען געזעסן אויף די געלעגערס און אַנטוויקלט די טאַקטיק ווי צו דערלאַנגען דעם שׂונא, האָט אלי זיך אויסגעדרייט צו זיי מיטן רוקן און זיך געגאַנגען וואַשן. בקיצור, אַ משונהדיקער טיפּ...

*

דער ראָמאַן זיינער מיט פאַטמאַן האָט זיך אָנגעהויבן אין טאָג פונעם אָנגריף אויף דיר־מוסה. אלי איז געווען אין דער ערשטער כוואַליע פון שטורעם. אָנגעבויגן איז ער געלאָפן פאַר דער רייַ, האַלטנדיק זיין מאַשין־געווער. אַ פאַל — אַ שפּרונג — אַ פאַל — אַ שפּרונג — ביז ער איז צו צו די ערשטע הייזער.

דער ווידערשטאַנד אין דאָרף איז געוואָרן וואָס אַ מאָל קלענער. עס האָט אויסגעזען, אַז די לעצטע אַראַבישע קעמפער גרייטן זיך אויך צו אַנטלויפן. דאָס געמיט פון די מענטשן איז געווען געהויבן. אָט וועלן זיי דורכברעכן...

פּלוצים נעמט קלאַפּן פון מאַשין־געווער פון רעכטס. דאָרט איז געשטאַנען אַן איינזאַם נעבעכדיק הייזל הינטער אַ פאַרצווייגטן בוים. אלי האָט אָנגעשטעלט זיין מאַשין־געווער, רעפּעטירט מיטן הענטל — אַ קליינער אָפּגעהאַקטער קנויל — און די רו האָט זיך איינגעשטעלט אויפן פראָנט דיר־מוסה.

קיינער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם פאַל. חברה איז אַריין אין דאָרף אריין און קאָנטראָלירט די הייזער. דאָ און דאָרט

האָט מען געטראָפן אָנדענקונגען. קיינער האָט נישט געפרעגט, וואו אלי געפינט זיך.

אלי איז געגאַנגען צו דעם נעבעכדיקן הייזל. עס האָט אים עפּעס אַהין געצויגן. ער איז געשטאַנען און זיך איינגעקוקט אין דעם יונגן אַראַבער, וואָס איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ. ס'איז געווען אַ שטומער דועט צווישן אלי, דעם אַרטילעריסט, און דעם מענטשן, וועמען ער האָט געהרגעט.

פלוצים האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון דרימל. די פאַרטראַכטע אַראַבישע צויג האָט זיך אָפּגעריסן פונעם הויז און געלאָפן צום געהרגעטן. זי האָט פאַרצווייפלט געוואָיעט, געלעקט אים מיט דער צונג און מיט די פאָדערשטע לאַפּעס געגלעט אים, גלייך זי וואָלט אים געוואָלט צוריק דערוועקן צום לעבן.

אלי איז דאָרט געשטאַנען פיל צייט אָן באַוועגונג. ער האָט דערנאָך גענומען די צויג און אומגעקערט זיך אין דער פּלוגה.

*

טעג זענען פאַריבער. די מלחמה האָט אָנגעהאַלטן. די קעמפּנ־דיקע אַראַבישע פעלאַכן זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אינעם אַראַבישן לעגיאָן און אין מצרישן מיליטער. אלי האָט שוין מער נישט גע־שלעפּט אויף זיין אַקסל דאָס מאַשין־געווער. ער איז געזעסן אין דזשיפּ, פאַרן מאַשין־געווער, וואָס איז געווען צוגעפעסטיקט צו אַ געשטעל.

דער דזשיפּ פון אלי — אַזוי האָט מען אים גערופן, אָבער די קאָמאַנדע איבער אים האָט געהאַט שמואל, דער מם־כף, וואָס איז לגמרי געווען נישט צופרידן פון דער זאַך. זיין נאָמען איז געווען באַרימט אין דער גאַנצער דיוויזיע — זיין מאַשין־געווער האָט גע־שפּיגן מיט קוילן, שטייענדיק און פאַרנדיק און קיינמאָל נישט פאַרראַטן מיטן טרעפן אין ציל. און וואָס גרעסער עס איז געוואַקסן דער רום פון אליין, איז געפאַלן זיין גייסט.

די חברה האָט זיך געוואָלט צופעסטיקן צו זיין דזשיפּ, צו דער שוואַכקייט פון אליס האַרץ. קיין איין מענטש האָט נישט געהאַט די העזה צו עפענען אויף אים דאָס מויל. ווייל ס'איז נישט געווען נאָך אַזאַ זעלנער ווי ער בעתן קאַמף. און אַזוי האָבן זיי שלום געמאַכט מיטן פאַקט, אַז אלי אונטערשיידעט זיך פון זיי און אַז ס'האָט נישט קיין זינען אָט סתם צו באַרעדן אים.

אָבער אלי איז מער נישט געווען איינזאַם. ער האָט געהאַט א קליינע חברטע, פאַטמאַ, די צויג פון דיר־מוסאַ. קיינמאָל איז ער אַן איר נישט אַרויס צו אַן אַקציע. זי איז פאַראַן נעבן אים, און מיט יעדן שונא, וואָס ער האָט געהרגעט מיט זיין מאַשין־געווער, האָט זיך גע־קנופּט עפּעס א מיסטישער פאָדעם צווישן אים און איר. נישט איינמאָל האָט ער איבערראַשט אַ חבר, ווען ער איז געזעסן נעבן איר און געשמועסט אין דער שטיל מיט אַן אומפאַרשטענדלעכער נישט־מענטשלעכער שפּראַך.

אין איינעם אַ טאָג איז אלי׳ס דזשיפּ אַרויס פּאַטרולירן דעם שאָסיי, וואָס גייט דורך דיר־מוסא. די אויפגאַבע איז געווען אָנצוהייבן אַ קאַמף מיטן שונא, זען זיין כוח און אָפּטראָגן זיך.

ווען דער דזשיפּ האָט זיך מיט א גאַלאָפּ דערנענטערט צום דאָרף, האָט זיך אויף אים א שיט געטאָן אַן אומגלויבלעך ריזיק פייער. די ערשטע קויל האָט געטראָפן אין ראָד — אפרים, דער שאָפער האָט באַלד איינגעהאַלטן דעם דזשיפּ און שמואל האָט באַפוילן צו פאַר־נעמען א פּאָזיציע. אלי האָט געכאַפּט דאָס מאַשין־געווער, אַראָפּגע־שפּרונגען, נישט באַמיט זיך אַרויפצוזעצן דעם צוויי־פוס און ער האָט דערלאַנגט קנויל נאָך קנויל צו די הייזער אין דאָרף. פאַטמאַ איז נאָך אים אַראָפּגעשפּרונגען און פאַרשוואונדן.

אונטער דער דעקונג פון די צוויי מאַשין־געווערן האָט אפרים געפּאָרעט זיך ביים דזשיפּ. די קוילן האָבן געפייפט אַרום אים, אָבער ער האָט געוואוסט זיין פליכט. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס רעזערוו־ראָד פון הינטן און איבערגעביטן די רעדער.

„גרייט צום אָפּציען״, שרייט שמואל, „אַרויף אויף דער מאַשין!״ אלי האָט אָפּגעשפּרונגען, נאָר פּלוצעם האָט ער זיך פאַרהאַלטן. פאַטמאַ איז פאַרשוואונדן. א קליינע ווײַלע איז ער געלעגן אויפן פּלאַץ, דער־נאָך איז ער אויפגעשטאַנען און איז צוגעלאָפן צום קליינעם הייזל רעכטס פון דאָרף.

„ביסט משוגע?״ שרייט שמואל, „תיכף צוריק!״

אָבער אלי האָט אים נישט געהערט. ער איז געלאָפן צום הויז נישט איינבייגנדיק זיך, אַקוראַט ער וואָלט בכלל נישט געפילט און באַמערקט דעם האָגל קוילן. דאָרטן האָט ער געפונען פאַטמאַן. זי איז געלעגן אויפן רוקן באַדעקט מיט בלוט — א פאַרוואונדעטע.

שמואל האָט אויף אים געוואַרט. צי האָט ער דען געהאַט אַ ברירה? מען קען דאָך נישט מפקיר זיין אַ חבר, ווען אַפילו ער איז

אַראָפּ פון זינען. און אַזוי איז אַלי אַרויף אויפן דזשיפּ, האַלדזנדיק פּאַטמאַ, און איר בלוט האָט געטריפט אויפן מאַשין־געווער.

*

אָט די מעשה האָט מנשקע מיר דערציילט. בדרך־כּלל גלייב איך אים נישט איבעריק — די פּראַקטיק האָט אונדז געלערנט, אַז מען דאַרף אַוועקוואַרפן פופציק פּראָצענט איידער מען גייט בודק זיין זיינע רייד.

נאָר אין דער מעשה איז געווען אַן איבערצייגנדיקער טאָן. צי האָב איך דען אַליין מיט מיינע אויגן נישט געזען די פאַרוואונדעטע צויג? און די אויסטערלישע אויגן, די אויגן פון דעם ריז מיטן מאָד־נעם טרויעריקן אויסדרוק פון אַן איינזאַמען מענטשן...

אין פאַרלויף פון דער „ג״ס״־אַקציע האָבן מיר געוואוינט אין אַן אַראַבישער ווילע נעבן זשאלדיא. מיר זענען געלעגן אין די גריבער, די פרייע צייט האָבן מיר פאַרבראַכט אין אויטאָבוס, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן פאַר אונדזער באַדאַרף, און שנעל זיך פאַרפונדעוועט אויפן פּלאַץ. עס האָט זיך אין אונדז דערוועקט דער היים־אינסטינקט, וואָס איז איינע פון די וואונדערלעכסטע איינגנשאַפטן פון דעם קעמפנדיקן זעלנער.

31־טער יולי, 1948. זשאָלדיא.

דעם זעלנערס היים

ווען דער קאַמף־זעלנער זאָגט „איך וואָלט שוין געוואָלט זיין אין דער היים״, קאָן מען נישט וויסן געוויי זיין מיין.

אויב ער געפינט זיך אין קאַמף — מיינט ער דאָך די קאַמף־באַזע, אַ גרוב פון צוויי מעטער אויף אַ האַלבן, געגראָבן אָן ווילד צרגעץ־וואו הינטער אַ בוים, מיט אַן אומזיסטער האָפנונג אויף אַ דערפרישנדיקן שאָטן. אויב ער געפינט זיך אין דער קאַמף־באַזע, מיינט ער דאָך זיין שטאַבישן קעמפּ. און אויב געפינט ער זיך אין קעמפּ, איז דער מיין זיין ריכטיקער היים — זיינע עלטערן, זיין וייב.

דאָס היים־געפיל איז טיף פאַרוואָרצלט אין מענטשנס האַרצן און עס שפּראָצט אין דיר אויף ביי צומיינסטנס מאָדנע סיטואַציעס.

אָט קומט אָן אַן איינהייט צום אָרגאַניזיר־פּונקט — אַ גרויס ברייט פעלד, באַוואַקסן מיט ביימער. דער קאָמאַנדיר טיילט אויס די־

פּלעצער פאַר יעדער כיתה: — פון דעם בוים צו יענעם — כיתה נומער 2, און אַזוי ווייטער. דער זעלנער לייגט אַוועק זיינע זאַכן, קוקט זיך אַרום דעם שטח, באַזוכט זיינע חברים — און ס'ציט אים שוין „אַ היים", צו דעם בוים, וואָס איז נישט אַנדערש פון הונדערט אַנדערע ביימער. דאָס איז די טבע פונעם מענטשן.

דאָס לעבן פון זעלנער איז אַן אומאויפהערלעכער גערא־נגל וועגן עפּעס, וואָס איז ענלעך צו אַ היים־אַטמאָספער, אין באַדינגונגען וואָס דערלויבן עס נישט. דער גרעסטער שונא פונעם מענטשן איז די אומבאַשטימטקייט, וואָס איז איינע פון די פונדאַמענטן פון מיליטער־לעבן. דו פּוצסט אויס דייךביידל און פירסט אין אים אריין די קלייניקייטן וואָס שאַפן אַ היים־אַטמאָספער — און אָט באַקומט מען דעם רוימונגס־באַפעל. דו וויקלסט צונויף דאָס ביידל און דער חלום צערינט.

פאַראַן אַזעלכע וואָס גיבן זיך אונטער זייער גורל. זיי באַנוגענען זיך מיט דעם, וואָס זיי האָבן זייער בעט, די זאַכן פאַרהאַקט אין זייער רוקזעק נעבן בעט, און יעדע רגע זענען זיי גרייט צו רירן. אָבער פאַראַן אַזעלכע וואָס פירן מלחמה — גרייטן זיך אָן אַ פיינעם צימער, הענגען אויס בילדער, „אָרגאַניזירן" אַ ראָגעזשע און אַ שטול. גייט מען איבער אויף אַ נייעם פּלאַץ, הייבט מען אָן אַלץ פונדאָסניי.

אין איבונגס־קעמפּ איז נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר אינדיווידועלע דערשיינונגען. די בעטן זענען געשטאַנען אין לאַנגע שורות, די זאַכן זענען געווען איינגעאָרדנט לויט אַ שטרענגע מעטאָדע אויף שטרויזעק — און דאָס איז געווען דיין היים. יעדן אינדערפרי פלעגט מען מאַכן אַ ציילונג אין באַראַק, פעסטצושטעלן, צי ס'האָט נישט עמעץ חס וחלילה צעשטערט דעם מאָנאָטאָנעם סדר. פון אַ היים־אַטמאָספער איז קיין זכר נישט געווען.

פאַרן ערשטן קאַמף זענען מיר געבראַכט געוואָרן אין אָרגאַניזיר־קעמפּ. 16 מענטשן און אַ מ. כ. זענען מיר געלעגן אין אַ ביידל און געבענקט צום איבונגס־קעמפּ. אָבער אויך דאָס איז געווען אַ גן־עדן אַנטקעגן „אונדזער היים" אין די ערשטע שלאַכטן פון „נחשון" און „מכבי" — די פאַרשאָלטענע „קאַנאַלן", וואָס זענען דאָס געווען אין רעגן־טעג און צום דערשטיקן אין דער זון, צו נידעריק דו זאָלסט קענען אין זיי זיצן און צו הייס זאָלסט קענען אין זיי ליגן, ווי האָבן מיר זיי געשאָלטן. די דאָזיקע קליינע ביידלעך!

נאָך דער „מכבי"־אַקציע איז געקומען אַ גרויסע ענדערונג אין אונדזער לעבן — מען האָט אונדז צוגעטיילט אַ סטאַבילע באַזע, פון

װעלכער מיר זענען אַרויס אין קאַמף, און נאָכן פאַרענדיק
אים — צוריקקומען. די זאַכן לאָזן מיר אין דער היים און צום קאַמף
בעמען מיר בלויז דעם מינימום און אַפילו װייניקער פון דעם.

מיר האָבן געהאַט מזל און אונדז איז געלונגען צו פאַרכאַפּ
װאוין־באַראַקן, װאָס זענען פריער געװען באַשטימט פאַר אָפיצירן
זעקס אין איין צימער האָבן מיר געװאוינט און באַלד האָט זיך אין
אונדז אַנטװיקלט דער היים־אינסטינקט מיטן גאַנצן פאַרנעם. פון
אַן אַמעריקאַנער זשורנאַל האָבן מיר אויסגעשניטן אַ פאַרביק בילד
פון אַ שיינער טענצערין און אויפגעהאַנגען עס אויף דער װאַנט. פון
אַן אַראַביש דאָרף האָבן מיר אַװעקגעשלעפּט צװיי גרויסע מאַפּעס
פון לאַנד, לויט װעלכע מיר האָבן געפּלאַנט די גאונישע סטראַטעגיעס.
מיר האָבן זיך צעלאָזט איבערן קעמפּ און ביינאַכט זענען מיר צוריק
מיט אַ גרויסן טיש, מיט אַ באַקװעמען פאָטעל און מיט צװיי בענק.
אַ גרויסע קאַלדרע האָט געדינט אַלס טישטוך. אַלטע קאָניאַק־
פלעשער מיט אָפּגעהאַקטע העלדזלעך האָבן געדינט אַלס פלאַקאַנען.
יעדן אינדערפרי פלעגט אַן אַנדערער האָבן דיזשור אויסצװואַשן
די דיל און ברענגען בלומען.

װען מיר פלעגן אין יענעם טאָג זיך אַ לאָז טאָן איבערן שטח
און זאָגן — אין קורצן װעלן מיר אַ היים קומען, זענען דאָס נישט
געװען קיין פוסטע װערטער. מיר האָבן געװאוסט, אַז עס װאַרט
אויף אונדז ממש אַ היים, װאו מיר װעלן קאָנען רוען און זיך פילן
װי מענטשן.

װען מען האָט געגרינדעט די קאָמאַנדאָ און מען האָט אונדז
צעטיילט אויף נייע אײנהייטן, איז זיך צעפאַלן דאָס בינטל, װאָס
האָט געװאוינט אין דעם פיינעם צימער. יעדער פון אונדז האָט מיט
זיך מיטגענומען אַ טייל פונעם געמיינזאַמען פאַרמעגן. מען האָט
אונדז געזאָגט, אַז די נייע אָרדענונג איז אַ צייטװייליקע און דעריבער
האָבן מיר נישט געזאָרגט צו באַפּוצן אונדזער נייעם װאוינאָרט.

אין איינעם אַ טאָג זענען מיר אַריבערגעפירט געװאָרן אין נייע
הייזער. דער פלאַץ איז אונדז נישט געפעלן געװאָרן. אָבער מיר
זענען מער נישט געװען קיין גרינע רעקרוטן, נאָר אַלטגעזעסענע
פראָנט־מייז. און אַזוי האָבן מיר געמאַכט אַן אינװאַזיע — מיין חבר
שלום כהן און איך — אין אַ קליין צימער אַריין. מיר האָבן „אָר־
גאַניזירט" דריי פאָטעלן און אַ טיש, מיר האָבן גענומען צװיי ראָ־
בעזשעס פון אַ דעראָבערטן אַראַבישן דאָרף, מיר האָבן אויפגעהאַנגען
דריי מאַפּעס אויף דער װאַנט, מיר האָבן איינגעאָרדנט אַ פּיין

שענקעלע פאַר ביכער וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן מיט דער צייט. און איצט ליגן מיר אין די בעטן אונטער די מאָסקיטאָרן און פייפן אויף דער וועלט. אונדזער איינציקער אונטערהאַלט איז צו וואַרטן אויף אַ „גרינעם“ חבר, וועלכער קומט אַריין אַזוי זיך אין צימער, קוקט זיך צו צום לוקסוס און צו די מאָפּעס. דערשטוינט, דערשראָקן און צעטומלט, בעט אַנטשולדיקונג און פאַרשווינדט, זייענדיק זיכער, אַז דאָ וואוינט לכל הפּחות דער קאָמאַנדיר פון דער חטיבה.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס האַלטן, אַז עס איז נייטיק צו דערדריקן דאָס אינדיווידועלע אין זעלנער, אַז מען דאַרף אים פאַרוואַנדלען אין אַ שרויף פון דער מאַשין. מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז אַ פאַרעלטערטער כלל, און אוודאי און אוודאי פּאַסט עס נישט דעם יידישן זעלנער. אַ זעלנער אין אַ פיינעם צימער איז מער צופרידענער, און אַזוי איז ער אויך אַ בעסערער זעלנער ביים קאַמף.

אין איינעם אַ פינצטערן אָוונט דערשיינט אין דער „ווילע“ ביי זשאַלדיא דער קאָמפּאָזיטאָר מ. זעירא. מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום אַ קליינעם ליכטל און זיך איינגעהערט צו די ווייכע קלאַנגען, וואָס זענען געקומען פון דער גאַרמאָשקע. אַ באַזונדערע אַטמאָספער האָט געהערשט אויפן פּלאַץ — די טונקלקייט, די קלאַנגען, די געשטאַלטן פון די חברים, די גרויסע פריינטשאַפט, וואָס האָט אַלע אַרומגענומען. און פּלוצים האָבן זיך אָנגעהויבן אין מיר צונויפצושטעלן ווערטער אין גראַמען און זאַצן אין פערזן. עס איז געבוירן געוואָרן דאָס ליד פון „שמשונס פיקסן“.

איך האָב די ווערטער פאַרצייכנט מיט אַ בלייפעדער אויף אַ שטיקל פּאַפּיר ביים ליכט פון די לאַמטערנס פון אַ דזשיפּ, וואָס איך האָב פון מאָל צו מאָל אָנגעצונדן. ווען איך האָב פאַרענדיקט דאָס ליד, האָב איך איבערגעגעבן דאָס צעטעלע זעיראַן. די אַטמאָספער פון פּלאַץ האָט זיך אויך איינגעקריצט אין האַרצן. אַזוי איז צום ליד געבוירן געוואָרן די מעלאָדיע — אַ מעלאָדיע פון דזשיפּן־גערויש, וואָיען פון פוקסן און קלאַנגען פון דער גרויסער נאַכט אין דער ברייטקייט פון דרום.

מיטער אויגוסט, 1948. זשאַלדיא.

דאָס ליד פון די פיקסן

פיר־זאַלבעפערט אין גאַלאָפּ אויפן דזשיפּ
און ס׳ליד פון האַרצן שיינט.
דער שטעג אויפן וועג ער זינגט און היפּט,
דער שטעג, וואָס פירט צום פיינט.

שמשונס פיקסן אַרויס אויפן טראַקט,
זיי טראָגן די פלאַם אין דער נאַכט.
פאַר ישׂראלס באַפרייאונג פון עזה ביז גת,
גייט ווידער אַן די שלאַכט.

שמשונס ליד, אַ דו מצרי, הער!
ער האָט די פּלשתּים דאָס לעבן פאַרזאָגט.
הער דעם גראַנאַט, הער דאָס געווער,
דעם טויט פאַר די שׂונאים עס טראָגט.

פיר־זאַלבעפערט צום קאַמף אַרויס,
עס זשומט די מאַשין און טרעלט.
ניי דאָס געווער, דאָס פייער ברויזט,
דאָס פייער — אַלט ווי די וועלט.

דורך אגב, אַ לענגערע צייט נאָכן אָנשרייבן דאָס ליד איז מיר אויפגעקומען אַ געדאַנק. צי האָט זיך עמעץ פאַרטראַכט איבער דעם, וואָס די פיקסן האָבן געפּילט ווען אַ ברענענדיקער פאַקל איז געווען אָנגעבינדן ביי זייערע עקן? און וואָס איז געווען זייער סוף? און מיר האָבן זיך גערופן „שמשונס פיקסן“....

די „גי״ס״־אַקציע האָט זיך דערנענטערט צום סוף. דער נגב איז געבליבן אָפּגעשניטן. אַ קליינע פאַר הונדערט קעמפער האָבן אים פאַרטיידיקט. עס איז נייטיק געווען מיטן לעבן זיי צושטעלן פּראָוויאַנט און אַמוניציע. דער חטיבה־שטאַב האָט די אויפגאַבע אַרויפגעלייגט אויף די דזשיפּן פון די פיקסן.

צום ערשטן מאָל זענען מיר אָנגעקומען אין נגב, פאַר וועלכן מיר האָבן געקעמפט אַ סך חדשים.

4־טער אויגוסט, 1948. גדודישער קעמפּ.

א טראנספּארט צום נגב

„אַ, ווי נמאס דאָס איז...“ האָט פּערדי רעגנשטרייף געזאָגט דענערווירט, און האָט אַוועקגעלייגט זיינע קאָרטן אויף דער ערד.

די פּלוגה האָט גערוט אין אַ גרויס איינזאַם אַראַביש הויז, אויפן וועג קיין זשאַלדיא, נאָענט צום שאָסיי פון קאַסטינע. מיר האָבן זיך באַשעפטיקט מיט נישט וויכטיקע אויסשפּירונגען און נאָכגעפאָלגט די אַקציעס פון דעם פוסגייער־מיליטער, וואָס האָט געפּרובט, אַז

הצלחה, אַרויסצורייסן אַ רינג פון די מצרישע פּאָזיציעס צווישן עיראַק-סואידאַן און עיראַק-אַל-מנשיה.

די טעג זענען געווען לאַנגע און אומטעטיקע. אַ פּאָר מאָל אין טאָג זענען איבער אונדז אַדורך עראָפּלאַנען און אונדז נישט אַנטפּלעקט. דער רוב פון די דזשיפּ-מענטשן פלעגן זיך פאַרשטעקן הינטער די ווײנשטאָקן און שפּילן „פּאָקער" אויף גרויסע געלטער, און די קאָמאַנדירן האָבן אָוועקגעקוקט פון דער עבירה אויפן באַפעל. עס איז שווער צו האַלטן די דזשיפּ-מענטשן אין אַ קאַמף-באַזע נישט באַשעפטיקט.

פּערדי האָט געהאַט אַ ספּעציעלע סיבה צו שעלטן דאָס לעבן — אַט איצט ערשט האָט ער פאַרשפּילט אַ היפּשע אַפּותיקא אין קאָרטן. אָבער פּאַקטיש איז אונדז אַלע נמאס געוואָרן דאָס לעבן. מיר האָבן געבענקט נאָך אַ גרויסער אַקציע, וואָס זאָל פאַרענדיקן אונדזער אויפגאַבע, אַזוי אַז מיר זאָלן קאָנען אַרויס אויף אַ ריכטיקן אורלויב אַ טאָג-צוויי, וואָס מיר האָבן נישט באַוויזן צו באַקומען אין די צוויי וואָכן פון זינט דער צווייטער איבעררייס איז אַרײַן אין קראַפט. און אויף מיר איז געלעגן דער אומעטיקער חוב מיטצוטיילן די קרובים פון יוחנן זילבערמאַן וועגן זײַן טויט.

„וואָלטן זיי אונדז כאָטש געגעבן וואָס צום טאָן", האָט פּערדי פאַרטגעזעצט זײַן מחשבה, אָבער אינצווישן האָט ראובן ווידער צעטיילט די קאָרטן, און פּערדי האָט זיך ווײַטער פאַרטאָן אין שפּיל.

*

איך בין אַרײַן אין „שטאָב"-צימער, וואָס האָט אַמאָל געדינט פאַר אַ קעסל-צימער. אריה שפּאַק, דער מ. פּ., חיים פאַלטוראַק, דער סערזשאַנט, און אייניקע פון די מ"ם-כ"פּס זענען געלעגן אויפן דיל אין פאַרשידענע פּאָזעס פון לאַנגווײַליקייט, און אומזיסט געפּרובט געפינען אינטערעסאַנטס אין אַלטע צײַטונגען. ביידע מרים'ס, מרים פײַנשטיין און מרים מילשטיין, סעקרעטאַרקעס פון דער פלוגה, וואָס פלעגן ווי געוויינלעך אַרײַנברענגען אַ ביסל לעבן אין דער אַטמאָספער פון שטאָב, האָבן געפּאַקט אַ „טרעמפּ" צו באָדן זיך אין קעמפּ, בעת מיר זענען שוין אַריבער דעם שטאַפּל, וואו דער מענטש פילט דעם שמוץ.

כ'האָב גענומען די צײַטונג פון דעם סערזשאַנט, וואָס האָט אײַנגעדרימלט און געפּרובט לייענען. אין דער צײַטונג איז קיין מלחמה נישט פאַראַן. צוויי פאַרטייען האָבן צווישן זיך איבער עפּעס געקריגט, וואָס איך האָב עס נישט געקענט באַגרײַפן. דער פוס-באַל

מעטש האָט אָנגערעגט. אַ געוויסער טעאַטער האָט אויפגעפירט אַ
נייעם ספעקטאַקל פון אַמעריקאַנער געזעלשאַפטס-שטייגער. אויפן
פראָנט איז פאַראַן — אַזוי זאָגט די צייטונג — אַן איבערראַש.
דער טעלעפאָן קלינגט. איך שטיי אַמנאַענסטן, הייב איך אויף
דאָס טרייבל, כאָטש ס'איז נישט מיין געשעפט.
„שמשונס פיקסן".
„גדודישער שטאַב. אריה איז פאַראַן ?"
„יאָ".
„גיב אים אַהער".
„דאָס איז וויכטיק?" פרעג איך. דער גדוד איז געוואוינט געווען
צו פאַרדרייען דעם קאָפּ פון צייט צו צייט.
„האָסט נאָך פראַגן?" ענטפערט דאָס קול מיט אַ שטעכיקער
קאַלטקייט. איך גיב־איבער דאָס טרייבל אריהן.
„אריה רעדט" הייבט אָן דער מ. פּ. מיט אַ פאַרשלאָפן קול.
אָבער פלוצים וועקט ער זיך אויף. אין אַ מינוט אַרום לייגט ער אַוועק
דאָס טרייבל.
„רוף אליעזרן" באַפעלט ער. אליעזר לאַסקי קאָמאַנדירט די
דזשיפּ־אָפּטיילן זייט דעם קאַמף וועגן בית־עפא. „ער פאָרט מיט
מיר צום גדוד־שטאַב... און די דזשיפּן זאָלן זיך גרייטן צו אַן אַקציע
די נאַכט".

*

„אַלזאָ, הערט אויס!" הייבט אָן אליעזר. ער איז צוריקגעקומען
פון גדוד־שטאַב, און זיין עטוואָס שעמעוודיק פּנים שיינט. מיר האָבן
געוואוסט, אַז עפּעס וואָס וועט פּאַסירן, און מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט
אַרום זיין דזשיפּ.
„די נאַכט פירן מיר אַריבער אַ פּראָוויאַנט־טראַנספּאָרט צום
נגב. פאַר זיי איז עס אַ זאַך פון לעבן און..." ער האָט אַ ווייל זיך
געקווענקלט, ווייל ער האָט נישט ליב געהאַט קיין פראַזן. „נו, דייעה
אַ וויכטיקער ענין. זיי האָבן נישט וואָס צום עסן און אַנצוטאָן. דער
טראַנספּאָרט וועט האָבן ביי 20 לאַסט־מאַשינען. מיר וועלן זיך
באַנוצן מיט אַ נייעם וועג און זיך דורכרייסן דורך די מצרישע ליניעס
צווישן עיראַק־אל־מנשיה און קוביבאַ. די דזשיפּן צעטיילן זיך אויף
צוויי טיילן — פיר אין אָנהויב פון טראַנספּאָרט און דריי צום סוף.
דער קאָנטאַקט צווישן אונדז וועט זיין מיט קליינע אַפּאַראַטלעך, און
צו דער באַזע מיט צוויי גרויסע אַפּאַראַטן. דער קאָמאַנדיר איבערן

טראַנספּאָרט, איז אַ מענטש פון פּלמ״ח. איך בין דער קאָמאַנדיר איבער די דזשיפּן״.

אליעזר רייסט איבער און שמייכלט. ער ווייסט, אַז איצט קומט דער עיקר.

„מיר גיבן־איבער די מאַשינען די נגב־חיות ביים טרעף־פּונקט אין צפון־זייט פון רוחמה. אויב אַלץ וועט אַדורך אין אָרדנונג קערן מיר זיך באַלד אום מיט דעם זעלבן וועג. מיר נעמען אונדזערע זאַכן פונדאַנען און מירן פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. מיר קערן זיך אום אין קעמפ אריין״.

*

די דזשיפּן גליטשן זיך אין דער פינצטער. מיר רעדן נישט. מיר טראַכטן פיל וועגן דער אַקציע. שוין אַ סך חדשים קעמפן מיר וועגן נגב, אָבער צום נגב אַליין האָבן מיר נישט דערלאַנגט. די דינע מצרישע ליניע צעשיידט דעם נגב פון „דרום־פראָנט״. די ליניע האַלטן מיר ביי דורכברעכן די דאָזיקע נאַכט.

מיר ווייסן פון דער פּראַקטיק, אַז עס איז בערך נישט שווער דורכצוגיין אין דער פינצטערניש צווישן צוויי פיינטלעכע מישלטים, אויב דו פאַרמאָגסט גענוג געוואַגטקייט. אָבער אַנדערש איז מיט אַ שווערן טראַנספּאָרט פון צענדליקער מאַשינען. צי איז דען מעגלעך, אַז די מצרים היטן נישט זייער שאָסיי, וואָס איז אַ לעבנס־אָדער און פאַרבינדט זייערע פּאָזיציעס פון מג׳דל ביז בית־גוברין?

דער דזשיפּ איז אַ ספּעציעל געווער. עס איז זייער לייכט אים צו טרעפן. זיין שוץ ליגט אין דער שנעלקייט פון באַוועגן זיך. אָבער דאָסמאָל וועלן מיר זיין צוגעשמידט צו שווער־באַוועגלעכע לאַסט־מאַשינען....

פונדעסטוועגן הייבט די אַקציע אונדזער גייסט. ווייניקע ווייסן ווי אָרעם עס איז אונדזער כוח אין דעם מאָמענט אין נגב. אין די שווערע טעג האָבן מיר געבראַכט שפּייז פאַר דעם באַלאַגערטן און הונגעריקן ירושלים. דאָסמאָל וועלן מיר ברענגען די וויכטיקסטע פּראָוויאַנטן פאַר חברים־קעמפער.

איך ווייס נישט צוליב וואָס איך דערמאָן זיך אַן אַלט ליד פון אלתרמאַן, וועגן אַ יונג מיידל מיט צעפּ אין אַ באַראַק, ערגעץ־וואו אין נגב, וואָס זי אַנטשיידעט די צוקונפט פון לאַנד. אויב מיר וועלן ־י באַכט אריין אין קאַמף און מיר וועלן נישט קענען צוריק מיט דעם זעלבן וועג, וועלן מיר אַ צייט בלייבן אין נגב. קען זיין, מיר וועלן זען דאָס מיידל מיט די שוואַרצע צעפּ.

ג׳סיר און גת בלייבן הינטער אונדז. אחיה, דער קאָמאַנדיר פון אונדזער אָפּטייל, אַ פּיינע סאַברע פון חולון, שאָפּירט אַליין. איך זיץ נעבן אים, ווי אַ פאָדערשטער אַרטעלעריסט. פון הינטער אונדז זיצט משה קימפּינסקי, דער ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט אונדזערער, מיט איין האַנט האַלט ער דאָס מאַשין־געווער און מיט דער צווייטער דאָס פּיסקל פון ראַדיאָ. אויפן דנאָ פון דזשיפּ וואַלגערן זיך טעשלעך, אַמוניציע־קעסטלעך, שטאָל־היטלעך און מאַפּעס, מיט דער ספּע־ציעלער נוצלעכער אומאָרדנונג, צו וועלכער מיר האָבן זיך צוגעוואוינט.

*

אַ שוואַרץ געשטאַלט דערשיינט פון דער פינצטערניש אַרויס און סיגנאַליזירט מיט אַ לעמפּל. אַ גדודישער פּאָליציאַנט. עס איז פאַראַן עפּעס־וואָס לעכערלעכס, ווען מען געפינט אַ מיליטערישן פּאָליציאַנט נאָענט צום פראָנט.

איך כאַפּ אַ בליק אַרום זיך און אויפן הימל. מיר געפינען זיך אין דרום זייט פון זייטאַ, ביי אַ 2 ק״מ פון מצרישן שאָסיי. דאָ דאַרפן מיר וואַרטן זיך צו טרעפן מיט די לאַסט־מאַשינען.

די דזשיפּן גייען אַראָפּ פונעם וועג און אויפן שטח אָרדענען זיי זיך אין אַ ריי, לויט זייער פּלאַץ אין טראַנספּאָרט.

מיר גייען אַראָפּ פון די מאַשינען. ווי פון זיך אַליין שאַפט זיך אַ מין קרייז אַרום איינעם פון די דזשיפּן. אין אָנפאַנג שעפּטשען מיר, דערנאָך רעדן מיר, און פּלוצים ברעכט אויס אַ געזאַנג — אַ ביסל אַ שרייעדיק געזאַנג, אַ נישט האַרמאָניש געזאַנג. אין אָנפאַנג אַלטע לידער פון אָנהייב מלחמה, אָבער ביסלעכווייז מאַכן זיי פּלאַץ פאַר נייע לידער — אַ מעקסיקאַנישן רומבאַ, אַ פראַנצויזישן טאַנגאָ, אַ דייטשן מיליטער־ליד, וואָס זיינע קלאַנגען זעען אויס מאָדנע אין מויל פון די דאַזיקע סאַברעס.

איך קוק זיך איין אין די פּנימער, וועלכע זעען אויס מטושטש אין דער טונקלקייט. זיי זענען ענלעך צו אַ באַנדע ים־רויבער, צעפּאַטלטע, אָנגעטאָן משונהדיקע צעקנייטשטע היטלעך אָדער פאַר־ביקע טיכער. זיי ווייסן, אַז נאָך אין אַ פּאָר מינוט אַרום גייען זיי אַרויס צו אַן אַקציע, וואָס האָט אַלע שאַנסן דורכצופאַלן, און אויב זי וועט דורכפאַלן, וועט נישט זיין קיין מעגלעכקייט פון אַ שנעלן צוריקצוג. אָבער זיי זענען זיכער אין זיך, אָביסל אַ שטאָלצע זיכער־קייט פון אַן איינהייט, וואָס האָט זוכה געווען צו פּאָפּולאַריטעט, און זיי זענען זיכער איינער אין אַנדערן. נישט רעדנדיק וועגן דעם ווייסן

זי אויך, אַז יעדער וועט אויספּילן זיין אויפגאַבע בשלמות; אַז קיינער וועט נישט פאַרלירן דאָס הערשן איבער זיך אין אַן עת צרה; אַז קיינמאָל וועט אין דער פלוגה נישט איבערבלייבן אַ פאַר־וואונדעטער אין פעלד. זיי ווייסן דאָס פון דער קאַמף־פּראַקטיק, מיט וועלכער יעדער פון זיי איז שוין געפּרובט געוואָרן.

שיינע מינוטן זענען דאָס, פון די שיינע מינוטן אין לעבן וועלכע מען פאַרגעסט נישט. כאָטש ס'איז אין זיי נישטאָ קיין שום אַקציע און טאַט, נאָר בלויז אַ פאַרבייגייענדיקע שטימונג, וואָס קריצט זיך איין אין האַרצן. אין דער לופט שוועבן אַרום מיסטישע כוואַליעס פון ליבע, פון פריינטשאַפט; פערזענלעכע באַשיידנקייט פון מענטשן, וועלכע זענען בטבע שטאַלצע, און וועלכע טוליען זיך איינער צום צווייטן אין שאָטן פון קאַמף; אַ הייפל מענטשן אינעם גרויסן פינצטערן, רוויקן רחבות.

*

אַ ביסל ווייטער, אַרום אַ בלאַסער פעלד־לאַמטערן, שטייען, זיצן און קניען די קאָמאַנדירן. דער אויסקונפט־אָפיציר און די אויס־שפּירער. אויף דער ערד ליגן מאַפּעס, לופט־פאָטאָס און צייכענונגען. מען דיסקוטירט אײנדערשטיל.

די־אַ פּאָזיציעס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן אַ זייגער 10 אין אָונט...״

„קאָן זיין, איר וועט דאָ טרעפן אַלטע מינעס...״

„...און די אויסשפּירער האָבן דאָ געפונען שפּורן...״

„וואָס וועלן מיר טאָן ווען דער שפּיץ וועט זיך דאָ אָנטרעפן אַן אַ פייער....״

„...וועט איר איבערלאָזן יעדע מאַשיק, וואָס וועט זיך פאַר־האַלטן...״

די פאָטאָ־בילדער גייען פון האַנט צו האַנט. אַ גרופּע העלע פונקטן דערוועקן פראַגן. די אויסשפּירער, וואָס האָבן באַזוכט דעם פּלאַץ, דערקלערן, דיסקוטירן צווישן זיך און פּרובן איבערצייגן איינער דעם צווייטן. די קאָמאַנדירן פונעם טראַנספּאָרט־שפּיץ און פונעם טראַנספּאָרט־סוף פּרובן אָפּצושמועסן צווישן זיך פאַרשידענע טאַקטישע קאָמבינאַציעס.

יעדער איינער וויל אין לעצטן מאָמענט כאַפּן דעם מאַקסימום ידיעות, דעם מאַקסימום זיכערקייט. אָבער אין האַרצן ווייסט יעדער

אײנער, אַז דאָס וועט זײַן אַ נסיעה איך דעם אומבאַקאַנטן, און אַז דעצידירן וועט דאָס מזל און דער צופאַל.

*

פון ערגעץ־וואו איז אויסגעוואַקסן דוד שני, דער סמג״ד. ער דערקענט מיך אין דער פינצטער און דערציילט, אַז ער האָט מיט־געבראַכט אַ פעקל פאָסט, וואו ס׳איז אויך פאַראַן אַ בריוו פאַר מיר. נאָך דער אַקציע וועל איך אים קומען נעמען.

כ׳האָב נישט קיין געדולד. איך גיי צו צו זײַן דזשיפ, זוך צווישן די פאַפירן און געפין מײַן בריוו. וואו איז דאָ ליכט? אין מײַן דזשיפ ברענט אַ קלײן רויט לעמפעלע פונעם טעלעגראַף־אַפּאַראַט. אַרום אים זענען פאַרזאַמלט די טעלעגראַפיסטן. איך עפן דעם בריוו און פרוב לייענען — אות ביי אות, וואָרט ביי וואָרט. די בריוו זענען געשריבן מיט אַ בלײַשטיפט. אַ גרוס פון דער היים. אַ גרוס פון אַ פריינדין, וואָס איך האָב זי שוין ביי אַ האַלב יאָר נישט געזען, און זי פאַרבעט מיך זי צו באַזוכן. איך שמייכל. וואָלט זי געוואוסט אין וואָסערע באַדינגונגען איך לייען איר בריוו, וואָלט זי אוודאי אַ הנאה געהאַט.

די ראַדיאָ־טעלעגראַפיסטן, אַן אָפּגעשלאָסענע אײנהייט פאַר זיך, פלאַפּלען אָן אויפהער. די טבע פון דער דאָזיקער קאַמף־ראַסע איז — נישט וויסן וואָס איז אַזוינס שווייגן. זיי פרובן אויס דעם אַפּאַראַט, פרובן אַ צווייט מאָל, פלאַפּלען מיט דעם מיידל אין דער באַזע, קאָנטראָלירן די רעזערווע־באַטעריעס. אָבער אויך זיי ווייסן, אַז אין אַ נויט קאָן דער אַפּאַראַט יאָ אַרבעטן אָדער נישט אַרבעטן, אַלץ לויט זײַן שטימונג.

צום סוף ווערן זיי אויך אַנטשוויגן. אַרום הערשט אַ שטילקייט. אויך די קאָמאַנדירן האָבן פאַרענדיקט זייערע וויכוחים. דעם פלאַן פון דער אָנגעשטרענקטער שטימונג האָט פאַרנומען די מידקייט. די פראָוויאַנט־מאַשינען האָבן עפּעס פאַרשפּעטיקט. זאָל זיי דער רוח נעמען! יעדער אײנער באַמיט זיך צו כאַפּן אַ פּאָר מינוט שלאָף פאַר דער אַקציע. די ראַדיאָ־טעלעגראַפיסטן האָבן פאַרכאַפּט די זיץ־פלעצער אויפן דזשיפּ. איך לייג זיך אַוועק פון אויבן אויפן מאָטאָר און דרימל איין.

*

עפּעס וועקט מיך אויף. אַ ווײַלע וואונדער איך זיך. דערנאָך אונטערשייד איך אַ דערשטיקט גערויש פון ווייטן, אַ זשומערײַ פון אַ סך מאָטאָרן. דער פראָוויאַנט־טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען.

באַלד וועקן זיך אַלע אויף. מען צינדט אָן די מאָטאָרן. מיט שנעלע באַוועגונגען שטעלט זיך אויס דער טראַנספּאָרט. איצט איז זויכטיק יעדע סעקונדע — מיר האָבן פּאַרשפּעטיקט מיט אַ צוויי שעה. אליעזר נעמט פיר דזשיפּן צום שפּיץ פון טראַנספּאָרט. מיין דזשיפּ און אַנדערע צוויי שליסן זיך אָן ביים סוף פונעם טראַנספּאָרט.

די שאָפערן זענען פּעסימיסטיש. די לאַסט-מאַשינען זענען אַלטע. די שאָפערן אַליין זענען ערשט איצט מאָביליזירט געוואָרן, און דער נאַכט-שפּאַציר, ווייזט אויס, געפעלט זיי נישט. קלאָר, מיר וועלן האָבן צרות.

די חברים וואָס בלייבן פון הינטן מאַכן מיט די הענט: „מיט הצלחה!"

מיר פאָרן.

*

איצט זענען מיר אַלע וואַך. דער טראַנספּאָרט דערנענטערט זיך צום מצרישן שאָסיי. מיר האָבן אַראָפּגענומען דעם צודעק פון די מאַשין-געווערן און אַנגעלאָדן די קוילן-בענדער.

די מצרים שיסן פון צייט צו צייט מיט פאַרביקע ראַקעטן. דאָס דויטע פון רעכטס איז עיראַק-אל-מנשיה. דאָס גרינע פון לינקס איז קובייבא. כל זמן זיי שיסן קאָן מען נישט בלאָנדזשען אין וועג. הלוואי זאָלן זיי ווייטער שיסן.

ביי די זייטן וועג זעט מען פינצטערע געשטאַלטן, וואָס מאַכן מיט די הענט. די פּלמ"ח-מענטשן האָבן פאַרנומען משלטים לענג־אויס דעם וועג ביז צום מצרישן שאָסיי. דער שפּאַס זאָגט, אַז זיי האָבן נישט געטראָפן צו די משלטים — זיי זענען געוואוינט צו קעמפן אין אַ בערג-געגנט, אָבער נישט אין פלאַכן נידער.

דער טראַנספּאָרט פאַרהאַלט זיך. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות מיט די שאָפערן. צוויי מאַשינען זענען שטעקן געבליבן אין אַ משופּעדיקן וואַדי. איצט שעלטן מיר אַלע. יעדע רגע פאַרקלענערט די אויסזיכטן זיך אומצוקערן נאָך די אייגענע נאַכט. און אויב מיר וועלן נישט צוריקקומען — ווער ווייסט ווען מיר וועלן זיך דורכרייסן צוריק אין צפון-זייט. און דער אורלויב ווינקט אויפן האָריזאָנט.

האַדאַד, פון אונדזערע בעסטע שאָפערן, איז צוגעגאַנגען צו דער מאַשין, טרייבט אַוועק דעם שאָפער און פּרובט זי באַוועגן. אומזיסט. זי וויל זיך נישט רירן.

דער ראַדיאָ אַרבעט. אחיה פרעגט דעם קאָמאַנדיר פון טראַנספּאָרט. מיר הערן, אַז יענער באַראַט זיך מיט דער באַזע. מיר קענען

דאָס קול — דער קאָמאַנדיר פון דער חטיבה אַליין געפינט זיך ביים אַפּאַראַט. בלויז איצט ערשט פילן מיר, ווי וויכטיק ס'איז די דאָזיקע אַקציע.

דער באַפעל איז איבערצולאָזן די מאַשינען און תיכף ווייטער פאָרן.

מיט אַן אויפרעגנדיקער לאַנגזאַמקייט גייט דער טראַנספּאָרט פאָרויס. דער דזשיפ־מענטש איז געוואוינט צו אַ בליץ־אַקציע, אַקציעס וואו ס'אַנטשיידן סעקונדן. די צוגעשמידקייט צו אַזעלכע פּרעהיסטאָרישע שווער־באַוועגלעכע באַשעפענישן רעגט־אויף.

אַ ליכטיקער פּאַס האַקט איבער דעם וועג. איז מעגלעך, אַז דאָס זאָל זיין דער מצרישער שאָסיי? יאָ. צוויי פלמ״חניקעס ווינקען אונדז ווייטער צו פאָרן. פוןביידע זייטן איז פאַראַן אַ צוים. דאָס איז דער לעצטער גרוס. פונדאַנען אָן זענען מיר זעלבשטענדיק.

*

די געשפּאַנטקייט שטייגט. אויב ס'וועט עפּעס פּאַסירן וועט עס דאָ פּאַסירן. דאָס איז שוין באָדן פונעם שונא.

קיין זאַך געשעט נישט. אין עיראַק־אל־מנשיה, וויניקער ווי אַ קילאָמעטער ווייט, שפּילן זיך נאָך די מצרים מיט זייערע רויטע ראַקעטן.

פּלוצים, אָן אַ פאָר־וואָרנונג, קומט פאָר אַ גרויסער אויפרייס פאַר אונדז. דער ערשטער געדאַנק — אַ שראַפּנעל. אינסטינקטיוו וואַרף איך אַראָפּ מיין היטל און טו אָן דאָס שטאָלענע. דאָס מאַשין־געווער איז גרייט. וואו איז דער שונא?

אַרום איז שטיל. אָבער דער טראַנספּאָרט שטייט.

אין אַ פּאָר סעקונדן אַרום פּלאַצט אונדזער געדולד. מיר דאַרפן זען וואָס איז געשען.

אחיה גייט אַראָפּ פון וועג און גייט פאָרויס לענג אויס דעם טראַנספּאָרט. נעבן אַ מאַשין זאַמלען זיך מענטשן. מיר דערנענטערן זיך צו זיי.

„שטיי! ריר זיך נישט! באַוועג זיך נישט!” שרייט אים ווער אָן. „געפינסט זיך אין מיטן אַ מינען־פעלד!”

דער דזשיפּ בלייבט שטיין. מיר רירן זיך נישט. אַ פּאָר בחורים פון דער טעכנישער אָפּטיילונג, וואָס איז מיטגעגעבן געוואָרן דעם טראַנספּאָרט, רייניקן אָפּ דעם שטח.

הייסט עס, אַ מינע. ווי משונהדיק איז דאָס לעבן. פיר דזשיפּן

און ביי אַ צען שווערע לאַסט־מאַשינען זענען אויף דעם פּלאַץ דורכ־געפאָרן און דווקא די מאַשין איז אַרויף און געטראָפן געוואָרן. דאָס איז די מלחמה.

„עמעץ איז געטראָפן געוואָרן?"

„צוויי זענען געהרגעט געוואָרן".

דער געביט איז אָפּגערייניקט געוואָרן. אחיה גייט אַראָפּ זיך באַראָטן מיטן קאָמאַנדיר. איך גיי אַראָפּ און גיי צו צו דער מאַשין. די צוויי ווערן אַריבערגעפירט צום אַמבולאַנס, וואָס געפינט זיך אין דער מיט פונעם טראַנספּאָרט. איינער פון זיי איז געזעסן אויפן פליגל צו ווייזן דעם שאָפער דעם וועג. ער איז צעריסן געוואָרן.

„העי חבר! קאָנסט אַ ווילע צוהעלפן?" דער קאָמאַנדיר פון דער טעכנישער אָפּטיילונג דערנענטערט זיך צו מיר.

„תפאַדאַל!" (ביטע!).

„גיי אַרויף אויף דער מאַשין צו זען צי פון אויבן איז פאַראַן עפּעס זויכטיקס, וואָס איז כדאי איבערצופירן".

אין דער מאַשין זענען דאָ גרויסע פּעקלעך קליידער, אַ ביסל פּראָוויאַנט און פיר קליינע מאָטאָרן. איך רוף די מענטשן אַרום און גיב־איבער די מאָטאָרן. די קליידער איז נישט כדאי איבערצופירן.

אחיה קומט צוריק מיטן פּלמ״חישן קאָמאַנדיר. דער קאָמאַנדיר זויל פאַרברענען די מאַשין. אַ ווײַלע כאַפּ איך נישט זיין כוונה. דער געדאַנק איבערראַשט מיך.

„פאַרברענען? מיר דאַרפן דאָך נאָך די נאַכט זיך צוריקקערן אויף דעם וועג! דו ווילסט געבן די מצרים אַ צייכן, זיי זאָלן קומען און פאַרלייגן אַ לויער?"

ער טראַכט נאָך אַ ווײַלע. ווייזט אויס, אַז ער האָט וועגן דעם נישט געקלערט, ווייל ער אַליין בלייבט אין נגב מיט די מאַשינען. און ווייל ער איז אַ פּלמ״חניק איז נישט פאַר זיין כבוד צו הערן אַ פשוטן זעלנער. ער בשליסט איבערצולאָזן די מאַשין און נישט אונטערצינדן זי.

דערווייל דערנערווירט מען זיך אין דער באַזע. דאָס קול פונעם אָפּעראַציע־אָפיציר באַפעלט תיכף ווייטער פאָרן. איינע נאָך דער אַנדערער גייען די שווערע מאַשינען אַראָפּ פונעם וועג, מיידן אויס דאָס מינען פעלד מיט אַ גרויסן אומקרייז.

מיר קערן זיך אום צו אונדזער פּלאַץ און דער טראַנספּאָרט גייט פאָר.

*

דערווייל הייבן אויך מיר זיך אָן צו דענערווירן. די טייערע צייט גייט פאַרביי. דער טראַנספּאָרט פאַרהאַלט זיך יעדע פּאָר שפּאַן.

צום סוף קומט אונדזער ריי. דער דזשיפּ פאַרהאַלט זיך.

איך קוק־אָן אחיה׳ן, ווי כ׳זאָל זיך פרייען אויף זיין דורכפאַל. איך ווייס וואָס ס׳האָט פּאַסירט.

אחיה האָט אַראָפּגענומען אַ באַנקע פון דער באַשעדיק־טער מאַשין, ער האָט געגעבן אַ שמעק צום בענזין און אָנגעפילט דעם טאַנק פון אונדזער דזשיפּ. ווייזט אויס, אַז אין דער באַנקע איז געווען וואַסער פאַרן ראַדיאַטאָר און פון דער באַנקע האָט זיך געשפּירט אַן אַלטער גערוך פון בענזין.

שעלטנדיק און באַטיילנדיק איינע די אַנדערע מיט קאָמפּלי־מענטן אין פאַרשידענע שפּראַכן טשעפּען מיר צו אונדזער דזשיפּ מיט אַ קייט צום דזשיפּ, וועלכן עס פירט ראובן האָבער. ראובן איז נישט קיין געניטער שאָפער. דאָס ערשטע מאָל האָט מען אים איצט בעגעבן צו שאָפירן. ווען ער הייבט אָן פאָרן, צעטרייסלט זיך אונדזער דזשיפּ מיט זיינע אַלע טיילן, און גיט אַ משוגענעם שפּרונג. איצט אויב ס׳וועט זיך צעשפּילן אַ קאַמף....

איך באַוויז נישט צו דערטראַכטן דעם געדאַנק ביזן סוף, פליען שוין די ערשטע קוילן. לויט אונדזער ציכענונג געפינט זיך דאָ פון לינקס, אויף אַ קליין בערגל, אַ לאַגער פון בעדואינער און פליטים.

לויט די קולות פאַרשטייען מיר, וואָס עס קומט פאָר אונדז. דער שפּיץ־אָפּטייל פון די דזשיפּן רייסט זיך דורך, גייט אַראָפּ פונעם חעג און באַשיט דעם שונא מיט פייער פון מאַשין־געווערן. אַלע אַכט געווערן אַרבעטן. דער שונא איז איינגעשטילט געוואָרן. הייסט עס, בלויז איינצעלנע ביקסן זענען עס געווען.

מיר זענען נישט אַריין אין אַ פייער־קאַמף, נאָר ווי עס ווייזט אויס, האָבן זיך די שאָפערן פון די לאַסט־מאַשינען דענערווירט. איצט פאָרן זיי מיט אַ גרויסער געשווינדיקייט, נישט איינהאַלטנדיק זיך. לויט די סימנים פון די ראַקעטן געפינען מיר זיך אויף דרום פון עיראַק־אל־מנשיה.

מיר פאָרן נאָך אַ שעה. דער טעמפּאָ איז קליין, ווייזט אויס, אַז נאָך מאַשינען זענען קאַליע געוואָרן.

לויט די שמועסן אין ראַדיאָ זענען מיר נאָענט צום ציל. דער ראַדיאָ פון דער נגב חטיבה איז אַריין אין דער נעץ. פון דער באַזע כּרעגט מען, וואו מיר געפינען זיך. דער פלמ״ח אין די משלטים.

אין צפון־זייט פון שאַסיי, פרעגט, צי ער קאָן פאַרלאָזן זיינע פּאָזיציעס און זיך צוריקציען.

*

דער ראַדיאָ פון דעם שפּיץ־אַפּטייל מעלדעט, אַז ער האָט זיך באַגעגנט מיט די מענטשן פון נגב. דער טראַנספּאָרט פאַרהאַלט זיך. אויך מיר פאָרן פאָרויס, צום שפּיץ פון דעם טראַנספּאָרט.

דאָרט וואַרטן אַ פּאָר קליינע טאַנקלעך. די קאָמאַנדירן באַראַטן זיך. דערווייל גייען אַראָפּ זייערע זעלנער און אונדזערע.

„שלום, חיה!"

„שלום, פוקס"

אַ שיינע באַגעגעניש אין מיטן מדבר. דאָס קאָמאַנדאָ־מיליטער פון נגב און שמשונס פיקסן, צוויי באַרימטע איינהייטן. אַ סך האָט איינער וועגן צווייטן געהערט, אָבער איצט איז דאָס ערשטע מאָל, זוי זיי האָבן זיך ממש באַגעגנט, אין אַ געמיינזאַמער אַקציע.

„וואָס הערט זיך אין ארץ־ישראל?" פרעגט אַ נגבער, אַ באַוואַקסענער מיט אַ באָרד.

„וואָס מאַכן אייערע בחורטעס?" ענטפערט אַ צעשויבערטער פוקס.

אַמאָל, אין די נחשון־טעג, האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט די דעראָבערער פון קאַסטעל, די הראל־מענטשן, וואָס זענען געקומען פון ירושלים — און צוויי אָרעמס פון אַ גרויסער אַקציע האָבן זיך פאַרייניקט. די איצטיקע באַגעגעניש איז ענלעך, זי וועט אָבער נישט לאַנג געדויערן. מיר וועלן צוריקפאָרן און דער נגב וועט בלייבן אָפּגעשניטן. ווען וועלן מיר זיך באַגעגענען אויף אַן אמת?

*

דערווייל איז ביי אונדז אויסגעבראָכן אַ וויכוח. ס'איז שווער צו באַשליסן — צי באַלד זיך אומקערן אָדער נישט? צוויי פון די אַבט דזשיפּן זענען אומפּעאיק געוואָרן, און ווערן געשלעפּט מיט אַ קייט. דער זייגער איז 4 אינדערפרי, און בלויז אַנדערטהאַלבן שעה זענען געבליבן ביז זון־אויפגאַנג. ס'קאָן זיין, אַז דער שונא האָט אַנטפּלעקט די אויפגעריסענע מאַשין, אָדער באַקומען אַ ידיעה פונעם בעדואינער־לאַגער, און צוגעגרייט פאַר אונדז אַ לויער.

אָבער פון דער צווייטער זייט, אויב מיר וועלן נישט באַלד צוריק, וועלן מיר בכלל נישט קענען צוריק מיט דעם וועג. מיר וועלן מוזן זוכן אַן אַנדערן וועג דורך די מצרישע ליניעס. ווער ווייסט ווי לאַנג מיר וועלן מוזן ליגן אין נגב? און דערווייל וועט אויסרינען אונדזער אורלויב.

מען פרעגט אָן אין דער באַזע. דאָרט גיט מען איבער דעם באַשלוס אליעזרן. עליעזר איז אַ מענטש פון דער הגנה, און אין אַזעלכע פאַלן באַראַט ער זיך מיט אַלע. עס שאַפן זיך צוויי לאַגערן. איך טענה, מען זאָל שוין צוריקפאָרן. עס וועט זיין אַ געוואַגטער טאַט, אָבער דווקא דערפאַר האָט עס אַלע שאַנסן מצליח צו זיין. די מיינונג זיגט.

מיר מעלדן וועגן דעם דער באַזע. פון דאָרט גיט מען אונדז איבער, אַז די פלמ״ח־מענטשן פון צפון־זייט פונעם שאַסיי האָבן שוין באַקומען די דערלויבעניש צו פאַרלאָזן די משלטים.

מיר קווענקלען זיך שוין נישט מער. איצט קאָן יעדע סעקונדע דעציִדירן. מיר פאָרן.

*

דאָסמאָל האָבן מיר הנאה פון דער נסיעה. מיר האָבן זיך באַפרייט פון די קריכנדיקע לאַסט־מאַשינען און מיר גייען פאָרויס מיט דער גאַנצער פאָרע. טיילמאָל, ווען ראובן פאַרקלענערט די שנעלקייט, ברענגט ער אונדזער דזשיפּ צום היפן. אונדזערע אברים זענען שוין צעקלאַפּט. מיר לאַכן און שעלטן.

פּלוצים האָט זיך אליעזר פאַרהאַלטן. מיר האָבן געבלאָנדזשעט אין וועג. צום טיוול. מיר קערן זיך אום און געפינען די פריערדיקע רעדער־סימנים. אין אַזאַ וויסטער מדבר קען מען לייכט בלאָנדזען. איך קוק אויפן זייגער — 50 מינוט פאַר זונאויפגאַנג.

„מאירקע״ דווידסאָן, דער חטיבהשער אָפּעראַציע־אָפיציר זיצט נאָך אַלץ ביים ראַדיאָ. ווייזט אויס, אַז דער שטאַב פון דער חטיבה שלאָפט נישט די נאַכט. ער איילט אונדז אונטער. בלויז שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דער מ. פ., דער מג״ד, דער קאָמאַנדיר פון דער חטיבה און זיין שטאַב האָבן זיך נישט גערירט פונעם אַפּאַראַט ביז דער לעצטער רגע.

מיט גאַלאָפּ לויפן מיר פאַרביי דעם בעדואינישן לאַגער. עס פּאַסירט גאָרנישט. ווייטער. אָט איז אַ שוואַרצער בלאָק אין דער פינצטערניש. די געשפּרענגטע מאַשין. מיר מיידן זי אויס אין אַ גרויסן בויגן. מיר האָבן זי איצט געוואָלט צעשטערן. עס איז קיין צייט נישטאָ. זי וועט אַריינפאַלן אין די מצרישע הענט.

ענדלעך באַווייזט זיך דער שאָסיי. אויך דאָ איז קיין לויער נישטאָ. צו אונדזער מזל האָבן די מצרים נישט ליב צו פאַרלאָזן ביינאַכט זייערע פּאָזיציעס. אַ משונהדיקע אייגנשאַפט פון אַ מיליטער, וואָס אויף אַנדערע געביטן איז עס נישט פון די שלעכטע.

דער ערשטער זילבער־שטרייף שפּאַרט אַרויס אויפן האָריזאָנט־ אָט זענען די צוויי מאַשינען וואָס האָבן זיך פאַרהאַלטן אין ווע-צעשטערן זיין נישט כדאי. ס'קען זיך, עס וועט נאָך צייט זיין זיי אַרויסצונעמען מיט דער הילף פון פּאַנצערס. מיר גייען אויף זיי אַרויף און מען נעמט אַרונטער וואָס עס איז נאָר מעגלעך, ביז אונדזערע דזשיפּן זעען שוין אויס ווי גאַלאַנטעריע געשעפטן, און ס'איז אַפילו שווער צוצוקומען צו די מאַשין־געווערן. אָבער ס'מאַכט נישט אויס. מיר זענען דאָ כמעט זיכער פון איבערראַשונגען.

מיטן טאָגליכט געפינען מיר זיך ווידער ביי זיטאָ. מיר קוקן זיך אָן — און לאַכן. אַלע זעען מיר אויס ווי מילנער, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין אַ הויפן מעל. דער דינער נגב־שטויב האָט אַלץ באַדעקט, מענטשן, מאַשין־געווער, דזשיפּן.

מיר הייבן אָן מיט געזאַנג. די געשפּאַנטקייט האָט נאָכגעלאָזט און איר פּלאַץ האָט פאַרנומען אַן איבערגעטריבענע ביסל היסטע־רישע פריילעכקייט. דערנענטערנדיק זיך צו גת זעען מיר דעם דזשיפּ פונעם מ. פּ., וואָס וואַרט אויף אונדז. מיר ווייסן, וואָס ער פילט אין דער סעקונדע — אַ ביסל שטאָלץ, און אַ סך פרייד. וואָס אונדזער פּלוגה איז צוריק אָן פאַרלוסטן.

דאָס געזאַנג הערט אויף און אַנשטאָט דעם הערט זיך אין די ברייטקייטן דער קאַמף־רוף פון די „פּיקסן" — אַ משונהדיקע ווילדע נאָכמאַכונג פון פּיקסן — „הי—הי—הי—הייייי! ה—הי—הי—הייייי!"

צוריקקומענדיק פון נגב האָבן איך באַקומען אַ 24־שעהדיקן אורלויב צו קענען מעלדן יוחנן זילבערמאַנס נאָענטע וועגן זיין טויט. עס איז נישט געווען קיין אָנגענעמע אויפגאַבע.

צום ערשטן מאָל בין איך געקומען אין אַ דירעקטן באַריר מיט די קרובים פון איינעם פון די געפאַלענע. דער באַריר האָט מיך דערשיטערט. און צום ערשטן מאָל האָב איך זיך געשטעלט די פראַגע — ווי דאַרף מען טרויערן אויף מלחמה־געפאַלענע? ווי וואָלט איך געוואָלט עס זאָלן נאָך מיר טרויערן מיינע קרובים און פריינט, אויב איך וועל מאָרגן שטאַרבן? צי מיט היסטעריע פון טרערן אָדער מיט שטרעבן צו געוויסע מאָראַלישע אידעאַלן?

אין דער אָנרעגונג פונעם מאָמענט האָב איך אָנגעשריבן עפּעס ווי אַ ליד, וואָס אין האַרצן האָב איך עס געווידמעט יוחנן.

5־טער אויגוסט, 1948, אין תל־אָביב אויף אורלויב.

א לעצטער בריוו

שוין שיינט אויף דער מאָרגן, פריינדין, באַלד וועט זיך צעדונערן
דער האַרמאַט.
ס'איז מיר צייט נישט געבליבן אַ סך, ווערטער אַ פּאָר אויף אַ צעטל
דיר צו שרייבן.
דאָס ליכט שוין עס שיינט, און מיט אים גענענט דער גאַסט,
דער נישט געוואונטשענער אײַנוואוינער אין מישלט אײַנקוואַרטירט —
דער ט ו י ט — — —

— — — אַ מאָדנע באַשעפעניש, דער טויט, צו ערשט האָט ער
אונדז דערשראָקן.
נאָר אײַנצווישן זיך צוגעוואוינט, צו זען זיין פּרצוף, זעט ער אונדז
אויס נאַטירלעך —
איך פריי זיך נישט אים אַנטקעגן, פריינדין; דו קושסט בעסער ווי ער.
נאָר גרייט בין איך יעדע מינוט אים צופעליק באַגעגענען.

צו דיר האָב איך איין בקשה, בלויז איינע — אויב איך וועל שטאַרבן
זאָלסט נישט וויינען!
טרערן האָב איך פיינט, פון אַלעמאָל, טרערן פון פרויאישע אויגן.
געדענק איך האָב ליב געהאַט לעבן,
לעבן, מיטן גאַנצן האַרץ און שטאַרק!
געדענק —
אין אַלץ וועט דאָס לעבן נאָך קוועלן,
אויך דאָס גראָז אויף מיין קבר וועט וואַקסן און זיין וועט עס
לעבעדיק, גרין.

פאַר לעבעדיקע געשענקט איז ס'לעבן געגעבן.
דעריבער לעב דו, אַ לעב.
לעב אויס דיין לעבן בשפע.
בלויז אַמאָל, אין יעניקע שעהן,
ווען פון פאַרגאַנגענע טעג וועלן זכרונות אַ שפּיל טאָן,
געדענק: —
אַז איך בין געווען,
אַז איך האָב באַגערט, זייער שטאַרק,
אין אָרדענונג זיין
ווי אַ זעלנער
און ווי אַ מענטש.

און אויב דו ווילסט דאָך אַ לעצט וואָרט פון מיר,
פון יענע ווערטער אין וועלכע מ׳קאָן אַמאָל דענקען:
פרוב, פריינדין, דערציען פולקאָמע מענטשן,
שיינע, איידעלע און פרייערע ווי מיר זענען געווען.
פרוב, ווירקן, ווי דו וועסט קענען, פאַר
אַ וועלט, וואָס זאָל אויפשטיין,
אַ וועלט, וואו דאָס קול פון שלאַכט וועט פאַרשטימען,
וואו די פרייהייט וועט געבוירן דאָס שיינע,
אַ וועלט, וואָס איר אַקס איז דער מענטש.

די פיקסן־פלוגה, איז נישט געלעגן אין די פאָדערשטע מישלטים, נאָר זי האָט געווירקט אין איינקלאַנג מיט איר ספּעציפישער אייגנשאַפט. מיר זענען געזעסן ביים גדודישן שטאַב, יעדן טאָג פלעגן מיר אַרויס אויף אויסשפּירונגען לענג־אויס דעם פראָנט, מיר האָבן אָפּגערייניקט דעם ברייטן הפקר־שטח פון צפון בית־גוברין, און זיך באַשעפטיקט מיט ספּעציעלע אַריינדרינגונגס־אַקציעס.

די צוויי וואָכן וואָס מיר האָבן אַזוי פאַרבראַכט איז געווען די גליקלעכסטע תקופה אין מיליטער. מיר האָבן געלעבט אַ פולשטענדיק פריי לעבן, געגעסן צו דער זאַט, אונדזערע קאַמף־אויפגאַבן זענען געווען לייכטע. צוזאַמען מיט צוויי חברים — שלום כהן און ישראל לעווערשאַוו — האָב איך געלעבט אַ קאָמונע־לעבן אין אַ מיזערנעם אַראַבישן הויז, וואָס מיר האָבן אויסגערייניקט און איינגעאָרדנט און עס גערופן „פּאַלאַץ“.

כ״טער אויגוסט, 1948, ג׳סיר.

געלעכטער אויפן פראָנט

מיר געפינען זיך אין מעטשעט פון ג׳אלדיה, פיר מענטשן פּוסט און פאַסט. נעבן אונדז דער טעלעפאָן, וועלכער פאַרבינדט די קאַמף־באַזעס.

אויפן פראָנט איז אַן איבעררייס. קיין קאַמף־מעלדונגען זענען נישט פאַראַן אָבער נעבן יעדן אַפּאַראַט זיצט אַ בחור אָדער אַ בחורטע — וואָס האָט נישט וואָס צו טאָן.

איך הייב אויף דאָס טרייבל.

„צי האָסטו אויף אַן אמת גרינע אויגן?“ פרעגט אַ מענלעך פאַרליבט קול.

„קוק אין טעלעפאָן אַריין“, ענטפערט אַ שפּאַסיק קול פון אַ מיידל.

„און וואָס איז מיט די האָר?“

„שוואַרץ ווי סאַזשע!“

„יאָ, ווי הייסטו?“

„איך הייס“, ענטפערט דאָס שפּאָסיקע קול, „יוכבד!“

„גלייב איר נישט“, מישט זיך אַריין אַ דריט קול אויף דער ליניע, „זי הייסט יהודית“.

„האַלאָ, קאַמף־שטאַב?“ לאָזט זיך הערן אַן אַנדער קול, „אַ דרינגענדער טעלעגראַם פאַר דיר... דו ביסט גרייט?“

„יאָ שיין“, איז צודרינגלעך דאָס פאַרליבטע קול, „האָסט שוין נישט וואָס צו טאָן? זעסט נישט, אַז מיר זענען באַשעפטיקט? שיק דעם טעלעגראַם אַן אַנדערש מאָל!“

„שפּאַנדאַו, וואַרט, וואַרט!“ שרייט אויף אים יוכבד־יהודית, „משלט X — גיב דעם טעלעגראַם!“

מיט אַ לאַנגווייליקן טאַקט ברומט דאָס קול אינהאַלטלאָזע נעמען: „בועז, וו, יונה, שמיר, אלף, עין...“

סתם אַ טעלעגראַם. ס׳האָט קיין טעם נישט זיך צוצוהערן. איך וואַרט אויפן „דירעקטן“.

„האַלאָ, קאַמף־שטאַב X“, זאָג איך מיט אַן אָפיציעלן קול וואָס קלינגט אויטאָריטעט: „גיב מיר ישׂראלן“.

„צי איז עס זייער דרינגנד?“ פרעגט אַ דערשראָקן קול פון אַ יונגיטשקער.

„אַ דרינגנדער טעלעגראַם“, זאָג איך.

„באַלד רוף איך אים — וואַרט!“

ישׂראלס קול. „האַלאָ — ווער איז דאָרט?“

„דאָ איז אורי. זע, איך דענק זיך היינט אָפּצוטראָגן קיין תל־אביב. האָסט וואָס איבערצוגעבן?“

„יאָ“, כאַפּט ער זיך אָן אָן דער מציאה. „גיי אַריין צו מיינע עלטערן און זאָג זיי, אַז איך בין אין אָרדנונג. און ווען דו ווילסט גיב אָפּ אַ גרוס שׂרהן....“

„אגב, ווער איז געווען דאָס מיידל, וואָס האָט געענטפערט אין טעלעפאָן?“

„וואָס? קענסט נישט חוה׳ן? כ׳לעבן, זיס געפערלעך, באַלד גיב איך זי דיר...“

אַ שאַבלאָן געשפּרעך פון אַ פלירט אין טעלעפאָן, מען פּרובט טרעפן דעם טיפּ, דאָס פּנים, דעם נאָמען. דאָס איז די הויפּטך

פאַרווײלונג פון די פאַרבינדלער אין דער קאַמף־באַזע — בעת ס׳קומט נישט פאָר קיין קאַמף.

אַ פערטל שעה רו. די אויפגאַבע מאַטערט.

אַ קלינג. איך הייב אויף דאָס טרייבל.

„האַלאָ, ווער איז דאָרט?" פרעגט אַ מענעריש קול.

„דאָ מא״ז ג׳אלדיה. דו ווילסט מיך אָדער דעם מוכתר?"

„ווער געפינט זיך דאָרט נאָך?"

„נעבן מיר דאָ איז דער קאָמאַנדיר פון קעמפ און דער קאָמאַנדיר פון גדוד איז אויף אורלויב."

אַ טעלעפאָנישער שמייכל. „צי קאָנסטו זינגען?" „זיכער. דו ווילסט אַ פּליטע פון עבדול וואהאב?"

„תּפּאַדאַל".

איך גיב איבער דעם אַפּאַראַט שלום כהנען. ער זינגט אַן אַראַביש ליד, און איך מאַך נאָך די שטערונגען און דאָס זשומען פונעם באַטעפאָן.

„ווער זינגט דאָרט אַזוי שיין?" האַקט איבער אַ קול פון אַ מיידל.

„מא״ז ג׳אלדיה", ענטפער איך איר.

„דו ביסט אַ שיינער בחור?"

„געפּערלעך. און דו?"

„נאָך מער געפערלעך".

די צייט גייט פאַרביי. עס קומט אַ צווייטער דזשיפּ אונדז איבערבייטן.

*

דאָס איז אַ זעלטענע געלעגנהייט צו פאַרשווינדן אויף אַ פּאָר שעה און אַ שפּרונג צו טאָן קיין תל־אביב. מיר האָבן געלאָפּירט אין שטאָט אַריין, איבערגעביטן די קליידער, מיר האָבן געגעסן אַ „סטאַטישן" מאַלצייט — און זיך אומגעקערט.

אין רחובות האָט אונדז פאַרהאַלטן אַ טרעמפּיסט. דאָס איז געווען אַ מושבניק, וואָס האָט זיך אַהיימגעקערט קיין באר־טוביה. מיר האָבן אים געמאַכט פּלאַץ און ער האָט געכאַפּט התפּעלות פון אונדזער גרויסער העפלעכקייט. ווייזט אויס, ער האָט אויך געוואָלט אָפּשאַצן דעם כבוד צו פאָרן אויף אַ קאַמף־דזשיפּ פון די פיקסן.

אין דער מאַנשאַפט פון דזשיפּ זענען מיר געווען פיר — פּערדי רעגנשטרייך, דער שאָפער, שלמה אַפּלבוים, דער כ. כ., אַ בלאָנדער רואיקער בחור; שלום כהן, אַ פעטינקער און אַ צופרידענער פון זיך, באַפּוצט מיט אַ ריזיקן וואָנס, און איך.

מיר זענען אָנגעקומען קיין גדרה. דאָרט האָבן מיר איינגעהאַלטן דעם דזשיפּ, אַראָפּגעגאַנגען און געגעסן עסקימאָ ביי א קיאָסק. גדרה איז געווען די גרעניץ פון דער באַוועצטער וועלט. פון דאַנען און ווייטער האָט זיך געצויגן „דער ווילדער דרום".

מיר האָבן זיך אומגעקערט צום דזשיפּ. נאָר איידער מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, האָבן מיר זיך באַשעפטיקט מיט בעווייסטע הכנות. פּערדי האָט פון אונטער זיין געזעס אַרויסגענומען א רויטע שמוציקע פּאַטשיילע און מיט איר אַרומגעבונדן זיין קאָפּ. שלמה קיפּל — זיינע אַרבל. שלום האָט אויסגעטאָן זיין העמד און איז געזעסן א נאַקעטער ביז צום גאַרטל. אַלע האָבן מיר אָנגעטאָן די ברילן. דער מושבניק האָט געקוקט אויף אונדז א פאַרוואונדעטער. ער האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט.

פּערדי האָט אָנגעצונדן די מאַשין און איז אַריין אין א היפּשער גיכקייט. נאָך גדרה זענען געווען גרויסע אַנטי־טאַנק שטערונגען. גרויסע לעכער אויסגעגראָבן אין שאָסיי. עמעץ האָט אויף זיי געזאָגט, אַז מ'דאַרף הונדערט מיט איין סעקונדע אַריבערצוקומען איבער זיי — הונדערט סעקונדן געלעכטער און איין סעקונדע פאָרן. אָבער פאַקטיש איז נישט מעגלעך געווען איבער זיי אריבער צו גיין, סיידן קריכנדיק. אוממעגלעך? ס'איז אוממעגלעך געווען פאַר א פשוטן מענטש. אָבער פאַר אונדזער פּערדין איז עס שוין אויף זיכער מעגלעך געווען. ער האָט נישט פאַרקלענערט די שנעלקייט. דער דזשיפּ פליט לינקס,דערנאָך רעכטס, און ווידער לינקס. מיר, די וואָס האָבן געקענט פּערדין און די שטערונגען, האָבן זיך גוט צוגעהאַלטן ביי די הענט און די פיס. דער מושבניק וועלכער האָט פּערדין נישט געקענט, איז צו ערשט אַרויפגעפאַלן אויפן מאַשין־געווער און דערנאָך האָט ער בכלל געוואָלט זיך אַראָפּקייקלען פונעם דזשיפּ. אין דער לעצטער סעקונדע האָב איך אים אָנגעכאַפּט ביים קאָלנער און צוריקגעשלעפּט אויף זיין פלאַץ.

נאָכן אויסבייג קיין חצור האָט זיך אָנגעהויבן דער אמתער תענוג — פּערדי האָט גענומען א „ספּיד". עס פאַרלאַנגט זיך איבונג, בדי צו זיצן אויף אַ קאַמף־מאַשין וואָס האָט נישט קיין הינטערשטע אַנלענס, ווען ער פליט מיט א שנעלקייט פון פופציק מייל א שעה. טאָרסטו זיך, למשל,נישט אָנהאַלטן אָן מאַשין־געווער, ווייל עס קאָן זיך אַ דריי טאָן אין זייט. מ'טאָר אויך נישט אָנהאַלטן זיך אָן איבערשטן טייל פון געשטעל, ווייל דאָס געווער קאָן דיר אָפּקלעמען די פינגער. צוליב דער זעלבער סיבה טאָרסטו דעם קאָפּ נישט דער־

בעטערן צום מאַשין־געווער. די גאַנצע תורה האָט דער מושבניק זיך אויסגעלערנט אין פאַרלויף פון אייניקע סעקונדן. איך בין נישט זיכער, צו ס׳איז אים געפעלן די לעקציע.

נאָכדעם, ווי דער שנעלקייט־ווייזער איז אַריבער דעם ציפער 60 האָבן מיר אָנגעהויבן אַריינגיין אין התלהבות. די התלהבות האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם קאַמף־געשריי פון די פּיקסן: הי — הי — הייי, הי — הי — הייי. דער מושבניק האָט זיך תחילת איבערגעשראָקן, זיינע אויגן, וועלכע זענען נישט געווען פאַרשטעלט מיט ברילן, האָבן איצט אָנגעהויבן טרערן, און איך צווייפל, צי ער האָט שוין עפעס געזען אַרום זיך.

נאָכן ציפער 70 איז געקומען די ריי פאַר שלומען. ער פלעגט האָבן די נטיה אַביסל משוגע צו ווערן ביי אַזאַ שנעלקייט. ער האָט געהאַט אַ פּריוואַטן רעוואָלווער, אַ נייסטן פאַראַבעלום (גלאַצט נישט מיט קיין אויג, דער מ. צ. האָט אים שוין געהאַט קאָנפיסקירט), ער האָט אים אַרויסגענומען פונעם פוטעראַל און אין דער פויזע צווישן איין געשריי און דעם צווייטן האָט ער געשאָסן אין דער לופט — אַ שאָס נאָכן צווייטן.

דערווייל האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, דערנענטערט זיך צום פראָנט, און אַזוי ווי דו ביסט נישט זיכער פאַר איבערראַשונגען, איז געקומען די צייט אויסצופּראָווון דאָס מאַשין־געווער. אַ קויל. אַ ק—נ—ו—י—ל.

אין מיטן די שפּילערייען זענען מיר אָנגעקומען צום שאָסיי קיין באר־טוביה. „איך גיי דאָ אַראָפּ“, האָט דער מושבניק געזאָגט. קוים וואָס מען הערט זיין קול אין כייפן פון ווינט. דער שנעלקייט־ווייזער האָט געוויזן 75 מייל. נאָך אַ צענטל סעקונדע איז דער דזשיפּ שטיין געבליבן. מיר זענען געווען דערצו גרייט. דער משובניק איז דערצו נישט גרייט געווען. ער איז אויפגעשפּרינגען פון זיין פּלאַץ, האָט אַרומגעהאַלדזט פערדין אויף אַ דראַמאַטישן אופן, ביידע קעפּ זענען געקומען אין אַן ענגער באַרירונג, אַ קלאַפּ געטאָן און ווידער זיך צעשיידט.

„ביטע“, האָט פערדי געזאָגט.

„אייגנטלעך האָב איך געוואָלט אַראָפּגיין נעבן יענעם הויז.“

„ווי דו ווילסט“, האָט פערדי מיט העפלעכקייט געזאָגט. „וואַרט אַ ווײַלע“.

„ניין אַ שיינעם דאַנק, איך גיי דאָ אַראָפּ“.

„אפשר דאָך?“ האָט אים פערדי איינגעלאַדן.

„ניין, באמת א שיינעם דאַנק“, האָט דער מושבניק געזאָגט און איז אַראָפּ.

דער איבעריקער וועג צו דער באַזע איז אונדז אַוועק מיט געלעכטער.

אָבער פון הינטערן געלעכטער פון פראָנט איז געשטאַנען אַן אומהומאַ־דיסטישע ווירקלעכקייט. מיר האָבן געוואוסט, אַז דער נגב איז געבליבן אָפּגעריסן און אַז די קאַמפן קאָנען יעדע רגע זיך באַנייען מיטן פולן כוח. אַז אונדזערע אַקציעס זענען בלויז געווען צוגרייטונגען צו די גרויסע קאַמפן. אין די נעכט פלעגן מיר אַרויס — פיר אָדער זעקס מענטשן, כדי צו קאָנטראָ־לירן דעם שונאס ליניעס. מיר האָבן אַריינגעדרונגען אין זייערע מישלטים, מיר האָבן אַנטפּלעקט זייערע עלעקטרישע דראָטן און האָבן צו זיי פאַרבינדן אונדזער טעלעפאָן. אַ פופציק מעטער פון אַ באַפעסטיקטן מצרישן מישלט, אַנטקעגן באַרטיאַ, האָבן מיר געקייקלט דראָטן־ראָלן און געמאַכט אַ גערודער, וואָס האָט געקאָנט מחים אויפוועקן. אָבער אַלע זענען מיר צוריק בשלום.

צווישן די אַקציעס האָבן מיר געהאַט גענוג צייט צו „באַטראַכטן“ די איינדרוקן פון די לעצטע קאַמפן. מיר זענען געזעסן אויף דער טעראַסע פון אונדזער „פּאַלאַץ“, וואָס קוקט אַרויס אויף דער הויפט־גאַס פון ג׳סיר, און געשמועסט, צום ערשטן מאָל, וועגן ערנסטע פּראָבלעמען — וועגן אונדזער שטעלונג צום הינטערלאַנד, וועגן דער מלחמה און וועגן אונדזער באַשעפטיקונג נאָכן באַפרייען זיך.

11־טער אויגוסט, 1948, ג׳סיר.

„נאכן קריג...“

„אויב כ׳וועל לעבן צום סוף פון דער מלחמה“ — זאָגט יעקב מאַלישקעוויטש, און אויף זיין צעאַקערט פּנים האָט זיך צעלייגט אַ זומער־חלום.

די אייביקע טענה פונעם קאַמף־זעלנער.

אַזוי זענען אַמאָל געזעסן רעמאַרקס מערב־פראָנט־זעלנער און זייערע שוץ־גריבער. אַזוי זענען געזעסן די מדבר־מייז פון דעם צווייטן וועלט־קריג. אַזוי זיצן מיר היינט אין אַ דרעקיש אַראַביש הויז אין אַ פאַרדוקט דאָרף אויפן דרום־פראָנט.

„אויב כ'וועל לעבן...“ יעקב אונטערשטרייכט זייער שטאַרק דעם „אויב“. ווי יעדער קאַמף־זעלנער איז ער זיכער, ערגיץ טיף אין האַרץ, אַז אים, דווקא אים וועט גאָרנישט פּאַסירן. אָבער דער מוח זאָגט אים, אַז די קאַמפן וועלן זיך באַנייען און זיינע אויסזיכטן צו בלייבן לעבן ביזן סוף קריג זענען אַ ביסל שוואַכלעכע.

איצט חלומען מיר אַלע. נאָך דער מלחמה, — שלום.

„ווער עס האָט מיט אייגענע אויגן געזען מלחמה און ווערט נישט קיין פּאַציפיסט, איז אַ משוגענער“ — זאָגט שלום.

„אָדער אַ סאַדיסט“ — גיט צו יעקב.

„ראשית כל דאַרפן מיר זיך אומקערן צום ציווילן לעבן“ — זאָג איך.

אַ טיפער שווייגן. יעדער איינער מאָלט זיך די זאַך — זיצן אין אַ דערשטיקנדיקן ביוראָ, אַרבעטן אין פאַבריק אַכט שעה אין טאָג, אַ מאָנאָטאָנע אַרבעט טאָג נאָך טאָג.

„דו ווייסט“ — קווענקלט זיך יעקב — „ עס וועט מיר שווער זיין זיך אומצוקערן סתם אַזוי“.

מיר ווייסן וואָס ער איז אויסן. אַלע פילן מיר דאָס זעלבע. מיר האָבן זיך צוגעוואוינט צו אַ געשפּאַנט לעבן, אַ מאָדנע פריי לעבן אין די קאַמף־באַזעס; אַ לעבן, וואָס איז געבויט אויף אַ פּאָר פּשוטע און נישט צעטרייסלבאַרע יסודות — פריינטשאַפט ביז טויט, אַ שטומע פריינטשאַפט, וואָס באַהאַלט זיך הינטער קליינלעכע קריגערייען; די קעגנזייטיקע אַכטונג פון זעלנער, וואָס האָבן אויסגעפּרובט איינער דעם צווייטן אין צענדליקער קאַמפן; די פערזענלעכע אָנשטענדיקייט פון מענטשן, וואָס זענען שטענדיק גרייט פרייוויליק זיך צו מעלדן צו אַ מסוכנדיקן דזשאָב, וואָס ווילן נישט שטאַרבן, זענען אָבער גרייט שטענדיק און צו יעדער צייט צו שטאַרבן. ווי אַזוי וועלן מיר פּלוצים איבערגיין צו אַזאַ פולשטענדיק אַנדערן לעבנס־שטייגער?

„צוויי טעג בין איך געווען אין תל־אביב און דאָס לעבן אין הינטערלאַנד האָט ביי מיר דערוועקט אַן עקל. צעפּוילטקייט, איבטריגעס, פּראָטעקציע... איך ווייס נישט, איך האָב אַ געפיל, אַז איך וועל זיך נישט קאָנען איינאָרדענען אין אַזאַ לעבן. ווען איך דערצייל זיי היינט, אַז איך געפין זיך אויפן פראָנט, חוזקן זיי פון מיר און זיי האַלטן מיך פאַר אַן אידיאָט. ווען איך וועל זיך מאָרגן אומקערן, וועט מען מיך „מסדר“ זיין אויף אַן אַרבעטס־פּלאַץ, אויף יעדן אָרט...“

„יאָ, ווען ס'וואָלט געווען אַ וועג אַפּצוהיטן די פּריינטשאַפט, וואָס האָט זיך דאָ געשאַפן...", חלום איך.

„איך גלויב נישט" — זאָגט שלום. „זי איז געשאַפן געוואָרן אויפן פראָנט, און זי וועט געבראָכן ווערן נאָך אַ האַלב יאָר אין שלום־צייט".

„כ'וואָלט געוואָלט אַרומרייזן אַ ביסל איבער דער וועלט, אַלץ זען..."

„מען קאָן נישט סתם אַנטלויפן" — פּרעדיק איך — „מען דאַרף זאָרגן, אַז די זאַכן, צוליב וועלכע מיר האָבן געקעמפט, זאָלן זיין אין אָרדענונג".

אָבער דער געדאַנק דרינגט אַריין אין האַרצן און רייצט. אַרומשפּאַצירן, אַרומדרייען זיך אָן אַ שום אחריות פאַר עפּעס וואָס.

„איך האָב נישט קיין געלט פאַר דעם", זאָגט יעקב. „ביי מיין טאַטן וועל איך נישט נעמען".

„ווער דאַרף געלט", זאָגט שלום. ער איז אַמאָל געווען אין בריטישן פלאָט און האָט זיך אַ ביסל אַרומגעדרייט אויף דער וועלט. „מען אַרבעט אויף אַ שיף, מען קומט צו אַ פּאָרט, למשל רוים, מען בלייבט איבער ביז עס לאָזט זיך אויס דאָס געלט, שטייגט מען אויף אויף אַן אַנדער שיף און מען דרייט זיך אַזוי אַ האַלב יאָר אָדער אַ יאָר..."

אַלע חלומען מיר. מיר זיצן אויפן דעק פון אַ שיף, מען קוקט זיך איין אין זונאונטערגאַנג, מען רויכערט אַ פּייפ און מען הערט זיך איין אין געברום פון די כוואַליעס. נישטאָ קיין האַרמאַטן, נישטאָ קיין טאַנקן, נישטאָ קיין עראָפּלאַנען. מיר זענען זיכער מיטן לעבן, אַלץ איז אין אָרדענונג.

„מיר וואָלטן געקענט אַ גאַנצע גרופּע חברים אַרויסגיין", גיט שלום צו. „מיר דאַרפן גאָרנישט. נישטאָ קיין עסן, וועט מען נישט עסן אַ פּאָר טעג... מילא, עס האָט דאָך אונדז שוין אַזוינס פּאַסירט. מיר וועלן נישט איבערבייטן קיין קליידער און שלאָפן וואו ס'לאָזט זיך".

„וועלן מיר דאָך דעמאָלט זיין אַוואַנטוריסטן", וואָרנט יעקב, „און דער וועג צוריק וועט אַ סך שווערער זיין".

„צום טייוול, דער וועג אויף צוריק", זאָגט שלום. „אויב מען וועט אונדז נישט געבן, וואָס עס געהערט אונדז, וועלן מיר נעמען. פאַרלאָז זיך אויף אונדז".

„בלויז אויב מיר אַלע וועלן זיין געאייניקט", זאָגט יעקב.

„ווייל פאַר וועמען וועלן מיר מורא האָבן? פון יענע, וועלכע דרייען זיך היינט אַרום אין הינטערלאַנד? מיר וועלן וואַרטן ביז זיי וועלן אונדז פּרעדיקן ציוניסטישקייט?“

יעקב טשאַטעוועט אויף אַ פליג. פלוצים גיט זיין האַנט אַ פּאַטש און די פליג ווערט צעדריקט. מיר האָבן זיך איינגעאיבט אין דעם כּאַך.

„מיר האָבן אַן אחריות“, זאָגט ווער. „וועלן מיר אַ ביסל רוען, אפשר וועלן מיר רייזן און דערנאָך זאָרגן פאַר די ענינים...“

„וואָס איז דאָ צו רעדן“, זאָגט שלום. „די מלחמה איז נישט צו ענדע“.

אַלע דערוואַכן מיר. קיינער פון אונדז גלייבט נישט, אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט. דער פראָנט איז צו נאָענט צו אונדז. און פון ווייטן הערן מיר פון מאָל צו מאָל די מצרישע שאָסן.

„אויב מיר וועלן בלייבן לעבן ביים סוף מלחמה...“, פאַרענדיקט יצקב. און אַלע ווייסן מיר, אַז דער „אויב“ פלאַטערט איבער אונדזערע קעפּ.

דווקא אין די „גליקלעכע“ ג׳סיר־טעג האָבן מיר מער ווי אין יעדער אַנדערער צייט געפילט די מלחמה־גרוילן. אונדזער הויפּט־אויפגאַבע איז געווען פאַרמיידן דאָס אַריבערגנבענען זיך פון די אַראַבישע בירגער אין געביט, וואָס איז פאַרנומען דורך אונדז. הונגעריקע אַראַבער פלעגן יעדן טאָג אַריבערגיין דעם הפקר־געביט פון דער ריכטונג בית־גוברין, עג׳ור און זכריה צו אונדזערע ליניעס אין קדמה, תל־א־צפי און כפר־מנחם. מיר האָבן געדאַרפט אַ סוף מאַכן צו דער באַוועגונג...

אַמאָל ביי אַן אויסשפּירונג האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן אין מישלט תל־א־צפי. און אָט האָבן מיר געזען צוויי אַראַבישע יינגלעך גייען אַרום צווישן דער פלוגה אויפן אַרט און באַדינען זי. דאָס זעלטענע בילד האָט זיך מיר איינגעקריצט אין האַרצן, וואָס איז שוין מיד געווען פון גרוילן. איך האָב אויפגעשטעלט אַ פּאַבולע און אָנגעשריבן אַ העכסט פּאַציפיסטישע דערציילונג.

13־טער אויגוסט, 1948, ג׳סיר.

א קליינער געפאנגענער

דעם שונאס ווידערשטאַנד איז געבראָכן געוואָרן, זיינע כוחות האָבן אָפּגעצויגן פון דאָרף און געשאָסן איצט אַן אומניצבאַר סייפער־פייער פון די בערג אַנטקעגן. פון מאָל צו מאָל פלעגסטו

הערן אַן איינצלנע קויל זשומט דיר ווי אַ פֿוילע בין הויך איבערן קאָפּ. זיי האָבן סתם געשאָסן, נישט אָפּמעסטנדיק די דיסטאַנס, נישט אויפֿהייבנדיק דעם ציל־מעסטער. עס איז שוין מער נישט געווען קיין זאָרג פֿאַר אַ קאָנטר־אַטאַקע.

די מענטשן האָבן זיך ביסלעכווייז צעלאָזט איבער די שמאָלע געסלעך זוכן געפֿאַנגענע, אַמוניציע און אָנדענקן. דער עיקר — נאָך אָנדענקען. זיי פֿלעגן נישט זוכן קיין ווערטפֿולע זאַכן און זיך באַגנוגנט מיט אַ קפּיה, אַ טאַרבוש, אַ ביסל קרעלן. דער שעדיקער, וואָס האָט זיך באַוויזן אַמאָל, האַלטנדיק אַ פּראַכטפֿולע נאַרגילע, איז צו יענער צייט געווען אַ שם־דבר.

אין ראָג פֿון פֿינצטערן געסל האָט זיך ראַפּי אָפּגעטיילט פֿון זיין גרופּע. ער האָט זיך געוואָלט אַ ביסל אָפּזינדערן. זיך אַליין האָט ער דאָס פֿאַרטייטשט מיטן באַדאַרף צו קאָנטראָלירן די פֿינצטערע געסלעך, וואָס די חברים פֿלעגן זיי דורכלאָזן. דווקא אין די געסלעך האָבן זיך זייער לייכט געקאָנט אויסבאַהאַלטן איינצעלע סנייפּער. אָבער אין האַרצן האָט ער געוואוסט, אַז דאָס איז בלויז אַ תּירוץ, און אַז פּאַקטיש האָט אים געשטויסן דאָס מאָל, ווי שטענדיק, דער פֿאַרשאָלטענער געמיש פֿון אַוואַנטוריזם און נייגעריקייט, וואָס לויט דער מיינונג פֿון די חברים וועט עס צום סוף זיין זיין אומגליק.

„אין כּראָנט טאָרסטו נישט זיין קיין אַוואַנטוריסט“, האָט מען אים געפּרעדיקטביים לעצטן מאָל, ווען ער האָט זיך פֿרייוויליק געמאָלדן צו אַ ספּעציעלן דזשאָב. „אין פֿראָנט דאַרפֿסטו זיין אַ כּורדי. סתם אַ כּורדי, פֿאַרשטייסט? באַקומסט אַ באַפֿעל — גיי. באַקומסט נישט קיין באַפֿעל — שטופּ נישט די נאָז“. און יאָסקע דער לץ האָט אַפֿילו צוגעגעבן: „אויב איך וועל שטאַרבן ביי אַ דזשאָב, מיט וועלכן איך האָב זיך נישט געדאַרפֿט באַשעפֿטיקן, וועל איך חרטה האָבן דאָס גאַנצע לעבן מיינס“.

נאָר, נישט אַלע האָבן פֿאַרמאָגט אַן איבערגעטריבענע מאָס באַהאַלטענעם אַוואַנטוריזם. וואָלטן זיי נישט ליב געהאַט באַהאַלטענערהייט דאָס לעבן אין שטענדיקער סכּנה, אַ ווילדע פֿריינטשאַפֿט און נייע איבערלעבענישן, וואָלטן זיי נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון.

נאָר פֿונדעסטוועגן, האָט ראַפּי געטראַכט, איז נישט כּדאַי געהרגעט צו ווערן צוליב לייכטזיניקייט. ווי פֿלעג יאָסקע זאָגן? אין אונדזערע צייטן האָסטו אַזויפֿיל מעגלעכקייטן צו שטאַרבן העלדיש, ביז ס׳האָט קיין טעם נישט צו שטאַרבן אַ נאַרישן טויט. אמת ויציב.

ער האָט אײַנגעלאָדן דעם סטען. ס'קאָן געמאָלט זײַן, אַז פֿון הינטער אַ טיר באַהאַלט זיך אַן אַראַבישער סנײַפּער, אָדער סתּם אַ פֿעלאַך, וואָס עס פֿאַרדריסט אים איבערצולאָזן זײַן היים, נישט טײַטנדיק אײַנעם פֿון די דעראָבערער. מאָדנע, ווי ווייניק ס'האָבן אויסגעקליבן דעם דאָזיקן וועג. דאָס איז די ירושה פֿון קנעכטשאַפֿט. קיינמאָל זײַנען זיי נישט געווען קיין פֿרײַע מענטשן. צופֿיל דורות זײַנען זיי געווען געפֿאַנגען צווישן פֿרעמדע.

צו אַלדע רוחות, האָט ראַפֿי צו זיך אַ ברום געטאָן, שטענדיק פֿלעגן אים באַפֿאַלן די דאָזיקע פֿילאָזאָפֿישע געדאַנקען ווען ער פֿלעג אַליין אַרומנישטערן אין די אַראַבישע דערפֿער. דאָס איז ממש געווען אַ קללה. אָט זײַנען די חברים — זיי זײַנען נישט געווען פֿאַרשאָלטן מיט צופֿיל מחשבות. דו טאָרסט נישט צופֿיל טראַכטן וועגן דער פֿינצטערער זײַט פֿון דער מלחמה, דאָס באַשווערט דיך בלויז. אָדער אפֿשר האָבן אויך די חברים געהאַט אַזעלכע געדאַנקען און האָבן נישט געוואָגט צו רעדן וועגן דעם, מורא האָבנדיק, אַז מען וועט זיי האַלטן פֿאַר פּחדנים? אַ גערעכטער פּחד אין ליכט פֿון דעם שטרעבן אויסצוזען ווי ווײַט מעגלעך וואָס ווילדער...

אַ טיר קלאַפּט הינטער אים. אין אַ סעקונדע אַרום איז ער געשטאַנען נעבן אַ קערפּער אײַנגעוויקלט אין שוואַרצן. בײַ אַ סעקונדע איז ער געווען ווי אַ געשולטע פֿעלד־חיה, וואָס ווירקט לויטן בלינדן אינסטינקט פֿון זעלבסטזײַן: ער האָט אָפּגעשפּרינגען אַז אַ זײַט, אויסגעדרייט זיך און געשאָסן בלויז מיט איין באַוועגונג. און אָט דער קערפּער.

דאָס בלוט, וואָס האָט זיך אין האַרצן פֿאַרהאַלטן האָט ווידער אַ שטראָם געטאָן. דאָס ערשטע געפֿיל איז געווען פֿון באַפֿרידיקונג און פֿון פֿרייד. די נאַטירלעכע רעאַגירונגען האָבן געווירקט. מען האָט זיך געקאָנט אויף זיי פֿאַרלאָזן — ווען מען וועט דאַרפֿן, וועלן זיי אים שטענדיק ראַטעווען. דאָס איז דער שכר פֿון אַ מענטשן, וואָס שטעלט זיך איין — דאָס געפֿיל, אַז ער איז אַרויס פֿון אַ סכנה. אַ פֿאַרשיכורנדיק געפֿיל, ווי אַלטער ווײַן.

אַ סכנה? וואָסער סכנה? ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין קערפּער, און איז אומעטיק געוואָרן. אַן אַלטע מאָגערע אַראַבקע. זי איז אוודאי איבערגעבליבן דאָ, ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין כּוח צו אַנטלויפֿן מיט די איבעריקע.

ווי אַזוי האָב איך געקאָנט וויסן, אַז ס'איז נישט אַ באַוואָפֿנטער שומר? אַ טאָט פֿון זעלבשוץ, נישט מער.

די אַלטיטשקע האָט זיך אין אים איינגעקוקט מיט האַלב־אָפענע אויגן. דאָס מויל איז געווען פאַרקרומט, ווי זי זאָל אָפּלאַכן פון זיינע נישטיקע התנצלותן. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פונעם אָרט, נאָר ער האָט נישט געקאָנט. עפעס האָט אים געצויגן, אים געצוואונגען אַריינצוגיין אין נידעריקן שמוציקן צימער.

ער האָט זיך אומגעקוקט. גלייך עס זאָל זיין דאָס ערשטע אַראַבישע צימער, וואָס ער האָט געזען אין לעבן. כמעט אַ לידיק צימער. אַ צעבראָכענער סערפּ, אַ הויפן שטרוי אין ווינקל, אַ שמוציקער צעריסענער שטרויזאַק, אַ שמוציק טעלערל, אַ ריזיקער שפּיגל האָט אים אויפגערעגט. פאַרוואָס געפינסטו אַזעלכעס אין יעדן אַראַבישן צימער? ראַפּי האָט זיך אין דער רגע נישט געוואָלט זען. דאָס געווער איז נאָך געווען אויסגעשטרעקט. ער האָט אויסגעשאָסן און צעקנאַקט דאָס גלאָז.

אויף דר׳ערד האָט זיך געוואַלגערט אַ רויט שנירל קרעלן. איצט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דאָס איז געווען איינע פון די סיבות צוליב וועלכער ער האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער חברה. ער האָט געוואָלט אַ שנירל קרעלן פאַר רינאַ׳ס וועגן. מיט אַ קינדישן שטאָלץ האָט זי אים געוויזן די קעפּי, וואָס זי האָט באַקומען פון משה׳ק, און פאַרלאַנגט פון אים אַ שנירל קרעלן. און ער, דער קאַמף־גיבור, האָט איר נישט געזאָגט, אַז משה האָט עס מן הסתם גענומען פון אַ געהרגעטן אָדער פון אַן אָרעמען פעלאַך, וואָס איז אַנטלאָפן. ער האָט געשוויגן און צוגעזאָגט.

ער האָט זיך איינגעקוקט אין שנירל קרעלן — דאָס איינציקע איבערבלייבעניש פון דער געהרגעטער. עס האָט אין אים דערוועקט אַן עקל. מיט אַ שטויס פונעם פיס האָט ער עס פאַרוואָרפן אין הויפן שטרוי אַריין.

*

קולות און גערודער האָט זיך געהערט אינדרויסן. מיט אַ שפרונג איז ראַפּי אַרויס. אויפן ראָג פון געסל האָבן אַ פּאָר חברים געהאַלטן אַן אַראַביש יינגל, וואָס האָט זיך מיטן גאַנצן כוח געראַנגלט מיט זיי אַ דערשראָקענער. געווען איז דאָס אַ יינגל אין עלטער פון 12 יאָר, אַ שוואַרץ האַריקער און אַ שוואַרץ אויגיקער. אַפילו אין מאָמענט פון פּחד איז זיין שמוציק פּנים שיין געווען. געווען אַפילו אין זיין אויסדרוק אַ ביסל שטאָלץ, וואָס איז געווען אין אַ מאָדנער סתירה צום צעטומלטן אויסדרוק פון די אויגן.

„וואָס ווילט איר פון אים?" האָט ראָפי געפרעגט.

„ער איז אַ שפּיאָן, זאָג איך אייך, סתם אַ דרעקישער שפּיאָן. ער האָט זיך באַהאַלטן אין אַ פינצטער ווינקל פון צימער און ביינאַכט געלעגט ער זיך אוודאי אָפּטראָגן צו די מצרישע ליניעס און זיי אויסגעבן אונדזערע פּאָזיציעס!"

„קאָנסט אים גאָרנישט טאָן", זאָגט ראָפי מיט אַ געמאַכטער רואיקייט. „האָסט געהערט וואָס ישראל האָט געזאָגט דאָס פאַריקע מאָל — ער וועט דעם טויט מאַכן דעם, וואָס וועט אָנרירן די געפאַנגענע. מען דאַרף אים פירן צו אים".

ביי דער אויספאָרשונג האָט דאָס יינגל גאָרנישט געזאָגט. ער האָט נישט פאַרלאָזט דאָס דאָרף, ווייל ס׳איז זיין דאָרף. איינפאַך — מיינס. ישראל, וואָס האָט אים געפאָרשט אין אַ צעבראָכענעם אַראַביש, האָט אויף אים געקוקט אַ פאַרוואונדערטער. אַזאַ פּשוטע טענה האָט ער קיינמאָל נישט געהערט פון אַן אַראַבישן געפאַנגענעם.

„וואָס טאָן מיט אים?" פרעגט ער. דאָס איז געווען איינע פון ישראלס באַליבטע געגנ, זיך צו באַראָטן מיט זיינע מענטשן, גלייך עס וואָלט נאָך געווען אין די צייטן פון „הגנה". „לויט מיין מיינונג דאַרף מען אים אָפּלאָזן, ער זאָל זיך אָנשליסן אָן די איבעריקע פּליטים. אַפילו ער איז איבערגעבליבן צו שפּיאָנירן, וועט ער אין דעם מאָמענט נישט קענען איבערגעבן די מצרים קיין שום זאַך, וואָס זיי ווייסן נישט".

דאָס יינגל, וועלכער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס עס טוט זיך, האָט זיך איינגעקוקט מיט זיינע צעשראָקענע אויגן אינעם בינטל צעשויבערטע און באַבערדיקטע זעלנער. „דאָס איז מיין דאָרף!" האָט ער געשעפּטשעט אויף אַראַביש. „מיינס! מיינס!"

ראָפי האָט זיך אין אים איינגעקוקט. אין מויל האָט ער נאָך געהאַט דעם ביטערן טעם פון פריער. דאָס יינגל איז אים געפעלן געוואָרן. ס׳קען זיין, ער איז אַ יתום. אויב ער וועט זיך אָנשליסן אָן די איבעריקע פּליטים, וועט ער הונגערן ווי זיי. האָט אים אויפגעבליצט אַ געדאַנק.

„אפשר וועלן מיר אים איבערלאָזן ביי אונדז?" האָט ער פאָרגעשלאָגן.

די חברים האָבן אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם. אַ זאַך וואָס לייגט זיך אויפן שכל נאָך אַ קאַמף. „וואָס הייסט איבערלאָזן אים דאָ? וואָס וועלן מיר מיט אים מאַכן? אַז יעדע מינוט וועט ער קענען אַנטלויפן צום שונא און איבערגעבן ידיעות?"

ראַפּי האָט געפּרוווט איבערצייגן: „דער גאַנצער ענין פון
שפּיאָנאַזש איז אַ שטות. סתם אַ משוגענער געדאַנק, וואָס איז אייך
אַריין אין קאָפּ. און אויב דאָס ייִנגל וועט דאָ פאַרבלייבן“, סוף־סוף
האָט ער געטראָפן דעם איבערצייגנדיקן מאָטיוו, „וועט ער אונדז דאָך
קענען באַדינען, ברענגען עסן, רייניקן די כלים און בכלל פאַרלייכטערן
אונדז דאָס לעבן. נאָך וואָס שיקן אים באַדינען די מצרים?“

„ס'איז אַ געדאַנק!“, האָט שמוליק געזאָגט, און מיט דעם האָט
זיך אָנגעהויבן דער אַלגעמיינער וויכוח. שנעל האָט זיך געשאַפן אַן
אַנטי־חאַסאַן פּאַרטיי און אַ פּראָ־חאַסאַן פּאַרטיי (חאַסאַן האָט געהייסן
דאָס ייִנגל, אויב ער האָט נישט גענאַרט ביי דער אויספאָרשונג). און
דאָס אויסטערלישע איז געווען, אַז דווקא די ווילדע אין דער פּלוגה
האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו דער פּראָ־פּאַרטיי. און מיט דעם איז גע־
ענדיקט געוואָרן דער וויכוח. חאַסאַן איז פאַרבליבן.

*

דאָס דאָרף ליגט אויף אַ בערגל וואָס האָט אַ מאָדנעם געבוי.
איינס פון די בערגלעך, וואָס באַפּוצן דעם דרום פון לאַנד, אונטער־
וועלכע עס זענען פאַרשיט די אַלטע שטעט פון ישראל און פּלישתים.
די מערסטע שטיבער זענען געבויט אויפן שיפּוע פון בערגל. אויף
זיין שפּיץ, וואו עס דערמעגלעכט אַ גוטע אויסזיכט אויף דער גאַנצער
סביבה, זענען געווען אַ פּאָר צעשטערטע בנינים פון עלטערע צייטן.
צופּיסנס, נעבן דעם ברונעם און נעבן וועלדל, זענען לעצטנס אויפגע־
בויט געוואָרן אַ פּאָר נייע בנינים, וואָס האָבן, ווי ס'ווייזט אויס, גע־
הערט צו רייכערע פּויערים.

דער שטאַב פון דער פּלוגה האָט זיך איינקוואַרטירט, ווי זייך
שטייגער, אין די שענערע הייזער ביים ברונעם. נעבן שטאַב זענען
געבליבן די קוך, דער וואַנדערנדיקער טוש, די קאַנטין און די ערשטע
אָפּטיילונג. די אַנדערע צוויי אָפּטיילן האָבן זיך איינקוואַרטירט אויפן
שפּיץ בערגל און זייערע מענטשן האָבן זיך געביטן ביי די אָבסער־
וואַציעס.

חאַסאַנס הויפּט־באַשעפטיקונג איז געווען אַרויפצוברענגען די
מאָלצייטן פון קיך. אַלע זענען פון אים צופרידן געווען. ער פלעג
אויבן דערשיינען דריי מאָל אין טאָג, רייטנדיק אויף זיין ווייס אייזעלע,
וועלכער טראָגט די כלים. אין דער צווישנצייט פלעג ער רייניקן די
כלים, אויסוואַשן דעם טוש (כאָטש אַליין פלעג ער זיך מיט דעם
באַנוצן זייער זעלטן), פּוצן די שיך און דעסגלייכן.

כאָטש ער האָט אַלעמען באַדינט, האָט ער פאַרמאָגט אַ נאַטירלעכן

שטאָלץ, וואָס האָט יעדן געוויילט. קיינמאָל האָט ער זיך נישט אָפּ־געזאָגט צו פאָלגן, נאָר ער פלעג עס מאַכן מיט אַ מין מאָדנעם שטאָלץ, זוי אַ בן־בית, וואָס טוט אַ פּריוואַטע טובה זיינע געסט, מקיים זיין די מצוה פון הכנסת אורחים.

מיט דער צייט האָבן אַלע אים גענומען צערטלען. ספּעציעל האָבן זיך אין דעם אויסגעצייכנט די „ווילדע". זיי פלעגן אים קויפן שאָקאָלאַד אין אָרטיקן קליינעם קאַנטין און האָבן אים אויך אויסגע־לערנט רייכערן. די „געזעצטע" האָבן געטענהט, אַז ער איז געווען אַ מין „אַפּלייזער" פאַר די ווילדע, אַ מין היילונג פאַר זייער געוויסן. אָבער אויך זיי האָבן אים נישט ווייניק געצערטלט.

חאַסאַן האָט פון זיי גענומען די שאָקאָלאַד מיט אַ שטאָלץ פון אַ מלך, וואָס דערנידעריקט זיך, ווי ער פלעג זיי באַדינען. מיט קיינעם האָט ער זיך נישט באַפריינדעט, אויסער מיט ראַפּין. ראַפּין פלעג ער באַרערן ווי אַ קנעכט זיין האַר. ער פלעג פוצן זיינע שיך און וואַשן זיינע קליידער אָן אַ באַפעל, גלייך ער זאָל האָבן אַ פּריוואַטע הנאה פון דעם, אַז זיין „האַר" זאָל זיין ריין און אויסגעפוצט. דער פאַקט, וואָס ראַפּי איז מער נישט געווען ווי אַ פּשוטער זעלנער, האָט נישט געמינערט די פאַרערונג צו אים. און כאָטש די חברים האָבן געלאַכט אויפן חשבון פון ראַפּי מיט זיין קנעכט, האָבן זיי זיך מיט דער צייט צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז חאַסאַן געהער ראַפּין, גלייך ווי נעראַ, דאָס הינטל, געהער צו משהן.

*

סוף זומער איז די אידיליע אויף דעם פּלאַץ צעשטערט געוואָרן. צוערשט האָבן זיך באַוויזן די דזשיפּן. כמעט יעדן טאָג האָט מען זיי געזען אַרומנישטערן אין דער סביבה. דערקוטשען די דערפער אין הפקר־געביט און בודק זיין דעם כוח פון שונא. נאָך זיי זענען געקומען אויסשפּירער, אָפיצירן פון חטיבה־שטאַב און נאָך מענטשן, וואָס זייער קומען זאָגט אָן, ווי געוויינלעך, אַז עפּעס דאַרף פאַסירן אין אַ געוויסן אָפּשניט פון פראָנט.

צום סוף זענען באַקאַנט געוואָרן די איינצלהייטן פון דעם אָפּעראַציע־באַפעל. נאָך צוויי טעג וועלן צוויי גדודים אַטאַקירן און אָפּרייניקן דעם געביט ביז צו די בערג־קייטן.

אינדערפרי זענען געקומען די דזשיפּן, און ביי דער קאַנטין האָט זיך אַנטוויקלט אַן אַלגעמיינער וויכוח וועגן די פּרטים פון דער באַוואָרנטער אַקציע. ווי אַלע פוסגייער האָבן די מענטשן פון דער פלוגה זיך באַצויגן צו די דזשיפּ־מענטשן מיט קנאה געמישט מיט ליבע.

אזאַ אַרט קעמפן, אויף גאַלאָפּירנדיקע מאַשינען, נישט דאַרפנדיק טראָגן אַ לאַסט אויפן רוקן און באַמיען די פיס, האָט געמאַניעט אַ סך פון זיי.

„די מצרים ווייסן נאָך דערוויי‍ל גאָרנישט", האָט געזאָגט ראובקע. דער דזשיפּ־שאָפער, וואָס טראָגט אַ רויטן קאָפּ־טוך אָנשטאָט אַ היטל. „מיר זענען איצט געווען אין אַג׳יה, און די פעלאַכן זענען אַנטלאָפן נאָך די ערשטע פּאָר סאַלוועס. עס איז אַפילו נישט געווען קיין מצריש־זאַך־מיליטער אויפן אָרט. איך זאָג אייך, דאָסמאָל וועט עס גיין ווי אויף פּוטער". און כדי אויסצודריקן זיין פולשטענדיקע צופרידנקייט מיט אַ באַזונדערער באַטאָנונג, האָט ער חאַסאַנען געגעבן אַ בכבודיק שטיקל פון זיין שאָקאָלאַד.

„אויב איר וועט נישט אויפהערן אַרומוואַנדערן איך הפקר־פּעליזעם מען אָנהייבן עפּעס צו דערשמעקן" — האָט משה אונטערגעברומט. די זעלבזיכערקייט פון די דזשיפּ־מענטשן האָט אים אויפגערעגט.

„פאַרלאָז זיך אויף אונדז", האָט ראובקע געלאַכט. „זיי מיינען אַז עס איז סתם דערקוטשען..."

*

„וואָס קומט דאָ פאָר? וואו איז דאָס עסן?" געוועזן איז עס דאָס הייזעריקע קול פון יאַנעקן, דעם קאָמאַנדיר פונעם צווייטן אָפּטייל אויפן שפּיץ בערגל.

„נודיע נישט! וועסט באַקומען!", האָט ישראל דרך־אגב אַ זאָג געטאָן, אַוועקלייגנדיק דאָס טרייבל אויף זיין פּלאַץ. ער איז געווען באַשעפטיקט מיטן פאַרדייען דעם אַפּעראַציע־באַפעל. „הער דודיק", שרייט ער אינדרויסן, „זאָג חאַסאַנען, ער זאָל צוזיילן אַרויפברענגען דאָס עסן".

אין אַ פּאָר סעקונדן אַרום האָט דודיק אַריינגעשטופּט דעם קאָפּ דורך דער טיר.

„שטער נישט", שעפּטשעט ישראל. „זעסט דאָך, אַז איך בין באַשעפטיקט!"

„חאַסאַן איז נישטאָ!" — האָט דודיק געמאָלדן.

„אפשר זאָל איך אים גיין זוכן?", פרעגט ישראל מיט אַ בייסיקער איראָניע. „גיי אין קיך אַריין אָדער אין קאַנטין וועסטו אים געפינען. אויבן איז מען הונגעריק".

דודיק האָט זיך נישט גערירט. „כ׳האָב איבעראַל געזוכט. חאַסאַן

איז פאַרשוואונדן. אויך משיח איז נישטאָ". "משיח" איז דער ווייסער אייזל.

דאַסמאָל האָט זיך ישראל דערוועקט. "רוף ראַפּין. שנעל. און זאָג משהן ער זאָל אָנגרייטן אַ דזשיפּ".

ראַפּי איז בלאַס געווען. דודיק האָט אים שוין איבערגעגעבן.

"ווען האָסטו אים געזען צולעצט?" האָט ישראל געפרעגט. זיין שטענדיק פאַרשלאָפן קול איז איצט געווען שאַרף און געמאָסטן, ווי זיין שטייגער בעתן קאַמף.

"איך ווייס נישט... צוריק מיט דריי שעה איז ער געווען אין קאַנטין... וואָס ווילסטו טאָן?"

"וואָס קאָן מען טאָן? איך וועל אים נאָכלויפן מיטן דזשיפּ!"

ראַפּי האָט זיך אַ ווײַלע געקווענקלט. "ישראל, נעם אויך מיך מיט!"

ישראל האָט אים אָנגעקוקט. אין זיינע אויגן איז געווען עפּעס ענלעכס צו רחמים. "הער חבוב", האָט ער געזאָגט מיט אַן אומגעוויינלעכער ווייכקייט, "ליבער זאָלסטו בלייבן דאָ. אין פראַנט טאָר מען זיך נישט באַפריינדן, דאָס פאַרשאַפט בלויז צרות. ספּעציעל ווען ס'איז אַן אַראַביש יינגל. דאָס איז געווען אַ משוגענער געדאַנק באַלד פון אָנהייב. כ'האָב עס נישט געדאַרפט דערלויבן. איצט קאָן עס קאָסטן דאָס לעבן פון חברים... אויב איך וועל אים טרעפן צו נאָענט צו די מצרישע ליניעס, וועל איך דאַרפן אים שיסן פון ווייטן". ישראל איז געווען אַ באַרימטער סנייפּער אין דער חטיבה.

"פונדעסטוועגן..", האָט זיך ראַפּי געבעטן.

"תּאַדאל. אָבער געדענק, כ'האָב דיך געוואָרנט. דו ביסט צופיל סענטימענטאַל פאַר אַזעלכע זאַכן".

*

ווען זיי זענען אַרויף אויפן צווייטן בערגל האָבן זיי געזען דעם ווייסן אייזל און זיין רייטער פאַרשווינדן צווישן די הייזער פון אג'יה, דאָס דאָרף, וואָס איז אויסגעריינעקט געוואָרן אינדערפרי דורך די דזשיפּן. ישראל, וואָס האָט אַליין שאָפירט, האָט נאָך אים נאָכגעלאָפירט מיט אַ שנעלקייט פון 70 מייל אַ שעה. דער דזשיפּ איז געשפּרונגען ווי משוגע אין דעם ווילדן פעלד.

אויף דער הויפּט-גאַס האָבן זיי פּלוצים געזען "משיח'ן" אַליין. ישראל האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין. ראַפּי איז אַראָפּגעשפּרונגען און פאַרשוואונדן צווישן די הייזער. ישראל האָט פאַרלאָשן די מאַשין און געגאַנגען נאָך אים.

ראַפּי איז געשטאַנען און זיך איינגעהערט. פון איינעם אַ צימער האָט זיך דערהערט עפּעס אַ שאָרך. ראַפּי איז געגאַנגען אויף די שפּיץ נעגל, מיט אַ גרייטן סטען. ביים שמאָלן פענסטער האָט ער זיך פאַרהאַלטן און פאַרזיכטיק אַריינגעבליקט.

צוערשט האָט ער אין דער פינצטערניש גאָרנישט באַמערקט. באַמעלעך האָבן זיך זיינע אויגן צוגעוואוינט. איצט האָט ער געזען חאַסאַנען קניען נעבן אַ געשטאַלט, וואָס ליגט אין אַ פאַרפינצטערטן ווינקל.

„אַבו־מוסה", האָט ער געשעפּטשעט, אָבער זיין קול האָט זיך צעפּגעשלאָגן אין קליינעם צימער, „הערסט מיך? דאָס בין איך, חאַסאַן איבן־דאַרוויש..."

די געשטאַלט האָט עפּעס געמורמלט. ווייזט אויס, זי האָט איבערהויפּט נישט געהערט חאַסאַנס רייד.

„דו דאַרפסט מיך געדענקען. איך בין חאַסאַן, דו האָסט מיך געלערנט לייענען און שרייבן..."

די געשטאַלט האָט זיך אַ ביסל אויפגעהויבן און זיך אָנגעקוקט. דאָס איז געווען זייער אַן אַלטער אַראַבער, מיט אַ שיטער ווייס בערדל. אַלט און בלינד. ער האָט אַנטפּלעקט צוויי ציין וואָס זענען נאָך פאַרבליבן אין מויל. זיין האַנט האָט געטאַפּט אין דער לופט ביז ער האָט געטראָפן חאַסאַנס קאָפּ און אים געגלעט.

„חאַסאַן", האָט ער געמורמלט, „חאַסאַן איבן דאַרוויש. אַללאַה יסלמק" (גאָט זאָל דיך בענטשן).

„זיי זענען אַלע אַנטלאָפן", האָט זיך חאַסאַן צעכליפּעט. „אַלע זענען אַנטלאָפן, און די יאַהוד לאַכן פון זיי. בלויז דו ביסט איבערגעבליבן".

„אינשאַללאַה" (אם ירצה השם), האָט דער אַלטער געמורמלט. עס איז נישט קלאָר געווען, צי ער האָט פאַרשטאַנען חאַסאַנס רייד.

„כ'האָב דיר געבראַכט עסן", האָט חאַסאַן ווייטער געזאָגט. „דו הערסט? גוט עסן. כ'האָב עס גענומען ביי די יאַהוד. מאָרגן וועל איך דיר נאָך ברענגען. די גאַנצע צייט וועל איך דיר ברענגען".

דער אַלטער האָט אים געגלעט און גאָרנישט געזאָגט.

ראַפּי האָט זיך אויפגעטרייסלט. עמעץ האָט אים אָנגערירט. דאָס איז געווען ישראל. אויך ער האָט אים געזען דורכן פענסטער.

זיי האָבן זיך דערווייטערט פונעם אָרט און זיך אומגעקערט צום דזשיפּ.

אויף דער מאַשין האָט ישראל אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

„נאָך אַ סענטימענטאַלער משוגענער ווי דו!“ האָט ער געלאַכט, „האָסט אים שוין דעריאָגט!“ אָבער דאָס געלעכטער האָט געקלונגען עפּעס זוי געמאַכט.

„מאַכט נישט! דער עיקר, ער וועט צוריקקומען!“ האָט ער צוגעגעבן און אויסגעדרייט דעם דזשיפּ.

איבער די אַקציעס און טראַכטענישן האָבן מיר געלעבט אין ג׳סיר אונדזער געווײנלעך לעבן. מיר האָבן געהאַט ליבשאַפט און קריגערייען, מיר האָבן געהאַט „אַ היים“ צום לעבן, עס זענען געווען מיידלעך, איבער וועלכע מיר האָבן זיך געקאָנט קריגן. און איבער אַלץ האָט געשוועבט דער גרויסער פּאַראַל, וואָס דאָס איז דער יסוד פונעם שטייגער אין קאַמף־באַזע — „עס און טרינק, ווייל מאָרגן וועסטו שטאַרבן...“

די לעצטע טעג אין ג׳סיר האָב איך אויסגענוצט אויסצודריקן אין דער קליינער דערציילונג דעם אויסטערלישן לעבנס־שטייגער. ווייל כ׳האָב געוואוסט — דאָס פּשוטע לעבן אין דער קאַמף־באַזע איז אַ פּריי לעבן, צוזאַמענאַרבעט און פריינטשאַפט. זייער אָנדענק וועט פאַרבלייבן אויף שפּעטער אין אונדזער האַרצן מער ווי די סכנות אוןליידן פונעם קאַמף.

14־טער אויגוסט, 1948. ג׳סיר.

קאמף-באזע

אויב דו וועסט גיין לענגאויס דער הויפּט־גאַס פון ג׳פירה, פון דודישן קאַמף־שטאַב ביז צום ווייסן הויז, אווו עס קוואַרטירט די פּאַנצער־אָפּטייל, וועסטו פאַרבייגיין נעבן אַ ליימען הייזל פון צוויי שטאָק מיט אַ הילצערנער ווערענדע. וועסט מן הסתם אַ צווייט מאָל זיך נישט אומקוקן אויף אים, ווייל שמוציק און פאַרלאָזן איז עס ווי די איבעריקע הייזלעך, און אויך דער ספּעציפישער אַראַבישער ריח פעלט אים נישט.

אָבער אויב דו ביסט באַגאַבט מיט אַ חוש פון איינקוקן זיך, אָדער אויב דו ביסט נישט לאַנג אַדורכגעגאַנגען אַ קורס פון אויסשפּירער, וועסטו באַמערקן, אַז הינטער דער ווערענדע זענען אויף דר׳ערד פונאַנדערגעשפּרייט אַלטע שאַכטלען פון סיגאַרעטן „נחשון“, פּאַפּירלעך פון באַנבאַנס „שקם“ און פאַרשידענע עסן־איבערבלייבעניש, וואָס זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן דורכן פענסטער נאָך אַ פולער מאָלצייט אָדער אַ נאַכט־קומזיץ. וועסט לייכט קומען צום אויספיר, אַז עס געפינען זיך איינוואוינער אין דעם דאָזיקן הויז, און נישט סתם איינוואוינער נאָר די זעלנער פון צבא ההגנה לישראל.

שלמה איז עס געווען, וואָס האָט אַנטפּלעקט די באַהאַלטענע מעגלעכקייטן פון דעם הויז. די נישט שיינע אויסערלעכקייט האָט אים נישט אָפּגענאַרט אויף איין רגע אַפילו. „אל תסתכל בקנקן, אלא במה שיש בו״, האָט ער געדענקט. און טאַקע זיין געזונטער אינסטינקט, וואָס איז שטאַרקער געוואָרן אין די צען חדשים קאַמף־שטייגער, האָט אים נישט פאַרפירט. נאָכדעם, ווי ער איז דורכגעגאַנגען דעם היב־טערשטן הויף און אַרויף מיט די הילצערנע טרעפּ, וואָס האָבן אויסגעזען אַקוראַט ווי זיי וועלן איינפאַלן יעדע רגע, איז ער אָנגעקומען צו אַ פּלאַץ, וואָס איז אים געפעלן געוואָרן — אַ שמוציק צימער אָבער אַ פיינס, און אַ הילצערנע וועראַנדע. „ממש אַ פּאַלאַץ״, האָט ער צו זיך געמורמלט. און אַזוי רופט זיך פון דעמאָלט דאָס אָרט — „דער פּאַלאַץ״.

שלמה האָט גערופן איסר׳ן זיין חבר, און יענער האָט איינגעלאַדן יששכר׳ן, דעם דריטן שותף צום דזשיפּ. צוזאַמען זענען זיי צוגעטרעטן צו דער מלאכה. צוויי עמערס טייער וואַסער, אַ האַלבע בלעך די.די.טי. און אַן איבערבלייבעניש פון אַ בעזעם האָבן פאַרוואַנדלט דאָס צימער אין אַ גאַנץ פיינעם וואויך־אָרט. ס׳קאָן זיין, אַז אַ בירגער, וואָס וואוינט אויף שדרות רוטשילד אין תל־אביב וואָלט נישט געפונען קיין שיינקייט אין דעם צימער, אָבער אין איסר׳ס, שלמה׳ס און יששכר׳ס אויגן האָט עס אויסגעזען ווי אַ פּיליע פון מלך דוד האָטעל פאַרן אויפרייסן אים.

ווען דאָס צימער איז אויסגערייניקט געוואָרן צו דער צופרידנהייט פון זיינע בעלי־בתים, איז יששכר נאָמינירט געוואָרן אַלס שומר בעת איסר און שלמה זענען אַרויס אויף אַן „אָרגאַניזיר־טור״. די איבעריקע קאָמאַנדאָ־מענטשן, וואָס האָבן זיך געדעקט אין שאָטן פון אַ צווייפלהאַפטער אַראַבישער חורבה, האָבן גוט געוואוסט דעם באַטייט פונעם ספּעקטאַקל. — „זעט״ האָט איינער צום צווייטן געזאָגט, „חברת איש״ל האָט שוין אָנגעהויבן די טעטיקייט״. איש״ל איז די ראשי־תבות פון דעם נישט צעשיידבאַר פּאָרל איסר און שלמה, און דער פולער־טיטל, וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן דורך די חברים איז — „חברה פאַר אָרגאַניזירן אָן האַפּטונג״.

איר וועט פרעגן — וואָס איז פאַראַן צו „אָרגאַניזירן״ אין אַ פאַרלאָזט אַראַביש דאָרף, נאָכדעם, ווי דריי גדודים מיליטער האָבן געמאַכט זייערע רעוויזיעס? די תשובה איז געגעבן געוואָרן דורך איסרן און שלמהן אַליין: אין אָוונט האָבן זיך שוין געפונען אין „פּאַלאַץ״ דריי שטולן אין פאַרשידענעם צושטאַנד פון צעפאַלונג, א

צעבראָכענער טיש, פאַרדעקט מיט אַ קאָלדרע, וואָס אויסער אַ פּאָר פּלעקן איז זי געווען כמעט ריין, אַ ריזיקער שפּיגל, וואָס איז אַרויסבענומען געוואָרן פון אַ צעבראָכענער שאַפע, אַן ערדענע קרוג אויף קאַלט וואַסער, אַ טראָג־בעטל, אַ פעלד־בעט פון אַן אומבאַקאַנטן מצרישן אָפיציר, אַ נאַפט־לאָמפּ אָן אַ גלעזל, אָבער נאָך גוט צום נוצן, אַ פּאָר בילדער פון האָליוואָודישע שיינהייטן, וואָס זענען אויסגעריסן געוואָרן פון אַ האַלב פאָרנאָגראַפישן אַראַבישן בלעטל און אַן אַראַבישע מאַפּע פון מיטעלן מזרח.

*

יענעם אָוונט זענען איסר און שלמה געזעסן אויף דעם טראָג־בעטל אויף זייער וועראַנדע, געזופּט פון אַ פלעשל קאָניאַק, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן ערגעץ אויפן וועג, און זיך איינגעהערט מיט אַ מעלאַנכאָלישער פוילקייט צו דעם האַרמאָטן־קאָנצערט, וואָס האָט זיך צעשפּילט ערגעץ־וואו אויפן פראָנט, אין אַ דיסטאַנס פון אַ צוויי־דריי קילאָמעטער.

זיי האָבן נישט געהאַט וועגן וואָס צו רעדן. שוין העכער אַ האַלב יאָר, אַז זיי זענען חברים, צוזאַמען דורכגעגאַנגען „נחשון“, לאַטרון און אישדוד, און צוזאַמען זענען זיי אַרײַן אין דער דזשיפּן־פּלוגה. אַ מאָדנע פּאָרל זענען זיי געווען, פון יענע אונדזערע פּאָרלעך, וואָס שאַפן זיך אין קאַמף נישט ווויסנדיק ווי אַזוי. — איסר איז צאַרט, אַ שנעל־רעדעוודיקער, אַ טיפּ פון אַן אַוואַנטוריסט, וואָס זיין קאָפּ איז אין די ביכער און זיין האַנט ביים שרייבן, און שלמה, געבוירן אין מצרים, אַ קיבוצניק, אַ פּעטינקער, אַ שוויצער פונעם גוטן מין, וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אין אויסטראַכטן בלאָפן, וואָס הערנדיק זיי פלעגן די צוהערער אויסגלאָצן די אויגן, כאָטש זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז ס'איז נישטאָ אין זיי קיין ביסל אמת.

יששכר איז נישטאָ. מן הסתם האָט ער צווישן די אַרטילעריסטן אָדער צווישן די מענטשן פון דער „בייהילפיקער“ געטראָפן אויפן אָרט פּויליש־רעדנדיקע. אַ משונהדיקער טיפּ איז ער געווען — אַ פּליט, וואָס איז געקומען אין לאַנד אַרײַן דורך סיביר, און דאָ ביי אונדז איז ער געוואָרן אַ שווייגער, ווייל ער באַהערשט נישט גוט העברעאיש. אָבער, אַז ער טרעפט זיך מיט פּויליש אָדער יידיש רעדנדיקע, פלעגן די דאַמבעס פון זיינע רייד זיך אויפמאַכן און זיין פּאַרטנער פלעגט ממש דערטרונקען ווערן אין אַ מבול פון איבער־לעבענישן, טראַכטענישן און סתם שטותים, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין דעם פרוכטבאַרן מוח פון יששכר פון זינט זיין לעצטן אויסברוך...

דאָס לאַנגע שווייגן האָט געדריקט אויף איסרן, וועלכער איז קיינמאָל נישט געווען קיין שווייגנדיקער. פלוצים האָט ער אָנגע־הויבן לאַכן.

„וואָס איז?״ האָט שלמה געפּרעגט און האָט אַ היפּשן זופּ געטאָן פונעם פלעשל.

„כ׳האָב זיך דערמאָנט אין אַ וויץ״, האָט זיך איסר פאַרטיידיקט. הייסט, דריי ענגלענדער זיצן אין אַ קאַפע און שווייגן. גייט פאַרביי אַ מאַשין. נאָך אַ האַלבער שעה זאָגט דער ערשטער ענגלענדער — „פאָרד״. גייט אַוועק אַ שעה און פלוצים זאָגט דער צווייטער — „שעווראָלעט״. גייט אַוועק צוויי שעה, ברעכט אויס דער דריטער: — „הערט, אויב וועט איר זיך ווייטער קריגן, שטיי איך אויף און גיי אַוועק! דו ווייסט, דאָס דערמאָנט מיך אַ ביסל״.

„מאָלעש״ (מאַכט נישט) האָט שלמה געזאָגט און גענומען אין האַנט אַריין דעם קוכן, די אייזערנע פּאַרציע פון דער פירמע. „עס און טרונק, ווייל מאָרגן וועלן מיר שטאַרבן״.

אַזוי פלעגט זיך שלמה פירן ביים ענדיקן אַ דיסקוסיע. אָבער אין האַרצן האָט ער געוואוסט וועגן וואָס איסר האָט געקלערט. עס פעלט עפּעס אין דעם גן־עדן, וואָס זיי האָבן זיך געשאַפן, און דער דאָזיקער עפּעס איז געווען — אַ מיידל. פאַרנאַכט זענען זיי געגאַנגען איינלאָדן די טעכטער פונעם גדודישן שטאַב — יוכבד׳ן, די בלוי־אויגיקע, און שרינקע, דאָס קאָנטאַקט־מיידל. זיי האָבן אָבער אָנגע־קוקט דאָס אַראַבישע הייזל, פאַרקרימט די נאָז און אָפּגעזאָגט. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ שטעכיקער ווערטער אויסטויש, די בחורים האָבן באַשולדיקט די מיידלעך, אַז עס פּאַסט זיי שוין נישט צו באַזוכן פּשוטע זעלנער, און זיי געוואונטשן אַן אָנגענעמען אוונט מיטן מאַגאַזיניער. די מיידלעך, וואָס זענען שווער באַליידיקט געוואָרן, האָבן געזאָגט וואָס זיי האָבן געזאָגט וועגן שוויצערס וואָס רייטן אויף דזשיפּן און האַלטן, אַז די גאַנצע וועלט געהער זיי. בסך הכל אַ שמועס וואָס באַפרידיקט נישט.

„מאָלעש״, האָט שלמה ווידער געזאָגט. ער האָט זיך אויפגע־הויבן און אויסגעשטרעקט אויף זיין מצריש בעטל. בלית־ברירה האָט אויך איסר זיך אַוועקגעלייגט אויפן טראָג־בעטל, דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט די זיצונג דעם אָוונט. נאָר קיינער פון זיי איז נישט געשלאָפן. זיי זענען געווען פאַרטאָן אין זייערע געדאַנקען.

*

דאָס לעבן אין ג׳פירה איז אַרויף אויפן גלייז. זיבן אינדערפרי

האָט דער לוּיטשפּרעכער געלאָזט הערן אַן אידיאָטישע פּלאַטע „סע־פּאַריז, סע־פּאַריז, סע־פּאַריז“, מיט אַן אומזיסטיקער האָפענונג, אַז עמעץ וועט געצוואונגענערהייט אויפשטיין אין אַזאַ אוממענטשלעכער שעה. די דריי איינוואוינער פון דעם „פּאַלאַץ“ האָבן זיך ערשט אויס־געדרייט אויף דער אַנדערער זייט און ווייטער געכראָפּעט ביז דעם פּייף פון דער קוד־מאַשין 10 אַ זייגער. פאַרשטייט זיך, אַז יוסף דעם, קובערס אויפגאַבע איז נישט געווען צו דערלאַנגען די דריי דאָס עסן אין שטוב אַריין, ער איז אָבער געווען אַ גוטער בחור און אין זיין געוויינלעכן מאַרשרוט אויסצוטיילן דאָס עסן דער שמירה אַרום דעם דאָרף, פלעגט ער זיך אָפּשטעלן פאַרן „פּאַלאַץ“ און דערלאַנגט אַ היפּשע פּאָרציע איינעם פון די איינוואוינער, וואָס פלעגט אַראָפּגיין און נעמען דאָס עסן פאַר די דריי. „ווער ווייסט“ האָט יוסף זיך געקלערט: „מאָרגן קאָנען זיי געהרגעט ווערן, — פאַרוואָס זאָלן זיי זיך נישט לעבן ווי עס דאַרף צו זיין, כל זמן זיי לעבן?“. אַ זאַך, וואָס ווייזט באַשיינפּערלעך, אַז דער דאָזיקער יוסף איז טאַקע געווען אַ קלוגער בחור, אָבער בכלל נישט צוגעפּאַסט צו זיין אויפגאַבע ווי אַ קוכער אין אַ קאַמף־איינהייט.

נאָכן מאָלצייט פלעגן די דזשיפּן אַרויספאָרן אויף אַן אויס־שפּירונג — אַ פיינער שפּאַציר מיט אַ משוגענעם גאַלאָפּ לענגאויס דעם פראָנט, אַ דערפרישנדיקע רייזע וואָס אַ געוויסע מאָס פון סכנה און קאַמף־אַקציע האָט איר צוגעגעבן האַרבקייט. די רייזע פלעגט זיך אָממייסטנס פאַרענדיקן אין אַ קאַפע אין רחובות אָדער אין גדרה, און נאָכמיטאָג פלעגט מען זיך אומקערן קיין ג׳פירה. איסר פלעגט שרייבן עפּעס וואָס, שלמה פלעגט זיך פאַרטיפן אין אַן ענגלישן דעדעקטיוו־ראָמאַן, דערנאָך פלעגן זיי מאַכן אַ קליינעם קימזיץ פאַר צוויי אָדער דריי, פלאַפּלען מיט די מיידלעך אין גדודישן שטאַב און גיין שלאָפן, סיידן, אַז מען האָט זיי גערופן אויף אַ נאַכט־רייזע. בקיצור, אַ גן־עדן לעבן.

און פונדעסטוועגן פלעג פעלן עפּעס, עפּעס וואָס האָט געדאַרפט זיין אַן עיקר אין דעם וואוילטאָג.

*

דער „עפּעס“ האָט זיך באַוויזן אומדערוואַרט אין אַ שיינעם פרימאָרגן אין דער געשטאַלט פון חוה, אַ יונגע לערערין וואָס איז געשיקט געוואָרן דורכן מחת״ר צו לערנען העברעאיש די פרישע גח״ל־מענטשן.

פון דער ערשטער מינוט אָן האָט איסר גענומען די לערערין

אונטער זיין פּראָטעקטאָראַט. ער האָט איר דערקלערט ווי שרעקלעך ס'איז דער גורל פון אַ מענטש וואָס איז געצוואונגען צו געכטויקן אין אַ דערשטיקנדיקן „ביוואַק". ער האָט איר אויך באַגרינדעט פאַרוואָס דער פּלאַץ פונעם פּלוגה־שטאַב פּאַסט נישט פאַר אַ פיין און אינטעליגענט מיידל; ער האָט אַפילו אָנגעוואונקען אויפן כאַראַקטער פונעם פּלוגה־סערזשאַנט, וועלכער האָט זיך אויך פּאַראינטערעסירט מיט דער מציאה. בקיצור, חוה איז געקומען וואוינען אין „פּאַלאַץ". מען האָט איר צוגעטיילט אַ טראָג־בעטל און אַ מאָסקיטאַנעץ, מען האָט איר „אָרגאַניזירט" אַ מין עטאַזשערקע פאַר ביכער, און פונעם דרייעק אינעם „פּאַלאַץ" איז געוואָרן אַ פּירעק.

חוה איז אַריין אין דער „משפּחה". זי האָט געוואַשן די שיסעלעך נאָך די מאָלצייטן, פאַרקערט דאָס צימער אינדערפרי, און די מענטשן פון דער פּלוגה האָבן זיך מיט דער צייט צוגעוואוינט צו איר זיין אין „פּאַלאַץ", נאָכדעם, ווי ס'האָט זיך אויסגעשעפּט דער אוצר פון בייסיקע באַמערקונגען אויף איר און איסרס חשבון.

מאָדנע באַציאונגען האָבן זיך אַנטוויקלט צווישן חוהן און איסרן. ער איז געווען אַ מין אָנלען און וועג־ווייזער אין דער פרעמדער מענער־וועלט, אין וועלכער זי איז אַריין, און זיין אכזריותדיקער הומאָר האָט איר געהאָלפן גובר זיין נישט וויניק קריזיסן, ביז זי האָט זיך צוגעוואוינט צו די באַדינגונגען פון דעם אויסטערלישן אָרט. בעת אין אים האָט חוה אויפגעוועקט אַ גאַנצע וועלט געפילן, וואָס זענען פאַרגעסן געוואָרן אין די צען חדשים קאַמף. אַ משונהדיק געפיל איז דאָס געווען צו וויסן, אַז ביים סוף פון דער רייזע וועט ער צוריקקומען ממש „אַ היים", ער וועט טרעפן אַן אָנגעגרייטע מאָלצייט און אַ מיידל וואָס וואַרט אויף זיין צוריקקער. עס איז טאַקע צווישן זיי נישט געווען קיין ראָמאַנטישע ליבע, נאָר עס האָט זיך געשאַפן אַ געזונטע פריינטשאַפט צווישן אַ בחור און אַ מיידל, וואָס דער גורל האָט זיי צוזאַמענגעטראָפן אויף אַזאַ קאַפּריזן אופן.

*

אויב חוה האָט געטראַכט, אַז זי איז אַריינגעגאַנגען אין אַ שאַבלאָן געאָרדנט לעבן, זענען געקומען די געשעענישן און האָבן זי באַלערנט.

שבת האָבן די בחורים זיך אומגעקערט שפּעטער ווי אַלע מאָל. ז'ער פאַרנאַכט האָט שוין גענומען צופאַלן, ווען שלמה און איסר זענען אַריין אין צימער. חוה, וואָס האָט געדרימלט אויפן מצרישן בעט, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און זיי אָנגעבאָטן אַ פּאָר קוכנס, וואָס

זי האָט געקויפט אין קאַנטין, אָבער יענע זענען ווייטער געזעסן אויף דער וועראַנדע און זיך איינגעקוקט אין זונאונטערגאַנג, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט.

„וואָס איז געשען, איסר?" האָט זי געפרעגט. צי ווייניק צייט האָט זי פאַרבראַכט אין דער געזעלשאַפט פון קאַמף-מענטשן, זי זאָל קאָנען פאַרשטיין אַזעלכע סימפּטאָמען אָן פרעגן.

„גאַרנישט", האָט איסר געזאָגט, און האָט זיך אָנגעצונדן אַ ציגאַרעט, „בלויז אהרון איז אַוועק".

ער האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ אַפּאַטיש און טרוקן קול, אַקוראַט ווי ער זאָל זאָגן: „דער בעזעם איז צעבראָכן געוואָרן". נאָר חוה האָט פאַרשטאַנען. ווידער איז געהרגעט געוואָרן איינער פון די פּלוגה-מענטשן. איינער וואָס האָט געהערט צו דעם שטייגער לעבן אין משך פון חדשים, איינער, וועמען מען האָט אים געקענט גרינטלעך, איינער וואָס זיי האָבן געוואוסט אַלע זיינע סודות, האָפענונגען און שטרעבונגען, וואָס איז זיי נאָענט געווען מער ווי אַ פאָטער און אַ ברודער.

חוה איז געזעסן און האָט געשוויגן. איצט, ערשט איצט האָט זי פאַרשטאַנען דעם סוד פון דעם מאָדנעם שטייגער, וואָס האָט אַנטבלויזט דאָס לעבן ביז צו די פּשוטסטע יסודות, אַ לעבן פון פּשוטער פרייד, פּשוטע שטרעבונגען, אילוזיעס און קאָמפּלעקסן, ווי דאָס לעבן פון קינדער. איצט האָט זי פאַרשטאַנען דעם קינדערישן שטאָלץ אין דעם נעבעכדיקן צימער, די באַמבאַסטישע צ׳יזבאתן, וואָס האָבן אויפגעהערט אינמיטן און זייער פּלאַץ האָט פאַרנומען דאָס מעלאַנכאָלישע שווייגן, דאָס געקינצלטע אַפּשפּעטן, וואָס איר איז שווער אָנגעקומען צו באַשליסן, צי פאַרדעקט עס דעם עקסטרעמען אידעאַליזם אָדער עקסטרעמען ציניזם.

יענעם אָוונט, ווען שלמה און יששכר האָבן געכראַפּעט אונטער זייערע קאָלדרעס, איז חוה צוגעגאַנגען צו איסרס טראָג-בעטל. מיט זיין האַנט האָט ער זי געגלעט איבער איר רוקן און אַ לענגערע צייט זענען זיי געזעסן און זיך איינגעקוקט אין די פאַרביקע ראַקעטן, וואָס האָבן זיך געטראָגן ערגעץ-וואו איבער פאַלוג׳ה, בית-עפּא און עיראַק-סואידאַן.

*

„וואָס איז געשען יששכרן?" האָט איסר אומגעדולדיק געפרעגט שלמהן.

„וואָס איז?" האָט ער געענטפערט נאַאיוו. אָבער אויך ער האָט

געוואוסט, אַז ס׳איז עפּעס געשען מיט ישׂשכרן — ער האָט פּלוצים צוגעהויבן אַרויסצוווייזן ספּעציעלע פעאיקייטן ביים רעדן, ספּעציעל אין דער אַנוועזנהייט פון חוהן, דערציילן צווייפלהאַפטע וויצן אויף יידיש, וואָס איז איסרן פרעמד געווען אָבער באַליבט ביי חוהן, און האָט קיינעם נישט געלאָזט שלאָפן דורך די אָוונטן. די צעווילדעטע שטימונג פלעג ער אָפּט פאַרבייטן אין מאָדנע אויפגערעגטקייט, און װעמענס ריי איז געקומען אַראָפּצוגיין אין גאַס און ברענגען דאָס עסן פון דער קיך־מאַשין, וועמענס אויפגאַבע עס איז אויסצורייניקן דאָס מאַשין־געווער פונעם דזשיפּ, און וועמען געהער די ראַגאָזשע, וואָס איז „אָרגאַניזירט״ געוואָרן אויף דער לעצטער רייזע ביי כּארטיה.

די פּלוצימדיקע ענדערונג ביי ישׂשכרן האָט זיך באַוויזן צום ערשטן מאָל ביים דערשיינען פון ציפּורה. ציפּורה איז געווען שלמהס „ווייב״, זיין קיבוץ־חברטע, מיט וועלכער ער האָט געלעבט העכער דריי יאָר נישט אָנקומענדיק צום ראַבינאַט און צו גאָט ברוך־הוא׳ס באַשטעטיקונג.

ווי אַזוי איז זי געקומען קיין ג׳פירה? אָט, דאָס איז געווען דער הויך־פּונקט פון איסרס־שלמהס אַוואַנטורעס. דער דאָזיקער שלמה, אַז עס איז אים נמאוס געוואָרן זיך איינצוקוקן אין איסר און חוהס אידיליע, האָט ער באַשלאָסן אין אַ שיינעם טאָג, אַז מען דאַרף אַראָפּברענגען אַהער זיין ווייב. ווי ברענגט מען אַ „ציווילע״ פרוי אין דער קאַמף־באַזע פון אַ קעמפנדיקער פלוגה? ס׳איז נישטאָ קיין איינפאַכערס פון דעם. נאָך אַ ספּעציעלער רייזע האָט דער דזשיפּ אַ „שפּרינג״ געטאָן קיין תּל־אביב און זי געבראַכט. דער סערזשאַנט פון דער פלוגה האָט זי געזען און אַזוי, פאַרבייגייענדיק געפרעגט, וואָס זי טוט דאָ, האָט ער באַקומען אַ תשובה, אַז זי איז אויפן וועג צום נאָענטן קיבוץ און האָט זיך פאַרהאַלטן אויף אַ ווײַלע אין ג׳פירה. די חברים האָבן געשפּאַסט צווישן זיך און געשוויגן. יוסף דער קיכער, האָט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן און צוגעגעבן אַ פּיגפּטע פאַרציע פאַרן „פּאַלאַץ״, און די בלאָנדע ציפּורה, מיט די זיכערע באַוועגונגען, האָט זיך אַוועקגעזעצט אין ג׳פירה גלייך עס זאָל זיין די נאַטירלעכסטע זאַך אין דער וועלט.

אָבער דאָס גלייכגעוויכט אין „פּאַלאַץ״ איז לחלוטין איינגעבראָכן געוואָרן. אַנשטאָט אַ פּאָרל און צוויי בחורים, האָבן איצט אין אים געלעבט צוויי פּאָרלעך און איין בחור. איז נישט צו וואונדערן, אַז יענער האָט אָנגעהויבן ווערן נערוועז און אויפגערעגט. שלמה און

איסר האָבן עס פאַרשטאַנען און נאָך אַ קורצער באַראַטונג צווישן זיך האָבן זיי פאַרבעטן רחלן, די קליינע קעכין פון דעם פלוגה־שטאַב, ז׳ זאָל אַריבערגיין וואוינען אין „פּאַלאַץ“. אָבער, אַז יששכר האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, איז ער כמעט אַרויס פון די כלים. ער האָט געשאָלטן אויף פּויליש און האָט אַ גאַנצן אָוונט פאַרמיאוסט דאָס לעבן דער קליינער רחלן, וועלכע האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט דאָ פאַר, ביז זי איז אַנטלאָפן פונעם אָרט.

איז איבערגעבליבן דאָס נישט־לייזבאַרע פּראָבלעם פונעם פּינפּעק — אַן אומאַנגענעמע אַטמאָספערע פון אַנדייטונגען נישט דערזאָגטע ביזן סוף, קליינלעכע קריגערייען און קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען. און ערגער פון אַלץ: יששכר איז געוואָרן אַ גאַנצער הומאָריסט — אויף יידיש פאַרשטייט זיך — און דאָס געלעכטער, מיט וועלכן חוה האָט מכבד געווען זיינע וויצן האָט איסרן אַרויס־געבראַכט פון די כלים.

דער געדאַנק, אַז ער קען פּלוצים אָנווערן דעם גן־עדן, און דאָס אַלץ צוליב אַזאַ פּרצוף ווי יששכר, האָט איסרן געפּלעפּט. מיט באַרביטערונג האָט ער געפילט, אַז ער האָט אָנגעהויבן אייפערזיכטיק ווערן; און דער עצם געדאַנק, אַז ער, איסר, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס, קאָן זיין אייפער־זיכטיק אויף יששכרן, האָט אים געוועקט אַן אומגעהויערן צאָרן.

דער קריזיס איז דערגאַנגען צום הויכפּונקט, ווען איסר און שלמה זענען אַרויס אויף אַ ספּעציעלער נאַכט־אינספּעקציע. די אויפגאַבע איז געווען זייער אַן אידעלע — אַריבערגיין דעם שונאס ליניעס און אַנטפּלעקן די טעלעפאָן־ליניע צווישן זיינע מישלטים, כדי צו איר צו פאַרבינדן אַ דראָט. ס׳איז אַ צו געפערלעכע אויפ־גאַבע און דערפאַר פּאַסט זי פאַר אַלטאיינגעזעסענע קאַמף־חיות, ווי איסר און שלמה. אין יעדער אַנדערער צייט וואָלטן זיי זיך גע־וואָרפן אויף דעם דזשאָב מיט שמחה. אָבער דאָס מאָל האָט איסרן נישט געשמעקט איבערצולאָזן חוהן אַליין אויף אַ גאַנצן אָוונט מיט יששכרן.

קיינמאָל האָט ער זיך נישט דערוואוסט געגעוי, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין יענעם אָוונט צווישן די צוויי — ער האָט בלויז אויפגעכאַפּט פראַגמענטן נאָך אַ פּאָר וואָכן. אָבער מן הסתם האָט יששכר געלאָזט פאַלן פאַר חוהן שווערע באַשולדיקונגען. ער האָט געטענהט, אַז זי האָט צעשטערט די פריינטשאַפט, וואָס האָט גע־הערשט צווישן די דריי דזשיפּ־מענטשן, וואָס איז געלייטערט געוואָרן

צוזישן לעבן און טויט בעת די צענדליקער געוואַגטע אַקציעס. אַז זי, אַ מענטש פון דרויסן, האָט פאַרוואַנדלט איסרן, זיין בעסטן חבר, אין זיינעם אַ שונא. און אַז זי האָט בכלל אינגאַנצן קאַליע געמאַכט איסרן, וואָס איז ביז איצט געווען אַ טייערער בחור און אַ געטרייער חבר אין קאַמף.

בקיצור, יענע נאַכט איז זיך חוה געזעסן אויף דער וועראַנדע אין דער קילער לופט (אין צימער איז געשלאָפן יששכר און זי האָט נישט געוואָלט זיין נעבן אים) און האָט געקלערט טרויעריקע מחשבות. אָבער פון דער צווייטער זייט האָט זי גוט געוואוסט: די דאָזיקע דריי בחורים וועלן זיצן צוזאַמען אויף איין דזשיפּ און זיי וועלן דאַרפן צוזאַמען אַרויסגיין צו אַקציעס, וואָס פון זייער געוואַגטקייט שטעלן זיך אויף די האָר פון קאָפּ. און אַז די אויסזיכטן צוריקצוקומען לעבעדיק פון אַזעלכע אַקציעס איז אָפּהענגיק פון דער פריינטשאַפט צווישן זיי, פון דער מאָס, ווי איינער וועט זיך קאָנען פאַרלאָזן אויפן צווייטן אין גורלדיקן מאָמענט, נישט רעדנדיק, אין אַ פולשטענדיקער אויטאָמאַטישער האַרמאָניע. יעדער וואָלקן אויפן הימל פון דער דאָזיקער פריינטשאַפט קען שטעלן אין סכנה דאָס לעבן פון אַלע, דאָס לעבן פון איסרן און פון יששכרן צוזאַמען, און ווער ווייסט וועמעגס נאָך. און זי האָט זיך דערמאָנט אין אהרונען, „וואָס איז אַוועק“.

איסר איז צוריקגעקומען דריי פאַרטאָגס און איז באַלד געגאַנגען שלאָפן. ווען ער האָט אויפגעוואַכט, האָט ער חוהן געטראָפן איינפּאַקן אירע זאַכן. ער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט. „וואָס האָט פּאַסירט?“ זי האָט זיך אָבער אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן און האָט ווייטער געטאָן אירס.

„חוה“ האָט ער געזאָגט.

„יאָ?“ האָט זי געפרעגט מיט אַ שטיל קול, נישט אויסדרייענדיק צו אים דאָס פּנים.

„חוה... דו ווייסט דאָך, די וואָך... דאָס איז געווען די שענסטע וואָך מיינע אין מיליטער... און איצט, צוליב דעם דרעקישן חמור...“

„איך גיי איבער אין געצעלט פון די מיידלעך ביים גדודישן שטאַב“, האָט חוה אים איבערגעריסן די רייד מיט אַ שטאַנדהאַפטיקייט, וואָס איז זעלטן געווען ביי איר. „בכלל האָט מען אויף אונדז אָנגעהויבן ריידן אין גדוד. פרעג נישט... איך ווייס, דו פייפסט דערויף, אָבער איך האָב זיך נאָך נישט צוגעוואוינט צו אייערע באַגריפן... און במילא, וועט מען מיך נאָך אַביסל אַריבערפירן צוריק קיין תל־אביב“.

און דערמיט האָט זי, פאַרשטייט זיך, פאַרענדיקט דעם וויכוח.

נאָכדעם ווי חוה איז איבערגעגאַנגען אין געצעלט פון די מייד־לעך, איז ציפורה צוריק אין קיבוץ (דער סערזשאַנט האָט פּלוצים געפּענט זיין ריזיק אויג און האָט באַמערקט וואָס ער האָט באַמערקט), און אַזוי איז געבליבן אין „פּאַלאַץ" דער אַלטער דרייעק — איסר, שלמה און יששכר. נאָר די באַדינגונגען זענען שוין נישט געווען די פריער. אין האַרצן האָט איסר באַשולדיקט יששכרן, אַז ער האָט מיט זיין עקלהאַפטן עגאָאיזם צעשטערט די דאָזיקע קאַמף־אידיליע. יששכר האָט געגעסן אויסערן „פּאַלאַץ", צוזאַמען מיט די איבעריקע פלוגה־לייט. בלויז אין אָוונט פלעג ער קומען שלאָפן. איסר האָט מיט אים נישט פאַרלוירן קיין איין וואָרט אַפילו.

אין אַ וואָך אַרום האָט מען דער פלוגה געמאָלדן, אַז זי האַלט ביים פאַרלאָזן ג'פירה, אָבער פאַר דעם איז אויף איר אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ לעצטע אויפגאַבע — דורך די מצרישע ליניעס צווישן בית־ג'זברין און עיראַק־אל־מנשיה אַדורכפירן אַ טראַנספּאָרט צום נגב.

אין דער פלוגה האָט זיך גערודערט. אַלע האָבן געוואוסט — אַז דאָס איז דער גרויסער דזשאָב, אויף וועלכן זיי האָבן געוואַרט אַ לאַנגע צייט, אַן אַנטשיידענער גרויסער דזשאָב. אַלע זענען געווען געשפּאַנט. די שאָפערן האָבן קאָנטראָלירט די דזשיפּן ביזן לעצטן שרייפל, די מאַשין־געווערן זענען געפּוצט געוואָרן ביז דער גלאַנץ פון דער לופט האָט פאַרבלענדט די אויגן; די קאָמאַנדירן האָבן געגריבלט די מאַפּעס און לופט־פּאָטאָס, און ווען די געשפּאַנטקייט האָט דערגרייכט איר הויכפּונקט זענען די אויפגאַבן צעטיילט געוואָרן. איסרס דזשיפּ איז באַשטימט געוואָרן צו גיין אין אָנהויב פונעם פראָנט, דאָס וואָס הייסט ביי דער חבריא „מינען קושער".

איינער נאָך דעם אַנדערן האָבן זיך די דזשיפּן אַריינגעגליטשט אין דער פינצטערניש אַריין, נישט מאַכנדיק כמעט קיין רעש. די קאַלידזשע ראַקעטן האָבן פאַרצייכנט דעם שונאס פּאָזיציעס — פון רעכטס און לינקס פונעם וועג. אָט זענען זיי דערגאַנגען צום מסובנדיקן געביט. די מענטשן זענען געזעסן צוגעשמידט צום פּלאַץ, זייערע אויגן האָבן גענישטערט אין דער פינצטערניש. זיי האָבן אויפגעהערט צו זיין מענטשן, און זיך פאַרוואַנדלט בלויז אין אברים אין די קאַמף־מאַשינען — דזשיפּ־אויגן, דזשיפּ־אויערן, דזשיפּ־הענט.

אין ערשטן דזשיפּ, וואָס רופט זיך „מינען קושער", זענען געזעסן די דריי. יששכר האָט שאָפירט, איסר האָט געהאַלטן דאָס פאָדערשטע מאַשין־געווער און געדינט אַלס אויסשפּירער, און שלמה, פון הינטן,

האָט געגלעט דאָס צווייטע מאַשין־געווער, בעת ער האָט אַריינגעמורמלט נישט פאַרשטענדלעכע ווערטער אין פּיסקל פון דעם אַפּאַראַט 21, ווייל אויף אים איז אַרויפגעלייגט געוואָרן צו האַלטן קאָנטאַקט צווישן די דזשיפּן בראש פונעם טראַנספּאָרט און די דזשיפּן, וואָס האָבן דעם טראַנספּאָרט פאַרענדיקט. זיי אַלע האָט אָפּגעטיילט דער טראַנספּאָרט גופא — פינף און צוואַנציק שווערע באַלאָדענע לאַסט־מאַשינען, די וויכטיקסטע אויסשטאַטונג פאַרן נגב, וואָס איז אָפּגעשניטן זינט חדשים.

יששכר האָט זיך באַוועגט אויף זיין פּלאַץ נערוועז, ווי אַ מענטש וואָס וויל עפּעס זאָגן און ווייסט נישט ווי אַזוי אָנצוהייבן. אין גרונט איז ער געווען אַ פּשוטער בחור און אַ נישט קאָמפּליצירטער, און ס׳איז אים שווער געווען צו דעפינירן צעצווייגטע פאַרמישטע געפילן. אַ פּאָר מאָל האָט ער געוואָלט אָנהייבן, נאָר די ווערטער זענען אים אויסגעקומען צו ראָמאַנטיש. און האָסט נישט קיין מער לעכערלעכע זאַך אין אַ גורלדיקער שעה ווי ראָמאַנטישע ווערטער. ווייל דער תהום צווישן וואָרט אוןווירקלעכקייט איז אַזוי גרויס אין די דאָזיקע מינוטן.

„איסר...״ האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ משונהדיקן קול, און איבערגעריסן.

„יאָ, יששכר...״ האָט איסר געענטפערט.

יששכר האָט אים געוואָלט אויסשטרעקן די האַנט, אָבער דער ושעסט האָט אים אויסגעזען צו לעכערלעך, און ס׳איז אויך נישט נייטיק געווען.ביידע האָבן געשוויגן.

פונדעסטוועגן האָט שלמה אונטערגעשמייכלט הינטער זייער רוקן.

ער איז פון זיך אַליין געווען מאַבסוט, גלייך ער וואָלט אינסצעניזירט די דאָזיקע סצענע.

און דער דזשיפּ האָט זיך געגליטשט פאָרויס, אין דער געדיכטער פינצטעניש.

דער גדוד האָט געדאַרפט אַראָפּגיין פון די מישלטים דעם 18־טן אויגוסט. פאַר דעם אָוונט זענען באַשטימט געוואָרן מסיבות פאַר אַלע גדודישע פלוגות אין לאַגער. אריה שפּאַק האָט געהאַט אַן אַמביציע איינצואָרדענען פאַר די „שמשון־פיקסן״ אַ מסיבה, וואָס זאָל שטעלן אין שאָטן די מסיבות פון די איבעריקע פלוגות. דעריבער האָט ער מיך און שלום כהנען געשיקט אין לאַגער אַריין צוויי טעג איידער די פלוגה וועט צוריק, כדי צוצוגרייטן אַ פאַסיקן „פּראָגראַם״.

איך האָב אויסגענוצט די צוויי טעג אָנצושרייבן אַן ערנסטן איינאַקטער. זינט

אַ צייט האָב איך זיך אָנטקעגנגעשטעלט דעם כאַראַקטער פון די מיליטעריש־ברופעס, וואָס האָבן זיך באַמיט אַנשטאָפּן די זעלנער מיט „פּאַרוויילנדיקע־פּראָגראַמען, נישט אַרויפברענגנדיק פאַר זיי די ערנסטע פּראָבלעמען פון זייער־לעבן. די קולטור־אָפּטיילונג ביים מיליטער, וואָס האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט דערוויטערונג פון דעם קאַמף־זעלנער און מיט איר אומפּעאיקייט צו רעדן צום האַרצן פון פראָנט, האָט געהאַלטן, אַז דעם זעלנער טאָר מען נישט ווייזן דאָס איבערלעבעניש, אין וועלכן ער לעבט. איך האָב געוואָלט צונישט מאַכן די סברה און האָב אָנגעשריבן אַ „טראַגיש" ספּעקטאַקל אין מיניאַטור — „די געבורט פון אַ גיבור".

עס איז אָבער געשען, ווי עס קאָן געשען ביים מיליטער — די „אַקטריסע", וואָס האָט געדאַרפט שפּילן די הויפּטראָלע, איז געווען די טעלעגראַפּיסטין און האָט געהערט צום פלוגה־שטאַב. אין לעצטן מאָמענט האָט זיך דער קאָמאַנדיר פון שטאַב אָנטקעגנגעשטעלט איר אויפטריט אין אַ „פרעמדער" פלוגה. דער איינאַקטער איז נישט אויפגעפירט געוואָרן (אַ לענגערע צייט נאָכדעם האָב איך אים צונויפגעגאָסן מיט צוויי דערציילונגען, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אין ג׳סיר אין איין גרעסערער פּיעסע — „דזשיפּ נומער 5").

דעם לעצטן טאָג פאַר דער מסיבה האָט פּאַסירט אַ זאַך, וואָס האָט אונדזער מסיבה געגעבן אַ מער דראַמאַטישן כאַראַקטער איידער יעדע אַנדערע פּיעסע — די דזשיפּן זענען אַלאַרמירט געוואָרן אריבערצופירן אַ צווייטן טראַנספּאָרט אין נגב אַריין, דער טראַנספּאָרט האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַ פיינטלעכן לויער אויפן פּלאַץ, וואו מיר זענען אַרויף אויף אַ מינע בעתן ערשטן טראַנספּאָרט. אין קאַמף האָט זיך אַנטוויקלט איז דער טראַנספּאָרט געצוואונגען געווען זיך צוריקציען אין באַזע, בעת דער שפּיץ־אָפּטייל פון די דזשיפּן איז אָפּגעשניטן געוואָרן און איז ווייטער געפאָרן צום נגב. אַ קלאַנג איז געווען, אַז עטלעכע אירע מענטשן זענען פאַרוואונדעט געוואָרן.

ווען די מסיבה האָט זיך אָנגעהויבן זענען דערביי געווען צענדליקער געסט, וואָס זענען געקומען פון תל־אביב, די פאַרוואונדעטע פון דער פלוגה און אַנדערע געלאַדענע — אָבער מער ווי אַ העלפט פון די פלוגה־מענטשן האָט געפעלט. עס איז אונדז צוגעזאָגט געוואָרן, אַז מען וועט זיי צוריקברענגען נאָך די נאַכט מיט עראָפּלאַנען. אַזוי ווי אין דער נאָענט איז געווען אַ פלי־פּלאַץ, וואָס האָט געווירבלט מיט באַוועגונג, פלעגן מיר הערן יעדע פאַר מינוט דאָס מאָטאָר־זשומען פון אַן עראָפּלאַן וואָס דערנענטערט זיך. אַלע האָבן מיר זיך איינגעהערט — די „אַרטיסטן" אויף דער בינע און דער „עולם" — און געוואַרט, אַז אָט אָט ווייזן זיך די חברים. זיי האָבן זיך אָבער נישט אומגעקערט יענע נאַכט.

פונדעסטוועגן איז די מסיבה געלונגען. מ. זעירא האָט צום ערשטן מאָל געגעבן די נייע מעלאָדיע פון דעם פּיקסן־ליד, שלמה גריימאַן און שלום כהן האָבן

געגעבן אייניקע סקעטשן, וואָס זייער הויפּט־ציל איז געווען אָפּצושוזקן פון די הינטערלאַנד־אָפיצירן, איך, ווידער, האָב געליינט אַ קליין ליד געווידמעט אונדזערע ראַדיאָ־טעלעגראַפיסטן, וואָס אויך דאָס איז געבוירן געוואָרן אין ג׳סיר.

15־טער אויגוסט, 1948, ג׳סיר.

א ראמאן דורכן ראדיא

ער איז געווען דאָר ווי אַן אַנטענע,
ווי אַ ברען געערדט גאָר „פּליסיק״.
זי, אַ שאַטינקע, געווען אַ קליינע,
איר קול — ווי אַ פידעלע זיסיק.

ער האָט געזאָגט איר: „האַלאָ, לאה צוויי —
כ׳לעבן, איך ליב דיך — אַריבער!״
זי האָט געזאָגט אים: „האַלאָ, לאה צוויי —
חזר־איבער — איך בעט — חזר־איבער!״

ער האָט געזאָגט איר: „האַלאָ לאה צוויי —
די ליפּן ביי דיר — אַ פּאָר קרעלן״.
זי האָט געזאָגט אים: „האַלאָ לאה צוויי —
אין אָרדענונג; דו ביסט מיר געפעלן״.

ער האָט געזאָגט איר: „האַלאָ לאה צוויי —
גיב זיך אויס, דיין נאָמען לאָז הערן״.
זי האָט געזאָגט אים: „האַלאָ לאה צוויי —
יאַ־שייך! ס׳איז אַ סוד, מיליטעריש״.

ער האָט געזאָגט איר: „האַלאָ לאה צוויי —
כ׳וואָלט גערן מיט דיר זיך געטראָפן״.
זי האָט געזאָגט אים: „האַלאָ לאה צוויי —
נישט געכאַפּט, יאַ־חבוב, נישט געלאָפן״.

אַזוי גערעדט אַ שעה און צוויי,
ביז די באַטעריע איז אויסגערינען.
נאָר, עס דאַכט מיר, דערווייל האָבן זיי
אַ צווייטע פאַרבינדונג געפונען.

זעקסטער קאַפּיטל.

פראָנט - מוראשקעס

די שווערע פאַרלוסטן פון די עלף קאַמף־טעג צווישןביידע איבעררייסן האָבן נישט ווייניק געטראָפן דעם נידעריקן קאָמאַנדיר־באַשטאַנד. אַ סך מם־כפן און אונטער־מם־מעמען זענען געפאַלן. אין אַלע גדודים פון דער חטיבה איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ חטיבישער קורס פאַר גרופּן־קאָמאַנדירן און קאַמף־סמלים. זיטן פּראָגראַם האָט דער קורס געדאַרפט דויערן דריי חדשים און אַרומנעמען במעט אַלע ענינים, וואָס זענען געלערנט געוואָרן ביז איצט בלויז אויף אַן אָפיצערן־קורס.

אויסער איינצעלע, וואָס האָבן נישט פאַרטראָגן, אַז מען נעמט זיי „שלייפן", זענען אויף דעם קורס געגאַנגען די מיינסטע אַלטגעזעסענע פון דער חטיבה. די בעסטע קאַמף־זעלנער פון גבעתיס גדודים האָבן זיך באַגעגנט אין זיינע געצעלטן — מענטשן, וואָס זענען נישט בלויז געבליבן לעבן נאָך צענדליקער שלאַכטן, נאָר האָבן אויך אָפּגעשטופּט פון זיך יעטוועדן רייץ זיך איינצואָרדענען אין הינטערלאַנד. דאָס איז געווען אַ קעמפער־געזעלשאַפט, אַ באַוואוסטזיניקע, מענטשן וואָס זענען געקומען פון קאַמף און האָבן געוואוסט, אַז זיי וועלן צוריקקומען אין פראָנט אַריין.

5־טער סעפּטעמבער, 1948, מם־כפן־קורס.

א שולע פאַר קאמף-קאמאנדירן

עס איז די שעה פון אויסלעשן דאָס ליכט. די מענטשן ליגן אויף זייערע געלעגערס, צעבראָכן נאָך אַ טאָג פאַרמאַטערנדיקע איבונגען. די מוסקולן טוען וויי. אין משך פון חדשים זענען זיי „צעפּיעשטשעט" געוואָרן אין קאַמף און אין די קאַמף־באַזעס, און אָפּגעוואוינט זיך פון דעם איבונגס־רעזשים.

די צוויי, וואָס דאַרפן אַרויסגיין אויף שמירה נעמען זייערע ביקסן און בורטשענדיק און שעלטנדיק מיט די בעסטע זעלנערישע קללות פאַרלאָזן זיי דאָס געצעלט.

„סאַראַ שוואַרצע נאַכט", מורמלט ווער, „ממש ווי אין אישדוד..."
„וואָס?", דערהערט זיך אַ קול פון צווייטן עק געצעלט, „אויך דו ביסט געווען אין אישדוד? אין וועלכן פליגל?"

עס אַנטוויקלט זיך אַ וויכוח איבער דער אַקציע. אין לויף פון געשפּרעך שטעלט זיך אַרויס, אַז נאָך צוויי פון די אַנוועזנדע האָבן אָנטייל גענומען אין דער דאָזיקער אַקציע. מען הייבט אָן צו דערציילן מעשיות וועגן יענער נאַכט. דער מענטש, וואָס האָט געשטורעמט פונעם צפון־פליגל האָט זיך אָנגעשטויסן אָן דעם בחור, וואָס איז געלעגן אין מערב־פליגל. ביסלעכווייז שטעלט זיך צוזאַמען אַ קלאָר בילד פון דער אַקציע, אָן אַלגעמיין בילד.

דאָס איז דער כאַראַקטער פונעם וויכוח אינעם געצעלט — ער הייבט זיך אָן מיט אַ צ׳יזבאַת, און נישט פּילנדיק גייט ער איבער צו אָן אַנדערן סטיל. עס דעקן זיך אויף די פעלערן וואָס זענען געמאַכט געוואָרן, עס קומען אַרויס די דערגרייכונגען וואָס מען האָט דערגרייכט, עס ווערן איזאָלירט די געשטאַלטן פון די קאָמאַנדירן וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער אַקציע.

ווייל דאָ, אין דעם געצעלט, וואוינען נישט קיין פּשוטע קאַמף־זעלנער. דאָ געפינען זיך יענע, וואָס דער פראָנט האָט זיי געשיקט, כדי זיי זאָלן מאַרגן קאָמאַנדירן אין קאַמף — דאָס איז אַ שולע פאַר קאַמף־קאָמאַנדירן.

נישטאָ קיין קאַמף אויפן דרום־פראָנט, וואָס האָט נישט געהאַט זיין פאַרשטייער אין דעם געצעלט. צווישן די צען יונגטלעכע דאָ, זיי זענען אומעטום געווען, אַלץ געזען. אַלס פּשוטע זעלנער און פוס־גייער־אַרמיי, אין די פּלוגות פון בייהילף געווען, אין די פּאַנצער־ און שיפן־איינהייטן. זיי זענען אין קאַמף דערצויגענע.

אַ קאַמף־איבונג — דו שפּרינגסט פון דיין אָרט, לויפסט אַ פּאָר שריט, לייגסט זיך אַוועק, קריכסט אין דער זייט. פון רעכטס לויפט די מאַשין־געוועהר־איינהייט, פאַרכאַפּט אַ פּאָזיציע און הייבט אָן „קלאַפּן". און פּלוצים פאַרגעסטו די סביבה, און פאַר דיינע אויגן קומט אויף אַן אַנדערע לאַנדשאַפט: דיר מוחייסין, די ערשטע טעג פון דער נחשון־אַקציע, רייען לאָזן זיך, פליגל־פייער פון דעם שונאס שנייפערס, דאָס מאַשין־געוועהר פון לינקס שמידט עס צו, דו שפּרינגסט אַרויס...

דו זיצסט אין געצעלט ביים לערנען, דו האַלטסט אַ העפט און אַ בלייפעדער, און אַ באַברילטער אָפיצער צייכנט דיר אָן אויף אַ שוואַרצער טאָוול די הייך־ליניעס פון אַן אויסגעטראַכטער לאַנדשאַפט. אָט

איז אַ געוועלבטער אַראָפּגאַנג, אָט איז אַ טאָל, און דאָ גייט דורך אַ געשלענגלטער וואַדי. און פּלוצים, געפינסטו זיך ווידער אין אַן אַנדערער וועלט, אַרום דיר אַ טיף פינצטערע נאַכט, דו קומסט צוריק פון אַ קאָמאַנדאָ־אַרבעט אין שונאס געביט. און אָט דערפילסטו, דו האָסט פאַרלוירן דעם וועג. דיין דזשיפּ גליטשט זיך שטיל אין דער פינצטערניש, שטויסט זיך אָן אָן אַ וואַדי, האַקסט אים איבער. ביים ליכט פון אַ פאַרטונקלטן לעמפּל כאַפּסטו אַ קוק אויף דער מאַפּע, זוכסט די וואַדי אויף דער מאַפּע, דו זוכסט דעם צפון־שטערן אין הימל, הייבסט די אַקסלען און פאָרסט ווייטער. ס'קאָן זיין וועסט אָנקומען, און ס'קאָן זיין אַז נישט. און צום סוף קומסטו דאָך אָן און דיינע חברים, וואָס האָבן דערווייל געזאָרגט וועגן דיין גורל, כאַפּן דיך אַרום, ווי עס כאַפּט אַרום אַ מאַן זיין פרוי נאָך אַ לענגערן צעשיידט זיין...

ס'קאָן זיין, אַז אין דעם איז דער חילוק צווישן דעם קורס און צווישן יענע, וואָס זענען געווען פאַר אים. זיינע שילער זענען אַלטע קעמפער. יעדער איינער איז זיין עקזאַמען דורכגעגאַנגען אין פאַרצווייפלטע קאַמף־לאַגעס, און האָט אויסגעהאַלטן. אויך די אינסטרוקטאָרן זענען אַלטע קעמפער, און זיי פאַרמאָגן אַ בוך, וואָס שטייגט איבער יעדער לערן־בוך — דאָס בוך פון קאַמף־פּראַקטיק פון דער צבא ההגנה, וואו עס זענען פאַרשריבן די נצחונות און די מפּלות, די דערגרייכונגען און די פעלערן.

די מענטשן, וואָס זענען געקומען אין לאַגער זיך „דורכשלייפן", זענען געקומען מיט אַ פולן באַוואוסטזיין. נישט די ראַנגעס ציען זיי — זיי ווייסן, אַז אין קאַמף איז וויכטיק דער מענטש, נישט דאָס בענדל. ס'קאָן זיין, אַז אַ סך פון זיי האָבן געקאָנט זיך „איינאָרדענען" אין הינטערלאַנד, ווען זיי וואָלטן געוואָלט. זיי ווייסן גוט ווי אכזריותדיק עס איז די אחריות פונעם קאָמאַנדיר אין קאַמף. און פונדעסטוועגן האָבן זיי אויסגעקליבן דעם וועג. אויב דו וועסט זיי זאָגן, אַז זיי האָבן ליב דעם קאַמף, וועלן זיי דיך אָנקוקן ווי אַ משוגענעם. אויב דו וועסט זאָגן, אַז ס'האָט זיך זיי פאַרגלוסט ראַנגעס, וועלן זיי שמייכלען איבער דעם, ווי אַ מענטש איז בכלל מסוגל אַזוינס צו ברענגען אויפן געדאַנק. נאָר נאָך וואָס זענען זיי געקומען, נאָך אַלעמען? עפּעס האָט זיי געשטויסן, עפּעס וואָס עס איז שווער צו דערקלערן — אַ מין פאַרהוילענע גאווה פון אַ קאַמף־מענטש, דאָס וואָס איז טיף באַהאַלטן, טיף אונטער די שיכטן פונעם שוויץ און צ'יזבאַת, אַ ביסל אחריות־געפיל, אַ מין נישט קלאָרן באַוואוסטזיין, אַז אַזוי פּאַסט פאַר אַן אָנשטענדיקן מענטש. און זאָל דער רוח נעמען די גאַנצע וועלט.

זיי זיצן אין גרויסן געצעלט. זייערע פנימער זענען מיד און אפגעבערענט, זייערע אויגן זענען איינגעשפיזט אין פנים פון דוד שני, דער קאמאנדיר פון קורס, דעם פארטיידיקער פון עיבדיס, וועלכער רעדט אויף א טעמע וואס הייסט „אנפירערשאפט“, און דו, וואס דו ווייסט, אז מארגן וועלן די זיין די פאראנטווארטלעכע פארן לעבן פון הונדערטער יוגנטלעכע אין קאמף, פרעגסט זיך: צי וועלן זיי קאנען? צי וועלן זיי אויסהאלטן דעם פרווו? און דו קאנטראלירסט אין פנים נאכן אנדערן און זאגסט זיך: יא, זיי וועלן אויסהאלטן.

אן אטמאספער פון ערנסטקייט האט געהערשט אויף דעם קורס. יעדער איינער פון אונדז האט געפילט ווי גרויס עס איז די אחריות, וואס ער וועט אויף זיך נעמען נאכן ענדיקן די איבונגען — די אחריות פאר מענטשן אין קאמף. יעדער איינער האט געפרווט פאר זיך צו צייכענען דעם טיפ אידעאלן קאמאנדיר, יעדער איינער האט געוואלט פאר זיך קלאר מאכן ווי אזוי ער וועט זיך פירן ווען עס וועט קומען די צייט. נאך א שווערן אויגוסט־טאג, ווען מיר זענען געלעגן אויף אונדזערע געלעגערס אין די געצעלטן, האבן מיר צווישן זיך דיסקוטירט וועגן דעם. און פאמעלעך האט זיך אויסקריסטאליזירט אין די דיסקוסיעס די געשטאלט פון א פאלקסטימלעכן קאמאנדיר, אן אנפירער און א פריינט, זעלבשטענדיק פאר זיינע ממונים — א קאמאנדיר מיט אלע אייגנשאפטן, וואס צייכענען אויס די חטיבה ווי א קאמף־חטיבה.

מיט א צייט צוריק, נאכן טויט פון מנחם בראצקי אין עיראק־סואידאן, האב איך אנגעשריבן א דערציילונג וועגן א טיפ פון א קאמאנדיר, וואס איז באליבט ביי זיינע מענטשן. איצט האב איך די דערציילונג אויפסניי אנגעשריבן, און געפרובט אויסדריקן מיינע געדאנקען וועגן דעם כאראקטער פון אן אמתן קאמף־קאמאנדיר.

16־טער טעפטעמבער, 1948, מעם־כפן־קורס.

דעם מג״ד׳ס ווארענונג

„איך ווייס נישט ווי ער מאכט עס“, האט געזאגט ישראל, דער מ. מ., מיט קנאה און פארוואונדערונג. „ווען מיינע מענטשן דארפן ארבעטן אין קיך, זענען זיי אלע קראנק, און ביי אים וואשן זיי די כלים און זינגען. ביי מיר דארפן דריי מ״ם־כפ׳ן ארויסשלעפן די מענטשן פון די בעטן אינדערפרי, און ביי אים שפרינגען זיי אויף, אקוראט זיי זאלן בענקען נאך א פרימארגן־לויף. א כישוף־מאכער, כ׳לעבן!“.

„איך זאָג אייך״, האָט זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך שמואל, דער מ. פּ. „ער העצט די מענטשן. ער מאַכט זיי פּשוט קאַליע. ווייסט איר וואָס ער האָט נעכטן געמאַכט? ער האָט געגעסן צוזאַמען מיט די פּשוטע זעלנער און איבערגעלאָזט די מ״ם־כפּן אַליין ביים טיש פון די קאָמאַנדירן״.

שמואל, דער מ. פּ., האָט אויפגעהויבן זיין האַנט אַן אויפגעצערגטער. ער האָט זיך שטענדיק אויפגערעגט רעדנדיק וועגן מנשקען. הייסט עס, ער האָט זיך אויפגערעגט די גאַנצע צייט פון זיין אין אָפיציר־קלוב, ווייל קיינמאָל האָט ער דאָרט נישט גערעדט וועגן עפּעס אַנדערש.

דער מנשקע, דער רוח זאָל אים נעמען! ר'האָט זיך אויסגעפונען אַ ניי סיסטעם פון באַפעלן און פייפט אויף דער וועלט. אמת, זיינע חברים וועלן נישט אַפּלייקענען, אַז זיין אַפּטייל איז געווען דער בעסטער אין קאַמף, אַז ער האָט זיך געוואָרפן אויפן שונא גלייך ער זאָל האָבן אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט מיטן מלאך המות ער זאָל אים נישט טשעפּען. אָבער נאָכן קאַמף האָט מנשקע געגעבן זיין אַפּטייל פּריווי־לעגיעס נישט צו גלויבן.

„דאָס קאָן זיך ווייטער נישט ציען״, האָט שמואל געזאָגט, און האָט אויפגעהויבן זיין קול, כדי דער מג״ד, וואָס איז געזעסן אין צווייטן ווינקל אין אָפיצירן־קלוב, זאָל הערן. „דער מענטש ברענגט אונדז אַריין אַ דעמאָראַליזאַציע. עס איז אוממעגלעך צו צעפּיעשטשען די פּשוטע זעלנער עס זאָל זיך נישט נוקם זיין...״

דער מג״ד האָט אַ ביסל אויפגעהויבן די ברעמען און געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי ער האָט נישט געהערט. ער האָט נישט ליב געהאַט שמואלן, דעם פעטלעכן קאָמאַנדיר פון דעם פלוגה־שטאַב, וואָס איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אין קאַמף. דער גערוך פון הינטערלאַנד האָט זיך פון אים געשפּירט, און ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך פאַרפּוצט מיט די נייע בענדער אויף די אַקסלען. אָבער אין דעם פאַל האָט ער רעכט געהאַט.

ס'איז קיין ספק נישט, דער מנשקע טרייבט שוין איבער. מילא, אויב עס פּאַסט אים נישט זיך צו באַווייזן אין אָפיצירן־קלוב, און אַנשטאָט דעם פאַרברענגט ער זיין צייט מיט די זעלנער — זאָל אים וואויל באַקומען. אָבער אַנדערש איז דער פאַל, וואָס האָט פּאַסירט צוריק מיט אַ וואָך — מנשקע איז ארויס מיט זיין אַפּטייל אויף איבונגען, כאָטש לויטן פּראָגראַם איז געווען אַן אָוונט פון אָפּרו אין לאַגער. און דער קאָנטאַקט־אָפיציר האָט געמאָלדן דעם מג״ד, אַז די

„איבונגען“ האָבן זיך פאַרענדיקט אויפן מוגרבי פּלאַץ אין תל־אביב.

פאַר וואָס האָב איך נישט געמאַכט קיין אויספאָרשונג? האָט דער מג״ד זיך אַליין געפרעגט. אָ, יאָ, כ׳האָב זיך דערמאָנט — צומאָרגנס איז די פלוגה אַרויס צו אַן אַקציע, און מנשקעס אָפּטייל האָט מיט שטורעם דעראָבערט דעם מישלט 27. דאָס איז געווען אַ שיינע אַרבעט. צוויי זענען געפאַלן און מנשקע אַליין האָט געכאַפּט אַ ריץ אין קאָפּ. נאָך דעם, האָט נישט געהאַט קיין טעם צו מאַכן אַן אויספאָרשונג.

שטענדיק האָט ער אַזאַ מזל, האָט דער מג״ד געדענקט. מען האָט אים געכאַפּט ביי עבירות, מען וויל מאַכן אַן אויספאָרשונג אָדער אַ משפט, אָנשטאָט דעם גייט ער אַרויס צו אַ דזשאָב, פירט דורך עפּעס אַ ספּעציעלע אָפּעראַציע, און דעמאָלט, פאַרשטייט זיך, קאָנסטו אים גאָרנישט מאַכן, הינטישער זון, וואָס ער איז.

*

עפּעס האָט געשטערט דעם שטראָם געדאַנקעןביים מג״ד. פריער, האָט ער נישט געוואָוסט אין וואָס עס גייט, אָבער פלוצים האָט ער דערפילט, אַז אַלע געשפרעכן האָבן זיך איינגעשטילט.

מנשקע איז געשטאַנען אין דער טיר, צו יעדן געשמייכלט, גלייך זיין דערשיינען דאָ זאָל האָבן געווען אַ געוויינלעכע, אַ טאָגטעגלעכע זאַך, ער איז צוגעגאַנגען צום מ. פ. זיינעם און גענומען אים פרעגן אַ פּאָר פראַגן אין שייכות מיט דער מאָרגנדיקער אַקציע. אין זיין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ מאַפּע אין פאַרשידענע קאָלירן.

שמואל האָט דער ערשטער זיך אויפגעכאַפּט פון שטוינען. מיט אַ היפשער אָנשטרענגונג האָט ער אַרויפגעבראַכט אויף די ליפּן אַ געמאַכטן נאַרישן שמייכל, צעעפנט זיינע פעטלעכע אָרעמס און זיך דערנענטערט צו מנשקע׳ן.

„ברוך הבא“, האָט ער געשריגן, „ברוך הבא, מנשקע! האָסט אונדז ענדלעך באַשלאָסן מכבד צו זיין מיט דיין אָנוועזנהייט, האַ? זיץ, ביטע, פיל זיך ווי אין דער היים. ווילסט אפשר אַ גלאָז טיי?“ און מיט אַ גראַציעזער באַוועגונג האָט ער גערופן דאָס מיידל וואָס האָט דאָ, אין דעם הייליקן פּלאַץ, באַדינט די אָפיצירן.

„ניין, אַ דאַנק“, האָט מנשקע קורץ געענטפערט. „איך בין בלויז געקומען קלאָר מאַכן אַ פּאָר איינצלהייטן. דוכט מיר, אַז די מאַפּע איז נישט גענוי... איך וויל נאָך ענדיקן היינט אַן אינטערעסאַנט בוך וועגן דער נייער טאַקטיק פון טאַנקען־קאַמף“. דאָס איז געווען איינס פון מנשקעס אויפרעגנדיקע מנהגים צו לייענען פרעמד־שפּראַכיקע ביכער וועגן דער מלחמה־וויסנשאַפט, בעת זיינע חברים האָבן זיך

מיט שווערער מי קוים געקאָנט קאָנצענטרירן אויף צו לייענען די „מערכות".

שמואל האָט זיך אָנגעבלאָזן. קלאָר געווען, אַז ער גרייט זיך צום אַנטשיידענעם זעץ. „אַ שאָד, באמת אַ שאָד", האָט ער געזאָגט מיט אַ פּילדייטיקן אויסדרוק. „מיר האָבן אַלע געוואָלט, זאָלסט אונדז דערקלערן, פאַרוואָס דו עסט צוזאַמען מיט די פשוטע זעלנער ביי איין טיש. דאָס וואָלט אונדז געווען זייער אינטערעסאַנט. אפשר וואָלטן מיר דערפון עפּעס געלערנט..."

דאָס טשעפּען האָט זיך איינגעגעבן. מנשקע איז רויט געוואָרן, און די שראַמע אויף זיין שטערן האָט באַקומען דעם קאָליר פון אַן אונטערגייענדיקער זון. „אַלזאָ, דאָס איז עס וואָס ס'פּאַרדריסט אייך? אַז איך עס מיט די פשוטע זעלנער? פשוטע זעלנער, וואָס?" אַ ווײַלע האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער וועט פאַרלירן די הערשאַפט איבער זיך. אָבער זיין קול האָט געקלונגען בלויז שטילער און ווערן.

„ביסט געווען אין עיבדים? אַנטשולדיק, כ'האָב פאַרגעסן, אַז דו האָסט געהאַט אַ וויכטיקע אויפגאַבע אין בית ראַמאַנאַ אין תל־אביב*). איך בין דורך אַ צופאַל דאָרט יאָ געווען. עס איז געווען גאַנץ אומאַנגענעם, גלויב מיר, עס איז געווען אַ גיהנום. האַרמאַטן, מאָרטערס, עראָפּלאַנען, טאַנקען, איין שטורעם נאָכן צווייטן. און אויפן בערגל זענען געווען אַכציק זעלנער. דאָס הייסט, אינדערפרי זענען געווען אַכציק, אין אָוונט זענען געבליבן בלויז צוואַנציק, און צומאָרגנס אינדערפרי זענען ווידער געקומען אַכציק, און זיי האָבן געוואוסט, אַז ביזן אָוונט וועט פון זיי פאַרבלייבן בלויז צוואַנציק. און פונדעסטוועגן זענען זיי געגאַנגען, און פאַרבליבן. און אַזוי האָט זיך עס געפירט גאַנצע פיר טעג.

„פאַרוואָס? פרעג איך אייך, פאַרוואָס? צי האָבן זיי זיך נישט געקאָנט אַרויסדרייען? יעדער מענטש, וואָס האָט מורא פאַרן טויט קאָן זיך שוין ווי עס איז אַרויסדרייען. אָדער אפשר זענען זיי פאַרבליבן צוליב אייער „באַלשיט", דאָס וואָס איר רופט אַן דיסציפּלין? גלייבט מיר, דאָס אַלץ פאַרשווינדט, ווען דער ערשטער שראַפּנעל צעפּלעט דעם קאָפּ פונעם חבר אין שוץ־גרוב. אָדער אפשר, מיינט איר, האָבן די „ציוניסטישע" רעדעס פונעם קולטור־אָפיציר געווירקט? דאָס איז אויסגעוועפּט געוואָרן אין ערשטן קאַמף אין וועלכן ער האָט זיך נישט באַטייליקט.

*) דאָס הויז, וואו ס'געפינען זיך די מיליטערישע אַמטן.

„טאָ וואָס האָט זיי דאָרטן געהאַלטן אין דעם גיהנום? איך וועל אייך זאָגן וואָס — די פּשוטע אָנשטענדיקייט פונעם מענטש, דער זעלבסט־כבוד פונעם פּשוטן זעלנער, יאָ, פונעם פּשוטן זעלנער. ער האָט זיך נישט אַרויסגעדרייט און איז נישט אַנטלאָפן פונעם טויט בלויז דערפאַר וואָס ער האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן זיין חבר אין סכנה, פאַרפלעקן דעם נאָמען פון זיין איינהייט, פּשוט ווייל ער האָט געהאַט אַ שטיקל געוויסן. דאָס איז אַלץ.

„און אַט קומט איר, חכמים, וואָס איר זענט, און צעשטערט די פּערזענלעכקייט פון דעם פּשוטן זעלנער, זיין זעלבסט־כבוד, דאָס אַלץ, וואָס האַלט אים אין גיהנומדיקן פייער. איר מאַכט אים פאַר אַ מאַשין, וואָס באַוועגט זיך לויט אייערע באַפעלן, און ס'דוכט זיך אייך, אַז איר האָט איינגענומען די וועלט. אָבער אויב עס וועט מאָרגן זיין אַ צווייט ציבדיס און מען וועט באָמבאַרדירן די דאָזיקע מאַשין אין משך פון 24 שעה און מען וועט זיך אויף איר לאָזן מיט טאַנקען, וועט זי זיך צעטרייסלען און צעפאַלן. קיין זאַך וועט אַזעלכע מענטשן נישט האַלטן אין קאַמף. איר הערט? נישט דער „באַלשיט" אייערער און נישט דאָס שטיין אויסגעגלייכט פאַר אייך, און נישט דאָס סאַלוטירן אייערס און נישט די בלעטער אייערע".

איז קלוב האָט געהערשט אַ פולשטענדיקע שטילקייט, ווי אין אַ גלחים־ראַט, וואָס הערט אויס אווידוי פון אַ כופר. מנשקע האָט זיך זיך דערנענטערט צו דער טיר, אָבער איידער ער איז אַרויס האָט ער זיך אויסגעדרייט, געכאַפּט אַ בליק אויף די דערשטוינטע פּנימער פון די אָפיצערן און צוגעגעבן:

„צוריק מיט אַ חודש אין אישדוד בין איך איבערגעבליבן אַ פּאָר הונדערטער אין פעלד, פינף מעטער פאַר די מצרישע ליניעס. פיר פּשוטע זעלנער, גאַנץ פּשוטע, האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן מיך פון דאָרטן אַרויסצוציען. איינער פון זיי איז פאַרוואונדעט געוואָרן. גאָט זאָל אויף אייך רחמנות האָבן, אויב איר וועט אַרויס אין קאַמף און מיט אייך וועלן נישט זיין אַזעלכע פּשוטע זעלנער, נאָר אַ באַנדע ראָבאָטן אָן זעלבסט־כבוד..."

*

די צווייטע נאַכט איז דער אָפּטייל אַרויס אויף אַן אַקציע.

די אויפגאַבע איז געווען איינצונעמען אַ באַפעסטיקטן בנין פונעם שונא, איינע פון די גרויסע פּאָליציי־סטאַציעס וואָס די ענגלענדער האָבן איבערגעגעבן די אַראַבער.

מנשקעס אָפּטייל האָט געדאַרפט זיין די ערשטע כוואַליע פון די

דורכברייסער. דער אַפּטייל האָט געדאַרפט קריכן צום פּלויט פון בנין און בעת א געפּאַנצערטע ריי וועט צושמידן דעם שונאס פייער, — אויפרייסן דעם פּלויט און איינגעמען דעם בנין.

די מענטשן זענען געקראָכן כמעט צוויי שעה אין דער פינצטער־ניש. אַן אַנדערער אַפּטייל וואָלט מיד געוואָרן און זיך געלאָזט שפּרינגען. אָבער מנשקעס מענטשן זענען געווען איינגעוואוינט צו קריכן פון די אָן סופיקע איבונגען, און דעריבער זענען זיי געגאַנגען צום פּלויט כמעט אָן פאַרלוסטן — בלויז דריי זענען פאַרוואונדעט און באַנדאַזשירט געוואָרן אויפן פּלאַץ.

האַרט ביים פּלויט האָבן זיך די מענטשן פאַרשאַנצט מיט די עלנבויגנס און מיט די שיך. אויפן פעלד איז נישט געווען קיין נאַטור דעקונג. די קוילן האָבן געזשומעט איבער זייערע קעפּ, די מאַרטערס האָבן געברילט, די מאַשין־געווערן האָבן געקנאַקט. דאָס בלוט האָט געזאָטן, שווער איז געווען צו ליגן אויף דר׳ערד אָן באַוועגונג — די מענטשן האָבן געשטרעבט צום גרויסן שטורעם, וואָס זאָל א סוף מאַכן צו דער דאָזיקער שרעקלעכער געשפּאַנטקייט.

מנשקע איז געלעגן אין דער ערשטער ריי; דער קוריער, דער מאָניטאָר און דער ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט האָט צו אים מיט געשרייען איבערגעפירט די באַפעלן — אין דעם משוגענעם אָרקעסטער איז קיין חשד נישט געווען, דער שונא זאָל דערהערן זיין קול.

„פרעג צי איך קען א שטורעם טאָן", האָט מנשקע געשריגן.

„דער באַפעל איז זיך שוין צוריקציען!" האָט דער ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט געענטפערט אין א סעקונדע אַרום.

תחילת האָט מנשקע נישט געגלייבט וואָס זיינע אויערן הערן, ער איז צוגעקראָכן צום אַפּאַראַט — און זיך איבערצייגט, אַז די מעלדונג איז אַ ריכטיקע. אפשר זענען די פּאַנצערס געטראָפן געוואָרן, און דעריבער האָט דער קאָמאַנדיר פון דער אָקציע באַשלאָסן מבטל צו מאַכן דעם שטורעם.

מנשקע האָט געקאָכט. איצט — צוריק?! בלויז א ווײַלע האָט ער געוואויגן זיין באַשלוס. ער האָט זיך דערנענטערט צום ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט און אַריינגעשריגן אים אין אויער.

„האָסט נישט געהערט! קלאָר?"

„נייך" האָט דער טעלעגראַפיסט געזאָגט.

„איך בין טויב. דו ביסט פאַרוואונדעט געוואָרן. דער אַפּאַראַט איז קאַליע געוואָרן! קלאָר?"

„נייך"! האָט דער טעלעגראַפיסט געזאָגט.

„גיי צו מיין טאַטנס־טאַטנס־טאַטן...“ האָט מנשקע געזאָגט, און געגעבן אַ צייכן די שעדיקער אויפצורייסן דעם פּלויט כּדי צו מאַכן אַ וועג צום שטורעמען.

*

אינדערפרי האָט מען איבערגעביטן דעם אָפּטייל אין דעראָבערטן בנין. די געהרגעטע, די פאַרוואונדעטע און די געפאַנגענע האָט מען געשיקט אין הינטערלאַנד, און מנשקע מיט זיינע מענטשן איז צוריק־געגאַנגען אין דער באַזע, אַלע אָנגערעגט פונעם נצחון. דער פּאָליציי־בנין איז געווען אַ וויכטיקער סטראַטעגישער פּונקט, און דריי אָנגריפן אויף אים זענען געווען דורכגעפאַלן.

„אַ, דאָ ביסטו“. האָט דער מ. פּ. געזאָגט, „דער מג״ד האָט שוין אויף דיר געפרעגט פינף מאָל היינטיקן אינדערפרי. דו דאַרפסט זיך פאַר אים צושטעלן באַלד“. און אין זיינע אויגן איז געווען אַ ספּעציעלער קוק, וואָס האָט געזאָגט: „איך באַדויער, ליבער, אָבער מיליטער איז מיליטער, און וואו וועלן מיר דערגיין, אויב יעדער וועט טאָן וואָס עס געפעלט אים?“

ווען מנשקע איז אַריין צום מג״ד, האָט ער געוואוסט, אַז דער ענין איז שוין דערגאַנגען צום העכסטן פּונקט. איצט וועט נישט העלפן קיין דירוצים. סוף סוף איז געקומען די צייט פאַרן צוזאַמענשטויס צווישן אים, דעם דערצויגענעם אין פּלמ״ח, און צווישן דעם נייעם סיסטעם, וואָס וויל נאָכמאַכן דעם בריטישן מיליטער.

„מנשה יערי“, האָט דער מג״ד געזאָגט (אין קריטישע מינוטן פּלעג ער אָנרופן דעם שולדיקן ביים פולן נאָמען) — „די נאַכט ביסטו באַגאַנגען אַ האַרבע עבירה. האָסט אָנגערירט דעם סאַמע עיקר פונעם מיליטער — די דיסציפּלין. אָן דיסציפּלין זענען מיר נישט מער ווי אַ ווילדע סטאַדע. שטאַנדהאַפטיקייט איז פאַראַן אויך ביי די אַראַבער. אין דער דיסציפּלין איז דער סוד פון אונדזער איבערוואָג. דו האָסט געבראָכן אַ בפירושן באַפעל...“

ער האָט גערעדט כּמעט אַ פערטל שעה, און יעדעס וואָרט איז גע־ווען ווי אַ זעץ איבער מנשקעס קאָפּ. געענדיקט, האָט ער אין זיך גע־טראַכט, מען וועט מיך דעגראַדירן אויף אַ פּשוטן זעלנער. מען וועט מיך אַרויסוואַרפן פונעם מיליטער. מען וועט מיך איינזעצן אין טורמע. אומזיסט געלייענט די אַלע ביכער: מיין מיליטערישע קאַריערע האָט זיך געענדיקט.

„מנשה יערי“, האָט דער מג״ד פאַרענדיקט זיינע רייד, — „לויטן באַפעל פון חטיבה־קאָמאַנדיר גיב איך דיר אַ האַרבע וואָרענונג,

וואָס דו האָסט באַגאַנגען אַ שענדלעכע עבירה קעגן דער דיסציפּלין פון צבא ההגנה לישראל.״

מנשקע איז רויט געוואָרן ווי אַ פּאָמידאָר. אָבער אין האַרצן איז אים אויפגעקומען אַ פונק פון האָפענונג.

דער מג״ד האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ איבער די פּאַפּירן וואָס זע־נען פאַר אים געלעגן, אַקוראַט ער וואָלט געוועזן זייער באַשעפטיקט.

„דרך אגב״, האָט ער צוגעגעבן, „כדי איך זאָל נישט פאַרגעסן — איך האָב היינט אינדערפרי באַקומען אַ באַשטעטיקונג פונעם חטיבה־קאָמאַנדיר וועגן דייך אַוואַנס אַלס פאַרטרעטער פון פלוגה־קאָמאַנדיר״.

אין איינעם אַן אָוונט האָב איך אָרגאַניזירט אויפן קורס אַ „צ׳יזבאַת אָוונט״. איינער נאָכן אַנדערן זענען די חברים אויפגעשטאַנען און דערציילט מיט אַ פּשוטער שפּראַך זכרונות פון שלאַכט־פעלד. זיי האָבן נישט גערעדט צוליב „שוויץ״, נאָר צו לערנען פון דער פּראַקטיק. דער אָוונט איז געווען געווידמעט דער טעמע, וואָס איז אין דעם מאָמענט געשטאַנען אין צענטער פון אונדזער נשמה־וועלט — „דער גוטער קאָמאַנדיר״.

ס׳האָבן אויפגעבליט בילדער — געאײַלטע מינוט־בילדער. די מענטשן זענען פאַרזונקען אין חלומות. די דערציילונגען זענען געוואָרן לעבעדיקע געשעענישן. און אָט האָבן אָפּערגעשיינט פון אונטער די אָפּגעהאַקטע און קוועלנדיקע ווערטער געשטאַלטן פון מענטשן — די קאָמאַנדירן, וועמענס האַלטונג אין שלאַכט־פעלד עס האָט זיך טיף איינגעקריצט אין אונדזער זכרון. דער פאַרוואונדעטער דוד שני, וואָס האָט פאַרטיידיקט עיבדים, אריה קוטשער, וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט אַן אָפּטייל דזשיפּן אין בית־עפּא און איז אַליין געהרגעט געוואָרן, אברהם פולווער־מאַכער — דאָס איז „פולי״ — וואָס איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין לעצטן אַנגריף אויף בית־עפּא און האָט זיך נישט געלאָזט צונעמען ביז מען האָט נישט געראַטעוועט די איבעריקע פאַרוואונדעטע, יצחק פודניק, וואָס האָט זיך געלאָזט בראש פון אַן איינהייט ראַטעווען דאָס לעבן פון זיינע מעטנשן, וואָס זענען אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַראַבער און ענגלענדער אין בית־דאַראַס.

וואָס האָט די דאָזיקע מענטשן אויסגעצייכנט און פעאיק געמאַכט אויסצופירן אַזעלכע לעגענדאַרע מעשים? וואָס האָט אויסגעצייכנט דעם מענטש, וואָס האָט זיי דערצויגן מיט זיין פערזענלעכן ביישפּיל, דעם קאָמאַנדיר פון דער חטיבה? עס האָט זיי אויסגעצייכנט דאָס פּשוטע וויסן, אַז צו זייער באַפעל שטייען נישט קיין „ראָבאָטן״, נישט קיין „קעמפנדיקע מאַשינען״, נאָר לעבעדיקע מענטשן מיט האַרץ און נשמה, מיט זעלבסט־כבוד.

19־טער סעפטעמבער, 1948. מעס־כ״פן־קורס.

פאנפילאווס מענטשן

אויב איר וועט מיך פרעגן, ווער איז צומייינסטן משפיע אויף אויעקשטעלן די גייסטיקע געשטאלט פון צבא ההגנה לישראל, וועל איך אייך ענטפערן אָן וואַקלעניש: אַ קאַזאַכישער גדוד־קאָמאַנדיר מיטן נאָמען באַורדזשאַן מומיש אולי.

ס׳קאָן זיין, אַז צווישן אייך איז פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געהערט וועגן דעם פאַרוואָרפענעם לאַנד — קאַזאַכסטאַן. ס׳קאָן זיין, אַז אונדזער באַורדזשאַן האָט אויך נישט געהאַט קיין סך אויסזיכטן צו זיין אַ גיבור פון צבא ההגנה. נאָר געטראָפן האָט זיך אַ שרייבער וואָס האָט פאַראייביקט זיין געשטאַלט, און ס׳האָט זיך געפונען אַן איבערזעצער, וואָס האָט דאָס בוך איבערגעזעצט. און אַזוי ווי דאָס בוך איז פון דעם מין, וואָס קריצן זיך איין טיף אין דער נשמה פון לייענער, האָבן מומיש אולי און זיין קאָמאַנדיר פאַנפילאָוו דערגרייכט צום מעמד פון גיבורים אין אונדזער מיליטער.

אויב דו וועסט אַנאַליזירן די געשעענישן פונעם בוך מיט אַ קאַלטער אַנאַליז, וועסטו געפינען, אַז אין אים איז נישט געשילדערט קיין אויסערגעוויינלעכע מעשים. אַ גדודישער קאָמאַנדיר „קראַצט צונויף" אין אַ פאַרוואָרפענעם באַצירק אַ גדוד חיילים, איבט זיי איין צום קאַמף און מיט זיי שיצט ער אַ פראָנט פון זיבן קילאָמעטער אין צפשניט פון וואָלאָקאָלאַמסק. די קאַמפן שוידערן נישט אַזוי אויף, קיין איינער פון זיי קאָן זיך נישט גלייכן צום קאַמף איבערן מישלט פון עיבדיס, אָדער צו אונדזער נגבה. וואָס איז עס, אייגנטלעך, וואָס פאַרוואַנדלט דאָס בוך אין אַ שפּאַנענדיקער פּאַבולע, וואָס פאַרכאַפּט די הערצער?

די געשטאַלט פון איין מענטש — דער קאָמאַנדיר פון גדוד.

דער דאָזיקער מומיש אולי באַנוגנט זיך נישט בלויז מיט דעם וואָס ער איז „קאָמאַנדיר". ער שטרעבט צו עפּעס, וואָס איז אַ סך ווייכטיקער. ער שטרעבט און באַווייזט צו זיין אַ פירער.

וואָס איז דער אונטערשיד? ביים קאָמאַנדיר איז פאַראַן אַ רייץ זיך צו באַנוצן מיט די בלעטער, אויף זיינע אַקסל, מיט דער מיליטערישער פּאָליציי, מיט די רעגולאַמינען, וואָס גיבן אים אַן אומבאַגרעניצטע באַפולמעכטיקונג, אומאָפּהענגיק פון זיין פּערזענלעכקייט. דאָס הייסט: ער איז קאָמאַנדיר, און דער זעלנער מוז אים פאָלגן.

בעת אַן אמתער קאַמף־פירער איז אַ מענטש, וואָס נויטיקט זיך נישט אין דעם אַלעמען, אַ מענטש, וואָס ווירקט בלויז מיטן פּערזענלעכן כּוח, מיט כּוח פון זיין פּערזענלעכן פּרעסטיזש, מיטן ביישפּיל, וואָס ער איז פאַר זיינע זעלנער, וואָס צווינגט נישט זיינע זעלנער אויסצופירן באַפעלן, נאָר פלאַנצט איין אין זייער האַרצן דעם ווילן אויסצופירן די באַפעלן.

„אַ גוטער רייטער באַוועגט קיינמאָל נישט די גאַנצע האַנט און אַפילו נישט די דלאָניע... דאָס פערד שלעפּן בלויז חזירים־פּאַסטוכער... אַ גוטער רייטער באַנוצט זיך זעלטן ווען מיט די שפּאָרן... געווענג ער זאָל דאָס פערד באַרירן מיט דער קני, עס זאָל אים באַלד פאַרשטיין". אַזוי זאָגט מומיש־אולי.

און דאָס זענען די אמתע הויכפּונקטן פונעם בוך: דער גדוד־קאָמאַנדיר, וואָס קריכט פון איין פּאָזיציע צו דער צווייטער ביי אַ שרעקלעכער באָמבאַרדירונג, וועלכע דערשלאָגט דעם גייסט פון זיינע זעלנער; דער גדוד־קאָמאַנדיר, וואָס לויפט מיט זיינע מענטשן אויף אַ שטורעם; דער גדוד־קאָמאַנדיר, וואָס דערקלערט, אַז די אויפגאַבע פון זעלנער איז צו לעבן און נישט צו שטאַרבן.

אַזעלכע קאָמאַנדירן האָבן מיר אויך געהאַט. יעדער זעלנער פון פראָנט וועט זיי אָנרופן ביים נאָמען. פאַראַן אַזעלכע, וואָס זענען געוואָרן לעגענדעס ביי זייער לעבן, ווי דער יונגער קאָמאַנדיר אריה קוטשער. עס פאַרלאַנגט זיך אָבער און איז ניצלעך אַ בוך, וואָס זאָל אונטערשטרייכן דעם דאָזיקן פּונקט, וואָס זאָל איינפלאַנצן אין האַרצן פונעם קאָמאַנדיר דעם ווילן צו זיין פירער, פּערזענלעכקייט, ביישפּיל. אין דאָס איז דער פּאָזיטיווער ווערט פון בוך „פּאַנפילאָווס מענטשן".

פּאַנפילאָווס גייסט איז גוט און צוגעפּאַסט פאַר מיליטער. אָבער פּאַנפילאָווס שיטות זענען רוסישע שיטות, צוגעפּאַסט צום רוסישן מענטשן, צו די רוסישע סטראַטעגישע באַדינגונגען, צו דער רוסישער קאַמף־טראַדיציע, זיי פּאַסן זיך אָבער נישט איין אין קיין שום אַנדערער לאַנדשאַפט.

ווען דו וועסט ענדיקן לייענען דאָס בוך און וועסט פאַרגעסן די ערשטע באַגייסטערונג, וועסטו אָנהייבן פאַרדייען דאָס וואָס דו האָסט געלייענט און וועסט זיך איבערצייגן, אַז עס פעלט אינעם בוך איין זאַך: עס פעלט דער זעלנער. עס איז פאַראַן מיליטער, עס איז פאַראַן די איינהייט, אָבער דער זעלנער, דער קעמפנדיקער פּרט, איז נישטאָ.

לאָמיר די זאַך ריכטיק פאַרשטיין. די רויטע אַרמיי איז אַ מאַסן־

מיליטער, אַ מיליטער, וואָס באַוועגט גרויסע מאַסן, וואָס אַלע זיינע סטראַטעגישע און טאַקטישע אויסרעכענונגען צוזאַמען זענען באַזירט אויף דער מעגלעכקייט צו מאַכן אויפמאַרשן, אַפילו מקריב צו זיין מאַסן. דער גייסט פונעם פּרט סטעמפּלט דאָס מיליטער זייער ווייניק. אים סטעמפּלט דער גייסט פונעם כלל, די מעגלעכקייט פונעם כלל. און אויב צו קריסטאַליזירן דעם כלל האָט זיך פאַרלאַנגט מקריב צו זיין די אינדיווידועלקייט פונעם פּרט, איז עס געמאַכט געוואָרן פונדאַמענטאַל און עפעקטיוו. דאָס איז דער גייסט וואָס האָט געבוירן פּאַנפּילאָון.

צי האָט אַזאַ לאַגע עקזיסטירט אויך ביי אונדז? צי קאָנען מיר מוותר זיין אויפן פּרט, אים צעקוועטשן, מאַכן אים פאַר אַ מעכאַנישן שרייפל אין דער גרויסער מאַשין? ניין. אונדזער מיליטער איז אַ קליין מיליטער. אַ מיליטער צוזאַמענגעשטעלט פון אַ דור, וואָס האָט פון זיין געבורט אָן איינגעאָטעמט דעם גייסט פון פרייהייט. אַ מיליטער פון פרייע מענטשן. דאָס איז זיין כוח. יענער אַנטשיידענער קאַמף איבערן קיבוץ נגבה — ווער האָט אים געזיגט? וואָס האָט אין אים געזיגט? אין אים האָט געזיגט דער גייסט פונעם פּרט, פון יענעם זון פון רחובות אָדער ראשון לציון אָדער תל־אביב, וואָס האָט צוליב פּערזענלעכן שטאָלץ, צוליב פּערזענלעכער אַנשטענדיקייט, צוליב דערקענען זיין זעלבסט־כבוד, אויסגעהאַלטן אין אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס עס איז אַ ספק צי אַ זעלנער פון אַן אַנדער פאָלק וואָלט אויסגעהאַלטן, — מיט ביקסן און מאַשין־געווערן אַנטקעגן טאַנקן, מאַרטערס, קאַנאָנען און עראָפּלאַנען.

אויב דו וועסט צעברעכן דעם זעלבסט־כבוד פון דער דאָזיקער זעלנער, פונעם פּשוטן זעלנער, — וועסטו צעברעכן דעם רוקנביין פונעם גאַנצן מיליטער. קיין שום דיסציפּלין, קיין שום מאַשין, קיין שום אָרדענונג און רעגולאַמינס קאָנען אים נישט פאַרבייטן. דאָס איז די טבע פונעם יידישן מענטשן, דעם ארץ־ישראלדיקן, וואָס איז נישט ענלעך צום רוס אָדער קאַזאַכסטאַנער, דעם פויערן־זון, וועלכן מ'האָט געקאָנט באַהערשן דורך שיסן פּחדנים פאַר די אויגן פון דער איינהייט.

אונדזערע קאַמף־פירער זענען נישט געווען אַזעלכע, וועלכע זייסן צו צעטרעטן דעם פּרט, דערנידעריקן אים, צעברעכן זיין ווילן, נאָר אַ זעלכע וואָס ווייסן עס צו פלעגן, אין אים איינפלאַנצן דעם שטאָלץ ווי אַ קעמפער־פּרט און ווי אַ חבר צו אַ קעמפנדיקער

איינהייט, ווען מען האָט געמאַכט פאַר אַ שותף צום מיליטער און צו זיינע דערגרייכונגען. און דאָס קאָן מען נישט לערנען ביי פּאַנפּילאָוון.

דאָס הייסט נישט, אַז מען קאָן מוותר זיין אויף דיסציפּלין. די דיסציפּלין איז נייטיק. דאָס פּאָלגן איז נייטיק. דאָס אויסשמידן איז נייטיק. אָבער דיסציפּלין הייסט נישט באַהערשן. פּאָלגן הייסט נישט זיך אונטערגעבן דעם גדלות־געפיל, אויסשמידן הייסט נישט דרייטן אויפן קאָפּ.

דעריבער, ווען מיר לערנען פון פּאַנפּילאָוון, אָבער לאָמיר אים נישט נאָכמאַכן מיט אויסערלעכקייטן. מיר האָבן אַ יונגע טראַדיציע אָבער אַ געזונטע, וואָס איז געוואַקסן ביים פּלמ״ח, ביי גבעתי און אין די אַנדערע קאַמף־איינהייטן אונדזערע. לאָמיר לערנען, וואָס עס איז ווערט צו לערנען, וואָס עס פּאַסט פאַר אונדזערטוועגן.

אָבער לאָמיר נישט זיין קיין קנעכט צו פרעמדע פאָרמען.

אין איינעם אַ טאָג האָט זיך פאַרוואַלגערט אין לאַגער אריין אַ נומער „הבוקר״, אין וועלכן עס איז געווען אַ דערשיטערנדיקער דאָקומענט — אַ הספּד פון ד״ר רחמילעוויטש איבער זיין זון, יעקב רחמילעוויטש, אונדזער פּלוגה־סאַניטאַר, וועלכער איז געהרגעט געוואָרן אין אישדוד.

און אַזוי לייענט זיך דער הספּד:

דיינע קאָמאַנדירן, זון, האָבן דיך נישט דערמאָנט, דיינע חברים האָבן דיך נישט מספּיד געווען, און די גדודים, אין וועמענס רייען דו האָסט געלעבט לאַנגע יאָרן, זענען נישט געשטאַנען „דום״ פאַר דיין כבוד וועגן. אויך דיינע חברים אין דער אַקציע האָבן דיך פאַרגעסן, אַפילו די וועמענס וואונדן דו האָסט באַנדאַזשירט אויף די שלאַכט־פעלדער, זייער וייטיק געמילדערט און אפשר זייער לעבן געראַטעוועט, און די איוב־בשורה, אַז כ״ו אייר תש״ח (4.6.48) ביסטו געפאַלן אין קאַמף, איז דערגאַנגען צו דיינע עלטערן צופעליק דורך אַ פרייַלין אין גאַס. „עס איז דאָך שוין דריי וואָכן באַוואוסט, אַז אין קאַמף וועגן אישדוד איז יעקב דער סאַניטאַר געפאַלן״, אַזוי, מיט אַ תמימותדיקער פּשטות האָט די פרייַלין דערציילט — —

— — האָב קיין תרעומות און זיי נישט בייז, מיין טייערער זון, איבער אָט דער באַציאונג. עס וועט קומען אַ טאָג און ישראל וועט געזיכערט זיין אויף זיין ערד, וועט דעמאָלט אויפשטיין אַ נייער דור, און מיט ציטער פון קדושה וועט מען דערמאָנען די יעניקע, וואָס האָבן מקריב געווען זייער לעבן פאַר ישראלס באַפרייאונג. דער דור וועלכער וועט אויפשטיין אין דער פרייער מדינת ישראל,

זענט אָפּשאַצן אײערע טאָטן און װעט װיסן, אַז איר, הײליקע גיבורים, האָט געראַטעװעט דאָס ײדישע פֿאָלק.

און איך, דײן צעבראָכענער פֿאָטער, װאָס זאָל איך זאָגן? אַ דענקמאָל װעט ניט באַפּוצן דײן קבר, װײל װאו דײן קבר איז, װעל איך שױן אױף אײביק ניט װיסן, בלױז דײן געשטאַלט, מײן זון, װעל איך טראָגן אין האַרץ ביז צום טױט.

מיט ליבשאַפֿט, דײן פֿאָטער,

ד"ר אליעזר רחמילעװיטש

בעת אַלע טעג פֿון קאַמף זענען אונדזערע געדאַנקען געװען מיט די עלטערן, בראַכטנדיק װעגן דער מעגלעכקײט פֿון פֿאַלן, האָבן מיר ניט געזאָרגט װעגן זיך. מיר האָבן געזאָרגט װעגן די עלטערן. און װען עמעץ פֿון אונדז איז געפֿאַלן, איז אונדזער ערשטער געדאַנק געװען געװידמעט טאַטע־מאַמע. אָבער קײנמאָל האָבן מיר ניט געװאַגט צו באַזוכן דעם געפֿאַלענעמס עלטערן.

איך האָב געפֿילט, אַז עס איז געקומען די צײט אױפֿצוקלערן צו אַלע צע־בראָכענע עלטערן די באַציאונג פֿונעם קאַמף־זעלנער צו זײ, ניט בלױז כדי זײ טרײסטן, נאָר אַװעקנעמען בײ זײ דעם שרעקלעכן חשד, אַז די חברים האָבן פֿאַרגעסן זײערע זין.

22־טער סעפּטעמבער, 1948, מעם־כפ"ן קורס.

א בריװ צו א צעבראכענעם פאטער

פֿאַרשעמט ביזן טיפֿעניש פֿון דער נשמה האָב איך געלײענט די פֿאַרשיטערנדיקע װערטער, מיט װעלכע דו האָסט מספּיד געװען דײן זון, דעם פּלוגה־סאַניטאַר יעקב רחמילעװיטש.

יעקב דער סאַניטאַר....

איך געדענק יענע נאַכט. אַ פֿינצטערע נאַכט. מיט אַ ריזיקער דזשונגל־רײ גײט די אײנהײט פֿאָרױס און רינגלט אַרום די מצרישע פּאַנצער־רײ. מיר גײען דורך אַ טיפֿן װאַדי. דער אױגן־קאָנטאַקט צװישן דעם פֿאָרגײער־מיליטער און דער לעצטער קאָמפּאַניע איז איבערגעריסן. איך לױף פֿאָרױס לענגאױס דער רײ, צו מעלדן עס דעם קאָמאַנדיר. דער האַנט־גראַנאַט פֿאַלט מיר אַרױס פֿון גורט. איך בײג זיך אָן אים אױפֿצוהײבן. אין דער סעקונדע האָט זיך אױף אונדז אַ שיס געטאָן אַ האָגל קױלן פֿון גאָר אַ נאָענטן דיסטאַנס. איך פֿאַל אַנידער אױף דר'ערד. עמעץ פֿאַלט אױף מיר. איך װיל אים אַװעק־

שטופּן אַז אַ זייט. איך פֿיל, אַז ער קורטשעט זיך איין אין אַ משונה־דיקער פֿאָרם. „איך בין פֿאַרוואונדעט אין רוקן. באַנדאַזשיר מיך“, זאָגט אַ רואיק קול. איך דערקען דאָס קול — דאָס איז יעקבס קול. מיט דער מאַקסימאַלסטער שנעלקייט איז ער באַנדאַזשירט געוואָרן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זע איך אים שפּאַנען צוזאַמען מיט דער גאַנצער ריי. גלייך גאָרנישט איז געשען.

נאָכן פֿאַרלויף פֿון אַכט שעה ווירבלט נאָך די שלאַכט מיט דער גאַנצער קראַפֿט. מיר ליגן אויפֿן ווייכן זאַמד אין רוקן פֿונעם שונא און וואַרטן אויף אונדזער ריי. פֿאַר אונדז זענען צוויי פּלוגות אַרייַן אין אַ באַריר־קאַמף. פּלוצים דערהערט זיך דער רוף פֿון אונדזער קאָמאַנדיר „אַלע סאַניטאַרן צו מיר!“ איין אייַנהייט האָט שווער געליטן. איר סאַניטאַר איז געהרגעט געוואָרן, אַלע סאַניטאַרן ווערן אַלאַרמירט צו איר. אויך יעקב גייט. צווישן אונדז און איר — אַ קילאָמעטער אָפֿענער שטח, באַגאָסן פֿון שונאס פֿייַער.

יעקב לויפֿט איינגעבויגן צו דער באַטראָפֿענער פּלוגה. ער איז פֿאַרשוואונדן פֿון אויג.

פֿון דעמאָלט אָן האָב איך אים מער נישט געזען...

*

„דיינע קאָמאַנדירן, זון, האָבן דיך נישט דערמאָנט, דיינע חברים האָבן דיך נישט מספּיד געווען און די הגנה־גדודים אין וועמענס רייען דו האָסט געלעבט לאַנגע יאָרן, זענען נישט געשטאַנען „דום“ פֿאַר דיין כבוד וועגן...“ אַזוי שרייבסטו, פֿאָטער.

און אָט דערמאָן איך זיך אַן אַנדער בילד. מיר זענען צוריק פֿון אַן אַקציע. מיר ליגן אין אַ פּרדס אין אַ פֿאָדערשטער באַזע און וואַרטן אויפֿן קומען פֿון פֿיינטלעכע עראָפּלאַנען. שמוציקע, הונגעריקע, מיט רויטע אויגן, דערשלאָגענע פֿון אַלץ וואָס מען האָט געזען אין משך פֿון די 12 שעהן, זיצן די חברים. די ריזיקע שפּאַנונג האָט נאָך נישט באַגלאָזן. יעדער דערציילט, וואָס ער האָט געזען. עס ווערן דער־מאָנט נעמען פֿון געהרגעטע און פֿאַרוואונדעטע.

ווען עמעץ פֿון דרויסן וואָלט זיך צוגעהערט צו דעם געשפּרעך, וואָלט ער זיכער געהאַלטן, ווי דו, אַז אונדזער האַרץ איז אַ פּאַנצער, אַז מיר זענען גלייכגילטיק צום גורל פֿון אונדזערע חברים. אָבער עס איז אַ ליגן — מיר פּרובן זיך אַליין אָפּצונאַרן. יעדער נאָמען פֿאַלט אויף אונדזער קאָפּ ווי אַ קלאַפּ. יעדער נאָמען דערוועקט אין אונדז טויזנטער זכרונות.

און מיר, וואָס מיר האָבן געזען די דאָזיקע אַלע ליידן, געזען אונדזערע חברים שטאַרבן, גוססן און זיך קורטשען פאַר ווייטיק, מיר, וואָס מיר ווייסן, אַז מאָרגן, איבערמאָרגן קאָנען מיר זיין אין דער זעלבער לאַגע, מיר רעדן וועגן זיי מיט גלייכגילט, מאַכן קלאָר פּרטים, פאַרגלייכן וואָס מיר האָבן געזען. און קיינער אויסער אונדז ווייסט נישט דעם סוד פון דער מינוט, דעם שאָק פון דער ערשטער שעה וואָס ראַטעוועט אונדז פון שגעון.

ניין, צעבראָכענער פאָטער, מיר האָבן יעקבן נישט פאַרגעסן. גלייך ווי מיר האָבן נישט פאַרגעסן קיין איינציקן פון די וואָס זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדזערע רייען. ווייל ווי אַזוי קאָן מען פאַרגעסן? יעדע שעה, יעדע מינוט פון דעם ריזיקן איבערלעבן וואָס האָט געשטאַלטעט אויפסניי אונדזער כאַראַקטער, רופט אַרויס זייער אָנדענק.

*

אַט איז אַ בילד, וואָס וועט אויף אייביק נישט פאַרגעסן ווערן: ערב אונדזער אַרויסגייען צום ערשטן קאַמף אין די נחשון טעג.

דער גאַנצער גדוד גייט פאַרויס אין אַ רוקן־ריי צו דער פאָרשטעטער באַזע. אויף אונדזערע רוקנס אַ שווערע לאַסט: אונדזער גאַנץ געווער, אונדזער אויסשטאַטונג און די פּריוואַטע זאַכן. מיר ברעכן זיך אונטער דער לאַסט, מיר שפּאַנען ווי שיכורים. דער מוח האָט אויפגעהערט ווירקן. אויפן שטח געפינט זיך דער פיינט. אונדזער אָפּטייל פאַרזיכערט דעם שפּיץ. די פייכטע ערד קלעבט זיך צו די זוילן.

פּלוצים האָט זיך אויף אונדז געעפנט אַ שטראָם קוילן. מיר זעען אַפילו דאָס פייער פון דער לופע. אינסטינקטיוו פאַלן מיר אַלע אויף דר׳ערד.

דאָס האַרץ זעצט שטאַרק: דאָס איז דער ערשטער פייער־פּרוב אונדזערער.

מיר דריקן זיך צו דר׳ערד מיט אַלע אונדזערע אברים. מיר טובלען די קעפּ אין דער בלאָטע, מען פאַרגראָבט זיך מיט די נעגל און מיט די שפּיץ שיך. נעבן אונדז קרעכצט ווער, קרעכצן פון אַ גוסס. „סאַניטאַר״ שרייט ווער. און אָט שטייט איינער אויף, שטייט אויף פון דער שיסנדיקער ערד, און אָן אָנגעבויגענער לויפט ער צום פאַרוואונדעטן, לייגט זיך נעבן אים אַנידער און באַנדאַזשירט אים.

יעקב, דער סאַניטאַר.

צי האַלסטו, צעבראָכענער פאָטער, אַז אַזעלכע בילדער פאַרבעסט מען, קאָן מען פאַרגעסן? די מינוטן זענען דאָך אַ טייל פון אונדזער זעלישער וועלט, אין די מינוטן איז אונדזער נשמה אַוועקגעלייגט ווי אויף אַ קאָוואַדלע, און די קלעפּ פונעם האַמער האָבן איר אויסגעפורעמט אַ ניי געשטאַלט.

*

פאַרוואָס, אַזוי פרעגסטו, האָבן מיר דיך נישט באַזוכט, פאַרוואָס האָבן מיר דיר נישט דערציילט קיין פּרטים, פאַרוואָס האָבן מיר דיך נישט געפּרובט טרייסטן. אוי, צעבראָכענער פאָטער, צי ווייסטו ווי מיר פילן זיך אין אָנוועזנהייט פון די קרובים פון אונדזערע געפאַלענע? צי קאָנסטו זיך פאָרשטעלן די געפילן פון אַ קאַמף-זעלנער, וועלכער שטייט פאַר צעבראָכענע עלטערן — און וועלכער שעמט זיך, אַז ער לעבט נאָך, שעמט זיך מיטן פאַקט, אַז די קויל האָט באַרלענדט דאָס טייערסטע זייערס, האָט אים אויסגעמיטן? ער קען דעם דאָזיקן בליק, דעם אַזוי מענטשלעכן, דעם אַזוי נאַטירלעכן, דעם בליק וואָס זאָגט: גאָט מיינער אין הימל, פאַרוואָס האָט די קויל דווקא געהרגעט אונדזער זון... דער דאָזיקער זעלנער שטייט פאַר אונדז געזונט און שטאַרק און אונדזער זון פוילט אין קבר....

דעריבער, פאָטער, אויך דער העלדישסטער זעלנער, אויך דער זעלנער וואָס האָט געטראָגן צענדליקער חברים אויף זיין רוקן פון דער פייער-ליניע אַוועק, וועלכער האָט זיך געוואָרפן אויפן פיינט און אַליין געשטאַנען אַנטקעגן טאַנקן, אויך דער זעלנער שרעקט זיך שטייענדיק פאַר אַ משפחה וואָס טרויערט אויף איר געפאַלענעם זון.

דעריבער באַזוכט ער נישט די קרובים פון זיינע געפאַלענע חברים, כאָטש ער ווייסט, אַז דאָס איז זיין כבוד-פליכט.

*

„וואו דיין קבר איז וועל איך אויף אייביק נישט וויסן...“ אַזוי ענדיקסטו דיין הספד.

אַ שרעקלעכע טראַגעדיע איז עס פאַר די עלטערן, וואָס דער קערפער פון זייער זון בלייבט ליגן אויפן שלאַכט-פעלד, נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט אים אַרויסצונעמען. מיר פאַרשטייען דיינע געפילן, פאָטער, ווייל אַזוי געניי פילן מיר אויך. וויפל פון אונדז זענען פאַרוואונדעט געוואָרן פּרובנדיק צוריקברענגען דעם קערפער פון אַ געהרגעטן חבר אין דער באַזע אַריין? וויפל נאָל

האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן די בעסטע זעלנער צו זוכן אַ קערפּער, וואָס איז פאַרבליבן אַ פּאָר מעטער פון דעם פיינטס פּאָזיציעס?

פּאָטער, נישט צוליב דעם פּחדנות פון זיינע חברים איז דיין זונס קערפּער איבערגעבליבן וואו ער איז איבערגעבליבן. אַ סך פּאַרוואונדעטע, יענע פּאַרוואונדעטע, צוליב וועלכע דיין זון איז געפאַלן, וועלנדיק זיי העלפן, זענען איבערגעבליבן אויפן פעלד אינדערפרי נאָענט ביי די פּאָזיציעס פונעם שונא. יעדער מענטש וואָס האָט נאָך געקאָנט גיין אויף די פיס, און צווישן זיי לייכט פּאַרוואונדעטע, זענען דעמאָלט אַרויס — האָבן זיך אומגעקערט פונעם זיכערן געביט איך דעם שטח וואָס איז געווען באַשיט מיט קוילן — כדי אַרויסצונעמען די פּאַרוואונדעטע. אַ סך פון זיי לעבן, גייען צווישן אונדז אַרום געזונט און שטאַרק. אויב, עס איז קיין מעגלעכקייט נישט געווען אַרויסצונעמען דיין זון, זאָל דיר זיין פּאַר אַ טרייסט די פרייד פון אַנדערע עלטערן, טאַטעס און מאַמעס, וואָס פאַר אָט דעם פּרייז זענען געראַטעוועט געוואָרן זייערע זין און זיי זענען צוריק צום לעבן.

*

ס'קאָן זיין, אַז ס'איז געווען אַ מעגלעכקייט דיר מודיע צו זיין וועגן דיין שרעקלעכן אומגליק אויף אַ פּאַסיקערן אופן. ס'קאָן זיין, אַז גרויס איז די שולד פון אונדזער מיליטער אויף דעם געביט. איך פאַרשטיי די פאַרביטערטקייט, וואָס פילט אָן דיין האַרץ. ווי אַ מענטש, וואָס האָט אויך פאַרלוירן אַ נאָענטן, זיין ברודער, וואָס איז געפאַלן אין בריטישן מיליטער אין אַ פרעמד לאַנד, ווייס איך, ווי עס טוט וויי דווקא דער ערשטער קלאַפּ, און ווי וויכטיק עס איז די פאָרם אין וועלכער דער קלאַפּ קומט איבערן קאָפּ. דאָס בריטישע מיליטער האָט געוואוסט, ווי אַזוי זיך אויפצופירן אין אַזאַ מאָמענט — אַ בדיוו צו דער משפּחה געחתמעט דורכן קעניג איז געווען אַ שטיקל טרייסט און האָט געהאָלפן זיך שטאַרקן ביים ערשטן קלאַפּ. אונדזער מיליטער איז יונג און ס'קאָן זיין, אַז יענע אָפיצירן און זעלנער, וואָס זיצן אין הינטערלאַנד ווייסן נאָכנישט ווי געהעריק אָפּצושאַצן אונדזערע געפילן — דיינע געפילן, פּאָטער, און אונדזערע געפילן, די חברים פונעם געפאַלענעם אין שלאַכט.

„ס'וועט קומען אַ טאָג ווען ישראל וועט געזיכערט זיין אויף דיין ערד, וועט דעמאָלט אופשטיין אַ נייער דור, און מיט ציטער פון קדושה וועט מען דערמאָנען די יעניקע וועלכע האָבן מקריב געווען זייער לעבן פאַר ישראלס באַפרייאונג", — דאָס זענען דיינע ווערטער.

זיין, נישט בלויז די קומענדיקע דורות וועלן וויסן צו געדענקען און אָפּצושאַצן די יעניקע וואָס עס זענען געפאַלן זייערע חברים אין קאַמף — זייערע שותפים צו פרייד און ליידן, צו שטאָלץ און יסורים. די פון צווישן אונדז, וואָס וועלן בלייבן לעבן ווען דער שרעקלעכער זסיזן וועט זיך ענדיקן, די וועלכע זענען אַדורך דעם שמעלץ־טאָפּ, זיי וועלן זיין די וואָס וועלן געדענקען.

נישט מיט אָפּהענטיקן טרויער, נישט מיט דערדריקנדן צער, נישט מיט אויסגעדראָשענע פראַזן, נאָר מיט מענלעכער אָנשטרענגונג פון מענטשן וואָס קעמפן פאַר אַ בעסערער וועלט, אַ שענערער, אַ וועלט אין וועלכער עס וועט מער נישט זיין קיין פּלאַץ פאַר קאַמף־רציחה און רויב, אַ וועלט, וואָס וועט עקזיסטירן פאַרן מענטשן.

דאָס האָבן מיר זיך אַ נדר געגעבן, מיר די קאַמף־זעלנער, איז יענע דערהויבענע מינוטן צווישן לעבן און טויט.

און דאָס איז די איינציקע טרייסט, וואָס מיר קענען דיר אָנביטן, צעבראָכענער פאָטער.

שבת צו נאַכט, דעם 15־טן אָקטאָבער 1948, ווען מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט איידער איבונגס־פּלאַץ פונעם קורס צו אַ געוויינלעכער שבתדיקער מסיבה, האָט זיך אויפגעשטעלט דוד שני און געלייענט מיט אַ ציטערדיק קול אַט דאָס קאַמף־בלאַט:

קאמף-בלאט

דער קאַמף־שטאַב. אַ טויט די אינוואַדאָרן!

15.10.1948

צו דער אנטשיידונג — פאָרויס!

דער איבעררייס איז געשטאַרבן, דער קריג גייט ווייטער אָן, דער אַנטשיידענער קאַמף הייבט זיך אָן! מיר זענען מיד דאָס צו דערטראָגן! אומווירדיקע אָנגריפן — אָן אַ באַצאָלטס! באַמבאַרדירונגען. אָן אָן ענטפער. צעשטערונג פון אונדזער אידטשאַפט אָן אָן אויסזיכט פאַר שלום, דאָס באַפעסטיקן זיך פון פיינטס מיליטער אין אונדזערע גרענעצן — געשטאַרבן איז דער איבעררייס און דעם פגר פיינטס זענען מיר מיד צו טראָגן!

ווייל עס איז שוין דערגאַנגען ביזן האַלדז די בלוט אינטריגעס.

דאָס מצרישע מיליטער שטייט אַנטקעגן אונדז און גרייט צו אַ נייעם־פאַרביבונגס־צוג צו פאַרצוקן די דרום ישובים, צו ירשענען דעם נגב. ער וועט זיך

ניִשט אָפּרוקן אויב עס וועט אים ניִשט אַ דוק טאָן דאָס פייער. ער וועט זיך ניִשט צוריקהאַלטן פון מאָרד ביז וואַנען מיר וועלן זיינע אילוזיעס צעטרייבערן אין בלוט. ניִשט מיר האָבן די מלחמה געוואָלט: ער האָט זי געוואָלט. ער האָט אָנגעהויבן, אָבער מיר וועלן עס פאַרענדיקן.

מיר זענען גערופן געוואָרן אויסצוהאַלטן — האָבן מיר אויסגעהאַלטן! מיר זענען גערופן געוואָרן צו שלאָגן דעם שונא — האָבן מיר געשלאָגן!

דעמאָלט האָבן מיר געזאָגט; אויב דאָסמאָל וועלן מיר דעם קאַמף באַנייען, וועלן מיר אים באַנייען מיט מער כוח, מיט מער שוואונג. אויב עס וועט נגזר זיין — וועלן מיר ריקזיכטלאָז זיין!

ברידער, געקומען איז די צייט. דאָס איז די מינוט, דאָס איז דער מאָמענט: אויף צו צעשטערן דעם מצרישן אינוואַדאָר זענען מיר גערופן געוואָרן היינט! טאָג איין טאָג אויס באַשיסט דער שונא פון הינטער דעם פאָרהאַנג פונעם איבעררייס די דרום־שטחים, גרייפט־אָן אונדזערע משלטים — פאַרוקס קנעכט. א קריג ווילן זיי — פון אונדז וועלן זיי אים באַקומען!

אָבער דאָסמאָל וועלן זיי טרינקען דעם כוס ביז צום סוף, ביז צום דנאָ!

ווייל מיר וועלן אויפשטיין. מיט אונדזער גאַנצן כוח וועלן מיר היינט אויפשטיין און מיר וועלן ניִשט אויפהערן שלאָגן ביז וואַנען מיר וועלן אויף די הענט ברענגען דעם נגב — א יידישן — דער מדינת ישראל!

זעלנער און קאָמאַנדירן!

.אונדזער גאַנצע קאַמף־פּראַקטיק לאָמיר איינזאַמלען אין איין פויסט.

.די גאַנצע שנאה — אין איין פויסט.

די גאַנצע ליבע — אין איין פויסט.

און מיט דער פויסט און מיטן באַוואוסטזיין אַז דאָס וועט זיין דער לעצטער קאַמף —

פאַרויס צום באַפרייען דעם נגב!

אַ ריזיקע התלהבות האָט אונדז אַרומגענומען. עס איז אונדז קלאָר געווען — דאָס איז דער שניט־טאָג פאַר דעם, וואָס מיר האָבן פאַרזייעט אין עיבדיס, אין גבהה און אין משלט 105. סוף־סוף איז איבערגעגאַנגען די סטראַטעגישע איניציאַטיוו אין אונדזערע הענט. סוף־סוף גייט אַרויס צבא ההגנה אַ קלאַפּ טאָן די מצרים ניִשט בלויז מיט ביקסן און מאַשין־געווער, נאָר מיט טאַנקן, מיט האַרמאַטן און עראָפּלאַנען.

מיר האָבן פאַרפאַקט אונדזערע זאַכן. מיר זענען זיכער געווען, אַז די גדודים וועלן אונדז רופן. ווייל ווי אַזוי וועלן זיי קעמפן, ווען די בעסטע פון די אַלטגעזעסענע און פּראַקטיצירטע געפינען זיך אויפן קורס ?

אָבער אָט איז געקומען די אַנטוישונג: — דער קאָמאַנדיר פון דער חטיבה האָט באַשלאָסן, אַז דער קורס וועט נישט פונאַנדערגעלאָזט ווערן. די קאָמאַנדירן פון די גדודים האָבן אויסגעדריקט זייער מיינונג, אַז דער באַדאַרף אין קאָמאַנדירן שטייגט איבער דעם דרינגענדן באַדאַרף אין קעמפער.

אינצווישן איז קלאָר געוואָרן, אַז נישט די טאַנקן און נישט די עראָפּלאַנען וועלן אַנטשיידן, נאָר די שפּאַדע. אין 16־טן אָקטאָבער האָט אַן איינהייט פוסגייער איינגענומען בית־חנון און האָט דעם גאַנצן מצרישן כוח אָפּגעשניטן צווישן אַשדוד און חולייקאת פון זיין רוקן אין עזה. צומאָרגנס האָט די חטיבה אויסגעפירט איר היסטאָרישע שליחות און האָט דורכגעבראָכן מיט איין שרעקלעכן קלאַפּ דעם טויער פון נגב. יאָש׳ס פלוגה האָט דעראָבערט מיט אַ באַרירונגס־קאַמף דעם משלט 113, און מתי׳ס פלוגה האָט איינגענומען מיט אַ פאַרצווייפלטן שפּאַדן־שטורעם דעם קנופּוועג־משלט. דאָס איז געווען די פלוגה, וואָס האָט פאַרלאָזט אין דער שוואַרצסטער צייט, ביי דער שולד פון אַן אומפעאיקן קאָמאַנדיר, דאָס בערגל 69. איצט האָט זי באַקומען דעם ערן־נאָמען „די קנופּן־פלוגה“.

איין קלאַפּ האָט געיאָגט דעם צווייטן. איינהייטן פון אונדזער גדוד האָבן איינגענומען כוכבא. די דזשיפּן פון שמשונס פיקסן, נאָכלויפנדיק דעם שונא, האָבן איינגענומען בית־טימא. צומאָרגנס האָבן איינהייטן פון אונדזער גדוד און פון אַ צווייטן גדוד פון דער חטיבה איינגענומען אין אַ קאַמף פון באַגנעטן, מעסערס און ציין, די באַפעסטיקטע משלטים אַרום דעם דאָרף חולייקאת. די פלוגות, וואָס האָבן אַנטייל גענומען אין דעם אכזורותדיקן קאַמף, וואָס זיינס גלייכן איז נישט געווען אין דער געשיכטע פון דער דאָזיקער מלחמה, האָבן זוכה געווען צום נאָמען „די שפּאַלטער“.

*

אויפן קורס האָט אויסגעבראָכן אַן עפּנטלעכע מרידה. מיר זענען טאַקע געשיקט געוואָרן אויף קליינע אַקציעס אין מזרח אָפּשניט פונעם פראָנט, מיר האָבן דער־קוטשעט דעב פונקט זכרין, מיר האָבן צוגעהאָלפן פאַרפונדעווען די איינהייטן אין קובייבא און מיר האָבן אויסגעפירט ברייטע אויסשפּירונגען אין די פלוינען בין עג׳וד און זכריה, אָבער מיר האָבן גוט געוואוסט, אַז אונדזערע חברים אין די גדודים שטייען איצט אין ריזן־קאַמפן. עס האָבן נישט געהאָלפן די דערקלע־רונגען פון דוד שני, אַז די גדודים נויטיקן זיך איצט מער ווי אַלע מאָל אין אויס־געשולטע קאָמאַנדירן. אַ „געהיימע“ קאָמיסיע מיט דער באַטייליקונג פון פאָרשטייער פון אַלע גדודים, האָט באַשלאָסן צו פאָדערן אונדזערן באַלדיקן צוריקקער אין די גדודים אַריין.

דערווייל זענען צו אונדז אָנגעקומען די ערשטע רשימות פון געהרגעטע און פאַרוואונדעטע. די פאַרלוסטן זענען געווען שווערע. אין קאַמף איבער חולייקאת

איז געהרגעט געוואָרן אונדזער „בולי“, חיים בולמאַן, צוזאַמען מיט פיל פון אונדזער אַפּטייל, ביים באַגנעטן שטורעם. יעקב בורשטיין, „משי“, „מוסה“ וואַסערמאַן, יעקב ווערליטקאָווסקי, אַלע מענטשן פון אונדזער אַמאָליקער פלוגה, זענען פאַרוואונדעט געוואָרן. שלמה אַפּלבוים, דער קאָמאַנדיר אין דער צייט פון כ׳סיר, איז געפאַלן.

ווען די ידיעות זענען אָנגעקומען האָבן מיר קלאָר געמאָלדן — מיט אַ באַפעל אָדער אָן אַ באַפעל וועלן מיר פאַרלאָזן דעם קורס און „דעזערטירן“ צו אונדזערע גדודים. מיר האָבן איינגעפּאַקט אונדזערע זאַכן אין קליינע רוקזעקלעך און געגעבן דעם צייכן — היינטיקע נאַכט וועלן מיר פאַרלאָזן דעם קורס.

אין לעצטן מאָמענט האָט זיך די חטיבה „אונטערגעגעבן“. זיי האָבן טאַקע נישט געוואָלט פונאַנדערלאָזן דעם קורס און אומקערן די מענטשן צו די גדודים, ס׳איז אונדז אָבער געגעבן געוואָרן דעם גרייטשאַפט־באַפעל — דער גאַנצער קורס איז אַרויס אין פראָנט ווי אַ קאַמף־פלוגה.

*

די מאַשינען האָבן אונדז אַריבערגעפירט קיין דרום. מיט אַ ציטער האָבן מיר געזען די מצרישע פעסטונג־משלטים, וואָס זענען דעראָבערט געוואָרן — דעם משלט 113 און דעם קנופּן־משלט, וואָס זענען געווען אין משך פון אַזויפיל חדשים די גרעניץ פון ארץ־ישראל. מיר זענען אַריין אין „אויסלאַנד“ — אין נגב, וואָס איז ביז נעכטן געווען אָפּגעשניטן און אָפּגעזונדערט.

אומעטום זענען איבערגעבליבן די סימנים פונעם אימהדיקן קאַמף. צעבראָכענע כלי־זין, דורכגעשניטענע שטעכלדראָט־צוימען, אויפגעריסענע בונקערס, און קערפּערס — קערפּערס פון געהרגעטע, וואָס מ׳האָט נאָך נישט באַוויזן צו באַגראָבן.

*

מיר האָבן געדאַרפט פאַרבייטן די צעהאַקטע פלוגות, וואָס האָבן איינגענומען חולייקאַת. דער גאַנצער פראָנט האָט געוואַרט אויף דער מצרישער קעגנאַטאַקע. מיר האָבן געוווּסט, אַז אַ גאַנצע מצרישע חטיבה איז אַרומגערינגלט געוואָרן אין אישדוד און אין מג׳דל, און אַז זי וועט זיך נישט אונטערגעבן אָן אַ פאַרצווייפלטער אָנשטרענגונג זיך אַרויסצובאַקומען פון דער אַרומרינגלונג. מיר האָבן זיך איינגעגראָבן, באַפעסטיקט, מיר האָבן איינמאָנטירט די וויקערס מאַשינען, וואָס מיר האָבן איינגענומען ביים שונא, און געוואַרט אויף דעם וואָס עס דאַרף קומען.

דאָס פעלד אַרום אונדז איז געווען באַדעקט מיט מצרישע געפאַלענע, וואָס קיינער האָט זיי נאָך נישט באַוויזן צו באַגראָבן. דער ספּעקטאַקל האָט געקאָנט וועקן פאַציפיסטישע געדאַנקען אַפילו אין אַן אַממיינסטנס פאַרשטיינערטן האַרץ.

21־טער אָקטאָבער, 1948. אַ שוץ־גרוב אין חולייקאת.

א געשפּרעך מיט מתים

פון איבער דעם שאָסיי עזה—מג׳דל הייבן זיך רויך־קנוילן. די מענטשן בייגן זיך איין אין די שוץ־גריבער. דער שראַפּנעל קומט אָן מיט אַ שאַרפן פייף און רייסט אויף צען מעטער ווייט. די קעפּ הייבן זיך ווידער אויף. קיינער איז נישט געטראָפן געוואָרן. די גריבער, וואָס די מצרים האָבן געמאַכט לויט אַלע פאַך־קענטענישן, זענען גוטע.

אונדז צופיסנס ציט זיך די גרויסע פלאַך פונעם פּלשתים־לאַנד. פאַר אונדז דער בלאָער ים. רעכטס — מג׳דל, דער צענטער פונעם אַרומגערינגלטן שונא. לינקס — ניר־עם, גבר־עם און יד־מרדכי. ערגעץ־דאָרט אין צפון ווינקט צו אונדז דער פּאָליציי־בנין פון עיראַק־סואידאַן, אַקוראַט דער שונא זאָל וועלן אונדז דערמאָנען, אַז דער קאַמף האָט זיך נאָך נישט פאַרענדיקט.

די סימנים פונעם אכזריותדיקן קאַמף זענען צעשפּרייט אין אַלע זייטן פונעם משלט: מעסער פאַרשמירטע מיט בלוט, קעסטלעך פון אַמוניציע, פאַרלאָזטע וואַסער־פלעשער, רוקזעקלעך, דער קליינער האַרמאַט, וואָס זיינע באַדינער האָבן נישט פאַרגעסן ביים צוריקציען זיך מיטצונעמען זיין האָמער, דעם וויכטיקסטן טייל פון זיין אַפּאַראַט.

צוריק מיט צוויי טעג, בלויז צוויי טעג, זענען אין די בונקערס געזעסן דעם שונאס זעלנער. זיי האָבן עס אָפּגעשניטן דעם שאָסיי צום נגב, זיי האָבן פאַרזיכערט דעם רוקן פון דעם אינוואַדאָרס מיליטער. איצט האָבן זיי איבערגעלאָזט בלויז נישטיקע סימנים פון זייער צוריקצוג.

אָט איז די ביקס, די באַדעקטע מיט שטויב. עמעץ האָט זי געבראַכט פון אַ פרעמד לאַנד, זי באַדינט, פאַרצייכנט זיין נאָמען אויף איר רימען. וואו איז ער איצט, דער „עמעץ“? צי איז ער געהרגעט געוואָרן? צי איז ער אַנטלאָפן אַ דערשראָקענער און געוואָרפן דאָס געווער ?

און אָט איז דער שיפּוע, וואו בולי איז געפאַלן. איך געדענק די מעלאָדיע וואָס מיר האָבן געלערנט אין די ווייטע טעג פון חולדה: „די וועלט איז געווען אַזוי שיין און גוט...“

איך שאָקל פון זיך אָפּ די זכרונות. אָט איז דער „וויקערס“, דאָס מאַשין־געווער, וואָס האָט פאַרשניטן אים מיט זיינע מענטשן. די לופע איז נאָך געגרייט צום שיפּוע, פון וואַנען עס האָט זיך געוויזן

די שטורעם־קייט — דאָ איז געשטאַנען דער מצרי און געשאָסן ביז דער לעצטער מינוט — ביז אונדזערע מענטשן זענען צו אים צוגעקומען און אים דערהרגעט ביי דער מאַשין...

פון הינטער די פּאָזיציעס ליגן אין אַ ריי די קערפּער פונעם שונאס געפאַלענע. מען האָט זיי נאָכנישט באַוויזן צו באַגראָבן. דער גערוך איז שוידערלעך. פונדעסטוועגן ציט מיך עפּעס זיך צו דערנענטערן צו זיי, זיך איינקוקן אין זיי.

אַ ברייטביינערדיקער סודאַנער. אַ שוואַרץ בערדלדיקער ליגט אויף זיין רוקן. די קויל איז אים אַריין אין בויך און דאָס בלוט האָט זיך צעגאָסן איבער די הויזן. זיין פּנים איז פאַרקרומט, אַקוראַט ער זאָל זיך אין דער לעצטער מינוט דערמאָנען אין אַ שפּאַס. די אויגן ברייט צעעפנט — פאַרשטאַרטע אויגן פון אַ מת.

אַ ווײַלע שמועס איך מיט אים, מיטן טויטן שונא. וואָס האָט אים אַהער געבראַכט? מיליטער־דיסציפּלין? אידעאַליזם? צי איז ער אַ חתונה־געהאַטער? אַ פאָטער צו קינדער אפשר? מאָדנע די וועגן פון גורל. וואָלט יענער בחור אונדזערער זיך טועה געווען אין ציל מיט אַ פּאָר מילימעטער, וואָלט מן הסתם דער סודאַנער איצט געזעסן אין אַ קאַפע אין מג׳דל, און אפשר געשריבן אַ פריידיקן בריוו צו זיין ווייב, אָדער געחלומט וועגן פרויען. איצטער אָבער ליגט ער דאָ, זיינע פינגער האָבן זיך באַגראָבן אין ערד און ס׳איז דיר שווער צו באַשליסן צי עס ליגט דאָ אַ מענטש, אָדער סתם עפּעס אַ זאַך, וואָס דורך אַ צופאַל פאַרמאָגט עס אַ מענטשלעכע צורה.

און אָט דער צווייטער סודאַנער. אַ שוואַרץ פּנים, ווי אַ נעגער, צעהאַקט אין צווייען דורך אַ באַגנעט. מן הסתם איינער פון די, וואָס זענען נישט אַנטלאָפן, וואָס האָבן געהאַלטן ביז דער לעצטער מינוט, וואָס האָבן געקעמפט מיטן באַגנעט און מיט ציין־בייסן. וואָס האָט אים באַוואויגן אויסצווויילן דעם טויט אַנשטאָט דאָס לעבן? אַ באַפעל? אָדער עפּעס אַן ערנגעפיל?

עס ליגט דאָ אַ דאָרפישע יונגע פרוי. וואָס האָט זי דאָ געטאָן אין משלט? אוודאי געזוכט תענוגים, מיטבאַגלייט אַ יונגן אָפיציר — און דאָ געהרגעט געוואָרן, פונדערווייטן, דורך אַ קויל, וואָס האָט נישט געקענט אונטערשיידן אין ברען פון קאַמף צווישן אַ זכר און אַ נקבה. דער טויט פאַרווישט דעם אונטערשיד צווישן די געשלעכטער. ער האָט פאַרווישט יעדן אָנדייט פון פרויען־צאַרטקייט. פונדעסטוועגן איז פרעמד די טויטע פרוי ביי דעם בינטל מענער, זי איז פרעמד צום שוידער־בילד פון באַריר־קאַמף.

איך קער זיך אָפּ פון די מתים. אין אַ דיסטאַנס פון פינף שריט פּערמענטירט דאָס לעבן — נישט־ראַזירטע בחורים וויצלען זיך, קאָנטראָלירן דאָס געווער, וואָס פאַלט אַריין אין די הענט. מען צענעמט און מען שטודירט דעם שווערן „וויקערס“. דער דאָזיקער וויקערס, די מאַשין, וואָס האָט געשניטן אונדזערע רייען, האָט געראַטעוועט אַ סך לעבנס — ווען די דעראָבערער האָבן זיך נאָר באַזעצט אויפן אָרט און עס האָט זיך אָנגעהויבן דעם שונאס קעגנאַטאַקע. דעמאָלט האָט זיי אַן אַראַבישער געפאַנגענער געלערנט צו באַנוצן דעם „וויקערס“, ווען עס האָט נישט פאַרפעלט קיין אַמוניציע. און באַלד האָט ער אָנגעהויבן ווירקן קעגן זיינע פריערדיקע בעלי־בתים.

אין די בונקערס אָרדנט זיך דאָס לעבן. עס ווערן אויסגעשפּרייט קאָלדרעס, עס ווערט פאַרטיילט יידישע און מצרישע שפּייז. דער, וואָס קוקט דורך זיין לאָרנעטע, קוקט אַנטקעגן דעם שונא אין אַ דיסטאַנס פון אַ פּאָר קילאָמעטער. פון מאָל צו מאָל קומט צו פליען אַ שראַפּנעל, רייסט אויף און צעוואַרפט זיינע שפּליטער.

אויף דער ערד ליגט אַ פאַרשמירטע אַראַבישע בראָשור. איך באַמי זיך איבערלייענען דאָס קעפּל: „וויזאראת אל־דיפאע אַלוואנטי“ — „מלחמה־קונסט“.

קאָן זיין, ביים שרייב־טיש, אין דער וועלט פון ווערטער און געדאַנקען, איז עס „קונסט“. אָבער דאָ איז עס אכזריותדיקע ווירקלעכקייט — לעבן אַנטקעגן לעבן, בליי וואָס פאַרגראָבט זיך אין פלייש, פייפערייען, וואָס זאָגן אָן דעם טויט און ערד־גרודעס, אין וועלכע עס ווירט דאָס לעבן.

דעם 22־טן אָקטאָבער איז ווידער פּראָקלאַמירט געוואָרן אַן איבעררייס. אָבער מיר זענען ווייטער געלעגן אין די משלטים פון חולייקאת. מיר זענען זיכער געווען, אַז דער שונא וועט ברעכן דעם איבעררייס, כדי זיינע כוחות אַרויסצורייסן פון דער אַרומרינגלונג. פונדעסטוועגן האָט אין די גריבער געהערשט אַ געהויבענע שטימונג.

24־טער אָקטאָבער, 1948, אַ גרוב ביי חולייקאת.

א קליינע סאַניטאַרקע

מיטאָגצייט קומט אָן מיט אַ געווימל —
אין משלט טאָגט דער האָריזאָנט,
ווייל גרוי געווען איז דאַן דער גאַנצער הימל
איבער דעם דרומדיקן פראָנט.

אין שוק־גרובל ליגט די חברה שטיל פאַרטייעט.
(קיין טעם שוין מער אין וואַכן נישט געפילט),
און איבער זיי האָט זיך געשאַפן פייער
און אַ ניגון פון שראַפנעלן אויסגעשפילט.

עס זענען גרוי אַרום די הימלען,
אין האַרצן שטיקט אַן איבלדיק געפיל.
און אויך די פּאָרציע וואַסער און סאַרדינען
האָט נישט פאַרריכט דאָס אומעטיקע שפּיל.

און פּלוצים, אוי, אַ מין פאַטאַ־מאָרגאַנאַ,
אַ דמיון, אַ פאַרבלענדעניש איז דאָס —
אַ בייער קלאַנג קומט אָן, פון וואו, פון וואַנען?
ווי מאָדנע אויפן שלאַכט־פעלד דאָ.

די אויערן האָבן אָנגעשטעלט, געוויס,
די אַלע בחורים אויף דער וואַך,
און נייגעריק די אויגן אויסגעווישט:
צי חלומט מען? צי איז עס אויף דער וואַך?

איבער גריבער האָט זי גיך געהיפּט!
דערזען אַ מיידל, כ׳לעבן ערשטע מאַרקע.
דאָס פּנים שטראַלט, עס שמייכלט צו די ליפּ.
געווען איז עס אַ קליינע סאַניטאַרקע,

פון די גריבער אַלע אויפגעשפּרונגען!
די מצרים דאָרט, ימח שמם, פאַרגעסן.
ס׳באַגריסן האָט ביז הימלען הויך געקלונגען
באַגעגנט האָט מען זי, ווי אַ פּרינצעסין.

די העמדער זענען, ווי אַ וואונדער,
אַראָפּ פון לייב געשווינד, איינס־צוויי.
יעדער האָט גענומען זוכן וואונדן,
אַ זכות צו שטיין ביים מיידל אין דער ריי.

אויבן האָט די זון געשמייכלט אויפן הימל,
פון לאַכן האָט מען זיך געקאַטשעט אומעטום....
דאָס לאַכט גבר־עם, דאָס לאַכט אַזוי בית־תימה;
דער מצרישער האַרמאַט בלויז האָט געשוויגן.

צום סוף דערהערט מען דעם מ״ם,
אין שרייען איז ער גאָר געניט:
פון דער הימל־ליניע גייט אַראָפּ, חבריא,
אַבסערווירן דאָס געביט!

דאָן האָט לאה שנעל צונויפגעקליבן
איר פּעקל און אַוועק מיט אַ שלום!
נאָר ס'איז אַ שמייכעלע נאָך איר פאַרבליבן
אין משלט, ערגעץ אין דרום.

מיט אַ געוואַגטער אָפּעראַציע האָט דער שונא זיך אַרויסגעריסן פון דער אַרומצוימונג אָן אַ קאַמף. אין דער נאַכט־פינצטערניש האָבן זיינע אינזשינירן צויסגעגלייכט אייזערנע נעצן איבערן ווייכן זאַמד לענגאויס דעם ים־ברעג אַנטקעגן בית־חנון. אויף אַזאַ אופן האָט ער אַרויסגעצויגן פון דער „טאַש" אַלע זיינע כוחות מיט דער שווערער און לייכטער אויסשטאַטונג. בלויז לענגאויס דעם שאָסיי צווישן דעם פּאָליציי־בנין עיראַק־סואידאַן און עיראַק־אל־מנשיה איז איבערגעבליבן אַ מצרישער כוח פון דריי טויזנט קעמפער און זיך געהאַלטן אָן אַ שום האָפענונג זיך אַרויסצורייסן פון דער אַרומרינגלונג.

די פאַראַשוטיסטן פון דער אָפּעראַציע „עשר מכות" — האָבן אויך געטראָפן דעם נידעריקן באַפעל־שטאַב. דער חטיבה־שטאַב האָט אונדז באַפוילן זיך אומצוקערן צום קורס און צואיילן דעם טעמפּאָ פון די איבונגען.

*

אין לאַגער פון קורס האָבן מיר זיך דערוואוסט פון דער פּרעסע וועגן די איינפירונגס־תקנות, וואָס זענען איינגעפירט געוואָרן דורכן הויפּט־שטאַב. מיר, די אַלטגעזעסענע קעמפער אין דרום, האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם געזעץ מיט איגדזער גאַנצן לייב און לעבן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס מאַכט צו נישט דאָס פאָלקס־מיליטער, וואָס האָט געראַטעוועט דאָס לאַנד אין די אַממייסטנס שוואַרצסטע טעג, צעשמעטערט דעם פיינט און זיינע רעשטלעך האָבן איצט דאָ דורכגעריסן דעם טויער צום נגב.

אויפן קורס זענען אויסגעבראָכן שטורעמדיקע וויכוחים. דאָס רוב חברים האָבן זיך צום גאַנצן ענין באַצויגן מיט געלעכטער. צי איז דען פאַראַן אַ מער לעכערלעכע זאַך — אַזוי האָבן זיי געטענהט — ווי פאַרווערן דעם זעלנער ער זאָל זיך לאָזן וואַקסן אַ באָרד? איך, אָבער, האָב געוואוסט — דאָס איז אַ פאַרטראַכטע זאַך, און זיינע פאָלגן וועלן ענדערן די עצם־געשטאַלט פון צבא ההגנה

— אַן ענדגילטיקער נצחון פונעם הינטערלאַנד־גייסט איבערן גייסט פונעם פראָנט. דער גייסט פונעם נחשון־מיליטער, וואָס האָט געהערשט אין די צעבלוטיקטע איינהייטן, נישט געקוקט אויף די פאַרלוסטן, איז געטראָפן געוואָרן יענעם טאָג.

3־טער נאָוועמבער, 1948, מ״ס־כפ׳ן־קורס.

דער נחשון-גײַסט

די ערשטע רעגן־טראָפּן פאַלן אויפן געצעלט. עמיץ וועקט מיך — עס איז געקומען מײַן ריי צו היטן. אינדרויסן איז קאַלט. דער ווינט וואָיעט, און עס דאַכט זיך, אַז אָט הייבט ער אונטער דעם גאַנצן לאַגער און טראָגט אים אַוועק איבער די בערג און היגלען.

מיר איז קאַלט. איך קער זיך אום אין ביידל, זוך אין דער פינצטער אין מײַן קעסטל ביז מײַנע פינגער רירן אָן אַ ווייכן וואַלשטאָף. אָט איז דער שאַל. איך שטופּ אַרײַן איין העלפט אין דער צווייטער, לייג צונויף די ראַנדן און טו עס אָן אויפן קאָפּ.

שטרומפּ־מיץ, שטרומפּ־מיץ!... קוקנדיק אין דער פינצטער, הייב איך אָן פאַנטאַזירן. און מיט די חלומות שווימט אויף דאָס בענקען — דאָס בענקען נאָך פאַרגאַנגענע טעג, צו אַ תקופה, וואָס איז געווען, אָן ספק, אונדזער שענסטע תקופה אין מיליטער.

*

איך קוק זיך אײַן אין מײַן חברס געזיכט, און פּלוצים דערמאָן איך זיך אָן אַן אַנדערער שמירה־נאַכט, צוריק מיט אַ האַלב יאָר, אין דער יידישער הולדה. און אָט דערמאָנט ער זיך אויך, און די זכרונות פאַרפלייצן אונדז ביידע, און מיר הייבן אָן איינער דעם צווייטן צו דערמאָנען פאַרגעסענע פּרטים פון יענע טעג, און באַגייסטערן זיך, און לאַכן און הייבן אויף דאָס קול, ביז עמיץ פון די אינעווייניקער אין געצעלט פרעגט אונדז: „וואָס איז געשען צו אַלדע רוחות!“

„נחשון“... אַ מאַלצײַט פון טרוקן ברויט מיט סאַרדינען, וואָס ווערט פאַרשלונגען דורך דער כיתה אין געלעכטער און כעס... אַן אויסשפּיר־טורנעע אין בלאָטע, וואָס קלעבט זיך צו דײַנע זוילן און גייסט אויף הויכע קנאַפּל, ווי אַ פאַריזער מיידל. הונדערט פּופּציק קוילן און דריי האַנט־גראַנאַטן אין די וואונדערלעכע טאַשן פון אַן אויסטראַלישן באַטל־דרעס, אַזוי אַז די ברוסט פון די בחורים איז ענלעך צו דער ברוסט פון מיידלעך... די פּאָר שעה, וואָס דריקן פאַר

דער ערשטער אָקציע און דער פרייד-אויסברוך בעת דעם שטורעם ווען דו האָסט פלוצים באַמערקט, אַז האָסט אויסגעהאַלטן דעם פּרווו... די מאַלצייט פון הינער אין דעם דעראָבערטן דיר-מוחיסין, דאָס ערשטע דאָרף, וואָס איז איינגענומען געוואָרן דורך דעם צבא ישראל מיט אַ קלאָרן דעראָבערונגס-ציל... די אַן סופיקע „אַמבושן" אין דער זון, וואָס בראָט דיינע גלידער, דער כסדרדיקער לאַנגווייל, דאָס פאָרן קיין ירושלים אויף אַ געלאָדענער מאַשין מיט קעז. דער שאַלנדיקער שטאָלץ, ווען דו טרעפּסט זיך מיט אַן ענגלישן טראַנס-פּאָרט און יענע קוקן זיך אייך אין דיין גלאַנציק געווער און שווייגן... דער פיינער קבלת פּנים שבת אין ירושלים, ווען די גאַנצע שטאָט, מיט אירע שיינע טעכטער, גייט אַרויס פון אירע הייזער. דער צוזאַמענטרעף מיט די קאַסטל-מענטשן ביי די זייטן פון וועג, די חברישע ליבשאַפט וואָס מאַכט פּלוצים פאַרגעסן אַלע אַמפּערנישן צווישן פּלמ״ח און חי״ש... דער ערשטער אורלויב, ווען מיר אַלע קוויטשען מיטן גאַנצן אָטעם: „גלויב מיר, אַז אַ טאָג קומט אָן", און מען קוקט אויף אונדז מיט ליבע... דריי ערן-שאָסן ביים אָפענעם קבר פון אַ געפאַלענעם חבר... דער פּאַטרול, וואָס באַוועגט זיך צווישן די שמירה-פּאָזיציעס און באַזע, וואָס פירט דיך פון מאָל צו מאָל אין עס-צימער פון קיבוץ, וואו אַ שיין מיידל דערלאַנגט קאַקאַאָ און ברויט און וויל אונדז נישט זאָגן, ווי זי הייסט...

דאָס איז געווען אַ פלוצימדיקער אויסברוך פון לעבנס-כוחות פון אַ גאַנצן דור. דער דור וואָס איז אויסגעוואַקסן אין לאַנד און קיינער האָט אים נישט אָפּגעשאַצט, דער דור וואָס איז געגאַנגען אין קאַמף מיט שמחה און געזאַנג, וואָס האָט זיך געוויצלט אין פייער פון די סנייפּערס, וואָס האָט איינגעדרימלט אין די גרייט-פּונקטן אַ האַלבע שעה פאַר אַן אַנטשיידענעם שטורעם, וואָס האָט געבורטשעט און געשאָלטן און האָט אָנגענומען מיט ליבע אַלעליידן פון קאַמף אין דעם נישט-אָרגאַניזירטן מיליטער, וואָס האָט געשאַפן אין די אייני-הייטן אַ גייסט פון חברשאַפט צווישן זעלנער און זעלנער און צווישן קאָמאַנדיר און זעלנער.

*

די אַממיינסטן בולטסטע אייגנשאַפט פון דער נחשון-צייט איז געווען די באַציאונג צווישן קאָמאַנדיר און זעלנער. אין יענע טעג האָט דער קאָמאַנדיר נישט געהאַט קיין שטרייפן און בלעטער. זאָגן זיי למשל „דעם זעלנער איז פאַרבאָטן..." אָדער „די זעלנער מוזן

מאַכן...״ האָט מען נאָך נישט געהערט. דער פּשוטער זעלנער איז נישט געווען קיין פּשוטער, נאָר אַ קאַמף־זעלנער, און דער קאָמאַנדיר איז מיט אים געשלאָפן אין דעם זעלבן געצעלט (ווען עס זענען געווען געצעלטן) און האָט אים דערציילט אַ צ׳יזבאת וועגן קאַמפן, וואָס זענען פאָרגעקומען, וועגן אבו־כביר, יעזור און סלמה, און ער איז נישט געווען מער ווי אַ חבר וואָס איז אויסגעפּרוווט געוואָרן אין קאַמף און איז משפּיע מיטן כוח פון זיין פּערזענלעכקייט.

היינט גייען אַרום לעגענדעס וועגן דער נישט־דיסציפּלין, וואָס האָט געהערשט אין יענע טעג. די לעגענדעס זענען געשאַפן געוואָרן אין די הינטערלאַנד־ביוראָען. די קאַמף־דיסציפּלין אין די נחשון־טעג איז געווען נישט צעשטערבאַר און נישט צווייפלהאַפט. זי האָט געהאַט אַ נישט וויניקער שטאַרקן אָנלען: — כבוד פאַרן גוטן קאָמאַנדיר, פאַרן קאָמאַנדיר, וואָס „פאַרמאָגט בלוט״. דאָס איז געווען אַ דיסציפּלין פון פרייע מענטשן, פון פייגע זעלנער וואָס דער קאָמאַנדיר איז שטאָלץ געווען זיי צו פירן צום קאַמף און האָט זיך פאַרלאָזט אויף זיי אין יעדער צרה.

איך דערמאָן זיך: יענער טאָג אין דער קאַמף־באַזע, אַ קורצע צייט פאַרן ענדיקן די אַקציע, ווען ס׳האָט זיך באַוויזן צום ערשטן מאָל אַ נייער קאָמאַנדיר באַפּוצט מיט שטרייפן, ווען ס׳האָט זיך צום ערשטן מאָל דערהערט דער באַפעל: „אָפיצירן, פלאַץ פאַרנעמען״ — נישט נאָר אין אונדזערע אויגן האָט עס אויסגעזען משונהדיק. עס האָט אויסגעזען משונהדיק אויך אין די אויגן פון אונדזערע קאָמאַנדירן, וואָס זענען מיט אונדז געווען אין שלאַכט.

*

די צווייטע אייגנשאַפט פון די נחשון־טעג איז געווען דאָס וואָס עס האָט נישט עקזיסטירט קיין מיליטעריש הינטערלאַנד. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין סאַרדינען און בולי־ביף מאָלצייטן און אין טראָגן משאות אויפן רוקן. דאָס האָט זיך אָבער אויסגעדריקט אין אַ גאָר אַנדערער אַטמאָספערע ווי די, וואָס עקזיסטירט היינט־צו־טאָג אין מיליטער.

ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אויף אורלויב אין שטאָט אַריין זענען מיר געווען די איינציקע מונדיר־טרעגער. מיר זענען אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן מיט אַ פאַררוקט שטרומפּ־מיצל אויפן קאָפּ, און מיר זענען געווען מלכים. אין קאַפע האָבן דיינע באַקאַנטע דיך נישט געפרעגט, צי דו האָסט בלעטער אָדער שטרייפן. זיי האָבן דיך

געפרעגט, צי דו געפינסט זיך אויפן פּראָנט צי נישט. דיין זיין אויפן פּראָנט אָדער דיין נישט זיין האָט מער געוואויגן, ווי דאָס טראָגן די בלעטער.

עס איז קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז אַ פיינער דזשאַב אין היינטערלאַנד איז באַקוועמער ווי צו ליגן אין אַ פייכטן געצעלט אויפן פּראָנט. אַלס מאַגאַזינער אָדער קולטור-פונקציאָנער ביסטו אַרויס אין קאַמף ווי אַלע אַנדערע — קיינער האָט אַנדערש נישט געטראַכט, און וויניקער פון אַלע דו אַליין.

בקיצור, די טעאָריע, אַז כּל-זמן זעלנער מוזן זיין אין הינטערלאַנד אויף יעדן זעלנער אין פּראָנט, איז נאָך נישט געשאַפן געוואָרן. מען האָט נישט מקנא געווען די שטאָטישע, מיר האָבן זיך געפילט העכער פון זיי — און אַזוי האָבן אונדז אויך אַנדערע געזען. און דאָס איז אפשר געווען דער מאָראַלישער יסוד פונעם פּראָנט.

*

עס איז געקומען אַנדערע טעג: — האַרמאַטן, עראָפּלאַנען, טאַנקען. דאָס שטרומפּ-מיצל איז פאַרשוואונדן, און אַנשטאָט אים, האָט זיך באַוויזן דאָס שטאָל-היטל. ס'קאָן זיין, אַז שטאָל שיצט דעם קעמפער זוי וואָל, אָבער שטאָל איז קאַלט, איין היטל איז ענלעך צום צווייטן, עס האָט נישט מער דעם אינדיווידועלן שטריך, וואָס האָט באַצייכנט טויזנטער שטרומפּן-מיצלעך, וואו איינס איז נישט געווען ענלעך צום צווייטן.

עס איז קיין ספק נישט: — מ'האָט געמוזט איבערבייטן דעם שטרומפּ-מיץ אין אַ שטאָלן-היטל. אָבער צי איז נישט מעגלעך געווען אָפּצוהיטן דעם גייסט פונעם שטרומפּ-מיצל, דעם גייסט פון נחשון, דעם גייסט פון אַ קעמפנדיק מיליטער פון פרייע מענטשן, אויך אין דער צייט וואָס מ'האָט זיך געניטיקט אין שטאָל?

דער קורס האָט זיך פאַרענדיקט דעם 6-טן נאָוועמבער.

נאָכן קורס זענען מיר געשיקט געוואָרן צו דער קאַמף-באַזע פון אונדזער גדוד, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען צווישן די חורבות פון בוכבא. פאַרבייגייענדיק מיטן שאָסיי דעם פאָליציי-בנין עיראק-סואידאַן האָבן מיר פאַרהאַלטן אַ זעלנער וואָס פון זיינע אויגן האָבן גערונען פרייד-טרערן. ער האָט אונדז געמאָלדן, אַז נאָר וואָס מיט אַ פערטל שעה צוריק, איז די פעסטונג געפאַלן.

קיינער האָט זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן וואָס עס האָט געפילט יעדער זעלנער אין דער חטיבה אין דעם מאָמענט. פון חודש מאי איז די פעסטונג געווען דער

סימבאָל פונעם שונאס איבערמאַכט. אויף יעדן אָרט וואו דו וועסט שטיין אינעם בלוין אויף דרום־זייט פון גדרה ביז צו די נגב פלאַכן, וועסטו זען די חוצפּהדיקע פעסטונג אויף דער הימל־ליניע. איין אָנגריף נאָכן צווייטן איז צעשמעטערט געוואָרן ביי אירע מויערן. די בעסטע זעלנער פון דער חטיבה האָבן פאַרלוירן זייער לעבן צווישן אירע פלויטן.

און אָט איז געשען אַ זאַך וואָס האָט אונדז אַלעמען אויפגעטרייסלט. דער ישוב, פאַרשיכורט פון נצחון, האָט פאַרגעסן דעם פּוסגייער־זעלנער, וואָס אַ דאַנק זיינע שרעקלעכע קרבנות אין משך פון לאַנגע חדשים איז איצט געפאַלן די פעסטונג. ער האָט באַקרוינט מיט אַלע לאָרבער־בלעטער די טאַנקיסטן־אייגהייט, וואָס האָט איינגענומען דעם פּלאַץ אָן פאַרלוסטן, נאָכדעם, ווי כמעט אַלע זיינע פאַרטיידיקער זענען פאַרטיליקט געוואָרן דורכן פייער פון שווערע האַרמאַטן.

די „שמשון־פיקסן" זענען געבוירן געוואָרן אין פּוסגייער־מיליטער. אַלע מענטשן פון דער פלוגה האָבן אָנטייל גענומען אין צענדליקער אָנגריפן אַלס פּוסגייער. אויך ווען מיר זענען געזעסן אויף די דזשיפּן האָבן מיר זיך באַטראַכט ווי אַ טייל פון דער פוסגייער־אַרמיי. מיר האָבן געהערט צו אַ גדוד פון פוסגייער אין דער חטיבה פון פוסגייער. און אויב מיר האָבן זוכה געווען צו מער פּאָפּולאַריטעט נישט צוליב אונדזער שולד, האָבן מיר גוט געוואוסט, אַז מיר האָבן נישט מער געטאָן און אוודאי ווייניקער געליטן פון יעדער אַנדערער פלוגה פון דער חטיבה. די „פּראָנט מוראַשקע", דער פּשוטער פוסגייער־זעלנער, איז געווען דער אמתער העלד פון דער מלחמה.

דאָס שענדלעכע גרינגשעצן דאָס פוסגייער־מיליטער איז בלויז געווען אַ סימפּטאָם פון אַן אַלגעמיינער גרינגשעצונג פונעם מענטש, וואָס האָט געהערשט אין הינטערלאַנד און איז געקומען צום אויסדרוק אין די תקנות וועגן מיליטערישער אויפפירונג. מענטשן, וואָס האָבן נישט ווי געהעריק פאַרשטאַנען וואָס ס'איז פאַרגעקומען אין אישדוד, אין נגבה און אין חולייקאת, האָבן געוואָגט צו פאַרטרעטן „מאָדערנע" מיליטערישע מיינונגען. זיי האָבן נישט געוואוסט, אַז דווקא די אַקציע „עשר מכות" האָט באַוויזן די אומפעאיקייט פונעם טאַנק אויך ערפּלאַן צו דעראָבערן אַ באַפעסטיקט געביט. דאָס שטורעמען פונעם פוסגייער־זעלנער האָט דורכגעהאַקט דעם טויער פון נגב.

מיט אַ ספּעציעלער פאַרביטערונג האָב איך געקלערט וועגן „די קאָרעספּאָנדענטן פון צבא ההגנה לישראל", וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט באַטייליקט אין קאַמף און האָבן געשטאָפּט דעם ישוב מיט רשימות געשריבענע אין גרויס באַקוועמלעכקייט אין די חטיבה אָדער פראָנט בעטן. זיי האָבן נישט געזעצן אין זייער אויפגאַבע אַן איינלאַדונג צו באַגלייטן דעם פוסגייער אין אַ נאַכט־אַטאַקע אָדער אין אַ באַגנעטן־שטורעם, ווי עס האָבן געמאַכט פיל טויזנטער מיליטערישע קאָרעספּאָנדענטן אין אַלע מיליטערן אין לעצטן וועלט־קריג.

נישט איינמאָל האָט זיך מיר פאַרגלוסט אַליין צו זיין אַ „מיליטערישער קאָרעספּאָנדענט", צו „פאָטאָגראַפירן" דעם פּשוטן זעלנער אין קאַמף, געבן דעם ישוב די אמתע פאַקטן. איך האָב געגלויבט, אַז אויב איך וועל האָבן די מעגלעכקייט אָנטיילצונעמען אין אַלע אַנטשיידענע אַטאַקעס, און נישט בלויז אין די אַקציעס פון איין פלוגה, וועל איך קאָנען אין אַ געוויסער מאָס פאַרריכטן דעם שרעקלעכסטן אומרעכט פון דער מלחמה. אָבער דער מיליטערישער אָפּטייל אין היגטערלאַנד, וואָס האָט געגעבן דעם טיטל „מיליטערישער קאָרעספּאָנדענט" די ריכטיקע הינ־טערלאַנד־מענטשן, האָט פאַרבאָטן דאָס שרייבן דעם זעלנער וואָס האָט יאָ געוואָלט זיין אַ קאַמף־קאָרעספּאָנדענט. איך האָב ווייטער געשיקט איינצלנע רשימות צו דער פרעסע, כאָטש דאָס האָט באַטייט אַן עבירה אויף אַ סך באַפעלן.

*

אַ פּאָר טעג נאָכן דעראָבערן דעם פּאָליציי־בנין עיראַק־סואידאַן האָב איך געשיקט צו דער צייטונג א רשימה אונטערן נאָמען „גיט אָפּ כבוד דער פראָנט מוראַשקע". עס דוכט מיר, אַז כ'האָב געבראַכט צום אויסדרוק דעם אויסקריס־טאַליזירטן גייסט פון דער גאַנצער חטיבה.

13־טער נאָוועמבער, 1948, גדודישער קעמפּ.

כבוד דער פראָנט־מוראַשקע!

איך בלעטער אַן אילוסטרירטן בלאַט, וואָס האָט זיך ווי עס איז פאַרוואַלגערט אויף פאַרהוילענע וועגן אין משלט אַריין. איך קוק זיך איין אין די בילדער. אָט אַזוי, זאָג איך צו זיך, זעט דער בירגער „ערגעץ־דאָרט אין הינטערלאַנד" דעם פראָנט.

די בילדער זענען שיין און באַפּוצט מיט קלינגנדיקע אויפשריפטן. די פאָטאָגראַפיסטן און קאָרעספּאָנדענטן זענען טאַקע נישט געקומען צו די פייער ליניעס, אָבער פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך באַמיט צו געבן דעם „עולם" די פאַרלאַנגטע מטעמים. אָט זענען טאַנקן, פּאַנצערס, דזשיפּן, קאַנאָנען, קאַמף־עראָפּלאַנען, פערד — וואָס דו ווילסט: „חיות", „פּיקסן", פאַרשידענע מיני חיות. און בלויז איין באַשעפעניש פעלט דאָ — דאָס וואָס מען רופט „די פראָנט־מוראַשקע".

בקיצור, עס פעלט די פוסגייער־אַרמיי. ער איז ווי פאַרשוואונדן פון דעם בילד. ער איז נישט געווען גענוג ראָמאַנטיש, גענוג קלינגענדיק, ער האָט נישט גענוג געלאָקט. „אָך וואָס פּטרן מיין צייט אויף אַזעלכע גראָע באַשעפענישן", האָט זיך געטראַכט דער פאָטאָגראַפיסט, „ווען

אַרום מיר זענען דאָ באַליבטע ביים עולם, אַ מענגע קאָלירן און אוני־פאָרמען?" און דער מיליטערישער קאָרעספּאָנדענט איז געגאַנגען אין זיינע פוס־טריט. זאָג וואָס דו ווילסט — דאָס פוסגייער מיליטער איז נישט קיין סענסאַציאָנעל מיליטער. צו וואָס זאָלן מיר בייז זיין אויפן קאָרעספּאָנדענט, ביי וועמען די סענסאַציע איז נאָך אַלעמען דער אידעאַל?

*

אָט איז אַ בילד עפּעקטפול און שיין — „די וועג־דורכרייסער צום נגב". פיר בחורים אויף אַ דזשיפּ, מאַשין־געווער, אַ שמייכל.

איך וועל זיין דער לעצטער צוצורויבן דעם כבוד פון די דזשיפּ־איינהייטן. זיי האָבן געהאַט צייטן פון גלאַנץ. זיי האָבן געהאַט אַ טייל אין דער אַנטשיידונג, און ווער עס איז פאַררעכנט צו זיי אין יענע טעג האָט אַ רעכט שטאָלץ צו זיין.

אָבער אויב עס רעדט זיך וועגן די „וועג־דורכרייסער צום נגב" זענען פאַראַן אַנדערע וועמען דער טיטל געהער גיכער. אין יענער גורלדיקער נאַכט, ווען די דורכרייסער זענען אַרויפגעגאַנגען אויפן באַקאַנטן מישלט 113 — האָט געפייערט זיין קרוינונג אַ נייער מלך אויפן שלאַכט־פעלד פון ארץ־ישראל — דער מלך באַגנעט. ער איז דער וואָס האָט דעראָבערט; ער איז דער וואָס האָט געבאַנט דעם וועג. ער האָט געשוועבט אין דער לופט. דעם באַגנעט האָבן געהאַלטן אַ פּאָר הענט, די הענט פון דעם זעלנער וואָס זיין בילד איז נישט פאַרעפנט־לעכט געוואָרן אין אילוסטרירטן בלאַט, ווייל ער פאַרמאָגט נישט קיין שום סענסאַציאָנעלן יסוד, אַ פּראָזאַאישער גראָער יוגנטלעכער, אָן פּרעטענזיעס. אַ פּשוטער זעלנער מיט אַ ביקס, מיט אַ באַגנעט און אַ פּאָר פיס. אָט האָט איר דעם „וועג־דורכרייסער צום נגב".

איר וועט זאָגן — דאָס איז ווייניק. דאָס בילד איז מיט גאָרנישט אַנדערש פון הונדערטער אַנדערע בילדער. וועגן דעם איז שווער צו שרייבן. עס איז דערין נישטאָ קיין מאַטעריאַל פאַר אַ קלינגענדיקן אַרטיקל, פאַר אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס זאָל מאַכן אויפציטערן הערצער.

לאָמיר זיך אַ ווײַלע איינקוקן אין דעם פּשוטן בחור מיט די פּאָר פיס און באַגנעט. געווען טעג, ווען איר האָט אים אַנטקעגנגעשאָלט — איר געדענקט? די טראַנספּאָרט־באַגלייטער קיין ירושלים, „נחשון"־מענשן, די דעראָבערער פון קאַסטעל און דיר־מוחייסין. דעמאָלט איז ער נאָך געווען אַ ראָמאַנטיש באַשעפעניש, נישט אַזוי? זיין שטרומפּ־

מיצל האָט איר פאָטאָגראַפירט אין אַלע פּאָזעס. קיין טאַנקן און דזשיפּן זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען. איר האָט זיך באַגנוגנט מיט ווינציק.

*

טעג זענען אַריבער. אין די הימלען איז געפלויגן דער ערשטער ערפּלאַן. אַ שמייכלענדיקער בחור האָט אַרויסגעקוקט פונעם גע־פּאַנצערטן „ברען קעריער". דעם בידנעם פוסגייער האָט איר פאַרגעסן. אָבער אָן דער באַגלייטונג פון קאָרעספּאָנדענטן און פאָטאָגראַפיסטן האָט ער געטאָן דאָס זייניקע. אין אַ בלוט־קאַמף איז ער געשטאַנען אַנטקעגן דעם שונא אין לאַטרון און דערמעגלעכט צו עפענען דעם בורמא־וועג קיין ירושלים. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויפן אַריינדרינגער ביי אישדוד, און מיט אַ פּראָזאַאישער פּילפּאַרלוסטיקער אַקציע האָט ער פאַרהאַלטן זיין פאַרויסגיין. ער האָט אַטאַקירט, אַטאַקירט אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל און אַ פערט מאָל עיראַק־סואידאַן. נישט שטענדיק האָט ער מצליח געווען, אָפטמאָל איז ער דורכגעפאַלן. זיין אויסשטאַטונג איז געווען אַ נעבעכדיקע, אין פאַרגלייך מיט דעם גלאַנצענדיקן מצרישן שטאָל. ער האָט פאַרמאָגט, ווי געזאָגט, בלויז אַ ביקס און אַ פּאָר פּיס. אַפילו אַ באַגנעט האָט ער נישט פאַרמאָגט.

און פונדעסטוועגן, דער באַגנעט וואָס האָט דורכגעבראָכן דעם וועג צום נגב, איז אין יענע טעג געשאַרפט געוואָרן. מיט הינ־דערטער „שאַבלאָנע" און פּראָזאַאישע אַקציעס, וואָס האָבן נישט אַריינגעדרונגען אין די שפּאַלטן פון די צייטונגען, מיט מיליאָנען פוס־טריט, וואָס האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין שפּורן...

*

אָט איז אַ צווייט בילד. „די דעראָבערער פון דער פעסטונג עיראַק־סואידאַן". אַ וואַנט געלעכערט פון האַרמאַטן־קוילן, אַ טאַנק און אַ פּאָר בחורים, וואָס טראָגן שאָפּער־ברילן.

אמת ויציב. די טאַנקן זענען געווען די ערשטע אין דער בליץ־אַקציע, וואָס האָט באַזיגט די פעסטונג. און פונדעסטוועגן איז אַ ביסל שווער צו פאַרדייען דאָס בילד. עס דערוועקט אין דיר צופיל זכרונות. די אַטאַקעס אויף דער פאַרשאָלטענער פעסטונג — וויפיל זענען זיי געווען? די טעג פון באַלאַגערונג אויף נגבה. דער היסטאָרישער קאַמף וועגן דעם משלט. די־אַ גאַנצע פרשה, וואָס האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער לייכטער בליץ־אַקציע.

„דעראָבערער פון דער פעסטונג עיראַק־סואידאַן" — ס'י געהער נישט דער טיטל אויף אים, מנחם בראָצקין, וואָס איז געלאָפן אין דער

שפיץ פון דער שטורעם־כוואַליע און איז געפאַלן ביים פלויט פון דער פעסטונג אין איינער פון די אַטאַקעס. וואָס זענען דורכגעפאַלן? ער איז טאַקע קיין טאַנקיסט נישט געווען, בלויז אַ פשוטער זעלנער מיט אַ שטאַנדהאַפטיק האַרץ און שטאַרקע פיס. און אויב ווילט איר פאַרעפנטלעכן בילדער, פאַרוואָס זאָלט איר נישט פאַרעפנטלעכן דאָס בילד פון אפרים מאַקאָווסקי, אַ פשוטער מ״ם־כ״ף, וואָס איז געפאַלן אין גבה־קאַמף, בעת ער האָט געפרווט ראַטעווען אַ פאַרוואונדעטן חבר? אָדער דאָס בילד פון משה בן משה, אַ שווייגנדיקן און באַשיידענעם זעלנער, וואָס איז אויך אויף אַזאַ מין אופן געפאַלן? ווייל אַ דאַנק זיי און זייערע חברים איז נגבה נישט געפאַלן אין די גורלדיקע טעג, ווען עס האָט זיך גאָר נישט באַוויזן דער יידישער קאַמף־עראָפּלאַן איבערן דרום.

אָט האָב איך פאַרגעסן. עס איז נישטאָ אין די דאָזיקע בילדער עפּעס וואָס זאָל באַפרידיקן די זע־לוסט פונעם עולם. ס׳קאָן זיין, אָבער פאַר מיינעטוועגן זענען זיי אַן עניין. און ס׳איז כדאי זיך איינצוקוקן אין די דאָזיקע בילדער. אַז איר וועט זיך גוט צוקוקן, וועט איר געפינען דעם סוד פונעם נצחון, וואָס מיר האָבן געהאַט. די פשוטע געזיכטער פון די געפאַלענע אין נגבה־גראַד וועלן אייך מער באַלערנען ווי די פראַכט־בילדער פון טאַנקן און עראָפּלאַנען. נישט דאָס שטאָל האָט איבערגעוואויגן. דער מענטש, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן שטאָל האָט איבערגעוואויגן. געשטאַנען טעג, וואָכן און חדשים ביז די פויסט איז אַרונטער מיט איין גלענצנדיקן איבערראַשונגס־קלאַפּ און אייך געגעבן דאָס קלינגענדיקע קעפל אין דער מאָרגן־צייטונג...

*

גיט אָפּ כבוד דעם פליער, דעם טאַנקיסט, דעם דזשיפּ־מאַן און אַרטילעריסט. זיי האָבן געגעבן אַלץ וואָס זיי האָבן געקענט געבן. זיי האָבן געגעבן אַקציעס און שניט פון נצחון. אָבער פאַרגעסט נישט — די אַלע געהערן צום הילף־געווער.

העלפט צו — וועמען? דעם, וועמען איר האָט אין אייערע בילדער און רשימות פאַרגעסן; דעם מלך, וואָס גייט אָנגעטאָן אין זעק דעם ריז מיט די טויזנט פיס, וואָס גיט דאָס בלוט און דעם שוויים, וואָס ליגט אין משלטים און גראָבט אין דער ערד און שיסט מיט דער ביקס און וואַרפט זיך מיטן באַגנעט און דעראָבערט און באַפעסטיקט זיך — דעם פוסגייער־זעלנער.

גיט אָפּ כּבוד די גראָע פּראָנט־מוראַשקעס. ווייל בעת איר יאָגט איך נאָך די לעגענדאַרע חיות, טראָגן זיי די מיליאָנען יאַמדעלעך פונעם נצחון.

אומקערנדיק זיך אין גדוד אַריין האָב איך באַקומען אַ באַפעל זיך אָנצושליסן צוזאַמען מיט מיין חבר שלום כהן אָן דער פלוגה ג׳ פונעם גדוד און קאָמאַנדעווען איבער אַ כיתה פוסגייער.

דער באַפעל האָט מיר פאַרשאַפט אַ שווערן זעלישן קריזיס. איך האָב געוואוסט אַז מיטן דערשיינען פון דעם באַגנעט אַלס אַן אַנטשיידנד געווער אין די שלאַכטן, וועט דער ווערט פון די דזשיפּן אין אַ געוויסער מאָס אַראָפּפאַלן און עס וועט אַ כך שטאַרקער ווערן דער ווערט פונעם פשוטן פוסגייער. כ׳האָב געוואוסט, אַז אַ וויכטיקע אויפגאַבע איז איינצוואָרצלען דעם גייסט פון דער חטיבה אין האַרצן פון די גח״ל־זעלנער, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אונדזערע רייען. איך האָב זיך אויך נישט געשעמט מיטן נאָמען פון דער פלוגה, וואָס האָט אין חולייקיות כה געוועזן צום טיטל „די דורכשפּאַלטער“.

אָבער פון דער צווייטער זייט האָב איך זיך געפילט, ווי אַ מענטש פאַר וועמען מען פאַרשליסט די טיר פון זיין היים. די פלוגה „שמשון פיקסן“, אין איר פאַרשידענע גלגולים, איז געווען מיין היים פון זינט דעם ערשטן טאָג מיינעם אין מיליטער. איך בין פאַרקניפּט געוואָרן צו אירע מענטשן אַזוי ווי נאָר אַ קאַמף־זעלנער קאָן זיך צוקניפּן צו זיינע חברים אין פלוגה. און אָט האָב איך זיך געדאַרפט אָנשליסן אָן אַ פלוגה, וואו איך האָב כמעט נישט געהאַט קיין איין חבר.

אַבער דער באַפעל איז געווען באַפעל. איך בין געוואָרן כיתה־קאָמאַנדיר אין פלוגה ג׳.

16־טער נאָוועמבער, 1948, גדודישער קעמפּ.

גח״ל־כיתה

אויפן קורס האָב איך מיר איינגעשטעלט אַלע פּרטים, ווי אַזוי איך זאָל דערשיינען צום ערשטן מאָל פאַר מיין נייער כיתה. „חברים“ וואָלט איך צו די מענטשן געזאָגט, „איך בין נישט קיין אינסטרוקטאָר פונעם זאַמל־קעמפּ. איך האָב באַקומען די כיתה, כדי זי צו פירן אין קאַמף“. דאָ האָט באַדאַרפט אַריינקומען אַ דראַמאַטישע פויזע מיט אַן אַרומנעמענדיקן דורכדרינגענדיקן בליק. „איך וויל איר זאָלט דאָס גוט געדענקען — פון היינט אָן געהערט איר צו אַ קאַמף־איינהייט מיט אַ שטאָלצער טראַדיציע. אַלץ, וואָס איר וועט זען, הערן און איבן אין

די נאָענטע טעג, וועט זיין געצילט צו דער גרויסער מינוט אין אייער לעבן, ווען איר וועט אַריינטרעטן אין קאַמף...״

און נאָך און נאָך וואָלט איך זיי געזאָגט שיינע און אמתע ווערטער, וואָס דרינגען אַריין אין האַרצן. אלא וואָס, די אַלע שיינע רייד, וואָס דער מענטש גרייט זיך אָן אין האַרצן צו זאָגן אין אַ פּאַסיקער צייט, זענען קיינמאָל נישט געזאָגט געוואָרן, ווייל די ענינים האָבן זיך אַנדערש אַנטוויקלט, ווי איך האָב זיי מיר פאָרגעשטעלט פון פאָרויס...

איך בין געלעגן אין משלט אַנטקעגנאיבער פאלוג׳ה. דאָ און דאָרטן האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט די קאָלירטע ראַקעטן פונעם שונא. פון מאָל צו מאָל האָט אויך געקלאַפּט אַן איינזאַם מאַשין־געווער, היסט עס, אַז אַ נעבעכדיקער אַרטילעריסט, וואָס ציטערט פון קעלט, ברווט זיך אַנגענעם מאַכן דאָס לעבן. איך האָב זיך איינגעוויקלט אינעם שלאָף־זאַק אויף אַ זיסן אָפּרו פאַר געציילטע פאָר שעה.

פלוצים האָט מיך עמיץ אויפגעוועקט. ער האָט געהיפּט איבער די שלאָפנדיקע קערפּערס, געטרעטן אויף קעפּ און פיס, געשאָלטן אויף אַ קול (ווייל עס איז קיין חשד נישט געווען עמיץ זאָל זיך וועקן פון אַ מוז) און האָט גענומען מיט כוח שאָקלען מיין קאָפּ. „שטיי שויך אויף, דער באַפעל פון מ.פ., דו דאַרפסט שוין צוריק אין באַזע און אויפנעמען אַ נייעם אָפּטייל פון רעזערוו״.

איך בין געפאָרן איבער פאַרלאָזענע שטויב־וועגן, כ׳האָב אַריבער־געצויגן די קאָלדרע איבערן קאָפּ און בין אָנגעקומען חצות אין קעמפּ. דער נייער אָפּטייל איז שוין געווען אַריינגעגאַנגען אין זיין באַראַק אַריין. נאָר וואָס האָבן זיי באַקומען שטרוי־זעק און קאָלדרעס פון מאַגאַזין. איך האָב געעפנט די טיר און בין געבליבן שטיין ווי אַריינ־געהאַקט אויפן אָרט. אַ רעש אויף טויב צו ווערן. עס זעט אויס, ווי אַלע זאָלן רעדן מיט איינמאָל — דאָס אויער כאַפּט שווער דאָס גע־רעדטע. די ווערטער זענען נישט פאַרשטענדלעך. ביי אַ פינף שפּראַכן קאָנקורירן צווישן זיך. העברעאיש איז נישט געווען צווישן זיי.

איך פייף מיט מיין פייפל. דאָס איז דאָך אַ וואונדערלעכע זאַך, אַן אויטאָריטעטע און הערשערישע. זיין שפּראַך איז אינטערנאַציאָנאַל. באַלד ווערט שטיל. איך זאָג אַ פּאָר ווערטער אויף העברעאיש. די מענטשן הערן זיך צו, אָבער, ווייזט אויס, זיי פאַרשטייען גאָרנישט.

„ווער פאַרשטייט דאָ העברעאיש?״, פרעג איך. אַ בחור מיט אַ וואָנסע מיט אַ גאַנץ אינטעליגענט פּנים בלייבט שטיין אויף „דום״. זיין העברעאיש איז זייער צעבראָכן, אָבער ער פאַרשטייט מער־ווייניקער וואָס מען דאַרף און פאַרטייטשט עס אויף פראַנצויזיש.

געפינט זיך אַ צווייטער, וואָס פאַרטייטשט אויף ספּאַניאַליש. איינער פון די פּראָנצויזיש־רעדנדיקע פאַרטייטשט אויף איטאַליעניש. און אַזוי שאַפט זיך ספּאָנטאַניש אַ סיסטעם פון לערנער — איך זאָג אַ זאַץ אויף העברעאיש, און יענע פאַרטייטשן אויף זייערע שפּראַכן. און דערווייל האָב איך גענוג צייט נאָכצודענקען וועגן אַ נייעם זאַץ...

*

זיי זענען געקומען אין לאַנד אַרייַן קעמפן. די מייסטע מיט אַ גוטן ווילן. אָבער אין זייער פאַנטאַזיע האָבן זיי זיך אויסגעמאָלן די מלחמה אַ ביסל אַנדערש ווי זי איז אין דער ווירקלעכקייט. ביי זיי איז עס אַ קינאָ־מלחמה — דראַמאַטישע סצענעס פון באַגעגעניש מיטן שונא, דערהויבענע העלדן־טאַטן. און אָט איז די ווירקלעכקייט אַ גראָע — לאַנגווייליקע משלטים, אומאויפהערלעכע שמירה־שעהן, אָן אויפהער זיך פאַרשאַנצן. בעת דאָס שטורעמען איז בלויז קליינע רויטע פונקטן אין גראָען ים. דאָס איז דער פראָנט.

אָט, למשל, אַ פּראָזאַאישע און גאָר נישט פאַרווײַלנדיקע באַשעפטיקונג — קריכן צווישן דערנער. פאַרוואָס נישט קריכן אין אַ באַקוועמען אָפּגעקאָסעטן פעלד? אומזיסט דיין אויפקלערן, אַז אין פראָנט איז שווער זיך אויסצוקלייבן דאָס באַקוועמסטע פעלד — אַ ביסל איז עס דאָך אויך אָפּהענגיק פונעם שונאס ווילן.

וואָס טאָן? אויפקלערן? ס'האָט קיין טעם נישט. דער באַטייט וועט פאַרלוירן גיין ביי דער פאַרוויקלטער פּראָצעדור פונעם דרייפאַכיקן איבערזעצן. דאַרף מען אַ זאַך, וואָס מען קאָן זען. איך שטעל זיי אויס, קער זיי אום אין קעמפ אַרייַן און גיב זיי צען מינוט איבעררייס. ווער עס וויל אָנטאָן לאַנגע הויזן אָנשטאָט קורצע — קאָן עס טאָן.

נאָך די צען מינוט שטעל איך זיי ווידער אין אַ ריי. דאָס רוב האָבן דערווייל אָנגעטאָן לאַנגע הויזן און איך טראָג איצט קורצע.

„לינקס — דרייען! פאָרויס — שפּאַן!“ מיר קערן זיך אום צום דאָרן־פעלד.

„אַלזאָ, לייגט אַכט. צום באַפעל „פאַל“, פאַלט איר — אַזוי. לייגט אַכט אויף די איינצלהייטן — מיינע קנאָפּל זענען צוגעדריקט צום באָדן...“

זיי קוקן זיך צו און פאַרשטייען.

„איצט וועט איר פאַלן צוזאַמען מיט מיר. פאַל! שוין פאַלן! אַ ביסל גיכער!“

און איצט פאַלן זיי אויף די דערנער. איך האָב געזיגט. אַ קליינער זיג. אָבער פאַר מיר איז עס וויכטיק.

*

אויפן קורס האָב איך געלערנט גענוי ווי אַזוי זיך צו פירן בעת איך קאָמאַנדיר איבער דער כיתה אויפן פראָנט און דער שונא עפנט אַ פייער. כ׳האָב געלערנט ווי אַזוי צו געפינען דעם וועג אין אַ פאַרוואָלקנטער נאַכט און ווי אזוי צו באַהערשן פאַרוויקלטע טאַקטישע פּראָבלעמען.

אָבער אויפן קורס האָט מען פאַרגעסן צו לערנען ווי אַזוי צו באַשפּייזן 40 הונגעריקע בחורים, וואָס קיינער פון זיי האָט נישט קיין עס־צייג. מען האָט מיך אויך נישט געלערנט ווי אַזוי זיי אַרויסצופירן אויף שמירה און נאַכט־איבונגען בעת זיי ציטערן פאַר קעלט און ס׳איז נאָך נישט מעגלעך זיי צוצושטעלן ווינטער־קליידער.

און פונדעסטוועגן קומט מען שוין ווי עס איז אַלץ דורך. אויף בשרע און נישט־כשרע וועגן באַקומט מען אַ ביסל געשיר. אויב נישט אַלע האָבן עס — הייסט עס, אַז מען דאַרף עסן איינער נאָכן אַנדערן. איך גיב אַכטונג, פּרוּוו געפינען אַ שפּאַס, וואָס איז לייכט אים צו פאַרטייטשן, און איך וואַרט אויפן סוף. דערווייל זע איך, ווי זיי סודען זיך אויף פראַנצויזיש. הייסט עס, עס קאָכט זיך עפּעס. וואָס אַזוינס? צום סוף גייט צו מיר צו איינער, אַ שליח ציבור.

„קאָמענדאַנט“, זאָגט ער און שטופּט מיר אין האַנט אַריין דאָס עס־געצייג. איך נעם עס און גיב עס איבער אַ צווייטן. יענער פּרובט מיר דערקלערן אויף פראַנצויזיש, אַז זיי ווילן איך זאָל עסן פריער. איך זאָג זיך אָפּ. און יענע, וואָס שטייען ביים סוף, מיט פאַרקרימטע פּנימער און פאַרביטערט אויף דער וועלט און אויפן מיליטער, שווייגן.

נאָכן עסן דאַרפן מיר אָנלאָדן זאַמד אויף אַ מאַשין און עס ברענגען אין קעמפּ אויסצופלאַסטערן אונדזערע ביידלעך פאַר דער רעגן־צייט. איך דערקלער זיי די אויפגאַבע און זיי נעמען אונטערבורטשען. זיי זענען געקומען קעמפן און נישט אַרבעטן. ווי אַזוי דערקלערט מען זיי, אַז דער פוסגייער איז אַ קעמפער און אַרבעטער און אַ טרעגער אינאיינעם?

ווען מיר קומען אָן צום פּלאַץ באַפעל איך זיי אַראָפּצוגיין. זיי איילן זיך אָבער נישט. איך שריי אויף אַ הויך קול. זיי גייען אַראָפּ, שטייען אָן אַ זייט און וואַרטן

איך פאַרשטיי, אַז ווערטער וועלן נישט העלפן. פאַראַן, אַז עס העלפן ווערטער — פשוטע וויניקע ווערטער, וואָס ווירקן, אָבער דעמאָנסטענעס און ציצעראָ וואָלטן נישט באַגייסטערט דעם עולם צוהערער, ווען זיי וואָלטן זיך געניייטיקט אין אַ שטאָב דאַלמעטשער. און דעריבער — מעשים. איך נעם אַ רידל און הייב אָן גראָבן, אַקוראַט איך באַמערק גאָרנישט.

יענע סודען זיך, ווייזן אָן אויף מיר און האַלטן אָפּ אַ באַראַטונג. איינער נעמט אַ רידל און הייבט אָן אָנלאָדן זאַמד. נאָך אים אַ צווייטער, אַ דריטער און אַ פערטער.

נאָך אַ קליינער קאַמף, וואָס איז אויסגעפאַלן צום גוטן.

*

דאָס הויפּט־פּראָבלעם איז די געַנויקייט. עס איז נישט מעגלעך זיי צוגעוויינען זיי זאָלן אַרויס פון די ביידלעך, ווען עס דערהערט זיך דער פייף. אַ פאַרשפּעטיקונג פון אַ פערטל שעה ביז צוואָנציק מינוט איז אַ נאָרמאַלע זאַך.

אַמאָל איז מיר די זאַך שוין נמאס געוואָרן. זיי האָבן פאַרשפּעטיקט צוואָנציק מינוט. איך זאָג גאָרנישט. איך גיב זיי איבונגס־גראַנאַטן און פיר זיי צום איבונגס־פעלד.

ע ר ש ט ד אָ ר ט שטעל איך זיי אויס.

„הערט זיך איין. מיליטער איז נישט קיין אוניווערזיטעט. אין אוניווערזיטעט, אַז ווער עס וויל קומט, ווער עס וויל נישט, קומט נישט". די דאָלמעטשער פאַרטייטשן. „מיליטער איז נישט קיין שפּיל. נאָך אַ ביסל וועלן מיר אַרויסגיין צום פראָנט". אויף העברעאיש זאָגט מען נישט „פראָנט", נאָר „משלטים" אָדער „ליניעס". אָבער אין פרעמדשפּראַכן איז עס אַ צויבער־וואָרט — „פראָנט", „פראָנטאַ". זיי ווערן שטראַם. „די איבונגען זענען נישט פאַר מיר, די איבונגען — זענען פאַר אייך. איך קאָן זיך היטן. נאָר אַ נישט־אויסגעשולטער זעלנער ווערט געהרגעט". איך דערמאָן זיך אין פּאַנפילאָוון. „וויל דען עמיץ פון אייך שטאַרבן?" ניין, קיינער פון זיי וויל נישט שטאַרבן.

„אויב אַזוי, הערט זיך איין. דער גראַנאַט איז זייער אַ געפערלעך געווער. לאַ־גראַנאַד טאַראַ דענדזשעראַ..."

*

נישט ווילנדיק פאַרגלייך איך זיי צום אָפּטייל, וואו איך האָב זיך געאיבט כמעט מיט אַ יאָר צוריק. אַ ביסל אַ מעלאַנכאָלישער

געדאַנק. ווער פון די „אַלטגעזעסענע“ איז פאַרבליבן אויף זיין אָרט? אַ טייל איז געהרגעט געוואָרן, אַ טייל פאַרוואונדעט, אַ טייל (ערגער פון אַלץ) האָט זיך איינגעאָרדנט אין הינטערלאַנד. דו באַגעגנסט כמעט נישט מער אַ באַקאַנטן פרצוף פון יענע טעג. און אַהער קומען די דאָזיקע און פאַרנעמען אונדזער פּלאַץ. זיי זענען דורכגעדרונגען מיט אַ גוטן ווילן. און פונדעסטוועגן זענען זיי אַנדערש פון אונדז. זיי פאַרמאָגן נישט דאָס־אָ שמייכעלע פון פרייהייט. די געזונטע פרייד; זיי פאַרמאָגן אויך נישט יענעם נאַטירלעכן שטאָלץ, וואָס ווידערשפעניקט דער דיסציפּלין, וואָס האָט אויסגעצייכנט אונדז ווען מיר זענען אַרויס צו די „נחשון“־ און „מכבי“־אַקציעס.

און פונדעסטוועגן זענען זיי גוטע בחורים. מיט די מערסטע פון זיי בין איך גרייט צו גיין אין קאַמף אָן אַ שום קווענקלעניש. ווי זאָגט זיך אין יענעם ליד? „איין דור גייט, אַ צווייטער קומט...“

עס טרעפט אויך, אַז אַ יונגער מ. כ. פילט זיך אַלט, אַפילו אויב דאָס געזעץ האָט אים ערשט נישט לאַנג אָפּגעשוירן די באָרד...

נאָך עטלעכע וויניקע טעג פון איבונגען, ווען מיר האָבן געפּרוּווט געבן די מענטשן די באַציאונג, וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו באַקומען אָנהייב מלחמה אין די רייען פון דער הגנה, האָט די פלוגה באַקומען אַ באַפעל צו פאַרכאַפּן אַן אַפּשניט אין פלוג׳ה־פראָנט, אין דרום־זייט פון עיראַק־אל־מנשיה. אויף דעם פראָנט האָט זיך געפירט אַ „מיניאַטור־מלחמה“ צווישן די אַרומגערינגלטע מצרים און צווישן דעם אַרומרינגלונגס־כוח. די מצרים האָבן געפּרוּווט פון צייט צו צייט דורכרייסן די אַרומרינגלונג, מיר ווידער האָבן זיך באַמיט נישט לאָזן דורכגנבענען פּראָוויאַנט דורך אונדזערע משלטים ביי נאַכט. אין האַרצן האָבן מיר פאַרערט די אַרומגערינגלטע מצרישע בריגאַדע — די בלום פון מצרישן מיליטער — וואָס האָט אויסגעהאַלטן אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען.

אַ ביסל באַזאָרגט בין איך אַרויס מיט מיין כיתה אין וועג אַריין. צום ערשטן מאָל איז מיר אויסגעקומען צו קאָמאַנדירן איבער מענטשן אויפן פראָנט. און דער פאַקט, אַז עס זענען נישט געווען קיין אויסגעשולטע ארץ־ישׂראלדיקע בחורים, נאָר גח״ל־מענטשן, וועמען די באַדינגונגען פון לאַנד זענען פרעמד, האָט אויף מיר נישט ווייניק געדריקט. איך האָב באַקומען אַ משלט איין קילאָמעטער ווייט פונעם אַרומגערינגלטן שונא.

28־טער נאָוועמבער, 1948, אַנטקעגן עיראַק־אל־מנשיה.

א רעגן אין משלט

פאַרנאַכט האָבן מיר פאַרכאַפּט דעם משלט, איינקוואַרטירט די מענטשן אין „ביוואַקן“, צעטיילט די שמירה און אויפגעשטעלט די מאַשין־געווערן.

די ביוואַקן געפינען זיך אין דער הינטערשטער באַרג־קייט און די פּאָזיציעס פאַר נאַכט־שמירה זענען אויסגעגראָבן געוואָרן אין דער פאָדערשטער באַרג־קייט. אַזוי ווי עס איז נייטיק, אַז די מענטשן זאָלן זיך געפינען ביי די פּאָזיציעס, כדי צו זיין גרייט צו יעדער צייט פאַר אַן אַטאַקע פון שונא, וועלכער זוכט אַנצופאַלן, קאָנען זיי נישט שלאָפן אין די ביידלעך. זיי שלעפּן די שטרויזעק און די קאָלדרעס אין די פּאָזיציעס אַריין.

אַזאַ אָוונט איז פאַר אַלע אַן איבערלעבעניש — עס איז פאַר זיי דער ערשטער אָוונט אין פראָנט.

„דאָס אַלץ ווי... ווי... אַ חלום“, זאָגט יהושע, אַ פּאַריזער, וואָס האָט געכאַפּט אַ פּאָר העברעאישע ווע, טער. ער רעדט ווייטער פראַנצויזיש, און איך פאַרשטיי בלויז געציילטע ווערטער: „עליה“, „מלחמה“, „פראָנט“, „אַטאַק“.

איך ליג צווישן די כיתה־פּאָזיציעס. עס וועט זיין אַ שלעכטער ביישפּיל, אויב כ׳וועל שלאָפן אין ביידל. ווען דו קאָנסט נישט ווירקן מיט ווערטער, דאַרפסטו ווירקן מיט מעשים.

איך געפין זיך אויס אַ באַקוועמען אָפּשניט אינעם קאָנטאַקט־קאַנאַל, לייג דאָרט אַוועק דעם שטרויזאַק, קריך אַריין אינעם שלאָף־זאַק און דעק זיך איין מיט די קאָלדרעס. מען טאָר נישט אויסטאָן די שיך אָדער די קליידער, דעריבער איז גאַנץ וואַרעם.

פונדעסטוועגן איז שווער איינצודרימלען. פון צייט צו צייט שטיי איך אויף און מאַך אַן אינספּעקציע ביי די פּאָזיציעס. די וועכטער זענען וואַך און געשפּאַנט. אָוונט האָב איך זיי דערציילט דעם גורל פונעם משלט ביי מודיעין, וואו וועכטער זענען געהרגעט געוואָרן בעת זיי זענען געשלאָפן. און דאָס האָט געווירקט. מיט אַ שמייכל דערמאָן איך זיך, אַז מיר, ווען מיר זענען געווען רעקרוטן מיט אַ יאָר צוריק, זענען מיר נישט אַזוי לייכט באַווירקט געוואָרן דורך „ציוניסטישע“ רייד.

נאָך חצות כאַפּ איך זיך פלוצים אויף. אַ ווײַלע ווייס איך נישט

וואָס עס האָט מיך אויפגעוועקט. איך הער זיך איין. נישטאָ קיין שיסערייען. אַלץ איז רואיק. פּלוצים באַמערק איך — טאַק־טאַק־טאַק־טאַק. קליינע טראָפּן קאַפּען אויף דער קאָלדרע.

איך כאַפּ אַ דערשראָקענעם בליק צום הימל — שווערע וואָלקנס פאַרשמועלן די שטערן.

וואָס טאָן? איך ווייס געגוי ווי זיך צו פירן, אויב מען וועט אונדז פּלוצים אַטאַקירן פון רעכטס אָדער פון לינקס, אויב מען וועט אויף אונדז עפענען אַ פייער פון מאַרטערס אָדער האַרמאַטן. אָבער דאָס, וואָס מיר דאַרפן איצט אויסהאַלטן איז ערגער פון האַרמאַטן־אַטאַקע. מיר האָבן אָפענע פּאָזיציעס, נישט געדעקטע פון רעגן. אונדזערע מענטשן האָבן נישט קיין ווינטער־אויסשטאַטונג.

אין דער „נחשון"־צייט האָבן מיר געקעמפט אין רעגן. מיר האָבן געהאַט אַ ביסל פּריוואַטע אויסשטאַטונג, מיטגעבראַכטע פון דער היים, דאָ און דאָרטן זענען „אָרגאַניזירט" געוואָרן אַ פּאָר זאַכן אויפן וועג. מיר האָבן פאַרמאָגט אַ היבש ביסל געלעכטער און פריינטשאַפט און אַ שטומע גרייטקייט, וואָס האָט אונדז געהאָלפן ליידן איין רוגזהקייט און קללות. אָבער די דאָזיקע גח"ל־מענטשן, וועלכע ווייסן נישט דעם הויפּט־כלל, אַז אין מלחמה איז דער עיקר וואָס ליידן און נישט די סכנה, ווי וועלן זיי בייקומען דעם אומדערוואַרטן שונא?

דאָס קאַפּען פאַרוואַנדלט זיך אין אַ רעגן, דער רעגן — אין אַ מבול. איך ווייס, אַז איך דאַרף אויפשטיין, דערמוטיקן ווי עס איז די מענטשן, באַהערשן זיי און האַלטן זיי אין די פּאָזיציעס — אָבער מיין ווילנס־קראַפט האָט מיך ווי פאַרלאָזט. איך ליג און פיל זיך נעבעכדיק און אומגליקלעך. דאָס וואַסער דרינגט דורך די קאָלדרעס, דורך די קליידער, דורך דעם שלאָפזאַק. אַ ריטשקעלע שווימט אַראָפּ פונעם קאַרק און רינט דורך דעם רוקן. אַנדערע ריטשקעלעך מאַכן נאַס די סקאַרפּעטן און דרינגען אַריין אין די שיך. און פונדעסטוועגן קאָן איך נישט אויפשטיין.

איך ווייס נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגן — אפשר צען מינוט. די צייט קומט מיר פאָר ווי אַן אייביקייט. קלאָרע בילדער גייען מיר פאַר די אויגן, ווי ביי אַ פיבערדיקן. איך זע אַ יונגטלעכן ליגן אין אַ באַקוועם בעט אין תל־אביב, ער הערט זיך איין אין גערויש פון רעגן, וואָס קלאַפּט אויף די שויבן פון זיין פענסטער און ציט אַריבער־איבערן קאָפּ די קאָלדרע. איך קאָן זיך אַפילו נישט אויפרעגן. דאָס וואַסער דערשטיקט יעדעס געפיל.

איך זע זיך פּלוצים זיצן ביים שרייב־טיש אין שטוב. אַ טונקל ליכט פֿאַלט אויפֿן בוך וואָס איך האַלט. דער ראַדיאָ שפּילט פֿיינע מוזיק און דאָס מאַנאָטאָנע קלאַפּן פֿונעם רעגן אינדרויסן גיט צו צו דער שטוב־אַטמאָספֿער....

דאָסמאָל שעלט איך און שטעל זיך אויף. איך ציטער פֿון קעלט און פֿייכטקייט. מיינע שיך זענען פֿאַרזונקען אין בלאָטע ביז איבער די קנאַפּל. איך שפּאַן אַ פּאָר טריט, גליטש זיך אויס און פֿאַל־אַריין אין בלאָטע. פֿונדעסטוועגן קום איך ווי עס איז אָן צו דער נאָענטער שטעלונג.

די מענטשן האָבן אַריבערגעצויגן די קאָלדרעס איבער זייערע קעפּ — אויך זיי פֿילן די אומגליקלעכע אומבאַהאָלפֿנקייט, וועלכע איך האָב ערשט־וואָס געפֿילט. אָבער דער וועכטער היט אויף זיין פּלאַץ. איך מאַך אַן אָנשטעל גלייך דער רעגן גייט מיך גאָרנישט אָן, פֿאַרדעק דאָס מאַשין־געווער מיט דער קאָלדרע און לאָז אַרויס אַ פּאָר ווערטער, וואָס זייער ציל איז זייען גלויבן און בטחון.

עפּעס ציט מיך צום מ. מ.׳ס ביידל. איך ווייס, אַז ער וועט מיר גאָרנישט קאָנען העלפֿן, איך האָב אָבער אַ נאַרישן ווילן זיך אויף עמעצן אָנשפּאַרן, אויסטוישן מיט עמעצן אַ פּאָר דערמוטנדיקע קללות.

אויפֿן וועג פֿאַל איך צוויי מאָל אַריין אין בלאָטע. מיינע גומי־שיך גליטשן זיך ביי יעדן שפּאַן. דעם מ. מ. טרעף איך אַן איינגע־קאָרטשעטן אין ווינקל פֿון ביידל — דאָס וואַסער איז אַריין אינע־ווייניק. איך זעץ זיך אַריין, צימער און מורמל קללות. און אַ מינוט אַרום דערשיינט אויך שלום כהן, דער קאָמאַנדיר פֿון דער צווייטער ביתה. ער איז נאַס און באַדעקט מיט בלאָטע ווי איך.

וואָס מאַכן? נישטאָ וואָס צו מאַכן. די שטעלונגען טאָר מען נישט מפֿקיר זיין — דער שונא קען יעדע מינוט אַטאַקירן אונטער דער דעקונג פֿונעם רעגן. די ביידלעך, וואָס זענען איילנדיק אויפֿגעשטעלט געוואָרן, האָבן זיך על פּי רוב צענומען. די זאַכן וואַלגערן זיך אין בלאָטע און אין קאַלוזשעס.

אַלזאָ — צוריק צו די שטעלונגען. מ׳דאַרף אַריינלייגן די ביקסן אונטער די קאָלדרעס. מען דאַרף זאָרגן פֿאַר דער וואַכזאַמקייט פֿון די וועכטער, וואָס דער ערשטער אינסטינקט טרייבט זיי אונטער אַליין צו פֿאַרדעקן זיך מיט קאָלדרעס.

ערשטע נאַכט אין פֿראָנט... נישט אַזוי האָבן זיי זיך פֿאָרגעשטעלט די מלחמה. נישט אַזוי שטעלט זיך אויך פֿאַר דעם פֿראָנט דער בירגער אין הינטערלאַנד. ער דענקט וועגן דראַמאַטישע באַגעגענישן

מיטן שונא. וועגן שפּאַנענדע קאָמאַנדאָ־אַקציעס, וועגן דערהויבענע גבורה־מעשים. און ער ווייסט נישט, אַז דער קאַמף איז בלויז אַן איינזאַמער משופּעדיקער פעלז אין ים פון ליידן. ליידן, וואָס מאַכן פאַרגעסן די סכנה, אַלץ.

די פּראָנט־מוראַשקעס ליגן אין דעם מאָמענט אין בלאָטע, דורכגענעצטע, ציטערנדיקע, הילפלאָזע. אַ פּלוצימדיקע אַטאַקע פונעם שונא אין דעם מאָמענט, וואָלט געווען אַ מין דערלייזונג. דער רעגן, די בלאָטע, די קעלט — דאָס אַלץ איז אַ סך ערגער. זיי וועלן באַזיגט ווערן, ווי עס איז, אָבער פאַר אָט דעם זיג וועט מען נישט זינגען קיין לידער, מען וועט נישט מאַכן קיין פילמען, מען וועט אים נישט ווידמען קיין סימפאָניעס — כאָטש אָט דער זיג פאַרלאַנגט מער גבורה און מער שטאַנדהאַפטיקייט פון יעטווערן זיג אויפן שלאַכט־פעלד.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך זיך איבערצייגט, אַז מיינע מענטשן, נישט געקוקט אויף פאַרשידענע פּגמים, וועלן אויסהאַלטן. די פּראָנט באַדינגונגען האָבן באַוויזן, אַז מיר האָבן רעכט, שלום כהן און איך, ווען מיר האָבן באַשלאָסן ייד צו באַציען צו די גח״ל־מענטשן מיט דער ברייטהאַרציקייט און חברשאַפט, צו וועלכער מיר זענען געוואוינט געווען אין די ארץ־ישראלדיקע כוחות.

עס האָט מיך ווידער אַרומגענומען דער צעשפּילטער גייסט פון פּראָנט. אַן גרויס דערפאָלג האָב איך געפּרובט צו ווירקן אויף מיינע מענטשן, זיי זאָלן אַננעמען די ליידן פון פּראָנט מיט אַ שמייכל פון „אין דבר“. אין די וויניק פרייע שעהן, זיצנדיק אַנטקעגן דעם שיינעם בערגל פון עיראַק־אל־מנשיה, האָב איך געשריבן פעליעטאָנען.

2־טער דעצעמבער, 1948, אַנטקעגן עיראַק־אל-מנשיה.

זאַבאַבאָנעס

באמת, איך גלויב נישט אין זאַבאָבאָנעס. איך האָב געלייענט פּסיכאָלאָגישע ביכער. איך קען די טעאָריעס וועגן דעם באַקאַנטן און אומבאַקאַנטן. סוף כל סוף בין איך נישט פון מיטלאַלטער. איך בין פון 20־טן יאָרהונדערט, אַ מאָדערנער מענטש....

ניין, הערט זיך נישט צו צו מיינע חברים. איך ווייס, זיי ווילן אייך דערוויזן, אַז איך האָב געגלויבט אין פאַרשידענע זאַבאָבאָנעס. דאָס איז אַ פּאַסקודנע טאַקטיק. דער אמת איז, אַז זיי גלויבן אין די־

דאָזיקע זאַבאַבאָנעס, און זיי ווילן דעם גאַנצן ענין אַרויפֿלייגן אויף
...יר, מנוולים, וואָס זיי זענען.

נעמט, למשל, שלומען, דעם פּעטינקן קיבוצניק, וואָס זיצט דאָרט אויף דער שוועל פֿון געצעלט, וועלכער טראָגט דאָס שמוציקע צע־קנייטשטע אויסטראַלישע היטל. אַלזאָ, ער גלייבט, אַז אים קאָן נישט טרעפֿן קיין קויל כל זמן ער טראָגט דאָס דאָזיקע היטל, פּשוט ווייל ער האָט געטראָגן דאָס היטל ביי פֿופֿציק אַקציעס און נישט געטראָפֿן געוואָרן. איך זאָל אַזוי לעבן, אין נגבה האָט ער נישט געוואָלט אָנטאָן דאָס שטאָל־היטל, אין זיך אַרומגעדרייט צווישן די קוילן אָנגעטאָן מיט דעם אידיאָטישן היטל....

צי האָב איך געטראָגן אַ שטאָל־היטל ביי די אַקציעס? אייגנטלעך, ניין. איר פֿאַרשטייט, איך האָב געהאַט אַן אייגן היטל, אַ קאַסקעטע־היטל פֿונעם גריכישן מיליטער, וואָס האָט זיך אַ מאָל פֿאַרוואַלגערט ביי מיר, איך ווייס ניט ווי אַזוי. דעם אמת געזאָגט, האָב איך דאָס היטל ליב געהאַט, און קען זיך פֿון אים נישט צעשיידן. אַפֿילו ווען איך בין אַראָפּגעפֿלויגן פֿונעם דזשיפּ און מיינע חברים האָבן מיך געוואָלט טראָגן, האָב איך זיי איינגעהאַלטן אויף אַ מינוט און זיי געצוואונגען צו נעמען דאָס היטל. עס האָט נישט קיין צוזאַמענהאַנג מיט זאַבאַבאָנעס. דאָס איז סתם אַ סענטימענטאַלער ענין, איר פֿאַרשטייט...

און אָט, דאָרט אין צווייטן געצעלט זיצט שלמה. ער איז סתם אַ משוגענער. ער שפּאַצירט שטענדיק אין אַ רעגן קוילן, אַקוראַט ווי ער זאָל זיין דער שפת־הים פֿון תל־אביב. ער טענהט, אַז יעדע קויל האָט אַן אַדרעס. אויב זיין נאָמען איז פֿאַרשריבן אויף דער קויל, וועט זי אים טרעפֿן; און אויב זיין נאָמען איז דאָרט נישט פֿאַרשריבן, וועט זי אים נישט טרעפֿן. הכּרא טפּשותדיקער זאַבאַבאָן! גלייך די מצרישע ...עלבער וואָלטן געקאָנט לייענען אַדרעסן, אויב עס וואָלטן אַפֿילו געווען.

בכלל, דער שלמה גלייבט אין אומצאָליקע שטותים. אַ מאָל איז ער צו מיר געקומען און געזאָגט, אַז ער האָט געהערט, אַז אַ זעלנער קאָן מער נישט געטראָפֿן ווערן נאָכדעם, ווי ער האָט דורכגעמאַכט פֿופֿציק קאַמף־אַקציעס און איז נישט פֿאַרוואונדעט געוואָרן. פֿאַרשטייט זיך, איך האָב דערין נישט געגלויבט. אַלאַ וואָס, שלמה איז מיין חבר, און כ'האָב אים נישט געוואָלט פֿאַרשעמען, בין איך געזעסן צוזאַמען מיט אים ביים טיש און געמאַכט אַ חשבון פֿון 65 אַקציעס און קאַמף־איינשפּרונגען, אין וועלכן מיר האָבן זיך באַטייליקט. ער האָט געזאָגט, אַז איצט

זענען מיר געשיצט און מיר דאַרפֿן זיך נישט שרעקן, און איך האָב אים געשטעלט אַ גלאָז ביר. פֿאַרשטייט זיך, בלויז דערפֿאַר, ער זאָל נישט פֿילן, אַז איך גלויב נישט אין די אַלע שטותים.

טײַלמאָל איז באמת שווער אַ מאָדערנעם מענטשן אויסצוהאַלטן אין אַזאַ געזעלשאַפֿט. אָט, למשל, האָבן אַלע מײַנע חברים אין די „שמשון פּיקסן" געטענהט, אַז מיר קאָנען נישט געטראָפֿן ווערן און אַז יעדער איינער, וואָס קערט זיך אום צום פּוסגייער־מיליטער „באַפֿט" צום סוף אַרײַן אַ קויל. זיי האָבן זיך פֿאַררופֿן אויף אַ פּאָר פֿאַקטן פֿון חברים, וואָס זענען צוריק צו די פּוסגייער און זענען געשעדיקט געוואָרן. דאָס איז פֿאַרשטייט זיך אַ שטות, און איך גלייב נישט אין דעם אַפֿילו איין רגע. איך האָב טאַקע אויך נישט געוואָלט צוריק צו די פּוסגייער און געטראַכט, אַז עס איז בעסער צו בלײַבן אויפֿן דזשיפּ, אָבער...

גלייבט אויך נישט דעם גאַנצן רעדן וועגן „פּאַרגעפֿילן". מען דערציילט וועגן איין חבר, וואָס איז געהרגעט געוואָרן, אַז ער האָט פֿריער געזאָגט זײַנע חברים, אַז ער פֿילט, ער וועט נישט צוריקקומען פֿון דעם פּלאַץ. איך גלייב נישט אין אַזאַ פֿילן. עס זענען דאָ פּשוטע סיבות: שלאָף־דעפֿיציט, מידקייט אאַ"וו. אַ מאָל האָט עס מיר אויך געטראָפֿן — כ'האָב זיך געמאָלדן פֿרייוויליק צוזאַמען מיט זעקס חברים זיך אַרײַנצורײַסן בײַנאַכט אין די קאָנצענטראַציעס פֿון די מצרישע טאַנקן, און אויפֿן וועג האָב איך פּלוצים געהאַט דאָס געפֿיל, אַז אויב די אַקציע וועט אויסגעפֿירט ווערן, וועל איך געהרגעט ווערן. מיר האָבן יענע נאַכט נישט אַטאַקירט, און איך האָב זיך אייגנטלעך געפֿרייט, וואָס די אַקציע איז נישט צושטאַנד געקומען, אָבער איר זאָלט מיך נישט אומזיסט חושד זײַן. די גאַנצע זאַך האָט זיך גענומען פֿון אַן איבערמידקייט.

מײַנע חברים האָבן אײַך אוודאי דערציילט וועגן דער גראַנאַט־פֿאַרזיכערונג, וואָס געפֿינט זיך שטענדיק אין מײַן טאַש, בעת איך גיי אַרויס צו אַקציעס. דאָס איז אָבער סתם אַ טעות, וועגן וועלכן עס לוינט זיך אַפֿילו נישט צו רעדן. סתם אַן אָנדענק און נישט מער. איר ווילט דווקא איך זאָל אײַך דערציילן? נו, זייער אײַנפֿאַך. אַנהויב קריג בין איך פֿאַרוואונדעט געוואָרן פֿון אַ האַנטגראַנאַט־שפּליטער אויף אַן אָנגריף־איבונג. עמעץ האָט געוואָרפֿן אַ גראַנאַט און ער איז געפֿאַלן פֿאַר מיר. איך בין דאַן געווען אַ גרינער רעקרוט, און די הויכע קאָמאַנדירן האָבן צוגעקוקט צו דער איבונג. איך בין געלאָפֿן

בלייך אַנטקעגן דעם גראַנאַט, און די שפּליטער האָבן מיך פאַר־וואונדעט אין אָרעם און אין דיך. דאָס איז נישט איבעריק ערנסט געווען. איז יענער חבר, וואָס האָט געוואָרפן דעם גראַנאַט, צו מיר געקומען און מיר אָוועקגעגעבן די פאַרזיכערונג וואָס איז געבליבן אין זיינע הענט. ער האָט מיך געוואָלט טרייסטן און האָט געזאָגט, אַז פון איצט אָן בין איך פאַרזיכערט פאַר האַנט-גראַנאַטן. כל זמן איך וועל מיט זיך טראָגן די פאַרזיכערונג וועט מיך קיין גראַנאַט נישט טרעפן.

איך האָב נישט געגלייבט, פאַרשטייט זיך, אין דעם זאַבאַבאָן, אָבער איך האָב אים נישט געוואָלט פאַרשעמען און צוגענומען די פאַרזיכערונג. איר פאַרשטייט, דאָס איז געווען סתם אַן אינטערע־סאַנטער אָנדענק, דעריבער האָב איך אים שטענדיק אַרומגעטראָגן אין טאַש בעת די אַקציעס.

איצט וועט איר אוודאי פאַרשטיין, אַז מען דאַרף זיך נישט באַציען מיט קיין שום צוטרוי צו די רייד פון מיינע חברים. זיי זענען אַלע משוגע און גלייבן אין זאַבאַבאָנעס, און איצט ווילן זיי אויף מיר אַרויפלייגן די דאָזיקע שולד, ווי יענער גנב, וואָס לויפט אין גאַס און שרייט: „כאַפּט דעם גנב”. אָבער איר וועט זיי נישט גלויבן, פאַרשטייט זיך.

אַנטשולדיקט מיר, איך דאַרף איצט איבעררייסן מיין שרייבן. אַט איצט איז אָנגעקומען מיין מ. מ. און האָט געזאָגט, אַז מיר געפינען זיך אין אַ שטרענגסטער גרייטשאַפט. ס׳קאָן זיין, מיר וועלן באַלד אַרויסגיין אויף אַן אויסשפּירונג.

צום טייוול, וואו האָב איך אַוועקגעלייגט די פאַרשאָלטענע פאַרזיכערונג ?

אָבער פון הינטער דעם געלעכטער האָט זיך באַהאַלטן אין מיין האַרצן אַ שרעקלעכע מעלאַנכאָליע. שלום כהן און איך זענען מיר זייער איינזאַם געווען אין משלט. אויסער צוויי־דריי חברים זענען מיר געווען די איינציקע אַלטגע־זעסענע אין דער פּלוגה. דאָס רוב אונדזערע זכרונות, אונדזערע וויצן און איבערלעבענישן פון פאַרגאַנגענע טעג זענען פרעמד געווען פאַר די מענטשן פון דער פּלוגה.

פאַרנאַכט צו, ביי אַ געגנבעטער פלאַש קאָניאַק אָדער פושקע פירות, פלעגן מיר זיך ביידע „פאַרזאַמלען” אין איינעם פון די קליינע ביוואַקן און אויסטרישן זכרונות. דאָס זענען געווען זייער אומעטיקע אָוונטן. איינע נאָך די אַנדערע זענען

פאַר אונדזערע אויגן דערשינען אונדזערע געהרגעטע חברים. מיר האָבן זיך דערמאָנט אינעם פּרעכטיקן לעבנסשטייגער פון די אָנהייב־טעג, דערמאָנט זיך אָן דעם וואונדערבאַרן חברישן גייסט פונעם פאָלקס־מיליטער. אין באַהעלטעניש פון אונדזער האַרצן האָבן מיר געוויינט איבער דעם אַלעמען.

-טער דעצעמבער, 1948, אַנטקעגן עיראַק־אל־מנשיה.

אלטגעזעסענע

די פלוגה איז איצט ענלעך צו אַן אָזערע, וואו עס זענען צעוואָרפּ־ איינזאַמע פעלזן. די אָזערע — דאָס זענען די נייע זעלנער, די גח״ל־ מענטשן. מיינסטנס גוטע בחורים. אָבער עס פעלן זיי בולטע אינדי־ ווידועלע שטריכן. וועסט טאַקע פון דער נאָענט באַמערקן, אַז עס זענען פאַראַן אונטערשיידן צווישן זיי, אַז יעדער איינער פון זיי פאַרמאָגט זיינע אייגענע שטרעבונגען און אייגנשאַפטן, אָבער פון אַ שטיקל דיסטאַנס זעען זיי אויס ווי דער ים — פלאַך און פאַראייניקט.

און אַנטקעגן זיי — די פעלזן, וואָס שטאַרן אַרויס איבערן ים: די אַלטגעזעסענע, ארץ־ישראלדיקע בחורים מיט אַ קאַמף־פאַרגאַנ־ גענהייט פון צען חדשים און מער.

מיט וואָס ציען אָט די צו צו זיך די אויפמערקזאַמקייט? שווער־ צו זאָגן. אָבער ווען זיי קומען אַריין אין געצעלט פילסטו באַלד: אָט קומט עמיצער. יעדער איינער אַ ספּעציעלער טיפּ פאַר זיך, אַנדערש פון אַ צווייטן. די ווידערשפעניקע בחורים, וואָס חוזקן פונעם מיליטער־ געזעץ און פירונג און די מיינסטע פון זיי האָט מען געדאַרפט פאַר־ וואַנדלען אין קאָמאַנדירן. זיי פאַרמאָגן אַ געזונטן חוש פאַר הומאָר, זיי פאַרמאָגן „בלוט", דאָס הייסט אַן איבערגעטריבענע מאָס פון ליבע צו אַוואַנטורעס, זיי פאַרמאָגן אויסדויער אין ליידן און אַ פעאיקייט צו בורטשן, וואָס מ'דאַרף זיי מקנא זיין.

נאָר, ווי געזאָגט, עס איז נישט מעגלעך צו רעדן וועגן זיי איך מערצאָל, דאָ קען מען בלויז רעדן אין איינצאָל.

*

אָט אַזוי, למשל, מיין חבר שלום כהן. שלום איז אַ קיבוצניק פון השומר הצעיר, אַ סאַברע, וואָס האָט אַ גרויסן טייל פון זיינע יאָרן פאַרבראַכט אין מצרים און האָט זיך דאָרט אָנגעזאַפּט מיט אַ הויכע־ ענגלישער בילדונג.

וועט איר פרעגן — ווי אַזוי האָט ער זיך פאַרוואַלגערט צו אונדז, אַנשטאָט אין פּלמ״ח? שלום האָט געהאַט זיינע אויסרעכענונגען. פאַרלאָזט זיך אויף אים.

ווען איר וועט אים זען, וועט איר מיינען, אַז ער איז נאָר וואָס אַרויס פון אַ האָליוואָדישן „קאָוובוי״ פילם — אויפן קאָפּ אַן אויסטראַ־ליש היטל, אויפן האַלדז פאַרבונדן אַן אַראַבישע געקעסטלטע קעפיע, אַ פּרעכטיקער פאַראַבעלום רעוואָלווער, פאַרפּוצט מיט אַ קוילן־גאַרט הענגט אים אויף די היפטן און באָמבלט זיך אויף זיין פוס בעתן גאַנג. ער האָט זיך אויך ערגעץ־וואו „אָרגאַניזירט״ אַ מיליטערישע מאַפּע־באַש. אַז איר וועט זי אויפמאַכן, וועט איר געפינען אַ מיליטערישע מאַפּע פון רמלה־געביט. מיר געפינען זיך טאַקע אין דרום־פראָנט, עס איז אים אָבער נישט געלונגען צו באַקומען אַ מאַפּע פון דער פּאַלוג׳ה־טאַש.....

וועט איר זאָגן, אַז דאָס איז דער הויכפּונקט פונעם שוויץ? וואַרט, איר האָט נאָך נישט געהערט ביזן סוף. ווען מיר זענען ביז צו לעצט אַרויס אין פראָנט, האָט ער באַשלאָסן, אַז די איינציקע כלי וואָס פּאַסט פאַר אים איז — דער טאָמי־גאַן. אין מאַגאַזין האָט זיך צופעליק געפונען אַ שיינער טאָמי, האָט ער אים באַקומען. אלא וואָס? דער טאָמי האָט נישט געהאַט קיין קוילן. און אַזוי האָט זיך שלום מיט מיר געפינען אין משלט צוויי וואָכן צייט מיט אַ שיינעם טאָמי — און אָן קוילן.

איר לאַכט? דאָס איז איין זייט פון דער מטבע. די צווייטע זייט, — שלום איז געווען, ווי איך, איינער פון די גרינדער פון דער פּלוגה „שמשון פיקסן״, און ס׳איז זייער לייכט מעגלעך אָנצושרייבן אַ רשימה פון פופציק אָדער זעכציק קאַמף־אַקציעס, אין וועלכע ער האָט אָנטייל גענומען, און דערביי האָט קיינער אים קיינמאָל נישט געזען אַן איבערגעשראָקענעם אין קאַמף אָדער אַ מידן אין ליידן....

*

איינגאַנצן אַן אַנדערער טיפּ איז געווען אריה לאַנגמאַן. ער געהער צו די מענטשן פון דער לעגענדאַרער פּלוגה פון אריה קוטשער. צוויי מאָל איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן, אַריבערגעפירט געוואָרן צו די „פיקסן״ און פון דאָרטן — מיט אונדז — צו די „שפּאַלטער״. זיין קערפּער האָט אין זיך אַ פּאָר שפּליטער, און מען זאָגט וועגן אים, אַז ווען ער הייבט עפּעס אָן דערציילן איז נישטאָ קיין אַנדערע רעטונג ווי אַנטלויפן.

מען האָט אריה׳ן געגעבן אַ כיתה ווילדע מאַראָקאַנער, וואָס האָט שוין „אָפּגעפּאַרטיקט״ אַ פּאָר מ״ם כפ״ן. קיינער האָט נישט געגלויבט, אַז אריה וועט זיי קענען באַהערשן — ער איז נישט מסוגל צו שרייען און קוויטשען, און זיינע באַפעלן קלינגען כמעט ווי געבעטן.

צומאָרגנס נאָך דעם ווי זיין כיתה איז געקומען אין משלט אריה, איז זי אַטאַקירט געוואָרן דורך די מצרים, וואָס האָבן זיך דערנענטערט, געדעקט דורך אַ וואַדי, ביז דרייסיק מעטער. אריה איז אַליין אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן זיי, טראָגנדיק אין יעדער האַנט אַ גראַנאַט.

פון דעמאָלט פאָלגט אים די כיתה.

*

יענעם טאָג האָב איך צום זאַמל־פּלאַץ פון די פאַרוואונדעטע געטראָגן „שווייקן״, דאָס איז צבי ברוק.

פאַרוואָס רופט מען אים „שווייק״ ווייסט קיינער נישט. דעם נאָמען האָט ער באַקומען אין „מכבי״, דאָרטן האָט ער געהערט צו די „דעמבעס״.

שווייק איז פון די געצייילטע סטאַזשיאָרן, וואָס טראָגן דאָס אָפיציעלע מיליטערישע היטל. ער זעט דערין אויס ווי אַ מענטש פונעם פרעמדן לעגיאָן. אַ ווילד־געוואַקסענער וואָנס, זיין פּנים איז ענלעך צו אַן אינדיאַנער.

אַ לאַנגע צייט איז שווייק געווען דער פלוגה־קוריער — ביז עס איז אים נמאס געוואָרן און ער האָט געבעטן אַריבערצוגיין צו די דזשיפּן. אין דער טראַגישער נאַכט אין בית־עפא, ווען מיר האָבן פאַרלוירן אריה קוצערן און משה וואַנצאָווער, איז ער געווען מיט אונדז.

איצט איז ער אויך אַוועק — פאַרוואונדעט פון אַ קויל אין דער נאָז.

*

„טיטאָ״ אונדזערער טענהט, אַז דעם נאָמען האָט מען אים געגעבן אין נווה־שאנן, אַ לענגערע צייט איידער די וועלט האָט זיך דערוואוסט פונעם יוגאָסלאַווישן טיטאָ. אַ שוואַרצער טיפּ — שוואַרצע האָר, אַ שוואַרצע וואָנס, ברוינע הויט.

טיטאָ איז אַן אויסשפּירער — איינער פון די, וואָס ליגן עטלעכע שעה אין אַן איינזאַם אָרט, כדי צו שפּיאָנירן דעם שונאס פּאָזיציעס. אָבער נישט לייכט וועט איר אים רירן — טיטאָ האָט נישט ליב

באַקוועמלעכקייטן, און אַזוי ווי ער איז אַן אויסשפּירער, איז איבער־הויפּט נישט קלאָר ווער איז אייגנטלעך באַפּולמעכטיקט צו געבן אים באַפעלן.

טיטאָ האָט זייער קלאָרע באַגריפן, וואָס עס פּאַסט און וואָס עס פּאַסט נישט פאַר אַן אויסשפּירער צו טאָן. אָט, למשל, איז נישט פאַר יין כבוד צו פירן אַ כיתה ביינאַכט פון איין משלט צום אַנדערן. צו דעם איז מסוגל כמעט יעדער איינער, און דערצו וועקט מען נישט אויף ביינאַכט פונעם וואַרעמען געלעגער אַ דיפּלאָמירטן אויסשפּירער.

וואָס פּאַסט אייגנטלעך יאָ פאַר אַן אויסשפּירער צו טאָן? אויף דעם האָט געענטפערט עזרא שאַשאַ, טיטאָס חבר, אויך אַ סטאַזשיאָנער. ער האָט באַקומען אַמאָל אין אַ נאַכט אַ באַפעל איבערצוגיין פון גת, זין צפון פון דער פאַלוג׳ה־טאַש, צום משלט וואָס געפינט זיך אין דרום. איז ווייל דער וועג אַרום טאַש איז צו לאַנג, האָט זיך שאַשאַ עם וועג פאַרקירצט — ער איז פשוט געגאַנגען אַליין דורכן „טאַש" ון צפון קיין דרום. און, פאַרשטייט זיך, אָנגעקומען בשלום.

*

דאָס זענען די פעלזן אינעם ים — די אַלטע קעמפער, איבער־בלייבענישן פון יענע פּראַכטפולע איינהייטן, וואָס האָבן זיך צונויפ־געשטעלט פון דער יידישער יוגנט אָנהייב מלחמה; יענע, וואָס האָבן געגעבן די קאָנוואָיען, די „נחשון"־ און „מכבי"־אַקציע.

אַמאָל זענען מיר געווען אַ סך — אַ סך יחידים, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דרוק־איינהייטן. אין יענע טעג איז דער פּרט געווען אַ קעמפנדיקע איינהייט פאַר זיך, די כיתה איז געווען אַ גרויסע איינהייט, און אַן אָפּטייל כמעט אַ גאַנץ מיליטער. אין יענע טעג, דיט שילערס ליד — „ווערט דאָס האַרץ פונעם מאַן געוואויגן אין אַמף, ווערט זיין ווערט געמאָסטן אין שלאַכט־פעלד".

דערווייל איז אויפגעשטאַנען אַן אַנדער מיליטער, און פון די ען יחידים זענען פאַרבליבן בלויז איינצלנע יחידים — אַ טייל איז נהרגעט געוואָרן, אַ טייל פאַרוואונדעט געוואָרן און אַ טייל האָט נישט אויסגעהאַלטן.

עס זענען איבערגעבליבן די איינזאַמע פעלזן אין אָזערע — אַ ביסל מעלאַנכאָלישע פעלזן. און פון מאָל צו מאָל, ווען עס קומט שטורעם און דונער־בליץ פון קאַמף, זינקט איין נאָך אַ פעלז און יך אַ פעלז, לאָזט יעדער איינער איבער נאָך זיך אַ חלל. ווייל פאַר זיי איז נישטאָ קיין פאַרבייט.

איינער פון די געציילטע, וואָס האָבן באַוויזן אַריינצודרינגען אין די „רייען פון די אַלטגעזעסענע“, איז געווען דער לאַנדאַנער זשאַק שעק מיט דער לעגענדאַרער פאַרגאַנגענהייט. בשעתו איז ער אַנטלאָפן קיין ענגלאַנד, זיך אַנגעשלאָסן אַלס סאַניטאַר־קאָרפּראַל צום בריטישן קאָמאַנדאָ, אַריין אין דייטשער געפאַנגענשאַפט, אַנטלאָפן דורך גאַנץ אייראָפּע ביז ער איז סוף־סוף אָנגעקומען צום יוגאָסלאַווישן פאַרטיזאַנער־קעניגרייך.

נאָך אַ פּאָר טעג האָב איך אים געשריבן אַ הזכרה...

6־טער דעצעמבער, 1948. אַנטקעגן עיראַק־אַל־מאַנשיה.

דער סאַניטאַר זשאַק שעק

איך פיר לענגאויס דעם טעלעפאָן־דראָט. די נאַכט איז שוואַרץ ווי קיינמאָל נישט. שווערע וואָלקנס פאַרשטעלן די שטערן.

פון מאָל צו מאָל יאָגט פאַרביי אונדז אַן איינזאַמע קויל. די מצרים שיסן אָן אַ ספּעציעלן ציל צו אונדזערע פּאָזיציעס, אָבער די מענטשן, וואָס זענען נייע אין פראָנט, בייגן אָן די קעפּ. עס דאַכט זיך זיי, אַז יעדע קויל איז געצילט גלייך צו זיי.

מיר האָבן געדאַרפט אַריבערגיין אין די נאַכט־שעהן פון אונדזער משלט צום „גיהנום משלט“, נעבן די „טאַש“־פּאָזיציעס, כדי דאָרטן צו העלפן די מענטשן זיך פאַרשאַנצן. „שוויס שפּאָרט אַיין בלוט“ — דאָ איז דאָס שפּריכוואָרט געוואָרן אכזריותדיקע ווירקלעכקייט. אָבער די מענטשן זענען נישט איינגעאיבט אין דער אַרבעט. זיי האָבן אויך נישט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ געהעריקער באָמבאַרדירונג. די גח״ל־מענטשן פון די דרום־לענדער קאָנען נישט ליידן און שווייגן, ווי מיר האָבן געליטן און געשוויגן, ווען מיר זענען געקומען צום משלט. פיר הונדערט מעטער פון דאַנען זיצט דער אַרומגערינגלטער שונא, וואָס גרייט זיך אַ שטורעם צו טאָן.

אין משלט קומט פאָר אַ באַראַטונג, וואו צו גראָבן די נייע פּאָזיציעס. די אַטאַקעס פונעם שונא, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו די ליניעס ביז אַ דרייסיק מעטער אין די מיטאָג־שעהן, האָבן באַוויזן, אַז עס איז נייטיק צו רעאָרגאַניזירן די כוחות.

דערווייל בלייבן מיר אין וואַדי פון דער הינטערשטער באַרג־קייט און וואַרטן אויף באַפעלן. די מענטשן זענען מיד, ווי שטענדיק, לייגן זיך אַוועק אויפן אָרט און טראָגן דער שרעקלעכער קעלט ווערן

זיי באַלד אַנטשלאָפן. שלום כהן און איך זעצן זיך אַן אַ זייט. עמעץ שליסט זיך אָן צו אונדז.

„ווער איז?" פרעג איך. אין דער פינצטער איז נישט מעגלעך צו זען קיין פּנים.

„אני, זשאַק!"

„וואָס טוסטו דאָ?"

זשאַק, אונדזער פּלוגה־סאַניטאַר, דערקלערט, אַז ער איז געקומען מיט אונדז. „אייגנטלעך איז נישט מיין אויפגאַבע דאָ צו זיין, איך בין בלויז געקומען אויף אַ קורצן באַזוך און וועל זיך אומקערן מיט אייך אינדערפרי. איך דאַרף זיין נעבן שטאַב צו זאָרגן, אַז די קאָמוניקאַציע־ענינים פאַר די פאַרוואונדעטע זאָלן זיין אין אָרדענונג".

אַ סך האָבן מיר געהערט וועגן דעם בחור. אַ יוגנטלעכער פון מערב־אייראָפּע, וואָס עברית איז אים נאָך פרעמד. פונדעסטוועגן זעט ער אויס ווי אַ סטאַזשיאָר פון די ערשטע מלחמה־טעג. „אַ בחור מיט בלוט" האָט מען אויף אים געזאָגט און דערציילט ווי ער איז געלאָפן בעתן קאַמף וועגן חולייקאַת און מטפּל געווען מיט די פאַרוואונדעטע אונטער אַ פייער־רעגן, אַן אויפגאַבע, וואָס איז געלעגן אויף די אָפּטייל־סאַניטאַרן. יענעם טאָג האָט מען פאָרגעשלאָגן אים צו געבן אַן אויסצייכענונגס־מעדאַל.

„ווען האָסטו צום לעצטן מאָל געריייניקט דיין סטען?" פאָרשט ער מיך.

„צוריק מיט אַ וואָך", בין איך זיך מודה מיט בושה. דער אמת איז, אַז איך בין מזלזל מיין סטען — איך האָב אים גענומען בלויז צוליב נישט טראָגן די ביקס. איך האַלט מיט די, וועלכע זאָגן, אַז דער קאָמאַנדיר דאַרף בלויז באַפעלן איבערן פייער פון זיינע מענטשן און אַליין נישט שיסן. און אַלס פּריוואַט־געווער פאַר אַן עת צרה באַנוץ איך מיין קליינעם רעוואָלווער — אַ באַליבטע קליינע כלי, וואָס שטערט נישט ביים באַוועגן זיך, און איך נעם זי נישט אַרויס פון גאַרט אַפילו ביים שלאָפן ביינאַכט.

„בלויז צוריק מיט אַ וואָך? איך האָב מיין סטען נישט געריייניקט העכער צוויי וואָכן". און אַנטאַפּנדיק די ערשטע הילף־מאַש, גיט ער צו: „דאָס איז מיין געווער".

איך קוק זיך איין אין טעשל — עס איז צעריסן און צעפליקט.

„ווייסטו, ווען איך בין אַרויס דאָס ערשטע מאָל אויף אַן אַקציע,

האָב איך געהאַט אַ שיין גלאַנצנדיק טעשל. ווען איך האָב זיך מטפּל געווען מיטן ערשטן פאַרוואונדעטן, האָט זיך דאָס טעשל געעפנט זייער שווער, און דערווייל איז דער מענטש שיר נישט געשטאָרבן פון בלוט־פאַרלוסט". ער גלעט דאָס צעריסענע טעשל. „פון דעמאָלט אָן, חבוב, האָב איך געלערנט. דו זעסט דעם ריס? איך האָב דאָ צעריסן דאָס טעשל, כדי איך זאָל קאָנען וואָס שנעלער אָנקומען צו די באַנדאַזשן".

ער ציט אַרויס דורכן אויפריס אַ גומי־באַנד צו האַמעווען דאָס בלוט פון די אָדערן. „אָבער ווען מען דאַרף, דאַרף איך בכלל נישט דאָס טעשל. דעם גומי־באַנד בינד איך אַרום מיין גוף. מיט איין באַוועגונג קען איך אים אַראָפּנעמען און זיך מיט אים באַנוצן. די שער און אויך דעם באַנדאַזש האַלט איך בעתן קאַמף אין דער הויזן־קעשענע, און אין אַ נויט לאָז איך איבער דאָס טעשל און דעם סטען אין קריך צום פאַרוואונדעטן אָן אַן איבעריקער לאַסט...."

אין דער רגע איז מיין נשמה אויסגעגאַנגען נאָך אים. אַט האָסטו איינעם פון אונדז, האָב איך צו זיך געזאָגט מיט שטאָלץ, אַ סטאַזשיאָנער — די וועלכע האָבן געלערנט די תורה נישט אויף קורסן נאָר אין דער קאַמף־שולע, יעדער מיט זיין סיסטעם, יעדער מיט זיינע משוגעתן. אַ סך פון זיי האָבן זייערע אייגענע זאַבאַבאָנעס. יעדער איינער האָט זיך אויסגעפונען אַן אייגענע קאַמף־טאַקטיק, עס איז נישטאָ צוויי, וואָס זאָלן טראָגן דאָס זעלבע היטל, די זעלבע מונדירן.

אינדיווידואַליסטן זענען די דאָזיקע סטאַזשיאָנערן, זייער קאַמף־פּראַקטיק באַצאָלט זיך נישט מיט גאָלד.

מיר זיצן און דערציילן זיך אויף אַ שטיל קול אַ צ'יזבאת — וועגן סאַניטאַרן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער גבורה און אַזעלכע וואָס האָבן זיך נישט אויסגעצייכנט, וועגן פאַרשידענע וואונדן, וואָס מיר האָבן געזען, פון זיי „גוטע" פלעצער פאַר אַ קויל מיט „שלעכטע" וואונדן, וואָס צו טאָן מיט אַ חבר וואָס ליידט פון אַ שאָק בעתן קאַמף, און וואָסער טויט איז שענער.

וועגן דעם אַלעמען רעדן מיר מיט אַ זאַכלעכער און געפילאָזאָפישן שפּראַך, ווי מעקלערס, וואָס רעדן וועגן בערזע קורס.

צום סוף רופט מען אונדזערע כיתות. מיר צעטיילן די אַרבעט, טרייבן אונטער, דערמוטיקן, שעלטן, מען אַרבעט אַ ביסל דאָ, אַ ביסל דאָרט, כדי צו ווייזן אַ ביישפּיל, מען פּרעדיקט „ציוניזם". מען לויבט אַ ביסל און מען שרייט אָן. די אַרבעט פירט זיך פויל,

די מענטשן בורטשען אונטער, זיי קענען נאָך נישט ליידן און לאַכן.

פאַרטאָג קערן מיר זיך אום צו אונדזער משלט, מידע, און מיר באַמערקן נישט, אַז זשאַק איז נישטאָ. אין לעצטן מאָמענט האָט ער באַשלאָסן צו בלייבן אין פעדערשטן משלט.

בלויז נאָך מיטאָג דערמאָנען מיר זיך זשאַקס נאָמען. דעמאָלט קומט דורכן טעלעפאָן די ידיעה, אַז ער איז געהרגעט געוואָרן פון אַ סנייפּער־קויל, בעת ער איז געלאָפן דערלאַנגען הילף אַ לייכט פאַרוואונדעטן חבר....

זיבעטער קאַפּיטל

ווייסער פּראָנט

מיטוואָך, דעם 18־טן דעצעמבער, צווי נאָכמיטאָג, בין איך פאַרוואונדעט געוואָרן אין בויך און אין אָרעם, פון 300 מעטער ווייט פונעם שונאס פּאָזיציעס אין עיראַק־אל־מאנשיה, פון אַ קויל בראַונינג־מאַשינגעווער־קוילן. כאָטש איך בין געלעגן אויף אַ פלאַך, צו וועלכן קיין מענטש האָט נישט געקאָנט צוקומען, נישט איינשטעלנדיק זיך דאָס לעבן, בין איך געראַטעוועט געוואָרן דורך דער פערזענלעכער גבורה פונעם כיתה־קאָמאַנדיר אריה לאַנגמאַן, איינער פון די עלטסטע פון גדוד. דריי שעה נאָכן פאַרוואונדעט ווערן בין איך שוין געלעגן אויפן אָפּעראַציע־טיש אין מיליטערישן שפּיטאָל.

די האַלבע שעה, וואָס איך האָב זיך געקורטשעט אין ווייטיק אויף דר'ערד — נישט ווייסנדיק אויף ווי ווייט די קוילן האָבן צעשעדיקט מיינע אינערלעכע אברים, אָבער ווייסנדיק גוט, אַז ס'איז כמעט נישטאָ קיין מעגלעכקייט מיך אַרויסצונעמען פונעם פלאַץ — איז געווען די שרעקלעכסטע אין מיין לעבן. אָבער אין מאָמענט וואָס איך בין געקומען אין שפּיטאָל אַריין בין איך זיכער געווען, אַז די סכנה איז אַריבער. בלויז שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די דאָקטוירים — און מיין משפּחה — זענען געווען באַזאָרגט צוועלף טעג. אין משך פון דער גאַנצער צייט האָבן מיינע אינגעווייַדן נישט פונקציאָנירט און ס'פאַרשטייט זיך, אַז כ'האָב נישט געגעסן און נישט געטרונקען.

און אַזוי ווי כ'האָב נישט פאַרלוירן אויף איין רגע דאָס באַוואוסטזיין, האָב איך יענע טעג געהאַט גענוג צייט נאָכצודענקען וועגן דער מלחמה ווי אַ מענטשלעכע דערשיינונג. זי איז מיר נישט געפעלן.

*

קיינער וועט נישט פאַרשטיין די מלחמה ווי אַזאַ איינער וואָס איז געלעגן אין אַ מיליטעריש שפּיטאָל, און נישט דווקא צוליב זיינע אייגענע ליידן. די רייטיקן זיך. אָבער עס זענען פאַראַן בילדער, וואָס פאַרגעסן זיך קיינמאָל נישט.

אָט איז אַ פּשוט בילד וואָס איז בכוח אויפצוטרייסלען אַפילו דעם רואיקסטן מענטש: דער הויפּט־דאָקטאָר האָט באַקומען אַ „געהיימע" טעלעגראַמע, אַז ביינאַכט וועט פאָרקומען אַ גרויסע אַקציע. ער גייט דורך די בעטן, שטעלט פעסט די לאַגע פון די קראַנקע און פירט אַריבער די אַלע וואָס זענען נישט קיין „שווערע פאַלן" אין אַנדערע אָפּטיילן אָדער אין רעקאָנוואַלעסצענטן ערטער. נאָך אים קומען די קראַנקן־שוועסטער און גרייטן די בעטן מיט ווייסע ליילעכער. די בעטן זענען גרייט — וואַרטן אויף יענע בחורים, וואָס זענען נאָך געזונט און שטאַרק אין דעם מאָמענט, וועלכע פרייען זיך נאָך מיט אַ געזונטן לעבן, און אין אַ פּאָר שעה אַרום וועלן זיי זיין... „פאַלן".

*

אין משך פון דריי וואָכן האָב איך נישט אָנגעשריבן אַפילו איין שורה. איך בין געלעגן אין בעט כמעט אָן באַוועגונג און כ'האָב נישט געהאַט קיין באַשעפטיקונג אויסער טראַכטענישן וועגן לעבן. נאָך דער דאָזיקער צייט האָבן זיך מיינע ווייטיקן איינגעשטילט, ביסלעכווייז האָבן מיינע גלידער אָנגעהויבן פונקציאָנירן. כ'האָב זיך אומגעקערט צום שרייבן.

31־טער דעצעמבער, 1948, אין מיליטערישן שפּיטאָל נומער 8.

אַ קנויל קוילן

האַרט ביי מיטאָגצייט האָב איך באַקומען אַ באַפעל אויסצוקלייבן פיר מענטשן פון מיין כיתה און פאַרבייטן די כיתה, וואָס האָט אינדערפרי פאַרכאַפּט דעם „גיהנום משלט".

דער משלט איז געווען אַ מין נידעריק בערגל. די פּאָזיציעס האָבן זיך געצויגן הונדערט מעטער לאַנג און מער און זענען איינגאַנצן געווען אויפגעדעקט פאַרן שונאס אויגן, וועלכער האָט זיך גוט פאַרשאַנצט, בלויז 300 מעטער ווייט. אין דער צייט איז דער משלט נישט געווען פאַרנומען, נאָר צייטנווייז האָט מען אַהין געשיקט אַ קליינעם כוח אָפּצונאַרן דעם שונא.

עס האָט אונדז צוגעשפּילט דאָס מזל און מיר האָבן אַנטדעקט אַן „אַרבעטסלאַזן" ברען־קאַריער. מיר האָבן אויף אים אַרויפגעלאָדן דאָס געווער און געפאָרן צום משלט. דאָרט האָב איך איבערגעלאָזט די מענטשן אין אַ קליינעם וואָדי ביי דער הינטערשטער באַרג־קייט

און איך בין אַרויף אויפֿן משלט. איך האָב געוואָלט באַקוקן די פּאָזיציעס, זען די סכּנות און לויט דעם איינטיילן די מענטשן איף די פּאָזיציעס.

אויבן האָב איך געטראָפֿן מיין חבר אריה לאַנגמאַן, דעם כּיתּה־קאָמאַנדיר, וועלכן איך בין געקומען פֿאַרבייטן. צוזאַמען זענען מיר געלאָפֿן פֿון פּאָזיציע צו פּאָזיציע און קורץ און זאַכלעך האָט ער מיר דערקלערט די לאַגע.

אָט איז די באַפֿעל־פּאָזיציע און דער טעלעפֿאָן. איך קאָנטראָליר דעם אַפּאַראַט — פֿאַראַן אַ פֿאַרבינדונג.

ווייטער. דאָרט איז די מאַשין־געווער־פּאָזיציע. מיר לויפֿן לענג־אויס דעם נעבעכדיקן קאָנטאַקט־ראָוו. זיין טיף איז אַמהעכסטנס 30 סענטימעטער. עס האָט נישט קיין צוועק צו קריכן — עס וועט נעמען שעהן. נישטאָ קיין ברירה נאָר צו לויפֿן און „נעמען אַ שאַנס“.

טאַק—טאַק—טאַק—טאַק—טאַק. איך דערפֿיל עפּעס וואַרעם אין בויך. איך פֿאַל אין קאָנטאַקט־ראָוו אַריין.

„איך בין פֿאַרוואונדעט געוואָרן!“ שריי איך.

אויך אריה איז געפֿאַלן. אַ ווײַלע דאַכט זיך, אַז אויך ער איז פֿאַרוואונדעט געוואָרן.

ער קריכט מיר אַנטקעגן. ער איז נישט געטראָפֿן געוואָרן.

„וואו?“ פֿרעגט ער.

איך ווײַז אָן אויפֿן בויך. ער עפֿנט די הויזן, נעמט אַרויס פֿון מיין טאַש דעם פּערזענלעכן באַנדאַזש, לייגט אים אַרויף אויף דער וואונד. אַ גרויס לאָך טריפֿט מיט בלוט אויף דער רעכטער זייט פֿונעם מאָגן.

איצט בלויז פֿיל איך, אַז מיין אַרבל איז אָנגעזאָפּט מיט וואַרעם בלוט. ער נעמט מיר אַראָפּ דעם באַטל־דרעס און באַנדאַזשירט די וואונד אויפֿן אָרעם.

אריה שטייט־אויף און שפּרינגט צו צום טעלעפֿאָן. באַלד קלאַפּט שוין אויפֿסניי דאָס מאַשין־געווער. אַ קויל האַקט דורך זיין רעקל און טרעפֿט אים נישט.

די ווייטיקן זענען שרעקלעכע, איך קאָן זיך נישט רירן. אָבער דאָס באַוואוסטזיין איז קלאָר. איין געדאַנק עגבערט — ווי אַזוי וועט מען מיך פֿונדאַנען אַרויסנעמען?

מיינע מענטשן זענען ווייט, בלויז אריה געפֿינט זיך נעבן מיר און איין זאַך איז קלאָר, קלאָר ביז שווידער — אין דעם פּלאַץ, וואָס איז אָפּגעדעקט פֿאַרן שונא וועט יעדער מענטש וואָס וועט זיך

אַנטפּלעקן געהרגעט ווערן. קיין פאַרהוילענער צוגאַנג איז נישטאָ.

איך ווייס נישט וואָס פאַר אַ וואונד עס איז. אפשר וועל איך שטאַרבן? מאָדנע, ווי אין דעם מאָמענט דערשרעק איך זיך נישט פונעם געדאַנק. דאָס באַוואוסטזיין, אַז ס'איז נישט מעגלעך מיך אַרויסצונעמען פון דעם פּלאַץ ביז די נאַכט וועט צופאַלן, פילט מיך אָן מיט יאוש.

איך הייב אָן שרייען סיי צוליב ווייטאָק און סיי צוליב יאוש. דאָס מאַכט מ'ר ווי עס איז גרינגער. עס איז מיר אויפגעקומען אַ קינדישער געדאַנק, אַז ווען איך וועל שרייען, וועל איך משפּיע זיין אויף עמעצן צו געפינען אַ וועג מיך אַרויסצונעמען.

אריה קערט זיך אום קריכנדיק צו מיר. „וואו איז דער דזשיפּ?“ פרעג איך אים מיט אַ פאַרצווייפלט קול. עס קומט מיר פאַר, אַז דער דזשיפּ קען מיך ראַטעווען.

„ער קומט שוין. כ'האָב טעלעפאָנירט צום שטאַב!“ טרייסט מיך אריה.

ער פּרווט מיך אַרויפלייגן אויף זיין רוקן און קריכן. דער ווייטיק איז נישט צום דערטראָגן. ער לאָזט מיך אָפּ.

„הייב זיך נישט אויף!“ גיב איך אַ זאָג. „מען וועט דיך הרגענען!“

אבער אריה איז איינער פון די אַלטגעזעסענע. צווייאָל פאַרוואונדעט געוואָרן. אַ שטילער בחור, וואָס האָט נישט איינמאָל באַוויזן אויסערגעוויינלעכע שמאַנדהאַפטיקייט.

ער שטייט אויף און לויפט צוריק. די מאַשין קלאַפּט.

איך שריי ווייטער. די צייט קומט מיר פאַר אומענדלעך. איך וואונ־ער זיך, אַז כ'בין נאָכנישט געשטאַרבן. און פונדעסטוועגן עקבערט ערגעץ אין טיפעניש פון האַרץ אַ מיסטישער גלויבן, אַז כ'וועל לעבן.

אריה קומט צוריק און מיט אים מיינע מענטשן, וואָס זענען פאַרבליבן אין דער הינטערשטער באַרג־קייט. זיי זענען רעקרוטן און דאָס איז זייער ערשט מאָל, וואָס זיי דערנענטערן זיך אַזוי נאָענט צום שונא. זיי קוקן זיך איין אין מיר, און אויף זייער פּנים איז קענטיק דער פּחד וואָס מיט מיר וועט געשען. אויף אַ פּלוצימדיקן אופן פיל איך, אַז זיי האָבן מיך ליב. זיי שטעלן איין זייער לעבן מיך אַרויסצונעמען פון דאָרטן.

זיי נעמען מיך אָן ביי די פיס און הענט און הייבן אָן לויפן צו דיר הינטערשטער באַרג־קייט. דער ווייטיק איז אַ שרעקלעכער. איך קרעכץ. איך וויל פאַר זיי נישט שרייען.

ווי עס איז קומען מיר אָן צו דער הינטערשטער באַרג־קייט, דאָרט וואָרט־דער „בריין־קוריער“, מען לייגט מיך אויף אים אַרויף. איינער פון די מענטשן שטייגט אויף און לייגט אַוועק מיין קאָפּ אויף זיין שויס. איך האַלט די הענט אויפן באַנדאַזש פונעם בויך, ער זאָל נישט אַראָפּפאַלן.

מיר פאָרן. די מאַשין שפּרינגט און וואַקלט זיך ווי אַ שיף. דער ווייטיק שטאַרקט זיך. איך הייב ווידער אָן שרייען.

אין שטאַב־משלט וואַרטן אַ פּאָר בחורים. זייערע פאַרזאָרגטע פּנימער זע איך מטושטש, בעת זיי לייגן מיך אַרויף אויפן דזשיפּ פון דער ערשטער הילף.

דאָס פאָרן צו דער סטאַציע איז אַ גיהנום. אַ שלעכטער פעלד־וועג, פול מיט בערגלעך און לעכער, און דער דזשיפּ שפּרינגט אונטער ווי אַ שיכור.

„עס דאַכט זיך מיר, אַז מיין קערפּער ווערט צעריבן“, שריי איך.

„מיר קומען שוין באַלד אָן!“ באַרואיקט מיך דער חבר, וואָס האַלט מיר דעם קאָפּ. אָבער די נסיעה ציט זיך.

ענדלעך ווייזט זיך דאָס געצעלט פון דער סטאַציע. מען נעמט מיך אַריין און מען לייגט מיך אַוועק אויפן אָפּעראַציע־טיש. רפאל, דער גדודישער סאַניטאַר, שניידט אויף מיינע קליידער. ער קוקט זיך איין אין די וואונדן און באַנדאַזשירט זיי ווי געהעריק.

„ס'איז גאָרנישט“, זאָגט ער מיר מיט אַ זיכערן טאָן. „אין אַ חודש אַרום וועסטו צוריקקומען צו אונדז“.

איך ווייס, אַז ער זאָגט עס צו יעדן שווער פאַרוואונדעטן. וויפל צענדליקער מאָל האָב איך אים געבראַכט פאַרוואונדעטע חברים; אָבער פונדעסטוועגן באַרואיקן מיך די רייד אויף אַ מאָדנעם אופן. כ'בין צוריק געוואָרן אַ קינד — איך וויל גלייבן, און איך גלייב.

„גיב מיר מאָרפיום!“ בעט איך זיך.

„באַלד. איך גיב דיר!“ ער גייט צו צו מיר און גיט מיר אָן איינשטאָך.

דער ווייטיק הערט נישט אויף. איך גלייב אים נישט, אַז ער האָט מיר אויף אָן אמת געגעבן מאָרפיום.

מען לייגט מיך אַריין אין אַן אַמבולאַנס־מאַשין. אַ סאַניטאַר זעצט זיך נעבן מיר.

מען הייבט אָן אַ גיהנום־נסיעה. מיר פאָרן מיטן בורמא־שאָסיי, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך די מצרים. זיי האָבן נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן דאָס פלאַסטערן, און איצט איז דער וועג אין אַ שרעק־

לעבן צושטאַנד פון אַזויפיל באַנוצן. די פיינע מאַשין שפרינגט אונטער ווי משוגה, און מיט יעדן שפרונג שטאַרקט זיך דער וויטיק.
„פאַמעלעכער!” בעט איך זיך.

דער שאָפער, אַ לאַנגסטיקער פריינט, פאַרקלענערט די גיכקייט, אָבער נאָך אַ פּאָר מינוט נעמט ער ווידער די פריערדיקע שנעלקייט. ער ווייסט, אַז ער פאַרשאַפט מיר וויטיק; ער ווייסט אָבער אויך, אַז מיין לעבן איז געווענדט פון דער שנעלקייט, מיט וועלכער איך וועל קומען אין שפיטאָל.

עס נעמט נישט קיין סוף צום שרעקלעכן וועג. יעדע מינוט באַרויקט מיך דער סאַניטאַר, אַז מיר קומען אָן צום שאָסיי, איך גלייב אים אָבער נישט מער. דאָס וואַרפן ציט זיך.

ענדלעך דערשיינט דאָס דאָרף עיראַק־סואידאַן. דאָ הייבט זיך אָן דער שאָסיי. דאָס וואַרפן פאַרקלענערט זיך, דער וויטיק שטילט זיך איין.

מיר פאָרן אויפן הויפּט־וועג. וויפל הונדערטער מאָל בין איך געפאָרן אויף דעם שאָסיי זינגענדיק און דערציילנדיק צ׳יזבאתן?

איינער נאָכן אַנדערן פאַרשווינדן די באַקאַנטע דערפער. דער וויטיק קומט אָן און פאַרשווינדט נאָכאַנאַנד. איך ווער אַפּאַטיש.

אָט איז דער בויג, דאָס שפּיטאָל איז נאָענט. נאָך אַ פּאָר סעקונדן.

די מאַשין פאַרהאַלט זיך. אין דרויסן שושקעט מען זיך. די טיר עפנט זיך, און סאַניטאַרן געהילטע אין ווייסן נעמען אַרויס דאָס טראָג־בעטל.

אין צימער לייגט מען מיך אַוועק אויף אַ בעט. ווייסע קראַנקן־שוועסטער קומען שטיל אַריין און גייען שטיל אַרויס. אַ סאַניטאַר שטעלט מיר פראַגן. מען וואַשט מיך, מען ראַזירט אַרום דאָס אָרט פון דער וואונד, מען נעמט פון מיר אַראָפּ די אויפגעשניטענע קליידער.

„באַלד וועט מען דיך אָפּערירן”, זאָגט דער סאַניטאַר. „האָסט מזל. אַ פּרעכטיקער דאָקטאָר, אַ ספּעציאַליסט פאַר בויך־וואונדן. אין אַ צוויי וואָכן אַרום וועסטו זיין אין אָרדענונג!”

איך הער זיינע רייד. אַ מאָדנע שטילקייט איז אויף מיר אַראָפּ, אַ שלוה וואָס באַרויקט מיינע חושים. דער ספּעקטאַקל פון בוצלעכער רואיקייט, פון תכליתדיקער האָפענונג שאַפט אַרום מיר אַן אַטמאָספערע פון ביטחון און אמונה.

די שוועסטער דערנענטערט זיך מיט אַ פאַרשלעפערונגס־

איינשטאָך. איך פֿאַרמאַך די אויגן. די לעצטע ווערטער וואָס איך הער זענען — „פּירט אים דערנאָך אַריבער אין בעט נומער 23״.

דעם קאַמף מיט זיינע וואונדן קעמפט דער פאַרוואונדעטער אַליין. די דאָקטוירים און די שוועסטער דערפילן זייער דערהויבענע אויפגאַבע און מאַכן ביילמאַל וואונדער. אָבער דער לעצטער, וואָס וועגט איבער, איז דער פאַרוואונדעטער אַליין. פונעם כוח פון זיין ווילן זענען אָפּהענגיק די רעזולטאַטן פונעם געראַנגל. פונדאַנען נעמט זיך די אָנרעגונג, מיט וועלכער דער פאַרוואונדעטער נעמט אויף יעדן סימן פון לעבן „פון דרויסן״, יעדער באַזוך פון זיינע וואָפן־חברים, פון זיינע פריינט און קרובים, און נישט שטענדיק ווייסט דער באַזוכער ווי שטאַרק עס זענען די דאַנק־געפילן, וואָס דער הילפלאָזער פאַרוואונדעטער פילט לגבי אים.

1־טער יאַנואַר, 1949, מיליטערישער שפּיטאַל נומער 8.

א שאכטל שאקאלאד

פון דעם טאָג אָן וואָס אַ פאַנצער־קויל פון אַ מצריש מאַשין־געווער האָט מיך בטעות געהאַלטן פאַר אַ קאַמופלאַזשירטן טאַנק און אויסגעפונען אַ באַהעלטעניש ביי מיר אין בויך, האָבן מיר די דאָקטוירים פאַרבאָטן צו עסן. אָנשטאָט דעם האָט מען מיר אַריינגעזעצט אַ נאָדל אין פוס, פאַרבונדן זי מיט אַ לאַנגן שלויך צו אַ געפעס מיט וואַסער און טרויבן־צוקער. אויף אַזאַ אופן האָב איך „געגעסן״ בלויז איין מאָלצייט אין מעת־לעת. די מאָלצייט האָט געדויערט 24 שעה.

מיינע קרובים און פריינט האָבן מיך אָנגעהויבן באַזוכן, זיי זענען געשטאַנען אַרום מיין בעט און אומזיסט זיך געמיט צו ווייזן אַ ביסל אָפּטימיזם און צו באַהאַלטן זייער צעטומלונג, אַזוי אַז איך בין געצוואונגען געווען זיי צו טרייסטן, אַז נישט געקוקט אויף אַלעמען בין איך נאָך נישט געשטאָרבן און איך האָב נישט בדעה אַזאַ איילנדיקן שריט צו מאַכן אין דער נאָענטער צוקונפט...

איין טאָג, אין אָנהייב פון דער ערשטער וואָך, האָט מיך באַזוכט אַ פריינדין. נאָכדעם, ווי זי האָט זיך באַרואיקט נאָך דער ערשטער איבערראַשונג און זיך צוגעוואוינט צו מיין אויסזען, האָב איך איר דערקלערט די סיבה פון די פאַרשידענע רערלעך און שלויכן, וואָס באַפוצן מיין קערפער — איינס פירט מיר אַריין דעם „פרישטיק״ — נישט באַמיענדיק דעם מאָגן און געדערעם, און דאָס צווייטע, וואָס

איז באַהאַפּטן צו מיין נאָז, ווי אַן עלעפאַנטן־נאָז, ליידיקט אויס דעם מאָגן פון זיינע זאַפטן. מיר האָבן געשמועסט איבער פאַרשידענע ענינים, וועגן באַקאַנטע. איך האָב איר געגעבן אויסגעמאָלן די מאָלצייט וואָס איך קלער צו עסן, ווען כ׳וועל געזונט ווערן (ביי אַ צוועלף מאכלים), און אויך, וואָס איך וועל פילן בעת איך וועל טרינקען דאָס ערשטע קאַלטע גלאָז ביער. און די גאַנצע צייט האָב איך זיך איינגעקוקט אינעם גלעזעלע וואַסער מיט טרויבן־צוקער, וואָס האָט זיך געוויגט איבער מיין קאָפּ.

צום סוף פונעם שמועס האָט זי זיך אַ ביסל פאַררויטלט און פון איר טאַש אַרויסגענומען אַ קליין פּעקעלע — אַ שאַכטל שאָקאָלאַד. איך האָב זי אָנגעקוקט צעטומלט — אין דעם מאָמענט האָט די מתּנה מיר געקענט נוצן ווי אַ טויטן באַנקעס. און מיין פריינט מידד שיף, וואָס פאַרמאָגט אַ זעלטענעם טאַלענט צו זאָגן דאָס שטעכיקע וואָרט אין אויפרעגנדיקן מאָמענט, און ער איז דאָ אויסגעוואַקסן אין דער ריכטיקער צייט, האָט זי מיט אַ ציניש שמייכל אַ פרעג געטאָן: — „ווילסטו אים רייצן דעם אַפּעטיט?״

די יונגע פריינדין האָט זיך נאָך מער פאַררויטלט, און איז געזי האָט פאַרגעסן, אַז איך טאָר נישט עסן און אַז כ׳וועל עס קענען צעטיילן צווישן די שוועסטער. כדי זי אַרויסצופירן פון איר צעטומלונג האָב איך אַ שמייכל געטאָן, אַ דאַנקבאַרן שמייכל, צוגענומען די מתּנה ביי איר און געזאָגט: „מאַלעש, ס׳וועט נאָך קומען אַ טאָג און כ׳וועל אויך דאָס עסן...״

מיינע געסט זענען אַוועק, און דער געוויינלעכער ווייטיק איז געקומען. איך האָב געהאַלטן דאָס שאַכטל שאָקאָלאַד און לאַנג זיך איינגעקוקט דערין. עס איז געווען איינגעוויקלט אין דורכזיכטיק פּאַפּיר און באַפּוצט מיט געשמאַק. עפּעס האָט עס גערייצט. און אין סאַמע איינקוקן זיך איז אין מיר פאַרגעקומען אַ מאָדנע ענדערונג...

אַ מענטש וואָס איז שווער פאַרוואונדעט גייט דורך דריי שטאַפּלען. אין ערשטן שטאַפּל איז ער לחלוטין אַפּאַטיש. אַפּאַטיש צו אַלץ — חוץ צו זיינע ווייטיקן. די דאָקטוירים און שוועסטער מאַכן מיט אים וואָס זיי ווילן.

ווען דער פאַרוואונדעטער גייט איבער דעם קריזיס, גייט ער אַריבער צום צווייטן שטאַפּל. ער הייבט זיך אָן פאַראינטערעסירן מיט זיין אַרום, אָבער ער אַנטדעקט בלויז די חסרונות. ער פילט זיך באַכנישט גוט און דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין זיינע אנשויאונגען.

דער דריטער שטאַפּל איז דער רעקאָנוואַלעסצענטן־שטאַפּל. די וועלט הייבט אָן ווערן סימפּאַטיש, די שוועסטער ווערן אַלע פֿיינע און שיינע. ס׳איז פֿאַראַן אַפּעטיט. בקיצור, די לעבנס־כּוחות מערן זיך...

דאָס קליינע שאַכטל שאָקאָלאַד האָט אין מיר אַרויסגערופֿן די ענדערונג, וואָס באַצייכנט דעם איבערגאַנג פֿון ערשטן שטאַפּל צום צווייטן.

ביז דאַן בין איך לחלוטין געווען אַפּאַטיש צום לעבן. מיין וועלט האָט זיך באַשרענקט בלויז צום בעט, צום דאָקטאָר, וואָס האָט מיך „געפּייניקט" צווימאָל אין טאָג און צו די שוועסטער, וואָס האָבן געהיטן ביי מיין בעט 24 שעה אין מעת־לעת. איך האָב נישט געוואַגט צו גלויבן, אַז מיינע אברים וועלן נאָך ווי געהעריק אַרבעטן ווען עס איז.

און אָט, ווען איך האָב זיך איינגעקוקט אין שאַכטל שאָקאָלאַד איז אין מיר פּלוצים געבוירן געוואָרן דער ווילן. „צו אַלדי רוחות", האָב איך צו זיך געזאָגט, „ס׳וועט קומען אַ טאָג און כ׳וועל עס עסן!" און אַזוי אָנשטאָט עס צו צעטיילן צווישן די שוועסטער אָדער מיין שכן דעם אַמפּוטירטן, האָב איך עס אַריינגעלייגט אין שופֿלאָד נעבן מיר.

דאָס שאַכטל שאָקאָלאַד איז מיר געוואָרן אַ סימבאָל. עס האָט מיר אַלץ סימבאָליזירט — דאָס געזונט, די היים, תּל־אָבֿיבֿ, דאָס שפּרודלדיקע לעבן, צו וועלכן איך וועל זיך אַמאָל אומקערן. טיילמאָל פֿלעג איך עס אַרויסנעמען פֿון שופֿלאָד, זיך איינקוקן און פֿאַנטאַזירן.

בערך דריטהאַלבן וואָכן נאָך מיין פֿאַרוואונדעט ווערן האָט דער דאָקטאָר באַשלאָסן, אַז ס׳איז געקומען די צייט, מיין מאָגן און געדערים זאָלן אָנהייבן ווירקן. צום שלימזל האָבן דער מאָגן און די געדערים אַנדערש געטראַכט וועגן דעם. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן עקשנותדיקער קאַמף צווישן זיי און דעם דאָקטאָר. ער האָט זיך באַנוצט מיט פֿאַרשידענע מיטלען. געפּרוווט אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופֿן, און צום סוף, נאָך דריי אָדער פֿיר טעג, האָט די הצלחה אים אָנגעהויבן שיינען. די פֿאַרנייטע און פֿאַרלאַטעטע געדערים האָבן גענומען ווייזן לעבנס־צייכנס.

יענעם טאָג האָט מען מיר אַרויסגענומען די נאָדל פֿונעם פּוס און מיט אַ פֿייערלעכע פּאַראַדע האָט מען מיר געבראַכט אַן אמתן מאָלצייט. עס איז טאַקע מער נישט געווען ווי אַ ווייך איי און אַ קאַשקע, אָבער אין מיינע אויגן האָט עס אויסגעזען ווי אַ מאכל מלכים.

אַ וואָך איז אַריבער. פאַרשידענע קאָמפּליקאַציעס האָבן זיך געשפּילט מיט מיין פאַרעקשנטער הילף, און די שאָקאָלאַד איז פאַרבליבן אַ חלום. אָבער אָט איז געקומען דער טאָג און אויף דער טאַץ האָט זיך באַוויזן דאָס ערשטע שטיקל ברויט. און דאָסמאָל איז עס נישט געווען אַ טעות פון אַן איבערגעמידטער שוועסטער — עס איז מיר טאַקע דערלויבט געווען עס צו עסן.

פון איצט אָן זענען די ענינים געגאַנגען פּאָרויס שפּרינגבדיק. עס איז מיר דערלויבט געווען צו זיצן, מען האָט מיר דערלויבט אַ פּאָר שפּאַן צו מאַכן, און אָט אין אַ העלן טאָג איז אויך דערשינען אויף דער טאַץ אַ שטיקל שאָקאָלאַד און נישט קיין געפּאַלשטע.

צומאָרגנס, ווען כ׳בין געווען אַליין אין צימער (מיין חבר דער שפּליטער־פּרעסער האָט געכראָפּעט אויפן קול) האָב איך אַרויסגעגומען דאָס שאַכטל פונעם שופלאָד. אַ ווײַלע האָב איך זיך דעריי איינגעקוקט, און דערנאָך האָב איך מיט אַ הייליקן ציטער געעפנט דאָס דורכזיכטיקע פּאַפּיר. אַראָפּגענומען דאָס דעקל. די שטיקלעך שאָקאָלאַד זענען געווען פאַרוויקלט אין פאַרביקע פּאַפּירלעך. איך האָב באַשלאָסן צו עסן איין שטיקל. אָבער וועלכעס זאָל איך אויסקלייבן? איך טאָר נישט עסן ניס אָדער שאָקאָלאַד געמישט מיט קאָניאַק.

כ׳האָב פאַרמאַכט די אויגן און אַרויסגענומען איין שטיקל. אַראָפּגענומען דאָס פּאַפּיר.

די גרויסע שעה איז געקומען. בלויז אַ ווײַלע האָב איך מיך געקווענקלט. מיט אַ באַוועגונג פון אַ כהן וואָס פירט אויס עפּעס אַ הייליקן ריטואַל, האָב איך אויפגעהויבן די האַנט און אַרײַנגעלייגט די שאָקאָלאַד אין מויל...

אין שפּיטאָל שטעלט זיך די מענטשלעכע גבורה אונטערן לעצטן פּרוב. אין קאַמף האָט נאָך דער מענטש אַן וואָס זיך צו קלאַמערן: די חברים וואָס קעמפן ביי זיין זייט, די קאַמף־געוואוינהייטן וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפט ביי די איבונגען. דער צוטרוי צו די קאָמאַנדירן. אָבער ווער האָט געקאָנט העלפן מיין שכן אבנר דוידסאָן, אַ ראשון לציונער, וואָס איז געלעגן אָן באַוועגונג אין משך פון פיר חדשים, מיט אַ קערפּער, וואָס איז געווען באַדעקט מיט שרעקלעכע וואונדן, מיט אָפּעראַציע־שניטן און מיט איינשטאָך־סימנים? ווער האָט געקאָנט שטאַרקן און מוטיקן דעם אומבאַקאַנטן אצ״ל־מענטש, וואָס איז געלעגן אַנטקעגן מיר, און זיך געפּייניקט אין שרעקלעכן דורשט ביז מען האָט אים גענומען צו דער אָפּעראַציע... און ער איז נישט צוריקגעקומען?

די מענטשן וואָס זענען בייגעשטאַנען דעם פּרוב, זיי זענען די אמתע העלדן פון דער מלחמה, די העלדן פון ליידן און ווייטיק, פון דעם איינזאַמען מענטשנס מלחמה מיט זיין געשעדיקטן קערפּער.

?־טער יאַנואַר, 1949, מיליטערישער שפּיטאָל נומער 8.

גבורה אויף איין פוס

איך בין געלעגן אין שכנותדיקן צימער און נישט געזען זיין פּנים. אָבער זיינע געשרייען האָב איך גוט געהערט — זיי האָבן מיך אויפגעוועקט אין איינער אַ נאַכט, בערך אַ וואָך נאָך מיין פּאַרוואונדעט ווערן.

„אוי יצחק, העלף מיר!.... וואָס וועל איך טאָן... אוי מיין פוס, מיין פוס.... וואָס וועל איך זאָגן מיינע עלטערן... ווער וועט זיי איצט מפרנס זיין....”

די קראַנקן שוועסטער האָט מיר אויפן אויער געשעפּטשעט, אַז ער איז אַ שעדיקער, וואָס מ׳האָט אים אַמפּוטירט אַ פוס און די מיינסטע פינגער פון די הענט.

אין אַ טאָג אַרום האָט מען מיך צו אים איבערגעפירט. ער איז געווען דערשלאָגן און ס׳איז נישט מעגלעך געווען צו ווירקן אויף אים מיט רייד. זיינע הענט זענען געווען גוט באַנדאַזשירט, און ער האָט נישט געוואוסט, אַז מען האָט אים אַראָפּגענומען די פינגער.

פון צייט צו צייט, ווען עס פלעגן זיך שטאַרקן זיינע ווייטיקן אָדער זיין יאוש, פלעגט ער אָנהייבן שרייען. איך האָב באַמערקט, אַז ער האָט קיינמאָל נישט גערופן זיינע עלטערן, בלויז „יצחק׳ן”. דאָס האָט מיך געוואונדערט. ווייל פון מיין דערפאַרונג האָב איך געוואוסט — דער פאַרוואונדעטער, איבערהויפּט דער שווער פאַרוואונדעטער, ווערט ווידער אַ קינד. ער פאַרגעסט זיין איינהייט און זיינע חברים און בענקט נאָך דער משפּחה. אויך איך, וואָס האָב זיך קיינמאָל נישט אויסגעצייכנט מיט שטאַרק פאַמיליאַרע אייגנשאַפטן, האָב אין די ערשטע טעג אין שפּיטאָל געטראַכט בלויז וועגן דער היים.

ווער איז געווען דער פאַרהוילענער יצחק? „זיין אָפיציר”, צו וועלכן משה האָט געשריגן אין אַן עת צרה? אַ געוויסן טאָג האָט ער זיך באַוויזן — און אָט איז ער נישט קיין אַנדערער ווי מיין אַמאָליקער אינסטרוקטאָר פאַר שעדיקונג, אימשע.

אַ זעלטענער בחור איז געווען דער דאָזיקער איטשע. איינער פון די „סטאַזשיאָנערן" טיפּן, וואָס וועסט היינט נישט טרעפן אַ סך אַזעלכע. אַ שוויצער, אַ בלאָפער, אַ „משוגענער", גרייט צו יעדן שפּיצל און קונדישע מעשים. אַ חבר, אויף וועלכן מען קאָן זיך פאַרלאָזן אין פייער און אין וואַסער. אויף זיינע לעקציעס פלעגט ער פלוצים אויפרייסן אַ שטיקל טשעדיט אָדער דורכהאַקן אַ פלויט מיט אַ בונגאַלאָ מינע, און אויב האָסט זיך מיט אים צעקריגט ביי טאָג, איז ליבער דו זאָלסט זיך פאָרזיכטיק דערנענטערן צו דיין בעט — קאָנסט דאָרט טרעפן אַ מינע... אַ פאַלשע.

יצחק האָט געהאַט אַ קינסטלעכן פוס. אין ערשטן אויגנבליק פלעגסטו עס נישט באַמערקן — ער האָט געפירט אַ מאַשין (ווי אַ משוגענער פאַרשטייט זיך), געשפרונגען איבער פלויטן און זיך אויסגעצייכנט אין שעדיקונג־אַקציעס, ביז ער האָט דערגרייכט זיין איצטיקן ראַנג — שעדיקונגס־אָפיציר אין אַ קעמפנדיקן גדוד.

„וואָס וועל איך טאָן?" האָט זיך צעכליפּעט מיין שכן, „וואָס וועל איך טאָן אָן אַ פוס? ווי וועל איך דערנערן מיינע עלטערן? ערשט איצט זענען זיי געקומען אין לאַנד אריין, וואָס וועלן זיי טאָן אָן מיין הילף? אוי, וואָס וועל איך טאָן?"

„כליפּע נישט ווי אַ קינד!" האָט איטשע אויף אים געשריגן מיט אַ געמאַכטן תרעומת. „קוק אויף מיר — כ'האָב איין פוס. וואָס פעלט מיר?" כ'האָב קיינמאָל נישט געהערט, אַז יצחק זאָל ווען דערמאָנען, אַז עס פעלט אים אַ פוס. אין זיין אָנוועזנהייט פלעגט מען אַפילו נישט אָנדייטן וועגן דעם. „איך פיר אַן אויטאָ — האָסט דאָך אַליין געזען. די וואונד וועט זיך פאַרהיילן. מען וועט דיר מאַכן אַ קינסטלעכן פוס און וועסט אַלץ קאָנען מאַכן".

דער פאַרוואונדעטער איז נישט באַוווירקט געוואָרן.

„הער!" האָט איטשע צוגעגעבן. „מיר זענען דאָ מיליטער. אַלע זענען מיר חברים. איינער זאָרגט פאַרן צווייטן. מיר וועלן אויך פאַר דיר זאָרגן. וועסט זען, מאָרגן וועט קומען די גאַנצע כיתה!".

צומאָרגנס איז געקומען די כיתה: אַכט שעדיקער. איטשע איז געשטאַנען בראש, און זיי זענען אריין איינער נאָכן צווייטן און זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם בעט. גערעדט האָט איטשע — די איבעריקע האָבן זיך צוגעקוקט און געשוויגן. ווי אויף יעדן געזונטן זעלנער וואָס באַזוכט אַ פאַרוואונדעטן, האָט אויף זיי געדריקט אַ מאָדנע שולד־באַוואוסטזיין, אַקוראַט ווי זיי זאָלן שולדיק זיין אין זייער געזונט.

„ווילסט מען זאָל מעלדן עמיצן? האָט איטשע געפרעגט.

„די עלטערן זאָלסטו נישט מודיע זיין! בלויז דער שוועסטער...“

„פאַרלאָז זיך אויף מיר!“ האָט איטשע געזאָגט און פאַרשריבן דעם אַדרעס.

אָבער די וועגן פון מיליטערישן אַפּאַראַט זענען מאָדנע. פאַראַן אַ געהילף־אָפּיציר, פאַראַן אַ פאַרשריבענער אַדרעס פון „קרובים וועמען מען דאַרף מעלדן אין פאַל פון....“ און אַזוי אין אַ פינסטערן אָוונט, ווען כ'האָב געדרימלט אויף מיין געלעגער נאָך אַן אָנפאַל פון ווייטיק, האָט זיך באַוויזן אין צימער אַ ייד ביי די פופציקער, מיט אַ צעקניימשט און צעאַקערט פנים, אָנגעטאָן אַ לעדערן היטל מיט אַ דאַשעק, ווי די פורמאַנעס אין איראָפּע, אין דער באַגלייטונג פון אַ פרוי, אַ טיפּישע יידענע, אַ קליינע, אַ פעטלעכע, מיט גרויע האָר.

ווייזט אויס, אַז די עלטערן האָבן גאָר נישט געוואוסט. בלויז איצט, אין קאָרידאָר, האָט זיי די קראַנקן שוועסטער דערקלערט די לאַגע פון זייער זון. דער ערשטער שאָק איז נאָכנישט אַריבער.

דער זון האָט געוואָלט וויינען, נאָר זיך געשעמט פאַרן פאָטער. ער האָט אויך נישט געוואָלט אים אָנטאָן צער. דער פאָטער האָט געוואָלט וויינען, נאָר ער האָט זיך געשעמט פאַרן זון און נישט געוואָלט אים דערשלאָגן. בלויז די מוטער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן — פון צייט צו צייט האָט זי אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און געווישט די טרערן, און אין אירע אויגן איז געווען די שטומע אייביקע פראַגע פון זעלנערס מוטערס: „גאָט, פאַרוואָס דווקא מיין זון?“

„זאָרגט נישט“ האָט דער זון גענומען טרייסטן אויף יידיש. מען וועט שאַפן אַ קינסטלעכן פוס, וועל איך ווערן אַ שאָפער...“

„און וואָס איז מיט די הענט?“

„די הענט האָט גאָרנישט פאַסירט, בלויז אַ פאָר וואונדן, וואָס מען האָט פאַרבאַנדאַזשירט...“

דעם פאָטערס פנים האָט זיך פאַרקרומט. ווייזט־אויס שוין געוואוסט דעם אמת.

„זאָרג פאַר גאָרנישט“, האָט ער געזאָגט, און זיין קול איז געווען ווי צעבראָכן. „מיר וועלן פאַר אַלץ זאָרגן. פון היינט אָן וועלן מיר זאָרגן פאַר דיר, ווי מיר האָבן פאַר דיר געזאָרגט ווען ביסט נאָך געווען אַ קינד. וועסט שוין מער קיין דאגות נישט האָבן. מיר וועלן זיך שוין איינאָרדענען.“

זיי זענען אַוועקגעגאַנגען. דער זון האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער וואַנט און כ׳האָב זיין פּנים נישט געזען. איך האָב געוואוסט, אַז אין דרויסן וויינט דער פאָטער.

די צייט האָט געטאָן אירס. משהן איז לאַנגזאַם בעסער געוואָרן, דער ווייטיק איז פאַרשוואונדן, דער אַפּעטיט איז אים צוריקגעקומען. דריי מאָל אין טאָג האָט מען אים אַריינגעבראַכט גוטע מאָלצייטן און די שוועסטער האָט אים אָנגעהאָדעוועט. און איך, וואָס זייט דריי וואָכן האָב איך זיך געשפּייזט מיט קינסטלעכער דערנערונג, האָב באַגעפאָלגט מיטן בליק נאָך יעדן שטיקל וואָס איז פאַרשוואונדן אין זיין מויל.

ער האָט מיר דערציילט זיין מעשה... פונאַנדערגענומען מינעס ביי אַ יידישן ישוב, אַ נישט גענויע באַצייכענונג, אַ מונאַר־מינע פאַרבונדן מיט אַ דונערדיקן קנייטל, אַן אויפרייס...

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער אַריבער פון דעם אָפּטייל פאַר „שווערע" פאַלן אינעם אָפּטייל פאַר רעקאָנוואַלעסצענטן. ווען עס איז מיר דערלויבט געוואָרן אויפצושטיין, בין איך געגאַנגען אים באַזוכן. דעם פאַרבאַנד האָט מען אים שוין אַראָפּגענומען פון קאָפּ. אַ פּאָר העפטן האָבן באַדעקט זיין פּנים.

„ווי פילט מען זיך?"

ער שמייכלט. שמייכלט אמתדיק און האַרציק. „אין אָרדענונג. ב׳פיל שוין נישט קיין ווייטיק. דער דאָקטאָר זאָגט, אַז די וואונדן פאַרהיילן זיך."

„און די הענט?" כ׳האָב נישט געוואוסט צי מען האָט אים שוין דערציילט. אַ שאָטן איז אים אַדורך איבערן פּנים, אָבער באַלד פאַרשוואונדן. „דו ווייסט, מען האָט מיר כמעט אַלע פינגער אַראָפּגענומען נאָר כ׳וועל זיך שוין ווי עס איז אַן עצה געבן..."

איך קוק זיך איין אין זיין פּנים — דאָס ליבלעכע פּנים פון אַ צוואַנציק־יעריקן. מיט אַ חודש צוריק האָט ער אויסגעקוקט דאָס לעבן, וואָס איז געווען איין גרויסע אַוואַנטורע. וואָס קוקט ער איצט אויס, דער דאָזיקער יונגטלעכער, וואָס דאָס לעבן שטייט נאָך פאַר אים?

אַ געדאַנק גייט מיר דורך אין מוח — וואָסער לעבן וועט איז דאָס פאָלק אָנגרייטן? צי וועט עס אים געהעריק באַצאָלן? צי איז בכלל פאַראַן אַ באַצאָלטס פאַר אַזאַ קרבן?

איך געדענק ביכער וועגן דער פריערדיקער וועלט־מלחמה

וועגן מלחמה־אינוואַלידן. ווי גיך האָבן עס די מענטשן פאַרגעסן? און מיר, צי וועלן מיר אויך פאַרגעסן?

...ווידער אין דער אָפּטיילונג. דאָרט פירט זיך אַ לעבהאַפטער וויכוח. וועגן וואָס דיסקוטירט מען? ווער איז מער גליקלעכער, פראָפּאָרציאָנעל — דער וועמען מען האָט אַמפּוטירט איין פוס, אָדער ביידע פיס, אָדער איין האַנט. מען מאַכט אַ מין טאַבעלע פון שטאַפּלען; איין האַנט איז מער ווערט ווי צוויי פיס א.א.וו.

אַן אכזריותדיקער חשבון. און ווידער די זעלבע פראַגע וואָס צקבערט אין מוח — וועט דאָס פאָלק געדענקען? צי וועלן די הונדערטער טויזנטער, וואָס בילדן דאָס פאָלק, געדענקען? צי וועט געדענקען דער בירגער, וואָס אַדאַנק די דאָזיקע לעבט ער געזיכערט?

ביי אַ פינף וואָכן נאָך מיין פאַרוואונדעט ווערן בין איך אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ רעקאָנוואַלעסצענטן־היים. דאָרט האָב איך באַגעגנט אַ סך אַלטע חברים פון דער חטיבה. מיר האָבן זיך אמת־האַרציק געפרייט — מיר האָבן געוואוסט, אַז אַ גרויס מזל האָט געהאַט יעדער פון אונדז, וואָס האָט פאַרבראַכט אַ יאָר אין פראָנט און ער לעבט, און האָט נישט פאַרלוירן קיין אבר פונעם גוף.

10־טער יאַנואַר, 1949. אין אָפּרו־הויז.

דער טאַנץ פון די „צעבויגענע"

זיי זיצן אין אַ גרויס ראָד, אין קולטור־צימער פון דעם אָפּרו־הויז — די יעניקע, וואָס דער מיליטערישער זשאַרגאָן רופט זיי אָן מיטן פלאַסטישן טיטל „צעבויגענע". אַ טייל קרבנות פון קאָמוניקאַציע־אינצידענטן און אַ טייל מלחמה־פאַרוואונדעטע.

אַ פילפאַרביקער געמיש — פאַרגיפּסעוועטע פיס, פאַראַליזירטע אָרעמס, אויסגעפוצטע יוגנטלעכע, וואָס די וועלכע קענען זיי בענטער ווייסן וואו זייער וואונד איז, אַ פּאָר פריילעכע מיידלעך, וואָס זענען געזונט געוואָרן פון פאַרשידענע געהיימע קראַנקהייטן. און אין אַן אייגן ווינקל די אַריסטאָקראַטיע פון דעם אָרט — די פאַרוואונדעטע אין בויך און אָפּעריִרטע אויף אולקוס, לעבן אויף אַ ספּעציעלער דיעט און פאַר זיי זאָרגט די שוועסטער פון אַנשטאַלט ספּעציעל.

זיי זיצן און פאַרווײַלן זיך. איינער שפּילט דזשאַז אויף אַ צעבראָכן קעמל, אַ צווייטער באַגלייט אים מיט משונהדיקע קולות,

אַ גאוגישע באַכקרימונג פון דער גייסטער אַמעריקאַנער קולטור. זיי קייקלען זיך פאַר געלעכטער, אַ הילכיק געלעכטער, אַ שפּרודלדיקס, נישט קיין געמאַכטס.

און פונדעסטוועגן, הינטער דעם געלעכטער דערהאַלט זיך אַ וועלט נישט אַזאַ לאַכעדיקע. אַ סך פון די, וואָס לאַכן, וועלן קיינמאָל נישט צוריקקומען צו זייער פריערדיקן געזונט־צושטאַנד. אַ סך פון זיי וועלן בלייבן קריפּלען, אַ סך וועלן נישט מסוגל זיין מער צו פיזישער אַרבעט, און די מערהייט וועט זיך נישט אומקערן מער צו זייער קעמפנדיקער משפּחה, צו זייער גדוד.

אָבער פונדעסטוועגן איז ד׳י טבע פונעם מענטשן זיך צוצוגעוויינען צו יעדער לאַגע. און דאָס לעבן גייט ווייטער אָן. און דאָס שפּרודלדיקע געלעכטער לאַכט אויך עמי, דאָס געצערטלטע קינד אונדזערס; עמי, דער 17 יעריקער פּלמ״חניק פון די קעמפער אין נגב, וועמען אַ דייטשער האַנט־גראַנאַט האָט אַרויסגענומען אַן אויג און אָפּגעריסן אַ פּאָר פינגער.

עמעץ, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, שלאָגט פאָר צו זינגען לידער פון דער גאַנצער וועלט. באַלד הייבט זיך אָן אַ כאָר, ממש טייב צו ווערן — דער וויל יידיש, דער בעט אונגאַריש, איינעם איז ליבער רוסיש און, פאַרשטייט זיך, די, וואָס האַלטן פון פראַנצויזיש — פראַנצויזיש; גריכיש און בולגאַריש — אויך זיי שווייגן נישט. די מינדערהייט, וואָס רעדט ענגליש, מיט אַ טיפּישער אַנגלאָ־זאַקסישער צוריקגעהאַלטנקייט, האַלטן זיך אָפּ פאָרצושלאָגן אירע פאָדערונגען עפנטלעך.

דער „זינגער" באַמיט זיך נאָכצוקומען אַלע פאָדערונגען פונעם „עולם". זיינע לידער שפּרינגען איבער גרענעצן און קאָנטינענטן, און פון מאָל צו מאָל שפּרייט זיך פונאַנדער אַ ברייטער שמייכל פון הנאה און צופרידנהייט אַמאָל אין דעם ווינקל און אַמאָל אין יענעם. ספּעציעל וועקן באַגייסטערונג די יידישע לידער. אַזויפיל זענען ערשט נישט לאַנג געקומען פון די חושך לענדער און די מעלאָדיעס וועקן אין זיי זכרונות.

אין ווינקל זיצן די „ארץ־ישראלדיקע". אַ סך מעלאָדיעס זינגען אויף אין זייער האַרצן, אָבער זייער קול הערט מען נישט אין דעם כאָר היינטיקן אָוונט. די סיבה — „ה", „ד" און „ב־7". דער באַטייט פון די פאַרהוילענע אותיות איז: די געזונט־ראַנגע, וואָס איז דער רעקאָרד פון „צעבויגנקייט".

איך ווער אַ ביסל מעלאַנכאָליש, אַ מין משונהדיקע שטימונג.

וואָס טוט מיר נישט ווי אָבער פילט מיך אָן מיט אַ ספּעציעלער אַטמאָספער. איך דערמאָן זיך אַנדערע אָוונטן אין אַנדערע קולטור־צימערן, ביי אַ העברעאישער פריילעכער יוגנט און אַ מעכטיקן שרייאיקן כאָר פון העברעאישע לידער, און כאָטש די שפּאַסן פון היינט און די „דערציילערס״ פון היינט זענען נישט אַזוי אַנדערש פון די וויצן און „דערציילערס״ פון דעמאָלט, פונדעסטוועגן איז דאָך די אַטמאָספער אַזוי אַנדערש.

און ווי שטענדיק ברענגען די זכרונות אויף געשטאַלטן פון מענטשן. ווער האָט דעמאָלט פאַרפאַסט די פּאַראָדיע וועגן דעם מאָרגן־פּאַראַד? ווער האָט פאַרפאַסט דאָס ליד וועגן דער הינער־יאַגד אין דיר־מוהייסין? ווער האָט מיט מיר פאָרגעשטעלט דעם „סקעטש״ וועגן דעם פליכט צו סאַלוטירן? וואָס האָט פּאַסירט מיט די בחורים? וואו זענען זיי היינט? און וואו איז דער גאַנצער עולם ראַשיקע פרייע יוגנט, וואָס האָט אַזוי גוט אָפּגעלאַכט פון זיך אַליין און פון גאַנצן אַרום, ווען דער אַרום איז אַפילו נישט געווען אַזוי לעכערלעך?

דער „פּראָגראַם״ האָט זיך פאַרענדיקט. די חברים ווילן טאַנצן. זיי ווילן, פאַרשטייט זיך, „סאַלאָן״־טענץ. אָבער אָט איז אַ „פּאַנ־טשער״, פון יענע „אומגליקן״, וואָס קאָנען פאָרקומען אין אַ רעקאָנ־וואַלעסצענטן־היים. דער פריערדיקער „פּיאַניסט״ איז געזונט געוואָרן און אַוועק, און אַ נייער פּיאַניסט האָט זיך נאָך נישט באַוויזן. אויף דער ראַדיאָ, ווי צו להכעיס, שיט פּראָפּאַגאַנדע־רעדעס אין אַלע שפּראַכן, און דזשאַז־מוזיק איז נישטאָ. וואָס טוט מען? פאַראַן איין אייסוועג — אַ מויל־גאַרמאָשקע. נאָר וואָס? אַן אמתער שפּילער אויף דער פיינער כלי קאָן נישט אָנהייבן קיין סאַלאָן־טענץ. אים גלוסט זיך פאָלקס־טענץ.

איז אויב אַזוי — אַ פּאָלקע. די חברים קוקן זיך אָן. עס באַ־מערקט זיך אַ צעטומלונג. און צום סוף הייבט זיך אויף איין פּאָרל. דערנאָך נאָך איינס. אין אַ מינוט אַרום טאַנצן פיר פּאָרלעך — צוויי רעקאָנוואַלעסצענטן און צוויי פון די יונגע קיבוץ־מיידלעך, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן אָרט.

דאָס האַרץ גייט אויס. פאַראַן קרוב צו הונדערט פופציק מאַן, דער רוב יונגע, כמעט אַלע זעלנער. צי איז טאַקע נישטאָ צווישן זיי מער ווי פיר, וואָס קאָנען טאַנצן אַ פּאָלקע?

די ארץ־ישראלדיקע פלאַצן שיר נישט אויס מיט אַ געוויין. זיי ווילן אַריינשפּרינגען אין ראָד אַריין און באַווייזן וואָס אַזוינס איז

אַן אמתע פֿאָלקע — אָבער דער־אָ „ד״, דער פֿאַרשאָלטענער, האַמע־
וועט די פֿיס ווי מיט קייטן.

טאַנגאָ. באַלד שטעלן זיך אויף אַ סך. דער שטח אין ראָד איז
אָנגעשטאָפּט. טאַנגאָ קענען אַלע — פּוילישע, בולגאַרישע, אַנגלאָ־
זאַקסישע.

שפּעט. די שוועסטער דראָט אַרויסצונעמען די עלעקטרישע
קאָרקן. און מיט דער שוועסטער איז נישטאָ קיין דיסקוסיע.

דער, וואָס שפּילט אויף דער גאַרמאָשקע הייבט אָן אַ האָראַ.
ביי אַ צען גח״ל־מענטשן אָרעמען זיך אַרום מיט גרויס פֿייערלעכקייט
און הייבן זיך אָן באַוועגן. נאָר עס שטעלט זיך אַרויס, אַז ס׳איז
נישטאָ איין מיינונג וועגן די כּללים פֿון דעם שפּיל. איינער טאַנצט
רעכטס, דער צווייטער לינקס, און דער אויסגאַנג איז אַ צוזאַמענ־
שטויס. אַרום ווערט אַ געלעכטער. די טענצער טראָגן זיך אָפּ
פֿאַרשעמטע.

דאָס איז צופֿיל. דאָס קאָן מען שוין נישט פֿאַרטראָגן. אַ דער־
שיטערנדיקער בליק גייט דורך צווישן מיר און דעם לאַנגן יהושע,
אַן אולקוס־אָפּערירטער. ביידע זענען מיר צעבויגענע פֿונעם צע־
בויגנטן סאָרט. אַ בליק פֿון חשד אַרום — די שוועסטער איז נישטאָ.

מיר גיבן זיך אַ לאָז אין מיטן זאַל אַריין. דער מיט דער גאַר־
מאָשקע האָט זיך שוין אָפּגעטראָגן. ס׳מאַכט נישט. מיר קאָנען נאָך
זינגען. עס שאַפֿט זיך אַ ראָד — דער ביישפּיל רייצט. פֿיר, זעקס,
אַכט „צעבויגענע״ שליסן זיך אָן.

„הבה נצא במחול, הבה נצא במחו־ו־ו־ל...״

די אַקסלען באַוועגן זיך אַהין און צוריק. די פֿיס שטייען
אויפֿן אָרט.

„הבה נצא במחול....״

דאָס ראָד רירט זיך לאַנגזאַם. גיכער. די פֿיס זענען אונטער־
געהאַקט. דאָס מאַכט נישט. צילה די דזשינדזשי צו מיין רעכטער
זייט, אַנטקעגן מיר די בלאָנדע יוכבד, די מיפּוס־קראַנקע טענצערין.
עפּעס שטעכט אין בויך. מיר וועלן זיי נאָך ווייזן וואָס אַזוינס עס
איז אַן ארץ־ישראל האָראַ, אַפֿילו מיט אַ „ד״ און אַ לאָך אין בויך.
מיר זענען צעבויגן? קומט און זעט צי מיר זענען צעבויגן אין דעם
מאָמענט. די טשופּרינעס צעשויבערן זיך. דער עולם הייבט אָן
טאַנצן...

פּלוצים כאַפּ איך זיך אָן עפּעס אָן. עפּעס שלעפּט מיך אויף
צוריק. אַ בליק אויף הינטן — צו אַלדי רוחות — דאָס פּנים פֿון

דער שוועסטער. אַ רגע געראַנגל. די שוועסטער זיגט, איך פאַר־לאָז דאָס ראָד.

דאָס ראָד האָט זיך פון זיך אַליין פאַרהאַלטן. די „צעבויגענע״ שטייען און אָטעמען שווער, אַ קאָפּ־פאַרדרייעניש.

די שוועסטער בייזערט זיך. ווי קליינע קינדער, זאָגט זי, מען בעמט פון זיי אַ ווײַלע אַראָפּ דאָס אויג, שפּרינגען זיי שוין ווי די קאָזעס. מען איז גרייט מקריב צו זײַן דאָס געזונט פאַר אַ פּאָר סעקונדן שגעון. גלײַך ווי זיי זאָלן נישט וויסן, אַז זיי האָבן אָפּענע לעכער אין בויך...

אָבער מיר זענען „מאַבסוט״ — מער „מאַבסוט״ ווי דאָן, ווען עס האָט זיך הינטער אונדז פאַרמאַכט די טיר פון שפּיטאָל. מיר האָבן בקמה גענומען אינעם „ד״ און פון דער גאַנצער פאַרשאָלטענער צעבויגנקייט.

„מיר האָבן זיי געוויזן, האַ?״ זאָגט יהושוע און וואַקלט זיך אַ ביסל. זײַן פּנים איז בלאַס.

„און נאָך ווי אַזוי...״ ענטפער איך. אָבער צוליב פאַרזיכטיקייט באַפאַ איך זיך אָן ביים טיר־שטידל.

פונעם רעקאָנוואַלעסצענטן־היים בין איך אַנטלאָפן אין שטאָט אַרײַן אויף אַ פּאָר שעה. די רייזע איז נישט געווען קיין אַנגענעמע. מײַן קערפער האָט זיך נאָכנישט צוגעוואוינט צו טרייסלען פונעם פאָרן און האָט מיר ווי געטאָן. אָבער ערגער פון דעם ווייטיק איז געווען דער קליינער פאַל, וואָס האָט מיר באַסירט, און וועלכן כ'האָב געשילדערט אין דער פאָרם פון אַ דערציילונג, כּדי מען זאָל וויסן וועגן אַ פּראָבלעם, וואָס איז נישט מינדערוועסטיק.

20־טער יאַנואַר, 1949. אין אַפּרו־הויז.

א נישט־דערצויגענער יונגערמאַן

ער זיצט אין אויטאָבוס, וואָס קורסירט צווישן די דרום־ישובים. דאָס עצם זיצן זײַנס דאָרט האָט געקאָנט דערוועקן פאַרוואונדערונג — וואָס טוט אַ זעלנער אין אַ „ציווילן״ אויטאָבוס? אַלע זײַנע חברים האָבן דאָך ליבער דעם „טרעמפּ״.

אָבער אַ פאַקט איז, אַז ער איז געזעסן אין יענעם אויטאָבוס, הינטערן שאָפער, ביים דורכגאַנג. אַ יונגער ברוינער בחור מיט אַ צעשויבערטער רויטלעכער באָרד און בלויען אויגן איז געזעסן אַנגעלענט, ווי ער זאָל אַרײַנזינקען אין דער אויסגעבעטער באַנק, מיט אויגן האַלב־פאַרמאַכטע.

ער האָט אויסגעזען, ווי די וועלט זאָל אים נישט אינטערעסירן. אין דעם מאַנגל פון אינטערעס איז געווען אַ מין שטאָלץ. עפּעס דערצערנדיקס. ס'רוב מענטשן זענען איבערצייגט, אַז זיי זענען עפּעס חשובע און אינטערעסאַנטע פּאַרשוינען, און נישטאָ עפּעס, וואָס זאָל מער אָנרירן זייער כבוד, ווי די פולשטענדיקע אַפּאַטישקייט פונעם שכן.

אויף דער סטאַנציע אין גדרה, ביי אַ קיאָסק, האָט דער זעלנער געעפנט די אויגן און אַרויסגעוויזן אַ שטיקל אינטערעס. זינט אַ יאָרצייט האָט יעדער זעלנער, אַרויסגייענדיק צו אַן אַקציע אָדער צום מישלט, געהאַט אַ טראַדיציע ביים קיאָסק צו טרינקען גאַזאָז פון אַנאַנאַס אָדער אויסלעקן אַ בעכערל גלידה. דאָ האָבן זיי זיך גלייך ווי אָפּגעזעגנט פון דער קולטורעלער וועלט, ווייל גדרה איז פאַר זיי געווען אַ מין גרענעץ־סטאַציע — פון צפון האָט זיך געשטרעקט „ארץ־ישראל”, און דער דרום, איבער די גרויסע צוימען, איז געווען אַן אַנדער לאַנד, דער „פראָנט”.

ווען דער זעלנער האָט נאָך געקוקט אויפן קיאָסק און גענישטערט אין פאַרהוילענע זכרונות, איז אין אויטאָבוס אַריין אַן אַלטע פרוי, פון יענע פרויען פון דער צווייטער עליה, וואָס די יאָרן שווערע אַרבעט האָבן צעאַקערט און צעקנייטשט זייערע פנימער. זי האָט געצאָלט דעם שאָפער די פּאָר פּרוטות, און בעת יענער האָט געזוכט דעם געהעריקן בילעט פון דעם בינטל פאַרביקע פעקעלעך אין זיין טאַש, האָט זי מיט אַ מידן בליק געזוכט איבערן אויטאָבוס אַ פרייען פּלאַץ.

אַלע פלעצער זענען געווען באַזעצט.

דאָס האָט זי, ווייזט אויס, נישט באַטריבט. איר בליק האָט געזוכט צווישן די פאָדערשטע שורות, ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן זעלנער. יענער, ווי דער שטייגער, ווען אַ מענטש פילט אַ פרעמדן בליק אויף זיך, האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיינע טראַכטענישן. אויף אַ ווײַלע האָט ער אויפגעבריט זיינע אויגן צו דער זקנה וואָס פאַר אים, און ווייטער געקוקט צום קיאָסק. אָבער דאָסמאָל איז עס געווען אַ נישט איבערצייגנדער אָנשטעל. ס'איז קיין ספק נישט, דער קיאָסק האָט אים אויפגעהערט צו אינטערעסירן.

דער אויטאָבוס האָט גערירט און די זקנה האָט זיך שוין ווי עס איז איינגעאָרדנט אויף דער הינטערשטער באַנק. דער זעלנער איז ווידער אַפּאַטיש געוואָרן ווי פריער.

אין רחובות איז אין אויטאָבוס אַריין אַ יונגע פרוי. זי איז

עוועזן זייער שיין. נאָך מער, עס איז קענטיק געוועזן, אַז זי ווייסט די חשיבות פון דעם פּרט. זי איז אַריין אין דער מאַשין מיט זיכערע טריט פון אַ פרוי, וואָס איז געוואוינט, אַז מענטשן זאָלן זי באַדינען. איין שנעלער בליק איז גענוג זי צו שטעלן פאַרן פאַקט, אַז אין אויטאָבוס איז קיין פלאַץ נישטאָ, און אויך פאַרן צווייטן וויכטיקן אַקט, אַז דער בלאָ־אויגיקער זעלנער איז געוועזן דער איינציקער ונ־ערמאַן אין דער מאַשין. דער זעלנער האָט זיך באַהאַלטן איינגע־ קוקט אין איר, ווי מענער קוקן זיך איין אין שיינע מיידלעך, ספּעציעל וועז זיי האָבן אַ לענגערע צייט קיין שיינע מיידלעך נישט געזען. אין זיין באַוואויטעט האָט ער, ווייזט אויס, נישט געוואוסט, אַז ס׳איז נישט מעגלעך צו כאַפּן אַזאַ בליק אויף אַ פרוי און זי זאָל עס נישט אַפּפילן. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. און כדי נישט איבער־ צולאָזן קיין שום מעגלעכקייט פון ווידערשטאַנד האָט זי אַ שמייכל געטאָן, אַ חנעוודיקן און זיכערן שמייכל, וואָס האָט אַנטפּלעקט צוויי שורות בלישטשענדיקע ציין.

אָבער דעם זעלנערס געזיכט איז פּלוצים גלייכגילטיק געוואָרן, זיינע אויגן האָבן זיך ווידער האַלב־פאַרמאַכט און זיין קאָפּ איז אַראָפּ־ געפאַלן אויף דער ברוסט, ווי ער זאָל פּלוצים איינדרימלען. זיין פּנים האָט זיך אָבער זייער פאַררויטלט.

די פרוי האָט זיך נישט פאַרהאַלטן נעבן אים. מיט אַ פּנים, ספק פאַרוואונדערט, ספק אַן אויפגערעגטס, איז זי פאַרבייגעגאַנגען די בענק ביז זי האָט סוף־סוף געטראָפן אַ דזשענטלמאַן, וואָס האָט איר אָנגעבאָטן זיין פלאַץ.

דער אויטאָבוס איז אַראָפּ מיטן שיפּוע, וואָס פירט צו די באַן־ שינעס און אַרויף אויפן שטעג, וואָס פירט צווישן פאַרלאָזטע פּרדסים קיין נס־ציונה.

דאָרט האָט אויף אים געוואַרט אַ פּאָרל אין די מיטעלע יאָרן — אַן עלעגאַנטע אויסגעפּוצטע דאַמע און אַ פיין־געקליידעטער מאַן מיט אַ קליין בייכל, אויף וועלכן עס האָט זיך געבאָמבלט אַ גאָלדענע קייט. די דייטשע אָפּשטאַמונג איז בולט געוועזן און שווער איז געווען צו טרעפן אַ צוזאַמענהאַנג צווישן זיי און צווישן יענעם גרויען ישוב, וואָס דער מוסולמענישער מעטשעט איז געווען איר איינציקער פּוץ. אַוודאי זענען זיי דאָ געוועזן באַזוכן קרובים צווישן די נייע עולים, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די פאַרלאָזטע הייזקעס.

די פרוי איז אַריין אין אויטאָבוס, פאַרבייגעגאַנגען דעם שאָפער, ווינקנדיק מיט דער האַנט צום מאַן (ווייזט אויס, אַז באַצאָלן האָט

געדאַרפט ער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פיינער משפּחה) און אַוועקגע־
שטעלט זיך נעבן דעם זעלנער, ווי אַן אינקאַסענט פון קרן־קימת,
וואָס קומט קאַסירן אַ צוגעזאָגטע שפּענדונג.

דער זעלנער האָט זיך נישט גערירט און נישט געעפנט די אויגן.

די פרוי האָט זיך געקווענקלט. ס׳קאָן זיין, אַז ער האָט זי נישט
באַמערקט. זי האָט זיך צעהוסט.

דער זעלנער האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

דאָס פּנים פון דער פרוי האָט זיך פאַרקרומט פון כעס. זי האָט
געמאַכט אַ פּאָר שפּאַן און געווענדט זיך אויף דייטש צו איר מאַן,
וואָס איז אויך געשטאַנען אינעם דורכגאַנג: „ס׳איז נישטאָ קיין מער
לעכערלעכער זאַך, ווי אַ בחור, וואָס מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער
שלאָפט!"

איר הויך קול האָט געהילכט אין אויטאָבוס, אָבער דער זעלנער
האָט זיך נישט גערירט. ס׳קאָן זיין, אַז ער האָט נישט פאַרשטאַנען
קיין דייטש.

„סאַראַ זיטן!" האָט פייערלעך און ערנסט אויסגערופן דער
מאַן. „אין חוץ־לארץ האָב איך קיינמאָל נישט געזען, אַז אַ יונגער
בחור זאָל זיך נישט אויפשטעלן פאַר אַ דאַמע".

איינער פון די מיטפאָרער, וואָס האָט זיך דערפרייט מיט דער
געלעגנהייט צו נעמען נקמה פון דעם גלייכגילטיקן זעלנער, האָט זיך
אַריינגעמישט אויף יידיש: „דאָס האָט זיי דאָס מיליטער קאַליע
געמאַכט. ווי נאָר זיי טוען אָן מונדירן מיינען זיי שוין, אַז זיי זענען
חשובער פון דער גאַנצער וועלט".

„יאָ", האָט די דאַמע געזאָגט, „דאָס זענען די סאַברעס. קיינער
האָט זיי נישט דערצויגן ווי געהעריק!"

דער זעלנער, וואָס איז דערווייל געוואָרן דער צענטער פון
אַלגעמיינעם אינטערעס אין אויטאָבוס, האָט, ווייזט אויס, נישט באַ־
מערקט דעם גאַנצן שמועס. אָדער אפשר איז ער באמת איינגע־
דרימלט געוואָרן? אָבער נאָענט צו ראשון־לציון האָט ער פּלוצים
אויפגעמאַכט די אויגן, אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט און אַ קלינג
געטאָן.

דער אויטאָבוס האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דער סטאַציע. דער
זעלנער האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן, אָנשפּאַרנדיק זיך ביים
הינטערשטן אָנלען פון שאָפערס זיץ, געשטעלט אַ פּאָר אומזיכערע
שפּאַן צו דער טיר צו, אָנגעכאַפּט זיך אָן דער שטאַבע און איז פאַר־
זיכטיק אַראָפּגעגאַנגען. אונטן איז ער אַ ווײַלע געשטאַנען, דערנאָך

האָט ער זיך דערוויטערט מיט לאַנגזאַמע טריט און דעם פאָדערשטן טייל קערפּער אויסגעשטרעקט פאָרויס אויף אַ משונהדיקן אופן.

דער שאָפער האָט אויף אים אַ בליק געטאָן און געלאָזט די מאַשין.

דעם 25־טן יאַנואַר זענען פאָרגעקומען די וואַלן צו דער אספה המכוננת פון דער מדינה, וואָס איז אויפגעשטאַנען פונעם בלוט פון די פראָנט־זעלנער. יענע זעלנער האָבן זיך באַצויגן צו די וואַלן מיט אַ ספּאָנטאַנישן ביטול און פולשטענדיקער גלייכגילטיקייט. דאָס איז געווען דער ערשטער געזעלשאַפטלע־כער אויסדרוק פאַרן תהום, וואָס האָט זיך געעפנט צווישן פראָנט און הינטערלאַנד.

די פּראָקלאַמאַציע־שרייבער האָבן קאָנקורירט מיט נישט וויסן ווי געהעריק די מיליטערישע לאַגע. אָבער ערגער פון אַלץ איז געווען דער פּשוטער פאַקט, דאָס קיינער פון די פּאַרטייען האָט נישט באַמערקט, אַז אָט איז אין פראָנט אויפגעשטאַנען אַ נייער מענטשלעכער שיכט.

25־טער יאַנואַר, 1949. אין אָפּרו־הויז.

דער וואל-טאג

„מיר האָבן אייך דערבראַכט ביז אַהער!" שרייט איין הילכער „מיר האָבן אויפגעשטעלט די מדינה!" ברילט אים אַנטקעגן אַ צווייטער הילכער.

„אייער שטימע פאַר די אויפשטעלער פון דער מדינה!" פּראָ־קלאַמירט אויף דער ערשטער זייט די צייטונג.

אין די גאַסן פון תל־אביב הינקט אַ זעלנער אויף שטאָלצן. זיין בונדיר איז צו גרויס און נישט צוגעפּאַסט צו זיין קערפּער — אַ סימן, אַז ער איז נישט קיין מאַגאַזיניער און אויך נישט קיין מקורב למלכות. ער קוקט זיך צו, הערט זיך איין און איז צעטומלט. אין משך פון אַ יאָר האָט ער נישט געוואוסט, אַז ס'עקזיסטירן פּאַרטייען. זיי זענען אין זיינע אויגן געווען ווי משונהדיקע באַשעפענישן, וואָס זיצן ערגעץ־וואו אין הינטערלאַנד און קריגן זיך איבער אָריענטאַציעס. אַלזאָ, ווער איז גערעכט? ווער פון די פּאַרטייען האָט אויפגע־שטעלט די מדינה?

דער זעלנער קנייטשט דעם שטערן און פינטלט מיט די אויגן. דאָס דענקען און די נייע באַגריפן איז אים אַ ביסל שווער. אָט איז דאָס בילד פון בן־גוריון אין 14־טן מאַי 1948. וואו איז

ער, דער זעלנער, געווען אין דעם טאָג — טראַכט ער. ער איז דאָרט געווען אין דאָרף... אין אַ דרעקיש אַראַביש דאָרף. דאָס דאָרף איז אין יענעם אינדערפרי איינגענומען געוואָרן. די פּאַרלוסטן זענען געווען קליינע — בלויז דריי געהרגעטע. יוסקע, יעקב און מישקע. דער זעלנער שמייכלט, ווען ער דערמאָנט זיך אָן מישקען. אַ לץ איז ער געווען, צו אַלדע רוחות. אַ שאָד וואָס ער לעבט נישט היינט. ער וואָלט אוודאי געטראָפן אַ וויץ וועגן די דאָזיקע וואַלן, פון יענע וויצן וואָס דו ווייסט נישט צום סוף צי איז ער גראָב אָדער נישט.

דער זעלנער פאַרזינקט אין געדאַנקען. אָט דאָס דאָרף געהער איצט צו מדינת ישראל. הייסט עס, אַז מישקע האָט געהאַט אַ חלק אין אויפשטעלן די מדינה. נאָר וואָס, מישקע ליגט דאָרט, וואו מ'האָט אים באַגראָבן און אויף זיין קבר וואַקסן רויטע פעלד־בלומען.

פאַר וועלכער פּאַרטיי וואָלט מישקע געשטימט ווען ער וואָלט געלעבט? ניין, שווער איז זיך פאָרצושטעלן מישקען זיך באַגייסטערן פאַר וועלכער עס איז פּאַרטיי. זיין אינטערעס איז געווען באַשרענקט צו ווייניק זאַכן. און אַזוי וואָלט ער געזאָגט אויף זיין לצנישן שטייגער: „וועגן צוויי זאַכן חלומט דער זעלנער אַלע זיינע יאָרן. די צווייטע זאַך איז דער אורלויב". פונדעסטוועגן האָט ער אויפגעשטעלט די יידישע מדינה.

און אפשר איז די מדינה נישט אויפגעשטאַנען יענעם טאָג? צומאָרגנס זענען דאָך די אינוואַדאָרן אַריין, און בלויז דאַן האָט זיך פּאַקטיש אָנגעהויבן די מלחמה וועגן דער מדינה.

דער זעלנער האָט גוט געדענקט יענעם אָוונט, ווען דער קאָמאַנדיר איז אַריין אין צימער און געמאָלדן, אַז די מצרישע טאַנקען האָבן אַריינגעדרונגען ביז יבנה, ווייניקער פון 20 קילאָמעטער פון תל־אביב. די גאַנצע נאַכט האָט מען זיך באַשעפטיקט מיטן דערקלערן די מאָלאָטאָוו־פלאַש, דאָס איינציקע אַנטי־טאַנק געווער, וואָס איז געווען צו יענער צייט אויפן אָרט. גלייך ווי עמעץ האָט געגלייבט, אַז מען קען איינהאַלטן טאַנקען מיט אַזעלכע קאָקטייל־פלעשער.

אינדערפרי איז מען אַרויס — באַשיצן גדרה. זיי האָבן געגראָבן נישטיקע גריבער (מען איז גאָר נישט געוואוינט געווען צו דער דאָזיקער אַרבעט) און געוואַרט אויף טאַנקען — אַ ליניע פון איין פּלוגה, ווייניקער פון הונדערט יונגע בחורים, צווישן תל־אביב און מצרים. און ביינאַכט איז מען אַנטקעגן געגאַנגען די מצרים, אין דער צווייטער נאַכט און אין דער דריטער. אין אשדוד אים אַ קלאַפּ געטאָן און איבערגעלאָזט אַ פּאָר צענדליק הרוגים.

נאָך אַלעמען, האָט דער זעלבער געטראַכט, די אַלע זענען געווען
די אויפשטעלער פון דער יידישער מדינה, די ממשותדיקע אויפשטע־
ער פון דער מדינה, ווייל אין דער צייט האָט נישט געהאָלפן נישט
י פּאָליטיק, נישט דאָס געווער און נישט די ווירטשאַפט. אין יענע
טעג האָט איבערגעוואויגן אַ וואונדער. און דער וואונדער איז געווען
מישקע מיט זיינע חברים, די, וואָס זענען געפאַלן און נישט געפאַלן;
די, וועלכע זענען געקומען פון די פאַבריקן, פון די טאַנץ־זאַלן, פון
די שולן און אַנגעטאָן מונדירן נישט קיין צוגעפּאַסטע און האָבן זיך
פלוצים אַנטפּלעקט אַלס זעלנער.

ניין, די פּלאַקאַטן האָבן נישט גערעדט וועגן די וואונדער. אויך
נישט וועגן וואונדער, וואָס הייסט מישקע. אין די פּלאַקאַטן איז אַלץ
געווען אַזוי פּשוט: — די פּאַרטיי האָט אַזוי פּראָקלאַמירט, און יענע
האָט אַנדערש פּראָקלאַמירט, און אַזוי האָט פּראָקלאַמירט דער גרוי־
סער פירער און דעריבער איז אויפגעשטאַנען די יידישע מדינה. און
די נאַכט פונעם וואונדער פאַר אשדוד דערמאָנט מען בכלל נישט,
און אויך נישט אלי׳ן, וועלכער האָט אַריינגעכאַפּט זיבן קוילן אין
בויך אַריין און איצט פאַרברענגט ער זיינע טעג מיט שרייבן הומאָ־
ריסטישע לידער.

דער זעלבער האָט געבלעטערט די רשימות פון די קאַנדידאַטן,
וואָס ער האָט געגומען ביי ענטוזיאַסטישע יונגעלייט, כדי זיי נישט
גורם צו זיין קיין עגמת נפש.

ניין, יענער וואונדער, וואָס זיין נאָמען איז מישקע, איז דאָרטן
נישט געווען.

דער זעלבער האָט זיך געוואונדערט. ס׳איז דאָך אין משך פון
יאָר עפּעס־וואָס געשען. ערגעץ־דאָרט האָט זיך צעשמורעמט אַ נייער
גייסט און אַ נייע איבערלעבונג איז אַנטשטאַנען, און אַ גאַנץ דור
האָט זיך געלאָזט הערן, און ס׳איז אַן אַנגענעם קול געווען, כאָטש דאָס
ביפן פון די שראַפּנעלן האָט אַ ביסל באַשווערט דאָס געהער.

צי איז מעגלעך, אַז פון אַלע טויזנטער חברים מישקעס געפינט
זיך נישט קיין איינציקער (אויסער די גאָר הויכע אָפיצירן), וואָס זאָל
ראוי זיין צו דערשיינען אַלס קאַנדידאַטן און אַריינגערעכנט צו ווערן
צווישן די „אויפשטעלער פון דער יידישער מדינה“ אין דער שפּראַך
פון רמקולן און פּלאַקאַטן?

דער זעלבער האָט געוואָלט אַנאַליזירן צו וועלכע פּאַרטייען זענען
צוגע געווען די חברים פון זיין כיתה, די פיר, וואָס זענען געפאַלן,
און די צוויי, וואָס זענען פאַרוואונדעט געוואָרן, און די צוויי, וואָס

זענען געגאַנגען אויפֿן קורס פֿון מ״ם־כ״פֿן. אינטערעסאַנט, ער האָט דאָס נישט געוואוסט. זיי האָבן צווישן זיך קיינמאָל נישט דערמאָנט די פּאַרטייען.

צי האָבן זיי נישט געשמועסט וועגן פּאָליטיק? געשמועסט, אַפֿילו אַ סך געשמועסט, ווייל איציק, דער, וואָס איז געגאַנגען ווערן צו מ״ם־כ״ף, איז געווען משוגע צו דיסקוסיעס און קיינמאָל נישט געקענט איינזיצן רואיק. נאָר וואָס, זייער פּאָליטיק איז געווען אַזוי אַנדערש פֿון דער פּאָליטיק אויף די פּלאַקאַטן, אַז עס איז זי שווער צו אידענטיפֿיצירן.

תּחילת האָבן זיי געשמועסט צי איז מעגלעך זיך דורכצורייסן קיין ירושלים, און דערנאָך האָבן זיי געשמועסט, צי מען דאַרף דעם נגבֿ באַלד איינגעמען, אָדער וואַרטן אויף טאַנקן. יאָ, געווען איז עס אַן אַנדערע פּאָליטיק, ווייל די דיסקוטאַנטן האָבן געוואוסט, אַז זיי וועלן באַצאָלן דעם פּרייז, און זיי זענען גרייט געווען צו צאָלן. זיי האָבן אויך געקענט די פֿאַקטן — די קראַפֿט פֿונעם שונא און זייער קראַפֿט.

אָבער דאָ איז אַ גאַנץ אַנדערע פּאָליטיק. עס איז זיי לייכט דאָ צו רעדן וועגן דעראָבערונגען אין באַקוועמען קאַמף אויף דער צייטונג. לייכט איז פֿאַרפֿאַסן פּראָקלאַמאַציעס פֿאַר און קעגן, ווען אַלע פּראָקלאַמאַציע־מחברים צוזאַמענגענומען האָבן די מינדסטע אַנונג נישט וועגן דער לאַגע אויפֿן פֿראָנט און ווי אַזוי ס'זענען דערגרייכט געוואָרן די נצחונות, וואָס מען האָט דערגרייכט.

און די, וועלכע האָבן באַצאָלט און וועלן באַצאָלן דעם פּרייז — זייער קול הערט מען נישט אין דעם קוויטשנדיקן כאָר. זיי רעדן נישט דורך אַ רמקול, זיי שרייבן נישט די אויפֿרופֿן, זיי פֿאַרפֿאַסן נישט די פּראָקלאַמאַציעס. זיי זיצן אויפֿן פֿראָנט.

דער זעלנער איז פֿאַרזונקען אין געדאַנקען. יאָ, האָט ער געטראַכט, זיי זיצן אין פֿראָנט, און דער פֿראָנט איז ווייט, זייער ווייט. ס'קאָן זיין, אַז דאָס איז דער גאַנצער אומגליק — וואָס דער פֿראָנט איז צו ווייט. און די מענטשן פֿון פֿראָנט, כאָטש זיי קומען אַמאָל אין שטאָט אַריין, פֿאַרשווינדן זיי אין ים פֿון גלאַנציקע מונדירן און אויסגעפּוצטע ראַנגעס פֿון שטאָט.

אַמאָל, ווען דער פֿראָנט איז געווען אין שכונת התקווה און אין יעזור, איז אַלץ געווען אַנדערש...

דער זעלנער האָט פּלוצים דערפֿילט אַ שרעקלעכע מידיקייט. ב'וועל אַהיים גיין, האָט ער געטראַכט.

און די שטאָלצן זיינע האָבן געקלאַפּט איבערן אַספּאַלט.
אַ שאָד וואָס מישקע איז נישטאָ, האָט ער געטראַכט, מישקע וואָלט אוודאי געטראָפן אַ ריכטיקן וויץ.

אין אַפּרו־הויז האָב איך מיינע רשימות געשריבן ביי אַ באַקוועמען טיש, ביי אַ שרייב־מאַשין, און אַ ראַדיאָ האָט כּיין צוגעשפּילט. דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב געשריבן מיט אַזאַ באַקוועמלעכקייט און אָן צייט־באַגרענעצונג. אין דער צייט זענען מיר פאַר די אויגן דורכגעגאַנגען אַלע יענע פּלעצער, וואו איך האָב געשריבן מיין טאָג־בוך אין משך פון אַ יאָר. אין אַ מינוט פון פרייליכקייט האָב איך זיי „פּאַראייביקט" אין אַ קליינער רשימה.

25־טער יאַנואַר, 1949, אין קור־אָרט.

אַ מלחמה־ספּעקולאַנט

אין איבונגס־קעמפּ האָב איך כּמעט נישט געשריבן. די דאָזיקע ערשטע צוויי וואָכן האָב איך זיך געפילט ווי אַ מענטש, וועמען מען האָט מיט אַ האַמער אַ זעץ געגעבן איבערן קאָפּ און אים דערנאָך אָנגעטרונקען מיט קאַלט וואַסער. כ'האָב בכלל פאַרגעסן ווער איך בין. און ווען מען וואָלט מיך געפרעגט, וואָס איז אַזוינס אַ שרייב־מאַשין, וואָלט איך זיך אוודאי צעטומלט און זי פאַרביטן מיט אַ מאָרטער פון 2 אינטש.

נאָר די טבע פון אַ מענטש באַווייזט זיך אין אַלע אומשטענדן. און אַזוי, ווען איך בין אַריבער צו אַ קאַמף־גדוד, וואָס איז אין יענער צייט איינגעשטאַנען אין שמאָט און „געמאַכט אַ לעבן" (די שטרומף־מיצלעך און די סטענגען האָבן נאָך דעמאָלט געמאַכט דעם געהעריקן רושם אויף די ציוויליסטן און ספּעציעל אויף די יונגע ציוויליסטקעס), האָט זיך אין מיר פונדאַסנײַ דערוועקט דער ווילן „עפּעס צו שרייבן". איך האָב אין קעמפּ אַריין געבראַכט מיין שרייב־מאַשין (דאַן האָט נאָך די מיליטערישע מאַכט נישט אַזוי געגלוסט צו אָט דעם חפץ) און האָב געמאַכט אַ קנוניה מיטן סערזשאַנט־מאַיאָר — איך האָב אים דערלויבט אַ ביסל באַנוצן די מאַשין און דערפאַר האָט ער מיר דער־לויבט אַריינצוקומען אין דעם קודשי־הקדשים: אין דעם פּלוגה־ביוראָ. און אַזוי זענען מיר ביידע געווען מאבסוט.

*

דער גן־עדן האָט נישט מאריך ימים געווען. דער גדוד איז

אַרויס צו דער „נחשון"־אַקציע. אין לעצטן מאָמענט האָב איך די שרייב־מאַשין אַהיים געפירט. און דער קאָפּ איז נישט געווען פאַר שרייבן. דער ערשטער קאַמף איז געווען ווי אַ צווייטער האַמער־קלאַפּ איבערן קאָפּ פונעם זעלנער, און ווידער פאַרגעסט ער די וועלט אַרום זיך. ער פילט דעם טראַדיציאָנעלן פחד, וואָס באַהערשט אים אין דעם פאַל. ער וואונדערט זיך ווי איז עס מעגלעך, אַז אַ קויל זאָל פליען אין דער לופט און זאָל אים נישט טרעפן. און פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט פיינט אַזאַ נישט באַדייטנדיקע באַשעפטיקונג, ווי ס'איז שרייבן.

נאָר, ווי געזאָגט, די טבע פון אַ מענטשן מוז אַרויסקריכן. עס זענען אַריבער די ערשטע שטורעם־טעג. מיר האָבן זיך דערוואָרט, און כ'האָב פלוצים דערפילט, אַז כ'האָב וואָס צו געבן דער וועלט: — אַן אמתדיקע שילדערונג פון אַן אמתן קאַמף. נאָר ווי שרייבט מען אַ טאָג־בוך (און נאָך אַזאַ היסטאָרישן טאָג־בוך) אין אַ בלאָטיקער קאַמף־באַזע אין אַ קליינעם „ביוואַק", וואָס איז איבערגעפולט מיט איבעריקע זאַכן (וואָס האָבן מיר, די אומגליקלעכע רעקרוטן, נישט מיטגעשלעפּט צו אונדזער ערשטן קאַמף־מאַרשרוט!)?

ס'איז אָבער נישטאָ קיין זאַך, וואָס קאָן איינהאַלטן אַ שטאַרקן ווילן. די קאַמף־באַזע איז געווען אין קיבוץ. דער קיבוץ האָט אַ סעקרעטאַריאַט, אין סעקרעטאַריאַט איז פאַראַן אַ כלי, וואָס אַז מען שטרענגט אָן די פאַנטאַזיע, קאָן מען זי אָנרופן שרייב־מאַשין.

*

נאָך „נחשון" איז געקומען „מכבי", וואָס איז באַקאַנט אין דער עפנטלעכקייט אַלס קאַמף נומער 1 וועגן לאַטרון. דער אַרויסמאַרש־באַפעל האָט זיך פאַרשפּעטיקט. מיר זענען דערווייל געזעסן אין דער קאַמף־באַזע און זיך געלאַנגווייליקט. פון זינט „נחשון" האָב איך זיך אָפּגעוואוינט פון פיעשטשען זיך מיט דער הילף פון די שטענדיקע פאַרציעס סאַרדינען און בוליביף. איך בין געוואָר געוואָרן, אַז מען קען זיצן אין „ביוואַק" און אַפילו שלאָפן. פון דעם האָט זיך גענומען דאָס באַוואוסטזיין, אַז אין ביוואַק קען מען אויך שרייבן. פון דעם גראָבן פאָזיציעס אַקוראַט און פון אָנפילן זעקלעך זאַמד זענען מיינע הענט געוואָרן עלאַסטישער און האָבן זיך צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז אַ פילפעדער קאָן דינען אַלס שרייב־מאַשין. האָב איך געשריבן.

אין יענער צייט איז מיר אויפגעקומען אַ נייער געדאַנק. פאַרוואָס זאָל איך נישט אַראָפּכאַפּן בילדער בעתן קאַמף? די זאַך איז

ביר געפֿעלן געוואָרן און בעת דעם קאַמף וועגן לאַטרון האָט געשטעקט א פֿאָטאָ־אַפּאַראַט אין מיין גאַרטל צווישן צוויי האַנט־גראַנאַטן. כ׳האָב פֿאָטאָגראַפֿירט ביי אַ 12 בילדער — חברים טראָגן אַ פֿאַר־וואונדעטן אין דער פֿייער־ליניע (אין בילד קען מען נישט דערקענען, אַז מען האָט מיך געצעהט, איך זאָל אַוועקוואַרפֿן דעם אַפּאַראַט צו אַלדי רוחות און העלפֿן זיי שלעפּן...); אַ זעלנער דעקט דעם צוריקצוג; דאָס מאַשין־געווער פֿאַרהאַקט זיך אין אַנטשיידנדיקסטן מאָמענט (ווי דער שטייגער פֿון מאַשין־געווער אויף דער וועלט) און נאָך און נאָך.

בעתן ערשטן אורלויב ביז איך געלאָפֿן אין דער רעדאַקציע פֿון אַ צייטונג, באַוואָפֿנט מיט אַ לאַנגן רעפּאָרטאַזש וועגן לאַטרון און מיט אַ אוצר בילדער. דער רעדאַקטאָר האָט אָנגענומען דעם רעפּאָרטאַזש, בנוגע דערזעענדיק די בילדער האָט ער פֿאַרקרומט מיט דער נאָז. אגב, דאָס זענען דאָך בילדער אַראָפּגענומען אין סאַמע קאַמף״. האָב איך פֿאַרוואונדערט געשריגן. אָבער דער רעדאַקטאָר האָט בלויז אויפֿגעהויבן די ברעמען. „דאָס איז נישט וויכטיק״, האָט ער געזאָגט מיט גלייכגילט. „דאָס איז בכלל נישט וויכטיק״. און ווי אַ ביישפּיל פֿון געלונגענע בילדער האָט ער מיר געוויזן אַ פּאָר פּרעכטיקע קאַמף־בילדער, וואָס זענען גענומען געוואָרן... אין איבונגס־קעמפּ אין תל־אביב.

*

דערווייל האָבן זיך מיינע חברים צוגעוואוינט צו דער פּאָפּו־לעריטעט, וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן. תחילת האָט זיך יאָסקע דער דזשיבדזשי געוואונדערט צו זען, ווי ער איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער העלד, איבער וועלכן די צייטונג שרייבט. עס איז אַזוי ווייט דער־גאַנגען, אַז געוויסע חברים האָבן זיך באַמיט צו זיין נאָענט ביי מיר בעת אַ קאַמף אָדער אַ צוריקצוג, און האָבן אַפֿילו מיך אויפֿמערקזאַם געמאַכט דערויף. נאָר שפּעטער איז עס אַ ביסל שוואַכער געוואָרן און מיין שרייבן איז געווען אַ קוואַל פֿאַר אומענדלעכע וויצן. האָב איך זיך פֿרייוויליק געמאָלדן צו אַן אַקציע. „אָ״, האָבן די חברים באַמערקט שפּעטישנדיק וואָס עס האָט זיך געהערט איבער דער ברייט און לענג פֿון דער גרויסער קאַנטין, „אורי האָט שוין נישט קיין מאַטעריאַל צו שרייבן״. אָדער, אַנטוועגנדיק דאָס שטאָל־היטל פֿאַר אַן אַ־ויסמאַרש האָט פּערדי באַמערקט צו ראובנען: „נאָך פֿינף פֿונט פֿאַר אורי, און פֿאַר דעם פֿאַרגיסן מיר דאָס בלוט...״ און מיט דער צייט האָט זיך פֿאַרשפּרייט אין גדוד, אַז איך בין איינער פֿון יענע

עקלהאַפטע מלחמה־ספעקולאַנטן, איבער וועלכע מען לייענט אין די צייטונגען.

*

פון אַלע מיינע נאָטיצן זענען ביי מיר אַממיינסטן באַליבט יענע, וועלכע איך האָב געשריבן אין 11־טאָגיקן קאַמף צווישן ביידע איבער־רייסן. דעמאָלט האָב איך געוואוינט, צוזאַמען מיט מיינע חברים און אונדזערע דזשיפּן, אין אַ פּרדס. איך בין געלעגן אין אַ קליין גרוּבל, וואָס איך האָב אין איילעניש געגראָבן און ס׳איז ענלעך געווען צו אַ קבר, וואָס מען האָט נישט געגוג פאַרטיפט.

אין דעם גרוב זענען מיר געשלאָפן, געגעסן (און צווישן זיך געשפּילט אין קאָרטן) ביז מען האָט אונדז אַלאַרמירט צו אַן אַקציע. מיר פלעגן צוריקקומען, שלאָפן צוויי־דריי שעה, ווידער אַרויסגיין, און נאָך אַמאָל דאָס זעלבע. שלאָפן — דאָס איז געווען דער הויכ־פּונקט פון די פאַרלאַנגען און גליסטענישן. אַלע זענען מיר געווען האַלב היסטעריש, אַ לאַגע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ מענטש, וואָס איז מיד ביז טויט.

נאָר וואָס, די אַקציעס, די אַנהייב־אַקציעס פון די „שמשון־פּיקסן״, זענען געווען אַזוי אייגנאַרטיק, יעדע באַזונדער, אַז כ׳האָב נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט נישט צו שרייבן וועגן זיי. ווי אַזוי שרייבט מען? תּחילת פלעג איך זיך פאַרגנבענען, ווען די חברים פלעגן שלאָפן, אינעם קליינעם ביורא פון אַ שכנותדיקן גדוד, וואָס האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ סעקרעטאַרקע און אַ שרייב־מאַשין צו זיין קאַמף־באַזע. דאָס מיידל, אַ שיינע, פון אַ ישוב מיטן נאָמען עופרה, האָט מיר דערלויבט דאָרט צו שרייבן. און אַזוי האָב איך אין משך פון צוויי־דריי טעג געשריבן ווי אַ מלך — ביז ס׳איז געקומען דער סערזשאַנט־מאַיאָר פון יענעם גדוד און מיך פון דאָרט פאַרטריבן צוגעבנדיק אַ רוסיש וואָרט.

פון דאַן אָן האָב איך פאַרגעסן מיין רעשט ספקות. כ׳האָב גע־שריבן ליגנדיק אין גרוב, אָדער זיצנדיק אויף אַ שטיין, אָדער שטיי־ענדיק ביי דער מאָטאָר־בויד פונעם דזשיפּ. אויף יעדן שטיקל פּאַפּיר, וואָס איז מיר אונטערגעקומען, מיט אַ נישטיק שטיקל, וואָס איז אַמאָל געווען אַ בליישטיפט. טיילמאָל האָט פּאַסירט, אַז כ׳האָב איינגעדרימלט שילדערנדיק אַ העכסט־אינטערעסאַנטע קאַמף־אַקציע.

וועט איר פרעגן — ווי אַזוי זענען די רעפּאָרטאַזשן אָנגעקומען צו דער צייטונג? דאָס איז טאַקע געווען אַ גרויס פּראָבלעם. קאַמף־רשימות — אַזוי ווי פּאַלאַפּעל — זענען גוט, ווען זיי זענען וואַרעם.

אָבער אין יענע טעג איז די דיסטאַנס צווישן עיבדיס און תל־אביב געווען ווייטער ווי די וואָס טיילט אָפּ דעם מאַרס פון דער ערד. די מיליטערישע פּאָסט, אַ זאַך, וואָס פאַרדינט כבוד און לויב, האָט מיר אין אַזעלכע באַדינגונגען נישט געקאָנט העלפן.

מיט דער צייט האָב איך אַנטוויקלט אַ גאַנצע טעכניק איך פלעג איינהאַלטן די לאַסט־מאַשינען, וואָס זענען פאַרבייגעפאָרן, נישט־פרעגנדיק צי זיי געהערן צו דער אַרטילעריע, אָדער צום שקם, און פלעג געבן דעם שאָפער די צוזאַמענגעלייגטע פּאַפּירלעך. אויב איז ער געפאָרן קיין תל־אביב — איז גוט, אויב נישט — פלעג איך מאַכן פאַרשידענע קאָמבינאַציעס אויפן וועג, און פאַרשידענע חברים — מיליטערישע פּאָליציי אין באַזע, שאָפער אין גאַראַזש, קולטור־אונטער־אָפיצירן נע־ונדניקעס — האָבן שוין ווי עס איז געזאָרגט, אַז דאָס פּאַפּיר זאָל דערגיין צו דער רעדאַקציע. איינמאָל האָב איך זיך אַפילו באַנוצט מיט אַן אמתן מלחמה־קאָרעספּאָנדענט, באַוואָפנט מיט אַ דזשיפּ און עפּאָלעטן, וואָס איז זיך געזעסן ערגיץ אין חטיבה־שטאַב.

מאָדנע, אָבער אַן אמת. פון אַלע מיינע פאַרצייכענונגען, וואָס זענען געשיקט געוואָרן דורך דעם אַזוי צווייפלהאַפטן וועג — און זייער צאָל שטייגט איבער הונדערט — איז אַפילו איינע נישט פאַרלוירן געגאַנגען אויפן וועג. דאָס איז אַ באַווייז מיט וואָסער כבוד דער זעלבער באַציט זיך צום בריוו פון זיין חבר.

*

איך וועל זיך נישט שעמען און מודה זיין — נישט איינמאָל האָב איך מקנא געווען יענע, וועלכע האָבן זוכה געווען צום טיטל „קאָרעס־פּאָנדענט פון צבא ההגנה לישראל". אַלע פאַרלייכטערונגען, אַלע מעג־לעכקייטן זענען אים געגעבן געוואָרן פון דער מיליטערישער מאַכט. זיי זענען נישט געווען צוגעבונדן צו אַ קעמפנדיקער איינהייט, וואָס האָט געהויערט אויף די משלטים. אויף זיי זענען נישט געלעגן די זעלנערישע חובות. די נייעס פלעגן זיי באַקומען ווען עס פלעגן נאָר אָנקומען פונעם שטאַב־אָפיציר. זיי האָבן קיין שוועריקייט נישט גע־האַט איבערצושיקן דעם מאַטעריאַל.

אָבער זאָך יעדן אָנגריף אַזעלכן פון קנאה פלעג איך אַריינגיין אין מיין גרודישער קאַנטין און אין קרייז פון מיינע געוועזער־חברים. ביי אַ גלאָז מער אָדער ווייניקער קאַלט ביר און אַ געדיכטער לופט פון סיגאַרעטן־רויך און צ׳יזבאתן, פלעג איך זיך גוט פילן. דער מאַטעריאַל האָט געשוועבט אין דער לופט — אַזויפיל מאַטעריאַל,

אַזוי דייך, אַזוי פילפּאַרביק, אַז כ׳האָב געוואוסט, איך וועל קיינמאָל נישט קאָנען פאַראייביקן אַפילו אַ קליינעם טייל פון דעם.

און דעמאָלט, ווען מען האָט באַקומען דעם באַפעל „גרייט״ - און מיר פלעגן אַרויפזעצן די מאַשין-געווער אויף די דזשיפּן און אַרויפליגן דאָס קעסטל קוילן, און איך חבר פלעג פרעגן, אַ ביסל ערנסט און אַ ביסל שפּאַסיק, צי כ׳האָב נישט פאַרגעסן דעם שרייב-בלאָק און די פילפעדער, פלעג איך שוין מער נישט מקנא זיין...

עפּילאָג

צו דער רחבות-דיקייט פונעם דרום האָט זיך אומגעקערט די רו.
די קולות פונעם קאַמף האָבן זיך איינגעשטילט. פון חולון ביז ח׳לייקאַת הערשט שטילקייט.

און נאָר אָוונט-צייט, ווען די לבנה באַליכט די פאַרלאָזטע שלאַכט-פעלדער, וואָיען ווידער די שאַקאַלן, גרילצן ווידער די גרילן, שעפטשעט ווידער דער ווינט -- ווי דעמאָלט...

די לעצטע סימנים פונעם קאַמף וועלן אָט באַלד פאַרשווינדן. דאָס גראָז וועט וואַקסן און פאַרדעקן די צעריסענע שטעכל-דראָט-פּלויטן, די פאַרלאָזטע שטאָל-היטלעך, די פאַרזשאַווערטע מאַשין-געווער מאַגאַזינדלעך — די שפּורן פונעם קליינעם מענטשל, וואָס האָט זיך געראַנגלט אויף דער דאָזיקער ערד.

און די ערד — אויך אירע וואונדן וועלן זיך פאַרהיילן. ביס-לעכווייז פילט אָן דאָס זאַמד די צעוואָרפענע גריבער צווישן די בערגלעך, די גריבער, אין וועלכע די גראָע זעלנער האָבן פאַרשטעקט זייערע קערפּערס, כדי נישט געטראָפן צו ווערן, און איינגעהערט זיך אינעם פייפן פון קוילן און קוויטשען פון באָמבעס.

די אויטאָבוסן פאָרן אויף די שאָסייען. געלאַנגווײַלטע פּאַסאַזשירן קוקן אויף דער מאָנאָטאָנער לאַנדשאַפט און פילן נישט, אַז דאָ איז אָנגעגאַנגען אַ שלאַכט, אַז אויף דעם בערגל האָט געשטורעמט אַ פּלוגה פון יונגע מענטשן צו איר טויט, און אַז אין יענעם וואַדי האָבן זיך צענדליקער פאַרוואונדעטע געקורטשעט אין ווייטיק, וואַרטנדיק אויף זייערע חברים, וואָס זאָלן זיי ראַטעווען...

*

אין קאַפע-הויז אין תל-אביב, ביי אַ קיאָסק אין גדרה, אין קינאָ אין רחובות באַגעגענען זיך די קעמפער — יענע, וואָס האָבן זיך אומגעקערט.

זיי וועלן דערקענען איינער דעם צווייטן אַן די חטיבה־אָפּצייכנונגען. דער נאָמען גבעתי האָט זיך איינגעקריצט אין זייערע פּנימער — דער צייכן פון פראָנט.

זיי וועלן זיך דריקן די הענט, וועלן אויסטוישן אַ פּאָר ווערטער און שטיל ווערן.

געציילטע אָנדענקונגען זענען זיי פאַרבליבן. די מדינה, וואָס איז אויפגעשטאַנען מיט זייער בלוט האָט זיי קיין אויסצייכענונגען נישט געגעבן. אַ פּאָר אָפּגעריבענע בילדער אין אַ שופלאָד, העפטן באַרנייטע אין קערפּער, אַ שטילעט אויף דער וואַנט — דאָס איז אַלץ וואָס איז זיי פאַרבליבן פון יענע טעג.

זיי וועלן אָבער נישט פאַרגעסן.

מיט אומעטיקע פּנימער הערן זיי זיך צו צו די רייד פון יענע, וואָס רעדן שוין היינט וועגן... דעם קומענדיקן קריג.

ווייל זיי געדענקען גוט —

די, וועלכע זענען נישט צוריק.

*

אין ראָזעטאַ, אין טאַנטאַ, אין מאַנסוראַ, אין חאַרטום זיצן די עלטערן — די עלטערן פון יענע, וועלכע מיר האָבן געהרגעט. אין די גאַסן פון קאַיראָ גייען אַרום יענע, וואָס זענען געטראָפן געוואָרן פון אונדזערע קוילן — צווישן זיי אינוואַלידן, און אפשר מיט אָפּגעהאַקטע גלידער.

אין מיין האַרצן איז דאָ די האָפענונג, אַז זיי וועלן מיך נישט האַסן, ווי איך האָס נישט דעם מצרי, וועמענס קוילן עס האָבן צעלעכערט מיין בויך.

איך האָב זיי נישט געהאַסט. כ'האָב געוואוסט: זיי האָבן געטאָן וואָס מען האָט זיי געהייסן. ווי קעמפער פילן מיר פאַר זיי דעם כבוד, וועלכן זיי זענען ווערט.

מיר האָבן געזאָגט — פאַר שלום וועגן קעמפן מיר. דאָס איז פאַר אונדז נישט געווען קיין אויסגעהוילטע פראַקלאַמאַציע. מיר האָבן אין דעם געגלויבט מיט דער גאַנצער וואַרעמקייט פון אונדזער צעפּייניקט האַרץ, ווען מיר זענען געשטאַנען ביי די שוויגנדיקע קערפּערס פון אונדזערע חברים.

זאָל דאָס בלוט אונדז זיין אַ צייכן.

*

ווייל די אמתע זיגער — האָבן זיך נישט אומגעקערט.

לאָמיר נישט פאַרגעסן.

אַ סך זענען פאַרבליבן אויפן פעלד. זייער קבורה־אָרט וועט מען שוין קיינמאָל נישט וויסן. נישטאָ קיין מצבות אויף זייער קבר.

אין האַרצן וועלן מיר זיי אויפשטעלן מצבות. און געדענקען: אַ דאַנק זיי עקזיסטירט דאָס עקזיסטירנדע. זיי זענען נישט געווען קיין העלדן. די מלחמה האָבן זיי נישט ליב געהאַט. דעם שונא האָבן זיי נישט געהאַסט. און פונדעסטוועגן האָבן זיי געזיגט. באַזיגט דעם שטאָל. באַזיגט דעם פחד.

מיטן כוח פון דער ליבע.

מיטן כוח פון דער ערלעכקייט פונעם גראָען פרט. מיטן כוח פונעם זעלבסט־כבוד פונעם קליינעם מענטש מיט זיין קליינעם געווער.

האָט געזאָגט דער קאָמאַנדיר:

די חטיבה איז נישט קיין שטאַב, איז נישט קיין באַפעל־אַנשטאַלט און איז נישט קיין קאָמפּלעט פון געזעצן און באַפעלן.

די פיס האָבן געפירט צום קאַמף — ווען אַפילו אויס פחד. די פיס זענען געשטאַנען און נישט אַנטלאָפן — ווען ס'איז פאַרלוירן געווען די האָפענונג. און די פיס האָבן געשפּאַנט, און געשפּאַנט, מידע, אין רעגן, אין בלאָטע, אין היצן — זיך געבראָכן און געשפּאַנט

און יעדע פּאָר פיס האָבן געהאַט אַ האַרץ, אַ האַרץ, וואָס האָט געפילט דעם ווייטיק, וואָס האָט געפילט די מידקייט, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיטן פחד. אין דעם האַרץ איז פאָרגעקומען דער אמתער קאַמף, וואָס האָט אַנטשידן.

מיטן האַרצן פון איינזאַמען קעמפער האָט די חטיבה דיריגירט. דאָס איז דער סוד, וואָס זיין נאָמען איז: ג ב ע ת י.